STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03121

# HEBREYIZMEN IN IDISH

N. Pereferkovich

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# העבּריאיזמען אין אידיש

העכער 4000 העבּרייאישע ווערטער און ציטאטן,
צוזאמענגעשטעלט און דערקלערט
פון
נ. פּערעפערקאָוויטש.

ריגע 1929

איבערדרוק פארבאָטן.
Copyright, by „Globus“, Riga.

געדרוקט: בויגן 1—11 אין טיפאגראפיע „ספלענדיד“ (ריגע, הערן גאס 21),
בויגן 12—19 אין טיפאגראפיע „גלאָבוס“ (ריגע, עליזאבעט גאס 22)

# דערקלערונגען:

N — אַ נאָמען.

T — אַ טיטל (פון א ספר, אַ תּפילה, אַ פּרשה וכדומה).

דער צייכן ◡ — ווייזט אַז דער אקצענט איז אויף דער לעצטער זילב, ווי אין חז״ל, סג״ל, און ניט ווי אין אלע אנדערע העברייאיזמען אויף דער פּאַרלעצטער זילב.

דער צייכן ◡◡— ווייזט, אז דער אקצענט איז אויף דער דריטער זילב פון ענדונג, ווי אין ינקותא, תּוכחה.

# א.

א — דער ערשטער אות אין אידישן אלף=בית. א׳ — 1. מלכים א׳— דאָס ערשטע בוך פון מלכים. א׳ — זונטיק. זע אלף.

I. אָב [אָוו] — דער עלפטער חודש אין יאָר. מנחם אב. תשעה באב. חמשה עשר באב. משנכנס אב ממעטין בשמחה — פון אָנהויב אב מאַכט מען וויניקער שמחות (תלמודיש).

II. אַב [אָוו], אָבות [אָוועס] — פאָטער (בראשית יז ד). דער יחיד קומט פאָר נאָר אין: אב בית דין, אב הטומאה, אב מלאכה. דער רבים באַציט זיך אויף אברהם יצחק ויעקב: אבות, זכות אבות. „אבות" T — די ערשטע ברכה אין שמונה עשרה. — אבות אבותינו האָבן דאָס ניט געוואוסט (לויט דניאל יא כד). מעשה אבות סימן לבנים (אָדער: יעשו בנים) — ווי די עלטערן אזוי די קינדער (תלמודיש). פרקי אבות T.

אב הרחמים T.

אב הרחמן T. אבא N.

אב"ד = אב בית דין.

אבדה זע: אבידה.

אָבוד [אָוועד] — פאַרלאָרן. דבר האבוד — א זאַך וואָס גייט פאַרלאָרן; א דבר האבוד מעג מען אַרבעטן אום חול המועד.

אָבות זע אָב. אַבותינו זע אָב, אשר.

אָבי [אָווי] — מיין פאָטער. אבי זקני, — מיין זיידע. אבי חורגי — מיין שטיף פאָטער. לאהובי אבי מורי (אין בריוו). צו מיין ליבן פאָטער. אדוני אבי.

אַבי [אַווי ◡—] — דער פאָטער פון... אבי החתן, אבי הכלה, אבי יתומים ודיין אלמנות (תהלים סח ו). אבי אבות הטומאה (זע טומאה).

אַבידה [אַווײדע], אַבידות [אַווײדעס] — א פאַרלאָרענע זאַך (שמות כב ח). באַקלאָגן די גרויסע אבידה. זע: השבת אבידה.

אביון [עוויאָן], אביונים [עוויאָנים] — אָרעמאַן. עני ואביון (תהלים מו יח). מלך אביון T. אביונ׳טע.

אביי [אבאיע] N. אביי ורבא. אמר אביי, פון אמר אביי איז ניט קיין ראיה.

אַבילות [אַווײלעס] — טרויער. האַלטן (אָפּריכטן, נוהג זיין) אבילות. אבילות הויבט זיך אָן פון יום המיתה, ניט פון יום הקבורה. אבילות שבעה. אבילות שלושים. זע: אָבל.

אָבינו [אָווינו] — אונזער פאָטער. אברהם (יצחק, יעקב) אָבינו. אָבינו מלכנו T.

אַביר לב [אַביר=לעוו], אבירי לב [אַבירע=לעוו] — פעסטער כאַראַקטער (תהלים עו ו). אַבירות לב.

I. אָבל [אָוול], אַבילים [אַווײלים] — טרויערער (נאָך א מת) (בראשית לז לה). מנחם אבל זיין. אבילי [אַווײלײ] ציון (ישעיה סא ג). אבל וחפוי ראש (אסתר ו יב). כאבל בין חתנים (תלמודיש) — ווי אַן=אָבל צווישן חתנים.

II. אבל [עיוול] — טרויער (נאָך א מת). אבל כבד — שווערער טרויער (בראשית נ י). ימי אבל (אבלו) — די טרויער=טעג (בראשית כז מא; ישעיה ס כ).

III. אבל [אַוואָל ◡—] — נאָר, אָבער. אבל אשמים אנחנו (בראשית מב כא) — נאָר מיר זיינען שולדיג. אבל מלך עליון T.

אבלות זע: אבילות.

אבן [עוון], אבנים [אַוואָנים] — א שטיין. אבן על אבן ניט געבליבן,

אבן טוב, אבנים טובות — איידלשטיין, ווי אן אבן טוב האַלטן (אויסכאַפּן). אבן נגף — א מניעה (ישעיה ח יד). אבן פינה (איוב לח ו) — ווינקלשטיין. כאבן דומם (חבקוק ב יט) — ווי א שווייגעדיקער שטיין. כאבן שאין לה הופכים — ווי א שטיין וואָס ווערט ניט גערירט פון אָרט (תלמודיש).

**אבן העזר T. אבן שתיה T.**

**אבנט** [אַוונעט], **אבנטים** [אווגעיטים] — גאַרטל (שמות כח ד).

**אבנר N.**

**אָבק** [אָוועק] — 1. שטויב (דברים כח כד). 2. א שפּור. אבק לשון הרע, אבק ריבית — א שפּור פון לשון, הרע פון וואָכער.

**אבר,** [עיווער] **אברים** [עיוורים] — גליד. אבר מדולדל — אן אבר, וואָס איז ניט פעסט פאַרבונדן מיטן גוף. אבר מן החי — אן-אבר פון אַ לעבע-דיק וועזן. רמ״ח אברים — די 248 ביינער פון מענטשלעכן קערפּער. קישוי אבר — ערעקציע.

**אברהם N.** אברהם אבינו. בן אברהם (א גר אָדער א פינדל-קינד). **אברעמל.**

**אברך** [אַווריעך] — א יונגער מאַן (בראשית מא מג) (לויט דעם תלמודישן פירוש: אב בחכמה ורך בשנים). **אברכ׳טע.**

**אגאָלע זע עגלה.**

**אגב** [אַגעוו] — פאַרבייגייענדיק (תלמודיש). אגב אורחא — אינאיינוועגס. מלתא אגב אורחא קא משמע לן — ער לאָזט אונז הערן אַ זאַך פאַרבייגייענ-דיק. אגב גררא, בדרך אגב — פאַרבייגייענדיק. אגב חורפא — מחמת שאַרפזין. אגב חורפא פאַלט מען אַריין אין א טעות.

**אגדה** [אַגאָדע], **אגדות** — תלמודישע דערציילונג. אגדתא [אַגאַדטע]. אין מקשין באגדה — אויף דער אַגדה פרעגט מען קיין קשיות ניט (רמבם).

**אגודה, אגודות** — פאַראיין (שמואל ב׳ ב כה). מאַכן אגודה אחת (סידור). אגודת ישראל, אגודת שלומי אמוני ישראל N. אגודת אחים N.

**אגודל** — דער גראָבער פינגער. זע: גדול.

**אגונע זע עגונה.**

**אָגיל ואשמח** (יואל ב כג) — איך וועל זיך פרייען. „אגיל ואשמח — קיילעכיג און שפּיציק" (קאַטאָוועס).

**אַגמעס נעפעש זע עגמת נפש.**

**אגרא** — שכר. אגרא דתעניתא [דעטאניסע] — וואָס מען שפּאַרט איין צוליבן תענית: אגרא דתעניתא — צדקתא (תלמודיש) — אויף צדקה. לפום צערא אגרא — לויט דעם צער דער שכר.

**אגרוף** [עגרעף] — קולאַק, פויסט (שמות כא יח). אגרוף רשע (ישעיה נח ד). בעל אגרוף, בעלי אגרופין — פויסט-מענטש.

**אד זע עד.**

**I. אֲדום** [אָדעם] — רויט. מן האדום האדום הזה (בראשית כה ל) — פון אָט דעם רויטן (קאַטאָוועס פון ווין).

**II. אדום** [עדם] — 1. N. 2. א גוי.

**אָדון** [אָדן], **אדונים** [אַדאָינים] — האַר. אדון הגדול — דער גרויסער פּריץ. שתיקה, דער אדון איז מבין בלשון! אין כסף לאדון זה, — דער פּריץ האָט ניט קיין געלד. (פאַרשטעלטע שפּראַך) די קליינע אדונים׳לעך. אדון עולם T. אדון בפקדך T: מיין אדון בפקדך האָט אַ געשריי געטאָן. אדוני — מיין האַר: אדוני אבי, אדוני מלך (שמואל א׳ כד ח), אדוני פּריץ, אדוני קעניג נאום ב״וך בן לא״א (= לאדוני אבי) חיים (אין אונטערשריפטן). אדונית — האַרין.

**אָדוק, אדוקים** — פאַנאַטיק, («אדוק» — ווער עס האַלט זיך פעסט, למשל: אדוק במצוות).

**אדיר, אדירים** — שטאַרק, רייך, זע גביר

**אָדם** — מענטש, אדם לעמל יולד (איוב ה ז) — דער מענטש איז געבאָרן צו מיען זיך. אָדם קרוב לעצמו — דער מענטש איז זיך אַליין נעענטער. אָדם בהול על ממונו — דעם מענטש האָט מורא פאַר זיין געלט (תלמודיש). אָדם יסודו מעפר — דער מענטש שטאַמט פון שטויב (סידור). אָדם גדול — אַ גרויסער מאַן. אָדם חשוב (זע). אָדם הראשון, אדם = נאַקעט. בן אדם, בני אדם — אַ מענטש. געווען אַ מיאוסער בן אָדם. צורת אָדם — אַ צורה פון אַ מענטשן. פרא אָדם — אַ ווילדער (בראשית טז יב). היה אָדם בצאתך ויהודי באהלך — זיי אַ מענטש אין דרויסן און אַ איד אינדערהיים (יל״ג).

**אדמה** [אדאָמע] — ערד. ליגן אין דער אַדמה, מען האָט דיך אין דער אַדמה. אַדמת קודש (שמות ג ה) — הייליקע ערד. עובד אַדמה (בראשית ד ב) — ערדאַרבעטער.

**אדמו״ר**=אדונינו מורינו ורבינו. דער אדמו״ר הרב הצדיק ר׳ ניסן.

**אַדנות** — הערשאַפט. זע אדון.

**אָדר** — דער זעקסטער חודש אין יאָר (עזרא ו טו). אָדר ראשון, אָדר שני. משנכנס אָדר מרבין בשמחה — פון אָנהייב אָדר מאַכט מען מער שמחות (תלמודיש). זע ואדר.

**אדרבא** [אַדראַבע —◡◡] — „קעגן די מיינונג פון רבא", ד. ה. פאַרקערט. אַדרבא ואדרבא. איך מיט איר אַלץ אדרבא ואדרבא, און זי מיט מיר אַלץ קידער = ווידער.

**אהבה** [אהאַווע —◡◡] — ליבע. אהבת נפש (לויט שמואל א׳ יח ג). אַהבה שתלויה בדבר (תלמודיש) — אייגנניציגע ליבע. אהבה עצמית — אייגנליבע. אהבה מקלקלת השורה — ליבע מאַכט אומגערעכט (תלמודיש). אהבה (מיני פיוטים) T. אהבה רבה T. אהבת עולם T. זע באהבה, מאהבה.

**אָהבתי** — „איך האָב ליב". אָהבתי את אדוני (שמות כא ה) — איך האָב ליב מיין האַר. כאשר אָהבתי (בראשית כז ד) — ווי איך האָב ליב.

**אָהוב, אַהובים** — געליבטער. אַהובי — מיין געליבטער, אַהובתי — מיינע געליבטע. לאהובי ידידי — צו מיין ליבן פריינד. לאהובתי אחותי — צו מיין ליבער שוועסטער (אין בריוו). אָהוב לבריות — באַליבט.

**אהרן** N. אהרן הכוהן. בני אהרן.

**אודות** — וועגן (=על אודות, בראשית כא יא). מיר ריידן אודות דעם שטרייק.

**אודך** T (תהלים קיח כ). היינט איז שבועות, זאָגט מען צוויי מאָל „אודך".

**אוהב, אוהבים** — פריינד. אוהב ישראל (היפך: צורר היהודים). אוהב ממון, אוהב כבוד, זע רודף. אוהב כסף לא ישבע כסף (קהלת ה ט) — ווער עס ליבט געלט, ווערט ניט זאַט מיט געלט. אוהב נאמן — געטרייער פריינד. אוהבו ונאמנו (אוה״נ, או״נ, אין בריוו) — זיין געטרייער פריינד.

**אוהל** — געצעלט. אוהל מועד (שמות כז כא), אַנ=אוהל אפן קבר. איש לאוהליו ישראל (שמואל ב׳ כ א) — יעדער אין זיין הויז!

**אוה״ע**—אומות העולם זע **אומה**. אַוואַדע זע **אוודאי**. אַוואָידע זע **עבודה**. אַוואַיע זע **העוויה**.

**אַוודאי** [אוואדע] —געווים. אוואדע טראָגט וואַסער (וואָרטשפּיל). זע **בוודאי**.

אַוודעס זע **עבדות**. אוויירע זע **עבירה**.

**אַוויר** 1. לופט (תלמודיש פון גריכיש). אווירא דארץ ישראל מחכים — די לופט פון א״י מאכט קלוג. מרחף באוויר — שוועבט אין דער לופטן, אַרויס לאוויר העולם. — 2. עיפּוּש, עפּידעמיע, עס אווירט, פאַר׳אַווירט.

אוולע זע **עוולה**. אָוועך זע **עבר**. אוורָאָם זע **אברהם**. אווודע זע **עובדא**.

**אוזן, אָזנים** [אָזנאַאים] — אויער. מפה לאוזן — פון מויל צום אויער. אזנים להם ולא ישמעו (תהלים קטו ו) — זיי האָבן אויערן און הערן ניט. אזנים לכותל — די וואַנד האָט אויערן (תלמודיש). כבד אוזן — א שווער־העריקער.

**אוחז** — ער האַלט. האוחז ביד T. אוחזין מעשה אַבותיהם בידיהם — זיי מאכן וואָס זייערע עלטערן האָבן געמאכט (תלמודיש). זע **האוחז**.

**אוי** — וויי געשריען (במדבר כד כג). אוי לרשע אוי לשכנו—וויי צום רשע, ווי צו זיין שכן (תלמודיש). אוי לאזנים שכך שומעות — זויי וואָס מען מוז הערן (תלמודיש). אוי לי מיצרי אוי לי מיוצרי— וויי מיר פון גאָט, וויי פונם יצר הרע (תלמודיש אַף אַ שווערע ברירה) אוי לי אם אומר אוי לי אם לא אומר — וויי צו מיר ווען איך וועל זאָגן, וויי צי מיר ווען איך וועל ניט זאָגן (תלמודיש).

**אויב** [אָיעוו], **אויבים** [איווים] — פיינד. אויבי איש אַנשי ביתו—אייגענע זיינען שונאים (תלמודיש).

**אויס׳בטל׳ען** זע: **בטל׳ען**

**אוכל** — שפּייז (ויקרא יא לד). אוכל נפש.

**אולי** (בראשית טג ב) — טאָמער. אולי ירחם — טאָמער וועט ער זיך דערבאַרמען (סידור). פן ואולי.

**אומדנא** — אָפּשאַצונג. על פי אומדנא —לויט אָפּשאַצונג ,אונגעפער (תלמודיש).

**אומה, אומות** — פאָלק (בראשית כה טז). די גאַנצע אומה, יעדע אומה ולשון, די אומות העולם (אוה״ע) — די פעלקער פון דער וועלט: א חרפה פאַר אומות העולם.

**אומ׳חן** (היפך: חן). וואַרפן אנ=אומ׳חן.

**אומן, אומנים** — בעל מלאכה (שיר השירים זב: אָמן). כל אומן שונא את בני אומנתו — יעדער בעל מלאכה האָט פיינט אַ קאָנקורענט (תלמודיש). אומן יד—אַ מייסטער, איראָניש: א גנב.

**אומנות** — מייסטערשאַפט. מלאכה. תורתם אומנותם (תלמודיש) — ייער באַשעפטיגונג איז די תורה.

**אומר, אומרים** — זאָגט. אומר ועושה — זאָגט און טוט (סידור). ביי אים איז אַלץ אומר ועושה (פאַראָדירט: אומר ואוכל). אומרים מקצת שבחו של אדם בפניו וכולו שלא בפניו — מע לויבט אַביסל אין די אויגן און א סך אונטער די אויגן (תלמודיש). זאָגן עפּעס בשם אומרו זע: **שם**.

**און**— קראַפט. ראשית אונו (פון בראשית מט ג) — זיין מייסטערווערק.

**אונאה**—הונאָה — דאָס אָפּנאַרן. גדולה אונאת דברים מאונאת ממון (תלמודיש) — באַליידיגן אין ווערטער איז שווערער איידער אָפּנאַרן אין געלט.

**אונן, אוננים** — אַן־אָבל פֿאַר קבורת המת.

**אונס** — צוואַנג. אין אונס (אסתר א ח). אונס רחמנא פּטריה — ביי אַ צוואַנג באַפֿרייט גאָט פֿון שטראָף (תלמודיש). טאָן באונס. זע: **אנוס.**

**אופן, אופנים** [אָיפֿאַנים] — 1. סאָרט, פֿאַל (משלי כה יא). באופן כזה, בזה האופן — אָט אַזוי. באין אופן, בשום אופן — אין קיין פֿאַל. בכל האופנים — אין יעדן פֿאַל. ער וויל בשום אופן ואופן ניט גיין. 2. אופן — פּיוטים ביי „והאופנים" T.

**אופק** — האָריזאָנט, געאָגראַפֿישע ברייט. אופק ווילנע.

**אוצר, אוצרות** — שאַץ (משלי כא כ). באַהאַלטן אין דר'ערד פֿאַר אַן־אוצר. אוצר יקר—אַ טייערער אוצר. קורח'ס אוצרות, דעם מלך'ס אוצר.

**אור, אורות** — ליכט ליכטיקייט (היפך: חושך). יהי אור (בראשית א ג) — עס זאָל זיין ליכטיג. אור הגנוז — די באַהאַלטענע ליכט (תלמודיש). עד אור הבוקר (שופטים טז ב) — ביז פֿרימאָרגן. הבוקר אור (בראשית מד ג) — ווי עס איז געוואָרן טאָג. מאָרגן כאור, „פֿון כאור הבוקר ביז האַלבן טאָג" (שלום עליכם). אַרויסגיין לאור — ד. ה. פֿון דרוק.

**I. אורח, אורחים**—גאַסט (שמואל ב׳ יב ד). אַ פֿאַרשייטער אורח. זיין אַן־אורח (האַלטן ביים שטאַרבן) אין אורח מכנים אורח (תלמודיש), זע: **אין**, הכנסת אורחים — דאָס אויפֿנעמען פֿון אורחים. לשון נקבה: אורח'טע. זע **ארחי.**

**II. אורח**—וועג. **אורח חיים** T. אורח נשים (לויט בראשית יח יא) — מענסטרואַציע. אגב אורחא זע: **אגב.**

**אורי** N. **אוריאל** N.

**אורייא**—די תורה. אין: בר אוריין—בן תורה — אַ למדן.

**אורייתא** [אָראַיסע] — די תורה. מדאורייתא — לויט דער תורה (היפך: מדרבנן). בור דאורייתא — אַ גרויסער בור (עם הארץ). ישראל ואורייתא חד הוא — ישראל און תורה זיינען איינס (תלמודיש).

**אורים ותומים** (שמות כח ל).

**אושפיזין** — געסט (תלמודיש פֿון לאטיין) די אושפיזין אין סוכה.

**אושר** — גליק, יושר (בראשית ל יג). אַז דו האָסט קיין ניט יושר, טאָ גיי דאַווענען מנחה (ד. ה. זאָג אשרי). אושער זע **עושר.**

**I. אות** [אָס], **אותיות** [אָיסיעס —◡◡] — בוכשטאַב. אות באות איבערגעבן. מען זעט ניט קיין תמונת אות, קיין צורת אות. די קליינע אותיות, כתיבה־אותיות— קורסיוו. קידוש־לבנה אותיות — ד. ה. גרויסע, אותיות מחכימות. אות השימוש (אין דיקדוק).

**II. אות, אותות**—1. צייכן. אות ברית (בראשית יז יא) — מילה. אות לטובה — אַ סימן צום גוטן. 2. וואונדער. מחר יהיה האות הזה (שמות ח יט) — מאָרגן וועט זיין דער וואונדער. אותות ומופתים (דברים יג ב), אותות ונפלאות (תהלים קה ה) — וואונדער. באַווייזן באותות ובמופתים — „מיט וואונדער", ד. ה. איבערציינגנדיק.

**אותו** — יענער (תלמודיש). אותו האיש (אויך פֿון קריסטוס), אותו מעשה, אותו מקום, אותו ענין, אותו רגע — יענער מענטש, יענע מעשה, יענער אָרט, יענער ענין, יענע רגע (געוויינטלעך אייפעמיסטיש). אותו ואת בנ

(ויקרא כב כח) — מוטער און זון. זע באותו.

**אָז, אַזי** [אַזאַי ◡—] — דעמאָלט. אָז ישיר T.

**אזהרה** [אַזהאָרע], **אזהרות** [אַזהאָרעס] — וואָרעניש. אזהרות T. זע מזהיר.

אזוס זע עזות.

**אזכרה** [אַזקאָרע], **אזכרות** = הזכרה.

**אזלא גרש** — פון די טעמי הקריאה אין תנ"ך.

**אָזנים** זע אוזן.

**אזרח** [עזרעך], **אזרחים** [עזראָכים] — אַנ= איינגעזעסענער, אַ תושב, ניט קיין פרעמדער. אזרח נכבד — אַ באַערטער בירגער, почетный гражданин. זכות אזרח — בירגער = רעכט.

**אָח, אַחים** — ברודער. עס איז זיין אָח, אָח לצרה (משלי יז יז), אחים בצרה — אַ חבר אין דער צרה. אָחי — מיין ברודער. לאהובי אָחי — צו מיין ליבן ברידער (אין בריוו). מיין אָחי האָט זיך עס פאָסטאַרעט. אָחינו — אונזער ברו= דער. אָחינו אַתה — דו ביזט אונזער ברודער. אַחינו [אַכעינו] בני ישראל — אונזערע ברידער די קינדער ישראל.

**אחד** [עכאָד] — איינער. אחד מאלף — איינער פון טויזנט. אחד משלנו — פון אונזערע לייט. כאיש אחד (במדבר יד טו) — ווי איין מאַן. אחד העם [אַכאַד האָאָם] — איינער פון פאָלק (לויט שמואל א כו כה). אחד המרבה ואחד הממעיט — ווער מער, ווער וויניקער (תלמודיש). יצתה נשמתו באחד (תלמודיש) — זיין נשמה איז אַרויס ביים וואָרט „אחד", אין קריאת שמע. אחד מי יודע T. זע: אחת, באחד.

**אַחדות** — איינִיקייט (היפך: פירוד).

**אַחדים** [אַכאָדים] — איינציגע, אחדים׳ניק, זע: לאחדים.

**אחדשה"ט** = אחר דרישת שלומך הטוב.

**אַחוה** [אַכווע] — ברידערשאַפט (זכריה יא׳יד). אַחוה וריעות (סידור) — ברידערשאַפט און פריינטשאַפט.

**אַחוזה, אַחוזות** — אַ גוט, אַ אימעניע (בראשית יז ח).

**אחוץ** זע חוץ.

**אָחור** — דער הינטן, תחת (שמות לג כג). פנים ואחור (יחזקאל ב י), מפנים ומאחור (שמואל ב יט) — פון פאָרנט און פון הינטן, אחוריים = אחור: בבחינת אחוריים (חסידיש), זע: באלף, מאחורי.

**אָחות** — שוועסטער. אַחותי — מיין שוועסטער. לאהובתי אַחותי (אין בריוו) — צו מיין ליבער שוועסטער.

**אָחי** זע אָח. **אחיאסף** N.

**אַחיזת עינים** — דאָס פאַרבלענדן די אויגן, פאָקוס (תלמודיש).

**אַחים, אָחינו** זע אָח.

I. **אַחר, אחרים** — אַנדערער. נהפך לאיש אַחר (שמואל א׳ י ו) — געוואָרן אַנ= אַנדער מענטש. דבר אַחר. זע: אַחרים.

II. **אַחר** — נאָך. אחר הדברים האלה (בראשית טו א) — נאָך די דאָזיגע געשעעניסן. אַחר כך — דערנאָך. אַחר המעשה — post factum. דער אַחר החג איז געווען ביטער. אַחר דרישת שלומך הטוב — נאָך דעם גרוס (אין בריוו, דער אָנהויב). זע אחרי, לאחר.

**אַחראַי** — פאַראַנטוואָרטלעך (תלמודיש).

**אַחרון, אַחרונים** — לעצטער (היפך: ראשון). אַחרון אַחרון חביב — וואַס ווייטער אַלץ בעסער (תלמודיש). ענטפערן על ראשון ראשון ועל

אחרון אחרון—ד. ה. כסדר. אחרון—
די לעצטע עליה ביי קריאת התורה.
אחרון של פסח—דער לעצטער טאָג
פסח. די אחרונים (די שפּעטערע
פוסקים). מים אחרונים—דאָס וואשן
זיך נאָך דעם עסן. מים=אחרונים=
וואַסער.

**אחרי** [אַכרעי]—נאָך. אחרי כן (בראשית טו
יד) —נאָכדעם. אחרי הדברים והאמת
האלה (דברי הימים ב' לב א). אחרי
כּכלות הכל — נאָך אַלעמען
(סידור). אחרי רבים להטות (שמות כג ב)
—באַשטימען לויט דער מערהייט.
אחרי מות T. אחרי מות — קדושים
אמור (עמנואל, וואָרטשפּיל) :— נאָך
דעם טויט דערקלערט מען פאַר
הייליק.

**אחריות** [אַכראַיעס]—1. פאַראַנטוואָרטונג.
אויף מיינע אחריות. ארויס פון
אחריות. בעל אחריות=אחראי. 2.
סכּנה: אָן אחריות, קיין אחריות ניט.

**אחרים** [אַכעירים]—אַנדערע (רבים פון אַחר).
אחרים אומרים — אַנדערע זאָגן. על
יד אחרים—דורך אַנדערע. זע:
**אַחר.**

**אחרית**—אויסגאַנג, סוף. טוב אחרית
דבר מראשיתו (קהלת ז ח)—דער
סוף איז בעסער פון אָנהויב. באַחרית
הימים—שפּעטער, אין משיח'ס צייטן
(בראשית מט א; דניאל י יד). זע: **קץ.**
אחרית קטטה חרטה — נאָך אַ
שטרייט - חרטה.

**אחשורוש** [אַכאַשווערױש] N.

**אחת** [אַכאַס] —איינע. אחת ואחת (סידור):
געבן (אָפּציילן) אחת ואחת. אחת
לאַחת—איינס צו איינס (קוהלת ז כז).
מאַכן יד אחת (זע). בבת אחת (זע).
בדיעה אחת (זע). אחת דתו להמית
(אסתר ד יא)—פאַר אים איז נאָר איין
געזעץ - מיתה. אחת בפה ואחת בלב--
מיט דעם מויל איינס, און מיט דעם
האַרץ אַנדערש (תלמודיש). זע: **אחד,
על אחת.**

**אַטאָרע** זע **עטרה.**

**א"י**=ארץ ישראל.

**אי אפשר**—ניט מעגלעך. אי אפשר
לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד--
צוויי מלכים קענען ניט טראָגן איין
קרוין (תלמודיש).

**איבה** [עיווע] — פיינדשאַפט. באיבה
(במדרש לה כא) —פיינטלעך.

**איבוד**—פאַרלוסט. איבוד זמן—צייט=
פאַרלוסט. צו לייענען אַזאַ בוך איז
נאָר אַ איבוד זמן. זע **לאיבוד.**

**איבעיא** [איבאַיע], **איבעיות** [איבאַיעס]
— פראַגע (תלמודיש). אַלע קשיות
ואבעיות פון דער גמרא. זע **קשיא.**

**איבער'חזר'ן** זע **חזר'ן.**

**איד** [עיד] — אומגליק. שמח לאיד
(משלי יז ה) — ווער עס פרייט זיך
אויף יענעמ'ס אומגליק.

**אי"ה**=אם ירצה השם.

**איוב** [אי=יעוו] T. N. איוב'ס צרות
(יסורים).

**איוורע** זע **עברי.** **איזבל** [איזעוועל] N.

**איזהו** גבור? הכובש את יצרו — ווער
איז אַ גבור? — ווער עס באַזיגט
זיין יצר הרע.
איזהו חכם? הלומד מכל אָדם —
ווער איז אַ חכם? — ווער עס
לערנט פון יעדן מענטשן.
איזהו עשיר? השמח בחלקו — ווער
איז אַן=עושר? — ווער עס איז
צופרידן מיט זיין חלק (תלמודיש).

**איזהו מקומן** T.

**איין'טענה'ן** זע **טענה'ן.**

**איחור** — פאַרשפּעטיגונג: בלי איחור
— אָן פאַרשפּעטיגונג.

**אייר** [אי=יער] — דער אַכטער חודש אין יאָר.

**איכּא דאמרי** — אייניקע זאָגן (=יש אומרים) (תלמודיש).

**איך** [עיך] — ווי?

I. **איכה** [עיכע] T.

II. **איכה** (בּראשית ג ט) — וואו בּיסטו?

**איכות** [עיכעס] — קוואַליטעט. וויכטיג איז די איכות, ניט די כמות.

**אילו** — ווען (אסתר ז ד), זע: **כּאילו**. אילע זע **עילוי**.

**אילנית** [איילאניס] — אַנ=עקרה (תלמודיש).

**אילן, אילנות** [אילאנעס] — בּוים. חמשה עשר בּשבט איז ראש השנה לאילנות. אילן אילן בּמה אברכך — בּוים, בּוים, מיט וואָס זאָל איך דיך בּענטשן? (תלמודיש). תולה בּאילן גדול — הייגנט אויף אַ גרויסן בּוים (תלמודיש).

**אימה** [עימע] — שרעק (שם נרדף: פּחד). פינצטער אַנ=אימה (לויט בּראשית טו יב), אנ=אימה ופחד געפאַלן אויף... (שמות טו טז). ציטערן אומת מות (תהלים נח ה). אימה'דיק, אימוים'דיק (אַנשטאָט: מאוים'דיק). אימתא דציבּורא — מורא פאַר דעם פּובּליקום (תלמודיש).

**אימהות** זע **אם**.

I. **אין** [אאין] — גאָרנישט. כּאַין (ישעיה מ יז) — ווי גאָרנישט.

II. **אין** — ניטאָ, ין גם אחד (תהלים יד ג) — ניטא פילו איינער. אין לי — איך האָבּ ניט, אין לנו — מיר האָבּן ניט. אין אומר ואין דברים — אָן ווערטער (תהלים יט ד), אין אונס — אָן צוואַנג (אסתר א ח). אין אורח מכנים אורח (תלמודיש לויט בּן סירא) — איין אורח קען ניט אַריינפירן א צווייטן (וואָרטשפּיל: איין אורח איז מכניס אַ צווייטן). אין אחר מעשה בּית דין (אחר קנין) כּלום — נאָך דעם פּסק=דין (נאָך דעם קויף) קען מען גאָרניט מאַכן (תלמודיש). אין אַפּיטרופּוס לעריות — קיינער איז ניט בּאַוואָרנט פאַר עריות (תלמודיש). אין בּור ירא חטא — אנ=עם הארץ איז ניט פרום (תלמודיש). אין בּית אשר אין שם מת (שמות יב ל) — ניטאָ קיין הויז אָן אַ טויטן. אין בּרירה — אָן אַן אויסוואַל: אין בּרירה איז אַ גרויסע גזירה, זע **בּאין בּרירה**. אין גם אחד (תהלים יד ג) — ניטאָ אַפילו איינער. אין הקומץ משבּיע את הארי — פון אַ זשמעניע איז אַ לייבּ ניט זאַט (תלמודיש). אין חדש תּחת השמש (קוהלת א ט) — ניטאָ קיין נייס אונטערן הימל. אין חכם כּבעל הנסיון — נאָר דער געניטער איז קלוג (תלמודיש). אין חלום בּלא דברים בּטלים — ניטאָ קיין חלום אָן נאַרישקייטן (תלמודיש). אין יוצא ואין בּא (יהושע ו א) — ניט אַרויס, ניט אַריין.

**אין כּאלהינו** T. **אין כּמוך** T.

אין לדבר סוף — די זאַך האָט ניט קיין סוף (תלמודיש). אין להגיד [לעהאגעד] — ניט אויסצודערציילן. אין לספּר [לעסאַפּער] — ניט אויס=צודערציילן. אין לשער [לעשאַער] — ניט אָפּצושאַצן: זייער צאָל איז אין לשער. אין מוקדם ומאוחר בּתורה — ניטאָ אין דער תורה קיין פריער און קיין שפּעטער, ד. ה. קיין כראָנאָלאָ=גישער סדר (תלמודיש). אין מזל לישראל — ניטאָ קיין מזל בּיי אידן. אין מקרא יוצא מידי פשוטו — דער פּשט פון פּסוק בּלייבּט (אָבער ס'איז פאַראַן אויף אים נאָך אַ פּירוש)

(תלמודיש). אין מערבין [מעאָרווין] שמחה בשמחה — מע מישט ניט צונויף צוויי שמחות (תלמודיש). אין משיחין בסעודה — מע רעדט ניט בשעת מע עסט (תלמודיש). אין סוף (אין קבלה) — דער אומענדלעכער (ד. ה. גאָט). אין צריך לומר — מע דאַרף ניט זאָגן (תלמודיש). אין קול ואין עונה (מלכים ב׳ ד לא) — קיינער ענטפערט ניט. אין קונה (דברים כח סח) —ניטאָ קיין קויפער (וואָרטשפּיל: און דער איין קונה איז אויך ניטאָ).
אין קטיגור נעשה סניגור — דער פּראָקוראָר ווערט ניט קיין פאַרטיידיקער (תלמודיש). אין קץ לכל עמלו (קוהלת ד ח) — ניטאָ קיין סוף צו זיין אַרבעט. אין רגע בלי פגע (אדער: נגע) — קיין מאָמענט אָן אַ צרה. אין שיעור — אָן אַ שיעור. אינה דומה ראייה לשמיעה — הערן איז ניט זען. אינה מקודשת — איז זי ניט פאַרהייראַט (תלמודיש) (וואָרטשפּיל: איינע מיט קגישעס). אינו דומה השומע מפי שליח לשומע מפי המלך — עס איז ניט גלייך, צי מע האָט געהערט (דעם באַפעל) פון אַ שליח, אָדער פונם מלך גופא (תלמודיש).

איניען זע ענין.

**איננו** [עינעגו] — ער איז ניטאָ. הרב פלוני איננו — דער רב N איז געשטאָרבן. הילד איננו (בראשית לז ל) —דאָס קינד איז ניטאָ. ואיננו—אַנטלאָפן.

**איסור, איסורים** — פאַרבאָט (היפך: היתר). ליגן אויף עפּעס אַן־איסור גמור. איסור דאורייתא — פאַרבאָטן אין דער תורה. דער עולם טרינקט באיסור, ווייל מע קען ניט טרינקן בהיתר. זע אסור.

איסקע זע עיסקא.

**איסר** (=ישראל) N. איסראָעל זע ישראל.

איפכא מסתברא [מיסטאַוורע] — פאַרקערט איז ריכטיקער (תלמודיש).

איפעש זע עיפּוש. איצטגנינות זע אצטגנינות.

**איצטלא** (אָדער **אצטלא**) — מאַנטל (תלמודיש פון גריכיש). ער קליידט זיך אין איצטלאַ דרבנן (ער האַלט זיך פאַר אַ רב). ער איז ראוי לאותה איצטלא — פאַר יענעם אַמט.

איקער זע עיקר.

**איש** — אַ מאַן. איש כל הישר בעיניו — יעדער טוט וואָס ער וויל (דברים יב ה). איש תחת גפנו ותחת תאנתו (מלכים א׳ ה ה). — יעדער אונטער זיין ווייַנשטאָק און זיין פייגנבוים. איש תם וישר (איוב א א) — אַ צדיק. איש חיל — אַ העלד. איש אמת, איש מהימן — אַ באַגלויבטער. איש מלחמה — אַ קריגער. איש מפּי איש — פון הערן=זאָגן. איש הבינים —פאַרמיטלער. זע **אשה, אנשים**.

**אישות** — ווייבלעכקייט. הלכות אישות, עניני אישות — עהע=געזעצן, עהע=זאַכן.

**איתמר** N.

**אַך**—נאָר. אך ורק (במדבר יב ב). „ער האָט נישט געזעצן אַך ורק די צוויי פויערים“ (פון אַן־אַלטן גביית עדות). זע: רק.

אַכבּראָש זע עכבּרוש.

**אַכזר** — גרויזאַמער (איוב ל כא). אַכזרי, אַכזריות, אַכזריות׳דיק.

**אַכילה**—דאָס עסן. על אכילת מצה T. על אַכילת מרור T. אַ גראָבע אַכילה. האַלטן פון דער אַכילה.

**אַכל׳ען**—עסן, אַ גרויסער אַכל׳ער (אָדער: אכלן).

**אַכסניא**[אַכסאַניע], **אַכסניות**—גאַסטהויז. בעל אַכסניא — דער ווירט פון אַכסניא. לא ישנה אָדם מאַכסניא שלו—אַ מענטש זאָל ניט איינשטיין אין אַנ־אַנדער אַכסניא (תלמודיש.) תורה מחזרת על אַכסניא שלה—די תורה קומט צו קינדער פון לומדים (תלמודיש).

I. **אל** [עיל]— גאָט. תהילה לאל, תודות לאל— גאָט זיי דאַנק. אל מלא רחמים T. מאַכן אַנ־„אל מלא רחמים״. אל ארך אַפּים (שמות לד׳ ו). אל רחום וחנון (שמות לד׳ ו). — טיטל פון גאָט.

II. **אַל**—ניט. אַל יתהלל החוגר כמפתח (מלשכים א׳ כ יא)— דער וואָס גייט אין מלחמה זאָל זיך ניט באַרימען, ווי דער וואָס קמט צוריק (פון אַ באַרימער). אַל תאַמין בעצמך עד יום מותך—גלויב ניט זיך אַליין ביז צום טויט (תלמודיש). אַל תבטחו בנדיבים (תחלים קמו ג) —פאַרלאָזט זיך ניט אויף נגידים. אַל תביאנו לידי נסיון— ברענג אונז ניט צו אַ נסיון (סידור). אַל תגידו בגת(שמואל ב׳ א כ) — דערציילט עס ניט אין גת (ד. ה. צו די פיינט). אַל תדין את חברך עד שתגיע למקומו (תלמודיש) —זאָלסט ניט באַשולדיקן דיין חבר ביז דו ביזט ניט אין זיין לאַגע. אַל תהי צדיק הרבה (קוהלת ז׳ טז) —זיי ניט צופיל צדיק. אַל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו—קוק ניט אויף דעם קרוג נאָר אויף זיין אינהאַלט (תלמודיש). אַל תפרוש מן הציבור— טייל זיך ניט אָפּ פון געזעלשאַפט (תלמודיש). אַל תפתח פה לשטן— גיב ניט קיין פריצעפּע דעם שטן (תלמודיש). אל תרבה שיחה עם האשה—רעד ניט פיל מיט דער פרוי (תלמודיש). אל תשליכנו לעת זקנה (תהלים עא ט)— זאָלסט אונז ניט פאַרלאָזן אַף דער עלטער.

III. **אל** [על] —צו. **אלי** [עילאי ◡ —] צו מיר: אלי תבוא — צו מיר וועסטו קומען.

**אלא** [עלע] — נאָר. אלא מה — וואָס דען? אלא וואָס דען? „אלא ניט, — איז אינה מקודשת״ (שלום עליכם).

**אָלה ושבועה** (במדבר ה כא) — אַ האַרבע שבועה.

**אלה** [עילע] — די דאָזיגע, דאָס. אלה אלהיך ישראל (שמות לב ד) — דאָס איז דיין גאָט ישראַל. אלה תולדות (בראשית כה יט) — דאָס איז די געבורטסגעשיכטע. אלה תולדות אידינע! אלה אזכרה T. אלה הצאן מה עשו (שמואל ב׳ כד יז) — וואָס האָבן די געמאַכט?

**אלהים** [עלאָקים] — גאָט (ברא ית א א). בשם אלהי ישראל (לויט מיכה ד ה) — אין גאָטס נאָמען. אלהות — גאָטהייט.

**אלהי נצור** T. **אלהי נשמה** T. **אלהינו ואלהי אבותינו** T.

**אלו** [עילו] — די דאָזיגע. אלו דברים שאין להם שיעור — די דאָזיקע זאַכן האָבן קיין שיעור ניט. אלו ואלו דברי אלהים חיים — ביידעס איז גאָטס ווערטער (תלמודיש). אלו ואלו בניגון מנגנים (סידור) — ביידע כיתות זינ־ גען (פּאַראָדירט: אלו ואלו בטענצל מטאַנצלים. אלו לאלו ממללים (סידור) — איינע רעדן מיט די אַנדערע.

**אלול** [עלעל] — דער לעצטער חודש אין יאָר.

**אלוף** — הויפּט (בּראשית לו מט), אלופי הקהל == ראשי הקהל.

**אלחנן** N.

„אלי אלי למה עזבתנו״ (תהלים כב ב) T. זי מיינט, זי זינגט „אלי אלי״ (ד. ה. זי שרייט).

**אלי** זע **אל** III— [על].

**אַליה וקוץ בּו** — אַ פּעטשוואַניץ מיט מיט אַ דאָרן אין אים (אויף אַ האַרבּע קישאָ אָדער א גוטע זאַך מיט א פּעלער) (תלמודיש).

**אליהו** אליה, אלי, N. אליהו הנביא, אליהו התשבּי N (סידור). כּוס של אליהו — דער בּעכער פון אליהו. כּסא של אליהו — דער שטול פון אליהו. אליהו הנביא איז אין דעם אַריין (עס גייט מיט מזל).

**אלי**=יע זע **עליה**.

**אַלילע** זע **עלילה**.

**אַלים** — שטאַרקער (תלמודיש). ער איז אַנ=אלים. זע **כּל דאלים**.

**אלימלך** N. מן יחוס אלימלך (תרגום רות ב א), אלי=מלך׳ס אנ=איניקל, זע **אָץ**.

**אליעזר** N. **אליקום** N. **אלישע** N.

**אַלכּסון** זע **בּאלכסון**.

**אלם** [אילם] — אַ שטומער, זע **נאלם**

**אַלמוני**, זע **פלוני**.

**אלמלא** [אילמאָלעי]—ווען ניט.

**אלמן** — וויטווער. לא אלמן ישראל (ירמיה נא ה) — ישראל איז ניט פאַר=לאָזן.

**אלמנה** [אַלמאָנע] **אלמנות** — וויט=ווע. אלמנה חיה (לויט שמואל ב׳ כ ג) „אַ לעבּעדיקע אַלמנה״: ער האָט זי אַוועקגעוואָרפן, אַנ=אלמנה חיה, אַלמנות.

**אָלעל** זע **עלול**. **אַלעמאַי** זע **למאי**.

**אָלעוואַשאָלעם** זע **עליו השלום**.

I. **אַלף** [אַלעף] —דער נאָמען פון אות א. פון אַלף בּיז תיו. ער קאָן ניט קיין צורה פון אַנ=אַלף. קיין צלם פאר קיין אַלף. דער אַלף=בּית.

II. **אלף** [עלעף], **אלפים**, [אַלאָפים]— טויזנט. די ריש אלפים (200,000), אַלפי אַלפים (מיליאָנען) נגידים. בּאלף אַלפי הבדלות (זע). פאַרפאָרן אין אלף השישי אַריין (פּאראָדיע אויף געלערטע). זע **בּאלף**.

I. **אם** [עים] מוטער. עיר ואם בּישראל (שמואל ב׳ כ יט) (אויף א גרוסע שטאָט). זע **אמי, אמהות, אמנו**.

II. **אם** [אים] —אויבּ, ווען, אַז, טאָמער. אם כּן (בּראשית כה כב) — אויבּ אַזוי „אם כּן — אַז דער צער פון טראָגן איז יאָ אַזוי גרויס״ (רש״י). אם לאו— אויבּ ניט: ואם לאו, בּאם לאו. וּבאם ניט, איז ער... זע **בּאם**. אם אין אני לי מי לי — אַז איך בּין ניט פאַר מיר, טאָ ווער זשע? (תלמודיש). אם אין קמח אין תורה — ניטאָ קיין בּרויט, איז ניטאָ קיין תורה (תלמודיש). אם בּא להרגך השכּם להרגו — קומט איינער צו דערהרגנען דיך, דערהרגע אים פריער (תלמודיש, רש״י צו שמות כב א). אם בּארזים נפלה שלהבת — אויבּ די צעדערן בּרענען (וועגן גרויסע בּאנקראָטן) (תלמודיש). אם ירצה השם [מירצעשעם —◡◡] — ווען גאָט וועט וועלן. אם כּבנים אם כּעבדים — סיי ווי זין, סיי ווי קנעכט (סידור). אם לא עכשיו אימתי — אויבּ ניט איצט, טאָ ווען זשע? אם פּגע בּך מנוול זה משכהו לבית הכנסת — ווען ס׳בּאגעגנט דיך דער מנוול, טאָ שלעפּ אים אין שול

אריין (תלמודיש מכה דעם יצר הרע). ואם תאמר מה נאכל (לויט ויקרא כה כ) — ווען דו וועסט זאָגן: וואָס וועלן מיר עסן?

אמאָלעק זע עמלק.

אמאָרעץ זע עם הארץ.

I. אָמה—דינסט. אָמה עברית — אַ אידישע דינסט. עבדך בן אמתך (תהלים קטז טז) — דיין קנעכט דער זון פון דיין דינסט.

II. אָמה—1. דער מיטעלער פינגער. 2. אייפעמיזם אַנטשטאַט: מענלעכער גליד.

III. אַמה, אַמות—אַנ־אייל. אמה על אמה — אַנ־אייל אויף אַנ־אייל. אַרבע אַמות, ד' אַמות — פיר איילן: אין זיינע ד' אמות טאָר מען נוט שטיין.

I. אמהות [אימאָעס] —מיטער (רבים פון „אם"). די אמהות — שרה רבקה רחל ולאה.

II. אַמהות [אַמאָעס] —דינסטן (רבים פון „אמה"). די אמהות — בלהה און זילפה.

אמונה [עמונע], אמונות — 1. דער גלויבן. איך גלויב באמונה שלימה — מיטן פולן גלויבן (סידור). מקטני אמונה — פון די קליינ־גלויביגע. אַרבעטן באמונה — געטריי. איך האָב אין דעם קיין אמונה נוט. אמונת חכמים: חסידים האָבן אמונת חכמים, אַז... 2. רעליגיע. רודפ'ן צוליב אמונה. על אמונתי (אַ שבועה).

אמור T. אמור מעט ועשה הרבה— זאָג ווייניקער און טו אַ סך (תלמודיש).

אמורא, אַמוראים — תלמודיסט. תנאים ואמוראים.

אמות זע אמה III.

אמי [אימי] — מיין מוטער. לאהובתי אמי (אין בריוו) — צו מיין ליבע מוטער. מבטן אמי (שופטים טז יז) — פון געבורט. זע אם.

אָמיד, אַמידים — אַ פאַרמעגלעכער (תלמודיש).

אמיץ — אַ שטאַרקער. אמיץ כוח (ישעיה מ כו), אמיץ לב (עמוס ב טז). —אַ פעסטער כאַראַקטער.

אָמן — געוויס, יאָ (מלכים א' א לו). אָמן ואָמן (תהלים מא יד), אמן סלה, אמן כן יהי רצון (סידור).

אמנו [אימעינו] — אונזער מוטער: שרה (רבקה, רחל) אמנו. זע אם.

אָמנם כן — טאַקע אַזוי T.

אָמעד זע עמוד.

אמצע [עמצע] — דער מיטן. אמצעי [עמצאַאי] — דער מיטעלער. דער אמצעי (אַ חסידישער רבי).

אָמר — האָט געזאָגט. אמר אביי, אמר רבא, אמר המחבר. זע אומר.

אמרו לאלהים T. „אמרו לאלהים — רעד צום לאָמפּ!"

אמת [עמעס] — וואָר (היפך: שקר), פאַרשטאַרקט: אמת ויציב, אמת וצדק (סידור). אמת הדבר— עס איז אמת. קרוב לאמת זע קרוב. אַנשי אמת (שמות יח כא), חסד ואמת (תהלים כה י). גמילת חסד של אמת — אַ אמתער גמילות חסד (זע). באמת, אין דער אמת'ן, אויף צונ'אמת'ן. באמת (= באם אמת?) געגאַסן, אַ נאָס אויפן אמת. אַנ־אמת'ער. אמת ואמונה T. דער אמת איז אין סידור. פאַר דעם אמת איז מען ברוגז. אמתיות — די וואַרהייטן. אמתיות הדתיות — די רעליגיעזע וואַרהייטן.

**אַמתלא** [אַמאַסלע], **אַמתלאות** [אַמאַסלאָעס] — אויסרייד. אנ=אמתלא בעלמא — גלאַט אַן אויסרייד.

**אָנא** — פּאָזשאַלעסטע, לשון בקשה (בּראשית נ יז). אנא בכוח T.

**אַנדרוגינוס** [◡—◡◡] — הערמאַפראָדיט. טומטום ואנדרוגינוס.

**אָנוכי** — איך. אנוכי ה' אלהיך (שמות כ ב) T. זיין אנוכי (חסידיש).

**אָנוס, אנוסים** — געצוואונגען. אנוס רחמנא פּטריה, זע אונס. אנוסים די מאראַנען (אין שפּאַניע). אנוסה — אַ פאַרגוואַלטיקטע. זע מאנס.

**אנוש** [ענעש] — אַ מענטש (דברים לו כו). אנושי — מענטשלעך. מין האנושי, בגדר אנושי, שכל אנושי.

**אַנחה** [אַנאָכע], **אַנחות** [אַנאָכעס] — אַ זיפץ. יגון ואנחה — טרויער און זיפצן. אנחה שוברת חצי גופו של אדם — זיפצן צעבּרעכט אַ האַלבּן גוף פון מענטשן (תלמודיש). לאָזן לאנחות (תלמודיש) — אויף זיפצן.

**אנחנו** (בּראשית יג ח) — מיר.

**אַנטיוכוס הרשע** N.

**אַני** [◡—] — איך. אני ואפסי עוד (ישעיה מז ח) — איך און אַחוץ מיר קיינער.

**אני מאמין** T. דער פּאַרטייאישער אַני מאמין. אַני שלומה — איך בּין שלומה (לויט קוהלת א יב): גיי שריי אַני שלומה.

**אנינות** — טרויער. זע אונן.

**אָנ'מלאכה'נען** זע מלאכה.

**אָנ'מקל'ען** די בּיינער, זע: מקל.

**אַנעהאָרע** זע עין הרע. **אָנעוו** זע עניו

**אַנעים זמירות** T. **אנקת מסלדיך** T.

**אַנשים** [אַנאָשים] — מענטשן (רבים פון איש). אנשים אחים אנחנו (בּראשית יג ח) — מיר זיינען בּרידער. אנשי שלומינו (לויט ירמיה לח כב) — אונזערע חברים. אַנשי חיל — בּריות. אנשי כנסת הגדולה — די מיטגלידער פון דער כנסת הגדולה (תלמודיש).

**אָם** זע אות.

**אָסון** — אַנ=אומגליק. פּן יקראנו אסון (בּראשית מב ד) — טאָמער טרעפט אים אַנ=אומגליק.

**אָסור** — „געבּונדן", פאַרבּאָטן (היפך: מותר). זיי טוען כל דבר אָסור. אסור לדבּר — פאַרבּאָטן צו ריידן. אסור לרחם — פאַרבּאָטן צו האָבּן רחמנות. אסור להשתמש לאורה — פאַרבּאָטן צו בּאַנוצן זיך מיט איר ליכט. אסור בּהנאה — פאַרבּאָטן צו בּאַנוצן (תלמודיש). אדם שאין בּו דיעה אסור לרחם עליו — אַ מענטש אָן פאַרשטאַנד איז אסור לרחם (תלמודיש). אסור חזיר — (אַ שבועה): אסור זאָל מיר זיין, אסור אויב איך וויים, ער מעג זיך אסור ניט שעמען.

**אסותא** — צו געזונט (אויף אַ נאָס) (זאָגן «אסותא» אָדער «רפואָה» אויף אַ נאָס, — ווייזט אויס, אַ מיטלאַלטערלעך אייראָפּייאישער מנהג).

**אסטנים** — אַ דעליקאַטער (תלמודיש).

**אסיא** — רופא. אסיא, אַסי חגרתך — הייל דיין הינקן! אסיא דמגן מגן שוי — אַ רופא, וואָס היילט אומזיסט, איז גאָרנישט ווערט (תלמודיש).

**אָסיד** זע עתיד.

**אַסיפה, אַסיפות** — פאַרזאַמלונג.

**אַסכּרה** — אַ האַלזקראַנקייט, דיפטעריט (תלמודיש).

**אַסמכתא** [אסמאכטע], **אסמכתות** — „אנ=אָנשפּאַר", אַ ראיה. אנ=אסמכתא בּעלמא — גלאַט אַ ראיה (תלמודיש).

**אָסנה** N.

**אספסוף** (במדבר יא ד) — גראָבער המון. דער ערב־רב מיט דעם אספסוף.

**אספקלריא** — גלאָז (תלמידיש פון לאטיין) אספקלריא המאירה — ריינע גלאָז.

**אסקען** זע עסקן.

**אסרו חג** (תהלים קיח כז) — דער טאָג נאָך א יום טוב.

**אסר'ן** — פאַרווערן, אַסור מאַכן. (היפך: מתיר זיין). אסר'ן די שחיטה.

**אסתר N.** אסתר המלכה. אסתר־תענית: עס וועט האַלטן פון אסתר תענית ביז פורים.

**אעפ"י** = אף על פי. **אעפי"כ** = אף על פי כן.

**אף** — צאָרן. בחרי אף (שמות יא ח), באפי ובחמתי — אין צאָרן. על אפי ועל חמתי — קעגן מיין ווילן (ירמיה לב לא).

**אף** זע עוף. **אף ברי T.**

**אף על גב** = אף על פי.

**אף על פי** — כאָטש (תלמודיש). אף על פי שחטא ישראל הוא — כאָטש ער האָט געזינדיקט, בלייבט ער דאָך אַן איד (פון א משומד). אף על פי כן — פונדעסטוועגן.

**אפוד** — א מלבוש פון אַ כהן. חושן ואפוד (שמות כה ד).

**אַפותיקא, אפותיקי** [פאָטיעקע — ◡◡] אנ־אוצר, א סך געלט (תלמודיש פון גריכיש). מאַכן (האָבן) א שיינע אפו־תיקא.

**אפיטרופוס, אפיטרופסים** — אַפּע־קון, פאַרמונד (תלמודיש פון גריכיש). אין אפיטרופוס לעריות — פאַר עריות (זנות) איז קיינער ניט באַ־וואָרנט (תלמודיש). אפיטרופסות.

**אַפילה** [אַפּעילע] — פינצטערניש. חושך ואפילה (שמות י כב).

**אפילו** — כאָטש, זאָגאַר (תלמודיש). אפילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם אל ימנע עצמו מן הרחמים —אפילו אין שווערסטער נויט זאָל מען ניט פאַרלירן דעם בטחון (תלמודיש).

**אַפיקומן** (תלמודיש פון גריכיש). זי האָט זיך איבערגעגעסן מיט אַפּי־קומנם (פון אַנ־אַלטער מויד). ס'קען העלפן ווי אַן אפיקומן צו קדחת.

**אפס** [עפעס] — גאָרנישט, ניטאָ. אפס ותוהו (ישעיה מ יז). „אפס כסף (בראשית מז טו) — מאַכט דער תרגום: שלים" (פאַראָדירט נאָך רש"י), אני ואפסי: עוד (ישיה מז ח)— איך און מער קיי־נער.

**אפר** [עיפער] — שטויב. עפר ואפר. (בראשית יח כז) — אַש און שטויב. שק ואפר (אסתר ד א) — אַ זאַק און שטויב (אַלס צייכן פון טרויער).

**אפרוח אפרוחים** (דברים כב ו) — אַ פייגעלע. אתמול אפרוח עכשיו ביצה? (תלמודיש) — נעכטן אַ פייג־געלע און היינט צוריק אַנ־איי?

**אפרים N.**

**אפשר** [עפשער] — מעגלעך (תלמודיש). אי אפשר — ניט מעגלעך.

**אָץ להעשיר** (משלי כח כ) — „איילט זיך רייך צו ווערן". איך בין ניט קיין אָץ להעשיר" (שלום עליכם).

**אָץ** (אנ־אויסגעטראכטער נאָמען) —אַ יחסן. ר' אָץ'ס אייניקל. זע אלימלך, צ"ץ.

**אצבע** [עצבע], **אצבעות** [עצבאָעס] — פינגער, צייגפינגער. אצבע אלהים (שמות ח טו)—גאָטס פינגער. לא כל האצבעות שוות — ניט אַלע פינגער זיינען גלייך (תלמודישער אייפעמיזם, ווי אַמה).

**אצטגנינות** — אַסטראָלאָגיע (תלמודיש פון גריכיש): זען באַצטגנינות.

**אצטלא** זע איצטלא.

**אַצילות**—„עמאנאציע" (אין קבלה). עולם האצילות. ער איז אין אַצילות (חסידיש).

**אַצירעם** זע עצירות. אַקאָרע זע עקרה.

**אַקדמות** T.

**אַקלים** — קלימאַט.

**אַקשען** זע עקשן. אראָווע זע ערבה.

**אקמצא ובר קמצא חריב ירושלים** — איבער קמצא ובר קמצא איז חרוב געוואָרן ירושלים (תלמודיש).

**אַרבה** — הײשעריק (שמות י ד).

**אַרבע** — פיר. אַרבע כּנפות (דברים כב יב). — „פיר עקן פון קלײד", אַ בגד מיט ציצית. הולך על אַרבע (ויקרא יא כ) — אַ פירפיסלער. ארבע כוסות — פיר בעכער. ארבע כּנפות הארץ, ארבע פינות העולם—פיר עקן פון דער ערד, פון דער וועלט: באַרימט אין ארבע פינות העולם. אַרבע אַמות — פיר אײלן. ארבע מאות = 400. ארבע מיתות בית דין זע מיתה. ארבע פרשיות זע פרשה. ארבעה טורים T. ארבעה מינים — פיר מינים (בײם אתרוג). עשרים וארבע — 24 ביכער, תנ"ך.

**אַרבעים** [אַרבאָאים] — פערציק. ארבעים שנה — 40 יאָר. בן אַרבעים — 40 יאָר אַלט.

**אַרובה, אַרובות** — פענצטער. אַרובות השמים (בראשית ז יא) — די פענצטער פון הימל. כסומא בארובה — ווי א בלינדער אין א לאָך (תלמודיש).

**אָרוך** — לאַנגער. יום הארוך — דער לײנגסטער טאָג.

**אָרון** — שראַנק. 1. ארון קודש (דברי הימים ב׳ לה ג) — דער הײליקער שראַנק, הײליק: כאָטש נעם און שטעל אים אַרײן אין אָרון קודש, זע היכל. די פלשתים האָבן צוגענומען דעם אָרון, 2. אָרון המת = מיטה.

**אַרוסה, אַרוסות** — פאַרלאָבטע (שמות כב טו).

**ארוסין** (עירוסין —◡◡)— פאַרלאָבונג.

**אָרור, אַרורים** — פאַרשאָלטן. אָרור המן (סידור). אָרור עושה מלאכת שמים ברמיה—פאַרשאָלטן דער וואָס טוט אַ הײליקע אַרבעט מיט פאַלשקײט (תלמודיש). אַרורים הרשעים שאין טובתם שלימה (תלמודיש) —פאַרשאָלטן זאָלן זײן די רשעים, זײער טובה איז ניט אויפריכטיג. ניט וויסן פון אָרור המן ביז ברוך מרדכי, זע: חייב.

**אַרורה**— די פאַרשאָלטענע. אַרורה זרש (סידור). (פון א ווײב:) בײ זײנער ארורה. אַרורה'נען. אַרורות (רבים פון ארורה).

**ארז** [ערעז], **אַרזים** [אַראָזים]—צעדערבױם. אם בארזים נפלה שלהבת — ווען די צעדערן ברענען (ווען גרױסע באַנקראָטן). אַרזי הלבנון T.

**ארחי ופרחי**—וואַגאַבונדען, נע־ונד־ניקעם (תלמודיש).

**אַרי, אַריה, אַריות**—לײב (שופטים יד יח). אַרי שבחבורה—דער גרעסטער פון דער חברה. אין הקומץ משביע את הארי—אַ זשמעניע זעטיגט ניט אַ לײב. אין משיבין את הארי לאַחר מותו—מען ווידערלײגט ניט אַ לײב נאָך זײן טויט. גבור כּאַרי—שטאַרק ווי אַ לײב. הוי זנב לאַריות ואל תהי ראש לשועלים, זע זנב (תלמודיש). אַריה = לײב N. אַר"י = אַדונינו רבי יצחק לוריא (1533-1572).

**אַריכות**—די לײנג. אַריכות ימים ושנים—אַ לאַנג לעבן. באַריכות— אויספירלעך (היפך: בקיצור), זע אָרוך, מאַריך.

**אָרים**—אַרענדאַטאָר (תלמודיש פון גריכיש). אַריסות.

**אֶרך אפים** — לאַנגמיטיקער, ווייכער (משלי יד כט). אל ארך אַפים — טיטל פון גאָט.

**אָרל** זע **ערל**.

**ארם** [אראם ◡—] —סיריע N. לבן הארמי—לבן דער אַראַמייער N. אַרמית—אויף אַראמייאיש.

**אַרעאָ**—ערד. כעפרא דארעא, מלכותא דארעא, סדנא דארעא (זע).

**אָרעמיקלעט** זע **ערי מקלט**. **אָרעוו** זע **ערב**.

**ארץ** [ערעץ]—לאַנד, ערד. ארץ זבת חלב ודבש (שמות ג ח)—א לאַנד וואו עס רינט מלך און האָניק. ארץ אוכלת יושביה(במדבר יג לב) — אַ לאַנד וואס עסט אויף אירע איינוואוינער. ארץ ישראל: ארץ=ישראל = פּעדים, ארץ = ישראל׳דיקע אתרוגים. עם הארץ, חוץ לארץ.

**אָרצה** — אין דר׳ערד (בראשית יח ב). ליג אין ארצה (אַ קללה).

**אַרצות** [אראָצעס] — רבים פון ארץ׳ ד׳ ארצות — די פיר לענדער (גרויס פּוילן, קליין פּוילן, פּאָדאָל און וואָלין). ארצעחצופּיסקע זע **חצוף**. אַרצע=מעכוּצע פּאנים זע **מחוּצף**.

**אש** [עיש] — פייער. אש להבה (איכה ב ג) — פלאַם=פייער. ער איז אויף איינעם אש להבה. אש תוקד בקרבי — אַ פייער ברענט אין מיר (סידור). אש אוכלה (דברים ד כד) — פון אַ כעסן. בורא מאורי האש T.

**אשה** [אישע] —פרוי. אשה צנועה (זע). אשה כלי זיינה עליה — אַ פרוי האָט איר כלי=זיין אויף זיך (ד. ה. איר שיינקייט). אשה מכרת באורחים יותר מן האיש — אַ פרוי שעצט אָפּ אַן אורח בעסער ווי אַ מאַן. אשה רעה צרעת לבעלה — אַ שלעכטע פרוי איז אַ צרעת פאַר איר מאַן (תלמודיש). זע **אשת**, **נשים**.

**אַשירים** זע **עשירים**

**אַשכּנז** [אַשקנאַז] — דייטשלאַנד, דייטשע אידן. אין בראשית י ג איז „אשכנז׳ דער זון פון „גומר״. און „גומר״ האָט שוין דער תרגום ירושלמי איבערזעצט מיט „גרמניא״.

בני אשכנז, לשון אשכנז, נוסח אש=כנז. אשכנזי, אשכנזים (היפך: ספרדי)

**אָשם** — שולדיק. אבל אשמים אנחנו (בראשית מב כא) — אָבער מיר זיינען שולדיק. קרבן אשם.

**אַשמדאי** (תלמודיש פון פערסיש). אַלטער אשמדאי.

**אשמורה** — די נאַכט=וואַך. אשמורת הבוקר (שמות יד כד)—מאָרגן=וואַך.

**אָשמנו** T.

**אַשפּה** (לויט תהלים קיג ז) מיסט (פון שלעכטער סחורה).

**אשקא דריספּק חרוב ביתר** — איבער אַ קלייניקייט איז חרוב געוואָרן ביתר (תלמודיש).

**אָשר** N.

**אַשר** — וועלכער, וואָס. את אשר יאהב ה׳ יוכיח (משלי ג יב)—וועמען גאָט ליבט, דעם שטראָפט ער. „בלינ=צעם אשר לא בלינצו אבותינו, שפּאַ=קעם אשר לא שפּאקו אבותינו״ (שלום עליכם, לויט דניאל יא כד: ועשה אשר לא עשו אבותיו ואבות אבותיו).

**אשר יצר** T. אשר=יצר= פּאַפּיר. זע **באשר**.

**אַשרי** — וואָיל. אשרי יושבי ביתך T. אשרי תמימי דרך T. אשרי ובא לציון T. קלאָר ווי אַ איד אין אשרי. אשרי יושבי ביתך („וואָיל די וואָס זיצן אינדערהיים״) איז דער בעסטער

האנדל. אשרי אדם מפחד תמיד (משלי כח יד) — וואויל דעם מענטשן, וואס האט תמיד מורא.
אשרי המחכה (דניאל יב יב) — וואויל דעם ווער עס וואַרט. אשרי המאמין (פון רוסיש) — וואויל דעם, ווער עס גלויבט. אשרי יולדתו — וואויל צו זיין מוטער (תלמודיש). אשרי עין ראתה כל אלה (סידור) — וואויל דעם אויג, וואס האט דאס אַלץ געזען. אשריך וטוב לך (תהלים קכח ב) —וואויל און גוט איז דיר. אשריך ישראל (דברים לג כו) — וואויל דיר, ישראל. אשריכם (סידור)—וואויל איז צו אייך.

**אשת** [עישעס] — „די פרוי פון...״ אשת איש (משלי ו כו): אשת איש טרייבן (זיין, ווערן) — מזנה זיין. אשת־איש'ניק, אשת־איש'ניצע. אשת חיל (משלי לא י) — אַ בריה'טע. אשת חבר כחבר, אשת לסטים כלס־טים — די פרוי פון אַ געלערנטן איז ווי אַ געלערנטער, די פרוי פון אַ גזלן איז ווי אַ גזלן. אשתו כגופו—זיין ווייב איז ווי ער אַליין (תלמודיש).

**אשתקד** [עשטאַקעד—◡◡] — פאַראַיאָרן (תלמודיש).

**את צמח T.**

**את־בש** [אטבאש ◡—] — אַ מין פאַר־שטעלטע שריפט (א — ת, ב — ש, ג—ר א. א.וו.) אין ירמיה נא א. מא: לב קמי=כסדאי, ששך=בבל (תלמודיש).

**אַת, אַתה** — דו (בראשית ו יח). אתה אחד T. אתה בחרתנו T. — דו האסט אונז אויסדערוויילט. די אתה בחרת'ניקעס. אתה בחרתניזם. אתה גבור T. אתה הראיתה T. אתה חוננתנו T. אתה יצרת T. אתה נגלית T. אתה קדוש T.

העברייאיזמען.

**אָתון**—עזעל. בלעם'ס אָתון. ויפתח את פי האתון (במדבר כב כח) — ער האט געעפנט דעם אייזל דעם מויל.

**אַתחלתא** [אַסכאַלטע] — אָנהייב. אתחלתא דגאולה—דער אָנהייב פון דער גאולה (תלמודיש). זע התחלה.

**אַתם** — איר. גם אתם (ענטפער אויף אַ וואונטש).

**אתמול** [עסמאָל] — נעכטן (תהלים צ ד).

**אתנחתא** [עסנאַכטע] — פון די טעמים אין תנ"ך, אַנ־אָפּשטעל. מאַך אַנ־אתנחתא! (צו אַ פּלאַפּלער).

**אתנן זונה** (דברים כג יט) — דאָס באַצאָלט פון אַ זונה.

**אתערותא** — דערוועקונג, אינספּיראַ־ציע. אתערותא דלעילא, אתערותא דלתתא (חסידיש) — אויבערשטע, אונטערשטע דערוועקונג.

**אסר** אסאַר ◡—], אתרא [אסרע] — אַנ־אָרט (עזר ה טו). בכל אתר ואתר (סידור) — אין יעדן אָרט. מרא דאתרא, מריה דאתרא—דער רב.

**אתרוג** [עסראָג], אתרוגים -— אַ מין פרוכט (תלמודישע איבערזעצונג פון „פרי עץ הדר" ויקרא כג מ). שיין און פריש ווי אַנ־אתרוג. אתרוגים נאָך סוכות. „לולב און אתרוג" (אַ ניט פּאַסיגע פּאָר פערד).

# ב.

**ב** — דער צווייטער אות אין אלף־בית קומט פאַר מיט אַ דגש (הייסט „בעיס") און אָן דגש (הייסט „וועיס"). ב' = 2, ב' פעמים. יום ב' — מאָנטיק. מלכים ב' — דאָס צווייטע בוך מלכים. זע: בית.

**ב** — (אַנ־אות השימוש אין העברייאיש) — מיט, אין, גיין בקאָמפּאַניע. בגוואַלד

אסימילירן. זיי זענען גלייך בכּאראַק־טערן, „על חטא שחטאתי לפניך בנישט פאָלגן אַ טאַטן" (שלום עליכם). משכון בבית שלום בקעשעניע, נותן בצימבל הולך בטענצל, געוואָרן מיט אים קנעפּל בקנעפּלדיק. זע שב־.

**באָ** — געקומען. באָ בימים (בראשית כד א) — געקומען אין די יאָרן. ברוך הבאָ — געבענטשט דער געקומענער. באָ הרוג ברגליו — דער גע'הרג'עטער איז געקומען אויף זיינע פיס. בא להרגך השכם להרגו — איז ער געקומען דיך צו טייטן טייט אים פריער (תלמודיש). זע באו, הבא.

**באהבה** [בעאהאווע ◡—◡◡] — מיט ליבע. מקבל באהבה זיין. ער טראָגט די יסורים באהבה.

**בא'הבנ'ט** [באהאוונט] זיין — פאַרשטיין. זע הבנה.

**באו** [באָאו] — זיינען געקומען. באו בנים עד משבר וכוח אין ללידה (מלכים ב' יט ג) — קינדער זיינען געקומען ביז צו דער געבערמוטער, און ס'איז ניטאָ קיין כוח צו געווינען. באו מים עד נפש (תהלים סט ב) — נעקומען די וואַסער ביז צו דער נשמה.

**באַוואָנאָסעינו** זע בעוונותינו.

**באונס** — געצוואונגען, על פי מוז. באונס וברצון (סידור) זע אונס. תחילתה באונס וסופה ברצון — אין אָנהייב געצוואונגען און צום סוף ווילנדיק (תלמודיש).

**באותו** — אין יענעם. באותו מעשה, באותו מקום, באותו ענין, באותו פעם, באותו רגע, באותו שעה — אין יענער מעשה, אין יענעם אָרט, אין יענעם ענין, אין יענעם מאָל, אין יענער צייט. זע: אותו.

**באין** [בעעין◡—] — ווען ס'איז ניטאָ. באין אופן. באין ברירה.

**באיסור** זע איסור.

**באַכעינען** = בא'חנ'ען, זע חן. באָכער זע בחור. באל זע בעל.

**באַלכסון** [באלאכסן] — דיאַגאָנאַל. קוקט באלכסון (פון א קאָסאָקן).

**באלן** זע בעלן.

**באַלעבאָס** = בעל הבית: באַלעבאַטים, באַלעבאַטיש, באַלעבאַטישקייט, באַלע־באַטעווען, באַלעבאָסטע, באַלעבעסל.

**באַלעגאָלע** = בעל עגלה.

**באלף** [גּעעלעף] **מחילות** — „מיט טויזנט מחילות", דער אחור (אייפעמיזם). זיין באלף, דער באלף מחילות. לעקן אין באלף מחילות. זע מחילה.

**באם** [בעאים ◡—] — אויב, טאָמער. באם לאו, ובאים לאו — ווען ניט. באם חלילה עם פאַלט אַראָפּ... זע אם.

**באמונה** [בעעמונע] — מיט דעם גלויבן. אַרבעטן, עוסק זיין בצרכי ציבור באמונה — געטריי אַרבעטן פאַר ציבור. שווערן באמונה. זע אמונה.

**באמצע** [בעעמצ ע — אין מיטן. יד נכריי באמצע — א גוי האָט זיך אַריינגעמישט (תלמודיש). זע אמצע.

**באמת** — אין דער אמת'ן (ירמיה כו טו). באמת געגאָסן (אפשר אַ פאַרקירצונג פון „באם אמת") — זאָגט מען, ווען איי־נער ניסט בעת אַ געשפּרעך.

**באָם** זע בת. **באסר** ווערדאם זע בשר.

**באַ'עוולה'ן** זע עוולה.

**באר שבע** N.

**באַריכות** זע אַריכות.

בארמענען זע בר מינן.

**באשר** [באישער] — וויל (בראשית לט ט). באשר דו ווילסט. באשר וואָס מע שרייבט, איז דערפון געדרונגען?.. „באשר בכן ער האָט עפּעס אַ פּקדון" (פּרץ).

**בבא** — „די טיר", אַ טייל פון אַ בוך. בבא קמא [באָווע קאַמע], בבא מציעא, בבא בתרא — ערשטער, מיטעלער, לעצטער טייל (תלמודיש) T.

**בבחינת** — „אין דעם באַגריף פון", זיין בבחינת בהמה. זע בחינה.

**בבירור** זע בירור.

**בבת אחת** — „אין איין מאָס", אויף איין מאָל (תלמודיש).

**בגד** [בעגעד], **בגדים** [בגאָדים] — קלייד (בראשית כד נג). צונויפגעסטריגעוועט אַ בגד. סקאַרפּעטקע — אַ בגד! בגד עליון — אויבערקלייד. בגדי [ביגדע] חמודות — שיינע קליידער (בראשית כז טו). בגדי קודש (שמות שח ב) — הייליקע קליידער (די אַכט בגדי כהונה). בגדי חול — וואָכעדיקע קליידער. בגדי שבת ויום-טוב — שבת'דיקע קליידער. בגדי כבוד — ערנקליידער. בגדי מלכות — מלך'ס קליידער.

**בגדר** — „אין דעם באַגריף", זע גדר. בגדר הנמנע — אין דעם באַגריף פון אוממעגליכעס. דאָס איז בגדר יהרג ולא יעבור — פון יענע עבירות וואָס מע טאָר ניט עובר זיין אפילו ווען עס דרויט דער טויט. בגדר אנושי — וואָס איז מענטשלעך.

**בגו** [בגאָוו] — דרינען (עזרא ה ז) זע גו. דברים בגו — עפּעס איז דאָ פאַראַן (תלמודיש).

**בגידה בגידות** — פאַראַט. בגידה במלכות — מלוכה = פאַראַט. אַ בגידה קעגן אידנטום. זע בוגד.

**בגילוי ראש** — מיט אומבאַדעקטן קאָפּ. אסור לילך ד' אמות בגילוי ראש — מען טאָר ניט גיין פיר איילן מיט אַ בלויזן קאָפּ (תלמודיש). זע גילוי, קלות.

**בגילופין** — „ווי אַ גולם", ד. ה. שיכור. דער עולם איז אַביסל בגילופין. בגילופין'דיק (תלמודיש פון גריכיש).

**בגימטריא** [בגימאַטריע] — לויט דעם חשבון פון די אותיות (תלמודיש פון גריכיש). „גט" איז בגימטריא 12, דרום מוז ער האָבן 12 שורות.

**בגלוי ובסתר** — אָפן און פאַרבאָרגענערהייט (סידור) זע: גלוי, בנגלה בסתר.

**בגניבה** — שטילערהייט, בסוד, בשתיקה. זע גניבה.

**בגרות** [באַגרעס] — רייפקייט. סימני בגרות — די צייכן פון רייפקייט (תלמודיש). תעודת בגרות — רייפעצייגנים. 2. אַ דערוואַקסן מיידל (מע שרייבט אויך „בוגרת"), זי איז שוין אַ בגרות! זע: בוגרת.

**ב"ד** = בית דין.

**בד"א** — במה דברים אמורים.

**בדאי** [באַדאַי] — ליגנער, שקרן (לויט מלכים ב' יב לג). כך ענשו של בדאי: אפילו אמר אמת אין שומעין לו — די שטראָף פון אַ ליגנער: אפילו ווען ער זאָגט אמת, גלויבט מען אים ניט (תלמודיש). זע בדותא.

**בדד** [באָדעד] — איינער אַליין (ויקרא יג מו). לבדד (במדבר כג ט) — איינער אַליין.

**בדוחק** — אין נויט. לעבן בדוחק. זע דוחק.

**בדוק ומנוסה** — אויספראָבירט (אין די אַלטע מעדיציניש ביכער פון אַ רפואה).

**בדותא** — אַ ליגן, זע **בדאי**.

**בדחילו ורחימו** — מיט מורא און ליבע (סידור: צוגיין צום זאַך בדחילו ורחימו.

**בדחן** (באַדכען), **בדחנים** (באַדכאָנים) — ווערטל־זאָגער. בדחנות. זע: **מבדח זיין**.

בדידי הוה עובדא — מיט מיר אַליין האָט דאָס פּאַסירט (תלמודיש).

**בדיוק** [בּדי־יוק] — גענוי, בדיוק׳דיק.

**בדיחותא** [—◡◡] — הייטערקייט. מילתא דבדיחותא—אַ שפּאַס, בדיחא דעתיה—ער איז אין אַ הייטערער שטימונג (תלמודיש).

**בדיל הדל** [האַדאל ◡—] — זייער אָרעם (תלמודיש). בדיל הדל ווערן. זע **בדלות**.

**בדיעבד** — „ווען ס׳איז שוין געמאַכט" (היפך: לכתחילה).

**בדיעה** האָבן, זע **דיעה**, בדיעה אחת — איינשטימיג.

**בדיקה, בדיקות** — אונטערזוכונג. שחיטה ובדיקה—די שחיטה און אונטערזוכונג פון פליש. בדיקת חמץ, בדיקת הריאה —אונטערזוכונג פון חמץ, פון לונג.

**בדלות** בּדאַ לעס — אין „אָרעמקייט". בין איך בדלות! פון קליין פרנסה ווערט מען ניט בדלות. סופּערלאַטיוו: בדלי־דלות [בּד אַלע־דאַלעס — זעהר אָרעם. זע: **בדיל־הדל, דלות**.

**בדליכא שאני** — ווען ניטא, איז אַנדערש (תלמודיש).

**בדמים** זע **דמים**.

**בדמעות שליש** (תהלים פ ו) — מיט אַ מאָס טרערן. וויינען בדמעות שליש.

**בדק הבית** (מלכים ב׳ יב ו) —רעמאָנט. אַ פּושקע „לבדק הבית".

**בדק׳ענען** זע **בודק**.

**בדרא** — „אין דור". חד בדרא — איינער אין דור (תלמודיש). [מע זאָגט כּאַדבּאַדרע, כאַדבּאַדרעס]. זע **דור**.

**בדרך** „אין וועג", זע **דרך**. בדרך הטבע — נאַטירלעך. בדרך אגב, בדרך הליכה — פאַרבייגייענדיק. בדרך כלל — אַלס אַ כלל, קען מען זאָגן, אַז... בדרך הלצה — אין שפּאַס. בדרך משל — למשל. בדרך שאדם רוצה לילך, בה מוליכין אותו — וואו דער מענטש וויל גיין, דאָרט פירט מען אים (תלמודיש).

**ב״ה** = ברוך השם, בעזרת השם.

**בה״ב**[בּהאַוו], פאַסטן בה״ב — מאָנטיק דאָנערשטיק און נאָכאַמאָל מאָנטיק.

בהדי כבשי דרחמנא למה לך — וואָס מישסטו זיך אין גאָטס סודות? (תלמודיש).

**בהדיא** [בּהעדיע] — בפירוש.

**בהדרגה** [בּעהאַדראָגע] — ביסלעכווייז, שטופּנווייז.

**בהול** [בּאָהול] — האָט מורא. אדם בהול על ממונו (תלמודיש) — אַ מענטש האָט מורא פאַר זיין געלט.

**בהילות** — איילקייט (לויט עזרא ד כג). בבהילות — איליג.

**בהיסח הדעת** — אומדערוואַרטעט (תלמודיש). זע **היסח**.

**בהיר** [בּאָהיר] — לייכטנדיק. זע **ברה כחמה**.

**בהיתר** זע **היתר**.

**בהכרח** [בּעהעכרעך] — געצוואונגענער־הייט. לא בהכרח כי אם ברצון — ניט געצוואונגענערהייט, נאָר ווילנדיק. זע **הכרח**.

**בהלה, בהלות** — פלוצלעכער שרעק, סומאַטאָכע (ויקרא כו טז) אַ בהלה, אַ ליאַרעם, הימל עפן זיך! די בהלות אין ניקאַלאַי'ס צייטן (בשעת מע האָט איינגעפירט מיליטערפליכט). די ידיעה האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע בהלה.

**בהלוואה** — לייענדיק, בתורת הלוואה. זע הלוואה.

**בהמה בהמות** (בראשית ג יד) — 1. פי. בהמה גסה — גרויס פי, בהמה דקה — קליין פי (תלמודיש). 2. אַ קו. מעלקן די בהמה. 3. אַ טיפש. אַ כשר'ע בהמה, אַ גרויסע בהמה. בהמה בצורת אדם — אַ בהמה אין געשטאַלט פון אַ מענטשן (שוין באַקאַנט דעם רמב"ם, אפשר א פשט אויף «עיר פרא אדם» אין איוב יא יב). בהמה בצורת פערד (פאַראַדירט דער פריערער מאמר).

**בהן** זע הן. **בהסכם** זע הסכם.

**בהעלותך** T. דרייט זיך ווי רש"י אין בהעלותך.

**בהר** T. **בהרחבה** זע הרחבה

**בו** — אין אים. ביז י"א בו (ד. ה. ביז דעם 11-טן טאָג אין דעם דאָזיגן חודש) קליינע פרעסט. בו ביום — אין דעם זעלביגן טאָג.

**בוא** T.

**בואי** — קום אַריין! בואי בשלום, בואי כלה (סידור) — „קום אַריין אין פרידן", „קום אַריין, כלה" (די ווערטער אין קבלת שבת זאָגט מען מיט אַ פאַרבייגונג, ווייל מע באַגריסט דערמיט די כלה שבת). מאַכן אַ בואי בשלום, אַריינגיין מיט אַ בואי כלה — מאַכן אַ פאַרבייגונג.

**בוגד, בוגדים** — פאַררעטער (ישעיה כא ב). בוגד זיין — פאַראַטן. בוגד במלכות — אַ שטאַאַטספאַררעטער. זע בגידה.

**בוגרת** [באָגרעס] — אַ דערוואַקסן מיידל (לויט דעם תלמוד פון 12½ יאָר). בתך בוגרת, שחרר עבדך ותן לה — איז דיין טאָכטער אַ בוגרת, טאָ באַפריי דיין קנעכט און גיב איר (ד. ה. מאַך איר חתונה, תלמודיש). זע בגרות.

**בודד, בודדים** — איינזאַם (תהילים קב ח). זע בדד, מתבודד.

**בודק זיין** — זוכן (תלמודיש). בודק חמץ זיין. בודק זיין אַ געקוילעטע בהמה, בדק'ענען. שוחט ובודק. בודק זיין די עדות. בוחן ובודק — דער וואָס פרובט און זוכט (אַלס טיטל פון גאָט, סידור). מען איז בודק, צי ער טראָגט ציצית. זע בדיקה.

**בוודאי** = אוודאי — געוויס, זיכער.

**בוחן כליות ולב** (ירמיה יא כ, טיטל פון גאָט) — דער וואָס פרובט די נירן און דאָס האַרץ. בוחן ובודק — דער וואָס פרובט און זוכט (סידור, טיטל פון גאָט).

**בוחר זיין** — אויסוויילן (שמואל א' כ ל). קהל האָט אים בוחר געווען.

**בוטח** [באָטעאַך] — דער וואָס איז זיכער (שופטים יח כג).

**בולט** — אַרויסשטאַרצנדיק, רעליעף (תלמודיש).

**בולע** [באָלעאַ] **זיין** — איינשלינגען (שמות ז יב). זע מבליע.

**בועז** N.

**בועל** — וואָס נעמט אַ פרוי (ישעיה נד ה). זע בעילה.

**בור, בורים** — גראָבער מענטש, עם הארץ. אין בור ירא חטא — אַ בור איז ניט קיין פרומער (תלמודיש). בור דאורייתא — אַן-עם-הארץ אין תורה. דברי בורות — עם-הארצות.

**בוקר, בקרים** [בקאָרים] — מאָרגן. ויהי ערב ויהי בוקר (בראשית א ה) — עס איז געווען אָוונט און עס איז געווען מאָרגן. מבוקר עד ערב — פון פרימאָרגן ביז אָוונט. חדשים לבקרים — נייס יעדן מאָרגן (איכה ג כג).

**בור, בורות** — ברונים, גרובּ. הבור ריק (בראשית לז כד) — די גרוב איז ליידיק. בור סיד — אַ געקאַלכטער ברונים (תלמודיש, טיטל פון אַ בעל זכרון). אין הבור מתמלא מחוליתו — אַ ברונים פילט מען ניט אָן מיט דעם אויסגעגראָבענעם (תלמודיש).

**בורא** — באַשעפער. בורא שמים (ישעיה מב ה), בורא עולם, דער בורא — טיטל פון גאָט. השגחת הבורא — פאָרזעאונג. בורא מאורי האש T. מאַכן אַ בורא מאורי האש (= אַ להדליק) — אונטערצינדן. בורא מיני בשמים T. בורא מיני מזונות T. אַ בורא מיני מזונות׳ל (מענדעלי) בורא נפשות T. בורא פרי האדמה T. בורא פרי הגפן T. בורא פרי העץ T.

**בורח** [באָרעאַך], **בורחים** — אַנטלאַפענער (יונה א י), באַנקראָט. זע ויברח.

**בורסקי** — „גערבער", בור, עם הארץ (תלמודיש).

**בורר, בוררים** — דער וואָס וויילט. זע בורר לו אחד וזה בורר לו אחד ושניהם בוררים להן עוד אחד (תלמודיש) — איין בעל דין וויילט איין ריכטער, דער אַנדערער דעם אַנדערן, און ביידע וויילן נאָך איינעם. בוררים געריכט — אַ געריכט פון געוויילטע דיינים. בורר (אַנשטאָט ברור) — אַ געוויילטער ריכטער. „רופן די בייטש פאַר אַ בורר" (פרץ). בוררות.

**בושה** — שאַנד (תהילים פט מו), קיין בושה און קיין חרפה. בושה אָן אַ זייט.

**בושת** — שאַנד. בושת פנים (דברי הימים ב׳ לב כא). כבושת גנב (ירמיהו ב כו) — ווי אַ גנב שעמט זיך.

**בזבוז** זע **ביזבוז**.

**בזדון** [בזאָדן] — בכיוון אומישנע (דברים יז יב). היפך: בשגגה. בזדון ובשגגה — אומישנע און אומגערן (סידור). זע **במזיד**.

**בזה הלשון, בזה ובבא** זע **זה**.

**בזוי** (באָזוי), **בזויים** — פאַראַכטעט. בזוי ומבוזה מאַכן זע **מבוזה**. חכמת המסכן בזויה — די חכמה פון אָרעמאַן איז פאַראַכטעט (קהלת ט טז). ס׳איז אַ פרנסה בזויה.

**בזול** — וואָלוועל (היפך: ביוקר), זע **זול**

**בזיון** [ביזאָיען], **בזיונות** — פאַראַכטונג, באַליידיגונג. וכדי בזיון וקצף (אסתר א יח) — עס וועט זיין גענוג בזיונות און צאַנקערייען. אַ בזיון צו זאָגן. בזיון [ביזיען] (= חילול) — באַליידיגונג פון... בזיון הקודש, בזיון המתים — פאַראַכטונג פון הייליקייט, פון מתים. ביזוי בזיונות (סופערלאַטיוו). זע **ביזוי**.

**בזיל הזול** זע **זול**.

**בזכות** — צוליב. בזכות זה — דערפאַר. זע **זכות**.

בזעת אפיך תאכל לחם (בראשית ג יט) — אינם שוויים פון דיין פנים וועסטו עסן ברויט.

**בחברותא** זע **חברותא**.

**בחדר״ג** = בחרם דרבינו גרשום.

**בחדרי חדרים** זע **חדר**. **בחוקותי** T.

**בחומר ובלבנים** ארבעטן (שמות א יד) — שווער, זע **חומר**.

**בחוסר כל** זע **בעירום.**

**בחור** [באָכער], **בחורים** [באָכערים —◡◡] — יונגער מאַן (פאַר דער חתונה) (שופטים יד י), אָרעם בחור, ישיבה בחור, בחור וויז, אַ בחור כארזים (וואָרטשפּיל לויט שיר השירים ה טו). אַ בחור כהלכה (וואָרטשפּיל לויט אַ טעקסט פון סידור). אָן מיר: איך בין אַ בחור! אשה אוהבת בחור מסכן מזקן עשיר — אַ פרוי ליבט בעסער אַן=אָרעמען בחור איידער אַ רייכן זקן (תלמודיש) . בחור'עץ, בחור'טע, אַ באַכטיור, יענטע בחור'ט זיך.

**בחוש** — באַשיינפּערלעך, בחוש ובעין — מיט דעם חוש און דעם אויג. זע **חוש.**

**בחזקה, בחזקת היד** (ישעיה ח יא) — מיט דער שטאַרקייט פון האַנד. בחזקת סכנה — געפערלעך זע **חזקה I. און II.**

**בחינה, בחינות** — 1. פראָבע עקזאַ=מען, (זע **בוחן**). — 2. באַגריף. זיין בבחינת בהמה — ווי אַ בהמה. אין דער בחינה פון נים ולא נים — ווי אַ דרעמלדיקער. די בחינה פון אַחוריים ( חסידיש ).

**בחינם** — אומזיסט. בחינם אין כסף — אָן באַצאָלט (ישעיה נב ג: חינם ולא בכסף). בחינם בלא דבר, בחצי חינם — אומזיסט. זע **חינם.**

**בחיר** — אויסדערווילטער, בחיר ה׳ (שמואל ב׳ כא ו) — דער אויסדער=ווילטער פון גאָט.

**בחירה** — אויסוואַל, ברירה. די פרייע בחירה האָבן. בית הבחירה — דער בית המקדש. בחירות — וואַלן.

**בחנם** זע **בחינם. בחסד** זע **חסד.**

**בחפזון** (שמות יב יא) — אין איילעניש.

**בחצוצרות וקול שופר** (תהילים צח ו) — מיט טראָמפּייטן און שופר. אופטרעטן בחצוצרות וקול שופר.

**בחרבי ובקשתי** (בראשית מח כב) — מיט מיין שווערד און פאַלנבויגן. גענומען בחרבי ובקשתי.

**בחרי אַף** (שמות יא ח) — אין גרימ=צאָרן, זע **אף.**

**בחרם** זע **חרם.**

**בחרפה** [בעכאַרפע] (איוב טז י) — „מיט שאַנד“. שטעלן בחרפה. בחרפתנו [בעכערפאָסעינו] האָט ער געמוזט אָנ=קומען צו... זע **חרפה.**

**בחשאי** — שטילערהייט (תלמודיש).

**בטבע** [בטעווע] — לויטן כאַראַקטער. „בטבע בין איך אַ פתי יאמין“ (שלום עליכם), זע **טבע.**

**בטוח** [באָטואַך] בטוחים (תהילים קיב ז) — אַ זיכערער, קרעדיטפייאיגער. בטוחות — גאַראַנטיע.

**בטח** [בעטאַח] — זיכער (דברים יב י).

**בטחון** — האָפנונג, זע **ביטחון.**

**בטל** [באָטל], **בטלים** [בטעילים] 1. ניש=טיק [עזרא ב כד]. דבר בטל, דברים בטלים — נאַרעשקייטן. סופּערלאַטיוו: בטל ומבוטל, בטלין ומבוטלין (סידור) — צעשטערט. בטל ברוב, בטל בשישים ווערן — צעגיין אין מער=הייט, אין זעכציג טיילן (תלמודיש). בטל מאַכן אַ גט. 2. ליידיק גייער. יושב בטל, עובר בטל — זיצט, גייט אָן אַ באַשעפטיקונג. זע **בטלן.**

**בטלה** [באַטאָלע] — דאָס ליידיג=גייען. הבטלה מביאה לידי זימה — דאָס ליידיק גייען ברענגט צו אומצוכט. שכר בטלה — שכר פאַר נישט טון. לבטלה — אומזיסט (תלמודיש) זע **לבטלה.**

**בטלן** [באַטלען], **בטלנים** [באַטלאָנים] — נישט טויגער. איזה עיר גדולה? — כל שיש בה עשרה בטלנים — וואָס הייסט א גרויסע שטאָט? — אין וועלכער עס איז פאַראַן צען בטלנים (תלמודיש). די עשרה בטלנים. איר זייט אַלע בטלנים און באַלטאָנים (רוסיש, וואָרטשפּיל). בטלנות.

**בטל׳ען** — מבטל מאַכן. אויס׳בטל׳ען אַלע בייזע חלומות צו זיין קאָפּ. זע **מבטל.**

**בטן** [בעטען] — בויך. שני גוים בבטנך (בראשית כה כג)—צוויי פעלקער אין דיין בויך. מבטן אמי (שופטים טז יז), מבטן ומלידה, מלידה ומבטן (הושע ט יא) — פון געבורט אָן. זע **מלידה, מרחם.**

**ביאה** — 1. דאָס קומען. ביאת המשיח. 2. (אייפעמיזם) — בײשלאָף. האשה נקנית בכסף בשטר ובביאה — די פרוי ווערט דערוואָרבן דורך געלט, שטר און ביאה (תלמודיש). אין אשה מתעברת מביאה ראשונה (תלמודיש — אַ פרוי ווערט ניט מעוברת פון ערשטער ביאה. רבים: בעילות.

**ביאור, ביאורים** — דערקלערונג, קאָמענטאַר. הרחבת הביאור — אַ ברייטע דערקלערונג. מענדלסאָנס ביאור. זע **מבאר.**

**ביד** [בעיאַד ◡—] — אין האַנט, מיט דער האַנט. האָבן ביד צו מאַכן (זיין בכוח). ביד חזקה (שמות ו א) — מיט שטאַרקער האַנד. ביד רמה (שמות יד ח) — חוצפּא׳דיק. ביד רחבה — פרייגיביג. איך האָב אים מקבר געווען בידי — מיט מיין אייגענער האַנט. אַרויסשטויסן (מאבד זיין) בידים. בידים ריקניות — מיט פוסטע הענט. זע **יד.**

**בידוע** זע **ידוע.**

**ביודעים** — וויסנדיק. ביודעים ובלא יודעים (סידור).

**ביום** פקדי ופקדתי (שמות לב לד) — אינם טאָג פון דערמאָנען וועל איך אים דערמאָנען.

**ביוש** (בי—יוש) — דאָס שעמען זיך. שטעלן אין ביוש. מחמת ביוש — פון בושה. זע **מבייש.**

**ביזבוז** — פאַרשווענדונג. זע **מבזבז.**

**ביזוי** — באַליידיקונג, פאַראַכטונג. ביזוי אוכלין, ביזוי מצוה — פאַראַכטונג פון עסנוואַרג, פון אַ מיצווה (תלמודיש).

**ביזיון** זע **בזיון.**

**ביחד** [בעיאַכאַד] — אינאיינעם.

**ביחיד** [בעיאָחיד] — איינער אַליין. דאַוונען ביחיד (היפך: בציבור) זע **יחיד.**

**ביחידות** — ביחיד.

**ביטול** — פאַרניכטונג. ביטול חמץ — דאָס בטל מאַכן דעם חמץ. ביטול היש — פאַרניכטונג פון דער וועלט, סקעפּטיציזם. ביטול תורה — דאָס נישט לערנען.

**ביטחון** [ביטאָכן] — האָפנונג (קהלת ט ב). פאַרלירן דעם ביטחון. מיין ביטחון איז צעקראָכן.

**ביישן** [באישן], **ביישנים** [באישאָנים] — אַ שעמעוודיקער. ביישנ׳טע, ביישנית. ביישנות — שעמעוודיקייט. לא הביישן למד — אַ שעמעוודיקער לערנט ניט (תלמודיש).

**ביכולת** זיין — זיין בכוח. זע **יכולת.**

**בילבול** **בילבולים** — אַנ־אויסגע־טראַכטע באַשולדיקונג. המן׳ס בילבול. אויסשטיין אַ בילבול. בלוט בילבול, ממזר בילבול, שקר בילבול זע **עלילה.**

**בימה, בימות** — שטענדער, באַלע־מער (תלמודיש).

**בימי** [בימעי ◡ —] — אין די טעג פון (אסתר א א). בימי ניקאָלאי דעם ערשטן. בימים ההם (יחזקאל לח יז) — אין יענע טעג. בימינו — אין אונזערע טעג זע ימים.

**בין** [בעין] — צווישן. בין אדם לחברו, בין אָדם למקום — צווישן מענטש און מענטש, צווישן מענטש און גאָט (תלמודיש). בין המצרים (איכה א ג) — בין שבעה עשר בתמוז לתשעה באב (תלמודיש). בין הזמנים — די קאַניקולעם (זע זמן). בין הערבים (שמות טז יב) — אין אָוונטדעמערונג. בין השורות זע שורה. בין השמשות אינאָוונט. בין כסא לעשור — צוויש ראש השנה און יום כיפור, עשרת ימי תשובה. בין כך וכך — אונטערדעס, זע בינו לבינו. בין פאָיעוז לפאָיעוז. ביניהם — צווישן גוים.

**בינה** — פאַרשטאַנד. חכמה בינה ודעה (סידור) — חכמה, פאַרשטאַנד און וויסן. 2. איינע פון די צען ספירות.

**בינו לבין עצמו** — פאַר זיך אַליין (תלמודיש) בינו לבינו — אונטערדעס. בינו לבינה — צווישן אים און איר (תלמודיש).

**בינוני** [בעינוני — ◡ ◡], בינונים — מיטעלער.

**ביני ובינך** (בראשית יג ח) — צווישן מיר און דיר. ביני לבינו — אונ= טער פיר אויגן. זע בין.

**ביניים** — דער צווישן. איש הביניים (שמואל א׳ יז ד) — אַ פאַרמיטלער. ימי הביניים — מיטלאַלטער.

**בינתיים** [בינטאאים] — אונטערדעס (תלמודיש) .

**ביעור חמץ** — אויסראַמען דעם חמץ (סידור) . זע מבער.

**ביצה, ביצים** [בלשון נקיה אראמייאיש: ביעא, (בעיע), ביעים] — אַנ=איי (דברים כב ו), מסכתא ביצה (זי הייבט זיך אָן מיט „ביצה שנולדה ביום טוב”). מע אַמ= פערט זיך איבער אַ ביצה שנולדה (קאַטאָוועס : שלא נולדה) ביום טוב (תלמודיש) — אַנ=איי וואָס איז געלגט אום יום טוב. מקרני ראמים עד ביצי כינים — פון די גרעסטע ביז די קלענסטע באַשעפענישן. כביצה — גרויס ווי אַנ=איי.

**ביוקר** — טייער (היפך: בזול, בחצי חינם).

**ביקור חולים** (סידור) — דאָס באַזוכן פון קראַנקע. זע מבקר.

**בירושה** זע ירושה·

**בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה** (סידור) זע ישיבה.

**בירה** — רעזידענץ. שושן הבירה (נחמיה א א). עיר הבירה — רעזי= דענץ שטאָט.

**בירור** (בעירער) — קלאָרקייט. בבירור — קלאָר.

**בית** [באאיס] , **בתים** [באטים] — 1. הויז. בעל הבית — דער הויזהער (שמות כב ז), רבים (דאָפּלפּלוראל): בעלי= בתים. 2. דער בית המקדש אין ירושלים (מיכה ג יב).

בית ראשון — דער ערשטער בית המקדש. בית שני — דער צווייטער בית המקדש. חורבן הבית — צע= שטערונג פון בית המקדש.

2. בית [בעיס], בתי [באָטעי] — „הויז פון”... אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע ווערטער אַלס אָנדייטונג אויף ארט אָדער צוגעהעריקייט:

בית האסורים (שופטים טז כא) — תפיסה

בית הבחירה — דאָס אויסדערוויילטע הויז, דער בית המקדש.

בית הבליעה — גאָרגל.

בית דין [בעזדן] — הויז פון געריכט, די דיינים. אב (אָדער ראש) בית דין— דער פאָרזיצער פון בית דין. בית דין של מעלה — דאָס אויבערע געריכט (פון גאָט), בית דין של מטה — דאָס אונטערסטע געריכט (תלמודיש). רבים: בתי דינים.

בית הילל—הילל׳ס אָנהייגנער (תלמודיש).

בית חיים, בית החיים = בית עולם. רבים: בית חיים׳ס.

בית החינוך — דערציאונגסהויז, שול. רבים: בתי חינוך.

בית הכנסת — „פאַרזאַמלונגסאָרט" וואו מען דאַוונט. רבים: בתי כנסיות.

בית הכסא—אָפּטריט. רבים: בית הכסא׳ס.

בית המדרש — א שול, וואו מע לערנט. רבים: בתי מדרשים.

בית המקדש—דער טעמפּל אין ירושלים.

בית עולם (קהלת יב ה) — דער הייליקער אָרט, בית הקברות. רבים: בית עולם׳ס

בית הקברות — דער אָרט פון קברים, דער הייליגער אָרט.

בית שמאי — די אָנהייגנער פון שמאי.

בית תפילה (ישעיה נו ז) — דאָס הויז פון תפילה. רבים: בתי תפילה.

בית [בעיס] — דער נאָמען פון אות ב. דו ביזט בייז? — בין איך גימל (ווארטשפּיל).

בכבדות (שמות יד כה) — מיט מי, שווער.

בכבוד [בקאָוועד] — זע כבוד. בכבוד גדול, בכבודיק, א בכבודיקער נאָמען.

בכבלי ברזל (תהילים קמט ח) — אין אייזערנע קייטן.

בכבודו ועצמו — ער אַליין (סידור) זע כבוד. בכובד ראש — ערנסט היפך: בקלות ראש. (תלמודיש).

בכדי זע כדי. בכוונה זע כוונה. בכוח זע כוח.

בכור, בכורים, בכורות — דער ערשטגעבוירענער, בכורים פאַסטן ערב פסח. מכת בכורות (תלמודיש) — די צענטע מכה אין מצרים. זי איז א בכורה, א בכור׳טע. בכור שוטה (אָדער: בכור שטן) רופט מען א בכור קעגן עין הרע (תלמודיש).

בכורה — דאָס רעכט פונם בכור. פאַרקויפן די בכורה (בראשית כה לא-לד) (איך אין פיגוראַלן זין). מכת בכורות (זע בכור), פארשטאַרקט: מכות מיט בכורות.

ביכורים [ביקורים], חג הביכורים (לויט במדבר כח כו).

בכי טוב — אין גוטן צושטאַנד, בשלום. מסיים זיין א בריוו בכי טוב. די מחלוקה האָט זיך אויסגעלאָזט בכי טוב. (אין תלמוד הייסט „בכי טוב" — ביי ליכטיגן טאָג).

בכיוון [בקיוון] — אומישנע. זע כיוון.

בכייה [בכי — יע], בכיות — געוויין. בכייה לדורות — א געוויין אף אייביגע צייטן (תלמודיש). צו זיינע בכיות איז קיין שיעור ניט געווען.

בכיין [באכיען] — א וויינער, א בעל בכי.

בכיפה [בקיפע] — „איבער די גאַנצע וועלט". מלך בכיפה, מושל בכיפה (תלמודיש). זע כיפה.

בכך [בעקאך ◡—] — „אין דעם". אין בכך כלום — נישקשה. דברים של מה בכך — פוסטע זאַכן (תלמודיש). זע כך.

בכל [באקאָל◡—, בכאל] — מיט אַלע־מען. בכל מכל כל (סידור) — זע כל, הכל. לויט דער אגדה (אויף בראשית כד א), האָט אברהם׳ס טאָכטער געהייסן „בכל".

בכל זאת (ישעיה ח כח) — טראָצדעם.

בכל אשר יפנה — וואו ער ווענט

זיך ווענדן (סידור). זאָל מיך גאָט בענטשן בכל אשר אפנה.

בכל פרטיה ודיקדוקיה — מיט אַלע אירע איינצלהייטן און קליינ־קייטן (סידור). בכל מאמצי כוחי זע כוח.

**בכליון עינים** (דברים כח סה) — מיט שמאַכטנדיקע אויגן.

**בכלל** [ביקלאַל, ביכלאַל◡—] — אין אַל־געמיין (תלמודיש). היפך: בפרט. זע כלל. עד ועד בכלל זע עד.

**בכן** [בכעין] — אזוי אַרום (תרגום־לשון) זע ובכן. באשר בכן — ווייל, זע באשר.

**בכנופיא** [ביקנופיע] — אין קאמפּאַניע (תלמודיש פון לאַטיין).

**בכפיפה** [ביקפיפע] אחת — אין איין קאָרב. אין אדם דר עם נחש בכפיפה אחת — א מענטש לעבט ניט מיט א שלאַנג אין איין קאָרב (תלמודיש).

**בכפל** כפלים זע כפל.

**בל** [באל] — ניט (ישעיה יד כא) עובר זיין אויף בל יראה („עס זאָל ניט געזעען ווערן", שמות יג ז), אויף בל תשחית („זאָלסט ניט פאַרדאַרבן", דברים כ יט), אויף בל תשקצו ("איר זאָלט ניט פאַרמיאוסן") (ויקרא יא מג).

**בלא** (יחזקאל כב כט) — אָן, ניט. שטאַרבן בלא עתו (קהלת ז יז), בלא יומו (איוב טו לב) — פאַר דער צייט. בלא כוונה — אָן כוונה. אָבער געלד געבן — בלא. יהודי, בלא! זע: לא.

**בלאו הכי** — אן דעם אויך (תלמודיש) זע לאו.

**בלב** [בלעוו] — אין האַרץ, מיטן האַרצן. תשובה טאָן בלב שלום (ישעיה לח ג) — מיטן גאַנצן האַרצן. בלב ונפש—מיטן האַרץ און נשמה. בלב ולב — דאפּלהאַרציג, ד. ה. פאַלש. בלב ולב ידברו (תהילים יב ג) — זיי ריידן פאַלש. — אחד בפה ואחד בלב זע בפה. דברים שבלב— וואָס דער מענטש דיינקט. דברים שבלב אינם דברים — וואָס געדאַכט איז נאָך ניט געטאָן (תלמודיש) זע לב.

**בלבול** זע בילבול.

**בלחש** [בלאכאש] — שטילערייט. היפך בקול, בקול רם. תפילה בלחש, זאָגן בלחש.

**בלי** — אָן (תהלים סג ס). בלי איחור, בלי גוזמא, בלי נדר, בלי ספק, בלי תנאי, בלי שום תירוץ. איך זאָג עס בלי נדר ומסקנא.

**בליעל** [בלי יאאל] — שלעכטס. אין אויסדרוקן: בן בליעל, בת בליעל (שמואל א׳ א טז).

**בלע** — פאַרשלינגען (ישעיה כח ד). איש את רעהו חיים בלעו — איי־נער וואָלט דעם אַנדערן לעבעדיקער־הייט פאַרשלונגען (תלמודיש). זע בולע. בלע המות לנצח (ישעיה כה ח) — פאַרניכטעט איז דער טויט אויף אייביג.

**בלעדי** [בילאָדאַי◡◡—] — אָן מיר (לויט בראשית יד כד). אין קאָרטענשפּיל: איך בין פּאַס.

**בלע״ז** [בלאז, ריכטיקער: בלאאז] — אויף א פרעמדר לשון, אויף לעז (ד. ה. אויף ראָמאַניש) (אָפט ביי רש״י) „קויפן קוויטלעך, בילעטן בלע״ז". זע לעז.

**בלעם** [בילם] N. בלעם הרשע, בלעם׳ס מויל. בלעם׳ס אייזל. זיין א בלעם. בלעם איז געווען א הונד אקעגן אים.

**בלק** [באָלעק] N. לערנען בלק מיט עמיצן (בלק — אַ שווערע פּרשה).

**בלשון** [בלאָשן] — אויף דער שפּראַך בלשון אשכנז, בלשון סגי נהור (זע)

בלשון נקיה — „אין א ריינער שפראַך", אייפעמיסטיש. זע לשון.

**בלשן** [באלשען], **בלשנים** — שפּראַכן־קענער (תלמודישער פּשט אויף עזרא ב ב)· בלשנות.

**בלתי** [בּילטי◡—] — אָן, אחוץ (בראשית כא כו). בלתי ספק=בלי ספק. גאָר נישט געזען בלתי איין זאַך.

**במדבר** T.

**במה** [באָמע], **במות** — (שמואל א' ט יד). בונה במה לעצמו — בויט א במה פאַר זיך אַליין (תלמודיש).

במה דברים אמורים — ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן.

**במה מדליקין** T.

**במהרה** — גיך (קהלת ד יב). במהרה בימינו — גיך, אין אונזערע טעג (סידור).

**במוסכם**=בהסכם. **במזומן**, **במזומנים** זע מזומן.

**במזיד** [בעמעיזיד] — אומישנע (היפך: בשוגג). זע מזיד.

**במחילה** — מיט אַנטשולדיגונג. במחילת כבודו — מיט אַנטשולדי־קונג זיין כבוד. איר האָט במחילה (אדער: באלף מחילות) א טעות. זע מחילה.

**במילא** — זעלבסטפאַרשטענדלעך — דיסימילירט פון ממילא.

**במעמד** זע מעמד. **במציאות** זע בנמצא.

**במקום** [בימקאָם◡—] — 1. „אויף דעם אָרט פון"... במקום גדולים אל תעמוד (משלי כה ו) — אויף דעם אָרט פון גדולים זאָלסטו ניט שטיין. במקום שאין איש — וואו עס פעלט דער ריכטיקער מאַן (תלמודיש). במקום שאין איש, איז הערינג אויך א פיש (פאַראָדירט). 2. אַנשטאָט. במקום כוהן — אַנשטאָט א כוהן (די ערשטע עליה צו קריאת התורה, ווען א ישראל באַקומט זי). לאָזן א במקום אויף זיין אָרט, — א ממלא מקום.

**במשך** זע משך.

**בן** [בּען] — א זון פון... צדיק בן צדיק, רשע בן רשע. בן בנו—אייניקל. א בן בנו פון גאָלע רבנים. גנב בן גנב בן בנו של גנב. קל וחומר בן בנו של קל וחומר — א ווייטער קל וחומר. גרוים יחוס: שוסטער בן שוס־טער. דיין בן'אָק.

„בן" אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע ווערטער:

I. אין דער באַדייטונג „זון" און זרע:

בן אהרן, בן אהרן הכוהן — „זון פון אהרון", ד. ה. א כוהן.

בן דוד — „זון פון דוד", ד. ה. משיח. זע נאָך אונטער בני.

II. אלס אָנדייטונג איף די קאַטעגאָריע:

בן אדם, בני אדם (במדבר כג יט) — א מענטש.

בן בית, בני בית — פאַמיליען־מיטגליד (בראשית טו ג). ער איז דאָרט א גאַנצער בן בית.

בן גדולים — פון א גרוים יחוס.

בן ברית — א איד.

בן גיל — פון איין אַלטער. בן גילו —פון איין אַלטער מיט אים.

בן דור—פון איין דור, פון איין צייטאַל־טער. בני הדור.

בן זוג — א פאָר. ער אי: מיט מיר א בן זוג, ער איז מיין בן זוג (תלמודיש). בן זוגה — איר פאָר.

בן זכר (ירמיה כ טו) — א זון (אין קעגנ־זאַץ צו: בת). געבענטשט מיט א זכר.

בן זקונים (בראשית לז ג) — א מעזיניק.

בן חורים (קהלת י יז) — א פרייער.

בן טובים — פון גוטער פאַמיליע,

אַריסטאָקראַט.

בּן יומו — איין טאָג אַלט. ירח בּן יומו — „נײמאָנד", פֿון די טעמי הקריאה.

בּן יחיד — איין און איינציגער זון. בּני יהידים, זע בּני

בּן יקיר (ירמיה לא יט) — א טייערער (צופּעסטעטער) זון.

בּן כפר — דאָרפסמאַן (אין קעגנזאַץ צו בּן עיר).

בּן כרך — א רעזידענץ-איינוואָהנער.

בּן לוי — א לוי (שמות לב כ).

בּן לילה — א וועזן, וואָס דויערט א נאַכט. בּן לילה היה ובן לילה אבד (יונה ד י) — איבּערנאַכט געוואָרן און איבּערנאַכט פאַרלאָרן.

בּן מות (שמואל א' כ לא) — דער וואָס איז ווערט דעם טויט.

בּן מלך — א פּרינץ. בּני מלכים. כל ישראל בּני מלכים הם — אַלע אידן זיינען פּרינצן (תלמודיש).

בּן נוח — „א זון פון נוח", א גוי. בּני נוח. שבע מצוות בּני נוח — די זיבּן געבּאָט פאַר די בּני נוח (תלמודיש). בּן נוח נהרג על פּחות משוה פּרוטה — א גוי ווערט דער'הרג'עט פאַר ווייניקער פון א שוה פּרוטה (תלמודיש).

בּן סורר ומורה (דברים כא יח) — א ווידערשפּענסטיגער זון. בּן סורר ומורה נידון על שם סופו — דער סורר ומורה ווערט בּאַשטראָפט צוליבּ זיינע שפּעטערע טעטיקייט (תלמודיש)

בּן עולם הבּא — וואָס וועט האָבּן עולם הבּא. מובטח לו שהוא בּן עולם הבּא — עד איז פאַרזיכערט, אַז ער וועט האָבּן עולם הבּא (חלמודיש).

בּן עיר — שטאָטמענטש.

בּן פקועה — דער וולד, וואָס מע געפינט אין דער בּהמה נאָך דער שחיטה.

בּן ציון N.

בּן תורה — אַ למדן.

III. אַלס אָנדייטינג אויף דאָס אַלטער: בּן שנה — א יאָר אַלט, בּן עשר שנים — אַ 10-יעריגער, בּן שבעים — אַ 70-יעריגער, בּן שמונים — א 80-יעריגער, בּן מאה — א 100-יעריגער א. א. וו.

בּנאמנות = אויף מיינע נאמנות (א שבועה), זע נאמנות.

בּנגלה [בּניגלע] — אָפן (היפך: בּנסתר) „א איד א למדן בּנגלה און בּנסתר" (פּרץ). זע בּגלוי.

בּנוגע [בּענאָגעא] — וואָס איז שייך. זע נוגע.

בּנוהג שבּעולם — ווי עס פירט זיך אויף דער וועלט (תלמודיש). זע נוהג, כּנוהג.

בּנות — רבּים פון „בּת" — טעכטער אין פאַרבּינדונג מיט אַנדערע ווערטער אַלס אָנדייטונג פון קאַטעגאָריע: בּנות ישראל — אידישע טעכטער. אין בּנות ישראל הפקר — אידישע טעכטער זיינען ניט הפקר. בּנות ישראל נאות אלא שהעניות מנוולתן — אידישע טעכטער זיינען שיין, נאָר די אָרימקייט מאַכט זיי מיאוס (תלמודיש).

בּנות ציון (ישעיה ג טז) — „טעכטער פון ציון". זע בּת.

I. בּני — מיין זון. בּני חורגי — מיין שטיפזון. לאהובי בּני חורגי — צו מיין ליבּן שטיפזון (אין בּריוו).

II. בּני [בּנעי] — זין פון... אין פאַרבּינדונג מיט אַנדערע ווערטער (ווי „בּן"):

בּני אדם — רבּים פון בּן אדם — מענטשן. בּני אדם T. אריינקוקן

(פארשטײן) ווי א האָן אין בני אדם (בשעת כפרות שלאָגן).

**בני אהרן** — רבים פון בן אהרן — די כוהנים.

**בני בית** — רבים פון בן בית — פאמי־ליען־מיטגלידער.

**בני בנים** (שמות לד ז) — קינדסקינדער.

**בני הגולה** (עזרע ו כ) — די וואָס לעבן אין גלות. רבן של כל בני הגולה — דער רב פון אלע וואָס לעבן אין גלות.

**בני חבורה** — מיטגלידער פון א גע־זעלשאפט.

**בני יחידים** — רבים פון בן יחיד — איינציגע זין.

**בני ישראל** (שמות א ט) — אידן.

**בני לויה** [לעוויאיע] — די טײלנעמער פון א לוויה, די באגלייטער.

**בני מלכים** רבים פון בן מלך — פרינצן.

**בני מעיים** — די אינגעווייד.

**בני מקרא** == קראים.

**בני משה** — „די קינדער פון משה", א לעגענדאריש פאלק הינטער דעם סמבטיון.

**בני נוח** — רבים פון בן נוח—גוים.

**בני עליה** — הויכגעשטעלטע פערזענ־לעכקייטן. ראיתי בני עליה והן מועטין — איך האָב געזען די בני עליה און זיי זיינען ווייניק (תלמודיש).

**בני רחמנים** — דערבארעמדיקע. רחמנים בני רחמנים (תלמודיש).

**בניגלה** זע בנגלה.

**בנים** [באָנים] — זין, קינדער (רבים פון בן) בנים ובני בנים (שמות לד ז) — קינ־דער און קינדס־קינדער. זיינע בנים'־לאך. דער באָן אירער (אלם יחיד פון בנים). זי איז א בת בנים — ד. ה. זי האָט זין.

**בנימוס** — טאקטפול (תלמודיש פון גריכיש). א בנימוס'דיקער מענטש. זע בנעימות.

**בנימין** N.

**בנין** [ביניען], **בנינים** [בינ־יאָנים] — דאָס בויען. בנין ילדים סתירה וסתירת זקנים בנין — דאָס בויען פון יונגעלייט איז צעשטערונג, און די צעשטערונג פון אלטעלייט איז בויען (תלמודיש). 2. געביי. בנין הורדוס — געביי פון הורדוס (דער בית המקדש). בנין עדי עד (סידור) — אן־אייביגער בנין. ציוניסטן אר־בייטן פאר בנין הארץ — פארן אופבוי פון א"י. 3. בנינים אין דיקדוק: בנין קל, נפעל, פיעל, הפעיל התפעל, דפעל.

**בנמצא** [בנימצע] — פאראן, שכיח. דאָס איז ניט בנמצא. זע נמצא, במציאות.

**בנס** [בנעס] — דורך א וואונדער. זע נס.

**בנסתר** [בניסטער] — באהאלטענער־הייט. זע בנגלה.

**בנעימות** [בינעימוס] — געלאסן. א בנעימות'דיקער דיין. זע בנימוס.

**בנערינו ובזקנינו** (שמות י ט) — מיט יונג און אלט.

**בנפל אויבך אל תשמח** (משלי כד יז) — ווען עס פאלט דיין פיינד, זאלסטו זיך ניט פרייען.

**בנצוין** N.

**בנקיטת חפץ** — דורך נעמען א זאך אין האנט (צו באשטעטיגן א שבועה).

**בנקל** [בנאָקל] — גרינג, לייכט (תלמודיש).

**בנשימה** [בינשימע] **אחת** — אין איין אָטעם. זאָגן בנשימה אחת די עשרת בני המן (די פסוקים אסתר ט ז—ט).

**בנשיקה** [בינשיקע] — דורך א קוש. מיתה בנשיקה, אהרון איז געשטאָרבן בנשיקה (א תלמודיש פשט'ל אויף „על פי ה'" במדבר לג לח.)

**בנתיים** זע **בינתיים.**

**בסבלות ובעבדות** — אין ליידן און קנעכטשאַפט (סידור).

**בסבר פנים יפות** — ליבנסווירדיק (תלמודיש).

**בס״ד** = בסייעתא דשמיא.

**בסוד** — שטילערהייט, בשתיקה, בגניבה. בסוד סודות (סופערלאטיוו). זע **סוד.**

בסולע זע **בתולה.** בסורע זע **בשורה.**

**בסייעתא דשמיא** — מיט גאָטס העלף (סידור).

**בסירוגין** — מיט הפסקות, אויפגיסן נעגל וואַסער, לייענען קריאת שמע, לייענען די מגילה בסירוגין (תלמודיש).

**בסך הכל** — אַרום און אַרום, זע **סך הכל.**

**בספר חיים** T.

**בסתר** [באסעיסער] — פאַרבאָרגענער־הייט, זע **בגלוי.**

**בעבור** [באוואור◡—] — ווייל (שמות כו כד), בעבור שנדר (סידור) — ווייל ער האָט מנדר געווען

**בעגלא** [באגאָלע] ובזמן קריב — אינ־גיכן (סידור), אז בעגלא איז א וואָגן, איז בזמן קריב א שליטן (וואָרטשפּיל).

**בעו״ה** = בעוונותינו הרבים.

**בעוונותינו** (עזרא ט ז), **בעוונותינו הרבים** — דורך אונזערע פילע זינד (סידור). (פאַלקסטימליך: בעוונונו הרבים)

**בעז״ה** = בעזרת השם.

**בעזרת השם** — מיט גאָטס העלף.

**בעיא** = איבעיא.

בעידנא דריתחא — אין א הייסער צייט (תלמודיש).

**בעילה** [בעאילע], בעילות — בײשלאָף, ביאה. בעילת זנות (תלמודיש) זע **בועל.**

בעיני [בעעינאי ◡◡—] ראיתי — מיט מיינע אויגן האָב איך געזעען.

**בעירום ובחוסר כל** (דברים כח מח) — „נאַקעט און מיט גאָרניט". איך בין אָרום פון דאָרט בעירום ובחוסר כל.

**בעל** [באַל], **בעלים** [באַלים] — באַזי־צער. אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע ווערטער אַלס אַנדייטונג פון באַזיץ אָדער קאַטעגאָריע:

בעל אבידה — ווער עס האָט פאַר־לאָרן א זאַך.

בעל אגרוף — פויסט־מענטש.

בעל אכסניא — באַזיצער פון גאַסט־הויז.

בעל אמונה — פאַרטרויענסמאַן.

בעל בטחון — דער וואָס האָט ביטחון.

בעל בכי — א וויינער, א בכיין (פון אַנ־אָרט: „בעל בכי" אין תלמוד).

בעל ברית — ווער עס האָט א ברית צוזאַמען, בעל ברית'ניק (אין בראשית יד יג האָט «בעל ברית» אַנ־אַנדערע באַדייטונג).

בעל בשר — א פעטער („וואָס האָט פיל פליש") (תלמודיש).

בעל גאווה — א שטאָלצער, בעל גאווה'ניק, בעל גאווה'ניצע.

בעל דבר (שמות כד יד) — ווער עס האָט צו טאָן, בעל משפט. געטראָפן אויף א שווערן בעל דבר. „דער בעל דבר" — אייפעמיזם פאַר: שטן, מלאך המות.

בעל דברן — רעדנער. „קיין גרויסער בעל־דברן אויף רוסיש בין איך ניט" (שלום עליכם).

בעל דין — בעל משפט.

בעל דיעה — ווער עס זאָגט א דיעה.

בעל דיקדוק — ווער עס פאַרשטייט דיקדוק.

בעל דמיון — פאַנטאַזיאָר.

בעל דרשן, בעל דרש׳ער — ווער עס דרש׳ענט. א יאלאָווער בעל דרש׳ער (א פוסטער). יעדער בעל דרש׳ער דרש׳עט פאַר זיך.

בעל הבית [באַלעבאָס◡◡—], בעלי בתים [באַלעבאַטים] (שמות כב ז) — „דער באַזיצער פון א הויז״, ווירט, פאַמיליענפאָטער.

בעל הגוף — הויזווירט. בעל=הגופ׳טע. די באַלעגופטע איז א מרשעת.

בעל הזייה — פאַנטאַזיאָר.

בעל הלוואה — ווער עס האָט דעם אַנדערן געליען געלד.

בעל המצאה — דערפינדער, וויצלינג.

בעל הנאה — ווער עס האָט הנאה.

בעל הנס — מיט וועם עס האָט געשען א נס (תלמודיש). ר׳ מאיר בעל הנס זע בעל נס.

בעל העזה — פרעכלינג, חוצפא׳ניק.

בעל זכרון — ווער עס האָט א גוטן זכרון.

בעל חוב — ווער עס איז שולדיק דעם אַנדערן, דער לווה (אין תלמוד אויך דער מלווה). א בעל חוב איז ער איבערן קאָפּ.

בעל חי, בעל חיים — א לעבעדיג וועזן. בעלי חיים. צער בעלי חיים — יסורים פון לעבעדיגע. עס איז א צער בעלי חיים אויף אים, א צער בעלי חיים צו זען... (אין דער באַדייטונג: א רחמנות).

בעל חלום (בראשית לז יט) — ווער עס האָט געהאַט א חלום. בעל החלומות — א מלאך, וואָס קומט אין חלום.

בעל חסד — ווער עס טוט חסד, א בעל טובה.

בעל חשבון — ווער עס פאַרשטייט צו רעכענען.

בעל טובה — ווער עס טוט א טובה.

בעל יועץ — ווער עס גיט אַן=עצה.

בעל יכולת — ווער עס קען.

בעל יסורים — ווער עס האָט יסורים.

בעל כוח — ווער עס האָט כוח.

בעל כנפים (קהלת יכ) — ווער עס האָט פליגלען. אלישע בעל כנפים.

בעל כעס — א צאָרניגער, א ספילשעווער.

בעל כרחה זע ווייטער (עס קומט ניט פון „בעל״, נאָר פון „על״).

בעל כשרונות — א באַגאַבטער

בעל לשון — ווער עס פאַרשטייט צו ריידן.

בעל מגיה — קאָרעקטאָר.

בעל=מגרש — וואָס גט אָפּ זיין ווייב.

בעל מום — דער וואָס האָט א מום, א קאַליקע.

בעל מידות טובות — א מענטש מיט גוטע מידות.

בעל מופת — וואונדערמאַכער.

בעל מזל — וועד עס האָט מזל (זע בר מזל).

בעל מוח — ווער עס האָט א קאָפּ, א קלוגער.

בעל מחבר — דער מחבר.

בעל מחלוקת — ווער עס פירט א מחלוקה.

בעל מחשבות — ווער עס האָט מחשבות, א דיינקער.

בעל מיצווה — דער וואָס דערפילט א מיצווה (אויך אַנשטאָט: בר=מיצווה).

בעל מכנים אורח — א גאַסטפריינדלעכער.

בעל מכשף — א כישוף=מאַכער.

בעל מלאכה — א האַנדווערקער.

בעל מלחמה — ווער עס פירט א מלחמה.

בעל מצרא — דער וואָס האָט א געמיינזאַמען גרעניץ, שכן (תלמודיש: בר

מצרא). קריגן זיך פאַר בעל=מצרא— איבער גרעניץ = זאַכן.

בעל מקובל — אַ קענער פון קבלה.

בעל מקנא — דער וואָס איז מקנא.

בעל מקריא — דער וואָס זאָגט אונ=טער בײַם לייענען.

בעל משחית (משלי יח ט) — דער פאַרדאַרבער.

בעל משפט (ישעיה כ ח) — דער תובע און דער נתבע, בעל דבר.

בעל נגינה — דער וואָס פאַרשטייט צו זינגען.

בעל נס — דער וואָס מאַכט אַ נס, בעל מופת. דער בעל נס האָט אָפּגעזוכט די גניבה.

בעל נסיון — דער געניטער. אין חכם כבעל הנסיון — דער געניטער איז קלוג.

בעל סוד — דער וואָס האַלט אַ סוד.

בעל עבירה — דער וואָס מאַכט אַנ=עבירה. בעל=עבירה=ניק.

בעל עברי — דער וואָס פאַרשטייט עברי.

בעל=עגלה — דער וואָס האָט אַ וואָגן, אַ פורמאַן.

בעל עסק — דער וואָס האָט אַנ=עסק.

בעל עסקן — דער וואָס איז באַשעפ=טיגט.

בעל עצה — דער וואָס קען געבן אַנ=עצה.

בעל פה זע זייט 34 (עס קומט ניט פון «בעל» נאָר פון «על»)

בעל=פחד, בעל=פחדן — אַ שרעקע=דיקער.

בעל=פליטה — דער וואָס האָט גע=מאַכט פליטה, האָט אַנגעזעצט.

בעל=פשרן — דער וואָס מאַכט אַ פשרה.

בעל פיקדון — דער וואָס האָט אַריינ=געלייגט אַ פיקדון.

בעל פרנסה — דער וואָס האָט פרנסה, אַ פאַרדינער. שמעיה בעל פרנסה.

בעל צדקה — דער וואָס גיט צדקה. אַ בעל צדקה אויף יענעמ'ס קע=שענע.

בעל קבלה — דער וואָס פאַרשטייט קבלה.

בעל קורא — דער וואָס לייענט די תורה אין שול.

בעל קרי — דער וואָס האָט געהאַט הוצאת זרע.

בעל רחמים, בעל רחמן — אַ דער=באַרעמדיקער. אויך: בעל רחמנות, בעל רחמנ'יק.

בעל שכל — דער וואָס האָט שכל.

בעל שם — דער וואָס האָט דעם שם המפורש. ישראל בעל=שם טוב — בעש"ט — דער גרינדער פון חסידיזם.

בעל שמועה — דער וואָס ברענגט אַ ידיעה.

בעל שמחה — דער וואָס מאַכט אַ שמחה.

בעל שיער — אַ האָריגער (מלכים ב א ח — פון אליהו הנביא, וועלכער האָט לויט דער לעגענדע, האָר אויף דער דאַלאָניע).

בעל=שפע — דער וואָס האָט פרנסה בשפע.

בעל תאווה — דער וואָס האָט תאוות. בעל=תאווה'ניק, בעל תאווה'ניצע.

בעל=תוקע — שופר=בלאָזער.

בעל תכלית — דער וואָס זוכט אַ תכלית.

בעל תפילה — חזן.

בעל תשובה — דער וואָס טוט תשובה. מען זאָגט נאָך: בעל=יאָרצייט, דער בעל יאָרצייט האָט זיך פאַרשפּעטיגט.

יאָסקע בעל זאקאָניק. „אוי אַ בעל תנ"ך און אַ בעל לשון קודש און אַ בעל חשבון" (שלום עליכם). בעל דיפלאָם, בעל יובל, בעל קאָפּ א.א.וו. דער רבים: „בעלי" [באַלעי] קען געברויכט ווערן מיט דעם יחיד, ווי: בעלי אכסניא, בעלי אמונה, בעלי צדקה, בעלי תשובה א. אנד. און מיט דעם רבים (דאָפּל־פּלוראל): בעלי אכסניות, בעלי דיעות, בעלי בתים, בעלי עגלות, בעלי שמחות, בעלי תשובות און אנד.

**בעל כרחה** [באַל קאַרכאַ] — קעגן איר ווילן, געצוואונגענערהייט. בעל כרחו — קעגן זיין ווילן, בעל כרחי — קעגן מיין ווילן, בעל כרחך — קעגן דיין ווילן, בעל כרחם — קעגן זייער ווילן. בעל כרחך אתה חי — דו לעבסט קעגן דיין ווילן (תלמודיש). דער מלאך ענטפערט אמן בעל כרחו. זע על כרחך.

**בעל פה** [באַל פּע] — אויסווייניק. תורה שבעל פה (היפך: תורה שבכתב) — די מינדלעכע תורה, די גמרא (תלמודיש).

I. **בעלי** [באַילי] — „מיין מאַן". לבעלי היקר — צו מיין טייערן מאַן (אין בריוו).

II. **בעלי** [באַלעי] — רבים פון בעל — באַזיצער פון... זע בעל.

**בעלמא** [בעאַלמאַ] — אין דער וועלט אַריין, אַ השערה בעלמא — סתם אַ פאַרמוטונג. אמתלא בעלמא — סתם אַן־אויסרייד.

**בעלן** [באַילן], **בעלנים** [באַילאַנים] — דער וואָס האָט חשק צו עפּעס. אייניקע מיינען, אַז דער וואָרט קומט פון „בלען" — אַ פאַרשלינגער. איך בין אַ בעלן צו זעען, בעלנ'טע. אַ בלענות [באַלאָנעס] פון אַ מענטשן!

בעמונע זע **באמונה**. בעמעס זע **באמת**.

**בעצם** — אין תוך. בעצם היום הזה (בראשית ז יג) — אין סאמע דעם טאָג. זע **עצם**.

**בעקבות המשיח** (תהילים פט נב) — אַרום משיח'ס צייטן, זע **עקב**.

**בעקבתא דמשיחא** = **בעקבות המשיח**.

**בערבוביא** — צוזאַמענגעמישט. אור וחושך משתמשים בערבוביא — ליכט און פינצטערניש זיינען צונויפגעמישט, דאָס הייסט, אַ כאַאָס. אנשים ונשים בערבוביא — מענער און פרויען צוזאַמענגעמישט (תלמודיש).

**בערות** [בארעס] — דומהייט, טפשות. מעשי בערות — דומע מעשים.

**בערך** — אומגעפער, זע **ערך**.

בערום ובחוסר כל, זע **בעירום**.

**בעש"ט** = בעל שם טוב.

**בעת** [בעיס] — אין דער צייט, בשעת. בעת מעשה, בעתן פאַראַד. בעתו [בעאַטאָ] — אין זיין צייט. דבר בעתו זע: **עת, בלא**.

**בפה** [בפּע] — מיט דעם מויל. אחד בפה ואחד בלב — מיט דעם מויל אַזוי און אין האַרצן אנדערש (תלמודיש). זע **בלב**.

**בפה** [בפע] — מיט דעם מויל. בפה קדשו (העברייאיש: בפי קדשו) פלעגט ער זאָגן... איך בין מסכים בפה מלא — מיט אַ פולן מויל, פולשטענדיק זע **פה**.

**בפומבי** — מיט פּאָמפּע, בפרהסיא.

**בפועל** — אין טאַט, ווירקלעך. (היפך: בכוח). בפועל ממש (תלמודיש) — טאַקע אין ווירקלעכקייט. זע **פועל**.

**בפחי** [בעפּאכעי] **נפש** — אָן אַ דער־פאָלג, אַנטוישט (תלמודיש). בלק'ס

שלוחים זיינען אַוועק פון בלעם'ן בפחי נפש.

**בפירוש** — אויסדריקלעך. (היפך: מסתמא). לא בפירוש אתמר אלא מכללא אתמר (תלמודיש) — עס איז ניט בפירוש געזאָגט, נאָר מע קען עס אַרויסדרינגען. בפירושע מאַ־נאַרכיסטן.

**בפני כל עם ועדה, בפני קהל ועדה** (משלי ה יד: בתוך קהל ועדה) — פאַר אַלעמען, עפנטליך. מורה הלכה בפני רבו — ער לערנט אַ דין בשעת זיין רבי איז דערביי (תלמודיש). בפני עצמו — פאַר זיך. שמיני עצרת איז אַ רגל בפני עצמו — אַ באַזונדערער יום טוב. בפניו — פאַר אים, אין די אויגן (הושע ה ה). אומרים מקצת שבחו של אָדם בפניו וכולו שלא בפניו — אַ טייל לויב זאָגט מען אין די אויגן און דעם גאַנצן הינטער די אויגן (תלמודיש).

**בפקודת** — „אויף באַפעל פון..." בפקודת המלך.

**בפרהסיא** [בּפאַרהעסיאַ] — אָפן (תלמודיש פון גריכיש). מחלל שבת בפרהסיא — פאַרשוועכט דעם שבת עפנטלעך.

**בפרוטרוט** — אויספירלעך (תלמודיש פּרוטרוט — קליינגעלט).

**בפרט** [בּיפראַט] — באַזונדערס (היפך: בכלל). זע פרט.

**בפרטיות** = בפרוטרוט. **בפרך** זע פרך.

**בפשטות** [בּפּאַשטעס] — פּראָסט. זע פשטות.

**בצאת ישראל** T.

**בצורת, שנת בצורת** — טרוקנהייט (ירמיה יז ח).

**בציבור** — אין געזעלשאַפט, אַלע אינאיינעם. היפך: ביחיד. זע ציבור.

**בצימצום** — איינגעשרענקט, קנאַפּ (היפך: בריווח, בשפע). לעבן בצימצום, פּרנסה בצימצום.

**בצינעה** — נישט עפנטלעך (היפך: בפרהסיא). דברים שבצינעה (תלמודיש).

**בצלאל** N.

**בצע** [בּעצאַ] — אומגערעכטער ריווח. שונאי בצע (שמות יח כא).

**בקבלה** זע קבלה.

**בקו** [בּקאַוו] — אין ליניע, אין צושטאַנד. בקו הבריאה, בקו הבריאות, בקו החיים והשלום (אין בריוו). זע קו.

**בקול** — מיט דער שטים. בקול רם (דברים כז יד) — הויך (היפך: בלחש) בקולות וברקים — מיט דונער און בליץ (לויט שמות יט טז). בקולי קולות (סופּערלאַטיוו).

**בקור חולים** (סידור) זע ביקור.

**בקורת** (לויט ויקרא יט כ) — קריטיק.

**בקי** [בּאַקי], **בקיאים** — (תלמודיש). בקי בהלכה. בקי בכל חדרי תורה — אין אַלע ווינקעלאַך פון דער תורה. בקי אין משפטים. בקי וחריף. בקיאות.

**בקיעת ים סוף** = קריעת ים סוף — דאָס שפּאַלטן פון ים סוף.

**בקיצור** — קורץ (היפך: באריכות). מאַכן בקיצור (אין אידיש אפט אפגעשליפן אַ קיצור, הקיצור). זע קיצור.

**בקירוב** — נאָענט, כמעט. בקירוב בשר זע קירוב.

**בקפידא** — מיט פאַרדרוס (תלמודיש) זע הקפדה.

**בקצרה** [בּיקצאָרע] = בקיצור.

**בקרב הימים** — אין די נעענטסטע טעג (חבקוק ג ב: בקרב השנים).

**בקרוב** [בּעקאָרעוו] — אינגיכן (יחזקאל יא ג).

**בקשה** [בּאַקאָשע], **בקשות** [בּאַקאָשעס] — געבעט, באַגער (עזרא ז ו). שאלתי

ובקשתי — מיין באַגער (אסתר ה ז). בקשתי להודיע, — איך וויל מודיע זיין (אין ברירו).

I. בר [באַר] — זון (משלי לא ע). קומט פאָר אין אראמייאישע פארבינדונגען, ווי «בן»:

בר אוריין = בן תורה, אַ למדן.

בר דעת — אַ פאַרשטענדיגער.

בר הכי — ספּעציאַליסט.

בר יוחסין — אַ מיוחס.

בר כוכבא N.

בר מזל = בעל מזל, ווער עס האָט מזל.

בר מיצווה [באַל מיצווע] — א 13 יעריגער. ער איז געוואָרן בר מיצווה. אויף זיין בר מיצווה האָט ער געזאָגט א דרשה. ער גייט צו אַלע בר־מיצווה'ס.

בר מצרא [באַל מעצרע] — אַ שכן, זע בעל מצרא.

בר סמכא — וואָס האָט סמיכות, אַ מוסמך, רבים: בר סמכא'ס.

בר נש (= בר אנש, (דניאל ז יג) אַ מענטש, בן אָדם.

בר עונשין — ווער עס קען באַשטראָפט ווערן, א צורעכנונגס פעיאיגער.

בר פלוגתא — אָפּאָנענט.

II. בר [באר] — אַחוץ, מלבר — פון דרויסן, תוכו כברו — זיין אינהאַלט איז ווי די פאָרם, זע תוך.

בר מינן [באַרמענען — ◡ ◡] — אַחוץ אונז", ניט פאַר אונז געזאָגט פריער פלעגט מען די ווערטער צולייגן ביים דערמאָנען א אומגעווינטשטע זאַך, א קראנקהייט אָדער א מת: חולי נופל בר מינן, תכריכים בר מינן; שפּעטער האָט זיך דער אויסדרוק ספּעציפיצירט אין אידיש אויף א מת שוין אין שו"ת ב"ח פון 1629: „מיר האָבן דעם בר מינן צו קבורה געטאָן", אַ פריילעכער בר מינן, זע: לא עליכם, רחמנא ליצלן.

III. בר [באָר] — פעלד: שור הבר — אַ לעגענדאַרישער אָקס פאַר די צדיקים אַף יענער וועלט, זע שור.

בר' = ברבי, ברב.

ברא זע תנא ברא.

בראש — אין שפּיץ (עמוס ו ז). מיט משה'ן בראש, בראשו ורובו — מיטן קאָפּ און גרעסטן טייל קערפּער (תלמודיש). זע ראש.

בראשית T. שבת בראשית, מעשה בראשית — דאָס באַשאַפן פון דער וועלט. סדרי בראשית — נאַטורגעזעצן. ששת ימי בראשית — די ערשטע זעקס טעג פון דער וועלט. אָנהויבן פון בראשית — פון אָנהויב.

ברב [ברעב] ברבי [ברעבע] = בר רב, בר רבי — דער זון פון רב N, פון רבי N.

ברב עם הדרת מלך (משלי יד כח) — אַ סך עולם איז אַ שיינקייט פאַרן מלך. ברב עם — מיט אַ סך עולם.

ברבורים אַבוסים (מלכים א ה ג) — געשטאָפּטע אינדיקעס.

ברגשי כבוד זע רגש.

ברה כחמה (שיר השירים ו י) — קלאָר ווי די זון (לשון זכר זאָגט מען: בהיר אָדער ברור כחמה)

ברואים — פון בריאה, באַשעפענישן.

ברוגז — „אין צאָרן" (חבקוק ג ב). ער איז אויף אונז ברוגז. ברוגז־ווינקל. א ברוגזער. ברוגזלאַך. ברוגזערהייט. אָנגע־ברוגז'ט.

ברודים זע עקודים. ברוח הקודש זע רוח.

ברוך (באָרעך) — געבענטשט. ברוך הבא (באָרעכאַבע) — געבענטשט דער געקומענער (תהילים קיח כו). ברוך הוא

וברוך שמו — געבענטשט איז ער און געבענטשט איז זיין נאָמען. גאָט ברוך הוא. ברוך השם — געבענטשט איז גאָט, דאַנקען גאָט. ברוך דיין אמת — געבענטשט איז דער גע־רעכטער דיין (סידור). ברוך שפטרני — געבענטשט איז דער וואָס האָט מיך באַפרייט (תלמודיש). ברוך שם כבוד T. ברוך מרדכי — געבענטשט איז מרדכי (זע חייב). ברוך המקום שהרגו — געבענטשט איז גאָט וואָס האָט אים געטייט (תלמודיש אויפן טויט פון א רשע). ברוך הבא א גאַסט! מאַכן איינעם אַ ברוך הבא. אויף „ברוך הבא" ענטפערט מען „ברוך נמצא", אויף „ברוך היושבים" (העברייאיש: ברוכים היושבים) — „קומט עסן".

**ברומו של עולם** — אויבן אָן. דברים שעומדין ברומו של עולם (תלמודיש) — די פראַגע וואָס שטייט ברומו של עולם.

**ברור** [באָרור] — קלאָר. ברור כחמה — קלאָר ווי די זון, זע ברה. אם ברור לך הדבר כבוקר אמרהו — ווען די זאַך איז פאַר דיר קלאָר ווי דער מאָרגן, זאָג עס (תלמודיש). שפה ברורה — אַ קלאָרע שפּראַך. דברים ברורים — קלאָרע רייד.

**ברזל** [באַרזעל] — אייזן, געוועלטיגן בשבט ברזל (תהילים ב ט) — מיט דער אייזערנער רוט. בכבלי ברזל (תהילים קמט ח) — אין אייזערנע קייטן.

**ברח דודי** (שיר השירים ח יד) — „לויף מיין פריינד!" זע בורח, ויברח.

**ברחל בתך הקטנה** (בראשית כט יח). „פאַר רחל דיינע אינגערע טאָכטער". אָפּמאַכן ברחל בתך הקטנה (ד. ה. גאַנץ גענוי). ברחל בתך הנאָקעטע (ווערטשפיל).

**I. בריאה, ברואים** — באַשעפעניש (במדבר טז ל). וואָס פאַר אַ בריאה דאָס איז. ווילדע ברואים.

**II. בריאה** (בריאות) — געזונט. בקו הבריאה — אין צושטאַנד פון גע־זונט. בריאת (בריאות) הגוף — די געזונטהייט פון קערפער.

**בריה** [בעריע], **בריות** [בער־יעס] —
1. אַ באַשעפעניש. כוי בריה בפני עצמה — דער כוי איז אַ באַזונדער (אייגנאַרטיגער) באַשעפעניש (תלמודיש).
2. אַ טאַלאַנטירטער מענטש. אַ פיינע בריה. אַ בריה אַ ווייבל. אַ בריה'טע. בעריאַק [◡—]. בריה'דיק. זי בריה'ט זיך. אַז די באַלעבאָסטע איז אַ שלימזל'ניצע, איז די קאַץ אַ בריה. 3. הבריות [האַברי־יעס] — די מענטשן. מה יאמרו הבריות — וואָס וועלן מענטשן זאָגן (תלמודיש).

**ברייתא** [באַראַיטע] T.

**בריך** — געבענטשט (תרגום פון «ברוך»). בריך שמיה T — געבענטשט זיין נאָמען. בריך הוא — געבענטשט איז ער. בריך רחמנא T — געבענטשט דער דערבאַרעמדיקער.

**ברירה** [ברעירע] — אויסוואַל (תלמודיש). אַ ברירה האָב איך? עס בלייבט נישט קיין אַנדער ברירה, ווי צו טאָן דאָס. זיצן אויף אַ ברירה. אין ברירה, לית ברירה — ניטאָ קיין ברירה.

**בריש גלי** (תרגום פון «ביד רמה» שמות יד ח, במדבר טו ל) — אָפן, חוצפּא'דיק.

**ברית**, ברית מילה (בראשית יז י). אַ ברית'יצע, בעל־ברית'ניק. ברית חדשה T. כורת ברית זיין, ברית כרותה

לשפתים — א וואָרט פֿון מען האַלטן (תלמודיש).

**ברכה** [בראָכע], **ברכות** [בראָכעס] — (בראשית כז יב). היפך: קללה. 1. תבוא עליו ברכה, א ברכה און הצלחה אויף דיין קעפעלע. לברכה ולא לקללה (סידור). ברכה בחשבון — די ברכה איז אין חשבון (וואָרטשפּיל אויף שיר השירים ז ה). אין הברכה מצויה אלא בדבר הסמוי מן העין — אַ ברכה איז נאָר אין דעם, וואָס איז פֿאַרבאָרגן פֿון אויג (תלמודיש). זכרונו לברכה — זיין זכר זאָל זיין געבענטשט, זע זכרון. 2. אַ מין תפילה. מאַכן אַ ברכה. כוס של ברכה — דער כוס, איבער וועלכן מען מאַכט די ברכה. ברכה לבטלה — אַן אומזיסטע ברכה. שבע ברכות — די זיבן ברכות (אויף אַ חתונה). זע ברכות, ברכת.

**ברכו** T. פֿאַרשפּעטיקן אַ ברכו. אַ אידיש גליק—אַז ער קומט צו ברכו.

**ברכות** [באַרכעס] — חלות.

**ברכי נפשי** T. **ברכיה** N.

**ברכת** [בירקאַס] — „די ברכה פֿון..." ברכת כהנים (=דוכן נשיאת כפּים) T. ברכת המזון T. ברכת המפּיל, T. ברכת התורה T. ברכת הפּטורה T.

**ברמיזא** — מיט אַ ווינק. ודי לחכימא ברמיזא — פֿאַר אַ חכם איז גענוג אַ ווינק (תלמודיש). זע רמז.

**ברצון** [בראָצן — ווילנדיק. לא בהכרח כי אם ברצון — ניט על פּי מוז, נאָר ווילנדיק. תחילתה באונס וסופה ברצון — אין אָנהייב געצוווּנגענערהייט און צום סוף ווילנדיק (תלמודיש). זע רצון.

**ברשות** [ברשוס ◡ —] — מיט דערלויבנים. ברשות מרנן ורבנן ורבותי (סידור) — מיט דערלויבנים פֿון אונזערע הערן. ברשותכם — מיט אייער דערלויבנים. זע רשות.

**בשבעים לשון** — אויף 70 לשונות. בשבעים פּנים — אויף 70 אַרטן, זע שבעים.

**בשגגה** (ויקרא ד ב) — אומגערן. (היפך: בזדון).

**בשוגג** = בשגגה (היפך: במזיד).

**בשום אופן** — אויף קיין פֿאַל ניט. זע: אופן, שום.

**בשורה** [בסורע], **בשורות** — ידיעה נאַכריכט. קומען מיט אַ בשורה טובה (שמואל ב יח כז), מיט אַ גוטע ידיעה. מבשר בשורה זיין — ברענגען אַ ידיעה. בשורות טובות ישועות ונחמות (סידור) — גוטע בשורות, העלף און טרייסט.

**בשותפות** [בשוטפוס] — איז קאָמפּאַניע (פֿאַראָדירט אין פּוילן: פּשיספּעס). זע שותפות.

**בשיבה טובה** (בראשית טו טו) — אין גרויען עלטער. זע שיבה.

**בשלווה** — אין רו (דניאל ח כה). בשלום ובשלווה — אין פֿרידן און רו. זע שלווה.

**בשלום** — וואויל, אין פֿרידן (שופטים ח ט) זע שלום.

**בשלח** T.

**בשלילה** — מיט אַ פֿאַרניינונג. זע שלילה.

**בשלימות** [בישלעימוס] — גאַנץ, דורכפֿירן די אויפֿגאַבע בשלימות. זע: שלימות.

**בשלמא** [בישלאָמע] — גוט, ווען..' (תלמודיש).

**בשם** (אסתר ב כב) — אין נאָמען. פֿאָרט אייך געזונטערהייט בשם אלקי ישראל (מיכה ד ה). זאָגן אַ זאַך בשם אומרו — זע שם.

**בשמים** [בסאַמים] — געווירץ (שמות כה ו). בשמים פושקע (ביקסל), בשמים הדס.

**בשן ועין** [בשעין וועאַין] — מיט אַ (אויסגעהאַקטן) צאָן אָדער אויג (לויט שמות כא כו־כז). אַרויסגיין בשן ועין (= בלייבן מיטן בייטשל). זע שן.

**בשער בת רבים** (לויט שיר השירים ז ה) — עפנטלעך.

**בשעת** [בשאַס] — „אין דער צייט פון". בשעת מעשה — אין דער צייט ווען עס האָט פּאַסירט (תּלמודיש) בשעת הדחק — אין נויטפאַל; בשעת הכושר — אין פּאַסיגער צייט.

**בשעתו** [בשאַטאָ], **בשעתה** [בשאַטאַ] — אין זיין צייט. אין איר צייט. כסעודת שלומה בשעתו — ווי שלומה המלך'ס סעודה אין זיין צייט (תּלמודיש). דיה לצרה בשעתה — גענוג צו זאָרגן אויף אַ צרה אין איר צייט. חביבה מיצווה בשעתה — די מיצווה איז גוט אין איר צייט (תּלמודיש). זע שעה, שעת.

**בשפע** [בשעפא] — אין איבערפלוס. פּרנסה בשפע. זע: שפע.

**בשר** [באָסער] — פלייש (שמות כא כח). הצפור לא בשר — אַן־עוף איז ניט קיין פלייש (וואָרטשפּיל אויף „הצפור לא בתר" בראשית טו י). בשר בחלב — פלייש מיט מילך. בעל בשר — אַ פּעטער (תּלמודיש). בשר־קוויטש — חזיר־פלייש (אייפעמיזם). בשר ודם — „פלייש און בלוט", אַ מענטש. אַנקומען לידי מתנת בשר ודם — צו אַ מתנה פון אַ מענטשן (סידור) ניט יעדער בשר ודם איז זוכה דערצו. פּאַראָדירט: „בשר ודם": בשר ודאָגים, אַ בשר ודאָס.

**בשתיקה** — „שווייגענדיק", שטיל בסוד. חתונה האָבן בשתיקה. בשתיקה די קלעזמער. זע שתיקה.

**בת** [באַס] — טאָכטער (בראשית יא כט) קומט פאַר אויך אין פאַרבינדונגען, ווי «בן»:
בת גדולים — פון גרויס יחוס.
בת גילו — פון איין עלטער מיט אים.
בת זוגו — זיין פּאָר.
בת חורין — אַ פרייע (תּלמודיש).
בת טובים — פון גוטער פאַמיליע.
בת יחידה — איין און איינציגע טאָכטער. אַ בת יחיד'קעלע.
בת ישראל — אַ אידישע טאָכטער. אַ בת ישראל נויט מען ניט.
בת כוהן — אַ כוהן'ס אַ טאָכטער „דער שכל פון אַ בת כוהן" (אַ וואָרטשפּיל אויף ויקרא כא ט: ובת כהן כי תחל לזנות).
בת מלכה — אַ מלך'ס אַ טאָכטער. אַ מעשה פון אַ בן מלך מיט אַ בת מלכה.
בת קדושים — פון אַ פאַמיליע פון קדושים.
בת קול — אַ ווידער־קול. אין משגיחין בבת קול — מע באַאַכטעט ניט אַ בת קול (אַ שטים פון הימל) (תּלמודיש).

**בת שבע** N.

בת בנים זע בנים. בת יתרו מי התיר לך — ווער האָט דיר מתיר געווען יתרו'ס טאָכטער? (אַ חוצפּא'דיקע פראַגע תּלמודיש). בת תשעים שנה — אַ 90־יעריגע (בראשית יז יז) דער רבים פון «בת» איז „בנות".

**בתוך** (בראשית מ כ) — צווישן. ער איז אויך געקומען בתוך הבאים — צווישן די געקומענע. דער שטן איז

אויף געקומען בתוכם (איוב א ו) —
צווישן זיי. בתוך כך = בין כך וכך.

**בתולה בתולות** — א מיידל (בראשית כד טז). „די בתולה זיינע איז איבערגעוואקסן למעלה מעשרים אמה" (א ווארטשפיל אויף דעם אנהייב פון מסכתא סוכה: סוכה שהיא גבוה מעשרים אמה פסולה — א סוכה וואס איז העכער פון 20 איילן איז פסול) (פרץ).

**בתולים** — יונגפרוישאפט (דברים כב יד)

**בתופים ובמחולות** (שמות טו כ) — מיט פויקן און מעניץ.

**בתורת** — אין דער אייגנשאפט פון... בתורת הלוואה — אלס א הלוואה. בתורת צדקה — אלס א נדבה.

**בתי** [ביטי] — מיין טאכטער. בתי חוגרתי — מיין שטיפטאכטער. לבתי המהוללה — צו מיין געלויב־טער טאכטער (אין בריוו).

**בתי** (באטע) רבים פון «בית» (אין צו־זאמענגעזעצטע אויסדרוקן): בתי־חינוך — ערציאונגסהייזער, בתי כנסיות — שולן, בתי מדרשים (רבים פון: בית המדרש), בתי זונות (געברויכט אלס יחיד) זע בית.

**בתים** [באטים] — ורבים פון בית: בעלי בתים (יחיד: בעל הבית). 2. תפילין האבן פיר בתים.

**בתמידות** — תמיד.

**בתמייה** — פארוואונדערט.

**בתנאי** — מיט דעם באדינג, זע תנאי.

**בתר** (דניאל ז ו) — נאך. בתר עניא אזלא עניותא — נאך דעם ארעמאן גייט נאך דער דלות. בתר רישא גופא אזל — דער גוף פאלגט דעם קאפ (תלמודיש).

**בתרא** [באסרע] — דער לעצטער. בבא בתרא — דער לעצטער טייל (תלמודיש).

**בתרבות** זע תרבות.

**בתשואת חן** (זכריה ד ז) — מיט דאנק (אין בריוו).

## ג.

**ג** — דער דריטער אות פון אלף־בית. ג' = 3. ג' פעמים — דריי מאל יום ג' — דינסטיק, זע גימל.

**גאה** (איוב מ יא) — שטאלץ. דל גאה — א שטאלצער קבצן. ארבעה אין הדעת סובלתן: דל גאה ועשיר מכחש וזקן מנאף ופרנס מתגאה על הציבור בחנם — פיר טיפן זיינען אומפאר־שטענדלעך: א שטאלצער קבצן, א נגיד א קריכער, א זקן מנאף און א פרנס, וואס האלט זיך גרויס אן געזועלשאפטלעכע פארדינסטן (תלמודיש).

**גאווה** [גאַיווע] — שטאלץ. בגאווה (ישעיה ט ח). פוסטע גאווה. מער גאווה ווי גדולה. בעל גאווה, בעל גאווה'ניק, גאווה'דיק. זע גאוותן.

**גאולה, גאולות** (ויקרא כה כד) — 1. אויסלייזונג. משיעבוד לגאולה — פון קנעכטשאפט צו אויסלייזונג (סידור). 2. א פיוט (פון «גאל ישראל»). הסומך גאולה לתפילה — וואס איז ניט מפסיק צווישן גאל ישראל און שמונה עשרה (תלמודיש).

**גאון** [גאָען], **גאונים** [געאָנים] — א תלמיד חכם, א זשעני. (העברייאיש: גאון עולם (ישעיה ס טו) — הער־לעכקייט). דער ווילנער גאון. תקופת הגאונים — די גאונישע עפאכע (700—1000). געקנאטן פון רבנים און גאונים. גאוני הדור — די גאונים פון צייטאלטער. גאון'ישער קאפ. גאונות, גאוניות — געניאליטעט.

**גאוותן** [גאַיוועסן] == בעל גאוה.

**גאות** (תהלים יז י) == גאוה.

**גאל ישראל** T.

**גב** [גאַוו] — ריקן (תהלים קכט ג). עומד על גביו [גאַבאָוו] — שטייט נעבן אים (תלמודיש). **אף על גב. לגבי. אגב.**

**גבאי** [גאַבע], **גבאים** [גאַבאָאים] — אַ ראש פון קהילה (העברייאיש: מאָנער: גבאי צדקה). גבאי ראשון, גבאי שני — דער ערשטער, צווייטער גבאי. גבאי'טע. גבאות [גאַבאָעס]. ער איז מוחל דאָס גרויסע גבאות און וויל ניט קיין פעטש.

**גבול** — 1. גרעניץ. מסיג גבול זיין (דברים כז יז) — אָפרוקן דעם גרעניץ. 2. געביט. דאָס געהערט אין זיין גבול. גבולין — פון ארץ ישראל די פראָווינץ. בגבולין — אין חוץ לירושלים.

**גבור** [גיבער], **גבורים** [גיבאָרים] — העלד. גבור חיל (שופטים יא א) — טאַפּערער העלד. שמשון הגבור (פאראדירט: שמשון הנעגבער). גבור ונורא — שטאַרק און שרעקליך (סידור). גבור כארי — שטאַרק ווי אַ לייב. נקיבה: גבורה, גבור'טע.

**גבורה, גבורות** 1. העלדישקייט. טובה חכמה מגבורה — חכמה איז בעסער איידער שטאַרקייט (קהלת ט טז) שמשון'ס גבורה. גבורת הבורא — די שטאַרקייט פון גאָט (לויט תהלים קו ב) גבורת אנשים — מענער שטאַרקייט. מע גלויבט אין דעם אויבערשטנס גבורה. 2. מפי הגבורה — פון גאָט (תלמודיש). 3. איינע פון די עשר ספירות: גבורה שבחסד.

**גבייה** [גוויע] דאָס מאָנען, איינקאַסירונג, זע גובה. גביית [גווי־יאַס] עדות — דער אויסזאָג פון אַנ־עדות. אָפּגעבן אַ גביית עדות, אונטערשרייבן דעם גביית עדות.

**גביר, גבירים** — אַ רייכער (העברייאיש הער, בראשית כז כט). גביר אַדיר (אָדער: עצום), גבירים אַדירים (עצומים). — — אַ גרויסער גביר. נקיבה: גבירה'טע [גווירנטע], גבירות, גבירות'שאַפט [גווירעשאַפט].

**גבר** [גוואַר], **גוברין** — אַ שטאַרקער מאַן (דניאל ב כה). גבר שבגוברין (סופערלאַטיוו).

**גברא** [גאוורע] == גבר. גברא רבא. גברא קטילא קטל — אַ דער'הרג'עטן האָט ער דער'הרג'עט. בין גברא לגברא — צווישן די עליות ביי קריאת התורה.

**גבריאל** N. **גד** N.

**גג** (דברים כב ח) — אַ דאַך.

**גדגדניות**—קאַרשן, ווײַנשל.

**גדוד** — חיל, באַטאַליאָן. כמלך בגדוד (איוב כט כה) — ווי אַ מלך ביי זיין חיל.

**גדול** [גאָדל], **גדולים**, נקיבה: **גדולה**, **גדולות** — 1. גרויס (היפך: קטן). זה הקטן גדול יהיה — דיזער קליינער וועט ווערן גרויס (סידור). גוי גדול (בראשית כא יח) — אַ גרויס פאָלק. הים הגדול (במדבר לד ו) — דער גרויסער ים, דער ים הגדול. ברכוש גדול (בראשית טו יד) — מיט גרויס פאַרמעגן. הכוהן הגדול (במדבר לה כח) — דער גרויסער כוהן, דער כוהן גדול. אַ יושר גדול. אַ מיצווה גדולה די צדקה גדולה. אַ תקיעה גדולה. גדול בחכמה — גרויס אין וויסנשאַפט (תלמודיש). אונזערע גדולים (משלי כה ו). אַ גדול בישראל (לויט שמואל ב' ג לח). גדולי הדור, גדולי ישראל, גדולי תורה ויראה — די

גרויסע פון דור, פון פאָלק ישראל, פון תורה און פרומקייט 2. גדול — אַ באַלשעוויק 3. אַ גראָשן. זע גדולים.

**גדולה** (אסתר א ד). 1. גרויסקייט. עולה לגדולה זיין — חשוב ווערן. ירד מגדולתו — אַראָפּ פון זיין גרויס-קייט. תורה וגדולה במקום אחד — תורה און גרויסקייט אין איין מענטשן (תלמודיש). 2. פרייד. מלא גדולה זיין. אַ גדולה אויף דיין באָבען.

**גדולות ונפלאות** (לויט איוב ה ט) — גרויסע וואונדער.

**גדולים אָדער נקבים גדולים** — די גרויסע באַדערפעניש (היפך: קטנים).

**גדוש** [גאָדעש] — אויפגעהויפט. מלא וגדוש (תלמודיש).

**גדי, גדיים** [גדאָאים] — ציג (בראשית לח כג). מזל גדי. גדיים נעשו תיישים — די תלמידים זיינען געוואָרן גרויסע געלערנטע (תלמודיש).

**גדלות** [גאַדלעס] — שטאָלץ. גדלות'דיק.

**גדליה N.**

**גדלן** [גאדלען], **גדלנים** — אַ שטאָל=צער.

**גדל'ע** [גאָדלע] — וואוכס (פון גדלו, יחזקאל לא ז). „בא אונז איז אזא גדלע: הויך און דין" (שלום עליכם).

**גדר** — 1. אַ צוים. גדר מזה וגדר מזה — אַ צוים פון דאַנעט און אַ צוים פון דאַנעט (במדבר כב כד). אַ גדר אויף'ן בית עולם 2. אַ פאַרבאָט. פורץ גדר (קהלת י ח) — „דער וואָס צעשטערט אַ צוים", וואָס איז עובר אַ מצווה. 3. (אין לאָגיק) באַגריף, באַגרעניצונג. מהו גדר האדם — ווי אַזוי צו דעפינירן אַ מענטשן? — אדם חי מדבר — דער מענטש איז א חי מדבר (לויט די אַלטע איינטיי=לונג פון דער נאטור אויף: דומם צומח חי מדבר). זע בגדר.

**גדרה N.**

**גו** [גאַוו] — דאָס אינעווייניגסטע (היפך: בר). מלגו — פון אינעוויי=ניג. דברים בגו — עפּעס איז דאָ פאַראַן (תלמודיש).

**גואל** — דערלייזער. גואל ישראל (ישעיה מט ז) — גאָט. גואל צדק — משיח. ביאת הגואל — משיח'ס קומען. ובא לציון גואל T. המלאך הגואל (בראשית מח טז) T. 2. גואל הדם (במדבר לה יט), גואל (ויקרא כה כה) — אַ קרוב. „קיין קרוב, קיין גואל" (פרץ).

**גובה** — אַ מאָנער. דער גובה. בתולה גובה מאתים — אַ בתולה באַקומט 200 זוז (אַלס כתובה) (תלמודיש).

**גובר זיין** — באַזיגן, מנצח זיין („וגבר ישראל", שמות יז יא). גובר זיין דעם יצר הרע.

**גוברין** זע גבר.

**גוג ומגוג** [גאָגמעגאָג —◡◡] — לע=גענדאַרישע פעלקער. מלחמות גוג ומגוג (תלמודיש, לויט יחזקאל לח ב) — די מלחמות וואָס משיח וועט פירן.

**גוד או אָגוד** — „שנייד אָדער איך וועל שניידן", ד. ה. דו מוזט באַשטימען (תלמודיש).

**גוויה** — (בראשית מח יח) אין „ראש הגוויה" — אייפעמיזם פאַר מענלעכער גליד.

**גוותן** = גאוותן.

**גוזל** — גזל'ט (מיכה ג ב). עני ואביון מי גוזלו? — ווער באַגזל'ט אַן=אָרעמאַן? (וואָרטשפּיל אויף תהלים לה י: עני ואביון מגוזלו).

**גוזמא, גוזמות** — 1. איבערטרייבונג. גוזמא קטני — עס איז איבער־טריבן (תלמודיש). בלי גוזמא — אָן איבערטרייבונג (תלמודיש). זע **מגזם זיין**. 2. אַ סך.

**גוזר זיין** — באַפעלן (איוב כב כח). איך בין גוזר בגזירת הרב. גוזר תענית זיין. גוזר ומקיים (סידור). הקב״ה גוזר וצדיק מבטל (תלמודיש). זע **גזירה**.

**גוי, גוים** — אַ פאָלק. ויהי שם לגוי — ער איז דאָרט געוואָרן אַ פאָלק (דברים כו כז). גוי אחד, גוי גדול — איין פאָלק, אַ גרויסער פאָלק (סידור). 2. ניט־איד (נחמיה ה ח). אָנזאָגן דורך אַ גוי. שבת גוי. ער האָרעוועט ווי אַ גוי. גויע, גוי׳טע, גויעם (העברייאיש: גויה, גויות). גוי׳איש. גוי׳אישקע חגאות. 3. אַ גויאישע קאָפּ, אַן־עם־הארץ. אַ גוי גמור, אַ גויעץ [◡—].

**I. גולה** — דער גלות (ירמיה כח ו). מאור הגולה — דאָס ליכט פון גלות, אַ גאון. רבן של כל בני הגולה — דער לערער פון אַלע אידן אין גלות. ראש הגולה = ריש גלותא.

**II. גולה, גולים** — פאַרטריבענער. גולי בבל, גולי ספרד — די פאַרטריבענע קיין בבל, די פאַרטרי־בענע פון שפּאַניע.

**I. גולל זיין** — צוזאַמנראָלן אַ ספר תורה (זע **גלילה**).

**II. גולל** — דער שטיין וואָס פאַר־מאַכט דעם קבר (עזרא ה ח: אבן גלל). דער דעקל. נסתם הגולל — דעם קבר איז פאַרמאַכט (תלמודיש).

**גולם** — 1. (תהלים קלט טז). ליימענער גולם. וואָס שטייסטו ווי אַ גולם? 2. אַ נאַר. שבעה דברים בגולם ושבעה בחכם — זיבן אייגנשאַפטן האָט אַ גולם און זיבן אַ חכם (תלמודיש). עולם גולם.

**I. גומל זיין** — באַפרידיגן (יואל ד ד). גומל חסד זיין. זע **גמילת חסד**.

**II. גומל בענטשן** — זאָגן די ברכה „הגומל לחייבים טובות".

**גומר זיין** (אַ מיצווה) — פאַרענדיגן. וגומר (וגו׳). זע **גמר**.

**גונב דעת זיין** (לויט שמואל ב טו ו) — אָפּנאַרן דורך חניפה. ראשון שבגנבים גונב דעת הבריות. — דער ער־שטער טיפּ גנבים איז דער גונב דעת (תלמודיש). אָסור לגנוב דעת הבריות (תלמודיש). עס איז פאַרבאָטן איינצו׳חנפ׳ענען זיך.

**גוסס** — האַלט ביים שטאַרבן (תלמודיש). ער איז גוסס, ער גוסס׳ט. האַלט אין גוסס׳ן. מיט אַ גוסס זאָגט מען ווידוי. זע **גסיסה**.

**גוף, גופים** (אין תנ״ך: גופה, גופות) — 1. קערפּער. כגוף בלא נשמה — ווי אַ קערפּער אָן אַ נשמה. 2. פּערזאָן. גופו מכובד — ער אַליין איז געערט. לוקה בגופו — ער אַליין ווערט באַשטראָפט. גופא דעובדא — דער עיקר פון דער מעשה. רבי גופא (תלמודיש: רבי גופיה) — דער רבי אַליין. 3. אין בן דוד בא עד שיכלה הנשמות שבגוף — משיח וועט קומען, ווען ס׳וועלן אויסגיין אַלע נשמות פון גאָטס אוצר. 4. בעל הגוף — דער הויזווירט, בעל־הגוף׳טע. „אַ איד אַ נגיד, אַ פאַרפונדעוועטער, ווי מע זאָגט, אַ בעל הגוף; וויפיל מע האָט אים געשאַצט, האָט ער געהאַט מער" (שלום עליכם). בעל גוף = בעל בשר, אַ פעטער.

**גורל, גורלות** — (ויקרא טז ח). גורל וואַרפן, על פי גורל. זוכה בגורל זיין (תלמודיש), איך בין צופרידן מיט מיין גורל (ירמיה יג כה). ספר הגורלותT.

**גורם זיין** — זיין די סיבה פון עפּעס. מזל גורם, מקום גורם — דער מזל איז גורם, דער אָרט איז גורם (תלמודיש). ער האָט גורם געווען דעם אומגליק. איינער פון די גרעסטע גורמים (פאַקטאָרן, סיבות).

**גורם זיין** — לערנען. הכי גרסינן — אַזוי האָבּן מיר געלערנט. זע גירסא.

**גושן** N. פאַרזעצי אַזש קיין גושן.

**גז, ראשית הגז** (דברים יח ד) — דאָס ערשטע שערן פון א קינד.

**גזבר** (עזרא ז כא) — אַ קאַסירער, אַ נאמן.

**גזול** — (דברים כח כט). לולב הגזול (תלמודיש) — אַ גע'גזל'טער לולב.

**גזילה, גזילות** — רויב. גזילת העני (ישעיה ג יד) — דאָס גע'גזל'טע ביי אַנ=אָרעמאַן.

**גזירה, גזירות** (דניאל ד יד) — 1. אַ באַשטימונג. גזירה מן השמים — אַ שטראָף פון הימל. מבטל זיין די גזירה. גזירת מלך, גזירת הכתוב — אַ גזירה פון מלך, פון פסוק, (ד. ה. אָן אַ מאָטיווירונג). גזירת הרב, גזירת תלמיד חכם. 2. אַ רדיפה: גזירות קשות, גזרת שמד, גזירת תתנ"ו, גזירת ת"ח — די רדיפה פון יאָר 1096, פון 1648. 3. גזירה שוה — אַנאַלאָגיע (תלמודיש).

**גזל** (יחזקאל יח יח) — וואָס איז גערויבט.

**גזלינן** — „מיר האָבּן גערויבט" (תלמודיש).

**גזלן** [גאַזלען], **גזלנים** [גאַזלאָנים], — רויבער (תלמודיש). אַ קאַלטער גזלן, אַ אידישער גזלן. אויף מיר איז ער מלא גזלן ( = מלא רציחה). גזלנ'ישע האַרץ. גזלנות. גזלנ'ען. באַ'גזל'ען. זע **חמסן**.

**גזע** [געזא] —שטאַם. מגזע היהודים (אסתר ו יג: מזרע היהודים). פון בעל שם'ס גזע.

**גזר, גזר-דין** 1. = פּסק=דין. גאָטס גזר דין. 2. אומגליק. אַ גזר דין האָט מיך געטראָפן! אַ גזר מן השמים זע גזירה.

**גזרה** [גיזירע], **גזרות** — קאַטעגאָריע אין דיקדוק: גזרת שלמים.

**גזר'ן** [גאַזערן] = גוזר זיין.

**גט** [געט], **גיטין** (תרגום פון «ספר כריתות» איז «גט פטורין» דברים כד א), 1. דאָקומענט פון שיידונג. וואַרפן דעם גט פאַר די פיס. 2. די שיידונג גופא.

**גט'ן זיך** — געבּן (נעמען) אַ גט, אָפּגטן.

**גיאות** = גאוה. גיבור זע: **גבור**.

**גיגית** — אַ פאַס: כפה עליהם הר כגיגית — ער האָט אָנגעבויגן אויף זיי דעם באַרג סיני ווי אַ פאַס (תלמודיש).

**גיד** — 1. אַנ=אָדער. גיד הנשה (בראשית לב לג). שס"ה (365) גידים (סידור). 2. (אייפעמיזם) מענלעכער גליד (תלמודיש).

**גידול בנים** — דערציאונג פון קינדער, (תלמודיש). צער גידול בנים — די ליידן פון קינדער=דערציאונג.

**גידוף גידופים** — לעסטערונג (ישעיה מג כה). חירוף וגידוף זע: **מחרף**.

**גיהנם** [געהענם] = גיא הנם (נחמיה יא ל) — א טאל נעבּן ירושלים, וואו מע פלעגט פאַרבּרענען קינדער אלס קרבנות (ירמיה ז לא). די תלמודישע באַדייטונג קומט פון דעם געשריי פון די קינדער.

היפך: גן עדן, א קאלטער גיהנם. דורכגיין אלע שבעה מדורי גיהנם — די זיבן קרייזן פון גיהנם.

**גיטין** T. — רבים פֿון גט. **גילגול** זע **גלגול**.

**גילגול** — 1. דאָס קייקלען זיך. גילגול מחילות (אָדער: מערות) — דאָס קייקלען זיך דורך מערות און מחילות קיין ארץ ישראל צו תחיית המתים (תלמודיש). ווער עס וויל פאַר־שפּאָרן גילגול מחילות, פאָרט קיין א״י. 2. גילגול נשמות — דאָס אַריבערגיין פון די נשמות אין אַנדערע קערפּער, זע **מגולגל**. אַ גילגול — אַ נשמה וואָס איז מגולגל געוואָרן, אַ דיבוק, אַ רוח. 3. גילגול שבועה — פאַרפליכטונג צו אַ שבועה (תלמודיש).

**גילה** (ישעיה סה יח) — פרייד. גילה רנה דיצה וחדוה — פרייד (סידור). פאַראָדירט: בגעלע בגרינע בשמחה רבה — אַנשטאָט: בגילה ברינה, (אויף אַ מיאוסע כלה).

**גילוי** — דאָס אַנטפּלעקן, אַ ויפּדעקן. גילוי עריות (לויט ויקרא יח) — פאַרבאָ־טענע הייראַטן. גילוי אליהו — דאָס אַנטפּלעקן זיך פון אליהו הנביא. גילוי דעת — באַקאַנטמאַכונג. גילוי שכינה — דאָס אַנטפּלעקן זיך פון גאָט. גילוי סוד — דאָס אופדעקן אַ סוד. גילוי ראש, זע **בגילוי ראש**. גילוי בשר—דעקאָלטע.

**גימטריא** זע **בגימטריא**.

**גימל** — דער נאָמען פון אות ג. זאָל איך אַזוי וויסן פון בייז, גימל און דלת (וואָרטשפּיל).

**גיסא** — זייט. לאידך גיסא (תלמודיש) — פון דער אַנדער זייט.

**גיסי** — מיין שוואָגער. לאהובי גיסי (אין בריוו). חמיו וגיסו — זיין שווער און זיין שוואָגער. גיסתי — מיין שוועגערין. לאהובתי גיסתי — צו מיין ליבער שוועגערין (אין בריוו).

**גירוש, גירושים** — פאַרטרייבונג (פון «גרש» שמות לד יא). גירוש שפּאַניע, גירוש מאָסקווע.

**גירסא** — 1. דאָס געלערנטע. גירסא דינקותא [דעיאַנקעסע ◡ — ◡ ◡] — וואָס מע האָט געלערנט קינדווייז (תלמודיש). 2. גירסא, גירסאות — וואַריאַנט (ביי מינדלעכן לערנען). זע **גורס**.

**גל** — (בראשית לא מו). גל של עצמות — אַ הויפן ביינער.

**גלגול** זע **גילגול**.

**גלגל, גלגלים** — אַ ראָד (ישעיהו כח). אַ הימל (אין דער אַלטער אַסטראָ־נאָמיע). חכמי ישראל אומרים גלגל קבועה ומזלות חוזרין וחכמי או״ה אומרים גלגל חוזר ומזלות קבועין — די אידישע חכמים זאָגן דער גלגל איז פעסט און די מזלות דרייען זיך, און די חכמי או״ה זאָגן דער גלגל דרייט זיך און די מזלות זיינען אויף אים באַפעסטיקט. גלגל החוזר בעולם — דער מזל דרייט זיך אום אין דער וועלט (תלמודיש).

**גלוח** — אַ געגאָלטער. זע **גלח**.

**גלוי** [גאָלוי] — גלוי לכל העמים (אסתר ג יד) — אָפן פאַר אַלע פעל־קער. גלוי וידוע — אָפן און באַ־קאַנט (סידור). זע **בגלוי**.

**גלולים** (מלכים א׳ טו יב) — געצן. עובדי גלולים — געצנדינער.

**גלות** [גאָלעס], **גליות, גלויות** [גאָליעס — ◡ ◡] — 1. פאַרטרייבונג (ירמיה נב לא). ליידן, אָפּריכטן גלות. גלות מצרים, גלות בבל, אַרבע גלויות — די פיר גלות׳ן. לאַנג ווי דער

אידישער גלות. גלות השכינה — די שכינה אין גלות. גלות'דיק. 2. די גולים. קיבוץ גלויות. לקבץ גלויותינו — צו זאמלען אלע אונ־זערע גלות'ן (סידור). ריש גלותא — דער ראש פון די גולים. זע גולה.

**גלח** [גאַלעך], **גלחים** [גאַלאַחים] — „געגאַלטער", א קריסטלעכער פּריס־טער. דעם גלח'ס. גליק. גלח'יש. גלחות. אין דער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור הייסט «גלחות» — דאָס קריסטלעך דייטש לחילוק צו «יודיש» — דאָס אידיש דייטש' מיט אידישע אותיות, און ריסטלעכער טער־מינאָלאָגיע. זע כומר.

**גליון, גליונות** (ישעיה ח א) — ראַנד. דער גליון פון א בוך. ברייטע גליונות.

**גליל** (מלכים א' ט יא) — באַצירק, פּראָ־ווינץ. גליל רב. גליל (אין ארץ ישראל) N.

**גלילה** — דאָס צוזאַמענראָלן (פון א תורה). הגבה וגלילה (צוויי עליות נאָך קריאת התורה).

**גם** — אויך. גם אני בחלומי (לויט בראשית מ טז) — איך האָב אויך געזען אין חלום. גם כן — אויך אַזוי. גם אתם — אויך איר. גם זו לטובה — דאָס אויך צום גוטן (תלמודיש). גם לי גם לך לא יהיה (מלכים א' ג כא) — ניט מיר און ניט דיר. זע הגם.

**גמול** — פאַרדינסט, שכר. משלם גמול זיין (ירמיה נא ו) — באַצאָלן. דער גמול אויף יענער וועלט.

**גמור** [גאָמור], **גמורים** — גאַנץ. גוי גמור, צדיק גמור, שוטה גמור — א פאָלנער גוי, צדיק, שוטה. רשע שאינו גמור (תלמודיש) — ניט קיין גאַנצער רשע. מנויה וגמורה זע מנוי.

**גמטריא** זע בגימטריא.

**גמילות חסד** — 1. א הלוואה (אָן פּראָצענט). לייען א גמילות חסד (פאַראַדירט: מילכיג חסד). גמילות חסד של אמת — אָנ־אמת'ער גמילות חסד (וואָס מע טוט א גע־שטאָרבענעם). חברה גמילות חסד של אמת = חברה קדישא. אין דער ישיבה איז פאַראַן א גמילות חסד וואו אָרעמע ישיבה־לייט פאַר־משכנ'ען חפצים. 2. גמילות חסדים — גוטסקייט, וואָלהטעטיקייט. גדולה גמילת חסדים יותר מן הצדקה — גוטסקייט איז גרעסער פון צדקה (תלמודיש). העולם עומד על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים — די וועלט שטייט אויף תורה, גאָטעס־דינסט און גוטסקייט (תלמודיש).

**גמירא** — סוף. עד גמירא — ביזן סוף.

**גמליאל** N.

**גמר** [גמאר] — 1. סוף. מאַכן א גמר. גמר מלאכה. זע לגמרי.

2. באַשלוס (לויט תהלים נז ג). גמר טוב — א גוטער אורטייל. גמר כתיבה וחתימה טובה.

**גמרא** [גמאָרע], **גמרות** T. גמרא מלמד, גמרא קעפּל.

**גן ילדים** [גאַן יעלאָדים] — קינדערגאָרטן.

**גן עדן** [גענײדעם] — (בראשית ב טו). היפך: גיהנם. א ליכטיגן גן עדן זאָל ער האָבן. גן עדן התחתון.

**גנאי** — שאַנד. היפך: שבח. עס זאָל צו קיין גנאי ניט זיין. לגנאי (תלמודיש).

**גנב** [גאַנעוו], **גנבים** [גאַנאָווים] — (שמות כב א). (סופּערלאַטיוו:) א גנב בן גנב בן בנו של גנב. א גנב מגונב.

גנב שבגנבים. אַ גנב איז אַ גזלן. גנב'ענען. פיגוראַל: פּאַניע גנב, אַמע=ריטשקע גנב. אוי זייט איר אַ גנב. גנבישע אויגן. גנב'סקי וויד, גנב'ען די באַן, די גרעניץ. זיך אַריינגנב'ענען ניע גנב'אי — ניע פּאַסטאי. גנב'טע.

**גנוב** (בראשית ל לג) — גע'גנב'עט. פּתח גנובה (אין דיקדוק).

**גניבה** [גניעווע], **גניבות** — דאָס גנב'ע=נען, דאָס גע'גנב'עטע (שמות כב ב) בגניבה — בסוד. גניבה'שע אויגן. גניבת דעת (זע גונב דעת).

**גס** [גאָס], נקיבה **גסה** — גרויס. בהמה גסה, (אין רבים: גסות אַנשטאָט בהמות גסות) — גרויס פי (היפך: דקה). גס=רוח — דער וואָס האַלט זיך גרויס (תלמודיש). גסות — הויכ=מוט.

**גסיסה** — אַגאָניע. ער האַלט פּאַר דער גסיסה, ביי גסיסה (ביי יציאת נשמה). זע גוסס.

**גנות** — טאַדל, שאַנד (היפך: שבח). מתחיל בגנות ומסיים בשבח — הייבט אָן מיט טאַדל, און ענדיגט מיט לויב (תלמודיש). בגנותו — צו זיין שאַנד.

**געגועים** — זענזוכט (תלמודיש). זע מתגעגע.

געהענעם זע גיהנם.

**גפן** [געפען], **גפנים** [גפאַנים] — וויינ=שטאָק (במדבר ו ד). איש תחת גפנו ותחת תאינתו — יעדער אונטער זיין וויינשטאָק און זיין פייגנבוים (מיכה ד ד). יין גפן — וויין. בורא פרי הגפן T.

**גר** [גער], **גרים** [געירים] — אַ גוי, וואָס האָט זיך מגייר געווען. גר צדק — אַן=אמת'ער גר. גר תושב — אַ גוי, וואָס איז מקיים די שבע מיצוות בני נוח (תלמודיש). קשים גרים לישראל כספחת — די גרים זיינען פאַר ישראל שווער ווי אַ צרעת. (תלמודיש) לשון נקיבה: גיורת, אַ אַ גר'קע. גרי אריות = כותים, ווייל זיי האָבן זיך מגייר געווען צוליב מורא פאַר לייבן (תלמודיש).

**גרגרן** [גאַרגרען] — אַ פרעסער. נשים גרגרניות הן — פרויען זיינען להוט נאָך עסן (תלמודיש). גרגרנות — פרעסזוכט.

**גרגרת** (משלי א ט) — גאָרגל. אַריינ=קריכן אין די גרגרת.

**גרוגרת** — אַ טרוקענער פייג. גרוגרת דרבי צדוק — די פייג פון ר' צדוק.

**(גרוש) גרושה, גרושות** — אַ גע'גט'ע. אלמנה וגרושה (במדבר ל י) — אַן=אלמנה און אַ גע'גט'ע פון איר מאַן.

**גרסינן** — „מיר האָבן געלערנט". הכי גרסינן — אַזוי האָבן מיר געלערנט (תלמודיש) זע גורס.

**גרש, גרשים** — פון די טראָפּצייכן אין תנ"ך.

**גרשום, גרשון** N.

**גשם** [געשעם], **גשמים** [גשאָמים]. — רעגן (בראשית ז יב), גשמי ברכה (יחזקאל לד כו), גשם של ברכה — אַ געבענטשטער רעגן. נשיאים ורוח וגשם אין — וואָלקן און ווינד און קיין רעגן ניטאָ (משלי כה יד). ימות הגשמים — רעגן=טעג, ווינטער.

**גשמות** [גאַשמעס], **גשמיות** (פון «גשם» — קערפּער דניאל ג כג) — קערפּערלעכ=קייט (היפך: רוחניות). זע מגושם.

**גשמי** [גשמי] — קערפּערליך, מאַטע=ריעל (היפך: רוחני). זע מגושם.

# ד.

**ד** — דער פערטער אות פון אלף בית. ד׳ = 4. יום ד׳ — מיטוואָך. ד׳ אַמות — 4 איילן. ד׳ על ד׳ — 4×4. ד׳ (=ה׳) = השם. זע דלת.

**ד״א** = ד׳ אמות, דרך ארץ.

**דא לדא נקשן** (דניאל ה ו) — קלאַפּן איינס מיט דעם אנדערן (פון פיס).

**דאאס** זע **דעת.**

**דאגה** [דאַיגע], **דאגות** [דאיגעס] — (יחזקאל יב יט) — זאָרג. מרבה נכסים מרבה דאגה — וואָס מער פאַרמעגן, מער דאגות (תלמודיש). אַ דאגה, וועלן מיר זיך אַביסל דורכ־נעצן. מיין באָבעס דאגה! דאגות פרנסה. פאַר׳דאגה׳ט. פאַר׳דאגה׳ן די וועלט.

**דאוו** זע **דוב.**

**דאוונען** — אַ העברעאיזם (?) וואָס האָט פארביטן דעם מיטלאלטערלעכ «אָרן» (orare). פאַראַן אַסך דערקלערונ־גען: דף׳נען (צונג), דעו (פון אראַביש, בערלינער, devovere (שטראַק), divinare, דיינען (פלאַט־ דייטש: דינען), dawn (ענגליש: דעמערינג), דאַבותינו. אפשר אַ מעטאַטעזיס פון «עבד׳נען»? (זע: עבודת הבורא).

**דאכקעס** זע **דחקות.** **דאפקע** זע **דווקא**

**דבוק** זע **דיבוק.**

**דבורה** N.

**דביקות** [דוועיקעס] (אייגנטלעך: דביקות בבורא עולם — באהעפטונג מיט גאָט) — עקסטאז. ער איז תמיד פאַר׳דביק׳עט און וויל ניט הערען פון עולם הזה.

**דבר, דברים** — 1. אַ וואָרט. דבר דבור על אָפניו (משלי כה יא) — אַ וואָרט וואָס איז געזאָגט ריכטיג. דבר בעתו (משלי טו כג) — אַ וואָרט אין זיין צייט. דברים בטלים — ניש־טיגע ווערטער. דברים של טעם — קלוגע רייד. דברים שבלב אינם דברים — וואָס אין הארצן איז נאָך ניט קיין ווערטער (תלמודיש). דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב — ווערטער פון הארצן גייען צום הארצן. דברי חכמים בנחת נשמעין (קהלת ט יז) — קלוגע רייד הערט מען מיט נחת. 2. אַ זאַך. דבר גדול — אַ גרויסע זאַך. דבר חשוב — אַ וויכטיגע זאַך. דבר קטן — אַ קליינע זאַך. דבר שלא באָ לעולם — אַ זאַך וואָס איז ניט געוועזן אויף דער וועלט. דבר שבינו לבינו — אַ זאַך וואָס אונטער פיר אויגן. דבר שבקדושה — אַ הייליקע זאַך. דבר האבוד — אַ זאַך, וואָס ווערט פאַרלאָרן. כל דבר אָסור — אַלץ וואָס איז פאַרבאָטן. כל דבר שורש (לויט איוב יט כח) — גרינדליך. דברים בגו — דאָ איז עפּעס פאַראַן. דברים שאין להם שיעור — זאַכן, וואָס האָבן ניט קיין שיעור (תלמודיש). דברים של מה בכך — ניט וויכ־טיגע זאַכן. בעל דבר (שמות כד יד: בעל דברים) — אַ בעל דין. בעל דבר — אייפעמיזם פאַר שטן, מלאך המות. דבר אחר (דברים אחרים) אייפעמיזם פאַר חזיר.

**דבר** [דעווער] — עפּידעמיע (שמות ט טו). אויסגע׳דבר׳ט.

**דברות** [דיבּרעס], **עשרת הדברות** — די 10 געבאָט.

**דברי** [דיוורע] — «די רייד פון...», «די זאַכן פון...» דברי הימים T. דברי חול — וואָכעדיקע, ניט הייליגע זאַכן. דברי חלומות לא

מעלין ולא מורידין — חלומות ניט זיי נוצן, ניט זיי שאַדן (תלמודיש).

**דברי נביאים** — די רייד פון די נביאים אין אלו אלא דברי נביאות — דאָס איז נאָר נביאות, ד.ה. אומבאַגרינדעט (תלמודיש). דברי שטות—נאַרעשקייטן. דברי תורה זע תורה. דברי כבושין זע כבושין.

**דברים** — דער רבים פון **דבר.**

**דבר׳ן** [דאַבערן, דיבערן] — שמועסן. דבר׳ט מיטן אָדון מכוח עסק! דבר׳ט ניט העברייאיש, לערנט העב־רייאיש (פרישמאַן צו „דוברי עברית").

**דברן** [דאַבערן], **דברנים** [דאַבראַנים], בעל דברן — רעדנער. קהל האָט אים בוחר געווען צו זיין דער דברן מיט דעם שררה. נשים דברניות הן (תלמודיש)—פרויען זיינען פלאַפלער־קעס. דברנות [דאַבראַנעס] — פלאַפּ־לעריי.

**דבש** — האָניק, מתוק מדבש (תהלים יט יא) — זיסער פון האָניג. כצפיחית בדבש זע דבש מצאת אכול דייך (משלי כה טז) — האָסטו געפונען האָניק, עס מיט א מאָס.

**דג**, [דאָג] **דגים** [דאָגים] — פיש. בשר ודגים. „די חלות מיט די דגים מיט׳ן שטיקל פלייש" (שלום עליכם). מזל דגים.

**דגל, דגלים** — פאָן, דגל מחנה יהודה (במדבר ב ג) — די פאָן פון מחנה יהודה.

**דגן** — (איכה ב יב), קאָרן.

**דגש** [דאַגעש] — א פונקט אין אות. דגש חזק, דגש קל (אין דקדוק). אין אידיש טרעפט א דגש אין פיר אותיות: בכפת.

**דד** [דאַד], **דדים** — ברוסט (יחזקאל כג ג).

**דהיינו** — דאָס איז, דאָס הייסט. זע היינו.

**דוב, דובים** — בער (מלכים ב׳ ב כד). לא דובים ולא יער — ניט קיין בערן און ניט קיין וואַלד (תלמודיש). דוב בער (דובער) N.

**דובב** זע **שפה.**

**דובר שקרים** (תהלים קא ז) — א ליגנער.

**דוגמא, דוגמות, דוגמאות** [דוגמאָעס] — מוסטער (תלמודיש פון גריכיש). א וועקשטעלן לדוגמא. על פי דוגמא. אין דוגמתו — ער האָט קיין גלייכן ניט.

**דוד** [דאָוויד] N. דוד המלך. בן דוד — משיח.

**דוד, דודים** — פעטער. לאהובי דודי (אין בריוו) — צו מיין געליבטן פעטער.

**דודה**—מומע. לאהובתי דודתי (אין בריוו) — צו מיין געליבטער מומע.

**דוואָירע** זע **דבורה.**

**דווקא** [דאַפקע, דאַיקע] — גענוי, נאָר (תלמודיש). לאו דווקא — ניט נאָר, ניט נייטיק (תלמודיש).

**דו״ח** = דין וחשבון.

**דוחה** זיין — אָפּשטויסן. דוחה בידים — ער שטויסט אָפּ מיט די הענט. פקוח נפש דוחה שבת — א סכנה שטויסט אָפּ די מיצווה פון שבת. שמאל דוחה וימין מקרבת — די לינקע האַנט שטויסט אָפּ און די רעכטע דערנענטערט. אין דוחין נפש מפני נפש — מע טאָר ניט אָפּ־שטויסן איין לעבן צוליב אַנ־אַנדער לעבן. לזה דחית בקנה — דעם האָסטו אָפּגע׳פּטר׳ט מיט א ראָר (ד. ה. גרינג) (תלמודיש).

**דוחק** — איינגשאַפּט, נויט. דוחק אין געלט, אין דירות, אין ווערטער, אין מענטשן. על פּי דוחק מאַכט מען קידוש אויף חלה. בדוחק. דוחק את הקץ זע קץ. זע דחק, דחקות.

**דוכוס, דוכסים** — אַ קליינער מלך, אַ פירער (תלמודיש פון לאַטיין).

**דוכן** — (אין תלמוד:) עסטראַדע אין בית המקדש, וואו די כהנים פלעגן בענטשן דאָס פאָלק. (איצט) דוכן = ברכת כהנים. די כהנים פון אידישיזם וואָס דוכנ׳ען לכבוד אידיש. דוכן׳ען איבער עפּעס — מאַכן לאנגע שהיות. ריש דוכנא — באַהעלפער (תלמודיש).

**דומה** — געגליכן (שיר השירים ב ט). חתן דומה למלך — אַ חתן איז געגליכן צו אַ מלך. אינה דומה שמיעה לראייה — הערן איז ניט געגליכן צו זעען. רוב בנים דומין לאחי האם — ס׳רוב קינדער גיבן זיך איין אין דעם ברודער פון זייער מוטער. למה הדבר דומה — צו וואָס איז דאָס געגליכן? כדומה למשל — צום ביישפּיל. וכדומה והדומה לדומה — און דאַסגלייכן. (תלמודיש). כל עוף למינו ישכון ובן אָדם לדומה לו — יעדער פויגל׳ וואהנט מיט זיין גלייכן און דער מענטש מיט זיין גלייכן (תלמודיש פון בן סירא). מלאך דומה זע מלאך.

**דומם** 1. שווייגעדיק. יושב ודומם — זיצט שווייגנדיק (תלמודיש). 2. איינע פון די פיר נאַטור = טיילן: דומם, צומח, חי, מדבר — אומבאַלעבט, פלאַנצען, לעבעדיקס, ריידענדיקס. כאבן דומם זע אבן.

**דופן** — וואַנד. דופן עקומה — קרומע וואַנט (אין אַ סוכה, תלמודיש).

**יוצא דופן** — אַנ=אַרויסגעשניטענער, אַ טאַמאַטאָקאָס (תלמודיש).

**דופק** — פולס (פון „דפק" — קלאַפּן). עס קלאַפּט דער דופק, טאַפּן דעם דופק.

**דוק ותמצא** — „באַרעכן, וועסטו געפינען".

**דור, דורות** — (בראשית ז א), גענע=ראַציאָן, דור המבול, דור המדבר, דור הפלגה, דור תהפוכות (דברים לב כ) — אַ פאַרקערטער דור. דור הולך ודור בא (קהלת א ד) — איין דור גייט אַוועק, דער אַנדערער קומט. דור שכלו חייב — אַ דור וואָס איז אינגאַנצן שולדיק. דור דור ודורשיו, דור דור וחכמיו — יעדער דור האָט זיינע פאַרשער און זיינע געלערנטע. גדולי הדור — די גרעסטע פון דור. פּרנס לפי דורו — אַ פירער לויט זיין דור. יפתח בדורו כשמואל בדורו — יפתח איז געווען אין זיין דור ווי שמואל אין זיין דור. חד בדרא—איינער אין זיין דור (זע בדרא) (תלמודיש). סופערלאַטיוו דור דורות, דור דורים, דורי דורות. פאַרזאָרגן לדור דורות. ער איז שוין אַ גנב פון דורי דורות.

**דורס זיין** — צעטרעטן, צערייסן (תלמודיש).

**דורש וחוקר זיין** — אונטערזוכן (דברים יז טו). נאה דורש — ער דרש׳עט שיין. דורש טוב לעמו (אסתר י ג) —טוט גוטס פאַר זיין פאָלק.

**דחף** — שטויסן. דחופים ומבוהלים (לויט אסתר ח יד) — איילנדיק.

**דחק** [דכאַק] — נויט. בשעת הדחק — אין נויטפאַל. על פּי הדחק — דורך נויט.

**דחקות** [דאַכקעס] — נויט, איינגשאפּט. לעבן אין דחקות.

**די** [דאַי] — גענוג. ער בלי די (מלאכי ג י) — ביז ס'וועט ניט גע־נוג זיין. מיר האָבן פון דעם סאָרט יותר מדי — מער ווי גענוג. די והותר — גענוג און עס בלייבט נאָך (לויט שמות לו ז). דיינו (זע). לא די וואָס ער האָט געגעסן פּוילע פיש, האָט ער נאָך באַקומען קלעפּ אויך. ודי למבין — גענוג פאַר אַ מבין. ודי לחכימא ברמיזא — פאַר אַ חכם איז גענוג אַ רמז. דיה לצרה בשעתה — גענוג צו זאָרגן איבער אַ צרה אין איר צייט (ד. ה. ניט פריער). דיו לעבד שיהא כרבו — גענוג ווען דער קנעכט וועט זיין ווי זיין האר (תלמודיש).

**דיבוק, דיבוקים** — אַ רוח. אַ גלגול.

**דיבה** — פאַרלוימדונג. מוציא דיבה זיין — מאַכן אַ פּליאַטקע (משלי י יח)

**דיבור, דיבורים** — רייד. חיתוך הדיבור — דיקציע. קלאָרע דיבורים. תוך כדי דיבור — תיכף. על פי הדיבור — דורך גאָטס באַפעל (תלמידיש).

**דיברות:** עשרת הדברות — די צען געבאָט.

**דידי** — מיין. לאו בעל דברים דידי את — דו ביסט ניט מיין בעל דין (תלמודיש). לדידי ביי מיר. בדידי — מיט מיר. בדידי הוה עובדא — מיט מיר האָט דאָס פּאַסירט (תלמודיש).

**דיוק, דיוקים** — דאָס דורכזוכן. בדיוק — גענוי, פּינקטלעך. זע: מדויק.

**דיין** [דאַיען], **דיינים** [דאַיאָנים] — ריכטער (שמואל א׳ כד טו). אבי יתומים ודיין אלמנות — דער פאָטער פון יתומים און דער ריכטער פון אלמנות (תהלים סח ו). דיינות. ברוך דיין אמת — געבענטשט דער גערעכטער דיין (תלמודיש). שודא דדייני (זע).

**דיינו** [דאַיעינו] — „גענוג פאַר אונז" (סידור). דאָס וואָלט אויך געווען דיינו. זע די.

**דייק זיין** — אַכטונג געבן, דורכזוכן גענוי. גרים ולא דייק — ער האָט געלערנט אָבער ניט פּינקטלעך (תלמודיש). זע דיוק.

**דייקא** [דאַיקע] = דווקא.

**דייקן, דייקנים** — פּינקטלעכער. דייקנות. זע דייק.

**דילוג, דילוגים** — דאָס איבערהיפּן. מאַכן אַ דילוג ביים צאָלן וואָכער (ד. ה. פאַרפעלן אַ וואָך).

**דין, דינים** — 1. משפּט, פּראָצעס (דברים יג ט). דין תורה — אַ מישפּט לויט דער תורה. דין תורה'ווען. בית דין — געריכט. בעל דין — דער תובע און דער נתבע. יום הדין — דער טאָג פון דין. פּסק דין — דער אורטייל. דין פּרוטה כדין מאה — אַ דין איבער אַ פּרוטה איז אַזוי וויכטיג ווי איבער הונדערט זוז (תלמודיש). דיני ממונות — ציוויל־פּראָצעסן, דיני נפשות — קרימינאַל־פּראָצעסן. אין מרחמין בדין — נישטאָ קיין רחמנות אין דין (תלמודיש). 2. געזעץ (אסתר א יג). ווי איז דער דין? אַ מנהג ברעכט אַ דין. על פּי דין און על פּי יושר 3. גערעכטיקייט. מידת הדין — די מידה פון גערעכטיקייט, היפך: מידת הרחמים. 4. דין וחשבון — רעכענונג. אָפּגעבן דין וחשבון.

**דינא** = דין, דינא דמלכותא דינא דאָס געזעץ פון מלוכה איז געזעץ (תלמודיש).

**דינה N. דיני דינים** — זע דין.

**דיעה** [דע׳יע], **דיעות** — מיינונג. זאָגן אַ דיעה. בעל דיעה — דער וואָס זאָגט אַ מיינונג. ער האָט זיך אַ ווײלע געשלאָגן מיט דער דיעה און האָט ענדליך מסכים געווען. האָבן (זיין) בדיעה עפּעס צו טאָן. בדיעה אחת — איינשטימיג, בהסכם. חסר דיעה — שוואַכזיניגער. חלוקי־דיעות — מיינונגס־פאַרשידנהייט. דערמיט איז ער יוצא לכל הדיעות — באַ־פרידיגט אַלע מיינונגען.

**דיצה וחדוה** (סידור) — פרייעלעכקייט.

**דיקדוק, דיקדוקים** — 1. קליינינקייט, איינצלהייט. דיקדוקי סופרים — די גענויע פאָרשונגען פון די סופרים. דיקדוקי עניות — „די פּרטים פון ארמוט", קליינלעכע באַמערקונגען, פּעדאַנטיזם. דיקדוקי הפרשה, דיקדוקי התורה — די פּרטים פון דער פּרשה, פון דער תורה. דיקדוקי מצוות — די פּרטים פון די מצוות. בכל פּרטיה ודיקדוקיה (סידור) — מיט אַלע איינצלקייטן און גענויע פּרטים פון דער מצווה. 2. גראַ־מאַטיק. דיקדוק לשון עבר. (פאַראָדירט: ריקריק)

**דירה דירות** — וואָהנונג (פאַראָדירט: כירע). דירה נאה — אַ שיינע דירה. דירת עראי — אַ דירה אויף אַ ווײלע. דירת קבע — אַ שטענדיקע דירה (תלמודיש). ער האָט זיין דירת קבע אין וואַרשע.

**דל** [דאַל], **דלים** — אָרעמאַן (תהלים עב יג). ודל לא תהדר בריבו — — דעם אָרעמאַן זאָלסטו ניט שוינען אין זיין משפּט (שמות כג ג). דל גאה — אַ שטאָלצער אָרעמאַן (תלמודיש). זע בדיל הדל. עוזר דלים T.

**דלות** [דאַלעס] — 1. אָרימקייט. דער דלות פאַרשטעלט די חכמה. אַ סימן דלות. פון לעצטן דלות וועל איך דאָס קויפן. ווערן בדלות, בדלי־דלות (זע). 2. דלות, דליתים [דאַליעסים] — אָרעמאַן (ירמיה נב טו). דלות, מאַך לאָקשן — נימאָ קיין אייער; דלות מאַך פאַרפל! — נימאָ קיין מעל.

**דלפן, דלפנים** (אַ דערווייטערטע פאָרם פון „דל" אונטער דער השפּעה פון נאָמען „דלפון" אסתר ט ז) — אָרעמאַן (צונג: אָרעמער «פאָן», ד. ה. איידלמאַן).

**דלת** [דעלעס] — טיר (משלי כו יד). דלת הננעלת לא במהרה תפּתח — אַ טיר, וואָס האָט זיך פאַרשלאָסן, וועט זיך ניט גיך עפענען (תלמודיש).

**דלת** [דאַלעד] — דער נאָמען פון אות ד. דלת על דלת — 4╳4. דלת אמות — 4 אייל. ניט שטיין אין זיינע דלת אמות;

**דם** [דאָם], **דמים** [דאָמים] — בלוט. שופך דם זיין (בראשית ט ו) — פאַר־גיסן בלוט. דם בתולים (זע), דם מילה — בלוט פון באַשניידונג. דם נידה — מענסטריאַציע = בלוט (תלמודיש). בשר ודם — פלייש און בלוט (זע בשר). דם שונא — בלוט־פיינט. עלילת דם — בלוט־בילבול. שילשול דם — דורכפאַל. זע דמים. באַ׳דם׳ען זיך — זיך באַגיסן מיט בלוט. צע׳דם׳ט.

**דמי** [דמי] — „געלט פון...". דמי חתימה — אַבאָנעמענט־געלט. דמי קדימה — האַנט־געלט.

**דמיון** — גלייכונג (תהלים יז יב). כוח הדמיון — פאַנטאַזיע „דער כוח

הדמיון האָט שוין געמאָלט אַ צוזאַמענשטויס" (שלום עליכם). בעל דמיון — פאַנטאַזיאָר. עולם הדמיון — פאַנטאַסטישע וועלט. דמיונות כזובות —פאַנטאַזיעס וואָס נאַרן אָפּ.

**דמים** [דאָמים] — 1. רבים פון „דם״, שפיכות דמים. צאַפּן די דמים. די דמים האָבן זיך אין אים צעשפּילט. 2. געלט. קויפן בדמים יקרים, בדמים מרובים — פאַר טייער געלט. פאַר פיל געלט (תלמודיש). דמים תרתי משמע — דמים האָט צוויי טייטשן (תלמודיש).

**דמעה** [דימע] **דמעות** [דמאָעס] — טרער. וויינען בדמעות שליש (זע). שערי דמעות — די טויערן פון טרערן (זע).

**דמתקרי** [דם סקרי] — גערופן. אברהם דמתקרי אבראשע. זע המכונה.

**דן** [דאַן] זיין — משפּט'ן. דן לכף זכות זיין. ער האָט דן געווען דאָס בוך לשריפה. דן יחיד. — דער וואָס משפּט איינער אַליין (סידור) זע נידון.

**דן N. דניאל N.**

**דע מאין באת** — וויס, פון וואַנען דו ביזט געקומען (תלמודיש). דע מה למעלה ממך — וויס, וואָס איז העכער פון דיר. דע מה שתשיב לאפּיקורוס — וויס, וואָס צו ענטפערן אַן־אַפּיקורוס (תלמודיש).

**דעה** זע דיעה.

**דעלך סני לחברך לא תעביד** — וואָס דיר איז אומאַנגענעם, טו ניט דיין חבר (תלמודיש).

**דעת** (תהלים צב י) — 1. פאַרשטאַנד. עץ הדעת (בראשית ב ט) — בוים פון וויסן. בר דעת — פאַרשטענדיגער. הדעת נוטה—דער פאַרשטאַנד זאָגט, איז געניגט. עניי הדעת — „אָרעמע אין פאַרשטאַנד״, ניט פאַרשטענדיגע. יישוב הדעת, שיקול הדעת — דאָס נאָכדיינקען. טירוף הדעת — צעמישונג. היסח הדעת — דאָס ניט דיינקען, די אומאויפמערקזאַמקייט. — 2. מיינונג. קבלו דעתי — נעמט אָן מיין מיינונג. גילוי דעת, חוות דעת, — באַקאַנטמאַכונג. גונב דעת (זע). דעת הקהל — געזעלשאַפטלעכע מיינונג. נתקררה דעתו — ער האָט זיך באַרואיגט. (תלמודיש). דירה נאה אשה נאה וכלים נאים מרחיבים דעתו של אדם — אַ שיינע דירה, אַ שיין ווייב און שיינע זאַכן מאַכן ברייט די דיעה פון מענטשן (תלמודיש). הרחבת הדעת — ברייטקייט פון דער דעה. נקיי הדעת — דעליקאַטנע (תלמודיש).

**דעתן** [דאַיטן] — אַ קענער נקיבה דעתנית.

**דף** [דאַף], **דפים** [דאַפים] — בלאַט, זייט (פון אַ בוך). יעדער דף גמרא האָט צוויי עמודים.

**דפגרא** זע יומא.

**דפה** [דפאַי] — פון הי. הרבנים דפה — די היגע רבנים. זע פה.

**דפוס** — דרוק. בית הדפוס — דרוקעריי

**דק** [דאַק], נקיבה **דקה** — 1. דין, קליין. (בהמה) דקה — קליין פי (היפך: בהמה גסה). דקה מן הדקה (סופּערלאַטיוו תלמודיש). קול דממה דקה — אַ שטילע שטימע.

**דק** — געניי באַרעכענען. פורתא לא דק — אַ קלייניקייט נעמט ער ניט אין באַטראַכט.

**דקדוק** זע דיקדוק.

**דרא** [דאָראַ] בדרא זע דור בדרא.

**דרבנן** זע רבנן.

**דרגא** [דארגע] — שטאַפּל, שטוף. 1. נחית דרגא נסיב אתתא — שטייג אַרונטער אַ טרעפּל — צו נעמען אַ ווייב. (תלמודיש) אַ נחות דרגא—אַ יורד. 2. דרגא — פון טראָפּ אין תנ״ך.

**דרדקי** [דאַרדקע] — קליינע קינדער (פון «דק» אַנשטאָט «דקדקי») . דרדקי=קינדער, דרדקי מלמד. מקריא דרדקי — וואָס לערנט לייענען קליינע קינדער. „אַ ליאדע חדר אינגל, אַ דרדקי, וועט זיי אַלעמען פאַרשטעקן" (שלום עליכם).

**דרום** [דאָרעם] — (יחזקאל כא ב). „צפון דו, דרום דו, מזרח דו, מערב דו" (א ליד). דרומית מערבית.

**דרור** — פרייהייט (ויקרא כה י). ראש חודש אלול איז אַ קריאת דרור פון חדר.

**דרוש, דרושים** = דרשה. מאריך בדרוש זיין — לאַנג דרש׳ענען.

**דריסת הרגל** — פוסטריט (תלמודיש). „עד מדרך כף רגל (דברים ב ה) — מאַכט רש״י: אפילו דריסת הרגל". ער האָט אין מיין הויז קיין דריסת הרגל ניט (ד. ה. ער טאָר ניט אַריין).

**דרישה וחקירה** — אונטערזוכונג. זע: דורש וחוקר.

**דרך** [דערעך], **דרכים** [דראָכים] — 1. וועג. לא זה הדרך (מלכים ב׳ ו יט) — ניט דאָס איז דער וועג. דרך המלך (במדבר כ יז) — אַ גרויסער וועג. הוצאות הדרך — די אויסגאַבן אויפ׳ן וועג, צידה לדרך — שפּייז פאַרן וועג, קפיצת הדרך — פאַרקירצונג פון וועג. אַראָפּפירן פון דרך הישר — פון גלייכן וועג. עס האַלט אין דרך, עס גייט (עס שניידט זיך) אויף אַ דרך. 2. שטייגער. כדרך כל הארץ — „לויט דעם שטייגער פון דער גאַנצער ערד", ווי עס פירט זיך (בראשית יט לא). דרכו של עולם — עס פירט זיך (תלמודיש). כך דרך התגרים — אַזוי איז דער שטייגער פון קויפלייט. זיין דרך איז אַזוי געווען. כדרכו, כדרכה (זע), בדרך (זע), לפי דרכו (זע). 3. אין פאַרבינדונגען: דרך=ארץ—אַנשטענדיקייט. האָבן דרך ארץ פאַר N. אַ זאָג טאָן פון דרך ארץ וועגן. וואַרטן (לאָזן) אויף דרך ארץ. לערנען דרך ארץ מיט N. (פאראן א מסכתא «דרך ארץ»).

דרך הטבע — נאַטירלעכער וועג. כדרך הטבע, שלא כדרך הטבע — נאַטירלעך, אומנאַטירלעך.

דרך שלום (ישעיה נט ח) — דער וועג פון שלום. אַ ליגן פון דרך שלום וועגן, צוליב דרכי שלום, משום דרכי שלום (תלמודיש).

**דרכי** [דאַרקע] — „די וועגן פון..." דרכי שלום — די וועגן פון שלום. דרכי החנוך — דערציאונגס מעטאָדן.

**דרכים** [דראָכים] — רבים פון „דרך", — די וועגן. פאַרקריכן אין הויכע דרכים. פּרשת דרכים — שייד=וועג: על פרשת דרכים (תלמודיש).

**דרש** [דראש] , **דרשה** [דראָשע], **דרשות** — רעדע (פון ,מדרש׳ דברי הימים ב׳ יג כב).

**דרשן** [דאַרשען], **דרשנים** [דאַרשאָנים] — דער וואָס האַלט אַ דרשה. בעל דרשן, בעל = דרש׳ער. אַ יאַלאָווער בעל דרש׳ער (אַ פוסטער).

**דרש׳ענען** — האַלטן אַ דרשה. יעדער בעל דרש׳ער דרש׳עט פאַר זיך. נאה דורש — ער דרש׳עט שיין (תלמודיש).

**דת** [דאָס] — 1. געזעץ. דת ודין (אסתר א יג) — געזעץ און משפט. כדת — לויט געזעץ (אסחר א טו). כדת וכדין — לויט געזעץ. כדת משה וישראל (סידור) — לויט דעם גע־זעץ פון משה און ישראל (לויט דעם תלמוד, איז «דת משה» די דינים פון דער תורה, «דת יהודית» — די דינים וואָס זיינע נ׳ט פאַרשריבן אין דער תורה, אָבער זיי ווער׳ באַאָבאכט פון אידישע טעכטער). אחת דתו להמית — פאַר אים איז נאָר איין געזעץ: מיתה. 2. רעליגיע. ענינים וואָס זיינען נוגע צום דת. עיקרי הדת — גלויבנסארטיקל.

## ה.

**ה** — דער פינפטער אות פון אַלף בית.
ה = 5. יום ה׳ — דאָנערסטיק.
ה׳ = השם. זע הא.

**ה** = [הא] — ארטיקל אין העברייאיש. כל המעגלעכקייטן. ענין המעקלערײ (שלום עליכם). לטובת הכלל און לטובת הקעשענע. הבחור־הזעצער.

**I. הָא** — דאָס (דניאל ג כה) הא בהא תליא—איינס הייגגט אָפּ פון אנדערן לא הא ולא הא — ניט דאָס און ניט יענץ. הא לחוד והא לחוד — דאָס איז באַזונדער און יענץ איז באַזונדער. הא לן והא להו — דאָס פאַר אונז, און דאָס פאַר זיי (תלמודיש). והא ראיה זע והאָ. והא לחמא T.

**II. הא** [הע׳י] — דער נאָמען פון אות ה. ער וויזט דעם פערד אַ הא אין סידור (וואָרטשפיל). אַ הא׳עלע [הייעלע] — א בלייענע קמיע מיט אַ ה׳ = השם. אַ כף הא׳ער — אַ 25־קער.

**האדרת והאמונה T.**

**האוחז ביד T.** האוחז ביד („דער וואָס האַלט אין האַנט") איז די בעסטע תפילה (וואָרטשפיל). האוחז ביד וכל מאמינים שהוא (ד. ה. אלע גלויבן אים) (וואָרטשפיל).

**האוכל בשוק דומה לכלב** — דער וואָס עסט אין דרויסן, איז געגליכן צו אַ הונט (תלמודיש).

**האזינו T.** האזע זע העזה.

**האחד בא לגור וישפוט שפוט** (בראשית יט ט) — דער איז געקומען אויף אַ ווילע און איז געוואָרן אַ ריכטער.

**האַי** — דער דאָזיגער. מהאי טעמא — דער־פאַר. כהאי לישנא — מיט אַזאַ לשון (תלמודיש).

**הבא** [האבאָ ◡—, האבע] — דער גע־קומענער, קומעדיקער. הבא עלינו לטובה (הבע״ל) — וואָס קומט אויף אונז צום גוטן (סידור). מן הבא בידו (בראשית לב ד׳) — פון דעם געקו־מענעם אונטער די האַנט. ברוך הבא (זע). עולם הבא — די קומעדיקע (יענע) וועלט. הבא לטהר מסייעין לו — ווער עס קומט זיך ריינוואַשן העלפט מען אים (פון הימל) (תלמודיש).

**הבדל** [העוודל] = הבדלה

**הבדלה** [האַוודאָלע], **הבדלות** 1. אָפּ־טיילונג. להבדיל באלף הבדלות, זע להבדיל. 2. א מנהג אום מוצאי שבת ויום טוב. ויין לקדוש ולהבדלה — ווײן פאַר קידוש און הבדלה (סידור). זי טרינקט פון הבדלה (פון כוס, איבער וועלכן מען האָט געמאַכט הבדלה). אנצינדן הבדלה.

**הבה נתחכמה לו** (שמות א י) — לאמיר זיך קליגן קעגן אים, אויס־דיינקן תחבולות. זע התחכמות.

**הבה את אשתי** (בראשית כט כא) — גיב מיר מיין ווייב.

**הבוקר אור** (בראשית מד ג) — ווי עס איז געוואָרן טאָג.

**הבטחה** [האַפטאָכע], **הבטחות** — דאָס צוזאָגן. זע **מבטיח** זיין.

**I. הבל, הבלים** (קהלת א ב) — 1. פוסטע זאַך, נארעשקייט. הכל הבל — אלץ איז נאַרעשקייט, הבל הבלים (קהלת א ב) סופערלאַטיוו. הבלי [האַוולע] עולם — די נאַרעשקייטן פון דער וועלט. 2. הבל פיהם של תינוקות — „דער הויך פון קינדערשע מיילער", קינדערשע נאַרעשקייטן.

**II. הבל N.** קייען איז ניט הבל (וואָרטשפּיל: עסן איז ניט קיין קלייניקייט).

**הבנה** [האַבאָנע] — פאַרשטענדעניס. באַ־הבנ'ט זיין — פאַרשטיין. זע **מבין**.

**הבע"ל** = הבא עלינו לטובה.

**הבראה** [האַוורואָע] — דאָס קאָרמענען, זע **סעודת הבראה**.

**הברה** [האַוואָרע] — 1. אויסשפּראַך. הברה ספרדית, — די ספרדישע אויסשפּראַך. 2. א זילבע, אַ טראַף.

**הגבה** [האַגבּע] — דאָס אויפהייבן די תורה (אַנ־עליה). האָבן הגבה. הגבה וגלילה. הגבהת התורה. (מע שרייבט אויך: הגבהה).

**הגבלה** [האַגבאָלע], **הגבלות** — באַגרע־נעצונג. שלושת ימי הגבלה—די דריי טעג פאַר שבועות (לויט שמות יט יא יב).

**הגדה** [האַגאָדע]—1. הגדה של פסח T. ער מיינט ניט די הגדה, ער מיינט די קניידלעך. איך האָב געקויפט דריי הגדות. 2. = **אגדה**.

**הגהה** [האַגאָע] , **הגהות** — באַמערקונג. הגהות רמ"א (אין שלחן ערוך), הגהות מימניות — הגהות אויפן רמב"ם. 2. קאָרעקטור. זע **מגיה**.

**הגון** [האָגוון], **הגונים** — אַנשטענדיק, בכבודיק (תלמודיש). אדם הגון, איש הגון, אשה הגונה (הוגנת), שידוך הגון. זע **כהוגן**.

**הגונב מן הגנב פטור** — ווער עס גנב'עט פון אַ גנב, איז פריי (תלמודיש).

**הגיון** — געדאַנק (תהלים יט טו), לאָגיק. הגיונ'דיק.

**הגם** [האַגאַם ◡ —] 1. כאָטש (אין תנ"ך גם גם כי) , 2. הגם שאול בנביאים (שמואל א' י יב)—איז שוין אויך שאול אַ נביא?

**הגמון** [העגמאָן] — פירער (תלמודיש). בּיסקופּ.

**הגר N.** מדינת הגר — אונגאַרן. הגריים, הגרים (דברי הימים א' ה יט, תהלים פ"ג ז) — די אונגאַרן.

**הגר"א** = הגאון רבי אליהו (דער ווילנער גאון).

**הגרלה** [האַגראָלע] — דאָס גורל־וואַרפן (תלמודיש).

**הדחק** זע **דחק**.

**הדיוט** [העד־יעט], **הדיוטים** — אַ פשוטער מענטש (היפך: מומחה). הדיוט קופץ בראש — אַ פּראָסטאַק שפּרינגט פאָראויס (תלמודיש).

**הדלקה** [האַדלאָקע] — דאָס אָנצינדען. הדלקת הנר — ליכט אָנצינדן (שבת און יום טוב).

**הדס** [האָדעס], **הדסים** — 1. מירטע (ישעיה מא יט). דער לולב מיט דעם הדס. 2. אַ הדס'ל, בשמים = הדס — די בשמים־פּיקסל.

**הדפסה** [האַדפּאָסע] — דאָס דרוקן. זע **דפוס**.

**הדר** [האָדער] — שיינקייט. לא הוד ולא הדר (ישעיה כג ב; תהלים כא ו) — ניט קיין פּראַכט און ניט קיין שיינ־קייט. הדר זקנים שיבה (משלי כ כט) — די שיינקייט פון די אַלטע לייט איז גרויע האָר.

הדרא קושיא לדוכתא — בלייבט ווידער די אַלטע קשיא (תלמודיש).

**הדרגה** זע בהדרגה.

**הדרכה** [האַדראָכע] — פירעכץ.

**הדרן** [האַדרען] — „מיר וועלן זיך צו־ריקקערן" (תלמודיש). זאָגן אַ הדרן ביים סיום.

**הדרת פנים** — „שיינקייט פון פנים". הדרת פנים זקן — די שיינקייט פון פנים איז אַ באָרד (תלמודיש). די באָרד גיט צו אַ הדרת פנים. ברב עם הדרת מלך (משלי יד כח) — וואָס מער עולם איז א שיינקייט פאַרן מלך.

**ה"ה** = הוא הדין, היינו הך, הלא הוא.

**הוא** — ער (בראשית יג א)

**הוא הדין** — דערזעלביקער דין. „עסן עסט מען, אבי אַ ברכה צו מאַכן... הוא הדין טרינקן, הוא הדין וואָהנען" (פרץ).

**הוגן** זע כהוגן.

**הוד** — 1. גלאַנץ. הוד והדר (תהלים כא ו) — פּראַכט און שיינקייט. לא הוד ולא הדר (זע). הוד מלכות (דברי הימים א' כט כה) — פּראַכט פון מלך. פנה הודה פנה זיוה, פנה הדרה — עס האָט זיך פון איר אָפּגעטאָן איר פּראַכט, איר גלאַנץ, איר שיינקייט (תלמודיש). ירום הודו (זע). 2. איינע פון די עשר ספירות: הוד שבגבורה.

**הודאה** [דאָע] — 1. דאַנק. ברכות והודאות (סידור). אני נותן הודאה על חלקי (תלמודיש). — איך דאַנק פאַר מיין חלק. 2. איינשטימונג, דאָס מודה זיין. הודאת בעל דין כמאה עדים דמי — דאָס מודה זיין זיך פון בעל דין איז ווי הונדערט עדות (תלמודיש). שתיקה כהודאה דמיא (תלמודיש) — שווייגן איז ווי מסכים זיין, ווי זיך מודה זיין.

**הודה** — „ער האָט זיך מודע געווען". טענו בחיטין והודה לו בשעורים (תלמודיש). זע טענה. הודה ולא בוש — ער האָט זיך ניט געשעמט מודה צו זיין (תלמודיש).

I. **הודו** — אינדיע. פון הודו ביז כוש (אסתר א א). מע פליט פון הודו ביז כוש אין אַ פּאָר שטונדן.

II. **הודו** T. הודו ווּפּעריאָד (רוסיש).

**הוה** — „איז געווען". מאי דהוה הוה (תלמודיש) — וואָס געווען, איז געווען.

**הווה** [האָיווע] (נחמיה ו ו) — קע־ענ־וואַרט. דער הווה, דער עבר און דער עתיד.

**הוויה** [האַוואַיע], **הוויות** — 1. א מין פּילפּול. הוויות דאביי ורבא, 2 = העוויה. 3. זע כהוויה.

**הויה, שם הויה** [האַוואַיע] — דער נאָמען „יהוה". זע שם.

**הולך** — 1. גייט. הולך על ארבע (ויקרא יא כ) — אַ פיר־פיסיקער. הולך רכיל (משלי יא יג) — אַ רכילות־טרייבער. הולכ'ן אוועק'הולכ'ן. 2. נאַנג, קליי־דונג, זע הילוך.

**הון** — רייכקייט. פאַרמעגן, זיך פריי־ען בעל כל הון (תהלים קיט יד), ניט אָפּגעבן פאַר כל הון דעלמא (תלמודיש לויט שיר השירים ח ז) — פאַר אַלע רייכטימער פון דער וועלט. הון עצום (הון עשיר, משלי יח יא) — אַ גרויס רייכטום.

**הונאה** [אָנאָע] — דאָס אָפּנאַרן, דאָס באַליידיגן פון די פסוקים «אל תונו איש את אחיו» (ויקרא כה יד) — איר זאָלט ניט אָפּנאַרן איינער דעם אַנדערן אין מסחר, און «וגר לא תונה» (שמות כב כ) — זאָלסט אַ גר ניט

באלייידיקן דורך ווערטער. הונאת דברים — דאָס אָפּנאַרן מיט ווערטער. זע אונאה.

**הוספה** [אָסאָפע], **הוספות** — צוגאָב. דער אַרבעטער בעט אַ הוספה (מער געצאָלט). ס'איז דערשינען אַ הוספה צום בלאַט. זע: מוסיף.

**הופך** — דרייט אום. כאבן שאין לה הופכין — ווי אַ שטיין וואָס מע קערט ניט אום (תלמודיש). זע הפוך, מהפך.

**הוצאה** [אָצאָע], **הוצאות** — 1. אויסגאָב (היפך: הכנסה). נא דיר די בייטל און פיר דו די הוצאה. אויסשלאָגן די הוצאות. הוצאות הדרך — רייזע־קאָסטן. מיר זיינען אַלע גרויסע בעלי הוצאות. 2. הוצאה — דאָס אויסהייבן די רייניקייט פאַרן לייענען (היפך: הכנסה). 3. דאָס אַרויסטראָגן זאַכן אום שבת (היפך: הנחה). 4. הוצאת שם רע (לויט דברים כב יד) — דאָס פאַרלוימדן 5. הוצאַת זרע לבטלה זע זרע.

**הוראה** [אָראָע], **הוראות** — דאָס רבי די באַשטימונג. הוראת בית דין — די באַשטימונג פון בית דין (תלמודיש). ראוי להוראה [ראָ'ע לראָ'ע, פאָלש: ראוי לראוי] — ער איז ווירדיק צו זיין אַ רב (תלמודיש). הוראת שעה היתה (תלמודיש) — עס איז געווען אַ צייטווייליגע באַשטימונג, אַ הוראה לשעה. מורה הוראה [מאָרע־ראָע] — אַ לערער אין ישיבה. מורה הוראה בישראל — אַ מורה הוראה ביי אידן (תלמודיש). זע מורה.

**I. הורג, הורגים** — דער וואָס דער־הרג'ט, אַ מערדער (יחזקאל כא טז). הורג נפש — דער וואָס דער־הרג'עט אַ מענטשן.

**II. הורג, הורגים** — אַ דער־הרג'עטער (אנשטאָט הרוג, ווי בורר אנשטאָט ברור). דער הורג ליגט אין פעלד. זע הרוג.

**הורמנא** — באַפעל, דערלויבנים. הורמנא דמלכא — דערלויבנים פון מלך (תלמודיש).

**הושע** N. T.

**הושענא** [אָשאַינע], **הושענות** — (תלמודיש: ערבה) — אַ בינטל צווייגן (ויקרא כג מ), ) ערבי־נחל וואָס מע שלאָגט אין שול הושענא רבה. אַנ־אָפּגעשלאָגענע הושענא. הושענא רבה — דער זיבעטער טאָג סוכות. הושענא רבה נאָך דעם קוויטל. הושענא רבה שפּאַלט זיך דער הימל. הושענא רבה'דיקער צימעס.

**הותר** זע די והותר. **הותרה הרצועה** זע רצועה.

**הזדמנות** [היזדאַמנעס] — דאָס צוזאַמענטרעפן. בהזדמנות — צופעליק.

**הזה** [האָזע ◡ —] — דער דאָזיגער. זע זה.

**הזהר** (קהלת יב יב) — „היט זיך". הזהר והזהר, הזהר והשמר (פאַרשטאַרקט). חכמים הזהרו בדבריכם —חכמים, זייט פאָרזיכטיק מיט אייערע רייד! הזהרו בבני עניים — היט זיך מיט אָרעמע לייט'ס קינדער. (תלמודיש). זע נזהר.

הזורעים בדמעה ברנה יקצורו (תהלים קכו ה) —די וואָס זייען מיט טרערן, שניידן מיט געזאַנג.

**הזייה** [האַזאָ'ע], **הזיות** — פאַנטאַזיע. בעל הזייה — פאַנטאַזיאָר, בעל דמיון.

**הזכרה** [האַזקאָרע] — דערמאָנונג. הזכרת השם — די דערמאָנונג פון גאָטס נאָמען (תלמודיש). כנגד י"ח

**הזכרות** — אַנטקעגן די 18 שמות. הזכרת נשמות T. זע יזכור, מזכיר.

**הזמנה** [האַזמאָנע] — אײנלאַדונג. הזמנה לדין — אײנלאַדונג צום געריכט. פיתקא דהזמנא (תלמודיש') — אײנלאַדונגס־צעטל.

**הזן את העולם T.**

**החוט המשולש לא במהרה ינתק** (קהלת ד יב) — אַ דרײפאַכער פאָדים רײסט ניט גיך.

**החונה** — דער וואָס וואָהנט. החונה פה ק"ק ריגה — דער וואָס וואהנט דאָ אין דער שטאָט ריגע (בײ א נאָמען פון א רב)

**החופ"ק** = החונה פה קהילת...

**החילות לנפול נפול תפול** (אסתר ו יג) — האסטו אָנגעהויבן צו פאַלן, וועסטו שוין פאַלן.

**החלט** [העכלעט] — באַשלוס (=החלטה)

**החלטה** [האַכלאָטע], **החלטות** [האַכלאָטעס] — באַשלוס, זע לחלוטין, מוחלט.

**הטוב והמטיב T.**

**הידד** (ירמיה כה ל). זוי שרײען הידד מיט דער נגינה אַפ'ן „דד".

**הידור** — שײנקײט. דאָס איז ניט קײן הידור מצוה. זע מהדר.

**היה לא תהיה** — עס וועט ניט זײן, אויסגעשלאָסן (ישעיה ז ז: לא תקום ולא תהיה). (היפך: כן יקום).

**היום** — 1. דער טאָג. עוד היום גדול (בראשית כט ז) — דער טאָג איז נאָך גרויס (ד. ה. עס איז נאָך פרי). ויהי היום (איוב א ו) — עס איז געווען אַ טאָג (ד. ה. אײנמאָל). היום קצר והמלאכה מרובה — דער טאָג איז קורץ און די אַרבעט איז לאַנג (תלמודיש). 2. הײנט. היום יום ראשון — הײנט איז זונטיק (סידור).

**עד היום** [האַיעם] — ביז הײנט (= עד היום הזה, שמואל א' כז כו). היום כאן ומחר בקבר — הײנט דאָ און מאָרגן אין קבר (תלמודיש) (פאַראָדירט: היום כאן ומחר על הבאן). היום חד ומחר תרין — הײנט אײנער, מאָרגן צוויי (אויף אַ פגר, פאַראָדירט: חיים כאַפּ מרדכי טרען). 3. די היום'ס — ד. ה. די תפילה „היום תאמצנו היום תברכנו" א.א.וו. קומען נאָך אַלע היום'ס. היום הרת עולם T. זע יום.

**היוצא** — „וואָס גײט אַרויס", רעזולטאַט, רעזומע. היוצא מדברינו, היוצא לנו מזה — דער סך הכל פון אונזערע רײד. זע יוצא.

**היות** [העיאָס ◡ —] — ווײל. היות ולכן...

**היזק** [העזעק], **היזקות** [העזעיקעס] — אַ שאָד (היפך: ריווח). זע מזיק.

**הייעלע** זע הא.

**היינו** [ו איִנוּ] — דאָס הײסט. היינו הך — דאָס זעלביגע איז. לײב און לעאָן איז היינו הך. זע דהיינו.

**היכי תמצא** — „וואו געפינסטו?" (תלמודיש). „ס'איז דען אַ היכי תמצא אַז..." (שלום עליכם).

**היכל** — פּאַלאַץ (ישעיה ו א). אַרויסנעמען די רײניקײט פון היכל (פון ארון קודש).

**הילד** [האַיעלעד] — דאָס קינד. הילד איננו (בראשית לז ל) — דאָס קינד איז ניטא. אַבי הילד — דער פאָטער פון קינד.

**הילוך** — גאַנג. הילוך רגלים. 2. קלײדונג. 3. הילוך מעיים — דורכפאַל (תלמודיש). חולי ההילוך (פון דײטש) זע שילשול.

**הילולא וחינגא** — דאָס הוליען און טאַנצן (תלמודיש).

**הילכות** — געזעצן פון... הילכות שבת, הילכות שחיטה. זי איז געניט אין הילכות קינדלען.

**הילכתא למשיחא** — אַ געזעץ פאַר משיח׳ס צייטן, אוטאָפּיע.

**הילל N.** זע הלל.

**הים** — די ווערטער וואָס הייבן זיך אָן מיט הים — זע הת.

**היפך** [העיפּעך], **היפוכים, הפכים** [האַפּאָכים] — קעגנזאַץ (יחזקאל טז לד). פונקט דער היפך דערפון. שני הפכים בנושא אחד — צוויי קעגנ־טיילן אין איין סוביעקט. להיפך — פאַרקערט.

**היקף** [העקעף] — אומפאַנג. כל שיש בהיקפו שלושה טפחים יש בו רוחב טפח — Π (תלמודיש).

**הירהור הירהורים** — געדאַנק. הירהורי עבירה זע: מהרהר.

**היש** — די ווערטער וואָס הייבן זיך אָן מיט היש — זע הש.

**היתכן** (יחזקאל יט כה) — איז עס ריכטיג?

**היתר** [העטער] **היתרים** [העטיירים] — דערלויבנים (היפך: איסור). איסור והיתר. זוכן (האָבן) אַ היתר דערויף. מאַכן בהיתר. אויב עס איז נאָר פאַראַן דער מינדסטער צד היתר. היתר עיסקא (דערלויבנים אויף פּראָ־צענט נעמען)

**הך** [האַך] — דאָס. היינו הך — דאָס זעלביגע איז (תלמודיש).

**הכחשה** [האַקכאָשע], **הכחשות** [האַקכאָשעס] — דאָס אָפּלייקענען, אָפּרופן. זע: מכחיש.

**הכל** — אַלץ. הכל הבל (קוהלת א ב) — אַלץ איז נאַרעשקייט. הכל כאשר לכל (קוהלת ט ב) — אַלץ ווי גע־ווינטלעך. הכל בכל מכל פלעקל — אַלץ מיט אַנאַנדער (אַ פּאַראָדיע פון «הכל כאשר לכל»+בכל מכל כל). הכל תלוי במזל — אַלץ הייננגט אָפּ פון מזל (ד׳ ה. פון שטערן, ס׳איז דער תרגום פון פסוק «הכל כאשר לכל»). הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים — אַלץ איז אין גאָטס האַנד אחוץ פרומקייט (תלמודיש). והכל שריר וקיים — אַלץ שטייט פעסט און זיכער (אין שטרות). הכל כמנהג המדינה — אַלץ איז ווי עס פירט זיך אין דער דאָזיגער מדינה (תלמודיש).

**הכלל** — דער אויספיר, אין אַלגע־מיין, ארום און ארום, זע: כלל.

**הכנה** [האַכאָנע], **הכנות** [האַכאָנעס] — צוגרייטונג

**הכנסה** [האַכנאָסע], **הכנסות** [האַכנאָסעס] אויפנאַמע, איינאַמע (היפך: הוצאה). הכנ.ת אורחים — דאָס אויפנעמען פון געסט, גאַסטפריינדלעכקייט. הכנסת כלה — דאָס אַריינפירן די כלה, דאָס אויסגעבן (תלמודיש). זע: מכנים. 2. דאָס אַריינשטעלן די ריינקייט אין היכל.

**הכנעה** — אונטערטעניקייט. בהכנעה, הכנעה׳דיק.

**הכצעקתה** (בראשית יח כא) — „צי איז דאָס ווירקלעך ווי דער געשריי" זע: צעקה.

**הכרזה** [האַכראַזע] — דאָס אויסרופן. זע: מכריז זיין, כרוז.

**הכרח** [העכרעך] — נויטווענדיקייט. בהכרח (זע).

**הכרת פנים** (ישעיה ג ט) — דאָס דער־קענען פון פנים. האָבן הכרת פנים אין עמיצן, אַז עס איז ער. הכרת טובה, הכרת תודה — דאַנקבאַרקייט.

**הכשר** [העכשער], **הכשרים** [העכשיירים] — כשר־דערקלערונג. אַ הכשר־בריוו.

**הלא הוא** — ער איז. לאהובי ידידי הלא הוא הנגיד המפורסם (אין בריוו).

**הלבשה** [האַלבּאָשע] — קליידונג. גאַליציאַנער סוחרים אין זייער טראַדיציאָנעלער הלבשה. זע: **מלביש.**

**הלוואה** [האַלוואָע], **הלוואות** [האלוואָעס] — דאָס לייען. ער שינדט די הויט בּיי הלוואות. זע: **מלוה.**

**הלוואי** [אַלעוואַי ◡◡—] —פון «לואי תרגום פון «לוּ» — גאָט זאָל געבּן. „לו ישמעאל יחיה” (בּראשית יז יח), מאַכט רש״י: הלוואי שיחיה ישמעאל. הלוואי אותי עזבו ותורתי שמרו — אַלעוואַי זיי זאָלן מיך פאַרלאָזן און מיין תורה אָפּהיטן (תלמודיש).

**הלך** [האָלאַד] — אַייעקגעגאַנגען. הלך לעולמו, נקיבה: הלכה לעולמה (סידור) — געשטאָרבּן. געקומען אויף א פּאָר מינוט און הלך משה מרדכי. הלכה חמורך טרפון — „דיין אייזל איז פאַרפאַלן, טרפון” (תלמודיש).

**I. הלכה** [האָלכאָ] זע: **הלך.**

**II. הלכה** [האַלאָכע], **הלכות** [האַלאָכעס] — **1.** א געזעץ. בּקי בּהלכה — קלאָר אין דינים (תלמודיש). הלכה למשה מסיני — א דין פון משה רבּינו. הלכה למעשה — אַ כלל פאַר די פּראַקטיק. שואל כענין ומשיב כהלכה — פרעגט צו דער זאַך און ענטפערט לויט געזעץ (ריכטיג). הלכה רווחת בּישראל — א געזעץ וואָס ס'איז אָנגענומען בּיי אידן (תלמודיש). רבּים זע הילכות. **2.** הלכה **T.** (היפך: אגדה). — זע **כהלכה.**

**I. הלל** [האַלעל] **T.** גאַנץ (האַלבּ) הלל.

**II. הלל** [הילעל] **N.** הלל הזקן. כן עשה הלל — אַזוי פלעגט מאַכ הילל (סידור).

**הללויה T.** די הללויות (תהלים קיא — קיז)

**הלעיטני נא** (בּראשית כה ל). זיין א הלעיטני, אַ הלעיטניק (אַנשטאָט: הלעיטני'ניק).

**הלצה** [האַלאָצע], **הלצות** [האַלאָצעס] — שפּאַס. אַ הלצה'לע [לאָצעלע].

**המאיר לארץ T. המבדיל T.**

**המון** [האַמאָן ◡ —] — מאַסע (בּראשית יז ד). דער המון עם — די פאָלקסמאַסע.

**המוציא** זע: **מוציא III.**

**המוציא מחבירו עליו הראיה** — ווער עס פאָדערט פון יענעם, מוז בּאַווייזן (תלמודיש).

**המכונה** [האַמכונע]— גערופן. אברהם המכונה אַדאָלף — אברהם וואָס ווערט גערופן אדאָלף. זע: **דמתקרי.**

**המלאך הגואל T. המליץ. T. המלך T.**

**המן N.** המן בּן המדתא (אסתר ג א). ויבוא המן (אסתר ו ו) — המן איז געקומען. עשרת בּני המן (אסתר ט י) — המן'ס 10 זין. ניט וויסן פון ארור המן בּיז בּרוך מרדכי (זע חייב). ער הערט אים ווי המן דעם גראַגער. ניט מאהבת מרדכי נאָר משנאת המן. ס'איז א המן. אז אידן רייסן זיך, איז א שמחה בּיי די המנ'ס. קלוג ווי המנ'קע. נקיבה: המנ'טע.

**המצאה** [אַמצאָע], **המצאות** — דערפינדונג, אַנ=איינפאַל. פאַלן אויף אַנהמצאה, אַנ=אויבּער-המצאה, איך מיין ניט קיין המצאות. בּעל המצאה.

**המקום** [אַמאָקעם] — גאָט (תלמודיש). בּרוך המקום (סידור). המקום ימלא חסרונך, המקום ינחם אתכם — גאָט זאָל ממלא זיין דיין פאַרלוסט, גאָט זאָל אייך טרייסטן (תלמודיש).

הרבה שלוחים למקום — גאָט האָט אַ סך שלוחים. בין אדם למקום — צווישן מענטש און גאָט. זע: מקום.

**המשך** [העמשעך], **המשכים** [העמשעיכים] — פאָרטזעצונג. המשך קומט. דער אַרטיקל איז געדרוקט אין דריי המשכים.

**הן** [העןן] — 1. יאָ. הן צדק — אַ ריכטיגער יאָ (אַ שבועה, לויט דעם תלמודישן פשט פון „היןן צדק", ויקרא יט לו). איך שווער בהן צדקי, בהן שלי, אויף מיין הן. „בהן צדקי, איך וועל קיינעם נישט אויסזאָגן" (פרץ). מכלל לאו אתה שומע הן — פון אַ נעגאַטיווע רעגעל פאַרשטייסטו די פּאָזיטיווע (תלמודיש). 2. הן... הן — סיי... סיי (עזרא ז כו). הן אין תורה, הן אין וויסנשאַפט.

**הנאה** [אַנאָע], **הנאות** — פאַרגעניגן. איך האָב הנאה, עס טוט מיר הנאה. טויזנט הנאות האָט מען דערפון. אָסור בהנאה — מע טאָר דערפון קיין נוצן ניט האָבן (תלמודיש). בעל הנאה, בעלי הנאה — וואָס זוכן פאַרגעניגן.

**הנה** (בראשית כב ז) אט. זע: הנני.

**הנהגה** [אַנהאָגע], **הנהגות** — פירעכץ, באַנעמען.

**הנותן תשועה T.**

**הנזכר** [האַניזקער] — דער דערמאָנטער. הנזכר לעיל (הנ"ל) — דער אויבן דערמאָנטער, הנזכר מעבר לדף — וואָס איז דערמאָנט אויף דער צווייטער זייט

**הנחה, הנחות** (אסתר ב יח) — 1. דערלייכטערונג. 2. אַנ = אָנגענומענע מיינונג, היפּאָטעזע. זע: מניח.

**הנ"ל** [האַנאַל ◡ —] = הנזכר לעיל.

**הנני** (בראשית כב ז) — אָט בין איך.

**הנני העני T.**

**הנרות הללו T.**

**הס** [האַס] — שאַ! (זכריה ב יז). הס קטיגור — שווייג, אָנקלאָגער! (סידור). הס מלזהכיר — שאַ, דערמאָנט ניט, (עמוס ו י: הס כי לא להזכיר בשם ה').

**הסב** זע: הסיבה.

**הסברה** [האַסבאָרע] — דאָס געבן צו פאַרשטיין, זע מסביר.

**הסיבה** [העסעבע] **הסב** [העסעב] — דאָס זיצן אָנגעלייענט (תלמודיש). מאַכן אַ הסב-בעט [העסעבעט] צום סדר.

**הסגת** [האַסאָגאַס] **גבול** — „דאָס אָפּרוקן דעם גרענעץ", דאָס אויסכאַפּן יענעמ'ס פרנסה. זע: מסיג גבול.

**הסכם** [העסקעם] — צושטימונג. בהסכם כולם — מיט אַלעמענס צושטימונג.

**הסכמה** [האַסקאָמע], **הסכמות** — צושטימונג, אַפּראָבאַציע. דער בוך האָט הסכמות פון די גרעסטע רבנים. זע: מסכים.

**הספד** [העספּעד], **הספדים** [העספּעידים] — טרויער-רעדע. מאַכן אַ הספד נאָך אַ פאַרשטאָרבענעם. זע: מספיד.

**הספקה** [האַספּאָקע], **הספקות** — פאַרזאָרגונג, פּראָוויאַנט, פּאָרציע. זע: מספיק.

**הסתדרות הציונית T.**

**הסתלקות** [היסטאַלקעס] — דער טויט. זע: נסתלק.

**הסתפקות במועט** — דאָס באַנוגענען זיך מיט ווייניק, באַשיידנהייט. זע: מסתפק.

**העדר** — דאָס פעלן. העדר הכבוד — ניט-אַכטונג. על דבר העדר — ווען ער אָדער זי זאָלן שטאַרבן (אין תנאים. אַנדערע שרייבן: מחמת עידור ח"ו)

**העוויה** [אַוואַיע], **העוויות** — קרימענים, מינע, מיאוסע, משונה'דיקע,

משונה'נע העוויות. מאכן משוגע'נע, קעצישע, רבנישע העוויות.

**העזה** [האָזע] — פרעכהייט, חוצפּא. ער האָט די העזה געהאַט צו זאָגן. אַרויסבריינגען פון דער העזה. זע: **מעיז פנים, עזות.**

העזעק זע: **היזק.** העטער זע: **היתר.** העכשער זע: **הכשר.** העמשעך זע: **המשך.** העןן זע: **הן.** העסעבעט זע: **הסיבה.** העפקער זע: **הפקר.** העקדעש זע: **הקדש.** העקעף זע: **היקף.**

**הערה** [האַאָרע], **הערות** — באַמערקונג. זע: **מעיר.**

**הערכה** [האַראָכע], **הערכות** — אָפּשאַצונג, פאַרטיילונג. אַן־אומגערעכטע הערכה פון קהל'שע שטייערן.

**העתקה** [האַטאָקע], **העתקות** — איבערזעצונג, קאָפּיע.

**הפטורה הפטורות***) T. א נאָמען פון הפטורה (אַן־אויסגעטראַכטער) זע: **מפטיר.**

**הפך** אדער **היפך, הפכים** [האפּאָכים] קעגנזאַץ. שני הפכים בנושא אחד — צוויי קעגנזאַצן אין איין סוביעקט. אין דיקדוק ואו ההפך.

**הפלא ופלא** (ישעיה כט יד) — וואונדערבאַר.

**הפסד** [העפסעד] — שאָד, היזק, הפסד. מרובה — אַ גרויסער שאָד. יצא שכרו בהפסדו — זיין געווינס איז פאַרלאָרן (תלמודיש).

**הפסק** [העפסעק] — אונטערברעכונגען ריידן צווישן דער ברכה און דעם עסן איז אַ הפסק. זע **הפסקה.**

*) עס איז די מיטלאַלטערלעכע אויסלייגעכץ אנשטאָט «הפטרה», ווי «אלמונה», «סכונה», «מחשובה», וואָס מע טרעפט אין די אַלטע אידישע דרוקן.

**הפסקה** [האַפסאָקע], **הפסקות** — אונטערברעכונג. מאַכן אַ הפסקה אין אַ זיצונג. די הפסקות צווישן די שטונדן אין שול. שבת־הפסקה — דער שבת אין חדש אדר, ווען מע אונטערברעכט די ארבע פרשיות. פאסטן הפסקות (קאַטאָוועס). זע **מפסיק.**

**הפעיל** — פון די בנינים אין דיקדוק.

**הפקר** (העפקער) — וואָס איז אָן אַ באַלעבאָס. הפקר כעפרא דארעא — עס איז הפקר ווי דער שטויב פון דער ערד (סידור). פאַרלאָזן א הויז אויף הפקר. הפקר־וועלט, הפקר־זאַך, הפקר־מענטש, הפקר־פעטרישקע. הפקרות. זע **מפקיר.**

**הפרזה** [האפּראָזע] — איבערטרייבונג. זע **מפריז.**

**הצועק לשעבר הרי זה תפילת שוא** — מתפלל זיין אויף א פאַרגאַנגענע זאַך איז אַן־אומזיסטע תפילה (תלמודיש).

**הצטדקות** [היצטאַדקעס] — אַנטשולדיקונג, רעכטפערטיקונג.

**הצטרכות** [היצטארכעס], **הצטרכות'ן** — באַדערפענים.

**הצלה, הצלות** (אסתר ד. יד.) — רעטונג. הצלה פורתא — א קליינע רעטונג (תלמודיש) זע **מציל.**

**הצלחה** [האצלאָכע] **הצלחות** — גליק. ברכה והצלחה (סידור). הצלחה איז אַ דבר גדול. ברכות והצלחות אויף דיין קעפּעלע. זע **מצליח.**

**הצעה** [האצאָע] **הצעות** — פאָרשלאַג.

**הצפירה** T.

**הקב"ה** — הקדוש ברוך הוא.

**הקדוש ברוך הוא** (הקב"ה) — גאָט.

**הקדמה** [האקדאמע], **הקדמות** — איינפיר, פאָר־רעדע.

**הקדש** [העקדעש] — באגאדעלניע. ס'איז א הקדש (א שמוציקער ארט).
הקהה את שיניו (סידור) — מאך אים אייליק די ציין (ד. ה. ענטפער אים שארף).
הקול קול יעקב והידים ידי עשו (בראשית כז כב) — די שטימע איז יעקב'ס, אבער די הענד זיינען עשו'ס.

**הקיצור** זע בקיצור. **הקף** זע היקף.

**הקפדה** [האקפאָדע] — פעדאנטיזם, שטרייענגע אכטגעבונג. זע מקפיד.

**הקפה** [האקאָפע] **הקפות** — דאָס ארומגייען אין קרייז, א פראָצעסיע. עד כאן הקפה (סידור). שימחת תורה צו הקפות.

**הקראה** [האַקראָע], **הקראות** — דיק־טאַט.

**הר** [האָר], **הרים** [האָרים] — באַרג. הר בית (ירמיה כו יח), הר הזיתים, הר סיני (שמות יט יא). צוואָגן הרים וגבעות (לויט יואל ד יח). עוקר הרים זע: עוקר. הרי [האָרע] חושך — פינצטערע בערג (תלמודיש). הינטער די הרי חושך.

**הרבה** (בראשית טו א) — א סך, פיל. געבליבן מעט מהרבה (ירמיה מב ב). אל תהי צדיק הרבה (קהלת ז טז) — זיי ניט צופיל צדיק. הרבה שלוחים למקום — גאָט האָט א סך שלוחים (תלמודיש).

**הרג** (אסתר ט ה) — דאָס הרג'ענען, (איינע פון די מיתות בית דין). הרג'ענען [האַרגעגען] — שלאָגן. ווער דער־הרג'עט פאַר אַלע אידישע קינדער (א קללה).

**הרגל** [הערגל] — געוואָהנהייט (תלמודיש). הרגל טבע שני, הרגל נעשה טבע, הרגל נעשה אומן — א געוואָהנהייט ווערט א טבע.

**הרגשה** [האַרגאָשע] — געפיל (תלמודיש).

**הרהור הרהורים** — געדאַנק (דניאל ד ב). הרהור כדבור דמי — גערעדט איז ווי געזאָגט (תלמודיש). הרהורי עבירה, הרהורי תשובה — געדאַנ־קען פון עבירות, פון תשובה. הרהורי עבירה קשין מעבירה — טראַכטן פון אַן־עבירה איז שווערער פון אַנ־עבירה (תלמודיש).

**הרוג, הרוגים** — דער'הרג'עטער (יחזקאל לז ט): הרוגי ביתר, הרוגי מלכות — די דער'הרג'עטע אין ביתר, די דער'הרג'עטע פון דער רעמישער מלוכה (תלמודיש).

**הרוצה לשקר ירחיק עדיו** — ווער עס וויל זאָגן א ליגן, זאָל דערווייטערן די עדות.

**הרחבה** [האַרכאָווע] — ברייטקייט. הרחבת הביאור, הרחבת הדעת. בהרחבה — ברייט, באַקוועם.

**הרחמן** T.

**הרחק מן הכיעור ומן הדומה לו** — דערווייטערע זיך פון מיאוסן און פון דעם וואָס איז גלייך צום מיאוסן (תלמודיש).

I. **הרי** זע: הר.

II. **הרי** [האַרעי ◡ —] — אָט.
הרי אני כבן שבעים — איך בין אַלט ארום 70 (סידור).
הרי את מקודשת T. (סידור). א מזל טוב פאַרן הרי את.
הרי זה משובח — דער איז געלויבט (סידור).
הרי שלך לפניך — דיינס איז אָט פאַר דיר (תלמודיש).

**הריגה הריגות** (ירמיה יב ג) — דאָס הרג'ענען.

**הרים** זע: הר. הריני מוכן ומזומן T.

**הריסה** — צעשטערונג (עמוס ט יא). די פשרה איז א הריסה.

**הרע** [האָרע] זע: יצר הרע, עין הרע.

**הרף עין** — אויגנבליק זע: כהרף.

**הרפתקאות** — געשעענישן, סטראַפּאַצן.

**הרצאה** [הארצאָע], **הרצאות** — פאָרטראג, רעפעראַט (תלמודיש).

**הררים** [האראָרים] —בערג (דברים לג טו) אין: כהררים התלוים בשערה —ווי בערג, וואָס הייגען אויף א האָר (תלמודיש).

**הרשאה** [האַרשאָע] —דערלויבעניש, פולמאַכט (תלמודיש). כתב הרשאה — אַ פולמאַכט־דאָקומענט. כוח והרשאה — פולמאַכט. זע מורשת.

**הרשום מטה** — דער פאַרצייכנטער אונטן זע רשום.

**השאלה** [האַשאָלע] — דער פיגוראַלער זין. בדרך השאלה — פיגוראַל געזאָגט.

**השארת הנפש** — אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה.

**השבעה** [השבאָע] **השבעות** — באַשווערונג, זע משביע.

**השבת אבידה** [האשאָוועס] — דאָס אומקערן אַ פאַרלאָרענע זאַך. די מיצווה פון השבת אבידה (לויט ויקרא ח כג).

**השגה** [האסאַגע] **השגות**—1. באַגריף. האָבן א השגה — משיג זיין. 2. פאַנטאַזיע, קאַפּריז. א השגה פון א גביר. קליינע השגה'לעך. 3. השגת גבול=הסגת גבול. 4 קריטישע באַמערקונג. די השגות פון אויפן רמב"ם.

**השגחה** [האשגאָכע] — אויפזיכט, אכטגעבונג. השגחה עליונה, השגחה פרטית, השגחת הבור — פון גאָטס פאָרזעאונג זע משגיח.

**השגרה** [האשגארע] — געלויפיקייט, אין השגרת הלשון, השגרת הקולמוס — רעדע־גרייז, שרייב־גרייז (תלמודיש: אשגרת).

**השוואה** [האשוואָע], **השוואות**—פאַרגלייכונג, אויסגלייך.

**השיבנו** T. —„קער אונז אום". חיל מאכט השיבנו נאזאד (רוסיש). מכבד זיין מיט השיבנו נאזאד.

**השי"ת** = השם יתברך.

**השכיבנו** T.

**השכלה** [האסקאָלע] — בילדונג. די השכלה־ליטעראַטור, די תקופה פון השכלה.

**השכמה** [האשקאָמע] T.

**השלמה** [האשלאָמע] — פאָלענדונג, פאַרפולקומונג. זע מושלם.

**השלשה** [האשלאָשע], **השלשות** — דאָס אפלייגן געלט ביי א שלשי. דער שליש האָט ארויסגעגעבן השלשה־קוויטלעך.

**השם** (ויקרא כד יא) — גאָט'ס נאָמען, גאָט. השם יתברך (השי"ת) — גאָט, ער זאָל געבענטשט ווערן. ברוך השם (ב"ה), למען השם, בעזרת השם, חילול השם, קידוש השם, אם ירצה השם (זע). השם ירחם— גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען. השם ישמרני — גאָט זאָל מיך אויסהיטן. השם נתן והשם לקח (לויט איוב א כא).

**השמטה** [האשמאָטע] — די דורכלאָזונג פון עפעס, דאָס דורכגעלאָזענע. די השמטות פון ש"ס.

**השמר והזהר** — „היט זיך" (דברים טו ו + קהלת יב יב). זע: הזהר.

**השערה** [האַשאָרע], **השערות** — מיינונג, פאַרמוטינג. השערה בעלמא — סתם א השערה. זע: **משער.**

**השפעה** [האַשפּאָע], **השפעות** — איינ־פלוס. אונטער זיין השפעה. זע: **משפיע.**

**השקפה** — דער קוק. בהשקפה ראשונה — אויף דעם ערשטן קוק.

**השתדלות** [הישתּדלעס] — דאָס באַ־מיען זיך פאַר עמיצן. זע: **משתדל, שתדלן.**

**השתטחות** [הישטאַטכעס] — דאָס אויס־שטרעקן זיך. השתטחות על קברים זע **השתטח.**

**השתלשלות** [השטאַלשלעס] — די אַנט־וויקלונג. השתלשלות הסיבות — די פאַרצווייגונג פון די סיבות. זע: **שלשלת.**

**השתנה** [האַשטאַנע] — דאָס אורינירן זע: **משתין.**

**השתנות** [הישטאַנעס] — פאַרענדערונג.

**השתפכות** [הישטאַפּכעס] — דאָס אויס־גיסן, אין השתפכות הלב (לויט שמואל א' א טו), השתפכות הנפש (לויט איכה ב יט.)

**התבודדות** [היסבוידעדעס] — דאָס אָפּ־זונדערן זיך. דער רבי פראַוועט התבודדות (חסידיש: ער נעמט אויף באַ־זונדער, וואָס קומען צו אים שואל עצה זיין).

**התבוללות** — אסימילאַציע.

**התבוננות** — באַטראַכטונג (חסידיש.)

**התגדר** אין תלמודישן אויסדרוק: לאָזן עמיצן מקום להתגדר בו — א מעג־לעכקייט זיך אויסצוצייכענען.

**התגלות** [היסגאַלעס] — אַנטפּלעקונג. התגלות אלהות — די געטלעכע אַנטפּלעקונג. די התגלות פון בעל שם טוב איז געווען אַזוי. זע **נתגלה.**

**התחדש** = **תתחדש.**

**התחייבות** [היסכאַייוועס], **התחייבות'ן** — פליכט. ער האָט אויף זיך גענומען א שווערע התחייבות.

**התחכמות** — דאָס קליגן זיך. זע: **הבה נתחכמה.**

**התחלה** [האַסכאָלע], **התחלות** — אָנהייב (תלמודיש). מאַכן א התחלה. כל התחלות קשות — אַלע אָנהייבן זיינען שווער (תלמודיש).

**התחתנות** [היסכאַטנעס] — דאָס מתחתן זיין זיך.

**התלהבות** [היסלאַוועס] — באַגייסטע־רונג, עקסטאַז. קעלבערנע התלהבות, התלהבות'דיק.

**התמדה** [האַסמאָדע] — פליס. לערנען בהתמדה. זע: **מתמיד.**

**התמנות** [היסמאַנעס] — אַמט. א קהל'־שע התמנות. בעל התמנות — באַ־אַמטער.

**התמרמרות** — פאַרביטערונג.

**התנהגות** [היסנאַגעס] — פירעכץ, באַ־נעמען. זיין התנהגות האָט געמאַכט א רושם.

**התנצלות** [היסנאַצלעס] — זעלבסטפאַר־טיידיקונג זע: **מתנצל.**

**התעוררות** — דערוועקונג, דערמונ־טערונג. ער זאָגט דעם הספד מיט אזא בכיה און התעוררות. זע: **אתערותא.**

**התפעלות** [היספּאַילעס] — ווירקונג, אַנטציקונג, אַריינפאַלן, פאַרגיין אין התפעלות פון... כאַפּן קעלבערנע התפעלות, פון גרוים התפעלות. זע: **נתפעל.**

**התקוה** T. זינגען התקוה.

**התקרבות** [היסקאָרוועס] — דערנענ־טערונג.

**התר** זע: **היתר.**

**התראה** [האַסראָע], **התראות** — וואָרעניש. בעדים ובהתראה זינדיגן. זע: **מתרה.**

**התרה** אין **התרת** [האַטאָרעס] **הוראה** — דערלויבניש, צו זיין א מורה הוראה, **התרת נדרים** — דאָס מתיר זיין נדרים (ת־מודיש).

## ו.

**ו** — דער זעקסטער אות אין אלף־בית. ו׳ = 6. יום ו׳ — פרייטיק. זע **ואו.**

**ו** = (אנ־אות השימוש אין העברייאיש, אין אָנהייב וואָרט) — און. אדרבא ואדרבא. ס׳איז יאוונע ויאַסנע (רוסיש) ; „סאי וסאי" = סיי ווי סיי. טאָץ וטאָץ = ТОЧЬ ВЪ ТОЧЬ. פאַר די אותיות ב, מ׳ ף, און פאַר אַ שוא ווערט אויסגעשפּראָכן וּ: **ובא לציון, ומפני חטאינו, חלב ודבש.**

**ואדר** [וועיאָדער — ◡ ◡] — „און אָדר", דער צווייטער אָדער, אָדר שני.

**ואהבת את ה׳ אלהיך** (דברים ו ה) — זאָלסט ליבן גאָט. **ואהבת לרעך כמוך** (ויקרא יט יח) — זאָלסט ליבן דיין חבר ווי דיך אַליין.

**ואו** — דער נאָמען פון אות ו אין אלף בית. **ואו ההפך** (אָדער המהפך), **ואו החיבור** (אין דקדוק).

**ואיננו** (בראשית ה כד) — „און ער איז ניטאָ" (ד. ה. אַנטלאָפן).

**ואכלת ושבעת** (דברים ו יא) — דו וועסט עסן און וועסט זאַט זיין.

**ואם תאמר** זע **אם תאמר.**

**ואמרתם זבח פסח** T.

**ואנחנו כורעים** T. „טפו! ואנחנו כורעים ומשתחוים ומודים".

**וארא** T.

**ואָתאָ כלבא** — „געקומען דער הונט" (סידור) . זע **ויבוא המן.**

**ואתחנן** T. **ובא לציון** T.

**ובארת הרע מקרבך** (דברים יז ז) — זאָלסט אויסראַמען דאָס בייז פון דיר.

**ובכן** — אַזוי אַרום (קהלת ח י). **ובכן** מעג מען שוין גיין שלאָפן. **ובכן תן פחדך** T.

**ובנה ירושלים** T. **ובנוחו יאמר** T.

**וגו׳, וגומר** — „און ער ענדיקט", און אַזוי ווייטער.

**וגם** — און אויך, זע **גם.**

**וגר זאב עם כבש** (ישעיה יא ו) — עס וועט וואינען אַ וואָלף מיט אַ לעמל.

**ודאי** זע **וודאי, בוודאי, אוודאי.**

**ודבק באשתו** (בראשית ב כד) — „און ער קלעבט זיך אן צו זיין ווייב".

**ודי, ודי למבין, ודי לחכימא** זע **די.**

**וד״ל** = ודי למבין.

**והא ראיה** אָדער **והראיה** — „אָט איז אַ באַווייז".

**והגית בו יומם ולילה** (יהושע א ח) — — זאָלסט לערנען טאָג און נאכט.

**והוא ימשל בך** (בראשית ג טז) — און ער וועט געוועלטיקן איבער דיך.

**והוא רחום** T. היינט זאָגט מען דעם לאנגן והוא רחום.

**והיה אם שמוע** T. **והיה באחרית הימים** (ישעיה ב ב) — עס וועט זיין אין די לעצטע טעג. **והיה כי יביאך** T.

**והייתם נקיים מה׳ ומישראל** (במדבר לב. כד) — זייט ריין פאַר גאָט און פאַר ישראל.

**והכל שריד וקיים** (אין שטרות) — אַלץ איז פעסט און זיכער.

**והשנית** [וועהאַשעיניס] — און צווייטנס.

**וודאי** [וואַדע] — געוויס (היפך: ספק). קרוב לוודאי — כמעט געוויס. בוודאי, אוודאי (זע). אשם וודאי — אַ קרבן אָשם פאַר אַ געוויסן זינד.

**ווידוי** זע וידוי.

**וויכּוח**, וויכּוחים — דיספּוט. זיך אַריינ⸗לאָזן אין וויכּוחים. זע מתווכּח.

**וויתּור** — נאָכגעבעניש. דאָ קענען מיר ניט מאַכן קיין שום וויתּור. זע מוותּר.

**וולד** זע ילד.

**ווסת** [וועיסעט] — 1. געוואָנהייט (תּלמודיש פון גריכיש). שינוי ווסת תּחלת חולי מעיים (תּלמודיש) — געוואָנהייטס ענדערונג איז דער אָנהייב פון מאָגן קראַנקהייט. 2. מענסטרואַציע. כּל אשה שיש לה ווסת (תּלמודיש) — אַ פרוי וועלכע האָט מענסטרואַציע. ווסת של הנשים.

**וועד** [וואַאד] — 1. פאַרזאַמלונג. בית וועד לחכמים (תּלמודיש) — אַ פאַר⸗זאַמלונגס = אָרט פאַר חכמים. 2. צו⸗זאַמענפאָר. וועד אַרבע ארצות (היסטאָריש). וועד הקהילות — צו⸗זאַמענפאָר פון קהילה פאַרשטייער. 3. קאָמיטעט: וועד הכשרות — קאָמיטעט אויף כשרות.

**וורדין** — האַלז⸗אָדערן, וועגען (תּלמודיש).

**וושט** [וועיסעט] — שפּייזראָר. שחט את הוושט (תּלמודיש) — דורכשניידן די שפּייזראָר. קנה וושט — שפּייז⸗ראָר.

**ושתּי** (אָדער) **ושתי** N.

**וותיק** [וואָטיק]. **וותיקין** [וואָטיקין] — טיכטיק. תּלמיד וותיק. די וותיקין — די פרומע, מנהג וותיקין (תּלמודיש).

**וותרן** [וואָטרען], **וותרנים** [וואָטראָנים] — נאָכגעביג. אויף יענעמ'ס קע⸗שענע איז יעדער אַ וותרן. „וויל דער צימעס איז דאָך שוין נאָך אַלעמען, מעג ער זיין אַ וותרן" (שלום עליכם). זי איז אַ וותרנית. וותרנות. זע וויתּור.

**וזאת הברכה** T. **וזאת התּורה** (דברים ד מד) T.

**וחלק׳קות** (תּהלים לה ו) — גלאַט. גליטשיק און וחלקלקלות.

**ויאמר** „און ער האָט געזאָגט" (אַזוי הייבן זיך אָן אַ סך קאַפּיטלעך אין חומש). אין מיטן ויאמר. ויאמר וידבר (פון פּוסטע געשפּרעכן). ויאמר דוד T.

**ויבוא המן** (אסתּר ו ו) — און המן איז געקומען". ויבוא המן—מאַכט רש"י טשאַרט יעוואָ פריניאַס (רוסיש). ויבוא המן — דאָס זעלבע וואָס «וואַתאָ כ'באַ».

**ויברח** (בראשית לא כא) — „און ער איז אַנטלאָפן". מאַכן אַ ויברח. היום כּאן ומחר ויברח — היינט דאָ און מאָרגן אַנטלאָפן (פאַראַדירט דאָס תּלמודישע: היום כּאן ומחר בקבר). זע בורח.

**ויגש** T.

**וידבר** „און ער האָט געזאָגט" (אַזוי הייבן זיך אָן אַ סך קאַפּיטלעך אין חומש). אין מיטן וידבר. ויאמר וידבר. וידבר ויצאצקי (קאַטאָוועס).

**וידוי** [ווידוי] — זינדן = באַקענטעניס. וידוי יום הכּפּורים — דער „על חטא". וידוי הגדול. וידוי של ר' ניסים. פאַר דעם טויט זאָגט מען וידוי. זע מתוודה.

**ויהי** [וואַיהי ◡ —] — „און עס איז געוועזן" (אַזוי הייבן זיך אָן אַ סך דערציילונגען אין תּנ"ך). וואו „ויהי", דאָרט איז אַ צרה (תּלמודיש). ס'איז אַ ויהי. ויהי היום (איוב א ו. יג) — עס איז גע⸗וועזן אַ טאָג (דאָס הייסט: איינמאָל). הוא אָמר ויהי (תּהלים לג ט)—ער האָט געזאָגט און ס'איז געוואָרן.

**ויהי בחצי הלילה** T.
**ויהי בנסוע** T. **ויהי נועם** T.
**ויו** = ואו.
**ויזתא** N. — דער אינגסטער פון די עשרת בני המן (אסתר ט ט), אַ טיפּש.
**ויחי** T. **ויחל** T.
**ויכוח** זע וויכוח.
**וילך** — „און ער איז אַוועקגעגאַנגען" (דברים לא א). וישא את רגליו וילך (לויט בראשית כט א) — האָט אופגע= הויבן זיינע פיס און איז אַוועקגעגאַנ= גען. האָט אונז פאַרלאָזט אָן אַ זיי געזונט און וילך. וילך T.
**וימת**—„און ער איז געשטאָרבן" (אָפּט אין חומש; בראשית ה ה). ניטאָ מער — וימת.
**ויסע** — „און ער איז אַוועקגעצויגן" (אָפּט אין חומש; בראשית לה כא). ס'איז ויסעו ויחנו (במדבר לה) — אַוועק= געצויגן און געלאַגערט (פון אַ גע ונד).
**ויצעקו** — „און זיי האָבן געשריען" (שמות ב כג: ויזעקו). מאכן (אָנהייבן) אַ ויצעקו.
**ויקהל** T. **ויקהל פקודי** T. אַז ויקהל איז אַ קניש, איז פקודי אַ וואַרעניק.
**ויקם מלך חדש** (שמות א ח) — און עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער מלך.
**ויקרא** T. **וירא** T. **וישב** T.
**וישלח** T. וישלח מיט די פיסלאַך.
**וישמן ישורון ויבעט** (דברים לב טו) — ישורון (ישראל) איז פעט געוואָרן און האָט אָנגעהויבן צו בריקען.
**ויתור** זע וויתור. **ויתן לך** T.
**ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם** (תהלים קו לה) — און זיי האָבן זיך פאַר= מישט מיט די גוים און האָבן אויס= געלערנט זייערע מעשים.

**וכד׳, וכדומה** — און דאָס גלייכן, זע כדומה.
**וכדי בזיון וקצף** (אסתר א יח) — און גענוג בזיון און שטרייטיקייטן.
**וכו׳, וכולי** — און אזוי ווייטער.
**וכך היה אומר, וכך היה מונה** (תלמודיש) — „אַזוי פלעגט ער זאָגן" „אַזוי פלעגט ער ציילן". ס'איז אַ גרויסער חילוק פון וכך היה אומר ביז וכך היה מונה.
**וכל החיים** T.
**וכל מאמינים** T. זע האוחז. אַ קאַשע פון וכל מאמינים (וואָרטשפּיל אַנשטאָט: פון וכל המינים).
**וכרות** T.
**ולד** [וולאַד] — קינד (בראשית יא ל). ולדי ולדות — קינדס קינדער (תלמודיש). די מוטער טראָגט אויס דעם ולד ניין חדשים. ולד הטומאה זע טומאה.
**ולירושלים** T. **ולמלשינים** T.
**ומותר האדם מן הבהמה אין** (קהלת ג יט) — ניטאָ קיין פאָרצוג ביים מענטשן איבער אַ בהמה.
**ומפני חטאינו** T.
**ומשמע ודומא ומשא** (בראשית כה יד) — (אין וואָרטשפּיל) הערן, שווייגן, און ליידן.
**ונאמר אמן** (סידור) — לאָמיר זאָגן אמן. „לאָז נאָך אויס דעם בריף מיט אַ ונאמר אָמן" (שלום עליכם).
**ונתנה תוקף** T. גיי לאָד מיך צום ונתנה תוקף, זע לדין.
**וסת** זע ווסת. **ועד** זע וועד.
**ועל** [וועאַל—] **כולם** — און אַחוץ דעם. ועל כולם סלח לנו (סידור).
**וצדקתך** (תהלים עא יט) — „און דיינע גערעכטיקייט", אַ צבוע'ק.

**ורעיתו** — „און זיין פרוי", זע רעיה.

**ושט** זע וושט.

**ושמרו** T. **ותחזינה** T. **ושתי** N.

**ותהום** (רות א יט; שמואל א׳ ד ה; מלכים א א׳ מה) — „און עס האָט זיך אופגערעקט", איז געוואָרן אַ ותהום.

**ותיק** זע וותיק. **ותרן** זע וותרן.

**ותתן לנו** T.

## ז.

**ז** — דער זיבעטער אות אין אלף=בית. ז=7. ז׳ פעמים, זע זין.

**זאב**, זאב-וואָלף N.

**זאת** [זאָס] — די דאָזיגע. זאת נחמתי בעניי (תהלים קיט נ) — דאָס איז מיין טרייסט אין מיין עלנד. זאת ועוד אחרת — דאָס און נאָך עפּעס. זאת חנוכה (במדבר ז פר. פח) — דער אַכטער טאָג חנוכה. וזאת התורה — „דאָס איז די תורה". זע זה, זו.

**זב** — (ויקרא טו ב), **זבה** — (ויקרא טו יט) ארץ זבת חלב ודבש (שמות ג ח) — אַ לאַנד וואָס רינט מיט מילך און האָניג.

**זבולון** N. זבולון האַנדלט, יששכר לערנט תורה.

**זבח, זבחים** (במדבר טו ג) — אַ קרבן; זבח פסח, זבחי מתים — אַ גויאי=שער קרבן.

**זה** — דער דאָזיגער, דאָס. זה הדבר (שמות לה ד) — דאָס איז די זאַך. זה הספר, זה היכל. בזה הלשון — מיט פאָלגנדע ווערטער. בזה ובבא (תלמודיש) — אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. זה חליפתי (סידור) — דאָס איז מיין בייט. זה נהנה וזה לא חסר — דער האָט נוצן און דער האָט ניט קיין היזק. (תלמודיש). זע זאת, זו, כזה.

**זהב** [זאָהאָוו] — גאָלד (שמות כה ג). כסף וזהב. זהב מזוקק — געלײ=טערטע גאָלד. זהוב, זהובים — גאָלדענע מטביע (תלמודיש), אַ גולדן.

**זהיר** [זאָהיר], **זהירין** — אָפּגעהיט. הוי זהיר במצווה קלה (תלמודיש) — זיי אָפּגעהיט מיט אַ גרינגע מיצווה. זהירות — אָפּגעהיטקייט. זע הזהר.

**זו** — די דאָזיגע (לשון נקיבה פון «זה»). זו תורה וזו שכרה — דאָס איז דער שכר פאַר לערנען תורה? (תלמודיש). זו חליפתי — דאָס איז מיין בייט (סידור).

**זוג, זוגות** — אַ פאַר (תלמודיש פון גריכיש). 1. בן זוג, בן זוגו — זיין פאַר (אויף אַ מאַנספערזאָן), בת זוג, בת זוגו — זיין פאַר (אויף אַ ווייבספערזאָן). זוגה — אַ פרוי; וזוגתו, עם זוגתו — מיט זיין פרוי; עם שלום זוגתו — מיט אַ גרוס צו זיין פרוי. לזוגתי היקרה — צו מיין טייערע פרוי (אין בריוו), זע זיווג. 2. זוגות — די תנאים, וואָס קומען פאַר פּאָרווייז, למשל הילל און שמאי. שקבל מן הזוגות — ער האָט אַ קבלה פון די זוגות (תלמודיש). 3. אין תלמוד זיינען פאַרבאָטן „זוגות", למשל צוויי עפּל, פיר נים (אַנ=אויסנאַם זיינען די אַרבע כוסות צום סדר).

**זוהמא** — שמוץ. הנחש הטיל בה זוהמא — די שלאַנג האָט אין חוה׳ן אַריינגעוואָרפן די זוהמא (תלמודיש). שיטהרו מזוהמתם — זיי זאָלן ריין ווערן פון זייער שמוץ (סידור). זע מזוהם.

**זוהר** T.

**זוית** [זאָוויס] — אַ ווינקל (זכריה ט טו). קרן זוית. תורה מונחת בקרן זוית — די תורה ליגט אין ווינקל (תלמודיש).

**זוכה זיין** — ווירדיג זיין. לא כל אדם זוכה לשני שולחנות (תלמודיש) — ניט יעדער מענטש איז זוכה צו האָבן ביידע טישן (ד. ה. תורה און עשירות). זוכה בגורל זיין — געווינען על פי גורל. כל הקודם זוכה (תלמודיש) — ווער עס קומט פריער, האָט דאָס רעכט.

**זוכר הברית** T.

**זול** — וואָלוועלקייט (תלמודיש). היפך: יקרות. בזול. שנת זול (סידור) — אַ וואָלוועלער יאָר. סופערלאַטיוו: בזיל הזול אָדער בזולי זול.

**זולל וסובא** (דברים כא כ) — אַ פרע־סער און אַ זויפער. אַ זולל וסובא'ניק.

**זולת** — אַ פיוט נאָך קריאת שמע ביי „אין אלהים זולתך" T.

**זומם** — פלאַנען שלעכטס. זומם רשע לצדיק (תהלים לז יב) — דער רשע פלאַנט שלעכטס אויף דעם צדיק. עדים זוממים (לויט דברים יט יט) — עדות, וואָס זאָגן פאַלש, כדי צו שאַדן אַ מענטשן. זע: **כאשר זמם.**

**זונה, זונות** — (בראשית לח טו). אתנן זונה (דברים כג יט) — דאָס געצאָלט פאַר אַ זונה. רועה זונות (משלי כט ג) — **מנאף.**

**זורק** — וואַרפט. כזורק אבן לחמת — ווי איינער וואַרפט אַ שטיין אין שלויך, כדי דאָס וואַסער זאָל זיך הייבן (ד. ה. אָן אַ נוצן פאַר דעם אינהאַלט גופא) (תלמודיש).

**זיבורית** — שלעכטע ערד. כתובת אשה בזיבורית — די כתובה ווערט באַצאָלט מיט זיבורית (תלמודיש).

**זיו** — גלאַנץ (דניאל ב לא). זיו החכמה, זיו הכהונה, זיו השכינה (תלמודיש). פנה זיווה — ס'האָט זיך אָפגעקערט איר גלאַנץ.

**זיווג, זיווגים** — אַ פאָר (פון אַ מאַן און ווייב). הקב"ה מזווג זיווגים (תלמודיש) — גאָט שטעלט צונויף די זיווגים. ס'איז ניט זיין זיווג. זע **זוג.**

**זיוף** — פעלשונג. זע **מזויף.**

**זיין** [זאַיען], **כלי זיין** — וואָפן. אשה כלי זיינה עליה — די פרוי האָט איר כלי זיין ביי זיך (ד. ה. די שיינקייט). זע **כלי, מזוין.**

**זייפן, זייפנים** [זאַיפאָנים] — פעלשער.

**זילזול, זילזולים** — דאָס זידלען. בזילזול הורים ומורים (סידור) — מיט באַליידיקן די עלטערן און לערער. זע **מזלזל.**

**זילפה** N.

**זימן שחורים ומצא לבנים** — „ער האָט אָנגעגרייט (אויף יום טוב) שוואַרצע טויבן און האָט געפונען ווייסע" (תלמודיש).

**זין** [זאַין] — דער נאָמען פון אות ז אין אלף בית. ער איז פון די למד־זין (קאַטאָוועס). זע **למד.**

**זית, זיתים** — אָלייווע (בראשית ח יא). שמן זית (שמות ל כ) — אָלייווען איייל. כזית — ווי אַנ־אָלייווע גרויס. הר הזתים—אַ באַרג לעבן ירושלים. שני זיתים (אין קאָרטן).

**זך** [זאַך] — ריין. שמן זית זך (שמות כג כ) — ריינער אָלייווען־אייל. תפילה זכה (לויט איוב טז יז) T.

**זכאי** [זאַקאַי], **זכאין** [זאַקאָאין] — תרגום פון „צדיק". זכאי בדין — גערעכט אין דין. (היפך: חייב). כולו זכאי — גאַנץ גערעכט. אין בן דוד באָ

אלא בדור שכולו זכאי או כולו חייב — משיח וועט קומען נאָר אין אַ דור וואָס וועט זיין גאַנץ גערעכט אָדער גאַנץ אומגערעכט. יוחנן בן זכאי N.

**זכה בגורל** זע זוכה. זכין לאדם שלא בפניו — רעכט געבן אַ מענטשן קען מען אויך אונטער די אויגן (תלמודיש).

**זכור ברית** [סכאָרבעריס —◡◡] T. דאָס האָט פּאַסירט פֿאַראַיאָרן צו זכור ברית.

I. **זכור לטוב** [זאָכער לעטאָוו] — דער־מאָנט צום גוטן. אליהו זכור לטוב, חרבונה זכור לטוב (תלמודיש).

II. **זכור** [זאָכור] — מאַנסליט (שמות כג יז). משכב זכור (תלמודיש) = משכב זכר (שופטים כא יא).

**זכות, זכיות** [זאָכּיעס —◡◡] — אַ רעכט, פֿאַרדינסט. זכותו יגן עלינו — זיין זכות זאָל אונז בּיישטיין. זכות אבות — דער זכות פֿון די עלטערן (תלמודיש). זכות אזרח — בּירגער=רעכט. זכות הקיום — עקזיסטענץ בּאַרעכטיגונג. שיווי זכיות — גלייכבּאַרעכטיגונג. דן זיין לכף זכות, לצד זכות — אַנטשולדיגן (היפך: חובה). מלמד זכות זיין אויף עמיצן — רעכטפֿערטיגן (היפך: מלמד חובה זיין). ס'האָט זיך דער־וועקט אַ זכות. מגלגלין זכות על ידי זכאי — אַ זכות בּריינגט מען פֿאַר אַ גערעכטן (תלמודיש). זע זכייה.

**זכייה** [זכי — יע] — רעכט. האָבן די זכייה, געבן די זכייה = מזכה זיין. זכיות זע זכות.

I. **זכר** [זאָכאָר], **זכרים** [זכאָרים] — מאַנסביל (בראשית א כז), בן זכר. אין זכר אין מאָסקווע! שלום זכר — דאָס בּאַגריסן פֿון אַ זכר: גיין צו אַ שלום זכר (זע שלום). מין זכר לשון זכר (אין דיקדוק).

II. **זכר** [זייכער] — אָנ=אָנדיינק. זכר צדיק לברכה (משלי י ז) — דאָס אָנדיינקען פֿון אַ צדיק איז צו בּענ־טשן. (פֿאַראַדירט: זכר צאַפּיק לגעסרח'ע). תמחה את זכר עמלק (דברים כה יט) — זאָלסט אויסמעקן עמלק'ס זכר. פֿאַרשרייבּן לזכר עולם (תהלים קיב ו) — צום אייבּיגן אָנדיינקען. זכר לדבר — אָנ=אָנדיינקען פֿאַר דעם. זכר לחורבן — אַ צייכן פֿאַר'ן חורבן בית המקדש. זכר לטיט — אַ צייכן פֿאַרן ליים (וואָס אידן האָבּן געאַרבּעט אין מצרים, דאָס איז: חרוסת). זכר ליציאת מצרים — אַ דערינע־רונג פֿון יציאת מצרים. זכר למקדש — אַ דערינערונג פֿון בית המקדש (תלמודיש). איבּערלאָזן אַ זכר, ניט געבּליבּן קיין זכר.

**זכרון** [זיקאָר], **זכרונות** [זיכראָנעס] — 1. ערינערונג. ספר זכרון (מלאכי ג טז), ספר הזכרונות (אסתר ו א) — בּוך פֿון דיינקווירדקייטן, מעמואַרן=בּוך. 2. אָנדיינקען (= זכר II). לזכרון (שמות יב יד) — צום אָנדיינקען. זכרונו לברכה — זיין אָנדיינקען איז צו בּענטשן (= עליו השלום, זכר צדיק לברכה). האָט זכרונו לברכה אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן (חסידיש). 3. זכרונות — פּסוקים מיט דעם וואָרט „זכור" T. 4. געדעכטניס. אַ בּעל זכרון הייסט דער וואָס האָט אַ גוטן זכרון. אַ זכרון פֿון אַ אידן!

**זכרות** [זאַכרעס] — דער מענלעכער גליד (היפך: נקבות).

**זכריה** N.

**זכרן** [זאַכרען] — אַ געדיינקער, אַ בּעל זכרון.

**זכרנו** [זאָכרעינו] .T

**זכרנו את הדגה** (במדבר יא ה) — מיר גערדיינקען די פיש.

**ז״ל**=זכרונו לברכה.

**זמירות**—שירים (ישעיה כד טז) .T וויניק לאָקשן און פיל זמירות.

**זמן** [זמאַן], **זמנים** .I ציים, לכל זמן (קהלת ג א) — אַלץ האָט אַ צייט. זמן חרותנו—די צייט פון אונזער באַפרייאונג (פסח); זמן מתן תורתנו — די צייט פון מתן תורה (שבועות); זמן שמחתנו—די צייט פון אונזער פרייד (סוכות, לויט ויקרא כג מ); בזמן הזה—אין דער צייט; לזמן הזה — ביז צו דער צייט (סידור). סוף זמן קידוש לבנה, סוף הזמן — דער לעצטער טאָג פון קידוש לבנה. זמן תפילה לחוד זמן תורה לחוד — פאַר דאַווענען אַ באַזונדערע צייט, פאַר תורה לערנען— אַ באַזונדערע (תלמודיש). בזמנו—רעכטצייטיק. מעריב בזמנו—דער מעריב אין זיין צייט. זע כל זמן. 2. סעמעסטער. נאָך פסח הייבט זיך אָן אַ נייער זמן. בין הזמנים—וואקאציע. 3. זמן עבר, זמן הווה, זמן עתיד (אין דיקדוק).

**זמר** זע **כלי זמר**.

**זן ומפרנס לכל** (סידור) —ער שפּייזט און דערהאַלט אַלעמען.

**זנב** [זאָנעוו], **זנבים** [זנאָווים] (העברייאיש: זנבות)—אַ שוואַנץ. לראש ולא לזנב (דברים כח יג) — פאַר אַ קאָפּ און ניט פאַר אַ שוואַנץ. הוי זנב לאריות ואל תהי ראש לשעולים—זיי אַ שוואַנץ פון לייבן און ניט אַ קאָפּ פון פוקסן. כזנב הלטאה—ווי דער שוואַנץ פון אַן עגדעש (ד. ה. קליין) (תלמודי׳ש).

**זנות** — הורעריי (הושע ד יא). טרייבן זנות.

**זעוו** זע **זאב**.

**זעיר** [זעער—⌣] **אנפין**— קליינע געשטאַלט, מיניאַטור. ער איז אַ שעקספיר בזעיר אנפין.

**זצ״ל, זצק״ל**=זכר צדיק לברכה, זכר צדיק קדוש לברכה.

**ז״ק**=זרע קדושים, זרע קודש.

**זקונים**—עלטער. בן זקונים — „אַ זון אויף דער עלטער״ (בראשית לז ג), אַ מעזיניק.

**זקוק, זקוקים** — אַ מיטלאַלטערלעכע מטביע.

I. **זקן** [זאָקן] — אַ באָרד. הדרת פנים זקן—די שיינקייט פון פנים איז אַ באָרד. לא תשחית את פאת זקנך (ויקרא יט כז) — זאָלסט ניט פאַרדאַרבן די פאה פון דיין באָרד, צעקעמט זיין לאַנגע זקנו [זקאָנע]. חתימת זקן—אַ צייכן פון אַ באָרד. קיינער פון זיי איז מיט אַ חתימת זקן, דאָס העכסטע איז מיט אַ חתימת וואָנצע (קאַטאָווער). זקןהתחתון—די אונטערשטע באָרד (אייפעמיזם, תלמודיש).

II **זקן** [זאָקן], **זקנים** [זקיינים]— אַן אַלטער. מנער ועד זקן (בראשית יט ד) — פון יונג ביז אַלט. זקן זה שקנה חכמה—אַ זקן הייסט דער, וואָס האָט דערוואָרבן חכמה (תלמודיש). זקן אשמאי — אַן אַלטער עם הארץ (היפך: גלאַט זקן). זקן מנאף זע **מנאפי**. 2.—זיידע. חייב אדם בכבוד אביו יותר מכבוד זקנו—ערן מוז מען דעם פאָטער מער פון זיידן (תלמודיש). לכבוד אבי זקני—צו מיין זיידן (אין בריוו).

**זקנה** [זקיינע], **זקנות** —I. אַן—אַלטע. 2. באָבע. לכבוד אמי זקנתי—צו מיין באָבן (אין בריוו).

**II. זקנה** [זיקנע] — אַלטקייט, עלטער. לעת זקנה (תהילים עא ט) — אויף דער דער עלטער. חכמה אין כאן זקנה יש כאן — דא איז ניטאָ קיין חכמה, עס איז פאַראַן אַלטקייט. דברים שאדם עושה בילדותו משחירים פניו לעת זקנתו — זאַכן וואָס דער מענטש מאַכט יונגערהייט, פאַרשוואַרצן זיין פנים אויפדער עלטער. אשרי ילדותנו שלא ביישה את זקנתנו — וואיל אונזער יוגנעט וואָס האָט ניט פאַרשעמט אונזער עלטער (תלמודיש). זקני העדה — זע ילדות.

**זקני** [זיקנע] — „די אַלטע פון"... זע זקנים.

**זקנים** — די אַלטע, „רבים פון זקן II." מושב זקנים (תהלים קג לב) — באַגאַרעלנע פאַר אַלטע. די זקנים (נאָך יהושע, תלמודיש). זקני תלמידי חכמים — די אַלטע געלערנטע. זקני העדה — די פאָרשטייער פון דער קהילה.

**זקף** — פון די טראָפּ-צייכנס. זקף גדול, זקף קטן.

**זר** [זאָר] I. אַ פרעמדער. יהללך זר ולא פיך (משלי כז ב) — זאָל דיך לויבן אַ פרעמדער און ניט דיין אייגענער מויל. עבודה זרה — „אַ פרעמדע גאָטעסדינסט," געצנדינסט, געצען. מחשבות זרות — פרעמדע געדאַנקן, הינטערגעדאַנקן. 2. — ניט קיין כוהן. והזר הקרב יומת (במדבר ג י) — אַ זר, וואָס וועט צוטרעטן (צום משכן) זאָל געטייט ווערן.

**זרוע** 1. דער פאָדערע פיס ביי אַ בהמה (דברים יח ג). 2. (ביים סדר) אַ שטיקל געבראָטן פלייש.

**זרח** N.

**זריז** [זאָריז], **זריזין** — אַ פלינקער. זריזין מקדימין למצוות — זריזים קומען פריער צו אַ מיצווה (תלמודיש). כל הזריז זוכה = כל הקודם זוכה. יש זריז ונשכר יש זריז ונפסד — אַמאָל געווינט אַ פלינקער און אַמאָל פאַרלירט ער (תלמודיש).

**זריזות** — פלינקייט (תרמודיש).

**זריעה** — וואָס מע זייט אויס. פאַרזייען שלעכטע זריעה.

**זרע** [זערא], **זרעים** [זראָאים] — I. זוימען. עשב מזריע זרע (בראשית א יא) — גראָז וואָס ברענגט זוימען. 2. (פון מענטשן) שכבת זרע (ויקרא טו טז) — זאָמען ערגוס. מוציא זרע לבטלה (פון אָנאַניזם). 3. קינדער. זרע קיימא — לעבעדיגע קינדער. מזרע אהרון (ויקרא כא כא), מזרע היהודים, (אסתר ו יג), מזרע עמלק (סידור) — פון אהרון׳ס, יהודה׳ס, עמלק׳ס שטאם. זרע קודש (ישעיה ו יג), זרע קדושים — די קינדער פון קדושים (זע).

**זרקא** — פון די טראָפּ-צייכנס.

**זרש** N. ארורה זרש (המן׳ס פרוי, אסתר ה י).

**זרת** [זערעס] (פון זערת — קליין) — 1. דער פינגער. 2. אַ שפּאַן (ד. ה. דער מרחק צווישן קליינעם און גרויסן פינגער אויסגעברייט) (שמות כט טז).

## ח.

**ח** — דער אַכטער אות אין אלף — בית. ח׳ = 8. ח׳ (אין די קביעות) = חסרה. זע חית.

**חב״ד** = חכמה בינה דעת — אַ חסידישע שיטה. מאַטקע חב״ד — אַ ווייצלער.

**חבוב** זע חיבוב.

**חבוט** זע חיבוט.

**חבורה** = חברה.

**חביב** [כאוויוו], חביבים — געליבט. מיצווה חביבה בשעתה — א מיצווה איז גוט אין איר צייט. חביבין עליך יסורים? — ליבסטו יסורים? (תלמודיש). חביבות פריינדלעכקייט.

**חבילה, חבילות** — א בינטל. חבילי הבילות — סופערלעטיוו. נתפרדה החבילה (תלמודיש) — „דאס בינטל האט זיך פאנאנדער געטרענט", ד. ה. די פריינדשאפט. חבל על דאבדין ולא משתכחין — ווי, געשריען, וואס זיי זיינען מער ניטא (תלמודיש).

**חבלה** [כאבאלע] — דאס שעדיגן אין: מלאך חבלה, מלאכי חבלה. אונטערפירקען די מלאכי חבלה: שמייסט שטארקער! זע מחבל.

**חבלי לידה** (ישעיה יג יג: חבלי יולדה) — געבורט-ווייען. חבלי משיח — די ליידן פון משיח'ס צייט (תלמודיש).

**חבקוק** N. T.

**חבר** [כאווער], **חברים** [כאוויירים] — פריינד (קהלת צ י). בין אדם לחברו — צווישן צוויי מענטשן. חברים כל ישראל (סידור) — אלע אידן זיינען חברים. כל ישראל חברים T. נקיבה: חבר'טע, חבר'טארין, חבר'ן זיך. ווערן חבר-לאפ מיט... שליסן חבר'שאפט. (פעיארעטיוו. חבריא [כאווראיע] (זע).

**חברה** [כעווירע], **חברות** — פאראיין (איוב לד ח). חברה איז קיין גזלן ניט. חברה אקטיארן זיינען אוועק קיין ווארשע. חברה קדישא — די הייליקע חברה T. חברה קדישא האט אים זיין רעכט געטאן.

**חברון** N.

**חברותא** [כאווריסע] — קאמפאניע, חברותא מאכן. „מיינע, דיינע — חברותא." ער מיט זיין חברותא. אלע בחברותא. א מכה בחברותא. או חברותא או מיתותא — אדער מיט פריינד, אדער שטארבן (תלמודיש). 2 — פאמיליארעטעט. חברותא כלפי שמיא מי איכא — איז דען מעגליך צו זיין פאמיליאר מיט גאט? (תלמודיש).

**חבריא** [כאווראיע] = חברים, די גאנצע חבריא (פעיארעטיוו).

**חיבת ציון** זע חיבה.

**חג** [כאג], **חגים** — א יום טוב. חג המצות, חג הסוכות, חג הפסח, חג השבועות.

**חגא** [כאגע], **חגאות** [כאגאעס], **חגא'ס** — גוי'אישער יום-טוב (פעיאראטיוו פון «חג» אונטער השפעה פון «חגאא», ישעיה יט יז, — שרעק). אז מע קלינגט איז א חגא. אחוץ שבתים, יום-טובים און גויאישע חגאות.

**חגיגה** T.

**I. חד** [כאד] — איינער (דניאל ב לא) חד בדרא (זע) — איינער אין דור. חד גדיא T. א גאנצע חד גדיא. דריי מיר ניט די קאפ מיט דיינע חד גדיא'ס. אריינ'יעב'ען (אריינזעצן) אין חד גדיא (תפיסה).

**II. חד** [כאד] — שארף, נקיבה: חדה. חרב חדה (תהלים כז ה) — א שארפער שווערד.

**חדווה** [כעדווע] — שמחה (דברי הימים א' טז כז). דיצה וחדווה — פרייד און שמחה (סידור). פון גרוים חדווה מאכט מען א כוסה. זיין קול ברייגנט חדווה. בשעת חדוותא חדוותא, בשעת אבלא אבלא — בשעת א שמחה פריי זיך, בשעת אבילות — טרויער (תלמודיש).

**חדר** [כעידער], **חדרים** [כאַדאָרים] — 1. שטוב, צימער. חדר הקהל — דאָס קהל־שטיבל. חדר מיוחד — א באַזונדער צימער. חדר בחדר (מלכים א׳ כב כה) — אינעווייניגסטער צימער. בחדרי חדרים (סופערלאטיוו). באַהאַלטן בחדרי חדרים — זייער ווייט. 2. שולע. אַריינגאַרן (פירן) יענעם אין חדר. אויסזאָגן פון חדר. חדר־אינגל. ער איז מיט אים פון איין חדר, ער איז פון טאָלסטאָי׳ס חדר. 3. דער תוך: חופש כל חדרי בטן (משלי כ כז) — ער אונטערזוכט דעם תוך פון מענטשן. בקי בכל חדרי תורה — באַלעזן אין אַלע ווינקעלעך פון דער תורה.

**חדש** [כאָדעש], **חדשים** [כאַדאָשים] — 1. א נייער. בגד חדש — אַ נייער בגד. ויקם מלך חדש (שמות א ח) — עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער מלך. 2. פירות פון נייעם יאָר (היפך: ישן). ער עסט ניט קיין חדש. 3. חדשות — נייס (ישעיה מב ט). חדשים מקרוב באו (דברים לב יז) — גאַנץ נייע נייס. חדשים לבקרים (איכה ג כג) — יעדן מאָרגן עפּעס נייס. פנים חדשות — נייע געסט (פּאַראָדירט: פנים חלשות). 4. חדשים זע: **חודש**.

חדש ימינו כקדם (איכה ה כא) — באַנײַ אונזערע טעג ווי פריער. עס וועט זיין חדש ימינו כקדם.

**ח״ו** ══ חס ושלום.

**חוב, חובות** — שולד (יחזקאל יח ז). בעל חוב — דער שולדיגער, דער לווה (אין תלמוד: אויך דער מלווה). שטר חוב — וועקסל.

**חובב, חובבים** — ליבּט (דברים לג ג). חובב ציון, חובבי ציון — ליבּהאָבּער פון ארץ ישראל. חובב שפת עבר — אַ ליבּהאָבּער פון העבּרייאיש. זע: **חיבה**.

**חובה** — שולד, פליכט. לכף חובה, לצד חובה (היפך: לצד זכות) — צו באַשולדיגונג. מלמד חובה זיין (היפך: מלמד זכות זיין) — באַשול־דיגן. יצא ידי חובתו זע: **יוצא**.

**חודש, חדשים** [כאדאשים] — מאָנאַט (בראשית כט יד). אַ חודש האָט 29 טעג, 12 שעה און 793 חלקים. חודש מלא — 30 טעג. חודש חסר — 28 טעג. עיבור־חודש — דער 13־טער חודש אין עיבור־יאָר. ראש חודש — דער ערשטער טאָג אין חודש. א׳ דראש חודש, ב׳ דראש חודש — דער עשטער, דער צווייטער טאָג ראש חודש. זי איז אין די הוי־כע חדשים (פון אַ מעוברת׳ע).

**חוה** [כאוואַ] **N.**

**חוזה, חוזים** — זעער. חוזה כוכבים (לויט ישעיה מז יג) — שטערנזעער.

**חוזק** — שפּאָט. חוזק׳ן, חוזק מאַכן, אפ חוזק׳ן פון עמיצן, ס׳האָט אַ פנים פון חוזק. חוזק אין דער ברייט.

חוזק — אפשר אַ פּוילישער נאָמען, העברייאיזירט — האָט געלעבט אין לעמבערג אין 18־טן יאָר־הונדערט, איז געווען ניט שיין, קליין פון וואוקס

Solomon Maimons Lebengeschichte ed. Fromer, S 170

**חוזר זיין** — 1. זיך דרייען. חוזר חלילה — דרייט זיך אין קרייז (תלמודיש). גלגל קבוע ומזלות חוזרין — דער גל־גל איז פעסט און די מזלות דרייען זיך (תלמודיש). גלגל החוזר בעולם זע גלגל. 2. זיך אומקערן. ער איז חוזר בתשובה — טוט תשובה. חוזר (אָדער מחזיר) על הפתחים — בעטלער. ער איז א חוזר ביים רבּין (חסידיש) — ער לערנט ביים רבּין תורה.

**חוט, חוטים** — אַ פאָדים (בּראשית יד כג). אַ חוט פון ציצית. חוט המשולש לא במהרה ינתק (קהלת ד יב) — אַ דרייפאַכער פאָדים רייסט נים. חוט של חסד, חוט של חן — אַ צוג פון חסד, פון חן. חוט השדרה [האַשעדרע] — רוקן־ביין (תּלמודיש). חוט השערה זע **כחוט.**

**חוטא, חוטאים** — זינדיגער (משלי יג כב). חוטא ומחטיא (מלכים א יד טז) — דער וואָס זינדיגט און מאַכט זינדיגן. אין אדם חוטא־ולא לו — אַ מענטש זינדיגט נאָר צום אייגענעם נוצן. שלא יהא חוטא נשכר — כדי דער חוטא זאָל נים האָבּן קיין ריווח פון זיין זינד (תּלמודיש). חוטא־נען, חוטא בעגל זיין (לויט שמות לב).

**חוטבי עצים ושואבי מים** (יהושע ט כא) האלצהאַקער און וואַסערשעפּער.

**חוטם** — אַ נאָז. דער מלאך דומה גיט אַ שנעל אין חוטם. בעל החוטם — אַ שטאָלצער, אָדער אַ גדול (תלמודיש).

**חוכא וטלולא** (אָדער ואטלולא) — געלעכטער און שפּאַס (תּלמודיש). חוכא וטלולא מאַכן פון עמיצן.

**חוכר, חוכרים** — אַרענדאַטאָר. זע: **חכירה.**

**חול, חולין** — נים הייליג, וואָכעדיק, פּראָסט. להבדיל בין הקודש ובין החול (ויקרא י ו), להבדיל בּין קודש לחול (סידור) — צו אונטערשיידן הייליגס און נים־הייליגס. מוסיפין מחול על הקודש — מען לייגט צו פון חול צו קודש (תּלמודיש). עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות — מאַך דיין שבּת וואָכעדיק און קום נים אָן צו מענטשן (תּלמודיש). חול המועד (תּלמודיש: חולו של מועד) — די וואָכעדיקע טעג פון פּסח און סוכּות. ימות החול. חול המועד פּסח חול המועד סוכּות. (קאַטאָוועסדיק: חול המועד פּורים, חול המועד שבועות)׳ שיחת חול, שיחת חולין — נים הייליגער שמועס. דבר חול, דברי חול — נים הייליגע זאַך (פּאַראָ־דירט: דבר לאָך, דברי לאָך). לימודי חול — וועלטלעכע לימודים. כחול הים זע: **כחול.**

**חו״ל** = חוץ לארץ.

**חולאת** [כאַלאַאַס], חולאת׳ן — קראַנק־הייט. (פון חולה, ווי משוגעת פון משוגע).

**חולה, חולים, חולאים** [כאַלאָאים] — קראַנקער (בּראשית מח א). חולה מסוכן — געפערלעך קראַנק. חולה מעיים — מאָגן־קראַנק. חולה נופל — עפּילעפּטיקער. די נשמה איז אים חולה. חולאים ווי די גויים (ד. ה. מאַכן זיך קראַנק). ביקור חולים — דאָס באַזוכן פון קראַנקע. רופא חולים — א רופא. זע: **חלי. מבקר.**

**חולי** זע: **חלי חלין** זע **חול.**

**חולם** — פון די נקודות. חולם נאָזנו (קאַטאָוועס).

**חולנית** [כאָלאַנ־ס], **חולניות** — קרענק־לעכע. הוא ירפא את החולנית (סידור) — ער זאָל היילן די קראַנקע.

**חולץ** — דער וואָס גיט חליצה.

**חולק** — 1. טיילט. חולק עם גנב (משלי כט כד) — דער וואָס טיילט זיך מיט אַ גנב. חולק כבוד זיין — אָפּגעבן כבוד. כל מקום שיש חילול השם אין חולקין כבוד לרב — וואו עס האַנדלט זיך אום חילול השם, טיילט מען נים קיין כבוד א לערער (תּלמודיש). 2. ווידערשפּרעכן. כל החולק על רבו כאילו חולק על השכינה — ווער עס ווידערשפּרעכט זיין לערער, איז ווי ער וואָלט ווי־דערשפּרעכן גאָט (תּלמודיש).

**חולשא** — שוואַכקייט. חולשא דלבא — האַרץ-שוואַכקייט (תלמודיש) זע: חלשות.

**חומס, חומסים** — כאַפּט, ראַבעוועט (משלי ח לו). זה חומס וזה רומס — דער כאַפּט און דער טרעט. זע: חמסן.

**חומץ** — עסיג (במדבר ו ג). חומץ בן יין — אויף א רשע בן צדיק.

**I. חומר** — 1. ליים. בחומר ובלבנים — מיט ליים און ציגל. (שמות א יד). כחומר ביד היוצר (ירמיה. יח ד) — ווי ליים אין די האַנט פון טעפּער (פּאַראַדירט: כחומר ביד השמיקלער). 2. מעטעריע, גשמיות. אָנשטאָפּן דעם חומר (ד. ה. דעם גוף). נערן דעם חומר אויפן חשבון פון דער נשמה. דער חומר און די צורה — דער אינהאַלט און די פאָרם.

**II. חומר, חומרים** אָדער **חומרא, חומרות** — דערשווערונג (היפך: קולא). נותנים עליו חומרי מקום ש״יצא משם — מען לייגט אויף אים אַרויף די דערשווערונג פון דעם אָרט, פון וואַנען ער איז אַרויס (תלמודיש). קל וחומר — „לייכט און שווער" (זע אונטער קל). זע: מחמיר.

**חומש, חומשים** — אַ פינפט-חלק. חמשה חומשי תורה — די פינף חלקים פון תורה (תלמודיש). ער לערנט חומש מיט רש״י (ד. ה. תורה).

**חונה** — וואָהנט (תהלים לד ה). „החונה פה קהילת..." — דער וואָס וואָהנט דאָ אין דער קהילה N. (פון א רב).

**חונן** — אַ דערבאַרעמדיגער. צדיק חונן ונותן (תהלים לז כא) — דער צדיק דערבאַרעמט זיך און גיט. חונן ומלווה (תהלים לז כו) — ער דערבאַרעמט זיך און לייט. אתה חונן T.

**חונף, חונפים** — חנפ'עט, זאָגט חניפות.

**חוסר** — דאָס פעלן. חוסר לחם (עמוס ד ו) — דאָס פעלן פון ברויט. בעירום ובחוסר כל (דברים כח מח) — נאַקעט און מיט גאָר-ניט.

**חופה, חופות** — באַלדאַכין, אונטער וועלכן דער חתן איז מקדש די כלה. חופה-קידושין. שטעלן אַ חופה. אַ שטילע חופה. מיין חופה צו נאַכט. חופה-וועטשערע. ראוי לחופה — הייראַטספּייאיג. שמונה עשרה לחופה — מיט 18 יאָר אונטער די חופה (תלמודיש). דערציען א קינד לחופה ולמעשים טובים (סידור).

**חופ״ק** = חונה פה קהילת...

**חוץ** — 1. דרויסן. חוץ לארץ — אויסלאַנד. פירות חוץ לארץ — אויסלענדישע פירות (תלמודיש). בשר חוץ — פלייש פון פרעמדער שחיטה. מבית ומחוץ (בראשית ו יד) — פון אינעווייניק און פון דרויסן. מבחוץ — פון דרויסן. שטיין מחוץ למחנה (ויקרא יד ג) — אויסער דער מחנה. מן השפה ולחוץ — נאָר מיט דעם מויל. 2. אַחוץ, אויסער (קהלת ב כה). חוץ לזה אַחוץ דעם. אַחוץ זיין שאַדן אויף אונז געזאָגט.

**חוצפא** — פרעכהייט, העזה. בעיקבות משיחא חוצפא יסגא — פאַר משיח'ס קומען וועט די חוצפא גרויס ווערן. חוצפא אפילו כלפי שמיא מהניא — חוצפא ניצט אפילו ביי גאָט (תלמודיש). גאָט זאָל אָפּהיטן פאַר אידישע חוצפא. חוצפא'ניק. זע חצוף

**חוצץ**—טיילט אָפּ. דבר חוצץ. זע **חציצה, מחיצה.**

**חוק, חוקים אָדער חוקה, חוקות** געזעץ. חוק ולא יעבור (תהלים קמח ו) —אַ געזעץ, וואָס מע טאָר ניט עובר זיין. חוק לישראל (שופטים יא לט) —אַ געזעץ ביי אידן. חוקות הגוי (ויקרא כ כג)—גויאישע געזעצן. על פי חוק—לויט געזעץ. על פי חוקי הטבע —לויט נאַטור־געזעצן.

**חוקר** זיין—פאָרשן. חוקר, חוקרים — פאָרשער, פילאָזאָף. חוקר ודורש זיין זע **דורש.** זע **חקירה.**

**חוקת** T.

**חור, חורים**—לאָך, שמואל א׳ יא יד) טורמע. בחורים וסדקים — אין לעכער און שפּאַלטן.

**חורבא, חורבות**—רואינע. אַ קול פון אַ חורבא. עס איז אַן־אַלטע חורבא.

**חורבן, חורבנות**—צע שטערונג. חורבן ירושלים, חורבן בית המקדש. אַ חורבן איז מיר! אַ חורבן בית המקדש איז דאָרט געווען. חורבן הבית, חורבן בית ראשון, חורבן בית שני— דער חורבן פון ערשטן, צווייטן בית המקדש. אָנמאַכן אַ חורבן, צרות מיט חורבנות.

**חורג, חורגים,** נקיבה **חורגת, חורגות** — קרובים דורך אַ חתונה. (תלמודיש). אבי חורג,—מיין שטיף־פאָטער; אחותי חורגתי—מיין שטיף שוועסטער: אחי הורגי — מיין שטיף־ברודער; אמי הורגתי — מיין שטיף־מוטער; בני חורגי —מיין שטיף־זון; בתי חורגתי—מיין שטיף־טאָכטער.

**חורין** און **בן חורין**—פרייער (קהלת י יז), ניט קיין קנעכט. בת חורין—אַ פרויע.

**חורש**—שווייגנדיק (תהלים כח א), שותד חורש—געלט פאַר שווייגן (—לא יחרץ געלט). אפ׳חורש׳ן אונטערקויפן (אפשר איז ריכטיקער: חרשי) זע **חרש II.**

**חוש חושים** — געפיל (איוב כב), די פינף חושים: חוש השמיעה — דאָס הערן, חוש הראייה — דאָס זעען. חוש הטעם — דער טעם. חוש הריח — דאָס שמעקן, חוש המישוש — דאָס טאַפּן. זיין באַ אַלע חושים. דער קראַנקער איז כמעט אָן חושים. איך האָב אין דעם קיין חוש ניט. זעען בחוש.

**חושד זיין** — פאַרדעכטיגן. החושד בכשרים לוקה בגופו — ווער ס׳איז חושד אומשולדיקע ווערט אַליין באַשטראָפט (תלמודיש). כבדהו וחשדהו — גיב אים אָפּ כבוד און זיי אים חושד. זע: **חושד.**

**חושים** (בראשית מ כג) **N.** אַ טויבער (תלמודיש). ביזט א חושים. חושים׳דיק.

**חושך** — פינצטער (בראשית א ב). חושך ואפילה, חושך מצרים. עס טוט זיך אָפּ חושך חושך׳דיק. פאַרחושך׳ט

**חושן** — פון די 8 בגדי כהונה (שמות כה ד). חושן ואפור, חושן המשפט (שמות כה ל).

**חושש זיין** — מורא האָבן. זע: **חייש, חשש.**

**חות** [כאוואס] **דעת** — מיינונג. זע: **דעת.**

**חותם** — זיגל. פעטשאַט (בראשית לח יח). פאַרחתמענען מיט א חותם.

**חזה** (שמות כט כו) — ברוסט. חזה ושוק (שמות כט כז) — ברוסט און שענקל (וואָס געהערן דעם כהן).

**חזיר** [כאַזער], **חזירים** [כאַזיירים] — שווין (ויקרא יא ז) טריף ווי חזיר. עסט חזיר

און באַלעקט זיך. חזיר כשר פיסל (לויטן תלמודישן: חזיר מפשיט את טלפיו כלומר אני טהור — א חזיר שטרעקט אויס זיינע געשפּאָלטענע קלויען ווי צו זאָגן: איך בין כשר). חזיר אויף איך וויים (א שבועה) — זע אסור. שלאָגן זיך אַרום מעשה חזירים. ער איז א חזיר פון די ענ־גלישע חזירים. חזירשער ביין. פאַר־חזירן די שטוב. ס'איז א חזיר־שטאַל. פון אַ חזיר־עק (אָדער פון א חזירשן אויער) קען מען קיין שטריימל ניט מאַכן. ער האָט הנאה פון זיין חזירשן לעבן. חזיר, האָסט געלט? זוי מיין מחותן. **אויסחזיר'ן** — אויסוידלען. נקיבה: חזירטע, חזירת, חזורת (כאַזיירעס). זע **דבר אחר.**

**חז"ל** (כאַזאַל—) = חכמינו זכרונם לברכה. אונזערע חז"ל האָבן געזאָגט.

**חזן** [כאַזן], **חזנים** [כאַזאָנים] —בעל תפילה, שליח ציבור, ציקלט זיך ווי אַ חזן. חזנים — נאַראָנים. חזנדל. חזנטע. חזנות (כאַזאָנעס) — דער אַמט פון חזן, זיין זינגען זיין ליטע־ראַטור.

**חזק** (דניאל י יט) — „שטאַרק זיך" (אַן אויסרוף דעם, וואָס ענדיקט די תורה) חזק חזק ונתחזק — שטאַרק זיך און מיר וועלן זיך שטאַרקן. (פּאַראָדירט: חזק חזק — דער קוגל איז גע־שמאַק). חזק ואמץ (דברים לא ו) — שטאַרק זיך.

**חזק** [כאַזאַק], נקיבה **חזקה** (כאַזאָקאָ) — שטאַרק, ביד חזקה (שמות וה) — מיט א שטאַרקער האַנט. מציל עני מחזק ממנו (תהלים לה י) ער ראַטעוועט דעם אָרעמאַן פון דעם, וואָס איז שטאַרקער ווי ער.

I. **חזקה** [כאָזקע] — געוואַלט. לחץ את ישראל בחזקה (שופטים ד ג) — ער־האָט באַדרענגט ישראל מיט געוואַלט. ויקרא אל אלהים בחזקה (יונה ג ה) — ער האָט גערופן צו גאָט מיט א שטאַרקן קול. בחוקת היד (ישעיה ח יא) = ביד חזקה.

II. **חזקה** — (כאַזאָקע) — אייגנטומ־רעכט. אומבאַוועגלעכס דערוואַרבט מען בכסף, שטר וחזקה — דורך געלט, שטר און חזקה (תלמודיש). נעל וגדר ופרץ כל שהוא הרי זו חזקה — ווען ער האָט פאַרשלאָסן, אָפּגעצוימט אָדער וויפיל ניט איז צע־שטערט, איז א חזקה. דריי יאָר איז א חזקה. 2. אָנגענומען. חזקה אין אדם מעיז בפני בעל חובו — עס איז אָנגענומען, אַז אַ מענטש איז ניט פרעך קעגן זיין מלווה. האָבן אף עפּעס א חזקה, א חזקה גמורה. בחזקת איסור, בחזקת טומאה, בחזקת סכנה — אָנגענומען, אַז ס'איז פאַרבאָטן, טמא, געפערלעך (תלמידיש).

**חזרה** [כאַזאָרע] — צוריקגאַב. געבן חזרה — אויסגעבן קליינגעלט, און אויך ווידערשפּרעכן.

**חזר'ן** [כאַזערן] — ווידערהאָלן, איבער־זאָגן. (תלמודיש: הלומד תורה ואינו חוזר עליה). איבער'חזר'ן די פּרשה. איבער־חזר'ונג.

**חזרת הש"ץ** — דאָס איבער'חזר'ן די שמונה עשרה פון חזן.

**חזרת** [כאַזערעס] — כריין, סאַלאַט (ביים סדר). (כאַזערעס אַלס נקבה פון חזיר) זע: **חזיר**

**חטא** [כעט], **חטאים** [כאַטאָאים] — זינד. חטא מות (דברים כב כו) — א טויט־זינד. אָפּוואַשן זיך פון אַ חטא. על חטא שחטאתי T. זיך שלאָגן על חטא. אויסגעטראַכטע חטאים. את חטאי אני מזכיר (בראשית מא ט) איך דערמאָן מיינע זינד.

**חטאת** [כאטעס] ,**חטאות** — זינד. קרבן חטאת (ויקרא ד כד) — קרבן פאַר אַ זינד. חטאות נעורים (תהלים כה ד) — יוגנט=זינד.

**חטאתי** [כאטאָתי] — „איך האָב געזינדיקט“ (יהושע ז כ). מה חטאתי (בראשית כ ט) — מיט וואָס האָב איך געזינדיקט? חטאתי, עוית — איך האָב געזינדיקט, איך האָב געטאָן פאַרקערט. על חטא שחטאתי לפניך — אויף די זינד, וואָס איך האָב געזינדיקט פאַר דיר (סידור). ער שלאָגט זיך אין האַרצן חטאתי (אָדער: על חטא שחטאתי).

**חטוף** [כאטוף], נקבה: **חטופה** — געכאַפּט. מיתה חטופה — אַ פּלוצימדיקער טויט. אָמן חטופה — א ראשער אמן (תלמודיש). אין דיקדוק: קמץ חטוף.

**חטים** זע **חיטים.**

**חטף** [כאטעף] אין דיקדוק: חטף = סגול, חטף=פּתח חטף=קמץ — פון די נקודות.

**חי** [כאי] **חיים** — לעבּט. גר ותושב וחי עמך (ויקרא כה לה) — דער גר ותושב זאָל לעבּן בּאַ דיר. על כרחך אתה חי — קעגן דיין ווילן לעבּסטו (תלמודיש). 2. לעבּעדיק. בּעל חי. בּעלי חיים — אַ לעבּעדיק וועזן. אבר מן החי — אן=אבר פון אַ לעבּעדיקס. חי העולם (דניאל יב ז), חי העולמים (סידור. טיטל פון גאָט)' אל חי וקיים (סידור) — טיטל פון גאָט. ווערט געזונגען אין דעם שבּתדיקן מעריב אַנדערש איידער אין אַ פּראָסטן גיי שריי חי וקיים, אַ פּראָסטער חי וקיים. זע **חיה, חיים.**

**ח״י** [כאי] — 18. מנדר זיין ח״י רובּל, ח״י פּעמים ח״י רובּל כסף — 18 רובּל, 18 מאָל 18 רובּל. (פּעיאראטיוו) ח״י קאק (אנשטאָט: קארבּן) סערעבּראָם.

**חיב** זע **חייב.**

**חיבה** — ליבּשאַפט. חיבה יתירה — אַ גרויסע ליבּשאַפט. (תלמודיש) חיבת הקודש, חיבת ציון — ליבּשאַפט צו הייליקייטן, צו ציון. זע **חובב.**

**חיבוב** — דאָס ליבּן. חיבוב מצווה.

**חיבוט** — דאָס שלאָגן (פון «חבט» — שופטים ו יא). חיבּוט הקבר — דאָס שלאָגן אין קבר (דער מלאך המות זאָל דעם נפטר שלאָגן מיט אַ קייט פון אייזן און פייער דריי מאָל, און די אברים פאַלן פאַנאַנדער, די בּיינער צעשיטן זיך און ער ווערט שטויב און אַש. די יסורים פון חיבּוט הקבר האָבּן אַפילו צדיקים גמורים, קינדער און נפלים, בּאַפרייט זיינען נאָר די, וואָס שטאַרבּן ערב שבּת און וואָס לעבּן אין ארץ ישראל).

חיבּוט ערבה — שלאָגן הושענות.

**חיבוק ידים** (משלי ו י) — דאָס צוזאַמענלייגן די הענט, פוילקייט. בּחיבוק ידים.

**חיבור, חיבורים** — דאָס צוזאַמענזעצן (פון געדאַנקען, ווערטער, צאָלן) 1. אַ בּוך. שרייבּן, מאַכן אַ חיבּור. זע **מחבר.** געבּונדענע ווערטער אין אַ זאַץ. „בּאַ אַכט יאָר לערך האָבּ איך שוין געלערנט חומש מיט חיבּור מיט אַלע אויסרעדענישן פון רש״י“ (מענדעלע) 2. אין דיקדוק: ואו החיבּור. 3. אין חשבון: אדיציאַן (היפוך: חיסור). מאַכן אַ חיבּור.

**חידה, חידות** — רעטעניש (שופטים יד יבּ).

**חידוש, חידושים** — נייס. אי אפשר לבית המדרש בּלא חידוש — אין שול איז תמיד נייע דערקלערונגען (תלמודיש). חידושי מהרש״א — די נייע דערקלערונגען פון מהרש״א. קיין חידושים האָט ער ניט אויפגעטאָן, בּאַוויזן. חידושים האָרכן. שטאָט

איז געגאַנגען קוקן אויף חידושים. א חידוש נפלא, חידושים ונפלאות. ס'איז חידוש'לאַך. ער חידוש'ט זיך, עס חידוש'ט מיך ניט. שטייט פאַר=חידוש'ט.

**חיה** [כאַיע], **חיות** [כאַיעס] — נקיבה פון חי (בראשית ז יד). בהמות און חיות. חיה רעה (בראשית לז כ) — א בייזע חיה. ווילדע חיות. חיה'טשן [כאַיטשן], אָפּ'חיה'טשן א צעטראָטן הינדעלע. חיה N. אלמנה חיה זע: **אלמנה**.

**חיוב** [כי—יוב], **חיובים** — פליכט, התחייבות. ס'איז א חיוב צו טרינ=קען. בחיוב — פּאָזיטיוו.

**חיונא** [כי—יונע] — דערנערונג. דאגות חיונא — דאגות פרנסה. ציען, האָבן חיונא, פאַרדינען אויף חיונא.

**חיות** [כי—יעס, כאַיעס] — דאָס לעבן. אַרויסציען דאָס חיות. ער ווייס פון זיין חיות ניט. סכנת נפשות — חיות ניט זיכער! „ס'איז א חיות וואָס מען לעבט אויף דער וועלט" (שלום עליכם). ז' איז מיין חיות. מען חיות'ט זיך דערמיט.

**חיזוק** — פאַרשטאַרקונג. דברי סופרים צריכין חיזוק — די תקנות פון די סופרים האָבן נויטיג א פאַרשטאַרקונג. חיזוק אמונה, חיזוק החברה.

**חיטים, חיטין** — ווייץ (שופטים ו יא). מעות חיטין — געלט אויף מצות (פאַר אָרימעלייט) = קמח=פסח.

**חיי** זע: **חיים**.

**חייב** [כאַיעוו], **חייבים** [כאַיאָווים] — ער מוז (היפך: פּטור). חייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי — מען מוז זיך אַזוי אָנטרינקען אום פורים, אַז מען זאָל ניט וויסן דעם חילוק פון ארור המן ביז ברוך מרדכי (תלמודיש). 2. שולדיק (היפך: זכאי). איש פלוני אתה חייב — N, דו ביזט שולדיק (תלמודיש). חייב כרת, חייב מיתה, חייב מלקות (סידור) — פאַרדינט כרת, מיתה, מלקות. בעל חייב — דער וואָס איז שולדיק דעם אַנדערן.

**חייט** [כאַיעט], **חייטים** [כאַיאָטים] — שניידער.

**חיים** [כאַאים] — 1. רבים פון «חי». בעלי חיים — לעבעדיקע וועזן. צער בעלי חיים. מים חיים (בראשית כו יט) — „לעבעדיקע וואַסער", אין זיין בראָנפּן. 2. לעבן. החיים והמות (דברים ל יט) — לעבן און טויט. חיים של פרנסה (סידור) — א לעבן מיט פאַרדינסט. זע: **לחיים**. חיים טובים — א גוטן לעבן. אָפּרייסן יענעמס דעם חיים טובים. חיי [כאַיע] — „לעבן פון..." חיי עולם (דניאל יב ב) — אייביק לעבן. א חיי שעה איז אויך גוט. מניחים חיי עולם ועוסקים בחיי שעה — זיי פאַרלאָזן דאָס אייביקע לעבן און נעמען זיך צו חיי שעה (תלמודיש). לחיי העולם הבא — צום קומעדיקן לעבן, צו עולם הבא. חיי אדם T. חיי שרה T. חייך קודמין — דיין לעבן איז בילכער (תלמודיש).

**חייש** — ער האָט מורא. חיישינן — מיר האָבן מורא (תלמודיש).

**חיל** [כאַיל], **חיילות** [כאַיאָלעס] — 1. קראַפט, מאַכט. לא בחיל ולא בכוח כי אם ברוחי (זכריה ד ו) — ניט מיט קראַפט, נאָר מיט מיין גייסט. איש חיל (שופטים ג כט), אנשי חיל (בראשית מז ו) — טיכטיגער מאַן, א בריה. אשת חיל (רות ג יא) —

טיכטיגע פרוי. אשת חיל מי ימצא (משלי לא י) — ווער געפינט א ווייב א בריה? (ביי מענדעלע אויך אין רבים: אשות = חיל). גבור חיל (שופטים יא א) — העלד. 2. ארמיי, סאָלדאטן. שר החיל (שמואל ב כד ב) — קאָמאַנדיר (אין תנ"ך איז דער רבים „חיילים": שרי החיילים — מלכים א' טו כ). חיל מאַכט השׂ׳בנו׳=נאַזאַד.

**חילול** — פאַרשוועכונג (היפך: קידוש). חילול הקודש, חילול שבת, חילול השם — פאַרשוועכונג פון אַ הייליגע זאַך, פון שבת, פון גאָטס נאָמען (תלמודיש). ס'איז א חילול השם פאַר די גוים. זע: **מחלל.**

**חילוף, חילופים (חילופין)** — 1. א בייט. מאַכן אַ חילוף—זיך בייטן. „איך האָב אים אין חילוף אָפּגעגעבן הגדות, תקון=שבועות'לעך, הה'עלעך... און ער מיר—מענה=לשון'ס, תפילה = זכה'ס" ( מענדעלע ). דער חילוף פון „ם" און „ס" קומט פאָר אין דרוק. חילופי דברים, חילופי דיעות, חלופי נוסחאות — פאַרוועקסעלונג פון ווערטער, מיינונגען, טעקסטן. וחילופיהן בגולם — דער היפך פון די אייגנשאַפטן זיינען באַ אַ נאַר (תלמודיש). 2. א וועקסל. חילוף = כתב, חילוף-בריוו. א חילוף איז א חלף.

**חילוץ עצמות** — פיזישע געזונט, דאָס טורנען. חיים של חילוץ עצמות — א געזונט לעבן (סידור).

**חילוק, חילוקים** — 1. אונטערשייד, נפקא=מינה. ס'איז א גרויסער חילוק פון צוזאָגן ביז טאָן. וואָס איז דער חילוק? חילוקי דיעות זע **חלוקי-דיעות.** 2. אין חשבון: דיוויזיאָן (היפך: כפל).

**חינגא** זע: **הילולא.**

**חינוך** — דערציאונג. קטן שהגיע לחינוך — א שולפייאיג קינד (תלמודיש). דרכי החינוך — פעדאַגאָגיק. מוסדות החינוך — דערציאונגסאַנשטאַלט.

**חינם** — אומזיסט. שונאי חינם (תהילים לה יט) — די וועלכע האַסן מיך אומזיסט. שנאת חינם (סידור) — אומזיסטע שנאה. בחצי חינם זע **בחינם.**

**חיסור** — אין חשבון: סובטראַקציאָן (היפך: חיבור).

**חיסרון** זע **חסרון. חיפה N.**

**חיפוש** — דאָס זוכן (אין ספר תורה פאַרן לייענען). זע **מחפש.**

**חיצון** — אויסווערטיק, וואָס איז מחוץ. ספרים חיצונים — אויסווערטיגע ביכער (ניט פון די עשרים וארבע).

**חיקוי** — נאָכמאַכונג. זע **מחקה.**

**חירום** — פאַרטילגונג. בשעת חירום — אין צייט פון פאַרטילגונג, פון מלחמה (תלמודיש).

**חירוף** — לעסטערונג. חירוף וגידוף. זע **מחרף.** חירוף נפש — זעלבסטפאַרלייקענונג (לויט שופטים ה יח: חרף נפשו למות).

**חירות** — פרייהייט. מעבדות לחירות — פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט. זמן חירותנו — די צייט פון אונזער באַפרייאונג.

**חירק** — פון די נקודות (אין דיקדוק).

**חית** [כעס] — דער נאָמען פון אות ח. אַריינלייגן אין (דער) חית ( == אין חרם).

**חיתוך** — דאָס שניידן. חיתוך הדיבור — דיקציע, זע **דיבור.**

**חבירה, חבירות** — ארענדע. תן לי חבירות של שתי שנים — גיב מיר חבירות פאַר צוויי יאָר (תלמודיש).

**חכם** [כאָכעם], **חכמים** [כאכאָמים] — 1. אַ קלוגער. חכם ונבון, חכמים ונבונים (דברים א יג) — קלוג און פאַרשטענדיק. הולך את חכמים יחכם (משלי יג כ) — ווער עס גייט אום מיט קלוגע ווערט קלוג. אַ חכם בלילה טיפש ביום. אַ חכם פון מה נשתנה, פון הגדה. חכם עדיף מנביא — אַ קלוגער איז העכער פון אַ נביא. חכם להרע — קלוג אויף שלעכטס. חכם לכשירצה — אַ חכם ווען ער וויל (תלמודיש). נקבה: חכמה (שמואל ב' יד ב), חכמת [כאכעימעס], חכמנית [כאָכמאניס, כאכמאָניס] — אַ קלוגע. לבתי המהוללה החכמנית — צו מיין טאָכטער, די געלויבטע די קלוגע (אין בריוו). סופערלאַטיוו: חכם מחוכם (משלי ל כד). 2. אַ געלערנטער. חכם — ספרדישער רב. חכמינו זכרונם לברכה — אונזערע חכמים, זייער אָדיינקען זאָל זיין געבענטשט. חכמי [כאכמעי] אומות העולם, חכמי הגמרא, חכמי ישראל — די געלערנטע פון די גוים, פון דער גמרא, פון ישראל. חכמי ליזשאנקע ( = בטלנים).

**חכמה** [כאָכמע], **חכמות** [כאכמעס] — 1. קלוגשאַפט. ראשית הכמה יראת ה' — דער אָנהייב פון קלוגשאַפט איז מורא פאַר גאָט (תהילים קיא י). ס'איז אַ חכמה און ניט קיין מלאכה (תלמודיש). טרינקען איז אַ חכמה, ניט קיין מלאכה (והראיה — שבת און יום=טוב טרינקט מען). ס'איז אַ קנאַפּע חכמה! מיט אייגענער חכמה דערגאַנגען? חכמה מפוארה בבלי מכוער — אַ שיינע חכמה אין אַ מיאוסע כלי (תלמודיש). אין חכמה ואין תבונה ואין עצה לנגד ה' (משלי כא ל) — קענגן גאָט העלפן קיין חכמות ניט. טובה חכמה מגבורה — קלוגשאַפט איז בעסער פון שטאַרקייט (קהלת ט טז). חכמת — „די חכמה פון...‟ חכמת המסכן בזויה (קהלת ט טז) — די חכמה פון אָרימאַן איז פאַראַכט. 2. וויסנשאַפט. חכמת החשבון (אריטמעטיק), חכמת הטבע (פיזיק). חכמת היד (כיראמאנטיע), חכמת יון (גריכישע וויסנשאַפט), חכמת ישראל (אָדער: חכמת היהדות) — וויסנשאַפט פון אידנטום, חכמת הפרצוף (פיזיאָגנאָמיק), חכמת הרפואה (מעדיצין) א.א.וו. אַלע שבע חכמות (ל. יט משלי ט א). 3. וויץ. פי ידבר חכמות (תהלים מט ד) — מיין מויל וועט זאָגן וויצן. ער האָט געזאָגט אַ חכמה (פאראדירט: אַ כאמכע). חכמות אָן אַ זייט! חכמה'ן זיך איבער N. זע ח"ן.

**חל** זיין — פאַלן. יום כיפור שחל להיות בשבת — אַ יום כיפור. וואָס איז געפאַלן אויף שבת (תלמודיש). דאָס געזאָגטע איז ניט חל אויף אונז, אויף אונזער פאַל.

**חלאים, חלאת** זע **חולאים, חולאת.**

I. **חלב** [כאָלעוו] — מילך. ארץ זבת חלב ודבש — אַ לאַנד וואָס רינט מיט מילך און האָניק (שמות ג ח). דבש וחלב תחת לשונך (שיר השירים ד יא) — האָניק און מילך איז אונטער דיין צונג. בשר בחלב — פליישיקס מיט מילכיקס (תלמודיש).

II. **חלב** [כעילעוו] — פעט. (ויקרא ז כד). חלבו ודמו — זיין פעט און בלוט. חלב'נע ליכט.

**חלבנה** (שמות ל לד) — פון פיטום הקטורת.

**חלה** [כאלע], **חלות** [כאלעס] — ברויט. וויים ברויט. חלה נעמען (לויט

במדבר טו כ). ס׳קלעקט ניט די חלה אויף א מוציא. אראפנעמען חלה (אין זין: דאס ערשטע פאר זיך).

**חלול** זע חילול.

**חלום** [כאלעם] **חלומות** [כאלאָימעס] — טרוים. כחלום יעוף (איוב כח) — ווי א חלום פליט פאריבער. גם אני בחלומי (לויט בראשית מ טז) — איך בין אויך דא (אייגנטלעך: איך האב אויך געזען אין חלום). תענית חלום — א תענית צוליב א בייזן חלום. אין חלום בלא דברים בטלים — נישטא קיין חלום אן נארעשקייטן. אדם יש כאן ורואה חלום באספמיא — דער מענטש איז דא און זעט א חלום אין שפאניע. כל החלומות הולכין אחר הפה — אלע חלומות גייען נאך די דערקלערונג (תלמודיש). בעל החלומות (בראשית לז יט) — א מלאך. דער חלום איז מקוים געווארן. ס׳חלומט זיך אים. ער איז פאר׳חלום׳ט. ער חלום׳ט אף דער וואר. איז דאס א חלום צי וואר? ער גייט אום ווי צו חלום (ר. ה. פארטראכט). א פינצטערער חלום אף דיין קאפ! איך ווייס ניט פון קיין פותר און פון קיין חלום (פאראן א בארימט בוך: «פותר חלומות»).

**חלוץ** [כאלעץ], **חלוצים** — א יונגער אימיגראנט אין ארץ ישראל. א חלוצל. נקבה: חלוצה, חלוצות.

**חלוצה, חלוצות** — א פרוי וואס האט באקומען חליצה. (זע).

**חלוק** [כאלעק] — א בגד, א העמד. חלוקא דרבנן — העמד פון רבנים. כך אזכה לחלוקא דרבנן ולטלית נאה לעולם הבא בגן עדן (סידור) — אזוי זאל איך זוכה זיין צו חלוקא דרבנן און צו א שיינעם טלית אויף יענער וועלט אין גן עדן. ער האט אויף זיך אנגעטאן א חלוקא דרבנן (פון א צבועיק).

**חלוקה** — פארטיילונג פון די נדבות אין ארץ ישראל. חלוקה־געלט. אף חלוקה גייען די פושקעס „רבי מאיר בעל הנס". לעבן פון חלוקה.

**חלוקי־דיעות** — מיינונג־פארשידנהייט. פלוגתא. צווישן זיי איז אנטשטאנען א חלוקי־דיעות. זע **חילוק, מחולק.**

**חלוש** [כאלעש] — א שוואכער. זע **חלש.**

**חלי** [כאלי] — קראנקהייט. חלי רע (קהלת ו ב) — א בייזע קריינק (דערפון דער אייראפייאישער נאמען פון א קריינק: כאלערע). חלי־נופל — עפילעפסיע. חלי־מעיים — מאגן־קראנקהייט. כל חלי ולא חלי־מעיים — יעדע קראנקהייט נאר ניט מאגן־קראנקהייט. (תלמודיש). חלי׳נען. חליות = חולאת.

**חלילה** (איוב כז ה) — „וואכעדיק", אנ־אויסדרוק פון שבועה, ווי «אסורא», «חזירא») חלילה וחס («חס» איז דער תרגום פון «חלילה»). חס וחלילה. זי וועט חלילה פארשפעטיקן אין טעאטער.

**חליפה** — א בייט (איוב יד יד). זה (אדער זו) חליפתי (סידור) — דאס איז מיין בייט.

**חליפושניק** זע **חניפה.**

**חליצה** — דאס אויסציען דעם שוך (לויט דברים כה ה — י). חליצה = שוך. שטר־חליצה, מצוות חליצה (תלמודיש).

I. **חלל** [כאלעל] — דער רוים. חלל העולם — דער וועלט־רוים (תלמודיש: חללו של עולם. (חללא דעלמא). „עס עפנט זיך א טירל און צוויי קעפ ווייזן זיך אינם חלל" (פרץ).

II. **חלל** (כאַ׳לעל) — א פארשוועכטער כוהן, א פסול׳ער (ויקרא כא ז: חללה).

**חלף** [כאַלעף], **חלפים** [כלאָפים] — שחיטה־מעסער, (עזרא א ט: מחלפים; תלמודיש: סכין החולף). צושטיין מיטן חלף צום האַלז. אונטערן חלף פון אולטימאטום. א חילוף איז א חלף.

**חלפן** [כאַלפן], **חלפנים** [כאַלפאָנים] — וועקסלער. חלפנות. ער עסקנ'ט זיך מיט חלפנות־געשעפט.

**חלק** [כיילעק], **חלקים** [כאַלאָקים] — טייל. חלק כחלק (דברים יח ח) — צו גלייכע חלקים. א דריט־חלק. איינ־לייגן (באַקומען) אַ חלק. חלק לעולם הבא (תלמודיש) — חלק עולם הבא. אויף מיין חלק עולם הבא (א שבועה). איזהו עשיר? — השמח בחלקו — ווער איז אַן־עושר? ווער עס איז צופרידן מיט זיין טייל. חלק ראשון, חלק שני — דער ערשטער טייל, דער צווייטער טייל (פון א בוך). פאָ־דער (הינטער)־חלק (פון א עוף, א בהמה א. דגל.) א שעה האָט תתר"פ (1080) חלקים.

**חלקת הלשון** — גלאַטע רייד, חניפה.

**חלש** — א שוואַכער, החלש יאמר גבור אני (יואל ד. י.) — דער שוואַ־כער זאָגט: איך בין קרעפטיק. חלש'ן (כאַלעשן) — פאַלן אין אָנמאַכט, אין חלשות. איך בין שוואַך צום חלש'ן. עס חלש'ט דאָס האַרץ. ער חלש'ט נאָך כבוד, ער חלש'ט (גייט אוס) צו קריגן... ער ליגט אַ פאַרחלש'טער.

**חלשות** [כאַלאָשעס] — שוואַכקייט, אָנ־מאַכט. חלשות־טראָפן. זי איז מיאוס — חלשות. די אשת־חלשות זיינע (פאַראָדיע אויף «אשת־חיל»).

ס'איז חלשות צו הערן. דער גאַנ־צער טעאַטער איז אַ חלשות. סופער־לאַטיוו: חולשא־חלשות, חולי־חלשות.

**I. חם** N. שם חם ויפת (בראשית יא).

**II. חם** זע חמי.

**ח"מ** — חתום מטה, חתומים מטה.

**I. חמה** — די זון. ברה כחמה (שיר השירים ו י) — קלאָר ווי די זון. שקיעת החמה — זון־אונטערגאַנג. עם דמדומי חמה — ביי דעמערונג. ימות החמה — זומער. צלתה מרובה מחמתה — מער שאָטן ווי זון. (תלמודיש, פון א סוכה).

**II חמה** [כעימע] — צאָרן. אף וחמה. ער איז אויף אים אַף וחמה. וימלא המן חמה (אסתר ג ה) — המן איז געוואָרן מלא חמה. חמתה [כאמאָסאָ] — איר צאָרן. חמתו — זיין צאָרן. חמתי — מיין צאָרן. אויסלאָזן (אויס־גיסן) כל חמתי צו (אויף) יענעמ'ס קאָפ. על אפי ועל חמתי — קעגן מיין ווילן.

**חמור** [כאמער], **חמורים** [כאמאָרים] — אייזל (בראשית לב ו). הלכה חמורך טרפון — דיין אייזל איז פאַרפאַלן, טרפון! (תלמודיש). וחמור מה הוא אומר — וואָס זאָגט דער אייזל? (פרק שירה). וואו דער חמור שטייט זע חמר. חמור נושא ספרים — אַן אייזל וואָס טראָגט ביכער (פון אַ געבילדעטן נאַר). אַ חמור־קאָפּ.

**חמי** [כאָמי] — מיין שווער. חמיך (בראשית לח יג) — דיין שווער. ראו מה בין בני לבן חמי — זעט דעם אונטערשיד צווישן מיין זון און דעם זון פון מיין שווער (תלמודיש, ווערטער פון לאה).

**חמים, חמין** [כאַמין], **מים חמין** — וואַרעמע וואַסער, אַ וואַרעמער גע־ריכט, דער טשאָלנט. חמי טבריא — די הייסע קוואַלן פון טבריא (תלמודיש). זע פושרין, רותחין.

**חמימות** — היץ.

**חמישי** — דער פינפטער. יום חמישי — דאָנערשטיק. שני וחמישי ושני — מאָנטיק, דאָנערשטיק און מאָנ=טיק. חמישי — די פינפטע עליה ביי קריאת התורה.

**חמישים** — פופציק.

**חמס** [כאָמאָס] — רויב. ותמלא הארץ חמס (בראשית ו יא) — די ערד איז פול געוואָרן מיט רויב. חמס ושוד (ירמיה ו ז) — רויב און געוואַלט.

**המסן** [כאמסן] — רויבער גזלן.

**חמץ** [כאָמעץ] — געזויערטעס. כל אוכל חמץ ונכרתה הנפש ההיא מישראל (שמות יב טו) — ווער עס עסט חמץ באַקומט כרת. בודק חמץ זיין. ביעור חמץ — דאָס אויסראַמען פון חמץ. פטור ווערן פון אַ חמץ. חמץ'דיק. חמץ'דיק מאַכן אַ מיצווה (תלמודיש: מצווה הבאה לידך אל תחמיצנה) — אָפּ=לייגן אַף שפּעטער. מבער חמץ זיין — אַרויסוואַרפן דאָס ניט דערלויב=טע. „אין די קליטלעך האָט מען מבער חמץ געווען" (מענדעלע).

**חמר** (כאמאר ◡ ׳ —] **חמרא** וויין. לקבל אלפא חמרא שתה (דניאל ה א) — פאַר 1000 האָט ער געטרונקען וויין. חמרא למריה וטיבותא לשקיה — דער וויין איז פון דעם בעל הבית און דאַנקען טוט מען דעם וואָס דערלאַנגט (תלמודיש). וואו דער המר שטייט (תלמודיש: חמר למרכב או חמר למשחי — אַ חמור צו רייטן אָדער חמר צו טרינקען?)

**חכריות** — דאָס מאַטעריעלע, גשמיות.

**חמש** [כאָמעש], **חמשה** [כאַמישע] — פינף. חמש מגילות — די פינף מגילות (שיר=השירים, רות, איכה, קהלת, אסתר). חמשה חומשי תורה — די פינף חומשים. חמשה עשר — 15 (הושע ב ג). חמשה עשר באב — דער 15=טער אין אב. חמשה עשר בשבט — דער 15=טער אין שבט.

**חמת** [כעימעס] — שלויך (בראשית כא טו). כזורק אבן לחמת — ווי איינער וואַרפט א שטיין אין אַ שלויך (ד. ה. אָן א נוצן פאר דעם אינהאַלט). חמת מלא צואה — א שלויך מיט צואה.

**חמתה, חמתו, חמתי** זע **חמה.**

**חן** [כעין] — 1. שיינקייט. שקר החן והבל היופי (משלי לא ל) — פאַלש און נישטיק איז די שיינקייט. מלא חן. עס האָט א ים חן. אַן=אַנדער חן, דעם זיבעטן חן, טויזנט חנ'ען. זיך חנ'ען, באַחנ'ען, חנ'יג, חנ'עווריק שוואַרצ'חנ'עוודיק. אַ יחן=בראָדעווקע, אַ חן=גריבעלע. „ער איז א קבצן, מיט אַלע חן=גריבעלעך א קבצן" (מענדעלע). אומחן. 2. ניגונג. מוצא חן זיין (בראשית ו ח: ונוח מצא חן בעיני ה'), נושא חן זיין (אסחר ד טו: ותהי אסתר נושאת חן). „ער האָט מיט=אַמאָל באַקומען חן אין מיינע אויגן" (שלום עליכם).

**ח"ן**=חכמה נסתרה — די פאַרבאָרגענע חכמה, די קבלה. יודעי ח"ן — די מקובלים (לויט קהלת ט יא: וגם לא ליודעים חן).

**חנא N. חנה N.**

**חנ"ה**=חלה נדה הדלקה. „איז זיך מקיים די דריי מיצוות חנ"ה אירע" (מענדעלע).

**חנוכה** [כאנעקע —◡◡] — 1. באַניי=אונג (נחמיה יב כז). חנוכת הבית (תהילים ל א) — די איינווייאונג פון בית=המקדש. 2. דער 8=טעגיגער יום=טוב (פון כ"ה כסלו). חנוכה=געלט, חנוכה=ליכט, חנוכה=לאָמפּ.

זאת חנוכה (במדבר ז פד) — דער אכטער טאָג חנוכה.

**חנווני,** נקבה: **חנוונית** — קרעמער. החנווני מקיף — דער קרעמער פאָ־דערט דעם חוב (תלמודיש).

**חנוטים** (בראשית נ ג), חנוטי מצרים — מומיען.

**חנוך N. חנוך** זע **חינוך.**

**חנון ורחום** (תהילים קיא ד), רחום וחנון (שמות לד ו) — דערבארעמדיגער (טיטל פון גאָט).

**חנופה** (ירמיה כג טו) — הייכלעריי. זע **חניפה.**

**חנות** — קראָם (ירמיה לז טז: החנויות). החנות פתוחה — דער קראָם איז אָפן.

**חניכים** (בראשית יד יד) — די וואָס זיינען דערצויגן.

**חנינא N.**

**חנינה** — שוינונג. לא אתן לכם חנינה (ירמיה טז יג) — איך וועל אייך ניט שאנעווען.

**חניפה, חניפות** — הייכלעריי, אונ־טערלעקעריי. די פוילישע חניפה האָט אַ שם אין דער וועלט. חניפות — הייכלעריי. אַ חניפה־שמייכעלע. חניפותניק, חניפושניק, חליפושניק — אונטערלעקער.

**חניקה**=**חנק.**

**חנם** זע **חינם. חנן N.**

**חנפ׳ען (חנפ׳ענען)** [כאנפ׳ען] — אונטערלעקן. זיך צוחנפ׳ען צו N.

**חנק** [כענעק], **חניקה** — דאָס דער־ווארגן (פון די ארבע מיתות בית דין).

**חס** [כאס] — (פון ,,חוס"־שאַנעווען ירמיה יג יד: אתמול ולא אחוס) 1. דער וואָס שוינט. כל שלא חס על כבוד קונו — ווער עס איז ניט חס אַף גאָט׳ס כבוד. התורה חסה על ממונם של ישראל — די תורה שוינט ישראל׳ס געלט (תלמודיש). על חייו לא חס על חיי חבירו לא כל שכן — אַף זיין אייגן לעבן איז ער ניט חס, אַ פשיטא שוין אַף זיין חבר׳ס לעבן 2. תרגום פון „חלילה": גאָט באַהיט! חס וחלילה, חלילה וחס. חס ושלום — „באַהיט גאָט און עס איז שלום". חס ושלום לא תהא כזאת בישראל — ח״ו עס זאָל אַזוינס ניט זיין אין ישראל. (תלמוד ש). זע **חלילה.**

**חסד** [כעסעד], **חסדים** [כסאָדים] — 1. גוטסקייט. דער אויבערשטער זאָל זיין חסד ניט אָפּטאָן (לויט תהלים סו כ: לא הסיר חסדו מאתי). ער זאָל ווייטער טאָן זיין חסד (בראשית מ יד: ועשית נא עמדי חסד). „נאָך מיט חסד: אָרעמע לייט שטאַרבן". אַנ־ערטל פון חסד! חסד של אמת — אַ חסד וואָס מע באַווייזט אַ טויטן (רש״י צו בראשית מז כט: ,,חסד ואמת"). חברה חסד של אמת — חברה קדישא. בחסד עליון — מיט דעם אויבערשטנס גענאָד. גמילות חסד, גמילות חסדים (זע). חסדים טובים (סידור) — גוטע טובות. 2. פון די עשר ספירות. חסד שבחסד.

**חסודה** — אין תלמודישן אויסדרוק: כלה נאה וחסודה — אַ שיינע און אַ חנ׳עוודיקע כלה. (אַראַמייאיש הייסט ,,חסו־דא׳ — שיין).

**חסיד** [כאָסיד], **חסידים** — 1. אַ פרו־מער, אַ גוטער. תהלתו בקהל חסידים (תהלים קמט א). זיין לויב איז אין קהל פון די פרומע. חסידי אומות העולם — גוטע גוים (תלמודיש). שלי שלך ושלך שלך חסיד — מיינס איז דיינס און דיינס איז דיינס איז די

מידה פון אַ חסיד (תּלמודיש). 2. אַנ הײנגער פון אַ רבּי, אַ גערער חסיד. אין בּין נישט פון טאָלסטאָים חסי־דים. חסיד׳ל, חסיד׳אַק, חסיד׳ינע, חסידיש. אַ חסידיש שטיבּל. פאָ כאָ־סיראַצקאָמו (רוסיש), נקיבה: חסידה, חסידה׳טע, חסידית׳טע (איראָניש). חסיד׳אַרניע.

**חסידות** — 1. פרומקייט, גוטסקייט (תּלמודיש). מידת חסידות — די מידה פון גוטסקייט (ד. ה. שלי שלך ושלך שלך, זע **חסיד**). עס גייט אַוועק אין חסידות. מתנהג בּחסידות (סידור) — ער פירט זיך מיט חסי־דות. 2. בּאַסידיזם. פּראַווען (זאָגן) חסידות.

**חסל** [כאַסאַל ◡ — ], **חסלת** — געענ־דיקט (תּרגום־לשון). חסל סידור פּסח (סידור) — געענדיקט דער סדר. חסל ספר, חסלת פּרשה, חסלת מסכתא — געענדיקט דער ספר, די פּרשה, די מסכתא.

**חסר** [כאַסער], **חסרה** [כסעירע] — ניט פול (היפך: מלא). חודש חסר — אַ חודש פון 29 טעג (זע **חודש**). חסרה (אָדער שנה חסרה) — אַ יאָר פון 353 טעג. שרייבּן חסר — אָן י און ו (למשל, סדר׳׳ אנשטאט—„סידור׳׳). חסר־דיעה — שיואַכזיניק (העבּריאיש: חסר [כאַסאַר ◡ — ] לבּ. חסר תּבונות חסר לחם — אָן הארץ, אָן פאַר־שטאַנד, אָן בּרויט, משלי ו לב, כח טז, יב ט). החסר משוגעים אני (שמואל א כא טז) — פעלן מיר דען אוים משוגעים?

**חסרון** [כיסאָרן], **חסרונות** [כעסראָינעס] — פעלער (היפך: מעלה). וחסרון לא יוכל להמנות (קהלת א טו) — דער פעלער קען נים פאַרפילט ווע׳ן. אַט דער איין חסרון וועגט אַריבּער אַלע זיינע מעלות. „אַ חסרון: די כלה איז צו שיין״. חסרון כים — געלט־שאָדן דלות. חסרון כים קשה מכולם — דער דלות איז שווערער פון אַלץ (תּלמודיש).

**חפזון** זע **בּחפזון**.

I. **חפץ** [כאָפעץ] — דער וואָס וויל. אם חפץ אתּה (מלכים א׳ כא ו) — ווען דו ווילסט. עס חפץ׳ט זיך.

II **חפץ** [כײפעץ], **חפצים** [כאַפאָצים, כאַ־פעיצים], **חפצות**, **חפציות** [כעפציעס], 1. אַ זאַך. עת לכל חפץ (קהלת ג א) — אַ צייט פאַר יעדער זאַך. וכל חפצים לא ישוו בה (משלי ח יא) — אַלע צירונגען קענען זיך ניט פאַר־גלייכן מיט איר. בּנקיטת חפץ — דורך נעמען אַ זאַך אין האַנט (תּלמודיש). 2. וואָס מע וויל. „נאָכגעבּן אַלע דיינע חפצות״, „קלעקט איר נישט אויף אירע חפצות די וועלדער״. „אַלץ צוליבּ די חפציות דיינע — צו דערלאַנגען יענץ, וואָס די אויגן זעען״ (מענדעלע).

**חפציות** [כעפציעס] — אַוואַיעס, שמר־שטיק. „ניט געקאָנט ליידן זיינע שיי־נע חפציות מיט זיינע גיינג״ (שלום עליכם) אַז ער זאָל וויסן אַלע היגע חפצ׳עלעך. זע **חפץ**.

**חפשי** [כאָפשי], **חפשים** [כאָפשים] — פרײ־ער. יצא לחפשי (שמות כא ב) — אַרויס פריי. חפשים — די פרייגעוואָנענע.

**חץ** [כעיץ], **חיצים** — אַ פייל. יורה בּחץ — וואַרפט ווי אַ פייל (תּלמודיש).

**חצוף** [כאַצעף], **חצופים**, נקיבה: **חצופה**, **חצופות** — פרעך. סופּערלאַטיוו: חצוף מחוצף. חצופ׳יסקע, אַרצע׳חצופ׳יסקע. זע **חוצפּא**. **מחוצף**.

**חצות** — האלבע נאכט. חצות לילה אקום (תהלים קיט סב) — אום האלבע נאכט שטיי איך אויף. חצות אפּריכטן, תיקון חצות T. ער איז אויף געווען א גאנצע נאכט, חצות געפּראוועט (אויף א קארטנשפּילער).

**חצי** [כאַצי] — האלב, א העלפט. עד חצי המלכות (אסתר ה ו) — ביז א העלפט = מלוכה. ויהי בחצי הלילה (שמות יב כט) — עס איז געווען אום האלבע נאכט. חצי שלי וחצי שלך — א העלפט מיר און א העלפט דיר. חציו הספר בפסוקים — די העלפט ספר לויט פסוקים. ניט געזאגט אפילו א חצי דבר (תלמודיש). שטר חצי זכר זע שטר. בחצי ימיו — אין א העלפט פון זיין לעבן. ארום חצי אלול. חצי קדיש T. חצי הלל. הצי=שבת'ל (א מין היטל). חצי=פויגל (א האלב רובל). צרת רבים חצי נחמה — אן=אלגעמיינע צרה איז א האלבער טרייסט. חציו לה' וחציו לכם (תלמודיש) — א העלפט פאר גאט, און א העלפט פאר אייך (פון שבח). זע לחצאין.

**חציצה** — דאס וואס טיילט אפּ. זע חוצץ, מחיצה.

**חצר** [כאַצער] — א הויף (שמות כז יב). דער חצר פון פריץ, פון הסידישן צדיק.

**חקירה, חקירות** — פאָרשונג. על פי חקירה — דורך פאָרשונג. חקירה ודרישה — אויספאָרשונג (זע דורש). בודקין אותו בשבע חקירות — מען פאָרשט אים אוים מיט זיבן פאָרשונגען (תלמודיש). א חקירה=בוך. אריינלאָזן זיך אין חקירות, ארויסזאָגן כל ערליי חקירות, חקירה'ווען. זע מחקר.

**חקרן** [כאַקרען], **חקרנים** [כאַקראָנים] — פאָרשער. חקרנות [כאַקראַנעס]. חקרנ'טע. חקר'ענען.

**חרב** [כערעוו] — א שווערד. חרב חדה (יחזקאל ה א) — א שאַרפער שווערד. אפילו חרב חדה מונחת על צוארו של אדם אל ימנע עצמו מן הרחמים — אפילו ווען א שאַרפער שווערד איז אויפן האלז, זאל מען זיך ניט מייאש זיין (תלמודיש). תחת חרב — אונטערן שווערד. בחרבי ובקשתי (בראשית מח כב) — מיט מיין שווערד און בויגן. על חרבך תחיה (בראשית כז מ) — פון דיין שווערד וועסטו לעבן.

**חרבונה** N. וגם חרבונה זכור לטוב (סידור) — און אויך חרבונה איז דערמאָנט צום גוטן.

**חרד** [כאַרעד], **חרדים** [כאריידים] — א פרומער. ירא וחרד (שופטים ז ג: א שרעקעדיקער) — א גאָטפאָרכטיגער. והחרדים במצות אלוהינו (עזרא יג) — די פרומע.

**חרוב** [כאָרעוו] — צעשטערט. חרוב מאכן. סופּערלאַטיוו: חרוב ומוחרב.

**חרוז, חרוזים** — א בינטל פּערל (שיר השירים א י), א בינטל פיש — גראַם, פּערז. שוטה בחרוזים — אויף א שלעכטן דיכטער (לויט א תלמודישן אויסדרוק).

**חרוסת** [כאַראָסעס] (פון „חרס“=ליים) — א מין מאכל וואָס זעט אוים ווי ליים (פּסח צום סדר). חרוסת זכר לטיט — חרוסת איז א זכר פון ליים (תלמודיש).

**חרושת** — די אויסאַרבעטונג. חרושת אבן (שמות לא ה) — די אויסאַרבעטונג פון שטיין. בית חרושת, בית חרושת המעשה — א פאַבריק.

**חרופה** אין: שפחה חרופה — א דינסט לויט ויקרא יט כ. (תלמודיש).

**חרוץ** [כאריץ], **חרוצים**, נקבה: חרוצה, הרוצות — שאַרף. א פויער א חרוץ, זי איז אַ גאַנץ קלוגע, אַ חרוצה.

**חרות** זע **חירות**.

**חרטה** [כאראָטע] האָבן — כּאַדויערן אַ זאַך (תלמודיש). אויף „ניין" זאָל מען קיין חרטה ניט האָבן. פאַרקויף און האָב חרטה. אחרית קטטה חרטה — נאָך אַ שטרייט חרטה (ספר חסידים).

**חרטומים**, חרטומי מצרים (בראשית מא ח) — עגיפּטישע כּישוף־מאַכער.

**חריף** [כאריף] — שאַרף (תרגום לשון). בקי וחריף — באַלעזן און שאַרף (תלמודיש). אַ חריף — אַן־עוקר הרים.

**חריפות** — שאַרפזין. דער חיבור איז אָנגעפּיקעוועט מיט חריפות און בקיאות. „ער קען שוויצן גאָר אַ חריפות" (מענדעלע). חריפות'דיקע אידישע קעפּ־לעך.

**חריצות** — קלוגהייט, שאַרפזיניקייט (פון „חרוץ").

**חרם** [כעירעם], **חרמים** [כאראָמים], **חרמות** [כאראָמעס] — 1. דאָס וואָס איז גע־ווידמעט גאָט, און טאָר ניט באַנוצט ווערן. כל חרם קודש קדשים (ויקרא כז כח), — יעדער חרם איז קודש־קדשים.

2. אַ מין שבועה, אַ נדר. כל נדרי ואסרי ושבועי וחרמי (סידור) — אַלע שבועות מיט דעם וואָרט „נדר" אָדער „איסור" אָדער „שבועה" אָדער „חרם". נדרים וחרמים (תלמודיש). פרעגט מיך בחרם צו איך ווייס. 3. אויסשליסונג פון געזעלשאַפט. „דער חרם באַשטייט אין דעם, וואָס מען זאָגט: „פלוני מוחרם וארור" (רמב"ם) — דער און דער איז מוחרם און פאַרשאָלטן. דריי אָרטן פון חרם: נידוי חרם ושמתא. קללות וחרמות. שרעקט מיט שופרות, באַפאַלט מיט חרמות.

**חרם דרבינו גרשום** — דער חרם פון רבינו גרשום (ארום 1035), וואָס האָט איינגעפירט, אונטער שטראָף פון א חרם, מאָ־נאָגאַמיע און אַנדערע תקנות. בחרם דרבינו גרשום (בחדר"ג) — שרייבט מען אויף א בריוו, וואָס א פרעמדער טאָר ניט לייענען. „אויבן אָבער אויף אים (דעם בריף) איז געשטאַנען בחדר"ג און בחדר"ג איז געווען אַמאָל בּאַ אידן שטאַרקער ווי טויזנט חתימות פון טריוואָקס מיטן אדלער" (מענדעלע).

**חרס** — ליים. כלי חרס (ויקרא ו כא: כלי חרש) — ליימענע כלים. כחרס הנשבר (סידור) — ווי אַ צעבראָכע־נער שאַרבן.

**חרפה** [כאַרפּע] — שאַנד. ראה את חרפתנו (איכה ה' א) — זע אונזער שאַנד. חרפת רעב (יחזקאל לו ו) — הונגער־ליידן. אַ חרפה און א בושה, קיין בושה און קיין חרפה. חרפה אָן אַ זייט. בחרפה (איוב טז י) — מיט שאַנד. בחרפתינו. שטעלן בחרפה, בחרפתינו האָט ער געמוזט אָנקומען צו N.

**חררה** זע **עני**.

I. **חרש** (שמות ד יא) — אַ טויבער, א טויב־שטומער. חרש שוטה וקטן — אַ טויב־שטומער, א משוגע'נער און אַ מינדעריעריגער. חרש שוטה וקטן פגיעתם רע — מיט אַ חרש שוטה וקטן איז שלעכט די באַגעגעניש (תלמודיש).

II. **חרש** (יהושע ב א) — בּכוּר, בשתיקה. „א שטיקל חלה, וואָס מען פלעגט אים אונטערדרוקן חרש" (מענדעלע). זע **חורש**.

**חשבון** [כעשבּן], **חשבונות** — רעכע־נונג (קהלת ז כה). לפי חשבון — לויט באַרעכענונג (תלמודיש). על פי

חשבון באַשטימען דעם מולד (ניט על פּי הראייה). עד לחשבון — א קאַנטאָ. אַ טעות אין חשבון. חשבון צדק — אַ ריכטיגער חשבון. אַ חשבון אַנ=אויבנאָויפיקער. אַ טייטשי=שער חשבון. אַ חשבון איז נ׳ האַל=בער סילוק. חכמת החשבון — אריט=מעטיק. בּרכה בּחשבון — די בּרכה איז אין חשבון (ווי רטשפּיל אויף שיר השירים ז ה: בּריכות בּחשבון). אש יצא מחשבון — אַ שטרייט איז אַרוים פון אַ חשבון (וואָרטשפּיל אויף במדבר כא כח). חשבון׳ען. חשבון הנפש — profession de foi.

**חשד** [כּשאַד] — פאַרדאַכט. ארויסרופן אַ חשד. אונטער דעם חשד. א חשד=באַציאונג. זע **חושד זיין**.

**חשוב** [כאָשוּב], **חשובים** — 1. געערט. אדם חשוב שאני — בּיי אַ געערטן מענטשן איז אנדערש (תלמודיש). „חשוב בּיי נאַטשאַלסטווע" (שלום עליכם). א חשוב׳ער מענטש. עס איז בּיי אים חשוב׳ער. אשה חשובה — אַ חשוב׳ע פרוי. די חשובים, די חשובי העיר — די געערטע. 2. עני חשוב כמת — אַנ=אָרעמאַן איז געגליכן צו אַ מת. זע **חשיבות**.

**חשוד** [כאָשעד] — פאַרדעכטיק (תלמודיש). חשוד׳יק. זע **חשד**.

**חשון, מרחשון** — דער צווייטער חודש פון יאָר.

**חשוכים** [כאַסוכים] — די וואָס האָבּן ניט, אין: חשוכי בּגדים — די וויאָס האָבּן ניט קיין קליידער, חשוכי בּנים — די וואָס האָבּן ניט קיין קינדער.

**חשוקים** [כאשוקים] — אָבּסקוראַנטע, פינצטערלינגע.

**חשיבות** — ערבּאַרקייט (פון „חשוב"). די חשיבות פון דעם בּוך איז גרוס. געלט איז אין אַמעריקע בּחשיבות גדול.

**חשיכה** — פינצטערניש. ערב שבת עם חשיכה — פרייטיק צונאַכט בּיי דעמערונג (תלמודיש). זע **חושך**.

**חשמונאים** N.

**חשק** [כע׳שעק] — באַגער. את כל חשק שלומה אשר חפץ לעשות (מלכים א׳ ט א) — שלומה׳ס בּאַגער וואָס ער האָט געוואָלט מאַכן. חשק האָבּן (מאַבן) צו עפּעס. לערנען מיט חשק. נשף חשק (לויט ישעיה כא ד) — באַלוסטי=גונגסאָוונט.

**חשש** [כשאַש] — זאָרג, מורא. חשש איסור — אַ מורא, אז ס׳איז פאַר=בּאָטן. חשש סכנה — מורא, אַז ס׳איז אַ סכנה. אָן אַ שום חשש — בּלי שום חשש ופיקפוק כלל וכלל. זע **חושש, חייש**.

**חתול** [כאַטול] — אַ קאַץ. הרואה חתול בּחלום — ווער עס זעט אין חלום אַ קאַץ (תלמודיש).

**חתום** [כאָסם] — 1. פאַרזיגלט. הספר החתום (ישעיה כט יא) — דער פאַר=זיגלטער בּוך. סתום וחתום, סתומים וחתומים (דניאל יב ט) — פאַרבּאָרגן און פאַרזיגלט. 2. אונטערגעשריבּן. בּאַשלאָסן. חתום מטה — וואָס איז אונטערגעשריבּן ווייטער. זע **חתימה**.

**חתונה** [כאַסענע—◡◡], **חתונות** — הייראַט (שיר השירים ג יא). חתונה האָבּן. חתונה מאַכן אַ טאָכטער. פאַרבּעטן אף א חתונה. אַ שטילע חתונה. א מיש=חתונה (פאַראַדיעס: כאַסלירע, כאַסמאַינע). פיג.: אַנגעמאַכט א חתונה, געווען א פיינע חתונ׳קע.

**חתיכה** [כטיכע] — אַ שטיק. אין: חתיכה הראויה להתכבד — אַ שטיק וואָס פּאַסט פאַר אַ כיבוד (תלמודיש).

**חתימה, חתימות** — 1. אונטער־שריפט. געבן אַ חתימה. קיום החתימה — די באַשטעטיגונג פון א חתימה (תלמודיש). חתימת יד — האַנט־אונ־טערשריפט. 2. דער באַשלוס. כתיבה וחתימה (סידור) — דאָס אויפשרייבן און אונטערשרייבן פון פסק דין. ותיטיב לנו החתימה (סידור) — זאָלסט אונז געבן אַ גוטע חתימה. 3. חתימת זקן — אַ באָרד, זע זקן. 4. אַבאָ־נעמענט. די חתימה אף א צייטונג.

**חתמנו** [כאָסמעינו] — גיב אונז אַ חתימה" (סידור). נאָך גייט אַ יום כיפור מיט אַ חתמנו.

**חתמ׳ען, התמ׳ענען** — אונטערשרייבן (איוב לז ז). אונטער׳חתמ׳ענען, פאַר׳־חתמ׳ענען.

**חתן** [כאָסן], **חתנים** [כאַסאַנים] — 1. (ירמיה ז לד). משמח זיין חתן־כלה. מיידלעך שרייבן חתן־כלה בריוו. דאָס חתן־מאָל. וואָס זאָגסטו צו דעם חתן [כאסאן ◡—, יחיד פון „חתנים"]? 2. עולה לתורה: חתן [כאָסן, אָדער כאַסאַן ◡—] בראשית, חתן מפטיר, חתן תורה, חתן היובל — דער יוביליאר. חתן־הערב — דער העלד פון אָוונט.

## ט.

**ט** — דער ניינטער אות אין אלף־בית. ט=9. טו=15, טז=16 (אַנשטאָט: יה און יו, וואָס מע שרייבט ניט צוליב רעלי־גיעזע טעמים). מ״ט=49. זע טית.

**טאינע** זע **טענה**, **טאַינעג** זע **תענוג**.

**טאַם** זע **טעם**.

**טאָמער** — פאַראידישט פון „תאמר", טאָ־מער וועסטו זאָגן? טאָמער אַזוי? טאָמער חלילה... טאָמער איז געווען אַ אידענע (וואָרטשפיל אויף „תמר").

**טאָנעס** זע **תענית**, **טאָעס** זע **טעות**.

**טאַרע** זע **טהרה**.

**טביה** [טעוויע] N.

**טבילה, טבילות** — דאָס אונטער־טונקען אין מקוה (תלמודיש). גיין (פירן) טבילה. טבילת כלים — דאָס טובל׳ען כלים צו כשר׳ן זיי.

**טביעה** — אין: טביעת עין — איינ־דרוק פון אויג, א קוק. דערקענען מיט איין טביעת עין. א טביעת עין פון א תלמיד חכם (תלמודיש). מע קען אויך שרייבן „טביעות", ווי אַראַמייאיש „טביעות עינא".

**טבל** [טעוועל] — תבואה, פון וועלכער ס׳איז נאָך ניט אָפגעגעבן תרומות ומעשרות (תלמודיש).

**טבל׳ען** [טאוולען] זע **טובל**.

**טבע** [טעווא] — נאַטור. חכמת הטבע — פיזיק. בדרך הטבע, כדרך הטבע, שלא כדרך הטבע, למעלה מדרך הטבע — נאַטירלעך, אומנאַטירלעך. ס׳איז שוין איינגעבאַקן אין זיין טבע. זע בטבע.

**טבעת** [טאַבאַאַס] — רינג (אסתר ג יב). הרי את מקודשת בטבעת זו (סידור) — דו ביזט מקודש מיט דעם רינג. טבעת קידושין — דער רינג פון קידושין. אייפעמיזם: פי טבעת — דער אַפטער (תלמודיש).

**טבריה** N.

**טבת** (אסתר ב טז) — דער פערטער חודש אין יאָר. עשרה בטבת — צען טעג אין טבת.

**טהור טהורים** — 1. ריין. זהב טהור (שמות כה יא) — ריינע גאָלד. מים טהורים (יחזקאל לו כה) — ריינע וואַסער. 2. (היפך צו „טמא"): הטמא והטהור (דברים יב טו) — דער טמא און דער ריינער.

**טהרה** [טארע] — רײנקײט (ויקרא יב ד). טהרת הקודש (דברי הימים ב ל יט) — די רײנקײט, װאָס פּאַסט פאַרן בית המקדש. מאַכן על טהרת הקודש — מיט רײנקײט פון אַ הײליקע זאַך. בקדושה ובטהרה (סידור) — מיט הײליקײט און רײנקײט. 2. רײניגונג (יחזקאל מד כו). טהרה־ברעט, טהרה־שטיבל. — טהרות T.

**טו** = 15.

**טוב, טובים** — (היפך: רע). טוב מאד (בראשית א לא) — זײער גוט: טוב מאד זה יצר הרע (תלמודיש) — דאָס „זעהר גוט" איז דער יצר הרע. טוב ורע (בראשית ב ט) — גוטס און שלעכטס. אבן טוב — אַ גוטער שטײן, אַנ = אײדלשטײן (זע). דורש טוב לעמו (אסתר י ג) — טוט גוטס פאַר זײן פאָלק. יום טוב (זע). כי טוב זע בכי טוב. מה טוב זע מה. טוב אחרית דבר מראשיתו (קהלת ז ח) — דער סוף איז בעסער פון אָנהײב. טוב מעט בכוונה מהרבה שלא בכוונה — בעסער װײניגער מיט כוונה אײדער אַסך אָן כוונה (תלמודיש, פון תפילה). טוב שבגוים הרוג (תלמודיש) — דעם בעסטן פון די גוים דער׳הרג׳ע. כטוב לב המלך ביין (אסתר א י) — װען דער מלך איז געװאָרן פרײלעך פון װײן. זכור לטוב — דערמאָנט צו גוטן, זע זכור. טובים השנים מן האחד (קהלת ד ט) — צװײ זײנען בעסער װי אײנער. טובים — די בעסטע. טובי הקהל, טובי העיר — די פאָרשטײער פון קהל, פון שטאָט. בן טובים — פון גוטער פאַמיליע. טוב ומטיב T.

**טוב**—גוטס אין: כל טוב (דברים ו יא) — אַל דאָס גוטס. געקומען מיט כל טוב אויף יום־טוב.

**טובה, טובות** — נקיבה פון „טוב" — 1. אַ גוטע. ארץ טובה ורחבה (שמות ג ז) — א גוט און ברײט לאַנד. בשיבה טובה (בראשית טו טו) — אין אַ גוטן עלטער. בשורה טובה — אַ גוטע בשורה (זע). כיד הי הטובה זע: כיד. 2. גוטס. טאָן אַ טובה, אָנקומען צו יענעמ׳ס טובה, אַ טובה מיט א גמילות חסד. משלמי רעה תחת טובה (תהלים לח כא) — װי באַצאָלן מיט שלעכטס פאַר גוטס. ס׳איז אַ טובה כפולה ומכופלת (זע). מקבל טובה זײן, פון אײער טובה װעגן. הכרת טובה — דאַנקבאַרקײט. אות לטובה (תהלים פו יז) — אַ צײכן צום גוטן, זע: ? טובה.

**טובי, טובים** זע: טוב.

**טוביה** N.

**טובל** זײן — אײנטונקען (דברים לג כד), זין אײנטערטוקען (מלכים ב׳ ה יד). זיך טובל׳ען. טבל׳ען כלים. אָפּטובל׳ען די נשמה. כטובל ושרץ בידו — װי אײנער איז זיך טובל מיט אַ שרץ אין האַנט (תלמודיש).

**טומאה, טומאות** — אומרײנקײט. רוח הטומאה (זכריה יג ב) — דער גײסט פון אומרײנקײט. אב הטומאה — דער מקור פון טומאה. אבי אבות הטומאה — דער ערשטער מקור פון טומאה, פאַר דעם אב. ולד הטומאה — דער צװײטער מקור פון טומאה, נאָך דעם אב. פאַרזונקען אין מ״ט שערי טומאה — אין 49 קרײזן פון טומאה (תלמודיש). אַרײנלײגן די טומאה אין די יראה (פאַרדעקן חטאים מיט פרומקײט).

**טומטום** — אַ מין הערמאַפראָדיט. טומטום ואנדרוגינוס (תלמודיש).

**טועה** (שמות כג ד: תועה) — „דער וואָס בלאָנדזשעט", וואָס מאַכט אַ פעלער. איך האָב זיך טועה געווען אין חשבון, אין אייך (פאַראָדירט: האסט זיך טויב געווען). טועים כל האומרים כן — עס האָבן אַ טעות אַלע וואָס זאָגן אַזוי (תלמודיש).

**טועם** זיין — פאַרזוכן (שמואל א׳ יד כד). טועם טעם חטא, טועם טעם מיתה — פאַרזוכן דעם טעם פון אַ זינד, פון טויט (תלמודיש). ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט טועם טעם זיין פון אַנ־עבירה.

**טוען** — האָט אַ טענה, אַ פרעטענזיע. טוען ונטען אין בית דין — ווי „תובע ונתבע". טוענו חטים והודה לו בשעורים (תלמודיש) — ער פאָדערט פון אים ווייץ און יענער אָנערקענט גערשטן (פאַרדירט: טוענו בחטים והודה לו בפריה ורביה, בשור רנסקל א. אנד.)

**טור, טורים,** ארבעה טורים T.
טורא בטורא לא פגע אינש באינש פגע — אַ באַרג מיט אַ באַרג טרעפן זיך ניט, אַ מענטש מיט אַ מענטשן יאָ.

**טז** = 16.

**טיט** — ליים. מטיט היון (תהלים מ ג) — פון ליים און זומפ. חרוסת איז זכר לטיט (תלמודיש).

**טילטול, טילטולים** — דאָס שלײדערן (תלמודיש). אין: טילטול הדרך — סטראַפּאַצע. דער איד האָט מורא פאַרן טילטול הדרך זע מטלטל.

**טינוף** — שמוץ (פון „טנף" — באַשמוצן, שיר השירים ה ג). אַ קאָפּ מיט טינוף. סופּערלאַטיוו: טינוף טינופת. זע מטונף. „עס טוט מיר זעהר לײד, וואָס איך אַליין האָב דאָ דיך, מין טינופת׳ל, נישט גע׳בעל־דבר׳ט" (מענדעלע).

**טיפה, טיפות** — טראָפּן. על כל טיפה וטיפה — אויף יעדן טראָפּן, טיפה סרוחה — שטינקעדיגער טראָפּן. (תלמודיש). טיפה זו מה תהא עליה — וואָס וועט אַרויס פון דעם טראָפּן? (תלמודיש).

**טיפש, טיפשים** — אַ נאַר (היפך: חכם). טפש שבטפשים (סופּערלאַטיוו). יפה שתיקה להכמים קל וחומר לטיפשין — שווייגן איז גוט פאַר חכמים אַ פשיטא שוין פאַר נאַראָנים. (תלמודיש). „שאַ, טיפשע איינע, שאַ!" (מענדעלע). טיפשות — נאַרישקייט. על חטא שחטאנו לפניך בטיפשות פה — מיט נאַרישע רײדן (סידור).

**טירדא (טירדה), טירדות** — באַשעפטיקונג מיט אַ מיצווה (תלמודיש). טירדות העסק — געשעפטס־זאָרגן. זע טרוד.

**טירוף** — צעמישונג. לא יענה אמן מפני הטירוף — דער חזן ענטפערט ניט אמן, ווײל ער קען צעמישט ווערן (תלמודיש). טירוף הדעת — אַ גײַסטיקע צעמישונג. זע מטורף.

**טירחא, טרחות** — מי. כמה טירחות טרח — וויפיל מי האָט ער זיך געגעבן. טירחא דציבור — אַ טירחא פאַר׳ן עולם. (תלמודיש). אומזיסט אייער טירחא. זע מטריח.

**טישטוש** — פאַרמעקונג זע מטושטש.

טישע־באוו זע תשעה באב.

**טית** — דער נאָמען פון אות ט. שין טית = שטן, מעשה שין טית = מעשה שטן.

**טכסים** — טאַקטיק אין: טכסיסי מלחמה — דער פּלאַן פון מלחמה פירן, טכסיסי מלכות — דיפּלאָמאַטיע (תלמודיש), אויך געשריבן: תכסיס (זע).

**טל T. טל ומטר T**: גרוים ווי אַ טל ומטר (פון די קליינע אותיות אין סידור).

**טלאָי, טלאָים** — אַ לאַטע. טלאי על גבי טלאי — אַ לאַטע אויף אַ לאַטע (תלמודיש).

**טלטול** זע **טילטול**.

**טלית** [טאַלעס] **טליתים** [טאַלעיסים] — אַ בגד מיט ציצית. טלית קטן — ארבע כנפות. מליה ותפילין. טלית מצוייצת, טלית שאינה מצוייצת — אַ טלית מיט ציצית, אָן ציצית, (תלמודיש). טלית שכולה תכלת — אַ טלית פון לויטער תכלת (תלמודיש). „אַ ווייס טלית׳ל מיט פאסן תכלת פאָרנט" (מענדעלע).

**טמא** [טאָמע] **טמאים** [טמעאים] — אומריין, נקיבה: טמאה. (היפך: טהור). טמא הוא (ויקרא טו ב) — ער איז אומריין. ערל וטמא (ישעיה נח א) — אַנ=ערל און א טמא (פון געצנדינער), דער משומד האָט גענומען אַ טמאה (ד. ה. אַ גויע).

**טמיר** [טאָמיר] — פאַרבאָרגן פאַרשטאַרקט: טמיר ונעלם (סידור).

**טעווא** זע **טבע**.

**טעות** [טאָעס], **טעותים** [טאָאוסים] — גרייז. האָבן, מאַכן, אופקלערן אַ טעות. טעות הדפוס — דרוק=גרייז. טעות הסופר — שרייב=גרייז. אַ טעות אין לוח! בטעות. על פי טעות — דורך אַ טעות. תיקון טעות — דאָס פאַרבעסערן פון אַ גרייז. מקח טעות — אַ קויף בטעות. טעות גוי מותר — וואָס אַ גוי האָט געמאַכט בטעות איז מותר (תלמודיש).

**טעל** זע **תל**.

**טעם** [טאַם], **טעמים** [טאַימים]. — 1. געשמאַק. וטעמו כצפיחית בדבש (שמות טז לא) — ד'ער טעם פון מן איז ווי אַ האָניק=פלאָדן. טועם טעם זיין, זע **טועם**. אָן טעם און אָן ריח. ס'איז טעם גן=עדן. עס האָט דעם זיבעטן טעם. עס האָט אַ טעם פון מיינע צרות. באַ׳טעם׳ט. חוש הטעם זע **חוש**. 2. סיבה, גרונד, באַווייז צוליב דעם טעם. מכמה טעמים — צוליב אַ סך סיבות. טעמי המיצוות — די מאָטיוון פון די מיצוות. טעם לפגם, טעם לשבח — אַ שלעכ=טער, גוטער באַווייז. מטהר זיין אַ שרץ בק"ן טעמים — מיט 150 ראיות (תלמודיש), מהאי טעמא — דערפאַר (תרגום=לשון). 3. באַפעל. מטעם המלך (יונה גז) — לויט באַ=פעל פון קעניג (אַראַמייאיזם). 4. טעמים, טעמי הקריאה — די טראָפ צייכנס (צום זינגען תנ"ך).

**טענה** [טאַינע], **טענות** [טאַינעס] — 1. פאָדערונג. אַ טענה צו גאָט. האָסטו באַ מ'ר אַ טענה! 2. איינ=ווענדונג, דערקלערונג. דאָ העלפן קיין טענות ניט. אַלע טענות ומענות. — טענה'ן. איינ׳טענה'ן מיטן פויער. טענה פון היינט ביז מאָרגן!

**טעס** זע **טית**. **טערעץ** זע **תירוץ**.

**טפח** [טעפאַך] **טפחים** [טפאָכים] — אַ האַנדברייט (שמות כה כה) מגלה טפח ומכסה טפחיים — דעקט אויף איין טפח און דעקט צו צוויי (תלמודיש)

**טפחא**, מרכא טפכא — פון די טראָפ צייכנס.

**טפל** [טאָפל], **טפילים** [טפעילים] נקיבה: **טפילה** [טפעילע] **טפילות** — נעבנ=זאַך (היפך: עיקר). דאָס איז באַ אים אַ טפל.

**טרוד** [טאָרעד] **טרודים** נקבה: **טרודה**, **טרודות** — באַשעפטיקט, פאַרטאָן. טרוד הייתי — איך בין געווען

פאַרטאָן (תלמודיש). „איטלעכער פון אייך איז אַ טרוד, פאַרדרייט אין זיינע עסקים" (מענדעלע). „טרוד אין דער פּרנסה" (מענדעלע).

**טרחא** זע **טירחא.**

**טריף** [טרייף], **טריפה** [טרייפע], — 1. „אַ צעריסענע בהמה" (שמות כב ל). כל שאין כמוה חיה טריפה — אַ בהמה, וואָס קען ניט לעבן איז טריף (תלמודיש). 2. וואָס איז ניט כשר און פאַרבאָטן. טריף ווי חזיר, ווי עבודה זרה. אַ טריפה סחורה. אַ טריפה בוך, אַ טריף־פּסול. דער גוי איז טריף, אָבער זיין גראָשן איז כשר. טריפ'ניאַק. 3. טריפ'ענער ביין, טריפ'ענע הינטער פיסלעך, טריפ'ענע קישקע. „עפּעס בלוט אַזאַ טריפה'ס" (שלום עליכם).

**טרפות** [טאַרפעס] — טריפע שפייז. עסן טרפות, קוילן אַף טרפית. ס'איז ווערט אַף טרפות.

**טשטוש** זע **טישטוש.**

## י.

**י** — דער צענטער אות פון אלף־בית. י—10, יא—11 יב—12 א.א.וו. זע יוד.

יאָון זע יון.

**יאוש** [אי—איש] — פאַרצווייפלונג. לאחר יאוש — אַז מע האָט שוין פאַרלאָרן די האָפענונג (תלמודיש). זע **מייאש.**

**יאט** זע **ילוד. יאילע** זע **יעלה. יאמאד** זע **יעמוד.**

**יאכלוהו** [—◡◡—] — „זאָל מען אים עסן" (שמות יב ח; במדבר ט יא). ס'איז יאכלוהו (ד. ה. פאַרפאַלן).

**יאנקעוו** זע **יעקב. יאָסעם** זע **יתום.**

**יבוא יומו** (תהלים לז יג). — „עס וועט קומען זיין טאָג" (ד. ה. ער וועט האָבן אַ מפּלה). עס וועט קומען זיין יבוא יומו.

**יבום** [איבום] — די לעווירא̇ט־עהע (לויט דברים כה ה). (תלמודיש).

**יבם** [יאָוואָם] — דער שוואָגער (דברים כה ה). **יבמה** [יוואָמאָ] — די שוועגערין (דברים כה ז). **יבמות T.**

**יבנה N. יברכך T.**

**יבש** [יאָוועש] — טרוקן, פאַרטריקנט. עץ יבש (ישעיה נו ג), — אַ פאַרטריקנטער בוים. נקיבה **יבשה** [יוועישע], יבישות. העצמות היבישות (יחזקאל לז ד) — די פאַרטריקנטע ביינער.

**יבשה** [יאבאָשע] — די ערד. את הים ואת היבשה (יונה א ט) — דעם ים און די יבשה. כל שיש ביבשה יש בים — אַלץ וואָס ס'איז דאָ אַף דער יבשה איז דאָ אין ים. (תלמודיש).

**יגדל T.**

**יגון** (תהלים קז ל ט) — טרויער. יגון ואנחה (ישעיה לה יא) — אומעט און זיפצן. ביגון — אומעטיק. והורדתם את שיבתי ביגון שאולה (בראשית מב לח) — איר וועט מיין עלטער ברייגנען מיט אומעט אין קבר אַריין.

**יגיע** — אַרבעט. יגיע כפּים — די אַרבעט פון די הענט (חגי ), יגיע כפּי (בראשית לא מב ) — מיינע אַרבעט. יגיע כפּיך( תהלים קכח ב ) דיינע אַרבעט. גדול הנהנה מיגיעו יותר מירא שמים — דער וואָס לעבט פון זיין אַרבעט איז גרעסער איידער אַ ירא שמים (תלמודיש).

**יגיעה** — דאָס מיען זיך אין: שיגיעת שניהם משכחת עון — אַ האַנטווערק מיט תורה־לערנען דערלאָזן ניט צו זינדיקן (תלמודיש).

**יגעתי ומצאתי** — איך האָב זיך געמיעט און האָב געפונדן, [?]אין: יגעתי ומצאתי תאמין (תלמודיש) — „איך האָב זיך בּאַמיט און געפונען" — גלויב.

**יד** [יאַד], **ידים** [יאָדאַאים] — האַנט. ידו בכּול ויד כל בּו (בראשית טז יב) — זיין האַנט איז קעגן אַלעמען און אַלעמענס האַנט איז קעגן אים. תחת יד פּרעה (בּראשית מא לה) — אונטער דער האַנט פון פּרעה. יד העדים תהיה בו בּראשונה (דברים יז ז) — די הענט פון די עדות זאָלן זיין קעגן אים צוערשט (פאַראָדירט: יד האיידעם — קעגן דעם שווער). מתנת יד — אַ געשענק, אַ קלאַפּ. כּלאחר יד (זע). מאַכן (זיין) יד אחת — איין קאָמפּאַניע. האָבּן אַ יד — אַ חלק. יד נכרי בּאמצע — אַ גוי האָט זיך אַריינגעמישט (תלמודיש). געבּן אין יד, נעמען אויף דער יד (פון כּאבּאר). בּיד, כיד, ליד, מיד, של יד (זע אונטער די דאָזיקע ווערטער). יד חזקה T. דער זילבּערנער יד (אַ צירונג אויף אַ ספר תורה). זע ידים.

**ידבּר** „זאָל רעדן". משה ידבּר (שמות יט, יט).

**ידו** [יאָדאָי] — זיין האַנט. כּמתּנת ידו (דברים טז יז) — לויט זיין געשענק.

**ידוּע** [יאָדוּא], **ידוּעים** [ידוּאים] — באַקאַנט. חכמים ונבונים וידוּעים (דברים א ט). גלוי וידוּע (סידור) — עס איז אָפן און בּאַקאַנט. ווי אייך איז ידוּע. „עס איז ידוּע לכל" (פּרץ). בּידוּע — עס איז בּאַקאַנט, כּידוּע — ווי עס איז בּאַקאַנט (תלמודיש). ליהוי ידוּע (עזרא ד יב: ידיע להווא) — זאָל זיין בּאַקאַנט. ידוּע'דיק.

**I. ידי** [יאדי] — מיין האַנט. הרימותי ידי (בּראשית יד כה) — איך הייבּ אויף מיין האַנט (צו שווערן).

**II. ידי** [ידעי] — „די הענט פון..." הידים ידי עשו (בּראשית כז כב) — די הענט זיינען עשו'ס הענט. יוצא ידי חובתו — ער האָט זיין התחייבות געטאָן, ער איז יוצא (תלמודיש). אָנקומען לידי מתנת בשר ודם — צו יענעמ'ס צדקה (סידור).

**ידיהם** [ידעיהעם] — זייערע הענט. וישלח בּרכה והצלחה בּכל מעשה ידיהם (סידור) — ער זאָל שיקן בּרכה און הצלחה אין אַלע אַרבּעט פון זייערע הענט.

**ידיו** [יאָדאָוו] — זיינע הענט. לא מצא ידיו ורגליו — ער האָט זיינע הענט און פיס ניט געפונען (ד. ה. גאָר ניט פאַרשטאַנען) (תלמודיש).

**ידים** [יאָדאַאים] — הענט. והידים ידי עשו (בּראשית כז כב) — די הענט זיינען עשו'ס הענט. האָט ער אַ פּאָר אייזערנע ידים. מאבּד בידים — פאַרניכטן מיט אייגענע הענט. דוחה זיין בּידים — פאַרשטויסן מיט אייגענע הענט (תלמודיש). „איך האָב מיין פּויסין גענומען רעכט אין די ידים אַריין" (שלום עליכם).

**ידיד, ידידים** — פריינט (ישעיה ה א). איך האָב זיך געווענדעט צו מיינעם אַ ידיד. ידיד נפשי — מיין גוטער פריינט. ידידים נאמנים — געטרייע פריינט. ידידי — מיין פריינט, ידידך — דיין פריינט. לידידי כנפשי, לאהובי ידיד נפשי — צו מיין ליבּן פריינט (אין בּריוו). אַ ידידי אהובי בּריוועלע. ממני ידידך כבשרך N. — פון מיר דיין נאָענטער פריינט

(אין בריוו די אונטערשריפט). ידידות (תהלים מה א) — פריינטשאפט. ידידות־בריוועלע.

**ידיעה, ידיעות** — 1. א נייס, א בשורה. מבולבל געוואָרן פון דער ידיעה. 2. קענטעניש. האָט איר א ידיעה אין שיסן? 3. אין דקדוק: הא הידיעה.

**ידע** זע **כלא.**

**ידען** [יאדן], **ידענים** [יאדאנים] — א קענער, א דעתן (איראָניש).

**יהא שמיה רבא** T. (פאראָדירט: יהא ידעי).

**יהדות** [יאַדוס] — אידישקייט.

**יהודה** N.

**יהודי, יהודים** — איד. איש יהודי (אסתר ב ה) — א איד. יהודית — א אידענע, א אידישקע, N.

**יהושע** T. **יהושע בן נון** N.

**יהי** — עס זאָל זיין. יהי אור (בראשית א ג) — עס זאָל זיין ליכטיק. זע ויהי. יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך — זאָל יענעמ'ס כבוד זיין ביי דיר אזוי טייער ווי דיין אייגענער (תלמודיש).

**יהי כבוד** T. **יהי רצון** T.

**יהיה מה שיהיה** — וואָס עס זאָל ניט זיין. יהיה מי שיהיה — ווער עס זאָל ניט זיין.

**יהרג ולא יעבור** — געטייט ווערן און ניט עובר זיין (תלמודיש: יהרג ואל יעבור). שפיכות דמים איז בגדר יהרג ולא יעבור. דאָס איז א פערד פון סאָרט יהרג ולא יעבור (קאַטאָוועס).

**יואל** N.

**יובל** — 1. דער 50־סטער יאָר, יובילי (ויקרא כה י). 2. 50 יאָר. איין מאָל אין א יובל (תלמודיש).

**יוד** — דער נאָמען פון אות י. קוצה של יוד זע **קוץ.**

**יודע** [יאָדעא], **יודעים** [יאָדים] — וויסט. מי יודע (תהלים צ יא) — ווער ווייס (זע). יודע צדיק נפש בהמתו (משלי יב י) — דער צדיק ווייס, וואָס עס פעלט זיין בהמה. יודע ספר — א גראַמאַטנער (ישעיה כט יא). יודע נגן (שמואל א׳ טז יח) — דער וואָס קאָן שפילן. ער איז אַ יודע נגן (קאַטאָוועס אויף אַ גוטן קאָרטנשפילער). „גאָט איז יודע דעם אמת“ (מענדעלע). איני יודע — איך ווייס ניט. למד לשונך לומר איני יודע שמא תתבדה ותאחז — געוואוין דיין צונג צו זאָגן „איך ווייס ניט“, טאָמער וועסטו גע־כאַפּט ווערן ביי אַ ליגן (תלמודיש). ביודעים ובלא יודעים — וויסנדיק און ניט וויסנדיק (סידור). ער נעמט זיך בלא יודעים אין קעשענע.

**יוהרא** — גאווה איך: מחזי כיוהרא — זעט אויס ווי גאווה (תלמודיש).

**יוון** [יאָוון], **יוונים** [יוואָנים] (דניאל ח כא: גרעק) — א סאָלדאַט. אַריינפאַלן (אַריינשפרינגען) ווי א יוון אין סוכה, ווי א יוון פאַר תחינות. אַלע יוונים האָבן איין פּנים. יווָנישע קאָפּ. בלשון יוונית, אויף יוונית.

**יוחנן** N.

**יוחסין** — פאַמיליעס אין: ספר יוחסין מגילת יוחסין — גענעאלאָגיע שלשלת היוחסין — פאַמיליען־קייט. יחוס. זע **יחוס.**

**יוכבד** N.

**יו״ט** = יום־טוב. **יו״כ** = יום כיפור.

**יולדת** [יאָלדעס], **יולדות** — קימפּע־טאָרין (ויקרא יב ז). א מי שברך פאַר די יולדת.

**יום, ימים** — 1. טאָג, ויקרא אלהים לאור יום (בראשית א ה) — און גאָט האָט אָנגערופֿן די ליכט טאָג. מבעוד יום — נאָך בײַ טאָג. יום ולילה — טאָג און נאַכט (בראשית ה כב). לא יום ולא לילה (זכריה יד ז) — ניט טאָג און ניט נאַכט. 2. טעג: יום ראשון (יום א׳) — זונטיק, יום שני (יום ב׳) — מאָנטיק, יום שלישי, יום ג׳ — דינסטיק, יום רביעי, יום ד׳ — מיטוואָך, יום חמישי, יום ה׳ — דאָנערשטיק, יום שישי, יום ו׳ — פֿרײַטיק, ערב שבת, יום השבת (שמות כ ה) — שבת. היום יום ראשון, פּרשת תצוה (די דאַטע, אין בריוו). יום הדין — דער טאָג פֿון משפּט (ראש השנה, יום כפּור). יום הזכרון — ראש השנה (לויט ויקרא כג כד). יום החתונה — דער טאָג פֿון חתונה (לויט שיר השירים ג יא), יום המיתה, יום הפּטירה — דער טאָג, ווען געשטאָרבן. יום הקבורה — דער טאָג ווען באַגראָבן. יאָרצײַט איז דער יום המיתה, ניט דער יום הקבורה. מה יום מיומים — וואָס איז דער טאָג אַנדערש פֿון די אַנדערע טעג (תלמודיש). 2. יום הארוך — דער לײַנגסטער טאָג. 8. דער יום T. זאָגן דעם יום. אָפּ־היטן זײַן יום תהלים. זע היום, יומו, יומם, ימות, ימי, ימים.

**יום טוב** [יאָנטעף], יום־טובים [יאָנטאָווים] — (שמואל א׳ כה ה). 1. גוט יום־טוב! גוט יום־טוב, ער איז דאָ! אויס יום־טוב, ווידער וואָך. די אַנדערע טעג יום־טוב. ביצה שנולדה ביום־טוב — אַן אײַ וואָס איז געלייגט אום יום־טוב (תלמודיש). יום שני של גליות — דער צווייטער טאָג יום־טוב, וואָס מע האַלט אין גלות. דאָס איז בײַ מיר ניט קיין גרויסער יום־טוב. ער מאַכט דערפֿון אַ גאַנצן יום־טוב. אָט האָסטו דיר די אַנדערע טעג יום־טוב! ס׳איז יום־טוב בײַטאָג! יום־טוב׳דיק. פֿריילעך געיום־טוב׳ט. בײַ קאַרטנשפּילער: טרומף. „איך האָב אויבער, מלכה, מלך יום־טוב". „גייט אַרויס צו אים פֿריער מיט איין מאָל יום־טוב, נאָך אַמאָל יום־טוב". „אָפּ־רופֿן יום טוב" (שלום עליכם).

**יום כּיפּור** [יאָנקיפּער] — (ויקרא כג כז יום הכיפּורים). יום־כּפּור־קטן T.

**יומא** — אַ טאָג (דניאל ו יא). יומא דפגרא — אַ טאָג פֿון ניט לערנען, זע פּגרא. יומא T. דער רב וועט רעדן מעניני דיומא — פֿון טאָג־ענינים, פֿון אַקטועלע פֿראַגן.

**יומו** — זײַן טאָג. בלא יומו (איוב טו לב) פֿאַר זײַן צײַט. בן יומו — איין טאָג אַלט: ירח בן יומו, תינוק בן יומו. דבר יום ביומו (שמות ה יג) — אַ טעגלעכע זאַך. יבוא יומו — עס וועט קומען זײַן טאָג (זע). זע יום.

**יומם ולילה** (ויקרא ח לה) — בײַ טאָג און בײַ נאַכט. ער לערנט יומם ולילה (יהושע א ח: והגית בו יומם ולילה).

**יון** זע יוון.

**יונה** N. רבנו יונה, טאַטע יונה, רבי יונה שלומה. זע רבנו.

**יונתן** N, **יוסף** N.

**יונק. יונקים** — אַ זויגעדיק קינד. מפּי עוללים ויונקים (תהלים ח ג) — פֿון קינדער־מויל. יונקי שדים (יואל ב טז) — די וואָס זויגן אַ ברוסט.

**יועץ, יועצים** — עצה־געבער (דברי הימים א כג לג). בעל יועץ = בעל־עצה.

**יופי** — שײנקייט. שקר החן והבל היופי (משלי לא ל) — די שיינקייט איז פֿאַלש און נישטיק. בערלין איז

א יופי פון א שטאָט. יופי של מעלה — העכסטע שיינקייט.

**יוצא, יוצאים, יוצאי...** — 1. וואָס ניט ארויס. אין יוצא ואין בא (יהושע ו א) — ניט ארויס ניט אריין. ער איז א יוצא ונכנס ביים רבי'ן. יוצא דופן — „וואָס איז ארויס פון זייט", אַנ־אַרויסגעשניטענער. tomotokos (תלמודיש). יוצאי חלציו — זיינע קינדער (סידור, לויט בראשית לח יא). יוצאי מצרים — די וואָס זיינען ארויס פון מצרים. יוצא לתרבות רעה — א פאַרדאָרבענער. זע תרבות. יוצא מן הכלל — אויסנאַם. היוצא לנו מזה. היוצא מדברינו. זע היוצא. 2. פאַרקירצונג פון „יוצא ידי חובתו" — „אַרויסגיין פון זיין חוב": מען איז יוצא מיט דער ברכה. לאָז א א טרער כאָטש פון יוצא וועגן. אבי יוצא זיין פאַר לייטן. דערמיט איז ער יוצא לכל הדיעות. — זע כיוצא.

**יצא, מוציא** II.

**יוצלח** זע לא יוצלח.

**יוצר** — 1. דער באַשאַפער. יוצר אור ובורא חושך (ישעיה מה ז) — דער באַשאַפער פון ליכט און פינצטער. אוי לי מיוצרי אוי לי מיצרי — וויי מיר פון מיין באַשאַפער, וויי מיר פון מיין יצר הרע (תלמודיש). 2. טעפּער. בחומר ביד היוצר (ירמיה יח ה) — ווי לייים אין דער האַנט פון טעפּער. אנחנו החומר ואתה יוצרנו (ישעיה סד ז) — מיר זיינען לייים און דו ביזט אונזער טעפּער. 3. די ברכה „יוצר אור" און אירע פיוטים. (פאַראַן צוויי יוצרות: א וואָכעדיקער „המאיר לארץ" און שבת'דיקער „הכל יודך") פאַרדרייען די יוצרות. קעלבערנע יוצרות (פאַראַדירט דער נאָמען פון סידור „כל בו"). — יוצר משרתים זע משרת.

**יוקר** — טייערונג. מקום היוקר, מקום הזול — אָרט פון טייערונג, אָרט פון זול (תלמודיש). ביוקר — טייער. די סחורות זיינען ביוקר.

**יורד, יורדים** — 1. נידערט אַראָפּ. (היפך: עולה). עולים ויורדים (בראשית כא יח) — שטייגן אַרויף און נידערן אַראָפּ. יורד מנכסיו — „וואָס איז אַראָפּ פון זיין פאַרמעגן", פאַראָרעמט (תלמודיש): א יורד — א געפאַלענער עושר. 2. יורד לסוף דעתו — גרינדלעך פאַרשטיין (תלמודיש). יורד עמו לחייו (אָדער: עד לחייו) — קעמפן מיט יענעם ביז אין לעבן (תלמודיש). זע עולה ויורד. די יורדים — (וואָס זיינען צוריקגעקומען פון ארץ ישראל).

**יורה דיעה** T.

**יורה כחץ** — וואַרפט ווי א א פייל (תלמודיש).

**יורש, יורשים** — דער וואָס אַרבט (בראשית טו ג), יורש עצר (שופטים יח ז) — טראָנפאָלגער. יורש, האבן יורשי הבעל, יורשי האשה — די אַרבן פון פאָטער, פון מאַן, פון פרוי (תלמודיש).

**יושב, יושבים** — דער וואָס זיצט. יושב אוהל (בראשית ד כ), יושב בית — דער וואָס זיצט אינדערהיים. אשרי יושבי ביתך זע אשרי. יושבי בית המדרש, יושבי קרנות זע קרן. יושב בטל — דער וואָס זיצט אָן א אַרבעט, יושב בתענית — דער וואָס פאַסט (תלמודיש). יושב ראש — פאַרזיצער. א יושב אין טורמע, א יושב ביים רבי'ן (חסידיש). „ברוך היושבים" זע ברוך.

**יושן** — אַלטקייט, רער אלטער שטייגער. חזרו הדברים ליושנם — מען האָט זיך צוריקגעקערט צום אלטן שטייגער, החזירו עטרה ליושנה — זיי האָבן צוריקגעבראכט די קרוין צום אלטן שטייגער (תלמודיש).

**יושר** — גערעכטיקייט. להגיד לאדם ישרו (איוב לג כג) — דערציילן פון איינעם זיין גערעכטיקייט. ס'איז א יושר, א יושר גדול. ביושר, על פי יושר — מיט גערעכטיקייט. מע קען עס פאָדערן ניט על פי דין, נאָר על פי יושר. קאָזאצקער יושר. יושר'דיק, יושר'לעך אום=יושר. מליץ יושר זע מליץ.

**יותר** — מער (אסתר ו ו). יותר מדאי מער ווי גענוג, ד. ה. צו פיל. על צד היותר טוב — אויפן בעסטן אופן.

**יזכור** T. **יזרעאל** N. **יהדשהו** T.

**יחד** [יאכאד], **יחידו** [יאכדאָוו] — אינאיינעם. יחד עשיר ואביון (תהלים מט ג) — אינאיינעם רייך און אָרעם. יחדו יחלוקו (שמואל א ל כד) — אינאיינעם זאָל מען טיילן. יחיד (זע). „יחדיו" — אינאיינעם! (אן אויסרוף ביי א מציאה, ווי „לחצאין"!) „יחדיו איז א אידישע זאַך" (מענדעלע).

**יחוד** [איחוד] — .1 דאָס זיין אַליין. גזרו על היחוד — מען האָט פאַרבאָטן צו זיין אַליין מיט אַ נקיבה (תלמודיש). עובר זיין אויף יחוד. דאָס איז פאַרבאָטן משום יחוד. שאלתי את רבי ביחוד — איך האָב געפרעגט רבי בשעת מיר זיינען געווען ביחוד, אַליין (תלמודיש). .2 דאָס פאַראייניגן (ביי מקובלים). לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה — כדי צו פאַראייניגן דעם קודשא בריך הוא מיט זיין שכינה. ניטאָ קיין יחודא שלים — קיין פולע פאַראייניקונג. .3 יחודים וצירופים (אין קבלה) — באַזונדערע און פאַרבונדענע שמות. .4 אמונת היחוד — מאָנאָטעאיזם.

**יחוס** [איכוס] — אָפּשטאַמונג, משפחה (אויף מ:משפחת אל מלך", רות ב א, איז דער תרגום: מן יחוס אלימלך). זיין יחוס צעטל פון אדם הראשון אָן. תרגום פון „ספר תולדות אדם", בראשית ה א איז „ספר יחוס", פאַראָדירט: „צעבער יחוס, אָן אַ דעק און אָן אַ רייף". אַ גרויסער יחוס: שוסטער בן שוסטער. וואָס איז מיט אים דער יחוס? אין יחוס וועלן מיר זיך אויסגלייכן. זע יוחסין, יחסן, מיוחס.

**יחזקאל** N. **יחיאל** N.

**יחיד** [יאכיד] — אַנ=איינציגער (היפך: רבים, ציבור). בן יחיד (בראשית כב ב), בני יחידים — איינציגער זון. תע:ית יחיד — א תענית פון איין מענטשן (היפך: תענית ציבור) (תלמודיש). אַ יחיד במינו סופערלאַטיוו: יחיד ומיוחד. דאַוונען ביחיד. יחיד ורבים הלכה כרבים — ביי אַ חלוקי=דיעות פון אַנ=איינציגען און אַ מערהייט איז רער געזעץ לויט דער מערהייט (תלמודיש). .2 אין דיקדוק: יחיד, לשון יחיד — איינצאָל סינגולאַר. זע יחידים. **יחידה** (נקבה פון יחיד) — איינציגע. בת יחידה (לויט שופטים יא לא) — איינאונאיינציגע טאָכטער. בת יחידקע, בת=יחיד'קעס, בת=יחיד'קעלאך.

**יחידות** — דאָס אַליין=זיין. דאַווענען ביחידות (היפך: בציבור, מיט אַ מנין).

**יחידים** — רבים פון יחיד — איינצעלנע. מראש השנה עד יום הכיפורים יחידים מתענים — פון ראש השנה ביז יום כיפור פאַסטן די יחידים, ד. ה. תלמידי חכמים (תלמויש). יחידי

סגולה — אויסדערוויילטע, ניט גע=
וויינלעכע מענטשן.
יחלוקו (שמואל א׳ ל כד) — „זאָלן זיי
טיילן״. א פשרה: יחלוקו.
יחסן [יאַכסן], יחסנים [יאַכסאָנים] —
אריסטאָקראַט. אַ גרויסער יחסן, אַ יחסן
ניט דורך צו בלאָזן. מיר זיינען גליי=
כע יחסנים. פייגעלע די יחסנ׳טע. זיך
יחסנ׳ען. זע יחוס, מיוחס.
יין [יאַין] — וויין. ויין ישמח לבב
אנוש (תהלים קד טו) — דער וויין
דערפרייט דעם מענטשנס האַרץ. יין
הדש — נייער וויין. יין ישן —
אַלטער וויין. יין המשובח. יין המשומר
— פאַרבעסערטער, אָפּגעהיטער וויין.
יין נסך — טריפ׳ער וויין, גויאישער
וויין (זע נסך). יין קידוש, יין לקידוש
— וויין פאַר קידוש. יין שרף (יי״ש)
— בראַנפן. יין קפריסין זע קפריסין.
יי״ש = יין שרף.
יישר כוח, יישר כוחך [שעקאָכן] —
— „זאָל זיך שטאַרקן דיין כוח״,
אַ דאַנק אויסרוף (תלמודיש). יישר
כחך, כוהן!
יכול [יאָכל] — ער קען. ולא יכול יוסף
להתאפק (בראשית מה א) — יוסף האָט
זיך ניט געקענט איינהאַלטן. כל יכול
(סידור) — „ער קען אַלץ״ (איוב ב
ב: כל תוכל): ער איז ביים פריץ אַ
כל יכול, אַ גאַנצער מאַכער (פּאַראַ=
דירט: אַ קאַל וועלאַך, געשריבן אויך:
כל ולך). יכול׳ן, יכל׳ען [יאָכלען].
„אַז מע שמועסט, אַז ער יכול׳ט״
(שלום עליכם).
יכולת — מעגלעכקייט. מבלתי יכולת
(במדבר יד טז) — וויל ער קען ניט.
האָבן יכולת, זיין ביכולת, אימלעכער
נאָך זיין יכולת, כפי יכולת (היכולת).
ביכלתי [ביכאָלטי] — אין מיין קראַפט.
„דו באַדאַרפסט האָבן איינעם אַ
שטאַרקן, אַ בר־יכולת, אַ געזונטן און
אַ געניטן״ (מענדעלע).
יכל׳ען זע יכול.
ילד [יעלעד], ילדים [יעלאָדים] — קינד.
הילד איננו (בראשית לז ל) — דער
קינד איז ניטאָ. אבי הילד (סידור).
דער פאָטער פון קינד. ער איז אַ
ילד [יאַלד, איראָנישע אויסשפּראַך]. זע
ילוד. גן ילדים — קינדערגאָרטן.
ילדות [יאַלדעס] — קינדהייט, יוגנט.
שמח בחור בילדותך (קהלת יא ט) —
פריי זיך, בחור, אין דיין יוגנט.
הרבה ילדות עושה — פיל מאַכט
די יוגנט (תלמודיש). אשרי ילדותנו
שלא בישה את זקנתנו — וואויל
אונזער יוגנט, וואָס האָט ניט פאַר=
שעמט אונזער עלטער. אשרי זקנתנו
שכפרה את ילדותנו — וואויל אונ=
זער עלטער, וואָס האָט מכפר גע=
ווען אונזער יוגנט (תלמודיש). מעשה
ילדות — קינדערשע הנהגה. זע
זקנה.
ילוד [יאָלעד, יאָלד], ילוד אשה (איוב יד א)
„געבאָרענער פון אַ פרוי״, אַ מענטש.
„יאַט״ איז אַ פאַרדרייאונג פון „יאָלד״ זע
ילוד.
ילוד אשה — „געבאָרענער פון אַ
פון אַ פרוי״, זע ילוד. יליד בית
(בראשית יז יב) — געבאָרענער אין
הויז.
יללה (צפניה א י), יללות — אַ קלאָג.
ילמדנו [יעלאַמדײנו] — „זאָל ער אונז
לערנען״ T. „היינט ילמדנו ר׳ פייבוש
אייער הסברה״ (מענדעלע).
ילקוט T.
ים [יאַם], ימים — (בראשית א י). ים
הגדול (ב[illegible]). ים כנרת
(במדבר לד יא). ים המלח (בראשית יד לג)

ים סוף (שמות יג יח), ים הקרח — אייזמעער, ים התיכן — מיטל-לענרישער ים. כחול הים (בראשית לב יג) — ווי דער זאמד פון ים. צווישט אויף אלע שבעה (זיבן) ימים. א ים מיט געלד (מיט צרות). כל שיש ביבשה יש בים — אלץ וואס איז פאראן אויף דעם יבשה, איז פאראן אין ים (תלמודיש). ים התלמוד. „צו וואס דא א ים בריען" (מענדעלע).

— ים [אים] — העברייאישער רבים-ענדונג, למשל אין טעותים, טליתים, עם-הארצים, קיסרים, תעניתים. געוויינטלעך אנשטאט די דייטשע רבים-ענדונג „ען" (ווי אין „בוזים", „ברונים"): דאקטוירים, טייוואלים (טייוולאנים), נאראנים, פויערים, פאקטוירים, קונדסים. שרייבן אדריסים [אדרעיסים]. איראנישע בילדונגען: גילדונים, קארבוינים, אויגאנים. „געדערים" קומט פון Gedärme, „פייאים" — פון Böhm (דריי פוילישע גראשן). „פלוצים" איז plötzlich.

**ימות** — רבים פון יום — טעג. ימות הגשמים — „טעג פון רעגן", ווינטער. ימות החול — וואכנטעג. ימות החמה — זומער. ימות המשיח — משיח'ס צייטן.

**ימח** [אימאד◡—] **שמו** — זאל אויסגעמעקט ווערן זיין נאמען (תהלים קט יג). ימח שמו וזכרו — זאל אויסגעמעקט ווערן זיין נאמען און זכר. ימח שמו זאל ער ווערן! אויסשפייען ימח שמו. ימח שמו'ניק. „דאס האט זי איס, די ימח-שמה'ניצע, ארויפגעפירט" (שלום עליכם).

I. **ימי** [ימעי] — רבים פון יום — טעג פון. ימי אבל (בראשית כז מא) — טרויער-טעג. ימי אבילות (זע). שבעת ימי המשתה (שופטים יד יב) — די זיבן טעג פון מאלצייט. ששת ימי המעשה (יחזקאל מו א) — די 6 וואכנטעג. כל ימי חייך (בראשית ג יד) — דיין גאנצן לעבן לאנג. שלושת ימי הגבלה (זע). ימי הספירה — די ספירה-טעג. זע בימי.

II. **ימי** [יאמאי] זע כל ימי.

I. **ימים** [יאמים] — רבים פון ים (זע).

II. **ימים** [יאמים] — רבים פון יום — טעג. ימים מספר (במדבר ט כ) — געציילטע טעג, ד. ה. ווייניק. אריכות ימים ושנים — א לאנגער לעבן. בימים ההם (יחזקאל לח יז) — אין יענע טעג. בימינו — אין אונזערע טעג. במהרה בימינו — גיך אין אונזערע טעג (סידור). בימיו ובימינו (סידור) — אין זיינע טעג און אין אונזערע טעג.

**ימין** — די רעכטע האנט. ניט אפקערן זיך ימין ושמאל — ניט אויף רעכטס ניט אויף לינקס (במדבר כ יז). שמאל דוחה וימין מקרבת — די לינקע האנט פארשטייסט און די רעכטע דערנענטערט (תלמודיש). אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני (תהילים קלז ה). ווען איך'ל דיך פארגעסן, זאל פארגעסן ווערן מיין רעכטע האנט. ער ווייסט ניט בין ימינו לשמאלו — צווישן רעכטס און לינקס (יונה ד יא). יד ימיני — מיין רעכטע האנט (תהלים עג כג), אויך אין דער באדייטונג: מיין באהעלפער. ער איז זיין יד ימינו.

**ינוקא** — א זויגעדיק קינד, זע יונק

**יניקה** — זויגעכץ. שעפן יניקה פון... (תלמודיש).

**ינקותא** [יאנקעסע —◡◡] — קינדהייט (תלמודיש).

**יסוד, יסודות** — 1. גרונד, פונדאַ=
מענט. יסוד המזבח (שמות כט יב) —
דער גרונד פון מזבח. עד היסוד
(תהילים קלז ז) — ביז צום פונדאַמענט.
אדם יסודו מעפר — דער מענטש
שטאַמט פון שטויב (סידור). זע
עפר. יסודי התורה — די עיקרים
פון דער תורה. איינקשטעלן די אָר=
בעט אויף נייע יסודות. קרן היסוד
גרונדווינקל אָדער גרונטקאַפּיטאַל.
2. פון די עשר ספירות. יסוד שביסוד.
**יסורים** — ליידן (תלמודיש). האָבן
יסורים פון... יסורים של אהבה —
ליידן מחמת ליבשאַפט (און א חטא
נאָך כדי צו באַקומען שכר).
**יעבור** עלי מה (איוב יג יג) — וואָס
וועט זיין וועט זיין. חוק ולא יעבור
— א פעסטער געזעץ. עד יעבר
זעם (ישעיה כו כ) — ביז דער צאָרן
וועט פאַראיבער. יהרג ולא יעבור
(זע).
**יעוד** [יאיוד], **יעודים** — באַשטימונג
פון א שפחה פאַר א פרוי (לויט שמות
כא ח). 2. באַרוף, מיסיאָן.
**יעלה** [יאַילע] — „עס זאָל אַרויפגיין".
יעלה ויבוא T: פאַרגעסן א יעלה
ויבוא, ער איז א יעלה ויבוא=ניין.
יעלה תחנונינו T, (אין כל נדרי): מאַכן
א יעלה, די יעלות, ער האָט זיך
צעיעלה'ט ווי א אידענע צו ונתנה
תוקף. יעלה ויצמח — זאָל אויפ=
גיין און שפראָצן.
**יעמוד** [יאַימאָד ◡ —] — „עס זאָל
זיך שטעלן" (צו אַנ=עלייה). יעמוד ר'
ישראל! יעמוד כל הנערים!
**יענך** T (תהלים כ ב). „אז עס מאַכט
זיך חס ושלום אַנ=אומגליק, א נוטה
למות, שטעלט ער צונויף א יענך"
(שלום עליכם).

**יעקב** [יאַנקף] N. יעקב אבינו לא מת
— אונזער פאָטער יעקב איז ניט
געשטאָרבן (תלמודיש). יענקל [יאַנקל],
יאַנקויץ [◡ — פעיאָראַטיוו].
**יער** [יאַער] — א וואַלד. ותצאנה שתים
דובים מן היער (מלכים ב' ב כד) —
עס זיינען אַרויס צוויי בערן פון וואַלד.
לא דובים ולא יער — ניט קיין
בערן און ניט קיין וואַלד (תלמודיש).
רוצח היער — וואַלד=גזלן.
**יפה** [יאָפע] — 1. שיין. יפה תואר
ויפה מראה (בראשית לט ו) — א שיינער.
2. א מנה יפה — „א שיינע פאָרציע",
א היפשע. נפש היפה — וואָס מיאוסט
זיך ניט. בסבר פנים יפות — ליבנס=
ווירדיק. עין יפה, בעין יפה —
פרייגיביק. זע יפת.
**יפהפה** [יעפעיפע], **יפהפות** — א שיי=
נע. זע יפיפיה.
**יפו** N.
**יפוי כוח** — פאַר=רעכט, פולמאַכט.
יפיותו של יפת באהלי שם —
גויאישע קונסט באַ אידן (מדרש אויף
בראשית ט כז).
**יפיפיה** [יעפעיפיע] — א שיינע (ירמיה
מו כ). זי איז א יפיפיה (איראָניש),
א יפיפית (תהלים מה ג). זע יפהפה.
**יפשפש במעשיו** — זאָל ער זוכן
אין זיינע מעשים (תלמודיש).
**יפת-תואר** (דברים כא יא), יפת מראה
(בראשית יב יא) — א שיינע.
**יפתח** N. יפתח בדורו כשמואל בדורו
— יפתח אין זיין דור איז ווי שמואל
אין זיין דור (מדרש אויף שמואל א' יב יא).
**יצא** [יאַצאַ] — 1. ער איז אַרויס. ומרדכי
יצא מלפני המלך (אסתר ח טו) —
מרדכי איז אַרויס פון קעניג. יצא
לחפשי — ער איז אַרויס פריי. יצא
מדעתו — ער איז אַראָפּ פון זינען.

יצא נקי מנכסיו — פאַרלאָרן זיין פאַרמעגן. יצא שכרו בהפסדו — וואָס געוואונען דאָס פאַרלאָרן. יצא הפסדו בשכרו — וואָס פאַרלאָרן דאָס געוואונען (תלמודיש). 2. = יצא ידי חובתו — ער האָט זיין חוב דערפילט. אם כיוון לבו יצא — ווער ער האָט דערביי געדאַכט, איז ער יוצא (תלמודיש).

**יצה״ר** = יצר הרע.

**יצחק** N.

**יציאה** — דאָס אַרויסגיין. יציאת מצרים — דער אַרויסגאַנג פון מצרים. זכר ליציאת מצרים (סידור) — אַן אָנדענקען פון אַרויסגאַנג פון מצרים. וכל המרבה לספר ביציאת מצרים — ווער עס דערציילט מער יציאת מצרים. יציאת הנפש, יציאת נשמה — דער אַרויסגאַנג פון נשמה, ד. ה. דער טויט: האַלטן באַ יציאת נשמה. יציאת השבת — דאָס אַרויס־גיין אָדער אַרויסטראָגן אום שבת (תלמודיש).

**יצירה** — דאָס באַשאַפן. ספר יצירה T. עולם היצירה — אין קבלה.

**יצר הרע** [יעצערהאָרע] — די שלעכטע נייגונג (היפך: יצר טוב). „בכל לבבך — בשני יצריך“ — עס שטייט לבבך (ניט „לבך“), כדי צו צייגן, אַז מען מוז אים ליבן מיט ביידע יצרים, דעם יצר הטוב און דעם יצר הרע (תלמודיש). אַ שטאַרקער (איי־זערנער, קופּערנער) יצר הרע. דער אָרעמאַנסקער יצר הרע איז ניט גרויס. האָבן אַ יצר הרע אויף עפּעס, עס יצר׳ט [יעיצערט] זיך. „בנימינ׳ען האָט אָנגענומען א יצ״הר זיך צו באַקענען מיט...“ (מענדעלע).

יקוב הדין את ההר — „זאָל דער דין דורכבאָרן דעם באַרג“, ד. ה. דער געזעץ מוז געהאַלטן ווערן (תלמודיש).

**יקום פורקן** T. א איד מוז זאָגן צוויי מאָל יקום פורקן. וואָס האָט א פאַטש צו יקום פורקן?

**יקותיאל** N.

**יקיר** [יאַקיר] — טייער אין בן יקיר — טייערער זון. הבן יקיר לי אפרים (ירמיה לא כ) — איז מיר ניט אפרים א טייערער זון? יקירי ירושלים — די חשובע לייט פון ירושלים (תלמודיש).

**יקנה״ז** = יין קידוש נר הבדלה זיין T. האַנדלען מיט יקנה״ז (קאַטאָוועס).

**I. יקר** [יאָקאָר], **יקרים** [יעקאָרים] נקבה: **יקרה** [יעקאָרע], **יקרות** — 1. טייער. כל הון יקר (משלי א יג) — טייערע רייכטום. בני ציון היקרים (איכה ד ב) — די חשוב׳ע בני ציון. אן־אבן יקר (שמואל ב׳ יב ל: אבן יקרה). מה יקר (תהלים ל ח) — ווי טייער? לאחי היקר, לאחותי היקרה — צו מיין טייערן ברודער, צו מיין טייערע שוועסטער. 2. זעלטן (שמואל א׳ ג א).

**II. יקר** [יעקאָר ◡ —] — 1. כבוד. שמחה וששון ויקר (אסתר ח טז) — פרייד און כבוד. 2. זעלטנהייט אין אויסדרוק: יקר [יקאר ◡ —] המציאות רבים יקרי [איקרע] המציאות אָדער יקר־המציאות׳ן — אַ זעלטנהייט (געוויינטלעך פון א זעלטענעם בוך).

**יקרות** [יאַקרעס] — טייערונג (היפך: זול). אַ יקרות אויף עפּל. האַלטן אויף יקרות (ספּעקולירן). אַ יקרות גדול?

**יקרן** [יאַקרען], **יקרנים** [יאַקראָנים] — דער וואָס פאָדערט טייערע פרייזן. א יקרנ׳טע. יקרנות.

**ירא** [יאָרע], **יראים** [ירעאים] — דער וואָס האָט מורא. הירא ורך הלבב (דברים כ ה) — דער וואָס האָט מורא און מיט אַ ווייכער האַרץ. ירא וחרד (שופטים ז ג) — אַ שרעקעדיקער, געוויינטלעך: אַ גאָטספאָרכטיגער. ירא [ירעי] אלהים (בראשית כב יב), ירא שמים (תלמודיש) — אַ פרומער.

**יראה** [אירע] — מורא. מורא פאַר גאָט, פרומקייט. עבדו את ה' ביראה (תהלים ב יא) — דינט גאָט מיט מורא. זיי לייגן אַליין (אַדער: די טומאה) אין דער יראה אַריין — ד. ה. זיי פאַרדעקן די עבירות מיט אויסערלע־כע פרומקייט. „די שמד־שטיק אין דער יראה אַריינגעלייגט" (מענדעלע). מאַכן מיראה (היפך: מאהבה). יראת אלהים (בראשית כ יא), יראת חטא, יראת שמים (תלמודיש) — פרומקייט. אַ גרויסער יראת־שמים איז ער ניט געווען. די יראת שמים האָט זיך אין אים אָנגעצונדן (אויף אַ צבוע'ק). מאַכט אַ יראת־שמים־פנים. יראת הכבוד — ערפורכט. זיין נאָמען ווערט דער־מאָנט מיט יראת הכבוד. 2. יראה (תלמודיש) — אַנ־אָפּגאָט. אין ווינקל הייגנט אַ יראה.

**ירבעם N.** ירבעם בן נבט (מלכים א' יא כו).

**ירגזון** (שמות טו יד) — „זיי האָבן זיך צעבייזערט". ער איז אַריין אין שטוב מיט אַ ירגזון (פאַראַדיע אויף «רוגזא»).

**ירדן N.** ער קען אויסטרינקען דעם ירדן (לויט איוב מ כג).

**ירוחם N.**

**יר"ה** — ירום הודו. זע קיר"ה.

**ירום הודו**—„זיין גלאַנץ זאָל געהויבן ווערן" (סידור). דער קיסר ירום הודו (יר"ה, קיר"ה).

**ירושה, ירושות** — ערבשאַפט. (ירמיה לב ח). אָנווערן (דערלייגן, צו־לייגן) די באַבעס ירושה. ער האָט עס בירושה פון זיין טאַטן. ער האָט נעבעך געקראָגן אין קאָפּ אַריין אַ ירושה פון כך וכך (קאַטאָוועס).

**ירושלים N.** ירושלמי — פון ירושלים, פון ארץ ישראל. „אַזעלכע וואָס פאַרן אַהין שטאַרבן... איז שווין אַ קאַנדי־דאַט אויף אַ ירושלמי" (מענדעלע). ירושלים דליטע — ווילנע.

**ירח** [יעראַך] — די לבנה אין ירח בן יומו — די נייע לבנה — פון די טראַפּ־צייכנס.

**ירחיב** [יאַרכיוו] — „ער וועט ברייט מאַכן", כי ירחיב, זע לכשירחיב.

**ירחם** (ירמיה כא ז) — „ער וועט זיך דערבאַרעמען", אין המקום (השם) ירחם — גאָט זאָל זיך דערבאַרע־מען, אולי ירחם — טאָמער וועט ער זיך דערבאַרעמען (סידור). פאַר־לאָזן זיך אויף אולי ירחם.

**ירחמיאל N.**

**יריד, ירידים** [יערידן]. — יאַרמאַרק (תלמודיש). מיט איין ת. אויף צוויי ירידים. אַ מעשה — אויפן הימל אַ יריד! אַ קאַבצאַנסקער יריד. אין די הויזן אַ יריד. בלייבן איינער אויפן יריד. „אידן ירידעווען, לויפן, האַנ־דלען" (מענדעלע).

**ירידה, ירידות** — דאָס אַרונטערגיין (היפך: עליה). פאַר אים איז עס אַ ירידה. ירידת גשמים, ירידת המקח — דאָס אַראָפּשטייגן פון רעגן, פון פרייז (תלמודיש).

**יריחו N.**

**יריעה, יריעות** — 1. פאָרהאַנג, נוטה שמים כיריעה (תהלים קד ב) — ער ברייט אויס דעם הימל ווי אַ

פאַרהאַנג. 2. א בלאַט פאַרמעט (אין א ספר תורה). אין פוחתין ביריעה פחות משלושה דפים — אין א יריעה מאַכט מען ניט ווייניקער פון דריי דפים (תלמודיש). „געהאַט האָט ער יריעות פאַרמעטענע, לאַנגע, געראָלטע ווי מגילות... פון וואַנען ער פלעגט אַרויסזאָגן איטלעכן זיינס" (מענדעלע).

**ירך** [יאָרעך] — די זייט. איש חרבו על ירכו (שיר השירים ג ח) — באַ יעדערן זיין שווערט אויף דער זייט. יוצא ירך (שמות יז ה), יוצאי ירכו — די קינדער.

**ירמיהו, ירמיה N.**

**ירק** [יאָראָק], **ירקות** [יעראָקעס] — געמיזע (דברים יא י). שאָר ירקות (סידור) — אַנדערע קרייטיכער. מיט אַלע שאָר ירקות, ד. ה. מיט צובאַהער.

**ירקרק** (ויקרא יג מט) — גרין. א ירקרקת [יראקרעקעס] — אַ גרינע.

**ירש'ען, ירש'ענען** — זע יורש, ירושה.

**יש** (בראשית כח טז) — פאַראַן. יש אומרים (נחמיה ה ב — ד: יש אשר אומרים) — פאַראַן אַזעלכע וואָס זאָגן (תלמודיש). פאַראַן א יש אומרים, (ד. ה. א סברא), אַז מע טאָר אים ניט גלויבן. וויש לײשב — פאַראַן אַ תירוץ, זע מיישב. להנחיל אוהבי יש (משלי ח כא) — צו שענקען מיינע פריינד א יש (וועזנטלעכס), זע ש"י. גאָט האָט באַשאַפן א יש מאין, ניט א יש מיש [מעיעש ◡—]. פון א יש (א פאַקט) איז עס געוואָרן אַ פראַגע. ער ציטערט מיט זיין גאַנצן יש. ביטול היש — „דאָס מבטל מאַכן דעם יש", סקעפּטיציזם. „שטאָט האָט געמאַכט פון אים א גאַנצן יש" (שלום עליכם). „איטלעכער גאָרנישט זאָל זיך האַלטן פאַר אַ גאַנצן יש" (מענדעלע). יש בכלל מאתים מנה — אין 200 איז פאַראַן הונדערט; יש לו מנה רוצה מאתים — ער האָט 100, וויל ער 200. יש קונה עולמו בשעה אחת — פאַראַן וואָס קויפט זיך עולם הבא אין איין שעה (תלמודיש).

**ישב'ען** [יאשווען] — זיצן. אַריינ'ישב'ען אין תפיסה.

**ישוב** [אישעוו], **ישובים** — 1. א באַוואָנט לאַנד (היפך: מדבר). אינו מן הישוב — ער איז ניט געבילדעט (תלמודיש). 2. א דאָרף. פאַרבייגעפאָרן א ישוב. א ישוב'ניק. 3. ישוב ארץ ישראל — דאָס באַזעצן א"י. משום ארץ ישראל — כדי צו באַזעצן ארץ ישראל (תלמודיש). דער אַלטער ישוב, דער נייער ישוב אין ארץ ישראל. 4. ישוב הדעת — איבערלייגונג. נאָך א לאַנגן ישוב הדעת. זיך ישוב'ען זע מיישב.

**ישועה, ישועות** — רעטונג. קול רינה וישועה (תהלים קיח טו) — אַ קול פון געזאַנג און רעטונג. ברענגען ישועה — ראַטעווען. ישועות ונחמות (סידור) — רעטונגען און טרייסט.

**ישיבה, ישיבות** — «דאס זיצן» — 1. הויכשול. שתי הישיבות—די ישיבות אין סורא און פומבדיתא (אין בבל). ראש ישיבה (ריש מתיבתא) — דער הויפּט פון שול, דער מורה הוראה. 2. סנהדרין. בו ביום שהושיבו את ר' אלעזר בן עזריה בישיבה — אין דעם טאָג ווען מע האָט אויפגענומען אלעזר בן עזריה אַלס ראש פון סנהדרין (תלמודיש). ישיבה של מעלה

— דער אויבערשטער סנהדרין (די צדיקים אין גן עדן, וואָס זיצן פאַר גאָט און לערנען תורה). נתבקש בישיבה של מעלה — ער איז אויפגעפאָדערט צום אויבערשטן סנהדרין, ד. ה. געשטאָרבן (תלמודיש). בישיבה של מטה ובישיבה של מעלה (סידור) — אין אונטערשטן, און אין אויבערשטן סנהדרין 3. דאָס וואָהנען. מקום ישיבתו — זיין וואָהנ־אָרט (תלמודיש). זכות ישיבה — וואָהנ־רעכט.

**ישיש, ישישים** — אַנ־אַלטער מאַן. זקן וישיש (דברי הימים ב׳ לו יז). בישישים חכמה (איוב יב יב) — אַלטע לייט האָבן חכמה.

**ישימך אליהם כאפרים וכמנשה** (בראשית מח כ) — זאָל דיך גאָט מאַכן ווי אפרים און מנשה (א ברכה).

**ישלם** — „ער וועט באַצאָלן“. לווה רשע ולא ישלם (תהלים לז כא) — דער רשע לייט און באַצאָלט ניט. הקדוש ברוך הוא ישלם שכרם (סידור) — גאָט זאָל באַצאָלן זייער שכר.

**ישמח משה** T. **ישמעאל** N.

**ישעיה** N T.

**I. ישן** [יאָשן], **ישנים** [יעשאָנים] — אַנ־ אַל־טער (היפך: חדש). פון פאַראיאָריגער תבואה: ואכלתם מן התבואה ישן (ויקרא כה כב) — איר וועט עסן פון תבואה ישן. סופערלאַטיוו: ישן נושן (ויקרא כו י). חדשים גם ישנים (שיר השירים ז יד) — נייע און אַלטע. יין ישן — אַל־טער וויין. יש קנקן חדש מלא ישן וישן שאפילו חדש אין בו — פאַ־ ראַן אַ נייער קרוג מיט אַלטן וויין און אַנ־אַלטער קרוג, אין וועלכן ס׳איז ניטאָ אַפילו קיין נייער וויין (תלמודיש, פון אַלט און יונג).

**II. ישן** [יאָשן], **ישנים** [יעשעינים] — שלאָפט. נקבה: אני ישנה ולבי ער (שיר השירים ה ב) — איך שלאָף און מיין האַרץ וואַכט. אדם ישן כאן ורואה חלום באספמיא — אַ מענטש שלאָפט דאָ און זעט אַ חלום אין שפאַניע (תלמודיש).

**ישען על ביתו** (אַ וואָרטשפּיל אנשטאָט «לא יעמוד», פון איוב ח טו: ישען על ביתו ולא יעמוד) — אימפּאָטענטער.

**ישקני** (שיר השירים א ב) — „זאָל ער מיך קושן“. איך האָב אים געזאָגט ישקני (אָדער: דעם אַנדערן פסוק פון שיר השירים).

**ישר** [יאָשאָר], **ישרים** [יעשאָרים], נקבה: **ישרה** [יעשאָרע] — גלייך. דרך הישר (ירמיה לא ח: דרך ישר; תהלים קז ז: דרך ישרה) — דער גראָדער וועג. טוב וישר (תהלים כה ח), צדיק וישר (דברים לב ל), תם וישר (איוב א א) — א גערעכטער. איש כל הישר בעיניו (דברים יב ח) — יעדער טוט וואָס ער האַלט פאַר גלייך. כשר וישר. שכל הישר — דער גראָדער שכל.

**ישראל, ישראלים** — 1. N. יעקוב אָבינו (בראשית לב כט). בני ישראל. 2. א איד. ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא — א איד, אַפילו ווען ער האָט געזינדיגט, בלייבט א איד (פון א משומד, תלמודיש). חברים כל ישראל (סידור) — אַלע אידן זיינען חברים. זע כל ישראל. א בת ישראל נויט מען ניט. 3. דאָס אידישע פאָלק. ישראל סבא — דער אַלטער ישראל (תלמודיש). ישראל ואורייתא חד הוא — ישראל און די תורה איז איינס (תלמודיש). בכל תפוצות ישראל, זע תפוצות. 4. להיפך צו

כוהנים און לויים. ער איז א ישראל. ישראל במקום כוהן (צו אַנ-עלייה).

**ישרן** [יאַשרען], **ישרנים** — א גערעכטער, א בעל יושר. „ישרנים פלעגן זיך אַרײַנלייגן אין שלום אַרײַן" (מענדעלע). ישרנות — גערעכטיקייט.

**יששכר** N. (זע זבולון). **ישתבח** T.

**יתבררו ויתלבנו הדברים** (דניאל יב י) — די זאַך זאָל אויפגעקלערט ווערן.

**יתגדל ויתקדש** T.

**יתום** [יאָסעם]. **יתומים**, נקבה: **יתומה**, **יתומות** — (שמות כב כג). קדיש יתום (סידור) — דער קדיש פון א יתום. אין הדור יתום שר' אלעזר בן עזריה שרוי בתוכו — ניט פאַרלאָזן איז דער דור, אין וועלכן עס לעבט ר' אליעזר בן עזריה (תלמודיש).

**יתור** [איטור] — וואָס בלײַבט פון שטאָף ביים שני-דער. „גנבה-שאַפּקעלעך, וואו בעלי-מלאכות זעצן דאָרט אָפּ דעם יתור: שטיקלעך מאַטעריע, טאַסמעס, בענדלעך, סאַמעט און שטיקלעך פעלץ" (מענדעלע). (תלמודיש: יתורא דקרא—די ווערטער וואָס זײַנען איבעריג).

**יתוש** [איטוש] — א מיקע, א לעגענדאַרער ווערימל. אימת יתוש על הפיל — די אימה וואָס דער יתוש וואַרפט אויף א העלפאַנט. נכנס יתוש במוחו של טיטוס — אין טיטוס מוח איז אַרײַן א יתוש (תלמודיש). ווי דער יתוש פיקט עס אין מײַן מוח.

**יתיב** — פון די טראָפּ-צייכנס.

**יתיר** [יאַטיר] — איבעריקס. יתיר אלף — אַנ-איבעריקער אַלף (אין מסורה).

יתירים, יתירה זע יתר.

**יתכן** [איטאָכן] — קען זײַן. לא יתכן לומר — מען קען ניט זאָגן. זע היתכן.

I. **יתר** [יאָסער], **יתירים** [יעסעירים], נקבה **יתירה** [יעסעירע] **יתירות** — איבעריק מעלה יתירה — נאָך א מעלה נשמה יתירה — נאָך א נשמה (תלמודיש).

II. **יתר** [יעסער] — דאָס איבעריקע. יתר העם (מלכים ב' כה יא), יתר הפליטה (שמות י ה) — דער רעשט, וואָס איז געראַטעוועט. יתר שאת (בראשית מט ג) פאַרצוג. כל יתר כנטול דמי — איבעריקס איז געגליכן צום פעלנדן (תלמודיש). יתר מכאן, יתר על כן — נאָכמער, אחוץ דעם. ליתר בטחון ליתר תוקף (זע). „ער האָט צוליב געטאָן דער שטאָט און נאָך מיט א יתר שאת" (ד. ה. מער ווי נויטיק) (שלום עליכם).

**יתרו** N. יתרו מיט די זיבן נעמען (רש"י צו שמות יח א).

**יתרון, יתרונות** (קהלת א ג) — פאַרצוג.

## כ*).

**כ** — דער עלפטער אות אין אלף-בית. קומט פאָר מיט אַ דגש „כּ", און אָן א דגש „כ". כ׳=20. כא=21; כב=22 א.א.וו. כ׳ (אין די קביעות)=כסדרה. זע כף.

**כ** — אַנ-אות השימוש אין העברייאיש — ווי כאבן — ווי א שטיין. כאור הבוקר — ווי עס איז געוואָרן פרימאָרגן זע כאור. כאין — ווי גאָרנישט (ישעיה מ יז). כאיש אחד (במדבר יד טו), כאחד (עזרא ב סד) — ווי איין מענטש, אינאיינעם. כאחד

*) אין אָנהויב וואָרט ווערט דער כ אין העברייאיש תמיד אויסגעשפּראָכן מיט א דגש, ד. ה. ווי ק. דערפאַר שטעלט מען ניט דעם דגש אינם כ וואָס הייבט אָן א וואָרט.

הריקים (שמואל ב' ו כ) — ווי איינער פון די לאַידאַקעס. כאמה כבתה (תלמודיש) — ווי די מוטער אַזוי די טאָכטער (ישעיה כד ב: כעם ככוהן, כעבד כאדוניו, כשפחה כגבירתה, כקונה כמוכר, כמלוה כלוה).

**כאב לב** [קעווו-לעוו ◡ –] — האַרץ-ווייטיק (ישעיה סה יד). כל כאב ולא כאב לב — יעדער ווייטיק, נאָר ניט האַרץ ווייטיק (תלמודיש).

**כאור** — ווי עס איז געוואָרן ליכטיק. כאור הבוקר—ווי עס איז געוואָרן פרי-מאָרגן. (שמואל ב' כאור בוקר). „פון כאור הבוקר ביז האַלבן טאָג" (שלום עליכם). אויפשטיין כאור.

**כאילו** — יאָגבי, כלומר'שט. כאילו כפאו שד — ווי אַ שד וואָלט אים געצוואונגען (תלמודיש).

**כאן** — דאָ. לכאן — אַהער. אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו — וואויל דעם וואָס איז געקומען אַהער (ד: ה. אויף יענע וועלט) און באַ-קומט שכר פאַר זיין לערנען (תלמודיש). מכאן — פון דאַנען. קרח מכאן וקרח מכאן — ער איז פליכבעוואַטע פון ביידע זייטן (תלמודיש) זע **מכאן**. יתר מכאן — נאָכמער, זע **יתר**.

כאשר אבדתי אבדתי (אסתר ד טז) — אויב איך מוז אומקומען, וועל איך אומ-קומען.

כאשר אהבתי (בראשית כז ד) — ווי איך האָב ליב.

כאשר זמם (דברים יט יט) — ווי ער האָט געפלאַנט (אַזוי זאָלסטו אים באַ-שט'אָפן) (פון עדים זוממים).

**כבבת עינו** — אָפּהיטן ווי זיין אויג-עפל (לויט זכריה ב יב).

**I. כבד** [קאָוועד] — שווער. כי כבד הרעב בארץ (שמות יב י) — ווייל דער הונגער איז שווער אויף דער ערד. אבל כבד (בראשית נ יא) — אַ שווערער טרויער. כבד פה וכבד לשון (שמות ד י) — אַ זאַאיקע. כבד אוזן — אַ טויבער.

**II. כבד** את אביך ואת אמך (שמות כ יב) — ערע דיין פאָטער און מוטער. כבד את רופאך עד שלא תצטרך לו — ערע דיין רופא איידער דו האָסט אים נויטיק. (תלמודיש).

**כבדהו וחשדהו** — גיב אים אָפּ כבוד און זיי אים חושד (פון אַנ-אורח אָדער אַ קהל'שען עסקן). (תלמודיש).

**כבוד** [קאָוועד] — ערע. עושר וכבוד (דברי הימים ב יז ה) — רייכטום און ערע. אָנרירן דעם כבוד, פוגע (פוגם) בכבוד זיין. עס איז. כ'בעט איבער אייער כבוד, אַ הייזל. מיטן שענסטן כבוד! בכבוד גדול! צופיל כבוד איז אומ-כבוד. תן כבוד לתורה — גיב אָפּ כבוד דער תורה (סידור). כבוד [קוואָד] התורה, כבוד המת, כבוד שמו תפארתו — דער כבוד פון דער תורה, פון מת, פון זיין שיינעם נאָמען. בית הכבוד — בית הכסא. העדר הכבוד — דאָס ניט אָפגעבן כבוד, אומ-כבוד. יראת הכבוד — ערפורכט. פחיתות הכבוד — פאַר-מינערונג פון כבוד (זע). כבודו במקומו מונח — זיין כבוד ווערט נישט גערירט. (תלמודיש). איך האָב עס געטאָן לא לכבודי ולא לכבוד בית אבא — ניט צוליב מיין כבוד און ניט צוליב דעם כבוד פון מיין פאַמיליע (תלמודיש). בכבודו ובעצמו — ער אַליין (סידור). זע **בכבוד לכבוד, כסא.**

**כבושין (כיבושין)** אין דברי כיבושין — באַזיגנדע רייד. זע כובש.

**כביכול** [קאוויאָכל] — אין תלמוד: יאגבי, געוויינטלעך פון גאָט: כביכול נשבע — ער האָט יאגבי געשוואָרן. — גאָט, האָט גע־זאָגט כביכול.

**כביצה** — גרויס ווי אַן־איי. זע ביצה, כזית.

**כּביש, כבישים** — שאָסיי (אין ארץ ישראל).

**כבישה, כבישות** — דאָס איינגע־מען. כבישת הארץ — דאָס איינ־נעמען פון ארץ ישראל. כבישת היצר — דער זיג איבער דער יצר הרע. זע כובש.

**כבר** (קהלת א י) — שוין לאַנג. כבר נאכל — שוין אויפגעגסן.

**כּגון** — למשל.

**כגוף בלא נשמה** — ווי א גוף אָן א נשמה. תפילה.

**כדאי** — ווערט. איני כדאי — איך בין ניט ווערט (תלמודיש). עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דער דאָ־זיגער געשיכטע. אַלץ כדאי, נאָר לעבן צו בלייבן.

**כדבעי** [קעדיבאָאי] — ווי עס דאַרף זיין. כדבעי׳דיק.

**כדומה** — דעסגלייכן. כדומה למשל — צום ביישפּיל. ״און נאָך כדומה אַזעלכע פרנסות״ (שלום עליכם). וכדומה — און דעסגלייכן. זע דומה.

**כדור** [קאדער] — באַל (ישעיה כב יח). כדור (ה)ארץ, כדור (ה)עולם — ערדבאַל, ד. ה. די גאַנצע ערד. עס מעג זיך איבערקערן דער כדור עולם און איך וועל אויספירן.

**כדי** [קדײַ] — צו (תלמודיש). כדי זיך צו פאַראייניקן.

**כדרך** — ווי דער שטייגער. ״אַלצדינג כדרך הנגידים... כדרך היהודים... כדרך הקבצנים״ (מענדעלע). זע דרך.

**כדרכּה, כדרכּו** — ווי איר (זיין) שטייגער איז. כדרכו תמיד. כדרכה, שלא כדרכה — פון תשמיש. זע דרך.

**כדת** (אסתר א טו) — ווי דער דין איז. זע דת.

**כה וכה** (שמות ב יב) — אַהער און אַהין.

**כהא לחמא** T.

**כּהאי גוונא** [גאַוונע] — אויף אַזאַ אופן (תלמודיש). כהאי לישנא ( = בזה הלשון) — מיט פאָלגנדע ווערטער. זע האי.

**כהוגן** — ווי ס׳פּאַסט זיך, אַנשטענ־דיק. שאל שלא כהוגן — ער האָט געפרעגט ניט ווי ס׳פּאַסט זיך (תלמודיש). זע הגון.

**כהוויה** [קעהאוואיע] — אַזוי ווי ס׳איז, אַקוראַט. ״בײַדע האָבן דאָס אייגענע געטאָן, כהוויה דאָס אייגענע״ (פרץ). דברים כהוויתן [קעהאוואָיאָסן] — זאַכן (רייד) אַזוי ווי זיי זיינען. כּהוויתה — ווי זי זעט אויס (תלמודיש).

**כהונה** — (שמות כט ט). כהונה גדולה — דאָס אַמט פון כוהן גדול.

**כהלכה** [קאהאלאָכע] — לויט געזעץ, ווי ס׳דאַרף זיין. שואל כענינו ומשיב כהלכה — פרעגט צו דער זאַך און ענטפערט ריכטיק. בחור כהלכה — א בחור ווי ס׳דאַרף זיין (סידור). זע הלכה.

**כהן** [קאָן, קאַון] זע כוהן.

**כהנה וכהנה** (שמואל ב׳ יב ח) — צוויי מאָל אַזוי פיל. עס טרעפן זיך כהנה וכהנה אַזעלכע געשיכטעס.

**כהרף** [קעהערעף] **עין** — ווי אַן=אויגנ=בליק. ישועת ה׳ בהרף עין — גאָט העלפט אין איין אויגנבליק. אין איין כהרף עין.

**כהררים התלוים בשערה** — ווי בערג, וואָס הייגגען אָף א האָר. (תלמודיש.)

**כובד ראש** זע **בכובד ראש.**

**כובע** (שמואל א׳ יז ה) — אַ היטל.

**כובש** — באַזיגט. איזהו גבור? הכובש את יצרו — ווער איז אַ גבור? — ווער עס באַזיגט זיין יצר הרע. הכובש את נבואתו — ווער עס האַלט איין (זאָגט ניט אויס) זיין נבואה (תלמודיש).

**כוהן, כוהנים** — (במדבר ג ו). בני אהרן הכוהן — פון אהרן׳ס שטאַם. כוהנים דוכנ׳ען (זע). אַ ברכה פון אַ כוהן, כוהן גדול (שמואל א׳ כא י). בת כוהן — די טאָכטער פון אַ כוהן, דער שכל פון אַ בת כוהן (פּאַראָדיע אויף ויקרא כא ט: ובת כהן כי תחל לזנות). „וייסע חברה האָט... אים מכבד געווען מיט כוהן אין אַלע קונדייסקע זאַכן“ (מענדעלע).

**כוונה** [קאַוואָנע], **כוונות** — ווילן, אַפּזיכט. ולא היתה כוונתו לכך — ער האָט עס ניט געוואָלט (תלמודיש). זיין כוונה איז צו מאַכן אַ סיכסוך. ער האָט דערביי אַ באַזונדערע כוונה. דאַוונען מיט כוונה. תפילה בלא כוונה כגוף בלי נשמה זע **תפילה.** טוב מעט בכוונה מהרבה שלא בכוונה — בעסער ווייניקער געבעט מיט כוונה איידער אסך אָן כוונה (תלמודיש). מצוות צריכות כוונה — מיצוות פאָדערן כוונה. בכל פרטיה ודיקדוקיה וכוונותיה — מיט אַלע פּרטים, איינצלהייטן און כוונות פון דער מיצווה (סידור). זע **בכוונה, בכיוון, מתכוון.**

**כוזב** — ליגט, נאַרט אָפּ. כל האדם כוזב (תהלים קטז יא) — יעדער מענטש ליגט. דמיונות כוזבות — אָפּנאַרערישע פאַנטאַזיעס.

**כוח** [קאָיעך], **כוחות** — 1. קראַפט. בכל כוחי עבדתי (בראשית לא ו) — מיט מיין גאַנצער קראַפט האָב איך געדינט. אַרבעטן בכל מאמצי כוח (כוחי, כוחה) (איוב לו יט) — מיט דעם גאַנצן כוח. „ווען איר וואָלט מיט אמצות כוח פונם זאַק אַרויס“ (מענדעלע). מיט אַלע כוחות, מיט כל הכוחות, איבערן כוח. אויסגיין מיט די כוחות. לא בחיל ולא בכוח כי אם ברוח (לויט זכריה ד ו) — ניט מיט קראַפט, נאָר מיט גייסט. אמיץ כוח (ישעיה מ כו) — אַ שטאַרקער. כוח הדיבור — די רעדנסקראַפט. כוח הדמיון, כוח המדומה (אָדער: המדמה) — איינבילדונגסקראַפט. כוח הדם — דער בלוטשטראָם. דער כוח הדם גייט מיר דורך. כוח הסבל (נחמיה ד ד) — די טראָג=קראַפט. זיך אָנטאָן אַ כוח. אין כוחו אלא בפה — זיין גאַנצע קראַפט איז נאָר אין מויל (תלמודיש). 2. כוח והרשאה — פולמאַכט. כוח — אַ באַפולמעכטיקטער. כוח כוחו — אַ באַפולמעכטיקטער פון אַ באַפולמעכטיקטן, אַ צווייטע סיבה. 3. אַרויסברענגען (אַרויסגיין) מן הכוח אל הפועל — פון טעאָריע אין די פּראַקטיק. בכוח (היפך: בפועל) — טעאָרעטיש. זע יישר כוח, בכוח, מכוח.

**כוכב, כוכבים** — שטערן. ארבה את זרעך ככוכבי השמים (בראשית כב יז) — איך וועל פאַרמערן דיינע

קינדער ווי די שטערן פון הימל. זמן צאת הכוכבים (נחמיה ד טו) — די צייט ווען די שטערן גייען ארויס. שבעה כוכבי לכת — די זיבן פלאנעטן. זע חוזה כוכבים.

**כוכבא** — דער שטערן. בר כוכבא N; כוכבא דשביט — א קאמעט.

**כולה, כולו** — זי (אדער ער) אינגאנצן: כל התורה כולה — די גאנצע תורה. דור שכולו זכאי, דור שכולו חייב — א דור וואס אז אינגאנצן ריין, אינגאנצן שולדיק (תלמודיש). כולה תורה אויף איין פוס. א אידע-לע וואס איז כולו קישקע. כולי האי — דאס אלץ. כולי האי ואולי כולי האי ואפשר — נאך דעם אלעמען איז עס נאך בספק? (תלמודיש).

**כולל כוללים** — 1. ארומנעמענדיק אומפאסנד (תלמודיש). זיי דריי זיינע כולל די גאנצע שטאט. החכם הכולל הרב הכולל — א אומפאסנדער חכם, געלערנטער. 2. אלע כוללים אין ירושלים.

**כולם** — זיי אלע (ישעיה יד י). כולם אהובים כולם ברורים כולם גבורים (סידור) — זיי זיינען אלע געליבט געוויילט, שטארק. כולם אהולם (פון רוסיש).

**כולנו** — מיר אלע (בראשית מב יא). כולנו חכמים כולנו נבונים (סידור) — מיר זיינען אלע חכמים און פארשטענדיקע.

**כומר, כמרים** (מלכים ב׳ כג ה) — א גלח, א מאנאך.

**כוס, כוסות** — בעכער (בראשית מ יא). כוס של אליהו — אליהו׳ס כוס. כוס של ברכה — דער ברכה-כוס. ארבע כוסות צום סדר. א מענטשן דערקענט מען בכיסו בכוסו ובכעסו — אין זיין צאלן, טרינקען און צערנען (תלמודיש).

**כוסה** — אלס (יחיד פון «כוסות» ווי פירה פון פירות). א גרויסע כוסה, מאכן א כוסה (ד. ה. טרינקען). ער האט א כוסה אין קאפ (פון א שיכור׳ן). „אנט-קעגן זיצן פארכוסה׳טע אידן" (מענ-דעלע).

**כופה** — צווינגט. כופין אותו עד שיאמר רוצה אני — מע צווינגט אים ביז ער זאגט: איך וויל (תלמודיש). זע כפה, כפוי, שד.

**כופר כופרים** — לייקנט אפ. הכופר במלוה, בעיקר, בפיקדון, בתורת משה — דער וואס לייקנט אפ א חוב, גאט, א פיקדון, משה רבינו׳ס תורה (תלמודיש). כופר זיין — זיך שמד׳ן. דער כופר האט גענומען א טמאה. (היפך: מאמין).

**I. כורך** — איינבינדער, זע מכורך.

**II. כורך** (אין סדר של פסח).

**כורע** [קארעא], **כורעים** — בוקט זיך. אין מרדכי כורע ומשתחווה (אסתר ג ה) — מרדכי בוקט זיך ניט. ואנחנו כורעים .T פאלן כורעים פאר N.

**כורת ברית** זיין — שליסן א בונד (בראשית טו יח).

**כוש** — עטיאפיע. פון הודו ביז כוש (אסתר א א).

**כושר** זע שעת.

**כותב, כותבים** — שרייבט, זע כתב׳ענען.

**כותי, כותים** — שומרוני (פון „כות" מלכים ב׳ יז ל). זע גר.

**כותל** — וואנד (שיר השירים ב ט). כותל מערבי — די מעריב-וואנד (פון בית המקדש). אזנים לכותל — די וואנד האט אויערן (תלמודיש).

**כזאת** זע **כזה**.

**כזב** [קאָזעוו, קיזעוו], **כזבים** [קזאָווים] — א ליגן (תהלים ה׳ ז). ס׳איז שקר וכזב, ס׳איז כזוב־ליגן. זע **שקר**.

**כזבן** [קאַזווען], **כזבנים** — ליגנער.

**כזה** — ווי דיזער, **כזו** אָדער **כזאת** — ווי דיזע. כזו וכזה תדבר (מלכים א׳ יד ה) — אזוי און אזוי זאָלסטו זאָגן. כזה ראה וקדש — אָט אַזאַ פאָרם (פון דער לבנה) זאָלסטו זען און מקדש זיין (תלמודיש).

**כזורק אבן למרקולים** — ווי איינער וואַרפט א שטיין צום אָפּגאָט מרקולים (דערמיט דינט ער אים, תלמודיש). כזורק אבן לחמת — ווי איינער וואַרפט א שטיין אין א שלויך (ד. ה. אָן א נוצן פאַר דעם אינהאַלט) (תלמוד ש).

**כזית** [קזאַיס, קאַזאַיס] — ווי אַן־אָליוו זיע גרויס. עסן אַ כזית, א כזית ברויט, ווי א כזית גרויס. זע **זית**.

**כזנב הלטאה** — ווי דער שוואַנץ פון אַן עגדעש (ד. ה. קליין) (תלמודיש).

**כח** זע **כוח**.

**כחוט השערה** [האַסאָרע, האַסאַירע] — אויף א האָר (תלמודיש). בודק זיין, מדקדק זיין, אָפּהיטן, ניט צוריק־טרעטן כחוט השערה זע **חוט**.

**כחול הים** (בראשית לב יג) — ווי דער זאַמד פון ים (ד. ה. א סך). „מענות כחול הים“ (מענדעלע).

**כחומר ביד היוצר** (ירמיה יח ד) — ווי ליים ביים טעפּער אין האַנד (ד. ה. אָן ווידערשטאַנד (פּאַראָדירט: כחומר ביד השמיקלער). זע **חומר**.

**כחרס הנשבר** (סידור) — ווי א צעבראָכענער שאַרבן (ד. ה. שפּל). זע **חרס**.

**כטובל ושרץ בידו** — ווי איינער איז זיך טובל האַלטנדיק א שרץ (ד. ה. ער בלייבט טמא) (תלמודיש). זע **טובל**.

**כי** — אַז, כי אם — נאָר. כי אפס כסף זע **אפס**. כי הנה כחומר זע **כחומר**.

**כי לא נאה T.** כי לכך נוצרת — דען דערצו ביזטו באַשאַפן (תלמודיש). **כי תבוא T.**

**כי תצא T. כי תשא T.**

**כיבוד** **כיבודים** — האָט אָפּגעבן כיבוד. מקיים זיין כיבוד אב ואם (תלמודיש, לויט שמות כ יב). באַקומען כיבוד, לייזן א כיבוד, טיילן כיבודים (עסנוואַרג אָדער צו טאָן). זע **מכבד** זיין.

**כיבושין** אין דברי כיבושין זע **כבושין**.

**כיד המלך** (אסתר א ז) — ווי ס׳פּאַסט פאַר א מלך. א סעודה כיד המלך, כיד הגבירים. כיד ה׳ הטובה עליו (עזרא ז ט) — לויט זיין טאַלאַנט פון גאָט.

**כידוע** — ווי באַוואוסט. אָפט האָט מען כידוע דאָס ניט געטאָרט זאָגן, זע **ידוע**.

**כיוון** — 1. == כוונה, אפזיכט. „פאַר־וואָס איך זאָג אקדמות? איך האָב דערמיט א גרויסן כיוון“ (מענדעלע). בכיוון, מכיוון — אומישנע (תלמודיש). 2. כיוון (געוויינלעך געשריבן: כיון) — וויבאַלד. כיוון שעלה עמוד השחר — ווי עס איז נאָר אַרויס די מאָרגנרויט (תלמודיש). כיוון שנתנה רשות למשחית אינו מבחין בין טוב לרע — ווי עס איז דעם שטן געגעבן רשות (צו טייטן), מאַכט ער קיין חילוק ניט צווישן גוטע און שלעכטע (תלמודיש). כיון שעבר אדם עבירה ושנה בה נעשית לו כהיתר — ווי דער מענטש

האָט א פּאָר מאָל געמאַכט די עבירה ווערט זי פאר אים ווי מותר (תלמודיש).

**כיוצא בו** — דאָסגלייכן. הרי שלומה בטל ומאה כיוצא בו — שלומה וועט פאַרשווינדן און הונדערט אַזעלכע ווי ער (תלמודיש).

**כיור** (שמות ל יח) — האַנדפאַס.

**כיזב** זע **כזב**.

**כינה, כינים** — לויז (שמות ח יב). ביצי כינים — לייז=אייער. הקדוש ברוך הוא איז מזין די גאנצע וועלט מקרני ראמים עד ביצי=כינים (תלמודיש). ער וועט ביי מיר באַקומען כינים (די דריטע מכה, פרעה׳ס מכה). „צעקוועטשן ווי א כינה" (מענדעלע).

**כינוי, כינוים** — ביינאָמען, אומשריי=בונג פון אַ נאָמען. כינויי נדרים כנדרים — די אומשרייבונגען פון נדרים זיינען נדרים (ד. ה. ווען מען זאָגט אנשטאָט: „קרבן" — „קונם" אדער „קונח") (תלמודיש). „אדוני" איז דער כינוי פון „יהוה", „אלקים" פון אלהים.

**כים** — ביטל. כים אחד יהיה לכולנו (משלי א יד) — מיר וועלן אלע האבן איין ביטל. חסרון כים — געלד שאָדן, דוחק אין געלד. חסרון כים קשה מכולם — דלות איז שווערער פון אַלץ (תלמודיש). בשלושה דברים אדם ניכר: בכוסו בכיסו ובכעסו — אין דריי זאַכן דערקענט מען א מענטשן: אין כוס, אין ביטל און אין כעס (ד. ה. אין טרינקען, צאָלן, און צערנען) (חסידיש). כים הבצים — האָדנזאַק.

**כיסוי-הדם** — דאס בלוט צודעקן (לויט ויקרא יז יג).

**כיפה** — געוועלב. הימל=געוועלב. ווי איך שטיי תחת כיפת הרקיע — אונטערן הימל (א שבועה). „איך וועל אייך גיין שווערן... ווי מיר זיצן תחת כיפת השמים — אונטער א הימל פון גאָט" (שלום עליכם). שלושה מלכו בכיפה — דריי מלכים האבן געהערשט איבער דער גאַנצער וועלט (תלמודיש). מלך (אדער מולך, מושל) בכיפה.

**כיפור** אין **יום כיפור, יום הכיפורים** (ויקרא כג כח).

**כיצד** — ווי? כיצד מרקדין — ווי מאנצט מען? כיצד מלקין — ווי גיט מען מלקות (תלמודיש). איך וועל אים ווייזן כיצד מלקין.

**כישוף, כשפים** [כשאָפים] — צויבער (מיכה ה יא). ס׳איז מעשה כישוף. אפּ=טאָן אַ כישוף, כישופ׳ן, באַכישופן, זי כישופ׳ט מיט די אויגן. כישוף=מאַכער.

**כיתה, כיתות** — אפּטיילונג. דער רבי לערנט מיט דריי כיתות. זע: **כת**.

**כך** [כאַך] — אזוי. עס זיינען כך וכך (אזוי און אזוי פיל) קינדער אין שול. כך הוה — אזוי איז עס געווען. כך דרך התגרים — אזוי איז דער שטייגער פון סוחרים (תלמודיש). זע **וכך, בין, בתוך, לכך, לפי.**

**ככה יעשה לאיש** (אס״ר ו ט) — אזוי טוט מען דעם מענטשן.

**ככלב המלקק מן הים** — וויפיל א הונד לעקט פון ים (תלמודיש).

**ככתוב** (יהושע ח לא) — ווי עס שטייט געשריבן. נאך דער סעודה האט מען געמאַכט א האָפקע ככתוב. „זיין לערנען, זיין דאַווענען איז נאָר ככתוב, ווייל אזוי שטייט געשריבן" (מענדעלע).

**כל** — אלץ, גאַנץ, אלע. כל הארץ, כל העם, כל היום, כל הימים (בראשית ט יט; יט ד) — די גאַנצע ערד, דאס גאנצע פאלק, דעם גאנצן טאג, אלע טעג. כל הבייז, כל הכוחות אנשטריינגען, כל המינים, כל המיני ביכער, כל הסאָרטן מענטשן, כל הקראנקהייטן שבעולם, כל ע ווי־גאָרעס. כל׳ערלי. זע בכל, הכל.

כל אומן שונא בני אומנתו — דער בעל מלאכה האט פיינט א קאנקו־רענט (תלמודיש). זע אומן.

כל אשר יעלה המזלג (שמואל א׳ ב יד) — אלץ וואָס דער גאָפּל וועט אָנכאַפּן.

כל באיה לא ישובון (משלי ב יט) — ווער עס גייט צו איר אַריין, קומט ניט צוריק.

**כל בו** — „אַלץ איז אין אים". ידו בכל ויד כל בו (בראשית טז יב) — ער איז קעגן אַלעמען און אַלע זיי־נען קעגן אים. כל־בו ניק. סידור כל בו T.

כל דאלים גבר — ווער עס איז שטאַר־קער געוועלטיגט (תלמודיש).

כל דבר אסור — אַלץ וואָס פאַרבאָטן, זע אסור.

כל דבר שורש — אויספירלעך (אין ברייון), זע שורש.

כל דכפין ייתי ויכול — ווער ס׳איז הונגעריק, זאָל קומען און עסן (סידור).

**כל הון** — אַלע רייכטימער זע הון.

כל המיצר לישראל נעשה ראש — ווער עס באַדריקט די אידן, ווערט א ראש (תלמודישער פשט אויף „היו צריה לראש" איכה א ה).

כל המרבה — ווער עס מערט. כל המרבה לספר — ווער עס דערציילט מער. זע מרבה.

כל הנגעים אדם רואה חוץ מנגעי עצמו — אַלעמענס פעלער זעט דער מענטש, נאָר ניט זיינע אייגענע (תלמודיש).

כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני — די גאַנצע וועלט נערט זיך אין זכות פון מיין זון חנינא (תלמודיש).

**כל הנערים**. עם כל הנערים — „מיט אַלע אינגלעך", אַן־עלייה אום שמחת תורה.

כל הפוסל במומו פוסל — ווער עס געפינט א פעלער ביי יענעם, האָט אַליין דעם פעלער (תלמודיש).

כל הקודם זכה — ווער ס׳קומט פרי־ער, באַקומט דאָס רעכט. זע קודם

כל התחלות קשות — אַלע אָנהויבן זיינען שווער (תלמודיש).

**כל ולך** [קאָלוועלאָך ◡◡—] (פּאַראָדיע אויף: כל יכול) — א גאַנצער מאַבער. א כל ולך איבער אַלע פאַדראַדן. זע יכול.

**כל זמן** — די גאַנצע צייט, בשעת. כל זמן שהנשמה בקרבי (איוב כג ג: כל עוד נשמתי בי) — בשעת איך לעב (סידור). כל זמן שאדם חי יש לו תקוה — כל זמן מען לעבט, האָט מען א בטחון (תלמודיש). זע זמן.

**כל חמתה, כל חמתו, כל חמתי** — איר (זיין, מיין) גאַנצער צאָרן. אויס־גיסן כל חמתי אויף... זע חמה.

**כל יכול** — „ער קען אַלץ" (סידור). זע יכול.

**כל ימי, כל ימיו** — מיין (זיין) גאַנצן לעבן. כל ימי ושנתי — מיי־נע טעג און יאָרן, ד. ה. מיין גאַנץ לעבן. זע ימים.

**כל ישראל** — אַלע אידן. חברים כל ישראל — אַלע אידן זיינען חברים (סידור). כל ישראל חברים

**T. כל ישראל בני מלכים הם** — א איד ווערט גערעכנט ווי א פרינץ. **כל ישראל ערבים זה בזה** — אלע אידן זיינען ערב איינער פאר דעם אנדערן (תלמודיש). וואס ס'וועט זיין מיט כל ישראל וועט זיין מיטן רב ישראל (ד. ה. מיט דעם איינצעלנען אידן). כל ישראל אין איין קלומפּ.

**כל יתר כנטול דמי** — וואס איבעריק איז גליך ווי ס'פעלט (תלמודיש).

**כל כבודה בת מלך פנימה** (תהלים מה יד) — ס'איז א כבוד פאר א פרינצעסין צו זיצן אינדערהיים.

**כל מאמינים** זע **וכל מאמינים. כל מאמצי כוח** זע **כוח.**

**כל מה דעביד רחמנא לטב עביד** — אלץ וואס גאט האט געמאכט, האט ער געמאכט צום גוטן (תלמודיש).

**כל מה שטרח לא טרח אלא בשבילי** — אלץ וואס ער האט זיך געמיט, האט ער זיך געמיט נאר צוליב מיר (תלמודיש).

**כל מום רע** (דברים טו כא) — "יעדער חסרון", געוויינלעך נעטייטשט: יעדער בעל מום איז א שלעכטער.

**כל מי שאין בו דיעה אסור לרחם עליו** — אויף א נאר זאל מען קיין רחמנות ניט האבן (תלמודיש).

**כל מקום שיש חילול השם אין חולקין כבוד לרב** — וואו עס האנדלט זיך אום חילול השם, קוקט מען ניט אויף כבוד (תלמודיש).

**כל נדרי T.** ערב יום כיפור צו כל נדרי. "כל-נדרי בארלעך" (מענדעלע).

**כל עוף למינו ישכון ובן אדם לדומה לו** — א פויגל וואוינט מיט זיין גליכן און א מענטש מיט זיין גלייכן (תלמודיש פון בן סירא).

**כל שהוא** — וויפיל ניט איז. **הבונה כל שהוא** — ווער עס בויט וויפיל ניט איז (תלמודיש).

**כל שכן** זע **קל וחומר. כל תפוצות ישראל** זע **תפוצות.**

**כלא** — ווי ניט, ווי גארניט (דניאל ד לב). די אלע פארגעניגנס זיינען ביי אים געוועזן כלא אקעגן די חסידישע. **כלא היה** (עובדיה טז) — ווי ניט געוועזן. **כלא ידע** — ווי ער וויס ניט. זיך מאכן כלא ידע, זע **לא.**

**כלאחר יד** — "מיט דער הינטער-זייט פון האנד", צופעליק. באוועגן א זאך אום שבת כלאחר יד (תלמודיש).

אפּ פטרן כלאחר יד. זע **יד.**

**כלאים** — (ויקרא יט יט).

**I. כלב** [קאלעוו] **N.** כלב בן יפונה.

**II. כלב** [קעלעוו]. **כלבים** [קלאווים] — הונט. **לא יחרץ כלב לשונו** (שמות יא ז) — קיין הונט האט ניט געבילט. **לכלב תשליכון אותו** (שמות כב ל) — צום הונט זאלט איר עס ארויסוואַרפן. **לכלב חי הוא טוב מן האריה המת** (קהלת ט ד) — א לעבעדיגן הונט איז בעסער פון א טויטן לייב. **כלבים אלמים** (ישעיה נו י) — שטומע הינט. **כלבים בוכים מלאך המות בא לעיר, כלבים משחקים אליהו הנביא בא לעיר** — ווען הינט וויינען, איז דער מלאך המות אין שטאט. ווען הינט שפילן, איז אליהו הנביא אין שטאט (תלמודיש). א כלב שבכלבים. נקבה: **כלבה** (קהלת ז כ). **כלב'טע** [קלאפטע].

**I. כלה, כלות** — (שיר השירים ד ח). א שעמעדיקע כלה, א כלה-מויד. זיצן אין כלה באנק. אונטערפירן א כלה (פאראדירט: א קאליקע). **חתן-כלה**

בריוו. משמח זיין חתן־כלה. אלע מיידלעך זינגען קלות (לייכטזיניק, א וואָרטשפּיל)

**II. כלה** [קאַלאַ] — פאַרניכטונג. אין כלה ונאבד — גענצלעך פאַרלאָרן. כלה ונהרם, כלה ונחרב — גענצלעך צעשטערט. (לויט ישעיה י כג, דניאל ט כז: כלה ונחרצה)

**כלו כל הקיצין** — אלע באַרעכענונגען פון קץ זיינען שוין געקומען צום סוף (תלמודיש). זע קץ.

**כלום** — גאָרנישט. פּטור מכלום. פּטור בלא כלום — פריי אָן א שטראָף. כלום יש אב ששונא את בנו — איז דען פאַראַן א פאָטער, וואָס האָט פיינט זיין זון? (תלמודיש). לא אמר כלום — ער האָט גאָרנישט געזאָגט (תלמודיש). (פאַראָדירט: קלים האט גאָרנישט געזאָגט).

**כלומר** — „אַזוי צו זאָגן". כלומר'שט, מכלומר'שט — יאָנבי, כמו (פאַראָדירט: קלאָמפּערדוס). א מלחמה אויף צו כלומר'שט. „פלעגט ער שטענדיק מכלומר'שט איינרעדעלען" (פרץ), כלומר'שטע דאָקומענטן.

**כלחוך השור** — (במדבר כב ד) הומאָריסטיש, אנשטאט. כעלות השחר — פאַרטאָג. „נשקשה, מיינער וועט איך גאַנץ פרי, כלחוך השור, אויפוועקן" (מענדעלע). זע לחך.

**I. כלי** [קיילע], **כלים** [קיילים] — די אויסשפּראַך פון יחיד איז גענומען געוואָרן פון רבים — **1. א זאַך. א פּוסטע כלי, א פּגם כלי, א שבר כלי. 2. די שטים** (פאָלקסעטימאָלאָגיע פון דייטשן וואָרט Kehle). דער חזן פּרוּווט די כלי. שרייען אויף די אויבערשטע כלים. ארויסברענגען (ארויסשפּרינגען, ארויס זיין) פון די כלים. „חברה כלי זמר... שטעלן אָן זייערע כלים" (מענדעלע). **3. א גוטע זאַך. א כלי א תלמיד. א שנײדער א כלי. א כלי שלימה.**

**II. כלי** [קלעי] — „זאַכן פון"... כלי בית (בראשית לא לז) — הויז זאַכן. כלי־זיין (— כלי מלחמה שופטים יח יא) — וואָפן. כלי זמר [קלעזמער], כלי זמרים [קלעזמאָרים] — אייגנטלעך: שפּיל־אינסטרומענטן, מוזיקאַנט: א קלעזמער איז געקומען, קלעזמער זיינען געקומען, זע קלעזמער. כלי כתיבה — שרייב־זאַכן. כלי מכתא — שפּראַך־אָרגאַנען. כלי מכשירים — צובאַהער: כלי מכשירים פאַר די שול. כלי קודש — אייגנטלעך: הייליגע זאַכן. קהלשע באַאַמטע. דער חזן איז געווען דער איינציגער כלי קודש אין שטאָט. כלי שרת (דברי הימים ב' כד יד).

**כליה** [קליאָ, קאַליע] — פאַרניכטונג, פאַרדאַרבונג. זע: מכולה, כאַליע.

**כליון עינים** (דברים כח סה) — שמאַכטן, וואַרטן אויף N בכליון עינים.

**כלל** [קלאַל], **כללים** [קלאָלים] — 1. אַלגעמיינהייט (היפך. פּרט). וואָרגן פאַרן כלל, פאַר כלל ישראל. אין בכלל אלא מה שבפרט — דער כלל פאַרמאָגט נאָר דאָס, וואָס די איינצעלנע פאַרמאָגן (תלמודיש). עד ועד בכלל, עד ולא עד בכלל — אינקלוזיוו, עקסקלוזיוו. אַלע — און ער אויך אין כלל (ד. ה. בתוכם). כללו של דבר — רעזומע. 2. רעגעל. כלל אמרו, כלל גדול אמרו — א כלל, א גרויסן כלל האָט מען געמאַכט (תלמודיש). דער כלל איז, אַז... דער כלל האַלט ניט אויס. 3. נעגאַציאָנס־אַדווערב. כלל וכלל, כלל ועיקר. איך האָב פאַרן טויט כלל

וכלל קיין מורא ניט. זע בכלל
פרט.

**כלפי** [קלאַפּע] — אין דער ריכטונג' אַנטקעגן (תלמודיש). כלפי חוץ, כלפי פנים — פאַר דרויסן, פאַר אינעווייניק. כלפי מעלה — צו גאָט. כלפי לייא — וואוהין צילט עס? (תלמודיש). כלפי דעם גוי טאָר מען דאָס ניט טאָן.

**I. כמה** [קמאָ] — ווי (=כמו). כמה שנאמר — ווי דאָס וואָס איז געזאָגט (סידור).

**II. כמה** [קאַמע] — וויפיל. כמה לי עוונות (איוב יג כד) — וויפיל זינד האָב איך? כמה פעמים (מלכים א׳ כב טז) — וויפיל מאָל? כמה שנים — וויפיל יאָרן? עס איז שוין אַ מעשה פון כמה שנים — פון אַ סך יאָרן. (זכריה ז ג: זה כמה שנים). מכמה טעמים — צוליב אַ סך טעמים. כמה מעלות טובות — וויפיל גוטע מעלות (סידור). כמה גדולים מעשי אלהינו (אדער: מעשי שטן). — ווי גרויס זיינען די מעשים פון אונזער גאָט (אדער: פון שטן). כמה גדולים דברי חכמים — ווי גרויס זיינען די ווערטער פון די חכמים (תלמודיש). כמה קולמוסין נשתברו — וויפיל פעדער זיינען צעבּראָכן געוואָרן (תלמודיש). על אחת כמה וכמה זע קל וחומר.

**כמו** — ווי. כמו אבן (שמות טו ה) — ווי אַ שטיין. „אַ נאָז כמו ווי אַ צעפּלעצטע". „ניט דווקא פּונקט אזא געשיכטע, נאָר כמו עפּעס ווי אויף דעם אופן" (שלום עליכם.) עס איז כמו אַמעריקאַניש. כמו שנאמר, כמו שכתוב — ווי אין פּסוק שטייט. אַ כמו־עלע — אַנ=ער=זאַץ=וועקסל, כמו אַ וועקסל („ייד, פיל." I, 69). כמו שהוא זע כמות.

**כמובן** — ווי ס'פאַרשטייט זיך.

**כמונח בקופסא** — ווי אַריינגעלייגט אין קעסטל (תלמודיש).

**כמוס** (דברים לב לד) — פאַרבּאָרגן, דבר כמוס, סוד כמוס — אַ פאַרבּאָרגענע זאַך, אַ פאַרבּאָרגענער סוד.

**כמוצא** זע מוצא.

**I. כמות** [קמאָס] — ווי, כמות שהוא (אויך געשריבן: כמו שהוא) — ווי עס איז, ווי עס שטייט און גייט נעמען אַ כלה כמות שהיא — אָן נדן (תלמודיש). הלכה כמותו — די הלכה איז ווי ער האָט געזאָגט. כמותך ירבו בישראל — זאָלן מער זיין אַזעלכע ווי דו צווישן אידן (תלמודיש).

**II. כמות** [קאַמעס] — קוואַנטיטעט. וויכטיק איז די איכות, ניט די כמות.

**כמחט בבשר החי** — ווי אַ נאָדל אין לעבּעדיק פלייש (תלמודיש).

**כמכחול בשפופרת** — ווי דער שטיפט אין רער (תלמודיש).

**כמטחוי קשת** (בראשית כא טז) — אויף אַ שאָס ווייט. „דער רב אַנטלויפט כמטחוי קשת" (פרץ).

**כמי שכפאו שד** — ווי איינער, וואס אים צווינגט אַ שד (תלמודיש). זע כאילו.

**כמנהג** — ווי דער מנהג. איז „אַ צי= גטבנדיק; לטערן פאַר דער באָרד כמנהג איד" (מענדעלע). עולם כמנהגו נוהג. זע מנהג.

**כמסיח לפי תומו** זע מסיח.

**כמעט** [קימאַט ◡ —] — (בראשית כו י). זע מעט.

**כמעיין המתגבר, כמעיין הנובע** — ווי אַ שפּרודלדיקער, אַ רינענדיקער קוואַל. (תלמודיש).

**כמר** [קמאַר] — אייגנטלעך כמ"ר = „כבוד מורנו רבּי" אדער „כבוד מעלת רבּי" —

— הער. כמר שמעון (אין בריוו), זע מר.

**כמשמעו** — "ווי זיינע באַדייטונג", ד. ה. אין אייגנטלעכן זין, פשוטו כמשמעו — ניט אין פיגוראַלן זין, ער איז אַ פאַרך פשוטו כמשמעו. כמתוקנים שבהם לא עשיתם — איר האָט ניט געטאָן ווי די בעסטע צווישן זיי (תלמודיש).

**כן** [קעין] — אַזוי, כן יאבדו (שופטים ה לא) — אַזוי זאָלן אומקומען. כן יהי רצון — אַזוי זאָל זיין דער ווילן (סידור). כן יקום — אַזוי זאָל עס מקוים ווערן. כן ירבו — אַזוי זאָלן זיי זיך מערן (לויט שמות א יב). די שטאָט האָט 80 אידישע משפחות כן ירבו. זע על כן, בכן, לכן, מכל שכן.

**כנגד** [קנעגעד] — אַקעגן. ותלמוד תורה כנגד כולם — תורה לערנען איז גלייך צו אַלע מיצוות (תלמודיש). צד שכנגד — דער אַנדערער צד. כנגדו —קעגן אים. עזר כנגדו (בראשית ב יח) — זכה עוזרתו לא זכה כנגדו — האָט ער אַ זכייה העלפט אים די פרוי, אַז ניט איז זי קעגן אים (תלמודישער פשט). מידה כנגד מידה — אַ מאָס פאַר אַ מאָס (תלמודיש). זיין כנגד, זיך שטעלן כנגד. זע נגד

**כינה** זע כינה.

**כנהוג** [קינהאָג ‿ —]. — ווי עס פירט זיך. זע נוהג.

**כנוי** זע כינוי.

**כנופיא, כנופיות** — קאַמפּאַניע (תלמודיש פון לאַטיין). בכנופיא — אין קאַמפּאַניע.

**כנסייה** [קנעסי—יע], **כנסיות** — פאַר־זאַמלונג. די כנסייה הגדולה, בתי כנסיות. כל כנסיה שהיא לשם שמים סופה להתקיים — איז אַ פאַרזאַמלונג לשם שמים, וועט זי האָבן אַ קיום (תלמודיש).

**כנסת** [קנעסעס] — פאַרזאַמלונג. כנסת ישראל — די אידישע געמיינדע. כנסת הגדולה, אנשי כנסת הגדולה — די גרויסע פאַרזאַמלונג, די מיטגלידער פון דער פאַרזאַמלונג (אַ היסטאָרישע געשעענים). בית הכנסת — שול, בני הכנסת — מיטגלי־דער, חזן הכנסת — דער אויפזעער, ראש הכנסת — הויפט פון שול (תלמודיש).

**כנען N.** כנעני (בראשית טו כא) — איינוואָנער פון כנען, עבד כנעני, שפחה כנענית — אַ קנעכט (דינסט) פאַר שווערע אַרבעט, זע עבד.

**כנפה** [קאַנפע] — אַלס יחיד פון כנפות — ווינקל. ארבע כנפות (דברים כב יב) — "די פיר ווינקל", אַ קלייד מיט פיר ווינקל פאַר ציצית. ארבע כנפות הארץ (ישעיה יא יב) — פיר ווינקל פון דער ערד.

**כנרת N.**

**כסא, כסאות** (מלכים ב, ד י) — שטול, כסא המלוכה (מלכים א׳ א׳ מו), כסא מלוכה, כסא המלכות — טראָן, כסא הרבנות — די שטעלע פון רב. כסא כבוד (ירמיה יז יב). כסא הכבוד, כסא של מעלה — גאָטס טראָן, זיך געוואָרפן פאַרן כסא הכבוד. בית הכסא — (אייפעמיזם) — אָפּ־טריט (תלמודיש).

**כסדר** [קסעידער] — נאָך די ריי. כסדר׳דיק. כסדרה (אין די קביעות). זע סדר.

**כסוי הדם** זע כיסוי.

**כסומא בארובה** — ווי אַ בלינ־דער אין לאָך.

**כסות** — אַ באַדעקונג, אַ קלייד. כסות לילה — אַ קאָלדרע. כסות עינים (בראשית כ טז) — אַ מאַסקע, אַנ־אויסרייד.

**כסיל, כסילים** — אַ נאַר. וכסיל לא יבין את זאת (תהלים צב ז) — אַ נאַר פאַרשטייט עס ניט.

**כסלו** (נחמיה א א) — דער דריטער חודש אין יאָר. כ"ה כסלו איז חנוכה.

**כסף** [קעסעף], **כספים** [קסאָפים] — 1. זילבער. כלי כסף (בראשית כד יג) — זילבערנע כלים. רובל כסף (רו"כ) — זילבער־רובל. 2. געלט. בכסף מלא — פאַר דעם פולן פרייז. אוהב כסף לא ישבע כסף (קהלת ח ט) — ווער עס האָט ליב געלט, ווערט ניט זאַט מיט געלט. כסף וזהב מטהר מטהר ממזרים — געלט מאַכט ריין ממזרים (תלמודיש).

**כעט** זע **חטא.**

**כעין** (במדבר יא ז, יחזקאל א ד) — ווי געגליכן. מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיעא — די מלוכה אויף דער ערד איז ענלעך ווי די מלוכה אין הימל (תלמודיש).

**כעלות השחר** (שמואל א' ט כו) — אין דער פרי זע **עלות השחר.**

**כעני בפתח** — ווי אַ בעטלער בײַ דער טיר. [סידור].

**כעס** [קאַס] — צאָרן (דברים לב כז). זיין אין כעס. כעס איז עבודה זרה. בא לכלל כעס בא לכלל טעות — גע־קומען אין כעס איז געקומען אין אַ טעות (תלמודיש).

**כעסן** [קאַיסן], **כעסנים** — אַ בייזער. כעסנ'טע.

**כעפרא** [קאַפרע] **דארעא** — ווי שטויב פון דער ערד (סידור).

**כעת** [קאָעיס ◡—] — איצט. מחר כעת (יהושע יא ו) — מאָרגן אום דיזע צייט. זע **עת.**

I. **כף** [קאַף] — דער נאָמען פון אות כ. ער איז אַ כף־למד־בית (כלב). לאַנגע, שלעכטע כף (ך), קרומע כף (כ). אַ כף־הא'ער — אַ 25־קער.

II. **כף** [קאַף], **כפים** [קאַפּאַאים] — 1. האַנט. מלא כף נחת (קהלת ו ד) — אַ האַנדפול (אַ זשמעניע) נחת. על כפים ישאונך (תהלים צא יב) — אויף די הענט וועט מען דיך טראָגן. מכף רגל ועד ראש (ישעיה א ו), מכף רגלך ועד קדקדך (דברים כח לה) — פון פוס־זויל ביז צום קאָפּ. 2. כף מאזנים — וואָגשאָל. אם יהיו כל חכמי ישראל בכף מאזנים ורבי אליעזר בן הורקנוס בכף שניה — ווען אלע חכמים וועלן זיין אויף איין וואָגשאָל און אליעזר בן הורקנוס אויף דער אַנדערער (תלמודיש). דן זיין אַ מענטשן לכף זכות, לכף חובה — אויף די וואָגשאָל פון זכות (ד. ה. באַפרייען), אויף די וואָגשאָל פון חובה (ד. ה. באַשולדיגען). זע **לכף.** 3. אַ לעפל. כף אחת (במדבר ז יב) — איין לעפל. רבים איז כפות: כפות זהב (במדבר ז פד) — גאָלדענע לעפל. 4. **כף הקלע** [קאַפּאַקאַ־ ◡◡—] (שמואל א' כה כט) — דער שליידער־אָרט אין גיהנם. פאַר אויעקוואַרפן נעגל קומט כף הקלע. זאָל ער גיין כף הקלע (אַ קללה). זע **תקיעת כף, כפים.**

**כפה עליהם הר כגיגית** — ער האָט אַראָפּגעבויגן אויף זיי דעם באַרג סיני ווי אַ פאַס (תלמודיש).

**כפוי טובה** [קאָפּעטאָיווע] — „ווער עס אונטערדריקט די טובה", אומדאַנק־באַרער. אדם הראשון היה כפוי

טובה — אדם הראשון איז געווען אומדאנקבאר (תלמודיש).

**כפול** — טאָפּלט (שמות כח טז). כפול שמונה'דיקע ציצית (ד.ה. פיר פעדים אין צווייען). א כפול־שמונה'דיקער קבצן, כפול־שמונה'דיקע פּעמש. סופּערלאטיוו: כפול ומכופל נקבה: כפולה ומכופלת. טובה כפולה ומכופלת — א מערפאַכע טובה (סידור).

**כפור, כפורים** זע **כיפור**.

**כפורת** — (שמות כה יז).

כפטיש יפוצץ סלע (ירמיה כג כט) — ווי א האמער צעשמעטערט א שטיין.

**כפי** — לויט. איש כפי אכלו (שמות טז כא) — יעדער לויט זיין עסן. כפי המדובר — לויט דעם, וואָס מע האָט אָפּגערעדט. געבן כפי ערך מער. כפי היכולת. כפי־יכולת. „כפי זיין פאַרשטאַנד און זיין מדרגה" (מענדעלע). „זיך אָפּרעכענען מיט איב כפי הזאקאָן" (מענדעלע). האָט אים דערלאַנגט אַ זעץ כפי ווי ער קאָן. זע **פּי**.

**כפיה**, [קפּייע] — צייאַנג. מען האָט געוואָלט על פּי כפיה. זע **כופה**.

**כפים** [קאפּאַים] — רבים פון „כף" — הענט. יגיע כפים זע **יגיע**. נקי כפים זע **נקי**. נשיאת כפים זע **נשיאת**.

**כפירה** — דאָס אָפּלייקענען, שמד. זע **כופר**.

**כפל** [קעיפל] — 1. טאָפּלט (איוב מא ו). תשלומי כפל — טאָפּעלט צאָלן אַלס שטראָף (תלמודיש). כפלים (ישעיה מב ב) — אַ סך מאָל מער. סופּערלאטיוו: כפל־כפליים, כפלי [קיפלע] כפליים. איבערשטייגן בכפל־כפליים. גאָט זאָל איך באַצאָלן בכפל־כפליים (א ב־כה). 2. (אינחשבון:) מולטיפּליקאַציאָן. מאַכן א כפל, כפל'ען.

**כפר** [קפאַר] **כפרים** — אַ דאָרף, (יהושע יח כד). בן כפר — א דאָרפסמאַן. כפרי [קאפּרי], כפריים — א פּויער.

**כפרה** [קאַפּאָרע], **כפרות** — 1. פאַרגעבונג פון זינד. תהא מיתתי כפרה על כל עוונותי — זאָל מיין טויט זיין די פאַרגעבונג פאַר אַלע מיינע זינד (תלמודיש). 2. אַ מין קרבן. זה כפרתי — דאָס איז מיין כפרה (סידור). כפרה = הינדל. שלאָגן כפרות ערב יום כיפור. אַ שיינע ריינע כפרה! אַ כפרה זאָל ער ווערן פאַר אַלע אידישע קעפּ (א קללה). ער האָט געדאַרפט א כפרה ווערן אַ קליינינקער. 3. איך דאַרף עס (עס טויג) אויף א כפרה, אויף כפרות, אויף צען כפרות, אויף צען טויזנט כפרות, אויף צען טיסאצי כפרות. (עס טויג אַף צען, אויף ערב יום כיפור). אַ כפרה דאָס געלט, ווען ס'חיות ניט זיכער. א כפרה (אויף כפרות) די גויאישע טעאַטערס (אָדער: זיי מעגן אַלע ווערן די כפרה) אין פאַרגלייך צו א אידישן. 4. ער איז (נעמט אין) פאַר זי די כפרה (ד.ה. פאַרליבט אין איר). 5. (גנבים־לשון) „זאלאבערט א כפּרה'ניצקע (געגנבעט אַ הון)" (מענדעלע).

**כפרן** [קאַפּרען], **כפרנים** — אַ לייגנער, דער וואָס לייקנט אָפּ. זע **כופר**.

**כפשוטו** זע **פּשט**.

**כפתור, כפתורים** — אַ קנאָפּ. ס'איז כפתור ופרח (שמות כה לג). — גוט. כפתורים — אייפעמיזם פאַר מעריזן.

**ב"ץ** [קאַץ] — כוהן צדק.

**כצאן בלי רועה** — ווי שאָף אָן א פּאַסטוך. (לויט מלכים א' כב יז).

**כצפיחית בדבש** (שמות טז לא) — ווי האָניק־קוכן. „ער (דער באַרג)

איז עפּעס, ווי זאָגט מען עס, גאָר בצפּיחית" (מענדעלע).

**בקליפּת השום** — ווי קנאָבל־שאָלעכץ (ד. ה. נישטיק אָן אַ ווערט. (תלמודיש). **בקריעת ים סוף** זע קריעה.

**כרוב, כרובים** — (בראשית ג כד). אלע מלאכים, שׂרפים און כרובים.

**כרוז** — באַריכט, באַקאַנטמאַכונג (תלמודיש: העראָלד). אַרומשיקן אַ כרוז.

**כרוך** [קאָרעך]. — 1. אַרומגעוויקלט. אפילו נחש כרוך על עקבו — אפילו אַ שלאַנג האָט זיך אַרומגעוויקלט אויף זיין פוס. (תלמודיש). 2. געבונדן (פון אַ בוך). זע מכורך.

**כרוכיה** — אַ מין פויגל אין: צועק ככרוכיה — שרייט ווי אַ כרוכיה.

**כרות שפכה** (דברים כג ב) — קאַסטריאַט.

**כרחא** — געצוואונגענהייט אין: על כרחה, על כרחו א. א. זע בעל כרחה.

**כרחוק מזרח ממערב** תהלים קג יב) — ווי דער מזרח איז ווייט פון מערב.

**כרחם אב על בנים** (תהלים קג יג) — ווי אַ פאָטער האָט רחמנות אויף קינדער.

**כריכה, כריכות** — איינבאַנד.

**כריתה** אין **כריתת ברית** — דאָס שליסן אַ בונד.

**כריתות** אין ספר כריתות (דברים כד א) — אַ גט.

**I. כרך** [קראַך], **כרכים** [קראַקים] — 1. רעזידענץ־שטאָט. כרך גדול של רומי — די גרויסע שטאָט רוים. כרכי הים — די ים־שטעט (תלמודיש). אזא כרך ווי ריגע.

**II. כרך** [קראַך, קערעך] — אַ באַנד (פון אַ בוך).

**כרם** [קערעם], **כרמים** [קראָמים] — וויינגאָרטן. שדות וכרמים (שמואל א׳ כב ז) — פעלדער און וויינגערטנער. כרם דיבנה — סנהדרין פון יבנה (תלמודיש).

**כרמל** N. כרמל־וויין.

**כרס** [קערעס] — בויך. מלא כריסו מעדני (ירמיה נא לד) — ער האָט אָנגעפּילט זיין בויך מיט מיינע גוטע שפּייזן. כריכה בין שיניה — איר בויך איז צווישן די ציינער (פון אַ מעוברת׳ע, תלמודיש).

**כרפס** [קאַרפּעס] — גרינוואַרג (תלמודיש פון גריכיש).

**כרשים ודלים דפקנו דלתיך** — ווי אָרעמעלייט קלאַפּן מיר אין דיינע טירן. [סידור]

**כרת** [קאָרעס] — די שטראָף „ונכרת מעמיו" (למשל שמות ל לג). שלושים ושש כריתות בתורה — 36 חטאים זיינען באַלייגט מיט כרת אין דער תורה (תלמודיש). אים קומט דערפאַר כרת — ער וועט האָבן אָפּגעשניטענע יאָר. כרת ועדירי — 2 שטראָפן (סידור).

**כשאני לעצמי** — ווען איך בין אליין (תלמודיש).

**כשה לטבח יובל** (ישעיה נג ז) — ווי אַ שעפּס, וואָס מע ברענגט צו שעכטן.

**כשוף** זע כישוף.

**כשורה** — „ווי די שורה", ווי עס דאַרף זיין. כהוגן וכשורה עשה — ער האָט געטאָן ווי עס דאַרף זיין (תלמודיש). אלץ איז אַריבער כשורה. ער איז זיך נוהג כשורה זע שורה.

**כשושנה בין החוחים** (שיר השירים ב ב) — ווי אַ ראָזע צווישן דערנער.

**כשר** [קאָשער], **כשרים** [קשעירים] (אסתר ח ה) — 1. וואָס טויגט. כשר לפסח — עס טויג פאַר פסח. „כשר מאַכן אַ חטא" (מענדעלע). 2. להיפך צו טריף אָדער פסול: כשר פלייש, כשרע בהמה, כשרין כלי. כשר׳ע נשמה, אַ כשר׳ער איד, אַ כשר׳ע אידישע טאָכטער. גיין מיט דער כלה אַ „כשר־טאַנץ". 3. ערלעך. כשר וישר (כשר איז דער תרגום פון «ישר»). „וואָס מען קען נאָר, כשר צו גנבה, דערטאַפּן" (מענדעלע), ער האָט כשר פאַרדינט אַזאַ סוף. דער אויבערשטער זאָל צושיקן פון זיין כשרער האַנט. זע כשר׳ן, כשר־חזיר־פיסל זע חזיר.

**כשרון** [קישאָרן], **כשרונות** — פיואַקייטן (קוהלת ב כא). בעל כשרון, בעל כשרונות — אַ פיואיקער.

**כשרות** [קאַשרעס] — איינגנשאַפט פון כשר. ער היט אָפּ כשרות כדין וכדת. וועד הכשרות — קאָמיטעט איבער כשרות. ביי אונז איז דאָך אַלצדינג געוואָיגן מיט כשרות.

**כשר׳ן** [קאַשערן] — כשר מאַכן. כשרן כלים פאַר פסח. כשר־שטיין. מען מוז זיך כשר׳ן, מאָרגן קומט אַ רעוויזאָר.

**כש״ת** — כבוד שמו תפארתו אין בריוו.

**כת** [קאַט] — אָפּטיילונג, כיתה. פיר קאַטעגאָריעס געפעלן ניט גאָט: כת לצים (ליצנים), כת חנפים (חניפותניקעס), כת שקרנים און כת מספרי לשון הרע (לשון הרע׳ניקעס) (תלמודיש). כת חסידים. דער שטן וכת דיליה — און זיין כת. כת ליצנים — פון אַ געוויסע קאַטעגאָריע שדים. זע כיתה.

**כתב** [קסאַוו], **כתבים** [קסאָווים], — 1. שריפט. ככתבם וכלשונם (אסתר ח ט). — לויט זייער שריפט און שפּראַך. רש״י־כתב — שפּאַנישער קורסיוו. כתב היתדות — קיילשריפט. ס׳איז מיין כתב. מיין כתב יד. בכתב — שריפטלעך (דברי הימים ב׳ ב י). תורה שבכתב — די שריפטלעכע תורה (היפך: תורה שבעל פה). 2. אַ געשריבן ווערק, אַ בוך (יחזקאל יג ט). געבן אַ כתב. כתבי הקודש — די הייליקע ביכער. מענדעלעס כתבים. זע כתוב.

**כתב׳ענען** — שרייבן.

**כתבות** [קאַטאָוועס] — אַ שפּאַס, אַ ווערק פון אַ כתב [קאַטעוו]. כתב — הייסט אַ ליטעראַט, אַ שרייבער פון אויסגעטראַכטע זאַכן. אַנדערע דערקלערונגען. (פון (gadatywas, катавасія שטימען ניט, ווייל כתבות טרעפן מיר שוין אין די עלטסטע מיטלאַלטערלעכע דרוקן. טרייבן כתבות.

**כתב** זע כיתה.

**כתוב** [קאָסעוו], **כתובים** — וואָס איז געשריבן. אשר לא כתוב בספר (דברים כח סא) — וואָס איז ניט אָנגעשריבן אין ספר. כתוב וחתום — אָנגעשריבן און אונטערגעשריבן. אַ מכה שלא כתובה בתורה — וואָס איז ניט פאַרצייכנט אין דער תורה. ככתוב — ווי עס שטייט געשריבן. כתובים T.

**כתובה** [קסובה], **כתובות** — אַ שטר, וואָס דער מאַן גיט זיין פרוי בשעת חתונה. בתולה כתובתה מאתים ואלמנה מנה — די כתובה פון אַ בתולה איז 200 זוז, פון אַן־אַלמנה 100. האשה בכתובה פלגש בלא כתובה — אַ אשה הייסט די וואָס האָט חתונה גע־

האט מיט אַ כתובה, אַ פלגש — אָן אַ כתובה (תלמודיש).

**כתונת** — (בראשית לז ג) אַ מענטל פאַר אַ ספר תורה.

**כתיב** (אין מסורה) — ווי עס שטייט געשריבן. כתיב ולא קרי, כתיבן ולא קריין — דאָס געשריבענע וואָס מע לייענט ניט (למשל שמואל ב׳ יג לג), (תלמודיש).

**כתיבה** — 1. דאָס שרייבן. כתיבה־אותיות, כתיבה׳טע אותיות — קורסיוו. 2. אורטייל. כתיבה טובה, גמר כתיבה וחתימה טובה. 3. — פאַספּאַרט.

**כתם** [קעסעם] — אַ בלוט פלעק (אין הלכות נידה).

**כתר** [קעסער], **כתרים** [קסאָרים] — 1. אַ קרוין. כתר מלכות (אסתר ב יז) — קעניגס־קרוין. אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד — צוויי מלכים קענען זיך ניט באַדינען מיט איין קרוין. (תלמודיש). 2. אַ צירונג. כתר תורה וכתר כהונה וכתר מלכות וכתר שם טוב — די קרוין פון תורה, פון כהונה, פון מלכות און פון אַ גוטן נאָמען (תלמודיש). הקדוש ברוך יושב וקושר כתרים לאותיות — גאָט זיצט און מאַכט פאַרצירונגען צו די אותיות (תלמודיש). 2. די ערשטע פון די 10 ספירות (אין קבלה).

**כתריאל N.** טיפּ פון דלות. ר׳ כתריאל. כתריאל באָבעט אין די זייטן. „כתריאל׳עווקע״. (שלום עליכם).

## ל.

**ל** — דער צוועלפטער אות אין אלף־בית. ל — 30. לא — 31. לג — 33, לו 36 א. א. וו. די ל״ו צדיקים. זע למד.

**ל** — (אנ־אוו; השמוש אין העברייאיש) צו, כדי, אויף. לזוגתי היקרה — צו מיין ליבער פרוי. „וואַרטן מפּאַיעזד לפּאַיעזד״ (שלום עליכם)

**לא** — ניט. („לוא״ מיט א וואו הייסט: צו אים). פאַרשטאַרקט: לא מיט אַנ־אלף (פּאַראַדירט: לא מיט אַ ספּאָדיק, מיט א שטריימל, מיט א בראָליוועקע, מיט א לאַנגן כף, מיט א קעסל־פּויק א. ז.) „מיך וועט מען שוין אַזוי גיך ניט אונטערפירן, אָבער גאָר לא״ (שלום עליכם). זע בלא כלא.

**לא אדו ראש** — ראש השנה פאַלט ניט אויף זונטיק, מיטוואָך און פרייטיק.

**לא אזוז ממקומי** — איך וועל זיך ניט רירן פון אָרט. (תלמודיש).

**לא אליכם** (איכה א יב) — ניט פאַר אייך געדאַכט. זע לא עליכם.

**לא אלמן ישראל** (ירמיה נא ה) — ישראל איז ניט פאַרלאָזן.

**לא אמות כי אחיה** (תהלים קיח יז) — איך וועל ניט שטאַרבן.

**לא אמר כלום** — ער האָט גאָרניט געזאָגט. (תלמודיש). (פאַראָדירט: קלים האָט גאָרנישט געזאָגט).

**לא בא כבושם הזה** (אָדער ההוא). — אַזעלכע געווירץ זיינען נאָך קיינמאָל ניט געקומען (מלכים א׳ י י).

**לא בחיל ולא בכוח כי אם ברוח** — ניט מיט קויכעס, נאָר מיט גייסט (זכריה ד ו).

**לא במותו יקח הכל** (תהלים מט יח) — ביים טויט וועט ער אַלץ ניט מיטנעמען.

**לא דובים ולא יער** — ניט קיין בערן און ניט קיין וואַלד (תלמודישער דרש אַף „ותצאנה שתים דובים מן היער״, מלכים ב׳ ב כד).

**לא די** (דאַי) — ניט גענוג, זע די.

**לא דק** פורתא זע פורתא.

לא הא ולא הא — ניט דאָס און ניט דאָס (תלמודיש).
לא הבײשן למד — אַ שעמעװדיקער לערנט ניט (תלמודיש).
לא הוד ולא הדר (ישעיה נג ב + תהלים כא ו) — ניט קײן פּראַכט און ניט קײן שײנקײט.
לא היה ולא יהיה — ס'איז ניט געװען און ס'װעט ניט זײן.
לא היה ולא נברא — ניט געװען און ניט באַשאַפן (תלמודיש).
לא היו דברים מעולם — ס'איז קײנמאָל ניט געװען, זע להד"ם.
לא הן ולא שכרן — ניט זײ (די יסורים) און ניט זײער שכר (תלמודיש).
לא הקפּדן מלמד — אַ רגזן (װאָס איז מקפּיד) קען ניט זײן קײן לערער (תלמודיש).
לא זו (אָדער: זה) הדרך — ניט דאָס איז דער ריכטיקער װעג (מלכים ב' ו יט).
לא חודש ולא שבת (מלכים ב' ד כג) — ס'איז ניט ראש חודש און ניט שבת.
לא טוב היות האדם לבדו (בראשית ב יח) — ניט גוט פאַר אַ מענטשן צו זײן אַלײן.
לא טעם ולא ריח — אָן אַ טעם און אָן אַ ריח (תלמודיש).
לא יאחר — ניט שפּעטער (שמות כב כח: לא תאחר).
לא יאומן כי יסופּר — מע װאָלט עס ניט געגלױבט (חבקוק א ה לא תאמינו כי יסופר)
לא ידע בין ימינו לשמאלו (יונה ד א) — ער װײס ניט פון רעכטס ביז לינקס (פון אַ קינד).
לא יום ולא לילה (זכריה יד ז) — ניט טאָג און ניט נאַכט.
לא יועיל ולא יזיק — ס'העלפט ניט און ס'שאַדט ניט (תלמודיש).

לא יוצלח — „ער האָט ניט קײן גליק" (ירמיה כב ל: לא יצלח) — ער איז אַ לא יוצלח.
לא יזכר ולא יפּקד — עס זאָל ניט דערמאָנט װערן (אין סידור: ויפּקד ויזכר).
לא יחדל אביון מקרב הארץ (דברים טו יא) — עס װעלן ניט אױפהערן צו זײן אָרעמעלײט אין לאַנד.
לא יחרץ (שמות יא ז) — װעט ניט בילן (פון אַ הונט). לא יחרץ = געלט — אַ מתנה פאַר שװײגן.
לא ימלט (עמוס ט א) — ער װעט זיך ניט ראַטעװען, ניט צו פאַרמײדן. „עס איז לא ימלט, אַז דער בורח זאָל זיך נישט באַגעגענען" (שלום עליכם).
לא יעשה כן בישראל (שמואל ב' יג יב) — אַזױ טוט מען ניט צװישן אידן.
לא יעלה ולא יבוא (אין סידור: יעלה ויבא) — עס זאָל ניט פּאַסירן. „אין װאָס װעט זײן, לא יעלה ולא יבוא, טאָמער טאַקע חלילה טראָגט אָט דער כל-בו'ניק אַ טלית קטן" (שלום עליכם).
לא יעשה כן במקומנו (בראשית כט כו) — אַזױ טוט מען ניט אין אונזער אָרט.
לא ישנה אדם מן המנהג — אַ מענטש זאָל ניט ענדערן אַן-אײנגעפירטע זאַך (תלמודיש).
לא כל שכן — אַ פּשיטא שױן, זע קל וחומר.
לא לחכמים לחם (קהלת ט יא) — חכמים זיצן אָן ברױט.
לא לכבודי ולא לכבוד בית אבא — ניט צוליב מײן כבוד אָדער דעם כבוד פון מײן פאַמיליע (תלמודיש).
לא לכם ולנו (עזרא ד ג) — מיר קענען ניט צוזאַמען אַרבעטן.
לא לנו (תהלים קטו א) — ניט פאַר אונז. „איצט פאַרשטײ איך פאַר װאָס אַ נאַר רופט מען לא לנו" (מענדעלע).

**לא מאהבת מרדכי אלא משנאת המן** — ניט פון ליבשאַפט צו מרדכי, נאָר פון שנאה צו המן (תלמודיש).

**לא מדובשך ולא מעוקצך** — ניט פון דיין האָניק, ניט פון דיין ביס (זאָגט מען צו דער בין) (תלמודיש).

**לא מנה ולא מקצתה** — ניט איר און ניט אַ טייל פון איר (וויל איך) (תלמודיש).

**לא מעלין ולא מורידין** — זיי מאַכן ניט בעסער און ניט ערגער (תלמודיש).

**לא מפיה אנו חיין** — ניט אויף איר אַליין שטיצן מיר זיך (תלמודיש).

**לא מצא ידיו ורגליו** — ער האָט ניט געפונען הענט און פיס (ד. ה. ניט פאַרשטאַנען) (תלמודיש).

**לא מש** — איז ניט אָפּגעטרעטן (במדבר יד מד).

**לא על הלחם לבדו יחיה האדם** (דברים ח ג) — ניט פון ברויט אַליין לעבט דער מענטש.

**לא עליכם** — ניט פאַר אייך געדאַכט. ער איז, לא עליכם, געפאַלן. לא עליכם׳דיק.

**לא עם הארץ חסיד** — אַן-עם הארץ איז ניט פרום (תלמודיש).

**לא פחות ולא יותר** — ניט ווייניקער און ניט מער (תלמודיש).

**לא פידלתי** — האָב איך ניט געפידלט (פאַראָדיע אויף „לא חפצתי", דברים כה ח, אָדער „לא צחקתי", בראשית יח טו).

**לא קם ולא זע** (אסתר ה ט) — ניט אויפגעשטאַנען און זיך ניט גערירט פון אָרט.

**לא קם כמוהו** (מלכים ב׳ כג כה) — ניט געווען ווי ער.

**לא קרירא ולא חמימא** — ניט קאַלט און ניט הייס (תלמודיש).

**לא ראינו אינו ראיה** — „מיר האָבן ניט געזען" איז ניט קיין ראיה (תלמודיש).

**לא ראיתי ולא שמעתי** — ניט האָב איך געזען און ניט האָב איך געהערט.

**לא תגנוב** (שמות כ טו) — זאָלסט ניט גנב׳ענען.

**לא תוסיפו** — איר זאָלט ניט צולייגן (לויט דברים יג א).

**לא תחמוד** (שמות כ יז) — זאָלסט ניט גלוסטן.

**לא תחנם** (דברים ז ב) — זאָלסט אויף זיי קיין רחמנות ניט האָבן.

**לא תנאף** (שמות כ יד) — זאָלסט ניט הורן.

**לא תעשה** [לאָסעסע —◡◡—] — „זאָלסט ניט מאַכן", אַ פאַרבאָט, א לאו. (היפך: מצות עשה). ס׳איז א לא תעשה מן התורה.

**לא תרצח** (שמות כ יג) — זאָלסט ניט טויטן

**לא תתגודדו** (דברים יד א) — שלא תעשו אגודות — טיילט זיך ניט אויף פאַרטייען (תלמודיש).

## לאה N.

**לאהובי** — צו מיין ליבן. **לאהובתי** — צו מיינע ליבע (אין בריוו).

זע אהוב.

I. **לאו** — ניט (תרגום-לשון). מכלל לאו אתה שומע הן — פון דעם „ניט" פאַרשטייט זו דעם „יא" (פון אַ נעגאַטיווע מיצווה די פּאָזיטיווע). לאו בעל דברים דידי את — דו ביסט ניט מיין בעל דין. לאו בר הכי הוא — ער איז דרויף ניט קיין ספּעציאַליסט. לאו דווקא — ניט נאָר, ניט נויטיק. לאו כל אדם זוכה — ניט יעדער מענטש האָט די זכייה. בלאו הכי — אָן דעם (תלמודיש).

II. לאו, לאוין — פאַרבאָט, מצות לא תעשה. עובר זיין אויף א לאו, אויף צוויי לאוין (תלמודיש).

לאומי, לאומיים — נאַציאָנאַל. מטיף לאומי — פאָלקס־רעדנער. לאומיות.

לאחדים [לאכאָדים] — „פאַר איינצעלנע", דעטאיל. לאחדים׳ניק (אדער: אחדים׳ניק) — דעטאַיליסט.

לאחר [לעאכער] — נאָך. לאחר מאה ועשרים שנה וועט איר האָבן א קדיש. לאחר יאוש האָט זיך געפונען די אבידה. לאחר פטירת הרב — נאָך דעם טויט פון רב. לאחור מותו — נאָך זיין טויט.

לאטבענען זע לקחן.

לאיבוד גיין — גיין פאַרלאָרן, זע איבוד.

לאידך גיסא — פון דער אַנדערער זייט (תלמודיש).

לאל עורך דין T.

לאלפים — צו טויזנטער. למאות ולאלפים (שמואל א׳ כט ב) — צו הונדערטער און צו טויזנטער. לאלפים ולרבבות — צו טויזנטער און צו צען טויזנטער.

לאלתר — אויף דער שטעל. באַלד. נכתבים ונחתמים לאלתר לחיים — זיי ווערן אויף דער שטעל פאַרשריבן צום לעבן (תלמודיש).

לאמור — אזוי צו זאָגן (שמות ו י).

לאמרין [לעימערן] — זאָגן, זע לומר.

לאמער זע למד.

לאפוקי — „כדי ארויסצוציען פון כלל", פאַרקערט (תלמודיש).

לב [לעיוו] — 1. האַרץ זע לבב. כטוב לב המלך ביין (אסתר א י) — ווען דער מלך איז פריילעך געוואָרן. נוגע עד לב — עס רירט דאָס האַרץ (לויט ירמיה ד יח). שבר לב [שיווערלעוו ◡ ◡ —] — צעבראָכנקייט פון האַרץ. האָבן שבר לב, עס איז א שבר = לב צוצוזען. דברים שמתקבלין על הלב — זאַכן וואָס ווערן אָנגענומען פון האַרץ (תלמודיש). רך לב = רך לבב (זע). 2. מיטן. בלב ים (שמות טו ח) — אין מיטן ים, עד לב השמים (דבריס ד יא) — ביז מיטן הימל. זע בלב.

לבא [ליבע] — א האַרץ. לבא לפומא לא גלי — דאָס האַרץ האָט דאָס ניט אַנטפּלעקט פאַרן מויל (תלמודיש, פון א טיפן סוד). רחמנא לבא בעי — גאָט פאָדערט האַרץ (תלמודיש).

לבב [לוואָוו] לבבות [לוואָווועס] — „האַרץ פון"... ויין ישמח לבב אנוש (תהלים קד טו) — וויין דערפרייט דאָס האַרץ פון מענטשן. הירא ורך הלבב (דברים כ׳ ח) — דער וואָס האָט מורא און האָט א ווייכע האַרץ. באשר עם לבבי (יהושע יד ז) — ווי מיר געפעלט. האָבן א לבבות, האָבן מיאבקע (פּוּבקע) לבבות.

לבד [לוואַד] — באַזונדער (שמות כו ט). ולא זו בלבד — און ניט נאָר דאָס (תלמודיש). מלבד — אחוץ. מלבד הרעב הראשון (בראשית כו א) — אחוץ דעם ערשטן הונגער.

לבוש, לבושים — 1. קלייד, מלבוש. לבוש מלכות (אסתר ו ח) — מלכ׳ים קליידער. 2. פאָרם (היפך: תוכן, אינהאַלט). א מאַסנמענטש וועט ניט פאַרשטיין דעם בוך אויך אין זיין אידישן לבוש (אין דער אידישער איבערזעצונג).

לבטלה [לעווטאָלע] — אומזיסט. ברכה לבטלה — א אומזיסטע ברכה.

דערמאָנען שם שמים לבטלה, מוציא זרע לבטלה — אָנאַניסט (תלמודיש). „לבטלה האָט גאָט אים ניט באַשאַפן" (מענדעלע). זע בטלה.

**לבינה, לבינים** (בראשית יא ג) — ציגל. בחומר ובלבינים (שמות א יד) — מיט ליים און ציגל.

**II. לבן N.** לבן הארמי, לבן הרשע, לבן דער רמאי. עם לבן גרתי (בראשית לב ה) — מאַכט רש״י: ותרי״ג מיצוות שמרתי (מיט לבן'ען האָב איך געלעבט און די תרי״ג מיצוות האָב איך געהאַלטן).

**I. לבן** [לאָוון] — 1. ווייס. בכל עת יהיו בגדיך לבנים (קהלת ט ח) — תמיד זאָלן דיינע קליידער זיין ריין. שדה לבן — ביעלאַ צערקאָוו. 2. נקבה: **לבנה** [לעוואָנע] — „די ווייסע" דער מאָנד (ישעיה כד כג). בחדש זיין די לבנה, קידוש לבנה, ליקוי לבנה — מאָנדפינסטערניש.

**בנון N.**

**לבקרים** [לאבקאָרים] — יעדן מאָרגן. חדשים לבקרים (איכה ג כג) — נייס יעדן מאָרגן, קאָצקער לבקרים. זע בוקר.

**לבריאת עולם** — פון דער וועלטבאַשאַפונג (אין צייטרעכענונג).

**ל״ג בעומר** [לאַגבאָמער] — 33 טעג אין עומר. אין דרויסן איז ל״ג־בעומרדיק. זע עומר.

**לגבי** [לעגאַבע] — „אין באַציאונג צו"... ער איז גוט לגבי זיינע חברים. זע גב.

**לגימה** — טרונק, אַ כיבוד. גדולה לגימה שמקרבת את הרחיקים — גרויס איז די סעודה, ווייל זי איז מקרב די ווייטע (תלמודיש). זע לוגמא.

**לגמרי** [לעגאַמרע] — אינגאַנצן (תלמודיש). זע גמר.

**לגנאי** [ליגנאַי ◡ —] — צו שאַנד (היפך: לשבח). מזכירין לגנאי — מע דערמאָנט צו שאַנד (תלמודיש). זע גנאי.

**לדבר** אין זאסור לדבר — פאַרבאָטן צו ריידן.

**לדוגמא** — אַלס מוסטער. זע דוגמא.

**לדוד אורי T.**

**לדור ודור** (יונה ד כ) **לדורות, לדור דורות** (ישעיה נ ח: לדור דורים) — אויף אייביקע דורות. „עס פּאַסט טאַקע, אַז ס׳זאָל פאַרשריבן ווערן לדורות". (מענדעלע).

**לדידי** — פאַר מיר. זע בדידי. לדידן — פאַר אונז. לדידהו — פאַר זיי (תלמודיש).

**לדין** [לאָדן] — פירן אַ משפּט. צוויי פרויען זיינען געקומען זיך לדין פאַר אים (עס איז אַ פאַרמישונג פון העברייאישן „לדין" און דייטשן „לאדן פאַר געריכט": „גייר לאָד מיך צום ונתנה תוקף").

**להבא** [לעהאַבע] — פאַר די צוקונפט. הבטחות אויף להבא. אַ להבא'דיקער שכר. זע הבא.

**להבדיל** — אָפּצושיידן. להבדיל בין הטמא ובין הטהור (ויקרא יא מז), בין קודש לחול, בין חיים למתים — צו אונטערשיידן צווישן טמא און טהור, צווישן הייליק און וואָכעדיק, צווישן לעבעדיקע און טויטע. אויפשטיין ווי להבדיל צו פתיחה. להבדיל באלף אלפי הבדלות. (אויך פאַראַדישט „די באָבע צייטל, זאָל זיין ווייט אָפּגעשיידט, פלעגט זאָגן"...). זע הבדלה.

**להבה** — פלאַם. (במדבר כא כח). אש להבה (איכה ב ג) — פלאַם־פייער. זין

אויף איינעם אש להבה (ד. ה. אין כעס).

**להדליק** — אָנצוּצינדן אין ברכות: להדליק נר של חנוכּה, של יום טוב, של יום כיפור, של שבת. מאַכן אַ להדליק (== מאַכן אַ בורא מאורי האש).

**להד"ם** — לא היו דברים מעולם. „להד"ם! מאַכט לוי, שאָקלענדיק מיט מיט אַ פינגער אקעגן דעם ווייב: להד"ם הייסט אַ פייג... גאָרנישט נישטאָ" (מענדעלע)

**להוט** [לאָהוּט] — „פאַרברענט", זייער גלוסטנדיק. להוט אחר התורה, אחרי שכינה, אחרי גרונו — פאַרברענט נאָך תורה, שכינה, עסן (תלמודיש). להוט נאָך דעם ביטערן טראָפּן.

**להיפך** — פאַרקערט. להיפך צו אַנ: דערע זאַגן, באַנוצט ער אַ טאַשנ: טוך. זע היפך.

**להכעיס** — „צו דערצערנען" בּוזון. לעשות הרע בעיני ה' להכעיס (מלכים ב' כא ו) — צו מאַכן בּייז אין די אויגן פון גאָט להכעיס. אויף צו להכעיס [אפצעלאָכעס]. מומר להכעיס (תלמודיש). זע מומר. אַ צולהכעיס'ניק.

**להמית** — צו טייטן. אחת דתו להמית (אסתר ד יא) — פאַר אים איז נאָר איין געזעץ — מיתה.

**להרוג ולאבד** (אסתר ג יג) — צו טייטן און פאַרטיליגן. זיין אויף איינעם להרוג ולאבד (ד. ה. אין כעס).

**להשמיד** — צו פאַרניכטן. ויבקש המן להשמיד את כל היהודים (אסתר ג ו) — המן האָט געוואָלט אויסראָטן אַלע אידן.

**להשתקע** [לעהישטאַקעא] — זיך באַזעצן. לא להשתקע אלא לגור שם — ניט צו באַזעצן זיך, נאָר צו וואָינען דאָרט צייטווייליק (סידור).

**ל"ו** [לאמעד-וואָוו] == 36. ל"ו צדיקים ל"ו נסתרים זע למד.

**להתראות** [לעהיטראַאָט] ‿ ‿ —] — אויף ווידערזעען (ציוניסטיש).

**לו יהי** [עלעהעי ‿ ‿ —] (בראשית ל לד) — זאָל זיין, אט לו יהי [אָטלעהעי ‿ ‿ —] — זאָל זיך איך דוכטן, אַ שטייגער.

**לואי** זע הלוואי.

**לוגמא, לוגמים** — דער חלל פון מויל אין: מלא לוגמיו — אַ פולן מויל. השותה מלא לוגמיו — דער וואָס טרינקט אַ פולן מויל (תלמודיש). זע לגימה.

**לווה** (תהלים לז כא) — דער וואָס לייט בּיי אַנ=אַנדערן. עבד לווה לאיש מלוה (משלי כב ז) — דער לווה איז אַ קנעכט בּאַ דעם מלוה.

**לוויה** [לעוואַיע], **לוויות**-אייגנטלעך: באַלייטונג, באַערדיגונג. לאחר מאה ועשרים שנה וועלן מיר איך מאכן אַ גרויסע לוויה.

**לוח** [לואַך], **לוחות** — 1. טאָוול. שני לוחות אבנים (שמות לד א) — צוויי שטיינערנע טאָוולען. לוחות ושברי לוחות מונחות בארון — אין ארון זיינען געלעגן די לוחות און די צעבראָכענע לוחות (תלמודיש פון אָפּגעבן כבוד אַנ-אַלטן געלערנטן).

2. קאַלענדאַר. על פי לוח איז דאָס געווען אין חודש... אויסבייטן אַ אַ פאַראַיאָריקן לוח אויף אַנ=אַלטע אָפּגעשמיסענע הושענה. אַלטע לוחות (אויף אַלטע חובות).

**לוט** N. שיכור ווי לוט (בראשית יט לג-לה), שיכור=לוט. (לויטרע, לאָטרע איז פויליש).

**לוי** N. בן לוי, בני לוי (שמות לב-כו), לוים (במדבר א מז).

**I. לויה** [לעווי־יע] — דאָס אמט פון די לוים. סגן לויה — דער פאָר־שטייער פון די לוים (סג״ל).

**II. לויה** [לעוואיע] זע לוויה.

**לויתן** (איוב ג ח) — אַ לעגענדאַריש־ער פיש, אַלס מאכל פאַר די צדיקים (זע שור הבר). סעודת לויתן. ער האָט פאַר זיינע מעשים טובים פאַרדינט דעם גאַנצן עק פון לויתן. לויתן בחכה הועלה מה יעשו דגי רקק — ווען דער לויתן איז געפאַנגען אין נעץ, וואָס זאָלן מאַכן די קליינע פישעלאַך? (תלמודיש)

**לולא** — ווען נים. לולא חרשתם בעגלתי לא מצאתם חידתי (שופטים יד יח) — ווען איר וואָלט נים געאַקערט מיט מיין קאַלב, וואָלט איר נים גע־טראָפן מיין רעטעניש. לולא זאת וואָלט איך נים קענען.. לולא דמסתפינא — ווע אך וואָלט נים מורא געהאַט (תלמודיש).

**לולב, לולבים** — פאַלמענצווייג, די 4 מינים צו סוכות, על נטילת לולב T. אַ לולב מיט אַן־אתרוג — אַ גרויס פערד מיט אַ קליין פערד צוזאַמענגעשפּאַנט.

**לומד, לומדים** — דער וואָס לערנט. אינו דומה לומד מעצמו ללומד מרבו — עס איז נים גליך צו לערנען אַליין אָדער מיט אַ רבין תלמודיש). לומדים מופלגים. אַ בך לומדים לערנען „תמיד״ און קענען „מכות״ (וואָרטשפּיל). לומדות — געלערנטהייט. זע למדן.

**לומר** — צו זאָגן (— לאמור). כלומר — „ווי צו זאָגן״, דאָס באַטייט (זע). לומר׳ן — זאָגן, אויס־לומר׳ן וואָס עס קומט אויף דער צונג.

**לועג לרש** (משלי יז ה) — ווער עס לאַכט אָפּ פון אַן־אָרעמען.

**לוקה** — ווערט געשלאָגן. לוקה ארבע׳ים — באַקומט 40 מלקות. החושד בכשירים לוקה בגופו — ווער ס׳איז חושד ערלעכע מענטשן, ווערט אַליין געשלאָגן (תלמודיש).

**לזכרון** (שמות יג ט) — צום געדיינ־קען. אייַנשרייבן לזכרון. זע זכרון.

**לח** [לאַך] — פייכט. לחות — פייכטי־קייט. זע ליחה.

**לחוד** — באַזונדערס. זמן תפילה לחוד, זמן תורה לחוד — די צייט פון תפילה איז באַזונדער און די צייט פון תורה־לערנען איך באַזונדער (תלמודיש). דאָס איז לחוד און דאָס איז לחוד.

**לחי** [לעכי], **לחיים** [לעכיאַיים] — באַק. יתן למכהו לחי (איכה ג ל) — ער גיט דעם שלעגער די באַק. אַריינ־פאָרן אין די לחיים.

**לחיים** [לעכאַיים] — 1. צום לעבן. לחיים ולא למות — צום לעבן און נים צום טויט (סידור). לחיים טובים ולשלום — צו אַ גוטן לעבן און אַ שלום.
2. אַ וואונטש ביים טרינקען, „לחיים! — לחיים טובים ולשלום״. מאַכן אַ לחיים, נאָך אַ לינקן לחיים (טרינ־קען בראָנפן). חסידים ווינטשן זיך אָפּט „לחיים״. זע חייב.

**לחך** — לעקן, אָפּפרעסן. כלחוך השור את ירק השדה (במדבר כב ד) — ווי דער אָקס פרעסט אָפּ דאָס גראָז פון פעלד. מלחך פינכי — טעלער־לעקער (תלמודיש).

**לחלוחית** — פייכטיקייט, זאַפט. עדיין לחלוחית של בית דוד קיימת — בית דוד דאָט נאָך זאַפט (תלמודיש).

וזקנה שיש בה לחלוחית — אַנ־עלטער וואָס האָט כח. זע ליח.

**לחלוטין** (תרגום פון «לצמיתות» ויקרא כה ל) — גאַנץ, אַבסאָלוט „גאָרנישט, אָבער לחלוטין גאָרנישט" (שלים על כם). להלוטיק. זע: **מוחלט**.

**לחם** [לעכעם] — ברויט. לחם לאכול ובגד ללבוש (בראשית כח כ) — ברויט צו עסן און אַ קלייד אָנצוטאָן. לחם חוקי (משלי ל ח) — מיין געזעצט ברויט, פרנסה. עד ככר לחם — ביז צו אַ לייב ברויט (משלי ו כא). פת לחם (בראשית יח ה) — אַ לייב ברויט. לחם צר ומים לחץ (ישעיה ל כ) — פרנסה בצימצום. לא על הלחם לבדו יחיה האדם (דברים ה ג) — נישט פון ברויט אליין לעבט דער מענטש לחם אביונים — שפייז פאַר אָרעמעלייט. לחם משנה (שמות טז כב) — צוויי ברויט (פאַר קידוש). לחם הקלוקל (במדבר כא ה) — עקליג ברויט (אייפעמיזם אנשטאָט «גידף»).

**לחמא** [לאַכמע] — ברויט (תרגום־לשון). הא לחמא עניא T.

**לחצאין** [לאַכצאָאין] — האַלב אויף האַלב (סידור). מיר טיילן די מציאה לחצאין (זע יחדיו). זע **חצי**.

**לחש** [לאַכאַש] — 1. דאָס אָפּשפּרעכן (אַנ־עין הרע) (ירמיה ו יז). בלחש — שטיל (זע).

**לטאה** (ויקרא יא ל) — אַ מין עגדעש. אין: כזנב הלטאה — ווי דער שוואַנץ פון אַ לטאה (אַזוי קליין).

**לטוב** — צום גוטן: זכור לטוב (זע).

**לטובה** (בראשית נ כ), **לטובת** — צום גוטן (היפך: לרעה). אַרבעטן לטובת הכלל, לטובה פונם פאָלק, לטובה דעם פאָלק, לטובה פאַר די מענטשן. עשה עמי אות לטובה (תהלים פו יז) — מאַך מיר אַ צייכן (אַ נס) צו מיין טובה. „די כוונה מיינע איז דיר לטובה" (מענדעלע). אַרבעטן לטובת הקעשעניע. זע **טובה**.

**לי הכסף ולי הזהב** — מיר געהערט דאָס זילבער און דאָס גאָלד.

**לידה** [לעידע] — געבורט. חבלי לידה — געבורט־ווייען. מלידה ומבטן — פון געבורט (הושע ט י).

**לידי** זע **ידי**.

**לידידי אהובי** — צו מיין ליבן פריינד (אין בריוו). זע **ידיד**.

**ליהודים** — „ביי די אידן" (פון אסתר ח טז: ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר — ביי אידן איז געווען ליכטיג און פריילעך און בכבודיק). עס איז געווען ליהודים.

**ליהוי ידוע** — זיי וויסן, זע **ידוע**.

**ליה, ליחה, ליחות** — פייכטקייט. לא נס ליחו (דברים לד ז) — זיין זאַפט (ד. ה. כוח) איז נישט פאַר־שוואונדן.

**ליטרא, ליטרות** — אַ פונט (תלמודיש פון גריכיש).

**ליכא** [לעקע] — ניטאָ (תרגום־לשון). ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא — ניטאָ אַ זאַך, וואָס האָט ניט קיין רמז אין דער תורה. בדליכא שאני — ווען ניטאָ, איז אַנדערש (תלמודיש).

**ליל טבילה** — די נאַכט פון טבילה.

**ליל שמורים** (ישעיה לד יד) — „וואַך־נאַכט", די נאַכט פון סדר.

**לילית** (ישעיח לד יד) — N. די מוטער פון די שדים. לויט דער לעגענ־דע, ווארגט זי קליינע קינדער אין דער ער־שטער וואָך, אירע פיינד זיינען די 3 מלאכים: סנוי וסנסנוי וסמנגלוף (זע **סנוי**) דרום שרייבט מען ביי אַ קימפעטאָרין. „אדם חוה חוץ לילית", און דידאָזיקע 3 נעמען.

**לימוד, לימודים** — 1. דאָס לערנען. אל תחמוד כבוד יותר מלימודך — זאָלסט ניט גלוסטן כבוד מער פון דיינע קענטענישן (תלמודיש). שכר לימוד —דאָס געצאָלט פאַר לערנען. א לימודים טאָג. 2. וואָס מע לערנט. די אידי־שע לימודים. לימודי קודש, לימודי חול — רעליגיעזע, וועלטלעכע לימודים.

**לינה, לינת לילה** — דאָס איבער־נאַכטן. לינת הצדק T.

**ליסטים** — גזלן, גזלנים. מפני הליסטים — פאַר גזלנים (תלמודיש). ליסטים מזוין — באַוואָפנטער גזלן. ליסטות — גזלנות. כל שאינו מלמדו אומנות מלמדו ליסטות — ווער עס לערנט ניט זיין קינד אַ האַנדוועדק, לערנט אים צו גזל'ען (תלמודיש).

**ליצנות, ליצנים** זע **לץ**.

**ליקוי חמה** — זון־פינסטערניש, ליקוי לבנה — מאָנד־פינסטערניש (תלמודיש).

**ליקוט, ליקוטים** — דאָס אויפקלייבן, דאָס אויסגעקליבענע.

**לישועתך קויתי** T.

**לישכה, לישכות** — קאַמער, קאַבי־נעט (נחמיה יג ה). לישכת הגזית — אַ קאַמער אין בית המקדש. לישכה שחורה — דער שוואַרצער קאַבינעט (פאַר צענזור).

**לית** [לעס] — ניטאָ (תרגום־לשון). לית ברירה = אין ברירה — ניטאָ קיין אויסוואַל. בלית ברירה = באין ברירה. לית דין ולית דיין — ניטאָ קיין געזעץ און קיין ריכטער (פון אַנאַרכיע, זע רצועה). לית מאַן דכר שמיה — קיינער דערמאָנט ניט זיין נאָמען (תלמודיש).

**ליתר** [לעיעסער] **ביטחון ליתר תוקף** — כדי צו פאַרשטאַרקן (דעם בטחון) זע יתר. „ליתר ביטחון האָט אַזוינער... געלערנט יומם ולילה ווי א פרוש" (מענדעלע).

**לך־לך** (בראשיר יב א) גיי דיר. לך־לך T.

**לכאורה** — ווי עס זעט אויס.

**לכאן** — אַהער, זע **כאן**.

**I. לכבוד** [לי־קאָוועד] — צו אָפגעבן כבוד (שמות כח ב). — לכבוד חנוכה. לכבוד יום טוב, לכבוד שבת. לכבוד דעם גאַסט. דעם אויבערשטן לכבוד. זע **כבוד**.

**II. לכבוד** [ליכוואָד ◡ —] צום כבוד פון . . . (העפלעכקייט־פאָרמעל אין בריוו) לכבוד אהובי ידידי.

**לכה דודי** T. אריינפאָרן מיט די האַלאָבליעס אין לכה דודי אריין (ד. ה. קומען צופאָרן פרייטיק צו נאַכט שפעט). טו אָן דעם קאַפעליוש און זאָג לכה דודי.

**לכו והתפרנסו זה מזה** — גייט און ציט פרנסה איינער פון דעם אַנדערן (תלמודיש). בית יעקב, לכו ונלכה — גייט, און מיר וועלן קומען שפעטער (קאַטאָוועס). **לכו נרננה** T.

**לכך** — דערצו. ראוי לכך — ווירדיק צו דעם אַמט. לא היתה כוונתו לכך — זיין כוונה איז געווען אַן אַנדערע. לכך נוצרת — דערצו ביזטו באַשאַפן (תלמודיש). זע **כך**.

**לכל הדיעות** - נאָך אַלעמענס מיינונג. ער איז יוצא לכל הדיעות.

**לכל הפחות** — ווייניקסטנס. זע **פחות**.

**לכל זמן** (קהלת ג א) — אַלץ האָט זיין צייט.

**לכלב חי הוא טוב מן האריה המת** (קהלת ט ד) — אַ לעבעדיקן הונט איז בעסער ווי אַ טויטן לייב.

**לכן** [לאָכען] — דערפאַר... היות ווי... לכן. לכן אבקש — דרום בעט איך (סידור). זע כן.

**לכף** [לקאַף] — אויף די וואָגשאָל פון... לכף זכות, לכף חובה — צום באַפרייען פון שולד, צום באַשולדיקן. מכריע זיין לכף זכות. זע כף.

**לכשיבנה** [ליקשעאיבאָנע] בית המקדש — ווען דער בית המקדש וועט ווערן געבויט. (תלמודיש).

**לכשירחיב** [ליקשעאירכיוו] — ווען עס וועט ווערן בעסער. אַ העלפט נדן אין מזומן, אַ העלפט צוגעזאָגט לכשירחיב. א לכשירחיב־צעטל (אָדער אַ כי־ירחיב־צעטל).

**לכשירצה** [ליקשעאירצע] — ווען ער וויל. חכם לכשירצה (תלמודיש).

**לכתחילה** [לעכאַטכילע] — אין אָנהייב (היפך: בדיעבד). זע תחילה.

**ללעג ולקלס** (תהלים מד יד) צו שפּאָט און צו שאַנד.

**למאי** [אלמאי ◡ —] — פאַרוואָס (תרגום־לשון).

**למד** [לאמעד] — דער נאָמען פון אות ל אין אלף־בית. אַ למד־וואוניק — פון די ל"ו צדיקים. ער איז פון די למד־זין (פאַראָדיע אנשטאָט למד־ואו).

**למדן** [לאמדען], **למדנים** (אָדער: לומדים) — געלערנטער. מאַכן פאַר אַ למדן (אָנשטאָט: באַגנב'ענען). למדנות = לומדות. „אין שמייסן־זיך איז ער אַ למדן־מופלג" (מענדעלע).

למה הדבר דומה — צו וואָס די זאַך איז געגליכן? זע משל.

למה יאמרו הגוים (תהלים עט י) — פאַרוואָס זאָגן די גוים?

**למהדרין** — פאַר די וואָס זיינען מהדר א מיצווה, זע מהדר.

**למוד** זע לימוד. **למזל** זע מזל.

למי אני עמל (קהלת ד ח) פאַר וועמען אַרבעט איך?

**למך** N. גיי איך פאמעלעך, בין איך אַ למך. לעמעשקע.

**למנצח** (תהלים ד א) — „דעם באַזיגער". למנצח על הגיטט עס (פאַראָדיע אויף: הגיתית, תהלים ח א).

**למספרם** [לעמיספּאָראָם ◡ ◡ ◡ — ] — לויט זייער רעכנונג (ד. ה. קריסט־לעכער).

**למען** [לעמאַאַן] — וועגן, כדי. למען השם [לעמאַנעשעם◡◡—]— פון גאָט וועגן (תהלים כג ג). למען מע זאָל זיך פאַראייניקן. למען דעת (שופטים ג ב), למען ידעו (ישעיה מא כ)—כדי צו וויסן. און אויך למען ידעו, — זאָל די וועלט וויסן. „זומער זאָל איך למען השם ולמען השם גיין אַ סך שפּאַצירן" (מענדעלע). למען האמת — צוליב דעם אמת. למען אמיתךT.

**למעה"ש** = למען השם.

**למפרע** [למאַפרעיאַ] — פאַרקערט. הקורא למפרע — ווער עס לייענט די צווייטע פּרשה פאַר דער ערשטער (תלמודיש).

**למשל** [לעמאָשל] — צום ביישפּיל. כדומה למשל. זע משל.

**לנא ולא לעפרא** (סידור) — פאַר אונז און ניט אין דער ערד (פון אַ קראַנקן, וואָס איז געזונט געוואָרן).

**לנוי** [לענױ ◡ —] — צוליב שיינקייט, אַלס צירונג.

**לסוף** [לעסאָף ◡ — ] — צום סוף. זע סוף.

לסירוגין — מיט איבערהיפּערונג, ניט כסדר. „אפילו די נעגל שניידט אַ איד מיט אַ דריידל, עפּעס לסירוגין, געשפּרונגען און געדרייט" (מענדעלע). זע בסירוגין.

**לעג** זע **ללעג.**

**לעולם ועד** (שמות טו יח) אויף אייביג. ס'איז פאַרפאַלן לעולם ועד, ס'איז שוין לעולם ועד (פּאַראָדירט: לעולם דאָוועד).

**לעולם תקח** — „תמיד זאָלכטו נעמען". לעולם—נעם, תקח — בעט ווייטער". „לעולם תקח — אַז מע גיט, פּיק איך".

**לעומת** — אַנטקעגן. זה לעומת זה (קהלת ז יד) — איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן.

**לעז** [לאַאַז] — 1. פאַרליימדונג. מ'ציא לעז זיין אויף עמיצן (תלמודיש). 2. די ראָמאַנישע שפּראַך (ד. ה. אַלט-פראַנצויזיש, אַלט-שפּאַניש, אַלט איטאַ-ליעניש) (אין תלמוד איז «לעז»—גריכיש). בלעז—אויף לעז.

**לעזאָזל** (ויקרא י ח) — „פאַר עזאָזל" (N פון אַ שד). שעיר לעזאזל = שעיר המשתלח. גיין לעזאָזל, שיקן עמיצן לעזאָזל.

**לעתות** [לעאיטאָס] **הפנאי** [האַפּנאַי ◡ —] — אין פרייע צייטן (תלמודיש)

**לעיל** [לעעיל ◡ —] — אויבן. הנזכר לעיל (ה"נל) — וואָס איז דערמאָנט אויבן. מלעיל — דער אויבערער אַקצענט, — ◡.

**לעילא** — אויבן. לעילא ולעילא — העכער און העכער (סידור). אתערותא דלעילא — די אויבערע דערוועקונג (חסידיש).

**לע"ע** = לעת עתה.

**לערך** — לויט אָפּשאַצונג, פּראָפּאָרצי-אָנעל. לערך'דיק זע **ערך.**

**לעת עתה** [לעסאַטע] — דערווייל. זע **עת.**

**לעתיד** [לעאָסיד] **לבוא** [לאָוואָ] — אויף יענער וועלט (אין עולם הבא), די צוקונפט. די לעתיד-לבוא'דיקע מענטשן. זע **עתיד.**

**לעתים מזומנים** (עזרא י יד) — צו באַשטימטע צייטן. זע **עת.**

**לפ"ג** = לפ"ט גדול.

**לפום** — לויט. לפום חורפא שבשתא — לויט דער שאַרפזין דער פעלער. לפום צערא אגרא — לויט דעם צער דער שכר (תלמודיש).

**לפי** — לויט. לחם לפי הטף (בראשית מז יב) — ברויט לויט די צאָל פון די קינדער. לפי שכלו (משלי יב ח) — לויט זיין שכל. לפי דעתי — לויט מיין מיינונג. לפי עניות דעתי — לויט די אָרעמקייט פון מיין פאַרשטאַנד. לפי דרכי. לפי דרכו — אַרבייגייענדיק. לפי חשבון. לפי ערך — לויט צאָל. לפי צורך — וויפיל עס איז נויטיק. לפי שעה — צייטווייליג. לפי תומו — אָן אַ כוונה (זע **מסיח**). פרנס לפי דורו, דור לפי פרנס — דער פרנס אַנטשפּרעכט דעם דור און דער דור דעם פרנס (תלמודיש). זע **פי.**

**לפיכך** (=לפי כך) — דערפאַר.

**לפני** — פאַר. זע **פני, בפני.** לפני ולפנים זע **לפנים II.**

I. **לפנים** [ליפאָנים] — צום שיין (תלמודיש) (היפך: באמת). זיי טוען עס לפנים וועגן. „ער איז נאָר אַ סוחר לפנים, באמת טראָגט ער..." (מענדעלע). לפנים'דיק. זע **לפנים I.**

II. **לפנים** [ליפנים ◡ —] — אינעווייניג. לפנים משורת הדין — מילדער פון על פי דין (תלמודיש). סופּערלאַטיוו: לפני [ליפנאַי — ◡] ולפנים. דער כהן גדול איז אַריין לפני ולפנים (ד. ה. אין קדשי קדשים). דער לפני ולפנים פון דער רעדאַקציע, פון קאָנגרעס א.א.וו. זע **פנים II.**

**לפעמים** — איניגע מאָל. זע **פעם**.

**לפ"ק** = לפרט קטן. „אויסגערייניקט די קעשענעס עד לפ"ק" (שלום עליכם)— מוז שטיין: עד לפ"א = עד לפרוטה אחרונה, ביז צום לעצטן גראָשן.

**לפרט** — לויט דער ציישרעכנונג, לפרט גדול, למשל: התרפ"ז 5687, לפרט קטן: תרפ"ז 687.

**לפתע פתאום** — פלוצים (ישעיה יג: פתאום לפתע) זע **פתאום**.

**לץ** [לעץ] **לצים** [ל'עיצים], **יצנים** [לעצאָנים] — אָפּשפּעטער. ליצני הדור — די לצים פון יענעם דור. ליצנות סופערלאַטיוו: ליצי=ליצנות. אָפּ'לצעווען. „כת=ליצנים (פון אַ געוויסן סאָרט ייִדים).

**לצד** [לעצאַד] — אויף די זייט. לצד זכות — אויף באַפרייאונג, לצד חובה — אויף באַשולדיגונג. זע **לכף**, **צד**.

**לצורך** — צום באַדאַרף. שלא לצורך אָן אַ באַדאַרף.

**לצמיתות** (ויקרא כה כג) — אויף אייביק.

**לקוי חמה** זע **ליקוי**.

**לקחן** [לאַטכען], **לקחנים** [לאַטכאָנים] — אַ נעמער, אַ גנב. לקחענען [לאַטכענען] — גנב'ענען.

**לקט** (ויקרא יט ט). לקט, שכחה ופאה.

**לקראת אבל** — די באַגעגנונג פון אַנ=אָבל (פרייטיק צו נאַכט אין שול).

**לראות ולהראות** [אוילהעראָעס] — אַנדערע צו זען און זיך צו ווייזן (תלמודישער פשט אויף שמות לד כד).

**לרחם** אין אסור לרחם — פאַרבאָטן צו האָבן רחמנות. גיט וואָס עס איז פון אָסור לרחם וועגן (קאַטאָוועס).

**לרוב** זע **רוב**.

**לרעה** — צום שלעכטן. לרעה ולא לטובה (עמוס ט ד) — צום שלעכטן אָבער ניט צום גוטן.

**לרצון** (תהלים יט טו) — געפעליג. מיין באַזונך איז אים ניט לרצון. זע **רצון**.

**לשבח** [לישוואַך] — צו לויב. דערמאָנען לשבח (היפך: לגנאי). זע **שבח**.

**לשובע** (שמות טז ג) — צו זאַט. עסן לשובע.

**לשון** [לאָשן], **לשונות** — 1. צונג אלס שפּרעכאָרגאַן. כבד לשון (שמות ד י) — וואָס האָט אַ שווערע צונג. מות וחיים ביד לשון (משלי יח כא) — טויט און לעבן איז בײַ דער צונג. מענה לשון (משלי טז א) — ענטפער. עפּענען אַ מענה לשון, אָפּגענומען דער לשון, געבליבן זיצן אָן אַ לשון, אַרויס מיטן לשון. 2. שפּראַך. לשון קודש (פאַראָדירט: לאָקשן=קודש, לאָקשן=קוילעטש) — העברייאיש. תרגום=לשון — אַראַמייאיש. לשון אשכנז — דייטש, אידיש=דייטש. בלשון אשכנז, בלשון פאָניע (רוסיש). בלשון נקייה — אין אַ ריינער שפּראַך, אייפעמיסטיש; בשבעים לשון — אויף 70 לשונות (תלמודיש). רעדן אויף שטום=לשון, מיטן שפת לשון. לשון הרע, אבק לשון הרע, — פאַרליימדונג, שפּור פון פאַרליימדונג. 3. (אין דיקדוק). לשון זכר, לשון נקיבה, לשון יחיד לשון רבים. זע **בלשון**.

**לשכת הגזית** זע **לישכה**.

**לשם** [לעשעם ◡ —] — פון וועגן, צוליב. לשם מיצווה — צוליב מיצווה, לשם פרנסה — צוליב פרנסה, לשם שמים — צוליב גאָט. מאָן לשם פאַרגעניגן.

**לשמה** [לישמאָ ◡ —] — פון אירעטוועגן (סידור). מאַכן עפּעס לשמה

— פאַר דער זאַך גופא, אומאייגנ־ניציג. (פאַרשטאַרקט): לשמו ולשמה. שלא לשמה — מיט אַנדערע כוונות.

**לשמוע** אל הרינה ואל התפילה (מלכים א׳ ח כח) — צו הערן געזאַנג און געבעט.

**לשנה הבאה בירושלים** — דעם קומענדיקן יאָר — אין ירושלים.

**לשנה טובה תכתב ותחתם** — זאָלסט זיין איינגעשריבן און גע חתמ׳עט צו אַ גוטן יאָר (סידור). זע שנה.

**לתחלואי ילדים** T.

**לתשמיש** [לעטאַשמיש] — צום באַנוצן. חנוכה־ליכט ברענען לשם מיצווה ניט לתשמיש, און ניט לנוי. זע תשמיש.

## מ.

**I. מ** — דער דרייצענטער אות אין אלף־בית. מ = 40, מא = 41, מב = 42, א. א. וו. זע כ״ב.

**II. מ** [מי] — אין העברייאיש אנ־אות חשימוש, פאַרקירצט פון „מן" — פון: איבער־געבן מיד ליד — פון האַנט צו האַנט. איך ווייס עס שוין מכמה יאָרן. וואַרטן מפּאיעזד לפּאיעזד (שלום עליכם).

**מאבד** [מעאַבעד] זיין — פאַרניכטן. מאבד בידים — פאַרניכטן מיט הענט, ד. ה. באַוואוסטזיניק. מאבד עצמו לדעת — זעלבסטמערדער (תלמודיש). בור סיד שאינו מאבד טיפּה — אַ נעקאַלכטער ברונים. וואָס פאַרלירט ניט קיין טראָפּן (תלמודיש פון א בעל זכרון).

**מאד** זע **מאוד**.

**מאדים** אָדער **מאידים** — א קענער (אפשר האָט עס א צוזאַמענהאַנג מיט „ידע" — וויסן?) ער איז א מאדים אויף אַזעלכע זאַכן.

**מאה** — הונדערט. בן מאה ועשרים שנה (דברים לא ב) — 120 יאָר אַלט. עשרה למאה (שופטים כ י) — 10%. לאחר מאה ועשרים שנה ווענט מען אייך מאַכן אַ שיינע לוויה. דין פרוטה כדין מאה — אַ דין איבער אַ פּרוטה איז אַזוי וויכטיג, ווי א דין איבער הונדערט (תלמודיש). מאה אלף — 100.000. שוואַרצע מאה, שוואַרץ־מאה׳ניק (פון רוסיש). ווער עס האָט די מאה האָט די דיעה.

**מאהבה** [מײַאהאווע ◡—◡◡] — אויס ליבשאַפט. (היפּך: מיראה). גדול העושה מאהבה יותר מן העושה מיראה — ווער עס מאַכט מאהבה איז גרעסער פאַר דעם, וואָס מאַכט מיראה. ניט מאהבת מרדכי נאָר משנאת המן (תלמודיש) — ניט פון ליבשאַפט צו מרדכי, נאָר פון פיינטשאַפט צו המן.

**מאוד** — זייער. טוב מאוד (בראשית לא) זייער גוט. פאַרשטאַרקט: מאוד מאוד (בראשית ז יט). עד מאוד (בראשית כז לג).

**מאוויר** סערדריז; זע **מעביר**. **מאָוועס** זע **מות**.

**מאוחר** [מעאַכער] — דער שפּעטערער. אין מוקדם ומאוחר בתורה — אין דער תורה איז ניטאָ קיין פריער און קיין שפּעטער (ד. ה. קיין כראָנאָ־לאָגישער סדר).

**מאוים** [מעאוויעם] — שרעקלעך. אַ מאוים׳דיקע נאָז. זע **איומה**.

**מאוס** [מאָעס] — עקעליג אין סופּער־לאַטיווע פאָרמען: נמאס ומאוס, מיאוס ומאוס.

**מאור, מאורות** — ליכט (בראשית א טז). המאור שבתורה — דאָס ליכט פון דער תורה (תלמודיש). נר למאור — ליכט פאַר באַלויכטונג (סידור). מאור

הגולה — ליכט פון גלות, א גאון, רבי גרשון מאור הגולה (רג״מה).

**מאורע, מאורעות** — געשעענים. על שם המאורע שאירע לה — צוליב דעם, וואס איז מיט איר געשעען (תלמודיש). מעין המאורע — פון דעם געשעענים (תלמודיש).

**מאחד** [מעאכעד] זיין — פאראייניגן. זע **אחדות**.

**מאחורי הפרגוד** — פון הינטער דעם פארהאנג (תלמודיש).

I. **מאחר** [מעאכער] זיין — אפלעגן אויף שפעטער, קומען שפעט.

II. **מאחר** — נאכדעם, הויות. מאחר וואס איך קען ניט אהער, פאר איך אהין.

**מאי** — וואס (תרגום-לשון). מאי איכפת לן — וואס ארט עס אונז. מאי דהוה הוה — וואס געווען איז געווען. מאי דקאמרי רבנן — וואס אונזערע רבנים האבן געזאגט (פאראדירט: מאי דקאמרי רביצין). מאי חזית דדמא דידך כומק טפי — פארוואס מיינסטו, אז דיין בלוט איז רויטער? מאי טעמא — פארוואס? מאי נפקא מינה — וואס איז דער אינטערשיד? מא קא משמע לן — וואס לאזט ער אונז הערן? מאי שנא — פארוואס איז אנדערש? (תלמודיש).

**מאיירא רמא לבירה עמיקתא** — פון א הויכן בארג אין א טיפע גרוב (תלמודיש).

**מאידים** זע **מאדים**.

**מאיים** [מעאיעם] זיין — אנשרעקן. מאיים זיין די עדות (תלמודיש: מאיימין על העדים)

**מאילע** זע **מעלה**.

**מאין יבוא עזרי** (תהלים קכא א) — פון וואנען (פאראדירט: פון נישט) וועט קומען מיין הילף. **מאין ולאין** — פון וואנען און וואהין?

**מאיסע** זע **מעשה**. **מאיסער** זע **מעשר**.

**מאיר** N. רבי מאיר בעל הנס (רמבה״ן). אריינוואַרפן אויף ר׳ מאיר בעל הנס (ד. ה. אין צדקה-פושקע).

**מאירע** זע **מערה**. **מאירעוו** זע **מערב**, **מעריב**. **מאכטייסע** זע **מהיכי תיתי**.

**מאכיל** זיין — קארמענען. מאכיל טריפות, מאכיל טרפות. אמאל האט געלעבט א קצב, איז ער געווען א מאכיל טריפות.

**מאכל** [מאיכל], **מאכלים** [מאיכאלים] — שפייז (בראשית ו כא). א מאכל מלכים, די גוטע מאכלים. ער מאכט דערפון א גאנצן מאכל. א מאכל דאס איז! מאכלות אסורות T.

**מאמין, מאמינים** — גלויביגער (ישעיה כח טז) (היפך: כופר). איך בין א קליינער מאמין אין דעם. מאמינים בני מאמינים — גלויביגע, קינדער פון גלויביגע (תלמודיש). אשרי המאמין — וואויל דעם, וואס גלויבט. אני מאמין — איך גלויב T. וכל מאמינים T. זע: תאמין.

**מאמצי כוח** זע **כוח**.

**מאמר, מאמרים** — באפעל, שפרוך (אסתר א טו). האלטן פון א מאמר אין דער גמרא. מאמרי חז״ל — די שפריכע פון די חכמים. זיינע מאמרים אין בלאט ווערן צעטראגן אויף טע־לערלעך. מאמר ראשי — לייטאר־טיקל. מאמר המוסגר — א זאץ אין קלאמערן. מאמר מדעי — וויסנ־שאפטלעכער ארטיקל. איראניש: מאמריסט מאמר׳יסטיקע.

**מאמת** [מעאמעס] זיין — דערקלערן פאר אמת, באשטעטיגן.

**מאן** — ווער (תרגום-לשון). מאן דאמר — ווער עס האט געזאגט (תלמודיש). ער האלט מיטן מאן דאמר, פאראן

אַ מאַן דאמר (= אַ יש אומרים), אַז... מאַן דהוא — אַבי ווער. „ער איז דאָך עפּעס נישט קיין „מאַן דהוא"" (ש"ע). מאַן דיהיב חייא יהב מזונא — ווער עס גיט לעבן, גיט אויך שפּייז (תלמודיש) לית מאַן דכר שמיה — ניטאָ ווער עס דערמאָנט זיין נאָמען. מאַן מלכי רבנן — ווער זיינען די מלכים? — די רבנן (תלמודיש).

**מאַנעלאָשן** זע **מענה לשון**. **מאַנעמעכאַיענו** — זע **מה אנו**.

**מאנס** [מעאַנעס] זיין — נויטן, שענדן. זע **אנוס**.

**מאַסע** זע **משא**.

**מאסף** [מעאַסעף] ממון זיין — אָנזאַמלען געלט. „מענטשן זאָגט מען ווערן דאָרט גליקלעך, זיינען מאסף ממון" (שלום עליכם).

**מאַסקיל** זע **משכיל**.

**מאָעס** זע **מעות**. **מאַראַכע** זע **מערכה**.

**מארבע כנפות הארץ** (ישעיה יא יב) — פון דער גאַנצער וועלט. זע **ארבע**.

**מאריך** זיין — פאַרלייִנגערן. מאריך ימים זיין — לאַנג לעבן (לויט דברים ד כו). מאריך זיין אין דאַווענען, מאריך בדרוש, מאריך בניגונים. ער איז אַ מאריך. זע **אריכות**.

**מאַריש** זע **מרעיש**. **מאַרשאַס** זע **מרשעת**. **מאַשגיאַך** זע **משגיח**.

**מאשים** זיין — באַשולדיגן (תהלים ה יא). זע **אשם**.

**מבאר** [מעוואַער] זיין — דערקלערן. זע **ביאור**.

**מבדח** [מעבאַדעאַך] זיין — משמח זיין מיט שפּאַסן, מיט בדחנות.

**מבדיל** [מאַווידיל] זיין 1. אָפּטיילן. „אַ מבדיל" (אָדער: המבדיל) — להבדיל.

2. דער וואָס מאַכט הבדלה (תלמודיש).

**מבוא מבוי** [מאָוועי], **מבואות** — 1. אייִנגאַנג, טויער (ירמיה לח יד). מבואות האפילים, מבואות המטונפים — טונקעלע, שמוציגע געסלעך. 2. אויסגאַנג, אַ מיטל אַרויסצוגיין פון אַ שווערער לאַגע. קיין אַנדער מבוא זע איך ניט אַחוץ... 3. מבוא צו אַ ספר. איינלייטונג, הקדמה. דאס גלייכווערטל «מבוי מבוי מה» אָדער „מבוי מבוי לאָקשן" איז אנטשטאַנען פון „מבוי" דעם ערשטן וואָרט אין מסכת ערובין.

**מבוהל, מבוהלים** — אייליק. רחופים ומבוהלים (לויט אסתר ה יד). זע **בהלה**.

**מבוזה** — פאַראַכטעט. סופערלאַטיוו: מבוזה ומבוזה מאָכן.

**מבוי** זע **מבוא**.

**מבויש** — פאַרשעמט. מבויש ווערן.

**מבוכה** — אומגליק, סומאַטאָכע (ישעיה כב ד).

**מבול** — (בראשית ו יז). אַ מבול פון פראַשעטשן. „עפּעס אַ מבול פון ווערטער באַהיט זאָל מען ווערן" (מענדעלע).

**מבולבל** — צעמישט. זע **מבלבל**.

**מבוסם** — שיכור (תלמודיש) מבוסם'דיק.

**מבזבז** [מעוואַזבעז] זיין — פאַרשווענדן. המבזבז אל יבזבז יותר מחומש — פאַרשווענדן אויף צדקה זאָל מען ניט מער פון אַ פינפטל־חלק (תלמודיש).

**מבזה** [מעוואַזע] זיין — דערנידעריקן (תלמודיש).

**מבחוץ** [מיבאַכויץ] [— ◡ ◡ —] — פון דרויסן (היפך: מבפנים). זע **חוץ**.

**מבחין** [מאַווכין] זיין — אונטערשיידן. מבחין זיין בין טוב לרע, בין צדיקים לרשעים, בין זכר לנקיבה (תלמודיש).

**מבטיח** [מאַווטיאַך] זיין — פאַרזיכערן, צוזאָגן.

**מבטל** [מעוואטל] זיין — פאַרניכטן, בטל מאַכן. ער איז זיי מבטל בקליפת השום — ווי קנאָבל־שאָלעכץ (תלמודיש). מבטל זיין די גזירה. זע בטל׳ען.

**מבטן** אמי (תהלים כב יא) — פון געבורט אָן. מלידה ומבטן (הושע ט י). זע בטן.

**מבייש** [מעוואַיעש] זיין, מבייש שטעלן — פאַרשעמען. המבייש את הסומא — ווער ס׳איז מבייש אַ בלינדן (תלמודיש). זע מתבייש.

**מבין** [מעיווין] **מבינים** — דער וואָס פאַרשטייט. מבין דבר מתוך דבר — ער פאַרשטייט אַליין (תלמודיש). אַ מבין אויף נגינה. מבינים זאָגן, אַז ער פאַרשטייט נים. דער ערל איז מבין בלשון אָדער מבין כל דבר (פארשטעלטע שפראַך). נקיבה: מבינה, מבינ׳טע. זאָגן מבינות אויף אַ חזן.

**מבלבל** זיין — צעמישן (תרגום פון בלל), מבלבל זיין די רעיונות.

**מבלה** [מעוואלע] זיין — פאַרברענגען די צייט.

**מבליט** [מאווליט] זיין — באַטאָנען, מאַכן בולט.

**מבליע** [מאווליאַ] זיין — איינשלינגען. מבליע בחשבון זיין, מבליע בנעימה זיין — איינשלינגען אין חשבון, אין זינגען. מבליע (אָדער: מבריח) זיין — אַראָפּגנבענען פון שטאָף.

**מבער** [מעוואער] זיין, מבער חמץ זיין — אויסראַמען. זע ביעור חמץ.

**מבצבץ** [מעוואצבעץ] זיין — אויפטויכן דערשיינען (תלמודיש.)

**מבקר** [מעוואקער] חולה זיין — באַזוכן אַ קראַנקן. המבקר־חולה׳ נוטל אחד משישים בצערו — דער מבקר חולה נעמט אָפּ אַ זעכציגסטל פון זיין ווייטאָג (תלמודיש).

**מבריח** [מאַווריאַך] זיין — גנב׳ענען דעם צאָל־אָפּצאָל, אַראָפּ׳גנב׳ענען פון שטאָף (תלמודיש). זע מבליע.

**מברכים** [מעוואָרכים] — „מע בענטשט" ראש חודש. שבת מברכים (העברייש: שמברכים) — דער שבת פאַר ראש חודש.

**מברר** [מעוואַרער] זיין — דערקלערן. זע ברור, נתברר.

**מבשר** [מעוואַסער] זיין — אָנזאָגן. מבשר טוב זיין, מבשר זיין בשורות טובות. קול מבשר — די שטים פון דעם אָנזאָגער (סידור).

**מגביל** [מאַגביל] זיין — אָפּגרענעצן, באַשטימען. מגביל זיין דעם זמן החתונה אין צוויי וואָכן אַרום.

I. **מגדל** [מיגדל] — טורעם (בראשית יא ד). מגדל בבל — דער טורעם פון בבל. מגדל פורח באוויר — לופטשלאָס (תלמודיש).

II. **מגדל** [מעגאַדל] זיין — אויסהאָדעווען. מגדל זיין אַ קינד לתורה לחופה ולמעשים טובים (סידור). מגדל ומנשא זיין — דערציען און אויסגעבן.

**מגדף** [מעגאַדעף] — לעסטערער. מחרף ומגדף (תהלים מד יז).

**מגו** זע מיגו.

**מגוזם** איבערטריבן, זע מגזם.

**מגולגל** ווערן — פון אַ נשמה: איבערגיין אין אַן־אַנדער קערפּער (זע גילגול). אדם׳ס נשמה איז מגולגל געוואָרן אין דוד המלך און וועט מגולגל ווערן אין משיח׳ן (אד״ם = אדם דוד משיח). די נשמות פון בעל־עבירה׳ניקעס וועלן מגולגל ווערן אין בהמות וחיות. דעם ייִדנס תורה איז

מגולגל געוואָרן אין אייניקל. ער איז מגולגל געוואָרן קיין בערלין. זע נתגלגל.

**מגולה** — אַנטפּלעקט, אָפן (משלי כז ה). זע מגלה זיין.

**מגולח מגולחים** [מעגולאָכים] — אַ ראַזירטער (ירמיה מא ה).

**מגומגם** — געשטאַמעלט. זע מגמגם.

**מגונב** אין: גנב מגונב (סופּערלאַטיוו פון «גנבא»).

**מגונה** — שענדלעך, העסלעך. דבר מגונה — אַ שענדלעכע זאַך (תלמודיש). ס'איז אַ מידה מגונה.

**מגושם** — מאַטעריעל, קערפּערלעך, פעט (פון «גשמי»). „מ'דאַרף זיך אַביסל מאַטעריאַליזירן... ווערן פּשוטער און, אַז איר ווילט אַפילו מגושם'דיקער, נישט גראָב, נאָר מגושם'דיק" (מענדעלע). אַ מגושם'דיקער דייטש, אַ מגושם'דיקע נאָז. „מגושמ'דיקע שטיוול" (מענדעלע). זע גשמות.

**מגזם** [מעגאַזעם] זיין — איבערטרייבן. „איך בין אייך נישט מגזם אויף אַ האָר" (שלום עליכם). בעל־מגזם. זע גוזמא.

**מגיד** [מאַגיד] — 1. ער זאָגט, (תהלים יט ב). זיי שומע וואָס דער ערל איז מגיד (פאַרשטעלטע שפּראַך). 2. אַ זאָגער. דער מגיד זאָגט דרש'עט. נקיבה: מגידית, מגרית'טע, מגיד'יכע (העברייאיש: מגדת, אסתר פ כ). 3. ביי די מקובלים: אַ מלאך, וואָס קומט זאָגן די צוקונפט.

**מגידות** — דאָס אַמט פון מגיד.

**מגיה** [מאַגיאַ], מגיהים — קאָרעקטאָר. בעל מגיה. זע הגהה.

**מגייר** [מעגאַ יער] זיין — מאַכן פאַר אַ גר. זע מתגייר.

**מגילה, מגילות** — 1. אַ גראָלטער ספר. די חמש מגילות: שיר השירים, רות, איכה, קהלת, אסתר. אַ גאַנצע מגילה. 4. די מגילת אסתר. לייענען די מגילה, מיטן פולן בויך צו דער מגילה.

**מגין** [מעיגין] זיין — פאַרטיידיקן. מגין הדור — דער וואָס פאַרטיידיקט זיין דור. זיין זכות זאָל אונז מגין זיין.

**מגיע** [מאַגיאַ] — דאָס וואָס דערגרייכט, וואָס געהערט עמיצן. אַ מגיע־צעטל — אין וועלכן עס שטייט: „מגיע ממני לפלוני" — פון מיר געהערט דעם און דעם...

**מגיפה** [מאַגײפע], **מגיפות** — עפּידעמיע (במדבר יז יג). זאָל אויף אים אָנקומען אַ מגיפה (אַ קללה).

**מגלגל** [מעגאַלגל] זיין — אַרופקייקלען. מגלגל זכות זיין, מגלגל שבועה זיין, מגלגלין זכות על ידי זכאי — אויף אַ גערעכטן לייגט מען אַרויף זכות (תלמודיש).

**מגלה** [מעגאַלע] זיין — אַנטפּלעקן. מגלה סוד זיין (משלי יא יג). אין מגלין אלא לצנועין — דאָס אַנטפּלעקט מען נאָר פרומע לייט. מגלה טפח ומכסה טפחיים — דעקט אויף איין טפח און פאַרדעקט צוויי. מגלה פנים בתורה (שלא כהלכה) — פריי דערקלערן די תורה (תלמודיש). מגלה עמוקות (איוב יב כב) — דער וואָס אַנטפּלעקט טיפענישן.

**מגלימא דעל כרביה** — פון מאַנטל וואָס איז אויף זיינע פּלייצעס (תלמודיש).

**מגמגם** [מעגאַמגעם] — שטאַמלען.

**מגן** (בראשית טו א) — שילד. מגן אבות T. מגן דוד [מאָגן־דאָוויד] — אַ געוויסער צייכן.

**מגנה** [מעגאַנע] זיין — אַרונטערמאַכן, פאַרהעסלעכן. זע מגונה.

**מגע** [מאַגע] — באַרירונג. מטמא זיין במגע ובמשא (ויקרא יא כב כח) — דורך באַרירונג און טראָגן. מגע ומשא [מאַגעמאַסע] — „באַרירונג און טראָגן” (סיבות פון טומאה). האָבן מיט עמיצן (אדער מיט עפּעס) אַ מגע ומשא — אַ באַציאונג.

**מגפה** זע מגיפה.

**מגרש** [מעגאָרעש] זיין — אפּ׳גט׳ען אַ ווייב. בעל מגרש — דער וואָס גט זיך מיט דער ווייב.

**מדאורייתא** [מידאָראיסע] — פון דער תורה ( = מן התירה). דאָס איז אַ מיצווה מדרבנן, ניט מדאורייתא.

**מדבר** [מידבער], **מדבריות** [מידבאָריעס ◡ — ◡ ◡] — ווּיסטעניש (שמות ג א). פאַרשטאַרקט: ס׳איז אַ מדבר שמם!

**מדה** זע מידה.

**מדובר** (תהלים פז ד) — פון וואָס אָדער פון וועמען מע רעדט, דער אָביעקט. דער מדובר, די מדוברת (אין אַ שידוך, לויט שיר השירים ח ח) דאָס אָפּגערעדט׳ע. כפי דעם מדובר, כפי המדובר—ווי ס׳איז אָפּגערעדט. „מכוח מיין עסן איז דער מדובר געווען אַזוי” (מענדעלע).

**מדווה** (דברים ז טו) — קראַנקהייט.

**מדויק** — גענוי דורכגעזועען. ספר מדויק, נוסח מדויק — אַ דורכגעזועענער (קאָריגירטער) בוך, נוסח. זע מדייק.

**מדולדל** אין אבר מדולדל — אַנאבר, וואָס איז ניט פעסט פאַרבונדן מיטן גוף.

**מדומה** — איינגעבילדעט. כבוד המדומה — איינגעבילדעטער כבוד — (זע מדמה). כמדומה — ווי עס זעט אויס, כמדומה לי, כמדומה אני — ווי עס ווייזט מיר אויס (תלמודיש).

**מדוע** (בראשית כו כז) — פאַר וואָס?

**מדוקדק** — גענוי דורכגעזועען. זע זע מדקדק.

**מדורי גיהנם** — די קרייזן פון גיהנם, זע גיהנם.

**מדחה** [מאַדחע] זיין — אָפּליי̆גן. מדחה זיין דעם תענית צוליב שבת. „איך האָב אים אַלץ מדחה געווען און געצויגן ביז עס איז נאָר מעגלעך געווען” (מענדעלע). דוחה, נדחה.

**מדי חודש בחדשו** (ישעיה סו לג) — מאָנאַטלעך. מדי יום ביומו — טעגלעך. מדי שבת בשבתו — וועכנטלעך. מדי שנה בשנה (זכריה יד טז) — יערלעך.

**מדידה מדידות**, — דאָס מעסן. חכמת המדידה — געאָמעטריע.

**מדיח** אין מסית ומדיח — פאַרפירער. זע מסית.

**מדייק** [מעדאַיעק] זיין -- גענוי באַטראַכטן, דערזעען. זע מדויק.

**מדינה, מדינות** (אסתר א א) — 1. פראָווינץ. וווּיטע מדינות, מדינות הים. אויספאָרן אַ מדינה. מכת מדינה — אַ לאָקאַלע מכה, זי פירט מיט אים די מדינה (פיגוראל) 2. הויפּטשטאָט. דענעבורג איז געוואָרן אַ מדינה!

**מדמה** [מעדאַמע] זיין — זיך פאָרשטעלן. כוח המדמה — איינבילדונגסקראַפט. זע מדומה. אדמך אבנך ולא ידעתיך — איך שטעל זיך דיך פאָר, איך רוף דיך אַ נאָמען און איך קען דיך ניט (סידור).

**מדע** [מאַדע] — װיסנשאַפט. מאמר מדע, מאמר מדעי — װיסנשאַפטלעכער אַרטיקל.

**מדפיס** [מאַדפּיס], **מדפיסים** — דרוקער. זע דפוס.

**מדקדק** [מעדאַקדעק] זײַן — גענוי אויסרעכענען. ער איז מדקדק כחוט השערה — רעכנט אויס אויף אַ האָר (תלמודיש). זײַ זײַנען ניט שטאַרק מדקדק בײַם מתחתן זײַן זיך מיט גויעס. 2. אַ גראַמאַטיקער, אַ בעל דיקדוק, רבים מדקדקים.

**מדרבנן** [מידעראַבאָנען] — פֿון אונזערע לערער (היפך: מדאורייתא). אַ מיצווה מדרבנן. זע רבנן.

**מדריגה** [מאַדרעיגע], **מדריגות** — אַ שטײַג (יחזקאל לח כ). גײַן ממדריגה למדריגה, מדריגות־װײַז. ער האָט געבראַכט דאָס געשעפֿט אויף אַ הויכע מדרגה. בשפל המדריגה — אויף דער ניִדעריגסטער מדריגה.

**מדריך** [מאַדריך] זײַן — דערציִען. מדריך זײַן אַ קינד אין אידישקייט, אין תורה, אין מידות. מדריך, מדריכים — דערציִער.

**מדרש** [מעדרעש], **מדרשים** [מידראָשים] — 1. דערקלערונג. לא המדרש עיקר אלא המעשה — ניט די טעאָריע איז װיכטיג, נאָר די פּראַקטיק (תלמודיש). 2. טיטל פֿון אַ בוך. מדרש אגדה, מדרש רבה, מדרש תנחומא א. אנד.

**מה** — װאָס. מה שהיה (קהלת ג טו) — װאָס איז געװען. מה אני בחינם אף אתה בחינם — װי איך אומזיסט, אַזוי אויך דו אומזיסט (תלמודיש).

**מה אנו ומה חיינו** [מאַנעמעכאַיעינו] — „װאָס זײַנען מיר און װאָס איז אונזער לעבן? (סידור).

**מה בכך** — װאָס איז אין דעם? דברים של מה בכך — פּוסטע זאַכן (תלמודיש).

**מה דאך**... אַ פּשיטא זע כל והומר.

מה דקאמרי רבנן זע מאי.

מה הועילו חכמים בתקנתם — װאָס האָבן די חכמים געהאָלפֿן מיט זייער תקנה? (תלמודיש).

**מה טוב** — װי גוט. דבר בעתו מה טוב (משלי טו כג) — אַ װאָרט אין צײַט איז װי גוט. אויב אַזוי איז איז דאָך נוה טוב. מה טוב ומה נעים (תהלים קלג א) — װי גוט און זיס.

**מה טובו** T. די ערשטע תפילה פֿון שחרית. אָנהויבן פֿון מה טובו. „מען האָט אים גענומען װידער־אַמאָל פֿון מה טובו באַטראַכטן אין דער לײַנג און אין דער ברייט“ (שלום עליכם)

מה יום מיומים — װאָס איז הײַנט מער פֿון אַלע טעג? (תלמודיש).

מה ילד יום (משלי כז א) — װאָס װעט פּאַסירן דעם טאָג. מען װייסט ניט מה ילד יום.

מה יעשה הבן שלא יחטא — װי איז מעגלעך אַז דער זון זאָל ניט זינדיקן (תלמודיש, פֿון אַ זון, װאָס זײַן פֿאָטער האָט אַלץ געמאַכט, כדי ער זאָל זינדיגן). אַ „מה יעשה׳ניק“ (שלום עליכם).

**מה יפית** [מאַ אַפּיס] T. מה יפית־טאַנץ.

מה יקר (תהלים לו ט) — װי טײַער.

מה יתאונן אדם חי (איכה ג לט) — װאָס באַקלאָגט זיך אַ לעבעדיגער מענטש? זע מתאונן.

מה לי הכא מה לי התם — װאָס איז מיר דאָ, װאָס מיר דאָרט? (תלמודיש).

מה לכוהן בבית הקברות — װאָס האָט אַ כוהן צו זוכן אויף דעם בית הקברות? (תלמודיש)

מה לנו ולצרה הזאת — וואָס גייט אונז אָן דידאָזיקע צרה (תלמודיש).

מה נאכל (ויקרא כה כ) — וואָס וועלן מיר עסן. בלייבט נאָך די קשיא מה נאכל.

מה נאמר ונדבר (בראשית מד טז) — וואָס קענען מיר זאָגן?

מה נדבר ומה נצטדק (בראשית מד טז) — וואָס זאָלן מיר זאָגן און מיט וואָס אונז רעכטפערטיגן?

מה נפשך זע ממה נפשך.

מה נשתנה ד' דער חכם פון דער מה נשתנה (ריכטיגער: פון הגדה).

מה ענין שמיטה אצל הר סיני — וואָס קערט זיך אָן איינס צום אַנדערן? (תלמודיש). זע סמיכות הפרשה.

מה עשה הקב״ה — וואָס האָט גאָט געמאַכט? (תלמודיש).

מה עשית (בראשית א ד) — וואָס האָסטו געמאַכט? ואלה הצאן מה עשו (שמואל ב׳ כד יז) — אין די שעפעלעך, וואָס האָבן זיי געמאַכט (ד. ה. וואָס זיינען זיי שולדיג).

מה פשעי מה חטאתי (בראשית לא לו) — וואָס האָב איך געזינדיגט?

מה רעש [ר אש] — וואָס איז דער טומל?

מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל — די צייט מאַכט מער פון דעם שכל.

מה שמך (בראשית לב כח), מה שמכם [שמייכעם] — ווי איז דיין (אייער) נאָמען?

מה שנעשה (קהלת א יג) — וואָס איז געמאַכט.

מהאי טעמא — דערפאַר. זע האי.

מהדר [מעהאדער] זיין — שיין מאַכן.

מהדר זיין אַ מצווה — מקיים זיין אַ מיצווה אויפן שענסטן אופן.

מהדרין — די וואָס זיינען מהדר אַ מיצווה (פאַרשטאַרקט מהדרין מן המהדרין (תלמודיש). דער אתרוג פּאַסט אַפילו למהדרין מן המהדרין זע הידור.

מהדורה, מהדורות — איבערחזורונג, אויסגאַבע.

מהוגן, מהוגנים = הגון.

מהודר, מהודרים — שיין, מהודרדיק. זע מהדר.

מהול [מאָהול], מהולים — אַ גע'מליטער. נולד מהול (תלמודיש).

מהולל, מהוללים, נקיבה: מהוללה — געלויבט. לבתי המהוללה (אין בריוו).

מהומה, מהומות (דברים ז כג) — טומאַטאָכעס.

מהופך — פאַרקערט.

מהות [מאָהוס] (פון „מה") — וועזן, וויכטיקייט. די מהות פון דער שאלה.

מהיום והלאה (שמואל א׳ יח ט) — פון היינט אָן. זע מכאן.

מהיכא תיתי [מעיכעטיטיסע, מאַכעטעיסע] — „פון וואַנען קומסטו?" פאַרוואָס ניט. „אָפּדרייען יענעם דעם קאָפּ — דאָס מהיכא תיתי, אָבער נישט קריכן יענעם אין קעשענע" (שלום עליכם) אַנדערע דערקלערן „מאַכטעיסע" פון סלאַוויש: моя утѣха.

מהימן (דניאל ה ו) — באַגלויבינט (תרגום פון „נאמן"). איש מהימן.

מהירות — איילעניש. במהירות — אין איילעניש.

מהלך (יונה ג ג) — אַ גאַנג. אַ מהלך פון הונדערט מייל. „דער מהלך צווישן אים און דעם פלעמל ווערט אַלץ לייננער (פרץ). דער גרויסער מהלך וואָס שיידט זיי פאַנאַנדער. אַ ביסל אַ מהלך! זע מרחק.

מהנה [מעהאנע] זיין — שאַפן נוצן, הנאה. כדי מהנה צו זיין דעם עולם.

נהנה ומהנה — דער וואָס האָט נוצן
און ברײנגט נוצן (תלמודיש). „זי איז
זיך דערמיט שטאַרק מהנה״ (מענדעלע).

I. **מהפך** [מעהאפעך], **מהפכים** — דער
וואָס קערט אום. עני המהפך בחררה
— אַן־אָרעמאַן וואָס קערט אום אַ
לײבל ברויט״ (ד. ה. האָט זיך זײן
פּרנסה) (תלמודיש) מהפכין הסדר
— מע קערט אום דעם סדר
(קאַטאָוועס).

II. **מהפך** [מאַיפעך] — פון די טראָפּ־צײכנס.

**מהפכה** [מאַפעיכע], **מהפכות** — אומ־
קערעניש, רעוואָלוציע.

**מהרה** (דברים יא יז), במהרה (קהלת ד יב)
— גיך. במהרה בימינו — גיך אין
אונזערע טעג (סידור).

**מהרהר** זײן — נאָכרײנקען. דעם
גאַנצן טאָג מהרהר געווען. זע
**הירהור.**

**מהר״ם** = מורינו הרב רבי מאיר.

מהרסיך ומחריביך ממך יצאו (ישעיה מט יז)
— דײנע צעשטערער וועלן אַרויס־
קומען פון דיר אַלײן.

**מהרש״א** = מורינו הרב רבי שמואל
אידלש.

**מואב N.**

**מובהק** — גלענצנד, קלאָר. סימן
מובהק — אַ קלאָרער סימן. רב
מובהק — אַ באַרימטער רב
(תלמודיש). לכבוד החכם המובהק
(אין בריוו).

**מובחר, מובחרים** — אויסגעקליבן.
מיצוה מן המובחר — די בעסטע
מיצווה. ברענגען מן המובחר — פון
בעסטן. סופּערלאַטיוו: מובחר מן המובחר,
מובחר שבמובחר (תלמודיש).

**מובטח** זײן — זיכער. מובטח לו
שהוא בן עולם הבא. מובטחני [מובטאַכאַני]
— איך בין זיכער (תלמודיש).

**מובן, מובן מאליו** — ס׳פאַרשטײט
זיך. כמובן — ווי ס׳פאַרשטײט זיך.

**מודה** זײן — באַקענען, צוגעבן.
ומודה ועוזב ירוחם (משלי כח יז)
— ווער יעס באַקענט (זײן זינד)
און הערט אויף, ווערט באַגנעדיגט.
מודה בקנס פּטור — ווער עס
באַקענט זײן שולד, איז פּטור פון
קנס (ד. ה. פון שטראָף, וואָס בית
דין לײגט אַרויף אַ חוץ דעם היזק)
(תלמודיש). ער איז אַ מודה במקצת
— ער באַקענט אַ טײל (פון זײן
שולד). איך בין זיך מודה ומתודה
(פאַרשטאַרקט). **מודה אני T. מודים
T.** זע **מוזיאה.**

**מודיע** זײן — באַנאַכריכטיגן, באַקאַנט
מאַכן. (ישעיה מז יג). איך בין מודיע
בשער בת רבים (לויט שיר השירים ז ה).

**מודעה** [מאָדאָע], **מודעות** — 1. דער־
קלערונג. מוסר מודעה זײן — דער־
קלערן. מודעה בפני שנים — אַ
דערקלערונג פאַר צוויי עדות (תלמודיש).
מודעה רבה — אַ גרויסע דערקלע־
רונג. 2. אַנאָנס דרוקן אַ מודעה
אין דער צײטונג.

**מו״ה, מוהר״ר** = מורינו הרב רבי.

**מוהל, מוהלים** — דער וואָס איז
מל. זע **מל.**

**מוות** זע **מור.**

**מוותר** [מעווטער] זײן — מוחל זײן
אויף זײן רעכט. אַ בכור קען מיותר
זײן אויף זײן חלק (תלמודיש). אויף
דעם טאָר מען ניט מוותר זײן. זע
**וותרן.**

**מוח, מוחות** — געהירן (איוב כא כד).
אין לו מוח בקדקדו — ער האָט
ניט קײן געהירן אין קאָפּ
(תלמודיש, אויף אַ נאַר). „מע האָרכט
די געשיכטע מיט קאָפּ און מיט

מות" (שלום עליכם). אַנ־אָפּענער מוח, דער מוח קערט זיך איבער, דער מוח איז אים ניט אויסגעראַרט, ענג אין מוח. דרייען אַ מוח, אָנזייפן אַ מוח, צוואָגן אַ מוח, פּאַרטומלען די מוחות, פּלעטן (שפּאַלטן) דעם מוח (למודיש: מפציעין את מוחו)."אַ בעל מוח, אַנ־אייזערנע קאָפּ".

**מוחה** זיין — פּראָטעסטירן (תלמודיש). זע **מחאה**.

**מוחזק** — אָנערקענט, איבערצייגט (תלמודיש). זע **חזקה**.

**מוחל** זיין — 1. פאַרגעבן, פאַרצייען. מוחל במחילה גמורה — גאַנץ פאַרצייען. מוחל עיונות — דער וואָס איז מוחל זינד (אין סידור טיטל פון גאָט, אין קאַטאָוועס: פון אַ גלח). כ׳בין דיר מויקל (פאַראַדיע אויף: מוחל). 2. זיך אָפּזאָגן. איך בין מוחל די טובה — איך זאָג זיך אָפּ פון דער טובה, איך בין מוותר אויף די טובה. הרב שמחל על כבודו כבודו מחול, המלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול — אַ רב מעג מוותר זיין אויף כבוד, אַ מלך טאָר ניט (תלמודיש). זע **מוותר**.

**מוחלט** — אַבסאָלוט, אויסגעשפּראָכן. מצורע מוחלט — אַ מצורע וואָס איז דערקלערט פאַר אַ מצורע (תלמודיש). אַ שונא מוחלט. זע **החלטה**, **לחלוטין**.

**מוחלפת השיטה** — פאַרקערט (תלמו־דיש).

**מוחרם** — וואָס איז אַריינגעלייגט אין חרם.

**מוטב** — בעסער. מחזיר למוטב זיין — בעסער ווערן. מוטב שיהיו שוגגין ואל יהיו מזידין — בעסער זיי זאָלן זינדיגן בשוגג איידער במזיד (תלמודיש).

**מוטל** — עס ליגט. "בכן איז אויף מיר מוטל אייך צו מעלדן" (מענדעלע). מוטל בספק — עס ליגט אין ספק, עס איז צווייפלהאַפט.

**מוכחש** — אָפּגעלייקנט, אָפּגערופן. עד מוכחש — אַנ־עדות, וואָס ס׳איז באַוויזן, אַז ער זאָגט ליגן. זע **מכחיש**.

**מוכן** — גרייט (משלי כא לא). תלמודיש: דאָס וואָס איז צוגעגרייט אויף שבת. הנני מוכן ומזומן — איך בין גרייט (סידור).

**מוכר** — פאַרקויפער. בקונה כמוכר (ישעיה כד ב) — דער קויפער ווי דער פאַרקויפער. הקונה אל ישמח והמוכר אל יתאבל (יחזקאל ז יב) — דער קויפער זאָל זיך ניט פרייען און דער פאַרקויפער ניט טרויערן. דין הסוחר וצין המוכר — ביידע פרייען זיך (קאַטאָוועס, געטומען פון זמירות). מוכר ספרים—בוכהענדלער. מענדעלי מוכר ספרים (פסיידאָנים פון מ. אַבראַמאָוויטש). מוכר תבואה — געטריידע־הענדלער.

**מוכס**, **מוכסים** — שטייערארײַנגע־מער. סתם מוכסין גזלן — געוויינ־טלעך איז אַ שטייעראיינעמער אַ גזלן (תלמודיש).

**מוכסן** — אַרענדאַר, שיינקער.

**מוכרח** — נויטווענדיק, זע **מכריח**.

**מוכשר** — באַפייאיגט, באַרעכטיגט. ער איז מוכשר צו מאַכן עפּעס.

**מופת** עץ — אַ פאַרוואונדעטע בתולה (תלמודיש).

**מולד**, **מולדות** — ניימאָנד. לוח המולדות — טאַבעלע פון ניימאָנדן. בשעת ראש חודש בענטשן מוז מען וויסן דעם מולד.

**מוליד** (ישעיה סו ט) — דער וואָס מאַכט געווינען אַ קינד.

**I. מולך** — דערוואָס קעניגט. (אסתר א א). מולך בכיפה — דער וואָס קעניגט איבער די גאַנצע וועלט. זע כיפה.

**II. מולך** N (ויקרא יח כא).

**מום** — אַ פעלער. אשר בו מום לא יקרב (ויקרא כא יז) — אַ כוהן מיט אַ מום (אַ בעל מום) איז פסול מקריב צו זיין קרבנות. אָנמאַכן יענעם אַ מום. כל מום רע (דברים טו כא) — „יעדער בעל מום איז אַ שלעכ־טער" (אַ פשט'ל אַזאַ). מום שבך אל תאמר לחברך — דיין אייגענעם פע־לער זאָלסטו יענעם נים פאָרוואַרפן. פוסל במומו — ער איז יענעם פוסל מחמת דעם מום, וואָס ער האָט אַליין (תלמודיש).

**מומחה מומחים** — אויטאָריטעט, ספעציאַליסט (היפך: הדיוט). רופא מומחה — אַ דאָקטאָר אַ קענער. אַ מומחה אין לשונות. מומחה'טע, מומח'נטע.

**מומר, מומרים** — אַ משומד. ישראל מומר. מומר להכעיס — אַ משומד אויף צו להכעיס (וואָס טוט להיפך פון די מצוות).

**I. מונח** — „וואָס ליגט". וואָס איז אָנגע־נומען. כבודו במקומו מונח — זיין כבוד ווערט נים גערירט. אַ מונח. כמו שמונח — ווי עס פירט זיך. זע הנחה, נניה.

**II. מונח** — פון די טראָפ־צייכנס.

**מוסגר** — איינגעשלאָסן. מצורע מוסגר אַן איינגעשלאָסענער מצורע (אויף פראָבע. היפך: מצורע מוחלט) (תלמודיש). מאמר המוסגר — אַ זאַץ אין קלאַמער.

**מוסד, מוסדות אָדער מוסדים** — אינסטיטוציע, אַנשטאַלט (ישעיה כח טז). פאַרמאַכן אַלע מוסדות התורה. מוסדות החינוך — דערציאונגס־אַנ־שטאַלטן. מוסדות צדקה — צדקה־אַנשטאַלטן.

**מוסיף זיין** — צולייגן, פאַרמערן. מוסיפין מחול על הקודש — מע לייגט צו פון נים הייליקן צום הייליקן (תלמודיש). זע הוספה.

**מוסכם ווערן** — איינשטימען, אָפּמאַכן. „איך בין מוסכם אָנצושרייבן" (מענדעלע). במוסכם — מיט אָפּמאַכונג. כמסכם — ווי ס'איז אָפּגעמאַכט.

**מוסמך, מוסמכים** — וואָס האָט סמיכות, אַ בר סמכא. אַלס אַקער־בוער זיינען אידן קליינע מוסמכים. זע סמיכה.

**מוסף, מוספים** T. בעל מוסף.

**I. מוסר** — אַ לערע. קחת מוסר (ירמיה ה ג), קבל מוסר (משלי יט כ) אַראָפּנעמען אַ מוסר. שבט מוסר (משלי כב טו) אַ שטראָף־לערע. מוסר השכל (משלי א ג) — די מאָראַל פון אַ געשיכטע. מוסר'ן עמיצן. אוים־מוסר'ן, מוסר־ניק.

**II. מוסר זיין** — איבערגעבן. מוסר זיין עמיצן צום מלכות — מסר'ן. מוסר מודעה זיין — דערקלערן עפנטלעך. מוסר נפש זיין — איינ־שטעלן דאָס לעבן. זע מסירה, מסור.

**III. מוסר** [מאָסער], **מוסרים** — דער וואָס מסר'ט (תלמודיש ווערט אויך געשריבן מסור). זע מסירה.

**I. מועד** — 1. אַ יום טוב (ויקרא כג ב) חול המועד זע חול. 2. אוהל מועד — (שמות כט מב). מועד קטן T.

**II. מועד** — געוואָרנט אין שור המועד — אַ שטויסנדער אָקס (לויט שמות כא כט). היפך: שור תם.

**מועט** — ווייניק. מועט מחזיק את המרובה — דאָס ווייניקע וואָס אַנטהאַלט פיל. מכתפק במועט — וואָס בעגניגט זיך מיט ווייניק (תלמודיש).

**מופלא** — אויסגעצייכנט, וואונדערבאַר (פון «פלא». מופלא שבבית דין — דער הויפט מיטגליד פון בית דין. (תלמודיש). במופלא ממך אל תדרוש — וואָס איז פאַרבאָרגן פון דיר זאָלסטו ניט פאָרשן (תלמודיש פון בן סירא). ווערט אָפט פאַרביטן מיט «מופלג».

**מופלג מופלגים** — אָפגעטיילט, אויסגעצייכנט דורך חכמה. זקן מופלג, חכם מופלג - אַן־אויסגעצייכנטער געלערטער. להרבני המופלג (אין בריוו) די אַלטע ישיבות האָבן אַרויסגעגעבן גרויסע רבנים און מופלגי תורה.

**מופקר, מופקרים**, נקיבה: מופקרת, מופקרות — געמאַכט צו הפקר (פון אַ משומד, אַ צעלאָזן קינד, אַ זונה).

**מופרך** — וואָס האָט אַ ווידערשפּרוך. זע פירכא.

**מופת, מופתים** — 1. אַ נס. אותות ומופתים (דברים ו כב) — צייכן און וואונדער. בעל מופת — וואונדערמאַכער (פּאַראָדירט: בעל טינופת). 2. מוסטער. זיין (שטעלן) למופת — פאַר אַ מוסטער (יחזקאל כד כז). מופת חותך — אַ שניידיקער באַווייז. באַווייזן באותות ובמופתים.

**מוצא** — דער וואָס געפינט. כמוצא שלל רב (תהלים קיט קסב) — ווי דער וואָס געפינט אַ סך זאַק־רויב. מצא או מוצא זע מצא.

**מוצאי** [מָצע] — אויסגאַנג פון... סוף פון... מוצאי שבת קודש, מוצאי יום טוב — דער סוף פון שבת, פון יום טוב.

**I. מוציא** — דער וואָס ברענגט אַרויס. מוציא דיבה, מוציא לעז, מוציא שם רע זיין — פאַרליימדן (זע דיבה, לעז, שם). מוציא זרע לבטלה זע זרע. מוציא לאור — פאַרלעגער. מוציא מכוח אל הפועל — פאַרווירקלעכן.

**II. מוציא** זיין — באַפרייען פון אַ רעליגיעזן חוב זע יוצא 2.

**III. מוציא T.** [מאָצי] — די ברכה „המוציא מן הארץ". מאַכן אַ מוציא. אַ מוציא מיט האָניק. עס קלעקט ניט די חלה אויף אַ מוציא.

**מוצלח, מוצלחים** — גליקלעך (תלמודיש). „איר זייט ב"ה אַ מזלדיקער אַ מוצלח" (מענדעלע).

**מוציץ** — דער וואָס מאַכט די מציצה (זע).

**מוצש"ק** = מוצאי שבת קודש.

**מוקדם** — פאַראויסגערוקט פריער (היפך: מאוחר). תענית מוקדם, שטר חוב מוקדם, ריבית מוקדמת — אַ תענית, אַ שטר טוב, וואָכער פאַר דער צייט. אין מוקדם ומאוחר בתורה — די געשעענישן אין דער תורה זיינען ניט לויטן כראָנאָלאָגישן סדר.

**מוקף** — דאָס וואָס רינגלט אַרום. נעמען מן המוקף, שלא מן המוקף — ניט פון דער סביבה (תלמודיש). אָוקף גויל — וואָס האָט אַרום און אַרום פאַרמעט (פון אותיות, וואָס זיינען זיינען ניט פאַרבונדן איינער מיט דעם אנדערן).

**מוקצה** — „אָפּגעטיילט" פון שבת מוקצה מחמת מיאוס — ס'איז מוקצה ווייל מיאוס (תלמודיש). אַ שער איז מוקצה מחמת איסור.

**מוקשה** — שווער. די תוספות איז מיר מוקשה'דיק׳ כולו מוקשה (לויט שמות כה לו: כולה מקשה אחת) — דאָס גאַנצע איז קשה. זע קשה.

**מוקיר** — דער וואָס האַלט טייער. מוקיר רבנן, מוקיר שבת — דער וואָס ערט רבנים, שבת (תלמודיש).

**מורא**—שרעק, פחד, אימה (מלאכי ב ח). ויהא מורא שמים עליכם — די מורא פאַר גאָט זאָל זיין אויף אייך (תלמודיש). מורא האָבן, א בייזע מורא אויף אים (א קללה). מורא'דיק.

**מורגש** — וואָס מע פילט מיט די חושים. אין דיקדוק: נח מורגש — אַ שוא נח וואָס מע זעט.

**מורד, מורדים** — א בונטאָוושטשיק. מורדי אור (איוב כד יג) — די וואָס שטייען אויף קעגן דאָס ליכט, פינצטערלינגע. מורדי במלכות (נחמיה ב יט: העל המלך אתם מורדים). אַ מורדת (אין תלמוד: חמוהדח על בעלח) — אַ ווייב וואָס געהאָרכט ניט איר מאַן. זע מורד, מרידה.

**מורה, מורים**— לערער. ונביא מורה שקר (ישעיה ט יד) — דער נביא אַ פאַלשער לערער. מורה דרך, מורה צדק — טיטל פון אַ רב, פון אַ מגיד. מורה הוראה [מאָרעראָע] — לערער אין אַ ישיבה (פאַראַדירט: חיה רעה). מורה הוראה בישראל — אַ מורה הוראה באַ אידן (תלמודיש). מורה הלכה בפני רבו — דער וואָס איז מסביר פאַר זיין לערער (אַ חוצפה). מורי, מורינו — מיין לערער, אונזער לערער. לכבוד אבי מורי (אין בריוו) צו מיין פאָטער. מורינו הרב רבי (מו״ה, מוה״ר) — אונזער לערער הרב... מורה מורינו טיטל. זע מורינו. מורה נבוכים T.

**מוריד** זיין — אראָפּנידערן (היפך: מעלה זיין). לא מעלה ולא מוריד — ס'איז ניט מעלה און ניט מוריד — ס'העלפט ניט און שאַדט ניט. מעלין בקודש ולא מורידין — הייליגע זאַכן הייבט מען אין ווערט, און ניט מע נידערט (תלמודיש).

**מורינו** [מאָרעינו] — „אונזער הער״ (מיט־אַלטלעכער אויסלייג, אנשטאָט: מרינו) אָדער — „אונזער לערער״, אַ טיטל. מורינו הרב רבי (אין בריוו). „צו דער תורה פלעגט מען אים אויפרופן „החבר״, נישט קיין „מורינו״ (מענדעלע). שיינער מורינו מיינער! ער איז דער זעלביגער מורינו ווי N, ניט קיין גרעסערער מורינו (ניט מער מורינו) פאַר N. מורה מורינו — טיטל זע מורה.

**מורכב** -- צוזאַמענגעזעצט. אין דיקדוק: פעל מורכב (אָדער: מְרכב) — אַ צוזאַמענגעזעצטער ווערב.

**מורשה מורשים** — באַפולמעכטיגער זע הרשאה.

**מושב, מושבות** — 1. וואָהנאָרט, בכל מושבותיכם (שמות יב כ) — אין אַלע אייערע וואָהנערטער. תחום המושב — דער תחום, וואו אידן האָבן געמעגט וואָהנען אין רוסלאַנד. מושב הכמרים — קלויסטער. 2. מושב לצים (תהלים א א) — וואו עס זיצן לצים. מושב זקנים — אַ באַגאדעלנע פאַר אַלטע לייט. 3. אייפעמיזם פאַר בית הכסא.

**מושגה** ווערן — מוסכם ווערן. מע וועט צווישן זיך מושווה ווערן. איך בין מושווה געוואָרן אויף הונדערט רובל. זע שווה.

**מושיע** — העלפער (שופטים ג טו)

**מושך** — ציט־אָן. מושך את הלב — ציט צו דאָס הארץ (תלמודיש). כוח המושך — אַנציאונגקראַפט.

**מושכל מושכלות** — באַגריף. מושכל ראשון — אקסיאָמע.

**מושל, מושלים** — הערשער. מושל ברוחו (משלי טז לב) — זעלבסטבאַ־הערשנדיקער. מושל עמים (תהלים קה כ) — דער וואָס באַהערשט פעלקער. מושל בכיפה — אַ הערשער איבער די גאַנצע וועלט. זע כיפה.

**מושלם** — פולקאָם. מושלם בכל המעלות — אַ מענטש מיט אַלע מעלות (תלמודיש). להרבני המושלם (אין בריוו).

**מות** [מאָוועס] — טויט. החיים והמות (דברים ל יט) — לעבן און טויט. כפשע ביני ובין המות (שמואל א׳ כ ג) — נאָר אַ שריט איז צווישן מיר און דעם טויט. חטא מות (דברים כב כו) — טויט־זינד. אימת מות — טויט־שרעק (תהלים נה ה). חבלי מות (תהלים קטז ג) — ליידן פון טויט. מות וחיים בידי לשון (משלי יח כא) — טויט און לעבן איז ביי דער צונג. כי עזה כמות אהבה (שיר השירים ח ו) — די ליבע איז שטאַרק ווי דער טויט. מלאך המות. סם המות—גיפט. שנאת מות — טויט־פיינטשאַפט.

**I. מותר** [מוטער] — דערלויבט (היפך: אסור). זע מתיר.

**II. מותר, מותרות** — איבעריק. אך למותר (משלי כא כ) — ס׳איז אי־בעריק. „אדוני מלך! נא דאָס מותר געלד און לאָמיך... נעמען די סחורה" (מענדעלע) דאָס איז ניט קיין מותרות. קיין לוקסוס. אהבת המותרות — די ליבע צו לוקסוס־זאַכן.

**מזבח, מזבחות** — (בראשית ח כ). בונה מזבח לעצמו — ער בויט אַ מזבח פאַר זיך (תלמודיש).

**מזג** (שיר השירים ז ג) — געמישטער וויין — כאַראַקטער. מזג טוב, מזג רע — גוטער, שלעכטער כאַראַקטער. דער „מזג" באַשטייט פון 4 „ליחות" אָדער „מרות": די ווייסע, די שוואַרצע די געלע און דאָס בלוט, און די דאָזיקע פליסיקייטן קומען פאַר: קאַלט, נאַס, וואַרים און טראָקן.

**מזדווג** [מיזדאַוועג] ווערן — צוגעבונדן ווערן פאַרוויז. זע מזווג.

**מזדמן** [מיזדאַמען] זיין זיך — צוגרייטן. זע זימן.

**מזהיר** [מאַזהיר] זיין — וואָרענען, אָנ־זאָגן. זע אזהרה.

**מזוהם** — פאַרשמוצט. זע זוהמא. מזוהם בעבירות — פאַרשמוצט מיט עבירות.

**מזווג** [מעזאַוועג] זיין — צוזאַמענפירן אַ פּאָר. הקב״ה איז מזווג זיווגים (תלמודיש).

**מזוזה, מזוזות** (לויט דברים ו ט). אַ מיידל — אַ מזוזה׳לע (ד. ה. שיין צו קושן, אויך אין שלעכטן זין: וואָס אַלע קושן). אומ־גיין קושן די מזוזות (ד. ה. מאָנען חובות).

**מזוין** — באַוואָפנט. ליסטים מזוין — באַוואָפנטער גזלן (תלמודיש).

**מזויף** — געפעלשט. שטר מזויף — אַ געפעלשטער דאָקומענט (תלמודיש). זע זיוף.

**מזומן, מזומנים** — 1. צוגעגרייט, באַשטימט. לעתים מזומנים (עזרא י ד), בעתים מזומנות (נחמיה יג לא) — אין באַשטימטע צייטן. מזומן לחיי העולם הבא — באַשטימט צו האָבן עולם הבא (תלמודיש). הנני מוכן ומזומן — איך בין גרייט (סידור). 2. אַ מזומן — דריי פערזאָן, בענטשן מיט אַ מזומן, האָבן (מאַכן) אַ מזומן, אָנ־

שטאָט אַ מזומן אידן זיינען געקו־מען אַ מנין. 3. באַרגעלט, קעש (ווי ענגליש ready money; פויליש: גאָטאָווקא) צאָלן במזומן (במזומנים). ניטאָ קיין מזומנים — זוים מחותנים. אַ מזומנ'ע קאָפּיקע.

**מזון** [מאָזן], **מזונות** — שפּייז (בראשית מה כג). חייב במזונותיה — ער איז מחויב צו אַלימענטן (תלמודיש). ברכת המזון T. — דאָס בענטשן. בורא מיני מזונות T. מאַכן „מזונות", אַ „מזונות" (עסנוואַרג, אויף וועלכע מען מאַכט „מזונות"). אַ „בורא מיני מזונות'ל" (מענדעלע). זי מאָנט מזונות בײַ איר מאַן. „דער ליידיקער בוך האָט געמאָנט בײַ אים מזונות" (מענדעלע).

**מז"ט** = מזל טוב.

**מזיגה, מזיגות** — דאָס אײַנגיסן (אייגנטלעך: דאָס צעמישן מיט וואַסער). מזיגת כוס שני — דאָס אײַנ־גיסן פון צווייטן כוס (בײַם סדר). אין מיטלאַלטערלעך אידיש הייסט «מזיגה» אַ געשאַנק, ווייל «מזג» הייסט אויף דייטש «איינשענקן».

**מזיד** [מעזיד], **מזידים** — דער וואָס מאַכט אַן־עבירה באַוואוסטזיניק (היפך: שוגג.) זע במזיד.

**מזייף** [מעזאַייעף] זיין — פעלשן. זע מזויף.

**מזין** [מעיזין] **ומפרנס** — דער וואָס שפּייזט. זע מזון.

**מזיק** [מאַזעק] **מזיקים** — 1. דער וואָס שעדיגט. שור המזיק — אַן־אָקס וואָס שעדיגט (תלמודיש). מ'יק זיין, מזיק'ן צע'מזיק'ט. 2. — אַ שד. ויש אומרים אף המזיקים — איניגע זאָגן: אויך די שדים (תלמודיש).

**מזכה** [מזאַקע], זיין — געבן אַ רעכט, אַ זכייה. המזכה את הרבים — דער וואָס איז מזכה די געזעלשאַפט (תלמודיש) מזוכה געווען מיט אַ בוך.

**מזכיר** [מאַזקיר] — ד. וואָס דערמאָנט. מזכיר זיין — דערמאָנען. את חטאי אני מזכיר (בראשית מא ט) — מיינע זינד דערמאָן איך. מזכירין יציאת מצרים. מזכירין לבטלה — מען דערמאָנט יציאת מצרים, מען דערמאָנט עפּעס אומזיסט. אין מזכירין מעשי ניסים — מע ברייננט ניט (אַלס ראיה) אַ נס (תלמודיש). „מער זאָל ער פון געלד גאָר ניט דערוועגן מזכיר זיין אַפילו" (שלום עליכם). 2. סעקרעטאַר (מלכים ב' יח יח). 3. מזכיר נשמות T. קומען צו מזכיר נשמות. זע הזכרה.

**מזל** [מאַזל], **מזלות** [מאַזאָלעס] 1. שטערן (מלכים ב' כג ה). די 12 מזלות: טלה, שור, תאומים, סרטן אריה, בתולה, מאזנים, עקרב, קשת, גדי, דלי, דגים. מזל גורם — דער שטערן האָט השפּעה. אין מזל לישראל — אויף אידן האָבן די שטערן קיין השפּעה ניט (נאָר תפילין און זכות) (תלמודיש). לא מזל יום גורם אלא מזל שעה גורם — ניט דער שטערן, וואָס געוועלטיגט איבערן טאָג איז גורם, נאָר דער שטערן וואָס איז געוועל־טיגט איבער די שעה (תלמודיש.) גלגל חוזר ומגלות קבועין זע גלגל. מזל מחכמים מזל מעשיר — דער שטערן גיט חכמה און עשירות (תלמודיש). 2. גליק. „מזל טוב! — מיט מזל זאָלט איר לעבן". אַז דאָס מזל הייבט אָן צו שפּילן, שפּילט עס. רע מזל, שלים־מזל. משנה מקום

משנה מזל — ווער עס ענדערט דעם אָרט, ענדערט דעם מזל. ער האָט מזל צו קינדער. שטיין אויף יענעמ׳ס מזל. ס׳איז אַריין די מזל־ברכה. גאָט זאָל געבן מזל און ברכה. זאָל זיין מיט מזל, דעם גוטן מזל מעג זי האָבן, די וואָג (אָדער: די מאָס) מזל זאָל איך האָבן. ס׳זאָל זיין למזל, צו מזל. אַזאַ מזל (ס׳מזל) אויף אים, אַזאַ מזל אויף מיינע שונאים. אַ ביטערער (פינצטערער, חושך־דיקער, קלאָגעדיקער, שלעפּע־דיקער) מזל אויף אים, קיין בעסערן מזל זאָל ער ניט האָבן, אַ מזל־ברכה זאָל אים דער אויבערשטער צושיקן אין זיין * פעקעלע צרות (קללות). פאַראָדיעס אויף «מזל טוב»: מזל־טאָפּ, מזל קלאָפּ מזל אין טאָפּ, מזל האָפּ. אַ גויאישקער, גלח׳ישער, הינטישער, טריפה׳נער ניט קיין אידישער מזל. „איר טריף מזל, וואָס זי איז פאַרשוואונדן (מענדעלע) .3 דאָברע־מזל (סלאַוויש). או ספּאַרקויפט דאָס גאַנצע דאָברע מזל. — זע שלימזל.

**מזלג** — אַ גאָפּל. כל אשר יעלה המזלג (שמואל א׳ ב יד) — אַלץ, וואָס דער גאָפּל כאַפּט אָן.

**מזלזל** [מעזאַלזעל] זיין — באַליידיגן. מזלזל זיין בכבוד המת — פאַר־שוועכן דעם כבוד פון פאַרשטאָרבע־נעם. זע זילזול.

**מזמור** (תהלים ג א) — אַ ליד פון תהלים. עס גייט ווי אַ מזמור. אָפּ־קלאַפּן אַ מזמור אין אַ רגע. מזמור לתודה T.

**מזמין** [מאַמזין] זיין — איינלאַדן, אויפ־פאָדערן. מזמין זיין צום רב, צום בית דין. וואָס ווילסטו מיך מזמין זיין? איך בין זייער טרוד.

**מזנה** [מזאַנע] זיין — הורן.

**מזרז** [מעזאַרעז] זיין — אָנשפּאָרנען, באַוועגן צו אַ זאַך. אין מזרזין אלא למזורז — מע באַוועגט נאָר אַ באַוועגטן (תלמודיש). מזרז זיין צו אַ מיצווה.

**מזרח** — 1. אָסט. כרחוק מזרח ממערב (תהלים קג יב) — ווי דער מזרח איז ווייט פון מעריב. אַ מזרח־שטאָט (אין שול). 2. אַ בילד (אויף דער מזרח־וואַנד אין שול). ער האָט אויסגעמאָלט אַ שיינעם מזרח. — מזרחי [מיזראָכי] N. מזרחית דרומית, מזרחית־צפונית — זיד־אָסט, נאָרד־אָסט.

**מזריע** (בראשית א יא) זיין — ברענגען זוימן, באַפרוכטן.

**מח** זע מוח.

**מחאה** [מעכאָע], **מחאות** — פּראָטעסט (תלמודיש).

**מחבב** [מעכאַבעוו] זיין — ליבן. מחבבין את המיצוות, את הצרות — זיי ליבן די מיצוות די צרות (תלמודיש).

**מחבל, מחבלים** (שיר השירים ב טו) — 1. פו רדאַרבער. אַראָפּגעקומען דער מחבל, 2. = מלאך חבלה, מלאכי חבלה. פליען ווי די מחבלים.

**מחבק ומנשק** — האַלדזן און קושן (לויט בראשית כט יג).

**מחבר** [מעכאַבער] זיין — צוזאַמענשטעלן, פאַרפאַסן. מחבר זיין אַ חיבור. בעל מחבר, מחברים — פאַרפאַסער. דער מחבר האָט ניט פיל מחדש געווען. זע חיבור.

**מחדד** [מעכאַדעד] זיין — שאַרפן. תלמידי חכמים המחדדין זה לזה — געלערנ־טע, וואָס שאַרפן איינער דעם אַנדערן

**מחדש** [מעכאַדעש] זיין — באַנייען, ניי־מאַכן. מחדש זיין די אַלטע גזירה. מחדש זיין די לבנה ( = מקדש זיין). דער מחבר האָט ניט פיל מחדש געווען אין זיין בוך. זע חדש.

**מחובר** — צוזאַמענגעהעפט. מחובר לקרקע — צוזאַמענגעהעפט מיט דער ערד, ד. ה. נאָך ניט אָפּגע־שניטן (תלמודיש). כל זמן דער קראַנ־קער אבר איז מחובר צום גוף, קאָן ער ניט געזונט ווערן.

**מחודש** — באַניטן געמאַכט ניי. דברים מחודשים — באַנייטע זאַכן.

**מחוור** [מכוואָר] — קלאָר. אינו מחוור — ס'איז ניט קלאָר (תלמודיש).

**מחויב** [מעכוייעוו], **מחויבים** [מעכוייאָווים] — פאַרפליכטעט (תלמודיש). אינו מחויב בדבר — ער איז ניט מחויב צו טאָן. וואָס בין איך דיין משה מחויב?

**מחופים מחופּמים** אין סופערלאַטיוו: חכם מחוכם (משלי ל כד).

**I. מחול** [מאָכל] — פאַרגעבן. הרב ממחל על כבודו,כבודו מחול — א רב מעג מוותר זיין אויף זיין כבוד. (תלמודיש). זע מוחל.

**II. מחול מחולות** — טאַנץ. בתוף ומחול (תהילים קנ ד), בתופים ובמחולות (שמות טו כ)—מיט פויקן און טאַנץ. **מחולל**—פאַרשוועכט. שמי הגדול המחולל בגוים (יחזקאל לו כג)—מיין גרויסער נאָמען וואָס איז פאַרשוועכט ביי די פעלקער זע מחלל

**מחולק, מחולקים** — צעטיילט, ניט איינינ. ער איז אין דער דאָזיגער פראַגע מיט אים מחולק. זע חלוקי דעות.

**מחונך, מחונכים** — דערצויגן. זע מחנך.

**מחוסר** — דער וואָס האָט ניט. מחוסר כפרה, מחוסר לחם — ווענען עס פעלט אַ כפרה, ברויט.

**מחוץ** — פון דרויסן. מבית ומחוץ (בראשית י יד) — פון אינעווייניק און פון דרויסן. מחוץ למחנה (ויקרא יד ג) — אויסער דער מחנה. זע חוץ.

**מחוצף** — חוצפּא'דיק, אין סופערלאַטיוו: חצוף כחוצף, ארצע־מחוצף־פנים [ארצע-מכוצו-פּאָנים] ארצע (דייטש: erz פוליש arcy) קומט פון גריכיש.

**מחוקה, מחוקקים** — געזעצגעבער (בראשית מט י).

**מחותן, מחותנים** — די עלטערן פון חתן־כלה. נקבה: מחותנת'טע. ער איז מיר קיין מחותן ניט. וואָס בין איך פאַר אַ מחותן אויף דער חתונה? זיי מיר ניט קיין צו נאָענטער מחיתן (זיי ניט פאַמיליאר). זי איז עפּעס אַ צו נאָענטע מחותנת'טע מיט פרעמדע יונגע לייט. ער איז אַ מחותנ'ים צו הונט (ד. ה. אַ קנאַפער מחותן). מחותנות, מחותנות'שאַפט. „ער ווייסנו, נישקשה, איר מחותנות'־שאַפט מיט מיר" (מענדעלע).

**מחזה** [מאַכזע] — שוישפיל (בראשית טו א).

**מחזור** [מאַכזער], **מחזורים** — 1. ציק־לוס. מחזור גדול — דער גרויסער ציקלוס, פון 28 יאָר, מחזור קטן — דער קליינער ציקלוס, פון 19 יאָר. 2. טיטל פון אַ בוך, געקויפט אַ נייעם מחזו'ר.

**מחזי כיוהרא** — זעט אויס ווי גאווה (תלמודיש).

**מחזיק** [מאַכזיק] 1. שטאַרקן, העלפן. ואין מחזיק בידה (ישעיה נא יח) — קיינער העלפט איר ניט. „פאַרוואָס

זאָל די שטאַט ניט מחזיק זיין אַזאַ ניצלעכן מענטש?" 2. אַנטהאַלטן. מעוט מחזיק את המרובה — דאָס ווייניקע אַנטהאַלט פיל (תלמודיש). מחזיק טובה זיין — דאַנקבאַר זיין.

**מחזיר** [מאַכזיר] זיין — אַרומגיין. מחזיר על הפתחים — אַרומגיין איבער די טירן, ד. ה. זיין אַ בעטלער. מחזיר למוטב זיין — תשובה טאָן (תלמודיש).

**מחזקות** מאַכן — ציינגערן, מאַכן שהיות (אפשר פון „חוזק").

I. **מחיה** [מיכ-יע] — דערקוויקונג (בראשית מה ה).

II. **מחיה** [מעחאַיע] — דער וואָס באַלעבט (נחמיה ט ו). מחיה נפשות, מחיה מתים T. ער איז זיך מחיה דערפון. ס'איז געוואָרן שטיל אַ מחיה. אַ מחיה צוצוזען, אַ מחיה'דיקער ריח.

**מחייב** [מעכאַיעוו] זיין — באַשולדיקן, פאַרפליכטן. דער שכל איז מחייב. אַז... זע מחויב.

I. **מחילה, מחילות** — 1. פאַרצייאונג. מחילה בעטן, זע מוחל. במחילת כבודו, במחילה. מחילה — מיט פאַרצייאונג: ער מוז, מחילה, צוריק פאָרן. דער בנין איז זייער מחילה'דיק. 2. אין אייפעמיזם: באַלף מחילות אַנשטאָט תחת. זע באַלף. במחילה.

II. **מחילות** — מערות, היילן. (ישעיה ב יט) אין גילגול מחילות. זע גילגול.

**מחיצה, מחיצות** — 1. אַ שייד-וואַנט. אַ דיקע מחיצה שטייט צווישן זיי. 2. געביט. ער איז ניט קיין ליטעראַט און דאַרף זיך ניט שטופּן אין זייער מחיצה.

**מחיר** — פרייז. במחיר — פאַר געלד (מיכה ג יא). מחיר כלב (דברים כג יט) דער פרייז פון אַ הונט אייפעמיזם).

**מחכים** [מאַכקים] — מאַכט קלוג. אווירא דא"י מחכים — די לופט פון ארץ ישראל מאַכט קלוג. מזל מחכים — דאָס מזל מאַכט קלוג. אותיות מחכימות — אותיות וואָס מאַכן קלוג. תלמיד המחכים את רבותיו — אַ תלמיד וואָס קלערט אויף זיינע לערער. לא כל המרבה בסחורה מחכים — ניט יעדער וואָס פירט גרויסע געשעפטן איז קלוג (תלמודיש).

**מחלה, מחלות** (שמות טו כו) — קראַנקהייט. זע חולאת, חלי.

**מחלוקת** [מאַכלאָקעס], **מחלוקות** (אָדער: **מחלוקת'ן**) — שטרייט. מחלוקת לשם שמים — אידייאישער, אומאייגנניציגער שטרייט.

**מחליט** [מאַכליט] זיין — באַשטימען. אין מחליטן את המוחלט — מע טאָר ניט אַ צווייט מאָל באַשטימען אַ זאַך וואָס איז שוין באַשטימט (תלמודיש פון אַ מצורע).

**מחליף** — דער וואָס פאַרבייט. משנה עתים ומחליף את הזמנים — דער וואָס ענדערט און פאַרבייט די צייטן (סידור). זע חילוף.

**מחלל** [מעכאַלעל] זיין — פאַרשוועכן. מחלל שבת זיין (שמות לא יד). מחלל שם שמים — פאַרשוועכן גאָטס נאָמען (תלמודיש). זע חילול.

**מחלקה מחלקות** (יחזקאל מח כט) — אָפּטיילונג, קלאַס.

**מחמיץ** [מאַכמיץ] זיין — „זויער מאַכן", אָפּליגן אויף שפּעטער. מחמיץ זיין אַ מצווה (תלמודיש: מצווה הבאה לידך אל אל תחמיצנה).

**מחמיר** [מאַכמיר] זיין — וואָס מאַכט שווערער, וואָס איז שטרענגער (היפך מקיל). שהיו מחמירין על עצמן ומקילין לכל ישראל — זיי האָבן

שווערער געמאַכט פאַר זיך אַליין און גרינגער פאַר כל ישראל (תלמודיש.) המחמיר תבוא עליו ברכה — ווער ס'איז שטרענגער (אין מקיים זיין די מיצווה), זאָל זיין געבענטש.

**מחמת** [מאַכמעס] — ווייל (תלמודיש).

**מחנה, מחנות** — 1. לאַגער, פאָלק. דגל מחנה יהודה (במדבר ב ג) — די פאָן פון מחנה י־ודה. שטיין מחוץ למחנה (ויקרא יד ג) — אויסער דער מחנה. אין דער אידישער מחנה הערשט אַ שמחה. 2. אַ קיבוץ (ווי יואל ב יא: א מחנה היישעריקן). אַ גאַנ־צע מחנה וועלף אַרויפגעפאַלן.

**מחנך** [מעכאַנעך] זיין — דערציען מחנך במיצוות זיין — געוויינען צו מיצוות (תלמודיש).

**מחסר** זיין (קהלת ד ח) — אוועקנעמען. אם אתה מחסר אות אחת — ווען דו ביסט מחסר איין אות.

**מחפה** [מעכאַפּע] זיין — צודעקן.

**מחפש** [מעכאַפּעס] זיין — זוכן. אם אתה מחפש אחרי דברי תורה — ווען דו זוכסט תורה (תלמודיש). זע חפוש.

**מחצה** (במדבר לא לו) — די העלפט. מחצה על מחצה, למחצה — האַלב אויף האַלב. מחצה שכר. — די העלפט ריווח אַלס שכר. מחצה־שכר־ניק.

**מחיצת השקל** (שמות ל יג) — אַ האַל־בער שקל. מחצית־השקל־געלט. זע שקל.

**מחק** [מאַכאַק אָדער מכאַק] — דאָס אויס־געמעקטע. גט שיש בו מחק — אַ גט, אויף וועלכן ס'איז פאַראַן אַ מחק (תלמודיש). שרייבן אויף אַ מחק. „גע־מאַכט אַזאַ שיינעם מחק פון די פופ־צענהונדערט קרעפּלעך (= קערבלעך) נדן" (שלום עליכם)

**מחקה** [מעכאַקע] זיין — נאָכמאַכן, זיך איינבילדן.

I. **מחקר** [מעכאַקער] **מחקרים** פאָרשער. (פון „חיקר" קהלת יב ט). זע **חקירה**.

II. **מחקר** [מעכקער] — פאָרשונג. בעלי המחקר, חכמי המחקר — די פאָר־שער.

**מחר** — מאָרגן. מחר חודש (שמואל א' כא יח) —מאָרגן איז ראש חודש. מחר יהיה האות כזה (שמות ח יט: למחר) — מאָרגן וועט געשען דער נס. למחר — צו מאָרגן.

**מחרחרי ריב בישראל** — וואָס צינדן אָן אַ מחלוקה אין ישראל (משלי כו כא: לחרחר ריב).

**מחריב** [מאַכריוו] זיין — חרוב מאַכן. מהרסיך ומחריבך ממך יצאו (ישעיה מט יז) — דיינע צעשטערער וועלן אַרויסקומען פון דיר אַליין. בונה עולמות ומחריבן — ער בויט וועלטן און מאַכט זיי חרוב (תלמודיש).

**מחרים** [מאַכרים] זיין — אַריינלייגן אין חרם (תלמודיש).

**מחרף ומגדף** — לעסטערער. (תהלים מד יז).

**מחשבה, מחשבות** — געדאַנק. רבות מחשבות בלב איש (משלי יט כא) — אַסך געדאַנקען האָט דער מענטש. האָבן אַ מחשבה זרה (מחשבות זרות) — הינטערגעדאַנקען. מחשבה טובה המקום מצרפה למעשה — אַ גוטן געדאַנק רעכנט גאָט צו צו דער טאַט (תלמודיש). בעל מחשבות.

**מ״ט** = 49. מ״ט שערי טומאה — 49 געביטן פון טומאה.

**מטביע** [מאַטבעיע] **מטביעות** — 1. אַ מינץ, אַ גראָבע, פאַלשע, פּסול'ע פּעטע מטביע. ניט געוואוסט קיין צורת מטביע. 1 (תלמודיש).

ישנה אדם ממטביע שטבעו חכמים — מע טאָר ניט ענדערן דאָס וואָס די חכמים האָבן איינגעפירט.

**I. מטה** [מאַטע], **למטה** — אונטן (היפך: מעלה, למעלה). פאַלן מטה מטה (דברים כח מג), הרשום (החתום) מטה — דער אונטער־געשריבענער. מלמטה (שמות כז ה) — פון אונטן. של מטה — פון אונטן. בית דין של מטה, ישיבה של מטה — דאָס אונטערשטע געריכט.

**II. מטה** זע **מיטה**.

**מטהר** [מעטאַהער] זיין — ריין מאַכן (ויקרא יד יא). (היפך: מטמא). מטהר את השרץ בק"ן טעמים — דער־קלערן מיט 150 ראיות פאַר ריין אַ זאַך, וואָס איז אומריין (תלמודיש). מטהר זיין דעם בר מינן, כסף וזהב מטהר ממזרים — דורך געלט ווערט ריין אַ ממזר.

**מטונף, מטונפים** — שמוציק. מבואות המטונפים — שמוציגע גע־סלעך. זע **טינוף**.

**מטופל** — באַלאַסטעט מיט קינדער. מטופל ואין לו — אַן־אָרימער פאָטער פון אַ גרויס הויזגעזינד (תלמודיש). אַ איד אַ בעל מטופל. אַ מטופל נעביך מיט שיינע עטלעכע טוּזנטער (איראָניש).

**מטורף, מטורפים** — פאַרווירט, משוגע (פון «נטרפה דעתו» — זיין פאַרשטאַנד איז אויסגעכאַפּט). משוגע מטורף זון פאַר־דרייט יענעם די קאָפּ.

**מטושטש** — פאַרשמוצט, פאַרווישט. אותיות מטושטשות — פאַרווישטע אותיות (תלמודיש).

**מטות T. מטות ומסעי T.** „זיי גייען תמיד ביידע אינאיינעם ווי מטות ומסעי" (מענדעלע).

**מטיב** [מעיטיוו] זיין — פאַרגיטיגן. טוב ומטיב — גוט און פאַרגיטיגנד (פון גאָט לויט תהלים קיט סח). מטיב זיין פאַרן היזק. „גיין בעטן די לע־רער, זיי זאָלן מיט דיר מטיב זיין" (מענדעלע).

**מטיף מטיפים** (מיכה ב יא) — רעד־נער, מגיד. מטיף לאומי — פאָלקס־רעדנער.

**מטיל** [מאַטיל] זיין — לייגן, מטיל אימה זיין — שרעקן. מטיל ספק זיין — באַצווייפלען. מטיל קנאה זיין — אויפרעגן קנאה.

**מטלטל** [מעטאַלטעל] זיין—אַרומשלײדערן (ישעיה כב יז)

**מטלטלין**—באַוועגלעכע זאַכן (תלמודיש). איצט נעם איך צוזאַמען אַלע מיינע מטלטלין.

**מטמא** [מעטאַמע] זיין — פאַראומריי־ניגן, מאַכן טמא (היפך: מטהר). מטמא טהורים ומטהר טמאים (פון דער פרה אדומה). מטמא זיין די ווייבער (יחזקאל לג כו, מאַנס זיין). דעם זשאַנדאַר איז מען מטמא אַלע וואָך (שלום עליכם, פון שוחד).

**מטמון, מטמונים** (בראשית מג כג) — שאַץ, אוצר. אָפּגעקאָסט אַ מטמון גאָלד (אַ נאַט מיט גאָלד, אַ גרויסע מאַטביע)

**מטמטם** [מעטאַמטעם] — פאַרשטאָפּן עבירה מטמטמת לבו של אדם — אַן־עבירה פאַרשטאָפּט די האַרץ פון מענטשן (תלמודיש).

**מטנף** [מעטאַנעף] זיין — פאַרשמוצן (פון «טינוף» שיר השירים ה ג).

**מטעים** [מאַטים] זיין — באַטאָנען.

**מטעמים** (בראשית כג ד) — געשמאַקע שפייזן.

**מטפחת** (רות ג טו) — טוך, דעקע.

מטפחת הספר — מאַנטל בײַ אַ ספר תורה.

**מטפל** [מעטאַפּל] זײַן זיך — מתעסק זײַן, זיך מטפל זײַן מיט אַ מת. הבעלים מטפלים [מעטאַפּלים] בּנבילה — די באַזיצער זײַנען זיך מתעסק מיט דער נבילה (תלמודיש לויט שמות כא לו).

**מטר** (דברים יא יז) אין טל ומטר (זע).

**מטריח** [מאַטריאַך] זײַן — באַמיען. אין מטריחין את הציבּור יותר מדאי — מע טאָר ניט מטריח זײַן די געזעל־שאַפט צו פיל (תלמודיש). זײַט זיך מטריח און קומט אַהער. מטריח זײַן דעם עלטער.

**מי** — ווער. בּשלמי הרעה הזאת (יונה א ז) — דורך וועמען איז די־זע צרה? בּת מי את (בראשית כד כג) — וועמעס טאָכטער בּיזטו?

מי אדון לנו (תהלים יב ה) — ווער איז איבּער אונז אַ האַר?

מי אלה לך (בראשית לג ח) — ווער זײַנען דיזע בּײַ דיר?

מי אנוכי כי אלך אל פרעה (שמות ג יא) — ווער בּין איך צו גיין צו פּרעהן?

מי אני ומי ביתי (דברי הימים א׳ יז טז)

מי באש ומי במים (סידור) — ווער אין פייער און ווער אין וואַסער?

מי בקש זאת מידכם (ישעיה א יב) — ווער בּעט דאָס פון אייך?

מי ברעש ומי במגיפה (סידור) — ווער דורך ערדציטערניש און ווער דורך אַ עפּידעמיע?

מי הוא זה ואי זה הוא (אסתר ז ח) — ווער איז ער און וואו איז ער?

**מי יודע** — ווער ווייס (שמואל ב׳ יב כב). מי יודע וויפיל, מי יודע ווער, זע יודע.

מי יחיה ומי ימות (סידור) — ווער וועט לעבּן און ווער וועט שטאַרבּן? ער וויינט אויף „מי יחיה“ (פון אַן־עם־הארץ אָדער אַ קאַרגן).

מי יתן — הלוואי. מי יתן טהור מטמא (איוב יד ד) — הלוואי זאָל פון אַ רשעין אַרויס אַ צדיק. מי יתן כל עם ה׳ נביאים (במדבר יא כט) — הלוואי זאָל דאָס גאַנצע פאָלק זײַן נביאים. מי יתן ערב (דברים כח סז) — הלוואי זאָל שוין זײַן אָוונט.

**מי כמוך** T.

מי כעמך ישראל (סידור) — ווער איז ווי דײַן פאָלק ישראל?

מי לה׳ אלי (שמות לב כו) — ווער מיט גאָט צו מיר!

מי לנו גדול — ווער איז בּײַ אונז גרעסער פון N (תלמודיש).

**מי מלח** [מײַ־מעלאַך] — זאַלץ־וואַסער.

**מי** [מעי] **רגלים** — אורין (תלמודיש).

מי שבּירך, מי־שבּירך׳ס T. מאַכן, אויס־דרייען אַ מי שבּירך. אַ רוסישער מי שבּירך.

מי שהיה — געוועזענער, עקס־. מי שהיה רב.

מי שטרח בּערב שבת יאכל בּשבּת — ווער עס האָט געאַרבּעט ערב שבּת וועט עסן שבּת (תלמוד ש).

מי שיש לו מנה רוצה מאתים — ווער עס האָט איין מנה (100 זוז) וויל 200.

מי שמך לאיש (שמות ב יד) — ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ מענטשן?

**מי שעשה נסים** T.

**מיאוס** — עקלהאַפט (תלמודיש). אַ מיאוסער מענטש, אַ מיאוסער נאָמען, אַ מיאוסער סוף, אַ מיאוסע מעשה, אַ מיאוסע סיבּה, ס׳איז מיר שוין מיאוס ומאוס (זע מאוס). אַ גרויסע מיאוסקייט. ער מיאוס׳ט זיך צו עסן חזיר־פלייש.

**מיאש** זע **מייאש. מיבם** זע **מייבם.**

**מיגן** (— מן גוא, דניאל ג כח) — וויל א מיגו — אַ פאַרוואָס (תלמודיש). „וועט שמחה האָבן אַ מיגו אויפן שידוך חרטה צו האָבן" (מענדעלע).

**מיד** [מי = יאד ◡ —] — 1. פון דער האַנט. איך פאַרדין מיר ליד צען גראָשן. 2. אויף דער שטעל, באַלד. נשרף מיד — ווערט אויף דער שטעל פאַרברענט (תלמודיש). תיכף ומיד — באַלד.

**מידה, מידות** — 1. מאָס (שמות כו ב). במידה שאדם מודד מודדין לו, מידה כנגד מידה — אַ מאָס פאַר אַ מאָס (תלמודיש.) מידות T. 2. אייגנשאַפט. מידה מגונה — העסלעכע אייגנשאַפט. מידת הדין — גערעכטיקייט, מידת הרחמים — באַרמהאַרציקייט: מידת חסידות — פרומקייט. מידת טובות, מידות רעות — גוטע, שלעכטע אייגנשאַפטן. בעל מידות — אַ מענטש מיט גוטע מידות. זייערע מידות ומנהגים. שלי שלי ושלך שלך זו מידה בינונית, ויש אומרים זו מידת סדום — וואָס מיינס איז מיינס און וואָס דיינס איז דיינס — איז אַ מיטעלע מידה, אייניגע זאָגן עס איז די מידה פון סדום (תלמודיש). מעביר על מידותיו (היפך: מעמיד על מידותיו) — נאָכגעבן, ניט שטרייטנג פאָדערן (תלמודיש). 3. גוטע אייגנשאַפט. בעל מידות — וואָס האָט גוטע אייגנשאַפטן. העוסקים במקרא מידה ואינה מידה במשנה מידה בגמרא אין לך מידה גדולה מזו — לערנען תנ"ך איז גוט און ניט גוט, משנה — איז גוט, גמרא איז בעסער פון אלץ (תלמודיש). 4. גאָט'ס אייגנשאַפטן. שלוש עשרה מידות — די דרייצן מידות (לויט שמות לד ו—ז).

**מיוחד, מיוחדים** — באַזונדער. ספּעציעל. חדר מיוחד, מקום מיוחד, שליח מיוחד — אַ ספּעציעלער חדר, אָרט, שליח. יחיד ומיוחד — סופּערלאַטיוו פון «יחיד». שם המיוחד — גאָט'ס איינגענאָמען (ד. ה. יהוה).

**מיוחס, מיוחסים** — דער וואָס האָט יחוס, אַ יחסן. נקיבה: מיוחסת, מיוחס,טע.

**מיועד** — באַשטעלט, באַשטימט. המיועד להיות — וואָס איז באַשטימט צו זיין.

**מיושב** — 1. זיצנדיק (היפך מעומד). 2. דיעה מיושבת — איבערלייגט (תלמודיש). אַ מיושב'דיקער שכל. זע מיישב.

**מיחוש, מיחושן** — קראַנקהייט. מיחוש עינים, מיחוש ראש — אויגן, קאָפּקראַנקהייט.

**מיחס** זיין זע **מייחס.**

**מיטה, מיטות** — (שמואל ב' ג לא). מע טראָגט דעם מת אין אַ מיטה. נושאי המיטה — די טרעגער פון דער מיטה.

**מיטיב,** זע **מטיב.**

**מייאש** [מעיאָעש] זיין זיך — פאַרצווייפלען. ער איז זיך מייאש איבער די אבידה — ער האָפט מער ניט זי צוגעפינען. זע **יאוש. מתייאש.**

**מייבם** [מעיאַבעם] זיין — נעמען די שוועגערין פאַר אַ ווייב (לויט דברים כה, ה) (אין שפּאַס: גנב'ענען).

**מייחד** [מעיאַכעד] זיין — באַשטימען. מייחד זיין אַן אָרט פאַר עפּעס.

מייחס [מעיאַכעס] זיין זיך — זיך
האַלטן פאַר אַ יחסן. „איך האָב
מיך מיט דער שטעלע... מייחס געווען"
(מענדעלע).

מייסד, [מעיאַסעד] מייסדים — גרינ-
דער.

מייעץ [מעיאַעץ] זיין זיך — זיך באַ-
ראַטן.

מייקענען, מייקערן, מייקעכץ זע מקיא.

מיישב [מעיאַשעוו] זיין זיך — איבער-
לייגן.

מיכה T. N.

מכשול זע מיכשול.

מיכתב, מיכתבים — בריף
(דברי הימים א׳ כא יב).

I. מילא (דניאל ב ח) — וואָרט. מילא
בסלע שתיקותא בתרי (אָדער: מילא
בסלע שתיקותא בתרין) — אַ וואָרט
— אַ שקל, שווייגן — צוויי.
מילתא זוטרתא — אַ קלייניקייט.
מילי דעלמא — וועלטלעכע זאַכן
(היפך: מילי דשמיא). ניט נאָר אַ
למדן, נאָר אויך אַ חכם אין מילי
דעלמא. זע מלה.

II. מילא [מעילע] — פאַרקירצט פון
«ממילא» — «פון וואָרט» — זעלבסט-
פאַרשטענדלעך.

I. מילה, מילים, מילות — אַ
וואָרט. כי אין מילה בלשוני
(תהלים קלט ד) — עס איז ניטאָ
קיין וואָרט אויף מיין צונג.
געוויינטלעך געשריבן «מלה» צו אונטערשיידן
פון מילה II. זע מלה.

II. מילה—באַשניידונג (לויט בראשית יז יב).
ברית מילה. אברהם אבינו מיט
דער מילה.

מילואים (נאָר אין רבים) — דערגענצונ-
גען. הוספות אין מילואים צו אַ בוך.

מילווה — אַ חוב. נעמען אַ מילווה.
ס׳איז אַן אַלטע מילווה (תלמודיש).

מילחמה מלחמות — קריג. זע
מלחמה.

מים — וואַסער. מים חיים (בראשית כו יט)
קוואַל-וואַסער (אין שפּאַס אַנשטאַט וו״ש). מים
גנובים ימתקו (משלי ט יז). — גע-
גנב׳עטע וואַסער איז זיס. באו מים
עד נפש (תהלים סט ב) — די וואַ-
סער זיינען געקומען ביז צו דער
נשמה (פון צרות). מים המאררים
(במדבר ה כד) מים טהורים (יחזקאל לו כה)
— ריינע וואַסער. מים אחרונים-
וואַסער — צו וואַשן די הענט נאָך
טיש. מים שלנו — איבערגענעכטיגטע
מצה וואַסער. מים שאין להם סוף
— אומענדלעך וואַסער (ד. ה. א ים)
(תלמודיש). ניסוך המים. זע ניסוך.

מימר אין: בעל-מימר (ביי מענדעלען) איז
ניט קיין העבראַיזם, עס קומט פון אַראַביש
(אַלמינבר). בעסער איז צו שרייבן לויט די
אויסשפּראַך: באַלעמער.

מימרא [מעמ׳ע] — זאָגעכץ, שפּרוך
(דניאל ד יד). אַ מימרא אין דער גמרא
(פון די אמוראים). גאָטס מימרא
(= גאָט, אין תרגום: מימרא דה׳). רגע
כמימרא — אַ קליינע רגע (תלמודיש).

I. מין מינים — 1. סאָרט (בראשית א יא)
מכל המינים שהוא (פאַראַדיע אויף: וכל
מאמינים שהוא). כל עוף למינו ישכון
— יעדער פויגל וואוינט מיט זיין
גלייכן (תלמודיש פון בן סירא). מין במינו.
מין בשאינו מינו — פון גלייכן מין,
פון ניט גלייכן מין (תלמודיש). מין
אנושי — דער סאָרט מענטש.
ארבעה מינים — די פיר מינים
(ביים אתרוג). אַזאַ מין מענטש בין
איך. נאָך אַ מין קאָנען! מיני [מינע] —
מינים פון... כל המיני פויגל. בורא

מיני מזונות T. וואָס פאַר א מיני אידן מיר האָבן! 2. אין דיקדוק: מין, זכר, מין נקיבה.

**II. מין מינים** — אפיקורס, קעצער. ברכת המינים. ספרי מינים — די ברכה קעגן מינים (אין שמונה עשרה), די ביכער פון די מינים (תלמודיש).

מינות — אפיקורסות קעצעריי.

**מינהג, מינהגים** — פירעכץ (מלאכים ב׳ ט כ). זע **מנהג. מינחה** זע **מנחה. מיני** זע **מין. מיניין** זע **מנין. מינן** זע **בר מינן.**

מינקת (שמות ב ז) — וויגאַם.

מים= זע **מת=. מיסחר** זע **מסחר.**

**מיספר** — אַ צאָל. אין מספר (יואל א ו) — אָן אַ צאָל. נפלאות עד אין מספר (איוב ח ט) — ניסים אָן אַ צאָל. מיספר קטן, מיספר גדול — אַ קליינע אַ גרויסע צאָל.

**מיעוט מיעוטים** — מינאָריטעט, מינ=דערהייט (היפך: רוב). אפילו אַ מיעוטא דמיעוטא (תלמודיש).

**מיפלגה** זע **מפלגה.**

**מיצווה מיצוות** — געבאָט (היפך: עבירה). התורה והמיצוה (שמות כד יב) — די תורה און דער געבאָט. מיצוות לא תעשה (לויט ויקרא ד ב) — אַ גע=באָט, אַ פאַרבאָט (תלמודיש). סעודת מיצווה, מלחמת מיצווה, שימחה של מיצווה — אַ געבאָטענע סעודה, מלחמה, שימחה. מיצווה מדאורייתא מיצווה מדרבנן — א מיצווה פון דער תורה, פון די רבנים. מצווה מן המובחר — אַנ=אויסדערוויילטע (די בעסטע) מיצווה. — הדור מיצווה — א פאַרשענערטע מיצווה שכר מיצווה מצווה — דער שכר פון אַ מיצווה איז נאָך א מיצווה. מיצווה גוררת מיצווה — איין מיצווה ציט אַנ=אַנדערע. מיצווה הבאה בעבירה — אַ מיצווה וואָס קומט דורך אַנ=עבירה. מיצווה שבאה בידך אל תחמיצנה — איז אַ מיצווה געקומען אין דיין האַנד, זאָלסטו ניט חמצ׳דיק מאַכן. מקיים זיין, פאַרדינען, זיך קויפן אַ מיצווה. טון לשם מיצווה, פון מיצווה וועגן. מיצווה שמתן שכרה בצידה — אַ מיצווה, וואָס גייט האַנד אין האַנד מיט שכר. 2. אַ גוטע טאַט, א מיצווה=זאַך. קידוש און הבדלה איז אַ מיצווה צו מאַכן אויף וויין. מיצווה לקיים דברי המת — ס׳איז א מיצווה מקיים זיין די צוואה (תלמודיש). זאָל זיין צו מיצווה! אַ מיצווה, אַ מיצווה גדולה אויף אים.

בר מיצווה זע **בר.**

**מיצנפת** זע **מצנפת. מיצרים** זע **מצרים.**

**מיקווה** — (ויקרא יא לז), זע **מקווה.**

**מיקדש** זע **מקדש. מיקלעט** זע **מקלט. מיקרא** זע **מקרא.**

**מיראה** [מי=אירע] — אויס מורא (היפך: מאהבה). זע **יראה.**

מירצעשעם זע **אם ירצה השם.**

**מישוש** — דאָס טאַפּן. חוש המישוש — טאַפּטגעפיל.

מישנה, מישניות זע **משנה, משניות.**

מישפחה זע **משפחה.** מישפט זע **משפט.**

**מית=** זע **מת=.**

**מיתה, מיתות** — טויט (תלמודיש). מיתה חטופה — פלוצלעכער טויט, מיתה משונה — ניט נאַטירלעכער טויט, מיתה בנשיקה — טויט דורך אַ קוש. מיתה בחמישים שנה זו היא מיתת כרת, בשישים זו היא מיתת נשיקה — שטאַרבן מיט 50 יאָר הייסט כרת, מיט 60 איז בנשיקה

(תלמודיש) ארבע מיתות בית דין — די פיר מיתות בית דין (סקילה, שריפה, הרג וחנק). קודם מיתתו, סמוך למיתתו — פאר זיין טויט. א מיתה משונה איינגעמען, מיתה משונה־קאלירן, „א מיתה משונה ניגון“ (שלום עליכם).

**מכאוב, מכאובים** — קראנקהייט, לייד. אם יש מכאוב כמכאובי (איכה א יב) — צי איז פאראן א ליידן ווי מיין לייד.

**מכאן** [מיקאן ◡ —] — פון דאנען. מכאן ואילך, מכאן ולהבא — פון היינט אן. מכאן אמרו — פון דאנען האבן זיי געזאגט. יתר מכאן — נאכמער. קרח מכאן וקרח מכאן — פליכעוואטע פון ביידע זייטן (תלמודיש). זע כאן.

**מכבד** [מעכאבעד] זיין — 1. אפגעבן כבוד, ערן, כי מכבדי אכבד (שמואל א׳ב ל) — די וואס ערן מיך, ערע איך. די רבנים זיינען מכבד עשירים (תלמודיש). 2, טראקטירן, געבן א כיבוד. מכבד זיין מיט קוואטער, מיט א פסוק פון אתה הראית, מיט א שמעקן.

**מכבי** N. יהודה המכבי.

**מכביד** זיין — באלעסטיגן, שווער מאכן (הבקוק ב ו).

**מכה** [מאקע], **מכות** — 1. דאס שלאגן, א שלאק, שלאגן איינעם מכת־רצח, מכת מרדות. גאט שיקט צו די רפואה פאר דער מכה. ס׳איז א מכת־מדינה, א מכה מהלכת (תלמודיש). א מכה שלא כתובה בתורה (לויט דברים כה סא). מכות ויסורים. 2. א וואונד. א מכה אים אין בויך (א קללה). א מכה איז גוט ביי יענעם אונטערן ארעם, צו א מכה צוצוליגן. 3. די עשר מכות (פון די מצריים). די דריטע מכה, „מכות בכורות“, „מכות מיט בכורות“. מכות־וויין גיט מען דעם גוי (ואכן סדר). 4. „מכות“ T. — א מסכתא. ער לערנט תמיד און קען כמעט, מע גיט אים ברכות און ער דאט מכות (ווארטשפיל). 5. א פארניינונג. א מכה וועט ער פארשטיין. א מכה האט מען אים ארויסגעלאזט. א פינצטערער מכה־למדן איז ער.

**מכובד מכובדים** (ישעיה נח יג) — געערט. איזהו מכובד המכבד את הבריות — ווער איז געערט? — ווער עס ערט די מענטשן (תלמודיש).

**מכוון**, דער מכוון — די אפזיכט.

**מכוון**, [מאכאוון] זיין — ריכטן. ער איז מכוון זיין הארץ (תלמודיש). הנני מכוון לקיים מצוות תפילין — איך ריכט מיך מקיים צו זיין די מיצווה פון תפילין (סידור).

**מכוה** [מיקאוואָ] — 1. פון כוה. מכות אל הפועל ארויספירן, ארויסגיין. זע כוה. 2. טראכטן מכוח עפעס. וואס הערט זיך מכוח פאליטיק.

**מכולה** — פארדארבן, קאליע. עפעס איז מכולה אין זייער פאמיליען־לעבן. זיין כאראקטער איז מכולה געווארן. זע קאליע.

**מכונה** זע המכונה.

**מכוער** — העסלעך, נקיבה: א מכוערת [מכוראַאס]. „מכוערסן“ (מענדעלע). חכמה מפוערה בכלי מכוער — א שיינע חכמה אין א העסלעכע כלי (תלמודיש). פרצוף מכוער — א העסלעך פנים.

**מכופל** אין סופערלאטיוו: כפול ומכופל.

**מכופר, מכופרים** — א פארגעבענער. זע מכופר.

**מכורך, מכורכים** — געבונדן, ספר מכורך. זע **כרוך.**

**מכחול** [מאַקכעל] אין: מכחול בשפופרת — ווי אַ שטיפט אין אַ ראָר. עד שיכנים כמכחיל בשפופרת — ביז עס וועט אַריין ווי אַ שטיפט אין אַ ראָר (תלמודיש).

**מכחיש** [מאַקכיש] זיין — אָפּרופן, ווי־דערלייגן. מכחיש זיין אַן־עדות, אַ ידיעה. זע **הכחשה מוכחש.**

**מכיון** [מיקיוון] — ווייל. זע **כיון.**

**מכין** [מעיכין] זיין זיך — צוגרייטן זיך.

**מכיר** [מאַקיר] זיין — דערקענען (עזרא ג יג). מכיר פנים זיין = נושא פנים זיין (משלי כד כג). מכיר טובה זיין — דאַנקבאַר זיין. (זע **הכרת טובה**). מכיר — אַ באַקאַנטער תהלים קמב ה).

**מכירה, מכירות** — פאַרקויף (היפך: קניה). מכירת חמץ — דאָס פאַר־קויפן פון חמץ (פאַר פסח). שטר מכירה, שטר מכירת חמץ — א פאַר־קויף־אַקט. מכירת יוסף T.

**מכל** [מיקאָל ◡ —|] — פון אַלץ. מכל הכא (לויט בראשית לב יד) — פון אַלעם וואָס קומט אין האַנד. מכל טוב — פון אַלעם גוט (סידור). בכל מכל כל זע **הכל.** מכל שכן [מיקאָלשקעין — דעסטאָ מער. בא מיין לעבן מכל שכן נאָך מיין טויט. זע **קל וחומר.** מכל מקום — אַלענפאַלס.

**מכלה** [מעכאַלע] זיין — פאַרדאַרבן, קאַליע מאַכן. עד מתי אתה מכלה ממונם של ישראל — ווי לאַנג וועסטו אויסבריינגען אידיש געלט? (תלמודיש).

**מכלומר'שט** — יאָגבי, זע **כלומר.**

**מכלכל חיים T.**

מכלל הן אתה שומע לאו — פון דעם „יאָ" פאַרשטייסטו דעם „ניין" (תלמודיש). זע **כלל.**

**מכמה** — פון וויפיל. מכמה יאָרן, מכמה טעמים. זע **כמה.**

**מכנה** [מעכאַנע] זיין — אָנרופן. המכנה שם רעה לחברו — ווער עס גיט יענעם אַ שפּיץ־נאָמען (תלמודיש). זע **המכונה.**

**מכנים** [מאַכנים] אורח, מכניסי אורחים — גאַסטפריינדלעך. מיר זיינען די געסט און זיי די מכניסי אורחים. אַ בעל מכנים אורח ווי אַברהם אבינו. זע **הכנסה.**

**מכניע** [מאַכניאַ] זיין — אונטערטעניג מאַכן, זע **הכנעה.**

**מכנסים** (שמות כח מב) — הויזן.

**מכס** [מעכעס] — צאָל אָפּצאָל (במדבר לא כח). מבריח את המכס — גנב'ענען דעם צאָל (תלמודיש).

**מכסה** (בראשית יח יז) זיין — פאַר־דעקן.

**מכף רגל ועד ראש** (ישעיה א ו) — פון פיס ביז צום קאָפּ. זע **כף.**

**מכפר** [מעכאַפּער] זיין — פאַרגעבן. מיתה ויום הכיפורים מכפרים — דער טויט און דער יום כיפור פאַר־געבן דעם זינד (תלמודיש)

**מכריז** [מאַכריז] זיין — אויסרופן (דניאל ה כט). איך בין מכריז און מודיע. זע **הכרזה.**

**מכריח** [מאַכריאַך] זיין — נויטן, צווינ־גען. זע **מוכרח.**

**מכריע** [מאַכריאַ] זיין—איבערוועגן, אַנט־שיידן. מכריע זיין די וואָגשאָל, די אָפּשטימונג. שנים חלוקים ואחד מכריע הלכה כדברי המכריע — ווען צוויי זיינען מחולק און איינער מאַכט אַ פשרה איז דער דין ווי

דער פּשרה-מאַכער (תלמודיש). דאָס איז מכריע די עפּנטלעכע מיינונג לכף זכות. זע הכרעה.

מכשול [מיכשל], מכשולים — הינ-דערנים, שטרויכלונג. ולפני עוור לא תתן מכשול (ויקרא יט ד) — פאַר אַ בלינדן זאָלסטו נישט לייגן קיין הינדערנים. אָנגעטראָפן אויפן וועג אַ מכשול. להסיר מכשול — כדי אָפּצוראַמען די הינדערנים.

מכשיל [מאַכשל] זיין — שטעלן אַ הינדערנים, ברענגען צום פאַלן. זע מכשול.

מכשיר [מאַכשיר] זיין — דערקלערן פאַר כשר.

מכשירים — צובאַהער. שיל-מכשירים, כלי מכשירים. מכשירי מיצווה — וואָס איז נויטיג צו אַ מיצווה (תלמודיש).

מכשף [מעכאַשעף], מכשפים — צויבע-רער (דברים יח י). נקיבה: מכשפה [מאַכשעיפע], מכשיפות, מכשיפה'טע, מכשיפה'טעס (שמות כב יז). זע כישוף.

מכת זע מכה.

מכתב [מיכטעוו], מכתבים — בריף (דברי הימים ב כא יב). „קומט אָן פון דעם משומד אַזאַ מין מכתב" (שלום עליכם).

מל [מאל] זיין, מל'ן — באַשניידן (יהושע ה ד). אַ גע'מל'טער. אַ פאַר הונדערט גע'מל'טע בירגער. זע: מוהל, מילה.

מלא [מאָלעי] — 1. פול. הים איננו מלא (קהלת א ז) — דער ים ווערט נישט פול. בכסף מלא (בראשית כג ט) — מיט דעם פולן פּרייז. בפה מלא — מיטן פולן מויל, אויסדריקלעך. מלא וגדוש — פול און געהויפט. מלא כרימון — פול ווי אַ מיל-גרוים (תלמודיש). אין פאַרבינדונגען: מלא חדווה — פול פרייד, מלא חמה — פול צאָרן, מלא חן — פול שיינקייט, מלא כעס — פול צאָרן, מלא רציחה — פול צאָרן, מלא שמחה — פול פרייד, מלא וואונדער, מלא גזלן, מלא המן. 2. שיכור. ער איז שוין מלא. 3. אין לוח: חודש מלא — אַ חודש פון 30 טעג (היפך: חסר). 4. אין דיקדוק: שרייבן מלא (היפך: חסר). אין אידיש שרייבט מען מלא, למשל „סידור", נישט סדר. 5. = אל מלא רחמים. מאַכן אַ מלא. „אַ שמש פון שול מאַכט פאַר אַ שטאָט, פאַר אַן-עלייה, נאָר אַ מי שבירך, פאַר אַ מלא" (מענדעלע).

מלאך [מאַלעך], מלאכים [מאַלאָכים] — בראשית טז ז. מלאך אלהים (בראשית כא יז). מלאך הגואל (בראשית מח טז), מלאך דומה (אָדער: הדומה, פאָלקסט: מלאך דראָנג), מלאך המות, מלאך מליץ. רבים: מלאכי השרת — די מלאכים וואָס באַדינען גאָט, מלאכי חבלה — די מלאכים וואָס באַשטראָפן די טויטע. מלאך פורה — דער מלאך פון שכחה. מלאך פּימפּער וואַרפט ראָזינקעס אויפן אלף-בית. הוא שטן הוא יצר הרע הוא מלאך המות — דער שטן, דער יצר הרע און דער מלאך המות איז אַלץ איינס (תלמודיש). שפּילן זיך מיטן מלאך המות, מע קען אים שיקן נאָכן מלאך המות, כ'וועל אים ריידן אַ שידוך מיטן מלאך המות'ס טאָכטער. מלאכים-כתב — אומלעזער-לעך. געקומען פרעמדע טייוואלים אָן פראַווע מלאכים שע שטיק.

**מלאכה, מלאכות** — אַרבעט. ארור עושה מלאכת ה׳ רמיה (ירמיה מח י) — פאַרשאָלטן דער וואָס טוט גאָט׳ס אַרבעט מיט פאַלשקייט. אהוב את המלאכה ושנא את הרבנות — האָב ליב די אַרבעט און האָס די הערשאַפט. גדולה מלאכה שמחממת (שמכבדת) את בעליה — גרויס איז די מלאכה ווייל זי וואַרעמט (ערט) דעם אַר־בעטער (תלמודיש). אַ שפּל׳דיקע מלאכה, דאָס איז זיין מלאכה. ס׳איז ניט קיין חכמה ס׳איז אַ מלאכה. בעל מלאכה, בעלי מלאכות [באַלמעלאָכעס] — אַרבעטער. גע׳מלאכה׳ט — געמאַכט, געפּעלשט. „אמת׳ע, ניט געמלאכה׳טע קאַלעקעס״ (מענדעלע). אָנ׳מלאכה׳נען, מלאכה׳ווען (פּציאַראַטיוו).

**מלאכי T.**

**מלאפום** [מלופּם] — פון די נקודות. מלאפום־קינד — פאַראַדיע אויף מפיל־קינד.

**מלבד** (בראשית כו א) אַ חוץ. מלבד זה — אחוץ דעם.

**מלבוש, מלבושים** (צפניה א ח) — קלייד.

**מלבין** [מאַלבין] — דער וואָס מאַכט בלייך. המלבין פני חבירו ברבים כאילו שופך דמים — ווער עס פאַרשעמט זיין חבר עפנטלעך, איז ווי ער פאַרגיסט בלוט (תלמודיש).

**מלביש** [מלביש] — וואָס באַקליידט. מלביש ערומים — דער וואָס באַקליידט נאַקעטע (סידור). מלביש ומנעיל זיין — קליידן און שיכן (לויט דברי הימים ב׳ כח טו).

**מלבר** [מילוואַר ◡ —] — פון דרויסן. זע בר.

**מלגו** [מילגאַוו ◡ —] פון אינעווייניק. זע גו.

**מלה** [מילע] **מלים, מלות** — וואָרט. אין מלה בלשוני (תהלים קלט ד) — עס איז קיין וואָרט אויף מיין צונג. מלה במלה — וואָרט ביי וואָרט, ווערטלעך. פירוש המלות — די באַדייטונג פון די ווערטער. זע מילא.

**מלוא** — וואָס פילט אָן איין עולם ומלואו — אַ וועלט און דאָס וואָס פילט זי אָן (אין תנ״ך: ארץ ומלואה, תבל ומלואה). ער האַלט פון אים אַן־עולם ומלואו. מלוא לוגמיו — אַ פולן שלוק זע לוגמא. אפילו כמלוא נימא — אַפילו אויף אַ האָר (תלמודיש).

**I. מלווה** [מאַלווע] — דער וואָס לייט אַנ־אַנדערן (ישעיה כד ב). עבד לוה לאיש מלווה (משלי כב ז) — דער וואָס לייט איז אַ קנעכט ביי דעם, וואָס האָט אים געליען. מלווה בריבית — דער וואָס לייט אויף פּראָצענט.

**II. מלווה** זע מילווה.

**III. מלווה** [מעלאַווע] זיין — באַלייטן, נאָכגיין אַ לוויה. מלווה זיין דעם מת. מלווה מלכה — „דאָס באַלייטן די מלכה״, די לעצטע סעודה אום שבת. שביתות־צו נאָכטס פּראַוועט דער רבי מלווה מלכה.

**מלוחים** — געזאַלצענעס. דגים מלוחים — געזאַלצענע פיש.

**מלוכה, מלוכות** — קעניגרייך. כסא המלוכה — טראָן (מלכים א׳ א מו).

**מלוכלך** — באַשמוצט. מלוכלך בטיט ובצואה — באַשמוצט מיט ליים און צואה (תלמודיש). ידי מלוכלכות בדם — מיינע הענט זיינען באַשמוצט מיט בלוט (תלמודיש).

**מלומד, מלומדים** — געלערנטער. נקיבה: מלומדת. מיצוות אנשים מלומדה (ישעיה כט יג) — אַ מצווה וואָס מע מאַכט מעכאַניש. מלומד ביסורים, במכות, בניסים — געוואָנט צו יסורים, צו מכות, צו ניסים.

**מלח** [מעלאַך] — זאַלץ. היאכל תפל מבלי מלח (איוב ו ו) — צו קען מען עסן פרעסנע אָן זאַלץ? ים המלח (בראשית יד ג).

**מלחך** [מעלאַכעך] פּינכי — טע־לערלעקער (תלמודיש).

**מלחמה, מלחמות** (שמות יג יז) — קריג. איש מלחמה — אַ קריי־גער (שמות טו ג). כלי מלחמה — כלי זיין (שמואל ב׳ א כז). תכסיסי מלחמה — די טאַקטיק פון מלחמה. מלחמת חובה, מלחמת מיצווה, מלחמת רשות — אַ פליכט־מלחמה (ד. ה. צו פאַרטיידיגן א״י), אַ מלחמה פון מיצווה (ד. ה. איינ־צונעמען די 7 פעלקער), אַ ניט־אָבליגאַטאָרישע מלחמה. מלחמת גוג ומגוג — די מלחמות וואָס משיח וועט פירן (תלמודיש). אני שלום והמה למלחמה — איך בין פרידלעך און זיי נרייט צו מלחמה (לויט תהלים קכ ז).

**מלידה ומבטן** (הושע ט יא) — פון געבורט. זע: בטן.

**מליחה** — דאָס זאַלצן.

**מליץ** [מעליץ], **מליצים** — פאַרטיידי־גער. מלאך מליץ (איוב לג כג). מליץ יושר (לויט איוב לג כג), מליץ טוב. אַ גוטער מליץ זאָל ער פאַר אונז זיין. נקיבה: די באָבע ציטל, זאָל זיין אַ מליץ־יושר׳טע, פלעגט זאָגן.. „לאָז זי אַ גוטע מליצה זיין״ (מענדעלע). זיי האָבן פאַר זיך מלאכי מליצים (מענדעלע).

**מליצה, מליצות** (משלי א ו) — פּראָזע, רעטאָריק.

**מלך, מלכים** — קעניג. המלך — דער קעניג. בן מלך (תהלים עב א) — פּרינץ. דרך המלך (במדבר כא כב) — אַ שאָסיי. ניד המלך (מלכים א׳ י יג) — ווי עס פירט זיך ביי אַ קעניג. מעדני מלך (בראשית מט כ) — זיסי־קייטן ווי פאַר אַ קעניג. כמלך בגדוד (איוב כט כה) — ווי אַ קעניג ביי זיין חיל. דוד מלך ישראל חי וקיים — דוד המלך לעבט (סידור). דוד המלך, שלומה המלך. מלך בכיפה — אַ מלך איבער די גאַנצע וועלט (תלמודיש). מאַכן אַ „המלך״ — זינגען דעם פיוט „המלך״. „(דער האָן) טוט אַ קלאַפּ מיט די פליגלען, מאַכט אַ המלך, אַ ב־ייטן קוקוריקו״ (מענדעלע). מלך אביון, מלך עוזר, מלך עליון, מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא (סידור). מלך חסד (אויף פראַנץ־יאָ־זעפן). פון מלך סאָבעצקים צייטן. אדוני מלך (שמואל א׳ כד ה). דער מלך אין קאָרטן: „מלך יום טוב״ — קעניג טרומף (שלום עליכם). זע מלכות.

**מלכים א׳ מלכים ב׳** T.

**מלכה** [מאַלקע], **מלכות** [מאַלקעס] — קעניגין. ושתי המלכה (אסתר א ט), אסתר המלכה. מלכת שבא (מלאכים א יא) בת מלכה. אַ מעשה פון אַ בן מלך מיט אַ בת מלכה. אַ מלכה ביים סדר. די מלכה אין קאָרטן. מלכה N.

**מלכות** [מאַלכעס] **מלכיות** [מאַלכיעס] — 1. קעניגרייך. כתר מלכות (אסתר א יא) — די קרוין פון קע־ניגרייך. עול מלכות שמים — דער יאָך פון גאָטס קעניגרייך (ד. ה. די מיצוות) (תלמודיש). אַרבע

מלכויות (דניאל ח כב) — די פיר קעניגרייכן. 2. דער מלך. ויין מלכות (אסתר א ז) — דעם קעניגס וויין. קרוב למלכות — דעם קעניגס א קרוב (תלמודיש). „אזוי, אז דער מלכות מעג עסן" (מענדעלע). 3. איינע פון די צען ספירות. מלכות שבמלכות. 4. מלכיות T. (פסוקים מיט „מלך") 4. „מלכות=ברייטל.

**מלכותא** (דניאל ח לז) = מלכות. מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיעא — דער קעניגטום אונטן איז ווי דער קעניגטום פון הימל (תלמודיש).

**מלמד** [מעלאַמעד] זיין — לערנען. מלמד זכות זיין, מלמד חובה זיין, מלמד סניגוריא זיין — רעכטפערטיגן, באַשולדיגן פאַרטיידיגן (תלמודיש). 1. מלמד, מלמדים — לערער (תהלים קיט צט). לא הקפדן מלמד — אַ שטרייגער איז ניט קיין לערער (תלמודיש). דרדקי=מלמד, גמרא=מלמד. אברהמ׳עלע [אווראַמעלע] מלמד. א מלמד בלייבט אַ מלמד. נקיבה: מלמד׳קע, מלמדיכע מלמד׳טשינע. מלמדות.

**מלעיל** [מילעל ◡ —] — די באַטאָנונג אויף דער פאַרלעצטער זילב (היפך: מלרע).

**מלקות** [מאַלקעס] — שלעג. חייב מלקות ארבעים — אים קומט פערציק שמיץ (תלמודיש).

**מלרע** [מילרע ◡ —] (תרגום פון «מתחת») — די באַטאָנונג אויף דער לעצטער זילב (היפך: מלעיל).

**מלשין** [מאַלשין] זיין — דענונצירן, מסר׳ן. זיי האָבן מלשין געווען אויף דעם תלמיד. מלשין, מלשינים — מסור. מלשינות.

מלתא זע מילא.

**מם** [מעם] — דער נאָמען פון אות מ. אָפענע=מם (מ), שלאָסע=מם (ם).

**ממאס** [מעמאָעס] זיין — פאַרעקלען, מאַכן נמאס.

**ממה נפשך** [מאַנעשעך — ◡ ◡] — „פון וואָס דו ווילסט", איינס פון צוויי. „ממה נפשך, אָדער זאָל זיך מודה און גיב אָפּ דאס געלט, אָדער וויז די קעשענע" (שלום עליכם). „איז מאָנעשעך: אויב עס איז פון מיערן, וועט זיך עס פאַרשלייערן, עלע עס וועט זיך ניט איינגעבן, איז גאָט אַ פּאָטער" (בערגעלסאָן).

**ממהר** [מעמאַהער] זיין — מאַכן גיכער, באַשלייניגן (משלי ז יח). הממהר באהבה ממהר בשנאה — ווער עס פאַרליבט זיך גיך, ווערט אויך גיך אַ שונא.

**ממון** [מאָמן] **ממונות** [מאָמענעס—◡◡] — געלט. עין תחת עין ממון — אין דעם דין „עין תחת עין" מיינט מען געלט (תלמודיש). הנושא אשה לשם ממון — ווער עס נעמט אַ ווייב צוליב געלט. ממון שאין לו תובעים — געלט וואָס קיינער פאָדערט ניט. ממונו של אדם חביב עליו כנפשו — דאָס געלט איז דעם מענטשן ליב ווי זיין אייגענער גוף. מלח ממון חסר — ניטאָ קיין זאַלץ צו באַוואָרענען אַ פאַרמעגן. שלם בגופו שלם בממונו שלם בתורתו — אומגעליטן אין גוף אין געלט און אין זיין תורה (תלמודישער פשט אויף בראשית לג יח). ממון קורח — קורח׳ס פאַרמעגן. מאסף ממון זיין. דיני ממונות — ציוויל=געזעצן (תלמודיש).

**ממונה, ממונים** — 1. באשטימט. ממונים על הכלים (דברי הימים ט כט) — פארגעזעצט איוף די כלים. „א ממונה אויף דער גאדעראבע" (מענדעלע) מלאך הממונה על התקיעה (סידור). זע ממנה.

**ממוצע** — א מיטעלער. דיעות ממוצעות — מיטעלע (ניט קיין עקסטרעמע) דיעות. דרך הממוצע — דער מיטע־לער וועג. זע אמצע.

**ממשך** — ארויסגעצויגן. תוחלת ממושכה (משלי יג יב) — א פארצויגענע האפנונג.

**ממזר, ממזרים** — (דברים כג ג) נקיבה: ממזרת. ממזר בן הנידה (תלמודיש). כסף וזהב מטהר ממזרים — געלט מאכט ריין ממזרים. ממזר־בילבול — עלילת דם. ממזר תלמיד חכם קודם לכוהן גדול עם הארץ — א ממזר א תלמיד חכם איז פריער פאר א כוהן גדול אנ־עם הארץ. דער גראשן (דער רובל) איז ביי אים א ממזר. ממזר־שטיקלעך. ממזריש, ממזרוק.

**ממילא** [מעילע] — פון זיך זעלבסט, eo ipso, זע מילא.

**ממית** זיין — טויטן. ממית ומחיה (שמואל ב׳ ב ו) — ער טויט און מאכט לעבעדיק. די תורה האלט זיך נאר ביי דעם וואס איז זיך ממית פאר איר (תלמודיש). ממית׳ן.

**ממכר** (ויקרא כה יד) — פארקויף. מקח וממכר — קויף און פארקויף.

**ממלא** (מעמאלע) זיין — אויספילן (דברי הימים א׳ יב טו). גאט זאל ממלא זיין בכפול כפלים. ממלא מקום אביתיו — דער וואס פארטרעט די שטעל פון זיינע פעטער (תלמודיש). ממלא מקום, ממלא מקומו — פארטרעטער. דער ממלא מקום קדשו פון קוזמירער רבי׳ן.

**ממליץ** [מאמליץ] זיין — פארטיידיגן. זע מליץ.

**ממנה** [מעמאנע] זיין — באשטימען, איינזעצן. זע ממונה.

**ממני** [מימעני] — פון מיר (ירמיה מי כח). ממני ידידך N. (אין בריוו די אונ־טערשריפט).

**ממעט** [מעמאעט] זיין — קלענער מאכן. ממעט באכילה, ממעט בעסק — ווייניקער עסן, עסק׳ענען; ממעט את הדמות — פארמינערט די צאל מענטשן (תלמודיש).

**ממציא** [מאמצי] זיין — דערפינדן. ער האט ניט ממציא געווען קיין נייעס. „מען פארגעסט כלל יענעם נעבעך, וואס האט עס מיט נויטשוויס ממציא געווען" (מענדעלע).

**ממש** [מאמעש] — ווירקלעכקייט, ווירק־לעך. אין ב׳ ממש — ס׳איז ניטא קיין ממשות: ממש בדבריו — זיינע ווערטער האבן אין זיך עפעס; בפועל ממש — אין ווירקלעכקייט (תלמודיש). מלאכים ממש — ווירקלעכע מלאכים. ס׳איז ממש געניאל. די שטאט האט ממש געגרויסט מיט איר.

**ממשות** [מאמשעס] — ווירקלעכקייט. ס׳האט ניט קיין ממשות. ווי א הונט בילט אויף דער לבנה, אט אזא ממשות האט עס ביי מיר.

**ממשיך** [מאמשיך] זיין — ציען.

**ממשלה** (מיכה ד כ) — הערשאפט. פירן די ממשלה.

**ממתיק** [מאמתיק] זיין — זיס מאכן שמאקהאפט מאכן. מלח ממתקת את הבשר — זאלץ באטעמט דאס פלייש (תלמודיש).

**ממתקים** (נחמיה ח יא) — זיסיקייטן. האָבן די ממתקים (ד. ה. געלט).

I. **מן** — (שמות טז לא). פּערציק יאָר האָבן זיי געגעסן מן אין מידבר.

II. **מן** — פון. מן הבא בידו (בראשית לב יד) — פון דעם וואָס קומט אין זיין האַנט. סרו מן הדרך (שמות לב ח) — אָפּגעטרעטן פון וועג. מן הקצה אל הקצה (שמות כו כח) — פון איין עק ביז צום אַנדערן. צו בילדן אַ סופּערלאַטיוו: אַפילו למהדרין מן המהדרין (זע מהדר). מן הדין — לויט דעם געזעץ. מן הסתם — „פון דעם אומבאַשטימטן", ווייזט אויס (זע סתם). מן הצד — „פון דער זייט" (זע צד). מן השמים — פון הימל (זע שמים). מן התורה — פון דער תורה (זע תורה). מן המיצר T.

**מנאף** [מענאָעף] — וואָס טרייבט זנות, אַ רועה זונות. נקיבה: מנאפת (משלי ל כ). זקן מנאף — אַן=אַלטער אַ מנאף (תלמודיש). זע נואף.

**מנבל** זיין — שענדן. בן מנבל אב (איכה ז ו) — דער זון שענדט דעם פאָטער. כל המנבל פיו מעמיקים לו גיהנם — ווער עס רעדט נבול פה, דעם פאַרטיפט מען דעם גיהנם. כל המנבל עצמו על דברי תורה סופו להתנשא — ווער עס דערנידריקט זיך איבער די תורה דער וועט דער=הויבן ווערן (תלמודיש).

**מנגן** [מענאַגן], **מנגנים** — זינגער (מלכים ב' ג טו). חזן מנגן, דער גרוי=סער מנגן אונזערער.

**מנדב** [מענאַדעוו] זיין — געבן אַ נדבה. מנדב געווען ח"י רובל כסף.

**מנדה** [מענאַדע] זיין — אַריינלייגן אין חרם. בית דין מנדין — דער בית דין לייגט אין חרם (תלמודיש).

**מנדר** [מענאַדער] זיין — געבן אַ נדבה על פי נדר. מנדר זיין אַ פונט ליכט. זע שנדר.

**מנה** [מאָנע] **מנות** — גאָב, טייל (שמות כט כו). מנה יפה — אַ שיינע פּאָרציע, אַ טרינק=געלד. „אין דער האָפנונג כאַפּן אַ מנה יפה, אָפּלעקן אַ ביינדל" (מענדעלע).

**מנהג**, **מנהגים** — פירעכץ (מלכים ב' ט כ). הכל כמנהג המדינה — אַלץ לויט דעם מנהג פון דער מדינה. מנהג מבטל הלכה, מנהג עוקר דין — אַ מנהג ברעכט אַ דין. מנהג וותיקין, מנהג ישן, מנהג ישראל, מנהג מקדמונים — אַ מנהג פון די פרומע, אַן=אַלטער, אַ אידישער, פון די אַלטע. מנהג ישראל תורה — אַ אידישער מנהג איז אַ תורה (רש"י). מנהג אבותיהם בידיהם — זיי פירן זיך ווי זייערע אָבות. לא ישנה אדם מן המנהג — מע טאָר ניט ענדערן אַ מנהג. עולם כמנהגו נוהג — די וועלט פירט זיך לויט איר שטייגער (תלמודיש). זע כמנהג.

**מנהיג** [מאַנהיג], **מנהיגים** — פירער. מנהיגי הדור — די פירער פון דור.

**מנהל** — פירער (ישעיה נא יח). דירעק=טאָר. מנהלי הישיבה — די לייטער פון דער ישיבה.

**מנודה** — אַן=אַריינגעלייגטער אין חרם. זע מנדה I.

**מנוול**, **מנוולים** — העסלעכער. אשה מנוולת — העסלעכע פרוי. מיתה מנוולת — העסלעכער טויט (תלמודיש). זע אם פגע.

**מנוחה** — רו. מקום מנוחה (ישעיה סו א) — רו=אָרט. מע פאַרברענגט גע-מיטלעך און מנוחה'דיק.

**מנוי** [מאַניי], **מנויים** — געציילט. את השקול ואת המנוי — דאָס געוואויגענע און דאָס געציילטע (תלמודיש). מנויה וגמורה — באַשלאָסן לויט אָפּשטימונג (סידור) זע נמרו וגמרו.

**מנומס** — געזיטעט. זע נימוס.

**I. מנוסח** — אויספּראָבירט. בדוק ומנוסה.

**II. מנוסה, מנוס'קע** — די קישקעס פון אַ בהמה (אַ העברייאיזם?). שווייַנקען די מנוסה (פון טרינקען).

**מנוקד** — מיט נקודות. זע נקודה.

**מנורה, מנורות** — לייכטער (שמות כה לא). מנורת המאור (שמות לה יד)

**מנחה** (מינכע) — 1. אַ געשענק. מנחה שלוחה (לויט בראשית לב יט). 2. אַ קרבן. קרבן מנחה (ויקרא ב א). 3. אַ תפילה. בין מנחה למעריב — צווישן מנחה און מעריב.

**מנחם** [מענאַכעם] זיין — טרייסטן (שמואל ב' י יג). מנחם אבל זיין בין השורות. מנחם N. מנחם אב (זע אב). זע ניחום.

**מגיה וביה** [מגעיעבעי ◡◡—] — באַלד, אויף דער שטעל (תלמודיש).

**מנייה** [מנאַיע], **מניות** — חלק, פּאַי (נחמיה יב טז).

**מנין** [מיניען] **מנינים** — 1. צאָל (עזרא ו יז). לא במשקל ולא במנין — ניט לויט געוויכט, ניט לויט צאָל. רוב בנין ורוב מנין — דאָס רוב לויט גרויס און לויט צאָל. דבר שבמנין — דאָס וואָס ווערט געציילט (תלמודיש). 2. צען מענטשן אַלס ציבור. דאַווענען מיט אַ מנין. מצרף זיין צו אַ מנין. „אָפּכאַפּן אַ דאַווענען וותיקין צום ערשטן מנין" (מענדעלע). אויף יעדן מנין אידן 20 דיעות. לערך שמונה מנינים אידן וואָהנען דאָרטן

3. דער אָרט וואו מען דאַוונט. דער רייסישער מנין. „אין דעם הויז איז געווען אַ יאָר־מנין מיט אַ ספר תורה" (מענדעלע). 4. צייטרעכענונג. מנין שטר'ות — די צייטרעכענונג אויף די שטרות (פון 312). במנין שאנו מונ'ן כאן — לויט היגער צייטרעכענונג.

**מניעה, מניעות** — הינדערניש. י מניעה איז אין אים. אין געלט איז קיין מניעה ניט.

**מנלן** [מנאָלן] — פון וואַנען ווייסן מיר דאָס? (תלמודיש).

**מנענע** [מענאַנאַ] זיין — שאָקלען. מנענע זיין דעם לולב. זע נענועים.

**מנעורי** — פון מיין יוגנט. מנעורי עד היום הזה (שמואל א' יב ב) — פון מיין יוגנט ביז היינטיגן טאָג. מנעוריו — פון זיין יוגנט (ירמיה מח יא) זע נעורים.

**מנצח** [מענאַצעַך] זיין — באַזיגן. זע למנצח.

**מנקד** [מענאַקעד] זיין — פּונקטירן, מדקדק זיין.

**מנקר** [מנאַקעו] זיין — אויסשטעכן (לויט במדבר טז יד), אַרויסשניידן דעם חלב פון פליש. אַ מנקר — אַ טרייבערער (טרייביטשער), פלייש־רייניקער.

**מנשא** [מנאַסע] — פאַרהייראַטן. מגדל ומנשא זיין — דערציען און אויסגעבן.

**מנשק** [מנאַשעק] זיין — קושן. מחבק ומנשק זיין, מגפף ומנשק זיין — אומאַרמען און קושן (תלמודיש).

**מנת** [מנאָס] — חלק (תהלים טז ה) על מנת — מיט דעם תנאי, כדי. הלומד על מנת ללמד — ווער עס לערנט כדי צו לערנען אַנדערע. על מנת לקבל פרס — כדי צו באַקומען געצאָלט (תלמודיש).

**מס, מסים,** (דברים כ יא, שמות א יא) — צינז. מס עצמי — זעלבסטבאַ־שטייערונג.

**מסביר** [מאַסביר] זיין — דערקלערן. בעל מסביר. זע הסברה, סברא.

**מסדר** [מעסאַדער] זיין — אָרדנען. מסדר קידושין (זע). זע סדר.

**סובב** — די פֿאָלגע פֿון אַ סיבה.

**מסובין** — אָנגעליינט. כולנו מסובין — מיר זיינען אַלע אָנגעליינט (סידור). לחיי כל המסובין בכאן — צו געזונט פֿון אַלע וואָס עסן דאָ. מע טרינקט במסובין. זע הסב.

**מסוגל** — געאייניקט, פּאַסיג. ער איז ניט מסוגל צו שרייבן, די צייט איז ניט מסוגל דערצו.

**מסוגר** — אין סופּערלאַטיוו: סגור ומסוגר — פֿאַרשלאָסן (יהושע ו א).

**מסודר** — געאָרדנט. זע מסדר.

**מסוכן** — געפֿערלעך. חולה מסוכן, בהמה מסוכנת (תלמודיש). ער איז מסוכן קראַנק. ס'איז מסוכן נפֿש. אַ מסוכנ'ע ליבע.

**מסובסך** — פֿאַרווירט, פֿאַרפּלאָנטערט. עסק מסובסך.

**מסופק** זיין — צווייפֿלען. מסופקני (= מסופק אני) — איך צווייפֿל. זע ספק.

**מסור** [מאָסער] — אייגנטלעך מוסר: דאַנאָסציק, דער וואָס מסר'ט. זע מוסר.

**מסורה** — 1. איבערליפֿערונג, טראַדיציע, ס'איז אַ מסורה פֿון קדמונים. 2. די באַשרייבונג פֿון תנ"ך־טעקסט. בעלי המסורה — די מחברים פֿון דער מסורה. כללי המסורה — די כללים פֿון דער מסורה. ג' במסורה — דריי מאָל אין תנ"ך־טעקסט.

**מסחר** (מלכים א' י טו), **מסחרים** — האַנדל. עס העלפֿט צום מסחר, ער איז פֿאַרטאָן אין מסחר. פֿאַר־מסחר'ן אַ חפֿץ.

**מסיבה, מסיבות** — קרייז. דער איד זוכט אַ מסיבה'לע צום שמו־עסן.

**מסיג גבול** זיין — אָפּרוקן דעם גרעניץ (דברים כז יז), פֿאַרכאַפּן פֿרעמדס (הושע ה י). זע הסגת גבול.

**מסיח לפי תומו** — ער דערציילט נאַאיוו, ד. ה. ניט אינטערעסירט (תלמודיש).

**מסיח דעת** זיין — אַרויסשלאָגן פֿון קאָפּ, ניט טראַכטן (מענדעלע).

**מסיים** [מסאַיעם] זיין — פֿאַרענדיקן. מתחיל בבנות ומסיים בשבח — הייבט אָן מיט טאַדל און ענדיגט מיט לויב (תלמודיש). זע סיום.

**מסייע** זיין — העלפֿן. הבא לטהר מסייעין אותו — ווער עס קומט צו דערקלערן פֿאַר ריין, דעם העלפֿט מען. מסייע זיין לעוברי עבירה — העלפֿן אַזעלכע, וואָס מאַכן אַנ־עבירה. זכות אבותם מסייעתם — זכות אבות העלפֿט זיי. תנא מסייע לך — דער תנא איז פֿון דיין מיי־נונג (תלמודיש).

**מסיני** — „פֿון באַרג סיני". הלכה למשה מסיני — אַ געזעץ צו משה רבינו פֿון באַרג סיני (תלמודיש). „טאַקסע איז ניט מסיני" (מענדעלע).

**מסירה** — 1. דאָס מסר'ן, שיקן אַ מסירה'לע אין די הויכע פֿענצטער. „ער רעדט אויף אים המן'ס מסירות" (שלום עליכם). 2. מסירת מודעה — דערקלערונג. „מסירת מודעה'לעך גייען בײַ מיר נישט אָן" (מענדעלע).

מסירת נפש — ריזיקא, גיין אויף מסירת נפש. זע מוסר II.

**מסית** [מעיסיס], **מסיתים** — פאַרפירער. מסית ומדיח — (דברים יג ז— יב).

**מסכים** [מאַסקים] זײַן — איבעריינשטימען. זע הסכם.

**מתכתא** [מאַסעכטע], **מסכתות**—תלמודישער טראַקטאַט.

**מסלק** [מסאַלעק] זײַן — ליקווידירן, סילוקין. „מיט עולם הבא זאָלסטו מסלק זײַן אַנדערע: זאָג זיי צו פליש און ווײַן אויף יענער וועלט" (מענדעלע). זע סילוק.

**מסמיך** [מאַסמיך] זײַן — געבן סמיכות. דער רבי האָט אים מסמיך געווען אלם ממלא מקום קדשו.

**מסע** [מאַסע], **מעות** [מאַסאָעס] — רייזע (במדבר לג א). וילך למסעיו (בראשית יג ג) — ער איז געגאַנגען זײַן פריערן וועג. מסעי T.

**מספיד** [מאַספיד] זײַן — מאַכן א הספד.

**מספיק** [מאַספיק] — באַפרידיגענד. תירוץ מספיק—אַ באַפרידיגענדער תירוץ. מספיק זײַן כל צרכיו — צושטעלן אַלץ וואָס ער באַדאַרף. סעודה שאינה מספקת — אַ ניט גענוגנדע סעודה.

I. מספר זע מיספר.

**II. מספר** [מסאַפער] זײַן — דערציילן (שופטים ז יג). השמים מספרים כבוד אל (תהלים יט ב) — דער הימל דערציילט גאָט׳ס גרויסקייט. אשה מספרת עם בעלה — אַ פרוי שמועסט מיט איר מאַן (תלמודיש, אויך אייפעמיסטיש).

**מסקנא** [מאַסקאָנע] — באַשלוס, החלטה. בלי נדר ומסקנא — אָן אַ נדר און באַשלוס. געקומען צו דער מסקנא, אַ... (תלמודיש).

**מסרבין לקטן ואין מסרבין לגדול** — מע לאָזט זיך בעטן פון אַ קליינעם מאַן, אָבער ניט פון אַ חשובן (תלמודיש).

**מסריח** [מאַסריאַך] זײַן — שטינקען.

**מסר'ן** [מאַסערן] — איבערגעבן איינעם (אין פרעמדע הענט), אָנגעבן אַ מסירה. זע: מוסר.

**מסרס** [מעסאָרעס] זײַן—קאַסטרירן. מסרס זײַן אַן=אַרויקל. זע סריס.

**מסתמא** [מיסטאַמע] — „פון דעם אויבערשטן", ד. ה. האָט אַ=פנים, ווײַזט אויס. מן הסתם. זע סתם.

**מסתפק** [מיסטאַפעק] **במועט** — זיך באַנוגענען (מיט ווייניק). זע הסתפקות.

**מעבד** [מעאַבעד] זײַן — אויסאַרבעטן זע מעובד'.

**מעביר** זײַן — איבערפירן (דברים ל יג). מעביר נחלה זײַן — די ערבשאַפט איבערגעבן ניט דעם יורש, נאָר אַן אַנדערן (ל׳יט במדבר כז ח). מעביר על מידותיו (היפך: מעמיד על מידותיו) — ניט שטרייַנג פאָדערן, נאָכגעבן. כל המעביר על מידותיו מעבירין לו פשעיו — ווער עס גיט נאָך, דעם באַפרייט מען פון זינד (תלמודיש). מעביר סדרא זײַן — לייענען די סדרא מיטן טראָפ.

**מעבר לים** (דברים ל יג) — פון אַנדער זייט ים.

**מעבר יבוק** (בראשיח לב כג) T.

**מעברתא** [מעַבאַרטע] — אין תפילין.

**מעגן** [מעאַגען] זײַן די ווײַב — פאַרלאָזן די ווײַב, מאַכן זי פאַר אַן עגונה (זע).

**מעדני מלך** (בראשית מט כ) — קעניגלעכע שפּײַזן.

**מעובד** — אויסגעאַרבעט.

**מעוברת** [מעאוּבערעס] — אַ שוואַנגערע. מעוברת ווערן. „אַ שטאָט מיט מעוברת׳ע ווייבער״ (פּרץ). אַ מעוברתע אַ־דענע (אויף איינעם וואָס אים איז אַלץ שווער).

**מעוז צור ישועתי** T. **מעוט** זע מיעוט.

**מעולה** — דאָס בעסטע. שמירה מעולה (היפך: שמירה פּחותה). המעולה שבשירים — דאָס בעסטע היטן, דאָס בעסטע ליד (תּלמודיש).

**מעומד** — שטייענדיק. אכל ושתה מעומד — האָט געגעסן שטייענדיק (תּלמודיש).

**מעונן** אין יום המעונן — באַוועלקנטער טאָג (תּלמודיש).

**מעוקל** אין משפּט מעוקל (חבקוק א ד) — פאַרדרייטער אורטייל. זע עקלקלות.

**מעור אחד** — פון איין פעל. יריעות מעור אחד.

**מעורב עם הבריות** — „פאַרמישט מיט מענטשן״, געזעלשאַפטלעך (תּלמודיש).

**מעורר זיין** — וועקן, מינטערן, זעצן אין באַוועגונג. רבנים זיינען מעורר דעם עולם.

**מעושה** אין גט המעושה — געצוואונ־גענער גט. זע מעשה I.

**מעות** [מאָעס] — קליינגעלט, געלט. מעות קונות — געלט קויפט (תּלמודיש). מעות חיטין — „געלט פאַר ווייץ״ (אַ נדבה). זע קמחא דפסחא.

**מעט** [מעאַט ◡—] — ווייניק. מקדש מעט (יחזקאל יא טז) — קליינער בית המקדש, סינאַגאָגע. נשארו מעט מהרבה (ירמיה מב ב) — מיר זיינען געבליבן ווייניק פון פיל. כמעט קט (יחזקאל טז מז) — זייער ווייניק. כמעט — אונגעפער.

**מעיד** — זאָגן עדות (מלאכים א׳ כא י), וואָרענען. איך בין מעיד ומתרה.

**מעיז פּנים זיין** — חוצפּה׳דיק אויפ־טרעטן (לויט משלי ז יג) אין אדם מעיז פּניו בפּני בעל חובו — אַ מענטש טרעט ניט אויף חוצפּה׳דיק אַקעגן זיין קרעדיטאָר (תּלמודיש).

**מעיים** [מעאַאים] — אינגעווייד. חלי מעיים (לויט דברי הימים ב׳ כא טו) — אינערלעכע קראַנקהייט. בני מעיים [בּענעמאַאים] — געדערים (תּלמודיש).

I. **מעיין** [מע־אַאין] זיין — אַריינקוקן. מעיין זיין אין אַ ספר (תּלמודיש).

II. **מעיין** (ויקרא יא לו) — קוואַל. מעיין טהור. מעיין המתגבר — אַ שטאַר־קער קוואַל (תּלמודיש).

**מעילה** [מע־אילע] T, אַ באַטרוג.

**מעין** [מע־עין ◡—] — פון דעם אינ־האַלט. מעין הברכות. מעין המאורע זע עין.

**מעיקרא** — פון אָנהויב. זע עיקר.

**מעיר זיין** — מאַכן אַ באַמערקונג. זע הערה.

**מעכב** [מעאַקעוו] זיין — אויפהאַלטן. מעכב זיין די גאולה. ומי מעכב שאור שבעיסה מעכב — ווער האַלט אויף? דער יצר הרע (תּלמודיש). מעכב הקריאה זיין — ניט לאָזן אַרויסנעמען די ריי־ניקייטן פון היכל.

I. **מעלה** [מאַילע] זיין — אויפהייבן (תהלים קלה ז). דאָס איז ניט מעלה און ניט מוריד. מעלין בקודש ולא מורידין — הייליגע זאַכן הייבט מען און מען נידערט ניט (תּלמודיש), זע מוריד). מעלה גרה — (ויקרא יא ג). מעלה גרה זיין, מעלה

גרה'ן — איבער'חזר'ן (אויך פון א פרעסער).

**II.** מעלה, מעלות — שטיג, שטו־פע (שמות כ כו). שיר המעלות T.

**III.** מעלה — אויבן (דברים כח מג). היפך: מטה. בית דין של מעלה. משכמו ומעלה (שמואל א' ט ג) — מיט א קאָפּ העכער: מבן עשרים שנה ומעלה (שמות ל י) — פון 20 יאָר אָן. למעלה — העכער (דברי הימים א' כט כה). מלמעלה — פון אויבן (בראשית ו טז).

**IV.** מעלה [מאַילע], מעלות [מאילעס] — 1. גוטע אייגנשאַפט. (היפך: חסרון). מיט אַלע מעלות. אַ מעלה יתירה האָט ער. 2. מעלתו — „זײַן ווערדע", ד. ה. איר (חרבות אויסד רויק). „מעלתו לעבט אין טעות" (מענדעלע).

מעליא [מאליע], מעליתא [מאליעסע — ◡ ◡] — דאָס בעסטע. לישנא מעליא נקט — ער געברויכט די בעסטע שפּראַך (תלמודיש).

מעלים [מאַילים] זײַן — פאַרדעקן, פאַרבערגן (איוב מב ג).

מעלין זע מעלה.

מעמד (ישעיה כב יט) — שטאַנד, מצב. אַ תקיף אין מעמד. איך בין, גאָט צו דאַנקען, אַ איד אין מעמד. דער מעמד הקהילה. „אונזער רוחניות און באַדנלאָזיקייט האָבן אויפגעגעסן דעם גאַנצן מעמד אונ־זערן — און מיר זײַנען געבליבן אָן אַ מעמד, אָן אַ באָדן" (מענדעלע). במעמד — אין אָנוועזנהייט.

מעמדות T. „תהילים איז טײַער, מעמדות ווערלעלער". (שפּריכוואָרט).

מעמיק [מאַימיק] זײַן — זיך פאַרטיפן (ישעיה כט טו). ער איז מעמיק אין דער שאלה.

מענה [מעאַ:ע, מאַינע] זײַן — מאַנס זײַן (צפניה כג יט).

מענה [מאַינע] — ענטפער. מענה רך ישיב חימה (משלי טו א). — אַ ווייכער ענטפער ווענדט אָפּ דעם צאָרן. אַלע טענות ומענות. מענה לשון (משלי טז א). האָבן אַ מענה לשון — אַ גוטס מויל. זי עפנט איר מעוה לשון. „קומט זי צולויפן און לייגט מיר אויעק אַ מענה לשון, אַזוי און אַזוי" (שלום עליכם).

מעניני [מעאיניאָנע] דיומא — פון טאָג־כראָניק.

מעניש [מ:ינעש], מענש [מאנעש] זײַן — באַשטראָפן.

מעס זע מ"ת. מעסאַמעאַך זע משמת.

מעקאַך זע מקח.

מעקה אין ועשית מעקה לגגך (דברים כב ח) — אַ גאַניק.

מעקם [מאיקעם] זײַן — קרום מאַכן. מעקם זײַן דעם וועג.

„מעקן" קומט פון מחק'ן, ווי «שעכטן» פון שחט'ן (תשבי).

מעקר [מאיקר] זײַן — אויסרייסן מיטן וואָרצל. מעקר'ן. „מעקר'ן אַ פערד (יהושע יא ט).

**I.** מערב — וועסט (ישעיה מג ה). כרחוק מזרח כמערב (תהלים קג יב) — ווי דער מזרח איז ווייט פון מערב. מערב־איראָפּייאישע לענדער. מערבית, דרומית־מערבית.

**II.** מערב [מאירעוו] זײַן — פאַרמישן (דניאל ב מא). אין מערבין שמחה בשמחה — מען מישט ניט צונויף צוויי שמחות (תלמודיש).

**III.** מערב: «אשכנזים רופן אַ גוטן קונד «מערב», עס איז אייגנטלעך מריף, ווי מיר געפינען ביי די פּוסקים: מותר להלוות לגוי שהוא מכירו ומעריפו», «משום איבוד

מעריפייע [מאַריפּיע]». תשבי. (מעריף, מערופיע איז אַראַבי׳ ).

**מערבב** [מעאַרבעוו] זיין — פאַרמישן, פאַרטומלען. מערבב זיין דעם שטן — דורך תקיעות, נעניעים א. א. וו. (תלמודיש).

**מערה** [מאַירע] **מערות** [מאירעס] — הייל (בראשית יט ל). מערת המכפלה T, (בראשית כג ט). גילגול מערות זע גילגול.

**מעריב** [מאַירעוו] T. [פון „המעריב ערבים“]. מעריב-צייט. בין מנחה למעריב. מעריב׳דיקע שמונה עשרה.

**מערים** [מאַירעם] זיין — זיך געבן א עצה. כיצד מערימים — ווי גיט מען זיך אַן-עצה? (תלמודיש).

**מעריף** זע מערב.

**מערכה** [מאַראָכע] — קאָנסטעלאַציע, מזל. אַ גוטע, אַ גאָלדענע מערכה. ער קען דערמיט פאַרבעסערן זיין בי-טערע מערכה. נאָך אַ מערכה (א גליק). וואָס מער איז ניטאָ, טאַפּן, קאַליע מאַכן די מערכה.

**מערכעק** זע מרחק.

**מערער** [מעאַרער] זיין — פראָטעסטירן. מערער זיין קעגן דעם גט (תלמודיש). די מערערים פון רבין. זע עירעור.

**מערקעז** זע מרכז.

I. **מעשה** [מעאַסע] זיין — צווינגען יענעם צו טאָן. גדול המעשה יותר מן העושה — גרעסער איז דער, ווער עס צווינגט דעם אַנדערן צו צדקה, איידער ווער עס גיט אַליין (תלמודיש).

II. **מעשה** [מאַיסע]. **מעשים** — די טאַט דאָס טאָן, ששת ימי המעשה (יחזקאל מו א) — די וואָכן ארבעטס-טעג. מעשה אופה (בראשית מ יז) — די ארבעט פון אַ בעקער, מעשה הדיוט, מעשה אומן, מעשה סוחר. שלאָגן זיך אַרום מעשה חזירים (ד. ה. ווי חזירים), מעשה הענער. כמעשה הרשעים (קהלת ב יד) — ווי רשעים. מעשי ידי אדם (דברים ד כח) — די אַרבעט פון מענטשן-הענט. ער גיט אָן, ער אַרבעט מעשים (לויט שמואל א׳ ח ח: ככל המעשים אשר עשו), ער טוט מעשים אשר לא יעשו (בראשית כ ט). מעשים בכל יום — געוויינלעכע מעשים (תלמודיש), מעשים טובים, מעשים תעתועים (לויט ירמיה י ט: מעשה תעתועים), מעשי ילדות, מעשה נערות, מעשי ניסים. אנשי מעשה — די פרומע (תלמודיש). מעשה אלהים (שמות לב טז) מעשה שטן, מעשה סמאל, מעשה ס״ם. אָפּטאָן אַ מעשה, זיך אָנטאָן אַ מעשה, אַ קשיא אויף אַ מעשה. געכאַפּט אויף דער מעשה (אייפעמיזם). הלכה למעשה — אַ געזעץ צו טאָן. מפסיק זיין בין ברכה למעשה (תלמודיש). מעשה בראשית, מעשה מרכבה T.

III. **מעשה** **מעשיות** — געשעענים. וואָס איז די מעשה? מעשה שהיה כך היה — די מעשה איז אַזוי געווען. קודם המעשה, בשעת מעשה, אחר (לאחר) המעשה. דעם עיקר המעשה ווילט איר וויסן? 2. גע-שיכטע. אַ מעשה-ביכל, אַ מעשה נורא. אַ באָבע-מעשה (אַ בבא-מעשה), אַ מעשה אָן אַן-עק, אַ שיינע מעשה נאָר אַ קורצע, די מעשה האָט שוין אַ באָרד, אַן-אמת׳ע מעשה שהיה. הערט אַ מעשה! ווי די מעשה איז, איז ער פאָרט... שוין אַ מעשה פון יאָרן, ווי... קיין מעשה נישט פון אַ מכה, זע ניש-קשה.

**מעשר** [מאַיסער], **מעשרות** — אַ צענט=חלק (בראשית יד כו). מעשר מן המעשר (במדבר יח כו) — הונדערט=חלק. מעשר ראשון, מעשר שני, מעשר עני (תלמודיש). עשו גיט מעשר פון שטרוי. ס'איז אפילו ניט קיין מעשר מן המעשר (1 פראָצ.).

**מעת-לעת** [מעסלעס ◡ —] — אַ טאָג מיט אַ נאַכט, 24 שטונדן (תלמודיש). דריי מעת=לעת. וויפיל מעת=לעת'ן?

**מעתיק** [מאַטעק] זיין — איבערשרייבן, איבערזעצן. זע העתקה.

**מפה** [מאַפּע] — 1. טישטוך. 2. וויקלבאַנד (אויך: מאַנטל) פון אַ ספר=תורה.

**מפה אל פה** זע פה.

**מפואר** — שיין.

**מפוזר ומפורד** (אסתר ג ח) — צע=זייט און צעטיילט. אידן זיינען מפוזר אין דער וועלט און מפורד צווישן זיך.

**מפולת** (**מפילה** [מאַפּעילע], **מפלת** [מאַפּעלעס]) — חורבא. „פון אַ צוויט הויז, כמעט אַ מפולת, קומט אויך אַרויס אַזאַ אינגל" (פרץ).

**מפונק** [מעפּונעק], **מפונקים** [מעפּונאָקים] — פאַרצויגן (פון מפנק, משלי כט כא). אַ בעל מפונק.

**המפורסם** — באַרימט. לידידי המפורסם (אין בריוו). זע פירסום.

**מפורש** (נחמיה ה ח) — דערקלערט. שם המפורש — דער שם הויה. מפורש זיין = מפרש זיין. „איך וועל דיר מפורש זיין דעם טעם דער=פון" (מענדעלע).

**מפותה** — אַ פאַרפירטע (לויט שמות כב טו).

**מפזר** (משלי יא כד) — צעשטרייער. מפזר זיין, זע מפוזר.

**מפטיר** [מאַפטיר], **מפטיר בנביא** — אַנ=עלייה (ביי קריאת התורה). חתן מפטיר. דאַבן מפטיר. דערמיט האָט ער זיך געקויפט מפטיר ביי די גויים. זע הפטרה.

**מפטפט** [מז:פאַטפעט] זיין — פלאַפּלען (תלמודיש).

**מפיים** [מעפּאַיעס] זיין — איבערבעטן. מפיים בדברים (תלמודיש).

**מפיל** [מאַפּיל] זיין — געוואונען אַ קינד פאַר דער צייט, אַבאָרטירן. זי וועט חלילה נ:ך מפיל זיין (ד. ה. ס'וועט איר גאָרניט שאַטן). אַ מפיל=קינד — אַ נפל (פאַראָדירט: אַ מלאפּום=קינד). גרויס ווי אַ מפיל. זע נפל.

**מפילה** זע **מפולת**.

**מפיצי השכלה** T.

**מפיק** [מאַפּיק] — 1. פון די נקודות. 2. זע פה.

**מפלגה, מפלגות** (דברי הימים ב' לה יב) — אָפּטיילונג, פּאַרטיי.

I. **מפלה** [מאַפּאָלע], **מפלות** — אומ=גליק, ניז'ערלאַגע (היפך: נצחון). מפלת המן — המן'ס מפלה. אַ גי=כע מפלה, מע טאָר אויף אים קיין מפלה ניט בעטן.

**מפלה** [מאַפּעלע] זע **מפולת**.

**מפליא לעשות** — (די לעצטע ווערטער פון «אשרי יצר»: רופא כל בשר ומפליא לעשות) אין רעדנסאַרט: מפליא לעשות סיור=בור אָדער: סיור=בור ומפליא לעשות. „דאָרט (אין דאָרף) — פּראָסט, נאַ=טירלעך, ווא (אין שטאָט) — גע'=מלאכהט, דאָרט נעמט דער מענטש צום לעבן אַלץ פון דער נאַטור, דאָ אַלץ מפליא לעשות סיור בור" (מענדעלע).

**מפליג** [מאַפּליג] זיין — הויך=שעצן, איבערטרייבן. „בכדי מפליג צו זיין

די נסיעה פון אונזער איצטיקן בנימין, האָבן זיי... פון יענע בלאָטע געמאַכט" (מענדעלע).

**מפלפל** [מעפּאלפּעל] זיין זיך — דיספּוטירן, פּילפּלען זיך. מען איז זיך מפלפל איבער אַ רמב"ם. זע **פּילפּול.**

**מפני** [מיפּנעי ◡ —] — פאַר, וועגן. מפני שיבה תקום (ויקרא יט לב) — פאַר אַן־אַלטן זאָלסטו אויפשטיין. מפני הרעב (בראשית מא לא) — פון וועגן דעם הונגער. מפני מה — פאַרוואָס? מפני דרכי שלום, מפני השלום — פון וועגן דעם שלום (תלמודיש).

**מפנים** זע **פנים.**

**מפסיד** [מאַפסיד] זיין — האָבן אַ שאָדן ("בשביל שאני זכר הפסדתי" — ווייל איך בין אַ זכר מוז איך מפסיד זיין? תלמודיש).

**מפסיק** [מאַפסיק] זיין — אויפהערן, אונטערברעכן. מען טאָר ניט מפסיק זיין בין ברכה למעשה (למשל, צווישן ברכה און טרינקען). סעודה המפסקת — די סעודה פאַר אַ תענית. זע **הפסקה.**

**מפצה** [מעפּאַצע] זיין — באַפרידיגן. זע **פּיצוי.**

**מפציר** [מאַפציר] זיין — שטאַרק בעטן.

**מפקיד** [מאַפקיד] זיין — אָפּלייגן אַ פּיקדון.

**מפקיר** [מאַפקיר] זיין — דערקלערן פאַר הפקר. מפקיר זיין זיך פאַר... — זיך מקריב זיין. זע **הפקר.**

**מפקפק** [מעפּאַקפּעק] זיין — וואַנקן, צווייפלען. זע **פּיקפּוק.**

**מפריז** [מאַפריז] **על המידה** זיין — איבערטרייבן. ("ולא כדברי הילל שהפריז על מידותיו", תלמודיש).

**מפרנס** [מעפּאַרנעס] זיין דערנערן. זן מפרנס (סידור). ער איז דער מפרנס. זע **פּרנסה.**

**מפרש** [מעפּאָרעש], **מפרשים** [מעפּאָרשים] — דערקלערער. אַ חומש מיט אַלע מפרשים (ד. ה. מיט אַלע פּירושים). אַ דושענטעלמען מיט אַלע מפרשים. מפרש זיין — דערקלערן, זע **מפורש.**

**מפשר** [מעפּאַשער] זיין — מאַכן אַ פּשרה.

**מפתח** [מאַפטעאַך], **מפתחות** — שליסל, אינהאַלט — פאַרצייכנים. לוח המפתחות.

**מ"ץ** = מורה צדק.

**מצא אדער מוצא** — גוט אָדער שלעכט געטראָפן מיטן שידוך? ("מצא" איז משלי יח כב: מצא אשה מצא טוב, "מוצא" איז קוהלת ז כו: ומוצא אני מר ממות את האשה). (תלמודיש).

**מצב** (ישעיה כב יט) — לאַגע, שטאַנד. דער מצב פון די מיעוטים.

**מצבה** זע **מציבה. מצד** זע **צד.**

**מצדד** [מעצאַדעד] זיין — אויפטרעטן פאַר עמיצן, פאַר זיין צד.

**מצדיק** [מאַצדיק] דין זיין — דערקלערן דעם דין פאַר גערעכט' זע **צידוק הדין.**

**מצה** [מאַצע], **מצות** — (שמות יב ח). חג המצות (שמות כג טו). מצה־וואַסער, מצה־רעדל, מצה־שמורה. אַ מצה־שמורה ניק.

I. **מצווה** זע **מיצווה.**

II. **מצווה** [מעצאַווע] זיין — באַפעלן (דברים טו טו), שרייבן אַ צוואה.

III. **מצווה** — דער וואָס האָט באַקומען אַ באַפעל. גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה — גרעסער איז דער וואָס מאַכט לויט באַפעל, איידער דער. וואָס מאַכט אָן אַ באַפעל (תלמודיש).

**מצוי** [מאָצוי], **מצויים** [מצואים], נקיבה: **מצויה** — עקזיסטירנד, געוויינלעך. נבואה מצויה באומות העולם — ביי גוים טרעפט זיך נביאות. פרוטה מצויה (תלמודיש).

**מצוייר** [מצוייער], **מצויירים** [מצוייאָרים], נקיבה: **מצויירת** [מצוייערעס] — געמאָלט (אין פאָרשטעלונג).

**מצויין**, **מצויינים** [מצוייאָנים], נקיבה: **מצויינת** [מצוייענעס] — באַצייכנט. אבן מצויינת — אַ באַצייכנטער שטיין (תלמודיש). מלמד שהיו מצויינים שם — עס ווייזט, אַז אידן זיינען דאָרט געווען אויסגעצייכנט (סידור).

**מצומצם** — באַשרענקט, גענוי. ג׳ על ג׳ מצומצות — 3×3 גענוי. אם רואה אדם שמזונותיו מצומצמים יעשה מהן צדקה — ווען איינער זעט, אַז זיין פרנסה איז באַשרענקט, זאָל ער געבן צדקה (תלמודיש). זע בצימצום.

**מצורע** (ויקרא יד ב), **מצורעים** — אַ קרעציגער. T.

**מצח** [מעצאך] — שטערן (פון פנים), חוצפא. מצח אשה זונה (ירמיה ג ג) — שטערן פון אַ זונה (חוצפא׳דיק). עזות מצח (סידור) — חוצפא. מצח נחושה ישעיה מח ד) — מעשענער שטערן.

**מצטיין** [מייצטאיען] זיין זיך — זיך אויסצייכנען. זע מצויין.

**מצטמצם** [מיצטאַמצעם] זיין זיך — זיך באַשרענקען. זע בצימצום.

**מצטער** [מיצטאַער] זיין זיך — האָבן צער, ליידן. כל ימי הייתי מצטער — דעם גאַנצן לעבן האָב איך געהאַט צער. על הראשונים אנו מצטערים — מיר האָבן צער פון די פריערע מעשים (תלמודיש).

**מצטרף** [מיצטאַרעף] זיין זיך — צונויפ־קלייבן זיך. פרוטות קטנות מצטרפות לחשבון גד׳ל — קליינע מטבעות מאכן אויס א גרויסן חשבון (תלמודיש).

**מציאה**, **מציאות** — אַ געפונענע זאַך, אַ וואָלוועל׳ע זאך, אַ כשרע, טייערע ווילדע מציאה (פאראדירט: א טייערע מעצאָצע). אַ מציאה פון אַ גנב. ביי די גוים איז שעקספיר אַ גאַנצע מציאה.

**מציאות** — דאָס געפינען זיך. מציאות הבורא — גאָטס עקזיסטענץ. יקר המציאות — זעלטנהייט. עס איז במציאות.

**מציבה**, **מציבות** — (בראשית כח יח) — דענקשטיין אויף אַ קבר (שמואל ב, יח יח). מעגסט שוין נאָך דעם שטעלן אַ מציבה (ד. ה. ס איז פאַרפאַלן).

**מצייר** [מעצאַיער] זיין — אויסמאָלן, זיך פאָרשטעלן.

**מציל** [מאַצל] זיין — ראַטעווען. ואין מציל (ישעיה ה כט) — און קיינער ראַטעוועט. פודה ומציל.

**מציעה** [מאַציא] זיין — מאַכן אַ פאָר־שלאַג.

**מציצה** — דאָס אויסזייגן. פריעה־מציצה.

**מצליח** [מאַצליאַך] זיין — האָבן גליק (בראשית לט ג). רשעים מצליחים וצדיקים יורדים — רשעים האָבן גליק און צדיקים פאַלן אַראָפּ. (תלמודיש).

**מצמצם** [מעצאמצעם] זיין זיך — זיך איינשרענקען.

**מצנפת** (שמות כח ד) — היטל.

**מצער** [מעצאער] זיין — אַריינברענגען אין צער. זע מצטער.

**מצש״ק** — מוצאי שבת קודש.

**מצר** [מעצער], **מצרא** [מעצרע] — גרע־נעץ. בר־ב צרא [באַל־מעצרע] — נאַכ־

באַר. קריגן זיך פאַר בר־מצרא.

I. מצרים N.

II. מצרים [מצאָרים] — ענגע ערטער אָדער גרעניצן. בין המצרים (מיכה א ג) — צווישן שבעה עשר בתמוז און תשעה באב.

מצרף [מעצארעף] זיין — צוציילן. מצרף זיין עמיצן צו אַ מנין, צו אַ מזומן. מצרף זיין מחשבה למעשה (תלמודיש: מחשבה טובה המקום מצרפה למעשה — אַ גוטן געדאנק ציילט גאָט צו צו דער מעשה).

מקבל [מעקאבל] זיין — נעמען, דער־האַלטן (עזרא ח ל). איך האָב דיין בריוו מקבל געוועזן (פאָלוטשעט). מקבל באהבה, מקבל נזיפה, מקבל פנים, מקבל קנין, מקבל שבת, מקבל שכר זיין. מקבל, מקבלים — דער וואָס נעמט (היפך: נותן). ער איז פון די מקבלים. „ווי מקבלים־קבצנים זיצן און וואַרטן.. אַף דער חופה־וועטשערע". „מקבלים... זיינען עפעס גאָר אַנדערע מיני קבצנים, נגידישע". „מקבלים, פוילע מיוחסים, פאַרשטאָלצעוועטע שיינע אידן" (מענדעלע).

מקבץ [מעקאבעץ] זיין — צונויפזאַמלען.

מקבר [מעקאבער] זיין — באַערדיגן (ירמיה יד טז).

מקדיח [מאקאדיאך] תבשילו ברבים — „דער וואָס ברענטאָן זיין געקעכץ עפנטלעך" ד. ה. פאַרדאַרבט אים.

מקדים [מאקדים] זיין — מאַכן פריער. הקב"ה איז מקדים רפואה למכה. הוי מקדים בשלום כל אדם — גיב אָפ שלום דער ערשטער (תלמודיש).

מקדיש [מאקדיש] זיין — באַשטימען, ווידמען (ויקרא כב ג).

מקדמת דנה (עזרא ה יא) — פון פריער.

I. מקדש [מעקאדעש] זיין — הייליקן (יחזקאל לז כח). מקדש זיין אַ ווייב. מקדש החודש זיין, מקדש השם זיין.

II. מקדש [מיקדעש] — הייליקער אָרט. (שמות טו יז). מקדש מעט (יחזקאל יא טז) — קליין הייליגטום, סינאַגאָגע. בית המקדש (זע).

מקובל 1. — אָנגענומען, אָנגענעם. מקובל על הבריות (תלמודיש), מקובל באומה. 2. מקובל, מקובלים [מקובאָלים] — בעל קבלה, קאַבאַליסט.

מקובר — באַגראָבן.

מקודש נקיבה: מקודשת [מקודעשעס] אין הרי את מקודשת לי — דו ביזט מיר אַ ווייב, און אין אינה מקודשת — איז זי ניט אַ ווייב (תלמודיש), זע אין.

I. מקווה (ויקרא יא לז), מקוות, מקוואות, [מיקוואָעס] — טויכבאָד. מקווה שישבו ארבעים סאה — אַ מקווה וואָס אַנטהאַלט 40 סרה (וולמודיש) מקווה וואסער. ס'איז אויך דאָ א מקווה כשרה צו גיין אין וואַסער אַריין פאַרן דאוונען.

II. מקווה [מקאווע] זיין — האָפן.

III. מקווה — דאָס געהאָפטע.

מקוים ווערן — ווערן פאַרווירקלעכט. זע מקיים.

מקולל — פאַרשאָלטן (תהלים לז כב).

מקולקל — פאַרדאָרבן (היפך: מתוקן). כמקולקלין שבהן עשיתן — איר האָט געמאַכט ווי די שלעכטסטע פון זיי (תלמודיש).

מקום [מאָקעם], מקומות — 1. אָרט. אנשי המקום (בראשית כט כב) — די איינוואָהנער פון דעם אָרט. מקום טהור (ויקרא ד יב), מקום טמא (ויקרא יד מ), מקום קדוש (שמות כט לא), מקום מנוחה (ישעיה סא א). אַריינגיין אין אַ אידיש מקום קדוש. ובמקום

גדולים אל תעמוד (משלי כה ו) — אויף אַנ־אָרט פון גרויסע זאָלסטו ניט שטיין. אַ לייטישער מקום געוואָרן. פון אַ מקום לויפט מען ניט. אַ מקום מקלט (קינסטלעכער אויסדרוק אַנ־שטאָט: אַנ־ערי מקלט). מקום הניחו לי להתגדר בו — זיי האָבן מיר געלאָזט אַנ־אָרט (אַ מעגלעכקייט) זיך אויסצוצייכענען (תלמודיש). ממלא מקום זיין. אין פילע מקומות, די הויכע מקומות. מראה מקומות — דער ווייזער פון די מקורים (אין אַ בוך). 2. המקום — גאָט. ברוך המקום (סידור). המקום ימלא חסרונך — גאָט זאָל ממלא זיין דיין חסרון (תלמודיש). המקום ינחם אתכם — גאָט זאָל אייך טרייסטן. הרבה שלוחים למקום — גאָט האָט אַ סך שלוחים. בין אדם למקום — צווישן מענטש און גאָט. 3. דער מקום — אייפעמיזם פאַר בית הכסא. 4. מכל מקום — יעדנפאַלס.

**מקונן** — אַ קלאָגער (ירמיה ט טז).

**מקור** [מאָקער], מקורים, מקורות — קוואַל (ירמיה ב יג). דער מקור און שורש פון דער פיינדשאַפט.

**מקורב, מקורבים** [מקוראָווים] — נאָענטער (תלמודיש). די מקורבים פון רבי׳ן.

**מקח** [מעקאַך] — 1. קויף. מקח טעות. מקח וממכר (תלמודיש). „ער האָט זיך אָפגענאַרט און וויל איצט טענה׳ן אַ מקח טעות״ (מענדעלע). מקח בלייבט מקח און נאַר בלייבט נאַר. 2. מקח, מקחים [מעקאָחים] — פּרייז, אַ געשוואָלענער מקח. אַזאַ מקח וועל איך אויסווייַנען אָפן בית עולם — (אַז מע באַט אַ צו קליינעם מקח). במקח השווה — פאַר אַ גלייכן פּרייז. „ווי טייער? — אַ דרייער, ווי מקח? — אַ שטיק לעקאַך״ (שפּיל). די מקחים זיינען ניט צו פאַרווינדיגן (ד. ה. ניט קליין).

**מקטון ועד גדול** (בראשית יט יא) — פון קליין ביז גרויס.

**מקטין** [מאַקטי׳] זיין — פאַרקלענערן (לויט עמוס ח ה). מקטין את עסקיו — פאַרקלענערט זיינע געשעפטן (תלמודיש).

**מקטיר זיין קטורת** — (ירמיה מה לה).

**מקטני אמונה** (אָדער אמנה) — פון די קליינגלויביגע (תלמודיש). מקטני חסידים — פון די קליינע חסידים (תלמודיש). מקטני שבטי ישראל (שמואל א׳ ט כא) — פון די קליינע שבטים.

**מקטרג** [מעקאַטרעג] זיין — באַשולדיגן (פון „קטיגור״). דער שטן איז אַ מקטרג. השטן מקטרג בשעת הסכנה — דער שטן באַשולדיגט בשעת אַ סכנה (תלמודיש).

**מקיא׳נען** [מאַ׳קינען, מעיקערן] — אויסברעכען (פון „הקיא״ משלי כג ח). ז׳ האָט אויסגעמייקי׳ערט (פון אַ גויע אָדער אַ בהמה).

**מקיים** [מעקאַיעם] זיין — דערפילן (יחזקאל יג ו). מקיים זיין אַ צוזאָג, אַ מיצווה. מ׳ז וועט אים מקיים פסק זיין. „איז מקיים אכילת קעסט״ (מענדעלע). גאָט איז גוזר ומקיים (סידור). מיצווה לקיים דברי המת — ס׳איז אַ מיצווה מקיים צו זיין דעם ווילן פון אַ מת (תלמודיש).

**מקיל** [מעקיל] זיין — פאַרלייכטערן (היפך: מרמיר).

**מקים** זיין (ירמיה ג לב) — אויפשטעלן. מקימי מעפר דל (תהלים קיג ז) — ער שטעלט אויף פון שטויב דעם אָרעמאַן.

**מקל** (מאַקל) — שטעקן. במקלי עברתי (בראשית לב י) — מיט מיין שטעקן

בין איך אריבער. במקלו ותרמילו— מיטן שטעקן און טאָרבע. געוועלטיקן במקל ורצועה — מיט שטעקן און און רימען (תלמודיש). אַנ׳מקל׳ען די ביינער.

**מקלט** (מיקלעט) — אזיל. ערי מקלט (במדבר לה יא). ס׳איז אַנ-ערי מקלט (יהושע כא יג). א מקום מקלט.

**מקלל** — דער וואָס שילט (בראשית יב ג). דער מקלל (ויקרא כד יד).

**מקלקל** [מעקאלקעל] זיין — קאַליע מאַכן. המקלקל על מנת לתקן—ווער עס מאַכט קאַליע כדי צו פאַריכטן (תלמודיש). אהבה (השנאה) מקלקלת את השורה — ליבע (שנאה) מאַכט אומגערעכט (תלמודיש).

**מקמץ** [מעקאַמעץ] זיין — שפּאָרן, קאַרגן. עשירים מקמצין (תלמודיש) זע קמצן.

**מקנה** [מאקנע] — היפּך פון „קונה“ — דער וואָס ברייננט צום קויף (תלמודיש).

**מקנח** [מעקאַנעאַך] זיין —אָפּווישן. מקנח ידיו במפה — ווישט אָפּ זיינע הענט מיט דעם האַנטוך (תלמודיש).

**מקף** [מאקעף] — פון די נקודות.

**מקפח** [מעקאַפּעאַך] זיין — אָפּנעמען, פאַרקלענערן. מקפח פרנסה זיין, מקפח פרנסה זיין. מקפח שכר זיין. אין הקב״ה מקפח שכר כל בריה אפילו שכר שיחה נאה — גאָט פאַרבאַ-האַלט ניט קיינעמ׳ס שכר, אפילו פאַר אַ שיין וואָרט (תלמודיש).

**מקפיד** [מאקפיד] זיין — שטריינג אַכטן (תלמודיש). מקפיד זיין אויף כשרות, אויף קידוש, אויף פיש. ער האָט כל ימיו מקפיד געווען מע זאָל אים ניט רופן חזן. זע קפדן.

**מקץ** T.

**מקצוע, מקצועות** (שמות כו כד) — בראַנזשע. אין לך מקצוע בתורה גדול מהן — דו האָסט ניט קיין גרע-סערע בראַנזשע אין דער תורה (תלמודיש).

**מקצר** (מעקאַצער) זיין — קירצן. היה מקצר יותר מדאי — ער האָט צו-פיל געקירצט (תלמודיש). מקצר ימים זיין, הגדולה מקצרת ימים — כבוד פאַרקירצט די טעג (תלמודיש).

**מקצת** (דניאל א ב) — א טייל, מקצת שבחו — אַ טייל פון זיין לויב. מקצת היום ככולו — אַ טייל פון טאָג ווערט גערעכנט ווי א גאַנצער טאָג. לא בינה ולא מקצתה — ניט איר און ניט קיין טייל פון איר. מקצת מן המקצת, א מודה במקצת (תלמודיש). „איך וועל אייך דאָ איבערגעבן אַ מקצת פון איסר׳ס שמועסן׳ (מענדעלע).

**מקרא** [מיקרע] — תורה, תנ״ך. אין המקרא יוצא מידי פשוטו — דער פסוק גייט ניט אַרויס פון פראָסטן פשט (תלמודיש). מקראות גדולות — חומש מיט א סך פירושים. בעלי מקרא, בני מקרא — קאַראאימען, קראים.

**מקרב** [מעקאַרעוו] זיין — דערנענטערן. היפך: מרחק זיין, זע מקורב.

**מקרה** (שמואל א׳ ו ט) — צופאַל. מקרה לילה (דברים כג יא). על פי מקרה.

**מקריב** [מאקריוו] זיין — ברייננען א קרבן (ויקרא כא ח) ער איז זיך מקריב פאַר עפּעם.

**מקשה** [מאקשע] זיין — 1. פרעגן אַ קשיא. מקשים העולם — די וועלט פרעגט אַ קשיא. 2. זי איז אַ מקשה לילד — זי גייט שווער צו קינד. (לויט בראשית לה טז).

**מקשן** [מאקשן] — דער וואָס פרעגט קשיות. סתם מקשן עם הארץ — געוויינלעך איז א מקשן אַ-עם

הארץ, פרעגט דער מקשן: במאי קא מיפלגי (תלמודיש).

I **מר** [מאר] — ביטער. שמים מר למתוק (ישעיה ה כ) — זיי האלטן בי־טערס פאר זיס. אשיחה במר נפשי (איוב ז יא) — איך וועל אויסריידן מיין ביטער הארץ. מספד מר (יחזקאל כז לא) — א ביטערער גע־וויין. מר ממות (קהלת ז כו) — בי־טערער פון טויט.

II **מר** (מאר) — 1. האר, העפלעכ־קייטס־טיטל. מר אברהם. נקיבה: מרת [מארעס]. זע כמר, מרא. 2. א טיטל אין תלמוד. כל רב ומר מבבל וכל רבי מארץ ישראל — „רב" און „מר" זיינען טיטל אין בבל. „רבי" — אין פאלעסטינע (תלמודיש). מר זוטרא. מר בר רב אשי — א יחסן. עס מעג זיין מר בר רב אשי אליין, מר בר רב אשי'ס אייניקל.

**מרא** [מארע] — דער האר (דניאל ד טז). מריה דאברהם. מריה דאתרא. מריה דעלמא — דער האר פון אברהם אבינו (ד. ה. גאט), פון דעם ארט (ד. ה. דער רב), פון דער וועלט (ד. ה. גאט).

**מראה** [מארע] — אויסזעען. יפה מראה (בראשית לט ו), יפת מראה (בראשית יב יא) — שיין פון אויסזעען. מראה כוהן — „דאס אויסזעען פון א כוהן", שיין. „דאס פנים שיינט מראה כוהן" (מענדעלע). אויך מראה כוהן — אייפעמיזם פאר שיכור. 2. מראה מקומות — דער ווייזער פון די מקורים (אין א בוך).

**מראית** [מאריס] **עין** — דאס אויסזעען. משום (מפני) מראית עין — וויל עס זעט אויס אזוי. כל מקום שאסרו חכמים מפני מראית העין בחדרי חדרים אסור — אלץ וואס איז פארבאטן צוליב אויסזעען, איז פאר־באטן אויך ווען קיינער זעט ניט (תלמודיש). זע מראות עין = לפנים.

**מרבה** [מארבע] — דער וואס פאר־מערט. המרבה והממעיט (שמות טז יז). אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים — ווער מער, ווער ווייניקער, נאר מע זאל טאן לשם שמים (תלמודיש). כל המרבה לספר — ווער עס דערציילט מער (סידור). מרבה נכסים מרבה דאגה — מער פארמעגן — מער זארג (תלמודיש). מרבה דברים מרבה שטות — מער רייד — מער נא־רישקייטן. משנכנס אדר מרבין בשמחה זע אדר.

**מרביץ** [מארביץ] **תורה זיין** — פארברייטן תורה (תלמודיש). מרביצי תורה בישראל.

**מרגיל** (מארגיל) **זיין** — געוויינען. המרגילים את ישראל לדבר עבירה — די וואס פארפירן אידן צו אן־עבירה (תלמודיש).

**מרגיש** [מארגיש] **זיין** — פילן. אין שוטה מרגיש — א נאר האט ניט קיין געפיל (תלמודיש).

**מרגל, מרגלים** — אויסקוקער (בראשית מב ט). די מרגלים (זע במדבר יג).

**מרגלית** [מארגאליס], **מרגליות** — פערל (תלמודיש פון גריכיש).

**מרד** (יהושע כב כב) — אופשטאנד. מרידה. עומד במרדו — ער בלייבט אין זיין מרידה (תלמודיש).

**מרדות** [מארדעס] אין מכת מרדות — קלעפ פאר אונגעהארכזאם (תלמודיש).

**מרדכי** [מארדכע] N. ברוך מרדכי — געבענטשט איז מרדכי (סידור). ניט מאהבת מרדכי, נאר משנאת המן —

ניט פון ליבשאַפט צו מרדכי, נאָר פון שנאה צו המן.

**מרה** [מארע] — גאַל (תלמודיש). מרה שחורה — „די שוואַרצע גאַל", מעלאַנכאָליע (זע „מזג"). ער ציט אויף זיך אָן די מרה שחורה. מרה שחורה׳דיק, פאַרמרה־שחורה׳ט.

**מרובה** — פיל, מער. תפסת מרובה לא תפסת — האָסט אָנגעפאַסט פיל — האָסטו גאָר ניט אָנגע־פאַסט. הפרוץ מרובה על העומד — דאָס צעבראָכענע איז מער פון שטייענדעם (תלמודיש). מרובים צרכי עמך — פיל זיינען די באַדערפע־ניסן פון דיין פאָלק (סידור).

**מרובע, מרובעים** (יחזקאל מח ד) — פירקאַנטיק. מרובע יתר על העיגול רביע — אַ פירעק איז גרעסער פון דעם איינגעשריבענעם קרייז מיט אַ פירטל (תלמודיש).

**מרוויח** [מארוויח] זיין — פאַרדינען, האָבן ריווח.

**מרומז** — געווינקט, אָנגעדייט.

**מרוצה** זיין — געוואָלט. מרוצה לעם — אָנגענעם דעם פאָלק (תלמודיש). ער איז ניט מרוצה לקהל — קהל וויל אים ניט. איך בין מרוצה אָנצונעמען די שטעל.

**מרור** [מאָרער] — ביטערס (שמות יב ח: מרורים). על אכילת מרור T.

**מרחיב** [מארכיוו] זיין — ברייט מאַכן (דברים לג ד). זע ירחיב.

**מרחיק** [מאַרכיק] זיין — דערווייטערן (היפך מקרב זיין).

I. **מרחם** [מערכעם] אמי (אָדער: אמו) — פון געבורט אָן. זע מבטן.

II. **מרחם** [מעראַכעם] זיין זיך — זיך דערבאַרעמען. כל המרחם על הבריות מרחמין עליו — ווער עס דערבאַרעמט זיך איבער אַנדערע, דערבאַרעמט מען זיך איבער אים. אין מרחמים בדין — אין משפט איז ניטאָ קיין רחמנות (תלמודיש). גאָט זאָל זיך מרחם זיין.

**מרחף** [מעראַכעף] — שוועבט (בראשית א ב). מרחף באוויר — שוועבט אין אין דער לופטן. זע אוויר.

**מרחץ** [מערכעץ] — באָד. גיין אין מרחץ. „דאָס מרחץ מיט דער מקווה זיינען בשותפות פאַר אַלע" (פרץ)

I. **מרחק** [מעראכעק] זיין — דערווייטערן, היפך: מקרב.

II. **מרחק** [מערכעק] — 1. ווייטקייט. אַ ווייטער מרחק. אויף אַ מרחק פון צען מיילן פון שטאָט. 3. אַ ווייטע לאַנד (משלי כח כה). זיך לאָזן אין אַ ווייטן מרחק, אין די מרחקים (זכריה י ט).

**מרחשון** [מארכעשווען] — דער צווייטער חודש אין יאָר (פון באַבילאַנישן: „דער אַכטער מאָנאַט", אין העברייאיש פאַרקירצט: חשוון).

**מרידה, מרידות** — אויפשטאַנד. בונט.

**מרים** N.

**מרירות** — ביטערקייט (יחזקאל כא יא).

**מרכא, מרכא כפולה** — (פון די טראָפּ־צייכנס). מרכא כפולה — געג־זעפּיסלעך („ ").

**מרכבה** — רייטוואָגן (שמואל ב׳ טו א). מעשה מרכבה T.

**מרכז** [מערקעז] — צענטער (פון אראביש) „מרכז רוחני" — גייסטיקער צענטר (אחד העם).

**מרכיב** [מארקיוו] זיין — צוזאַמענ־פאָרן צוויי מינים.

**מרמז** [מעראמעז] זיין — געבן אַ וואונק, אַ רמז. ער איז דערמיט שאַרף מרמז אויף...

I. **מרנן** ורבנן — „אונזערע הערן און רבנים". זע מרא.

II. **מרנן** [מעראנען] זיין — נאָכזאָגן, פארלוימדען.

**מרע** זע שכיב מרע.

**מרעיש** [מאריש] עולם (עולמות) זיין — דערשיטערן די וועלט (חגי ב ו), דערשטוינען.

**מרשאַליק** איז ניט קיין העברייאיזם (עס קומט פון גאָטיש און באטייט „אַ רייטער, אַ קונצן-רייטער") צו שרייבן: מארשאלעק.

**מרשה** [מארשע] זיין — דערלויבן, באַ-פולמעכטיגן. זע מורשה.

**מרשעת** [מירשאס ◡ —, מארשאס ◡ —] — נקיבה פון רשע. עתליהו המרשעת (דברי הימים ב' כד ז).

**מרת** [מאָרעס] — האַרין (תרגום פון „בעלת" אַלס העפלעכקייטס-טיטל, ווי „מר". מרת שרה. „לב יודע מרת גיטל" (וואָרטשפיל פון מענדעלע אויף משלי יד י).

**משא** [מאסע] — 1. דאָס טראָגן. מטמא זיין במגע ובמשא — דורך באַרירן און טראָגן (ויקרא יא כד—כה). 2. משא, משאות — לאַסט, משא כבד (תהילים לח ה) — אַ שווערע לאַסט. אַ שווערע משא, משא-טרעגער. 3. דאָס נעמען אין משא מתן [מאסעמאטן] — „נעמען און געבן". אַ געשעפט. משא ומתן של הלכה — אַ געזעצלעכער עסק (תלמודיש). אַ שיינער משא ומתן! וואָס טויג מיר דער גאַנצער משא ומתן? 4. משא פנים (דברי הימים ב' יט ז) — דאָס נושא פנים זיין אין משפט (זע נושא).

**משבש** [מעשאבעש] זיין — פאַרדאַרבן.

**משביע** [מאשביא] זיין — באַשווערן, נעמען אַ שבועה.

**משאיל** [מאשיל] זיין — לייען עמיצן (שמות יב לו). עושה צדקה בכל עת זה המשאיל ספרים — דער פסוק עושה צדקה בכל עת (תהילים קו ג) מיינט דעם וואָס לייט ספרים (תלמודיש).

**משגיח** [מאשגיאַך] זיין — אויפזעען (שיר השירים ב ט). אין משגיחין בבת קול — מע באַאַכט ניט אַ בת קול (תלמודיש). משגיח, משגיחים — אויפזעער, בעל משגיח.

**משדך** [מעשאדעך] זיין זיך — מאַכן אַ שידוך (תלמודיש).

**משה** [מאָישע] N, משה רבינו, משה בן עמרם. אַלס אַנעקדאָטן-העלד: משה גולם, משה גרוים, משה מחויב, משה פאַרך, משה קאפויר, משה תקיף, הערסטו, משה, ווי די גויע כראָפּעט? משה מעג, משה'קע [מאָשקע] טאָר ניט. האָט אַ פנים ווי משה גרונים. האָט זיך באַהאַלטן — און משה זוך מיך. געקומען אף אַ פּאָר מינוט און הלך משה מרדכי.

**משהו** [מאשהו ◡ ◡ —] — עפּעס אַ קלייניקייט (תלמודיש).

**משובח** — געלויבט. הרי זו משובח — דער איז געלויבט. יין משובח בכוסות משובחים — טייערער וויין אין טייערע כוסות (תלמודיש).

**משובש**, נקיבה: משובשת [מעשובעשעס] — פאַרגרייזט (תלמודיש). זע שיבוש.

**משוגע, משוגעים** [מעשוגאָאים] — דברים כח לד). משוגע איש הרוח (הושע ט ז) — משוגע איז דער מענטש פון גייסט. חסר משוגעים אני (שמואל א כא טז) — פעלן מיר משוגע'נע? אַן איינפאַל פון אַ מעשוגענעם משוגע צו חסר דיעה? משוגע

לדבר אחד (idée fixe). פאַראַן אַלער־
ליי משוגעים אף דער וועלט.
נקיבה: משוגעת [משוגאַאס], משוגע׳נע,
משוגע׳נער, משוגע׳וואַטע.

משוגעת [משוגאַאס] = שיגעון.

משוחד — אונטערגעקויפט. זע שוחד.

משוחרר — באַפרייט. זע משחרר.

משוט בארץ (איוב א ז) — פון אַרומ־
גיין איבער די ערד.

משולח, משולחים [משולאָכים] — אַ
שליח.

משולחת [משולאַכאַס] — אָנשיקעניש.
חיה רעה משולחת — אַן אָנגע־
שיקטע חיה רעה (תלמודיש). זע
משלחת.

משולש — 1. דרייפאַך. חוט המשולש
(קהלת ד יב) — אַ דרייפאַכער פאָדים.
2. — אַ דרייעק.

משום [מישום ◡ —] — פון וועגן. זע
שום II.

משומד, משומדים [משומאָדים] — אַ
געטויפטער (אפשר פון אראמייאישן: משועמד)
נקיבה: משומדת, משומדת׳טע.

משומר — אָפּגעהיט, אין יין המשומר
— אָפּגעהיטער וויין. „וואָס וועלן
מיר טרינקען אויף דער סעודה׳ניו?
— דעם יין המשומר" (אַ ליד).

משונה — „פאַרענדערט", אומגע־
וויינלעך. מיתה משונה (תלמודיש).
משונה צו להכעיס. אַ משונה׳דיק
דור. משונה׳נע, משונה׳דיקע העוויות.

משועבד, משועבדים — אונטער־
טעניק, פאַרשקלאַפט. (סידור). נכסים
משועבדים — פאַרזעצטע אימעניע
(תלמודיש).

משופע — שיף, אַראָפּ באַרג.
כותל משופע, מקום משופע — אַ
שיפע וואַנד, אַ שיפער אָרט
(תלמודיש). משופע׳דיקע דעכער.

משורר, משוררים (עזרא כס ה) —
זינגער. דער חזן מיט די משוררים
— כאָר.

משחד [מעשאַכעד] זיין — אונטערקויפן.
זע שוחד.

משחית [מאַשכיס], משחיתים — פאַר־
דאַרבער, צעשטערער. „היט אייערע
ביינער, ער איז אַ משחית" (מענדעלע).
בעל משחית (משלי יח ט). שטן המשחית
(סידור).

משחק [מעסאַכעק] — דער וואָס שפּילט.
המשחק בקוביא — ווירפל־שפּילער,
שפּילער. רשע שהשעה משחקת לו
— אַ רשע וואָס האָט גליק
(תלמודיש).

משחרר [מעשאַכרער] זיין — באַפרייען
(אַ קנעכט)

משחת (מלאכי א יא) — פאַרדאָרבן
(פון אַ שלעכטער סחורה).

משטה [מאַשטע] אני — „איך מאַך זיך
נאַריש", איך מיין ניט ערנסט.

משטין [מאַסטין] זיין — באַשולדיקן.
משטינינו ומקטריגינו — אונזערע
באַשולדיקער (סידור). „לאָזן זיי נישט
משטין זיין, נישט בילן" (מענדעלע).
זע שטן.

משי (יחזקאל טז י) — זייד.

I. משיב [מעשיוו] זיין — ענטפערן.
משיב דברים נכוחים (משלי כד כו)
— דער וואָס ענטפערט ריכטיג.
אין משיבין לאחר מעשה — מע
ענטפערט ניט post factum. אין
משיבין את הארי לאחר מיתה —
מע ענטפערט ניט אַ לייב נאָך זיין
טויט (תלמודיש).

II. משיב [מאַשיוו] הרוח T.

משיג [מאַסיג] זיין. 1. באַגרייפן, באַנע־
מען. 2. משיג גבול = מסיג גבול.

I. משיח [מעשיאַך] — „דער געזאַלב־

טער" (ויקרא ד ג). דער קומעדיגער דערלייזער. משיח בן דוד, משיח בן יוסף. ימות המשיח — משיחס צייטן. חבלי משיח — משיח׳ס ליידן (תלמודיש). ווארטן (ווי) אויף משיח׳ן. מע זאָל דערמאָנען משיח׳ן. וועט משיח קומען מיט אַ טאָג שפּעטער! משיח׳ים. הלכתא למשיחא — א געזעץ פאַר משיח׳ס צייטן (אוטאָפּיע).

II. משיח זע מסיח.

משיכה — דאָס צוציען. בהמה דקה נקנית במשיכה — קליינפי ווערט געקויפט דורך משיכה. קונה זיין במשיכה (תלמודיש).

משך [מעשעך] — דויער, פאַרלויף. אין במשך — אין פאַרלויף. אין משך פון 20 יאָר. איבער׳חזר׳ן עטלעכע מאָל במשך פון רעדן, שרייבן.

משכב זכר (זכור) — (במדבר לא יח).

משכון [מאַשקן], משכונות [מאשקאָנעס] — אַ זאַלאָג, אַ פאַרזעצטע זאַך. המלווה על המשכון — דער וואָס לייט אויף אַ משכון. משכון בבית שלום בקעשענע.

משכיל [מאסקל], משכילים — אויפגע־קלערטער (דניאל א ד).

משקים [מאשקים] זיין — פרי אויפ־שטיין. משקימי קום (תהלים קכז ב) — די וואָס שטייען פרי אויף.

משכיר [מאסקיר] זיין — פאַרמיטן, פאַרדינגען. המשכיר בית לחבירו — ווער עס פאַרדינגט אַ הויז דעם אַנ־דערן (תלמודיש).

משכן, משכן אוהל מועד—(ויקרא לט לב) משכן שילה.

משכר [משאקער] זיין — אָנ׳שיכור׳ן (ירמיה נא ז).

משל [מאָשל], משלים [משאָלים] — 1. פאַרגלייכונג (יחזקאל כד ג) משל למה הדבר דומה — אַ פאַרגלייך צו דער זאַך (תלמודיש). איך וועל אייך געבן א משל למה הדבר דומה. הערט אַ משל! א משל כחרס הנשבר (פאַראָדי׳ע אויף: משול כחרס הנשבר). א משל אַנטקעגן !! טאָרבע פלעקער! 2. בדרך משל, כדומה למשל — צום ביישפּיל. 3. לערע. אַראָפּנעמען זיך אַ משל. אין רבים: משלי [מישלע] — די משלים פון... משלי שלמה, משלי יהושע בן סירא.

משלוח מנות זע שלח־מנות.

משלח [משאל נאַך] זיין — פאַרשיקן, פאַרטרייבן.

משלחת [מי׳שלאַכאַס] — אָנשיקעניש (תהלים עח מ״ט). א משלחת אַף אונזער מדינה. „שלאַנגען, עקדישן און אַלע מיני שלעגן אי משלחת׳ן". ער איז אַ משלחת א שלעפּער" (מענדעלע).

זע משוגדות.

משלי T. זע משל.

I. משלים זע משל.

II. משלים [מאשלים] זיין — דער־גענצן, פאַרענדיגן. מתענין ולא משלימין — פאַסטן אָבער ניט אַ גאַנצן טאָג (תלמודיש). משלים שנתו זיין — אויסלעבן אַ גאַנץ יאָר.

משליש [מאַשליש] זיין — אָפּגעבן אַ דריטן מענטשן. המשליש מעות (תלמודיש). צוויי בעלי־בתים האָבן ביי אים משליש געווען אַ וועקסל. זע השלשה.

משלם [משולעם] זיין — באַצאָלן (ירמיה לב י ז). משלמי רעה תחת טובה תהלים לח כ״א) —זיי באַצאָלן שלעכטס פאַר גוטס. ר׳ יעקב משלם (אין תלמוד: ר׳ יעקב אומר: חייב לשלם).

משלשל [מע׳שאלשעל] ביד זיין—„אַראָפּ־לאָזן אין האַנט". געבן שוחד.

**משמח** [מעסאמעאך] זיין — דערפרייען. משמח זיין חתן־כלה.

**משמיע** [מאַשמיאַ] קול זיין — לאָזן הערן אַ קול (לויט יהושע ו י). מבשר משמיע שלום (ישעיה נב ז) — דער אָנזאָגער, וואָס לאָזט הערן שלום. נתכון שומע ולא נתכוין משמיע — דער הערער האָט אַ כּוונה, אָבער ניט דער, וואָס לאָזט הערן (תלמודיש פון שופר בלאָזן).

**משמע** [מאַשמע] — „דאָס לאָזט הערן", באַטייט. דאָס וואָרט בּרא איז משמע. מאי קא משמע לן — „וואָס לאָזט ער אונז הערן", וואָס באַדייט זיין רייד? דמים תרתי משמע — „דמים" האָט צוויי באַדייטונגען. „איז דאָך אַ פּנים משמע, אַז מען קען אַנדערש ניט" (מענדעלע). כּמשמעו — לויט זיין באַדייטונג. פּשוטו כּמשמעו — ניט אין פיגוראַלן זין: ער איז אַ פאַרך פשוטו כּמשמעו.

**משמעות** [מאַשמאָעס] — „באַדייטונג", וואַרשיינלעך. משמעות ער וועט היינט ניט קומען.

I. **משמר** [נחמיה ד ג] — וואַך. שטיין על המשמר פון זיינע אינטערעסן. די ישיבה־בּחורים האָבּן פיל תענוג פון אַ משמר נאַכט. „דעם דאָקטאָרס בּישמר איז געווען בּיז האַלבּער נאַכט, ק.'ס פון האַלבער נאַכט בּיז דריי, און ז.'ס פון דריי בּיז טאָג" (מענדעלע).

II. **משמר** [מעשאַמער] זיין — היטן. משמר ומציל זיין.

**משמש** [מעשאַמעש] זיין — באַדינען. עבד המשמש את הרב — אַ קנעכט, וואָס באַדינט זיין האר (תלמודיש). כּוהן גדול משמש בשמונה כּלים — דער כּוהן גדול דינט אין אַכט בּגדים. דער אַלף איז משמש די ערשטע פּערזאָן (אין פּעלים). משמש בקודש זיין, זע **שמש**.

I. **משנה** [מעשאַנע] זיין — ענדערן. כל המשנה ממטבע שטבעו חכמים — ווער עס ענדערט דאָס, וואָס די חכמים האָבּן איינגעפירט. אין משנין ממנהג המדינה — מע ענדערט ניט דעם מנהג פון אַ מדינה (תלמודיש). משנה מקום משנה מזל — אַן אַנדער אָרט — אַן־אַנדער מזל. זע **שינוי**.

II. **משנה** [מישנע] — דער צווייטער. משנה למלך (אסתר י ג) — וויצע־קעניג. משנה תורה (דברים יז יח) T.

III. **משנה** [מישנע] — T .1. ששה סדרי משנה — די זעקס סדרים פון דער משנה. .2 יעדער זאַץ פון משניות. די צווייטע משנה פון ערשטן פּרק, זע **משניות**.

**משניות** [מישנאַיעס] — .1 די ששה סדרי משנה. לערנען אַ פּרק משניות. .3 [מישניעס] — רבּים פון משנה. די ערשטע צוויי משניות פון דריטן פּרק.

**משנכנס** אדר מרבין בשימחה משנכנס אב ממעטין בשימחה — ווי ס'הויבּט זיך אָן דער חודש אדר, מאַכט מען מער שימחות, ווי ס'הויבּט זיך אָן דער חודש אב, מאַכט מען ווייניקער שימחות (תלמידיש).

**משעבד** [מעשאבעד] זיין — אונטערטעניג מאַכן. זע **משועבד**.

**משער** [מעשאער] זיין — באַרעכענען. זע **השערה**.

**משפּחה, משפּחות** — (דברים כט יז). פּאַראָדירט: די גאַנצע משפּח'טע [מישפּאַכטע].

**משפט, משפטים** — (דברים א יז). מקום המשפט שמה הרשע (קהלת ג טז) — וואו עס האָט געזאָלט זיין גערעכטיקייט, דאָרט איז שלעכטיקייט. גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט. משפטן עמיצן.

**משפיע** [משפיאַ] זיין — באַאיינפלוסן. בעל משפיע. זע **השפעה.**

**משפיל** זיין (תהלים קמז י) — דערנידריגן. השפיל עצמו, הקב״ה מגביהו — ווער עס האַלט זיך נידריג, דעם דערהייבט גאָט (תלמודיש).

**משקה** [מאשקע] — .1 דער וואָס גיט צו טרינקען. שר המשקים — (בראשית מ ב). .2 משקה, משקאות (אָדער: משקאות) געטראַנק. שאַרפע משקאות. .3 בראַנפן. שטעלן משקה. ביי איוואַנען אין שיינק כליאַבעט מען בראַנפן און ביי משה׳ן אין שיינקל טרינקט מען משקה.

**משקולת** [מישקאָלעס] — גלייכגעוויכט שטיין אויף משקולת (עס קען שטיין אָדער פאַלן). זיצן אויפן ביינקל אויף משקולת.

**משקל** (מלאכים ב׳ כה טז) — .1 געוויכט. .2 דער ריטם אין אַ שיר.

**משקר** [מעשאקער] זיין — זאָגן אַ ליגן. שמואל א טו כט: נצח ישראל לא ישקר — גאָט לייקט ניט).

**משרת** (במדבר יא כח), **משרתים**—דינער משרת׳טע. [איראָנישע אויספראַך: מישוראס ∪ ∪ — מישאָרגעס]. וואָרטשפּיל אַנשטאָט „משרתים״: די „יוצר משרתים״, „ואשר משרתים״ (לויט סידור).

**משתדל** [מישטאַדל] זיין זיך פאַר עמיצן — כלאַפּאָטשן, זיך באַמיען. (תלמודיש). (דניאל ו טו: משתדר). זע **שתדלן.**

**משתטח** [מישטאַטעד] זיין זיך — זיך אויסציִטרעקן (צום געבעט). (תלמודיש: נשתטח על קברי אבות, נשתטח לפני הקב״ה). זע **השתטחות.**

**משתה** (בראשית כא ח) — „דאָס טרינקען״. אַ סעודה.

**משתומם** זע **נשתומם.**

**משתין** (שמואי׳ א כה כב) זיין — אורינירן.

**משתלח** [מישתּלעאַד] — „וואָס ווערט אַרויסגעשיקט״ אין שעיר המשתלח— דער באָק, וואָס מע פלעגט אַרויסשיקן לעזאזל אין מידבר אום יום כיפור (תלמודיש).

**משתמש** זיין — זיך באַדינען. זע **משמש.**

**משתעשע** [מישטאשעא] זיין זיך — שפּילן, האָבן הנאה (תהלים קיט טז). זיי האָבן זיך משתעשע געווען אין דברי תורה.

**משתתף** [מישטאַטעף] זיין זיך — אָנטייל נעמען. זע **שותפות.**

**מת** [מעס], **מתים** [מעיסים] — אַ טויטער, געשטאָרבן (בראשית מב לח). יעקב אבינו לא מת — יעקב אבינו איז ניט געשטאָרבן (תלמודיש). (במדבר כו יא: ובני קורח לא מתו). **מת מיצווה** — אַ מת, וואָס ס׳איז אַ מיצווה צו באַגראָבן. אין המת משתכח אלא לאחר י״ב חודש — אַ מת ווערט פאַרגעסן ערשט נאָך 12 חדשים (תלמודיש). **תחיית המתים** — דאָס אויפשטיין פון די מתים. מת׳ן, גע׳מת׳ט.

**מת** = [מיס] — פּרעפיקס (אין דער פאָרם מתפעל), למשל: מתאבל [מיסאבל], מתאבק [מיסאבעק] א. א. וו.

**מתאבל** (עזרא י ו) זיין — טרויערן. זע **אבל.**

**מתאבק** זיין — זיך באַדעקן מיט

שטויב. הוי מתאבק בעפר רגליהם — באַדעק זיך מיט שטויב פון זייערע פיס (תלמודיש, פון אַ תלמיד לגבי זיינע לערער).

**מתאונן** זיין — זיך באַקלאָגן (במדבר יא א).

**מתאחד** ווערן, זיך מתאחד זיין — פאַראייניגן זיך.

**מתאמץ** זיין זיך — זיך שטאַרקן (רות א יח), זיך סטאַרען.

**מתאסף** ווערן, זיך מתאסף זיין — פאַרזאַמלען זיך.

**מתבודד** זיין זיך — זיך צוריקציען אין איינזאַמקייט. זע **בודד התבודדות.**

**מתבולל, מתבוללים** — פאַרמישטער. אפרים בעמים הוא יתבולל (יהושע ז ח) — אפרים איז זיך מתבולל מיט די פעלקער, אַסימילירט זיך.

**מתבונן** זיין —באַטראַכטן, באַמערקען (לויט תהלים לז י).

**מתבייש** [מיסבאַיעש] זיין — פאַרשעמט זיין, זיך שעמען. הכל לפי המבייש והמתבייש — לויט דעם פאַרשעמער און דעם פאַרשעמטן (תלמודיש). זע **מבייש.**

**מתג** [מעסעג] — פון די טראָפּ־צייכנס.

**מתגאה** [מיסגאַע] זיין זיך — זיך גרוים־האַלטן. המתגאה בטלית של תלמיד חכם — ווער עס גרייסט זיך ווי אַ תלמיד חכם (תלמודיש). זע **גאווה.**

**מתגבר** זיין זיך — זיך שטאַרקען. כמעיין המתגבר — ווי אַ שטאַרקער קוואל. המתגבר על יצרו — ווער עס באַזיגט זיין יצר הרע. יצרו מתגבר עליו — דער יצר הרע באַ־זיגט אים (תלמודיש).

**מתגייר** [מיסגאַיער] זיין זיך — ווערן אַ גר. זע **מגייר.**

**מתגעגע** [מיסגאַגעאַ] זיין צו עפּעס — בענקען נאָך עפּעס, שטרעבן. זע **געגועים.**

**מתוודה** זיין זיך — 1. אויסזאָגן דעם אמת (ויקרא ה ה). איך בין זיך מודה ומתוודה. 2. זאָגן ווידוי.

**מתווכח** [מיסוואַקעד] זיין זיך — דיס־פּוטירן (מיכה ו ב). זע **וויכוח**

**מתוך** [מיטאָך ∪ —] — פון דער מיטע (שמות לג יא).

**מתון** [מאָסן], **מתונים** — געלאַסן, מיושב׳דיק, ניט געכאַפּט. הוו מתונים בדין — זייט געלאַסן באַם משפּט׳ן (תלמודיש). זע **מתינות.**

**מתוק** [מאָסעק], **מתוקים** — זיס. (משלי כז ז). מתוקים מדבש (תהלים יט יא) — זיסער פון האָניק (אין קאַטאָוועס: מתוק מזופת — זיסער פון סמאָלע). מתוקה שנת העובד (קהלת ה יא) — זיס איז דער שלאָף פון אַרבעטער. זע **מתיקות.**

**מתוקן, מתוקנים** [מסוקאָנים] — פאַר־בעסערט. כמתוקנים שבהם — ווי די בעסטע (היפך: במקולקלים שבהם) (תלמודיש). חדר מתוקן (איראָניש גע־שריבן: מסוּכּן).

**מתורגם** (עזרא ד ז) — איבערזעצט. זע **תרגום.**

**מתורגמן** — איבערזעצער (תלמודיש). זע **תרגום.**

**מתושלח** (בראשית ה כא) N, מתושלח׳ס יאָרן.

**מתחבר** [מיסכאַבער] זיין זיך — זיך פאַראייניגן (דניאל יא ו).

**מתחייב** [מיסכאַיעוו] זיין זיך — זיך פאַרפליכטן. מתחייב בנפשו זיין — פאַרשולדן טויט־שטראָף (תלמודיש).

**מתחיל** [מאַסכיל] — דער וואָס הייבט אָן. מתחיל בגנות ומסיים בשבח —

הייבט אָן מיט טאדל און ענדיגט מיט לויב. המתחיל במיצווה אומרים לו גמור — ווען איינער הייבט אָן מיט אַ מיצווה, זאָגט מען אים: פאַרענדיג (תלמודיש).

**מתחילה** [מיטכילע] — פון אָנהויב. מתחילת בריאה. זע **תחילה**.

**מתחכם** [מיסכאקעם] זיין זיך — זיך קליגן, אויסדיינקען תחבולות. (שמות א י: הבה נתחכמה לו — לאָמיר זיך קליגן קעגן אים. (קהלת ז טז: ואל תתחכם יותר—זיי ניט צופיל חכם).

**מתחנך** [מיסכאנעך] ווערן — דערצויגן ווערן. זע **מחנך**.

**מתחנן** זיין זיך— בעטן דברים ג כג).

**מתחרט** זיין זיך — האָבן חרטה. עושה דבר ומתחרט בו —ער האָט חרטה, וואָס ער האָט דאָס געמאַכט (תלמודיש).

**מתחתן** זיין זיך — זיך פאַרשוועגערן מיט עמיצן (בראשית לד ט). זיי זיינען ניט שטאַרק מדקדק ביים מתחתן זיין זיך מיט גוי'עס.

**מתי** (בראשית ל ל) — ווען. מתי תשכילו (תהלים צד ח) — ווען וועט איר קלוג ווערן? עד מתי (שמות י ג) — ביז וואַנען? למתי (שמות ח ה) — צו ווען?

**מתייאש** [מיס-יאָעש] זיין זיך — פאַר־צווייפלט זיין (תלמודיש: נתייאשו הבעלים — דער באַזיצער האָט פאַרלאָרן די האָפנונג (צו געפינען די אבידה). זע **יאוש, מייאש**.

**מתייחד** [מיס-יאכעד] זיין זיך מיט עמיצן — זיך אָפּזונדערן, מתבודד זיין זיך. מתייחד זיין זיך מיט א פרוי—האָבן א tête à tête. לא יתייחד אדם עם שתי נשים — מען טאָר זיך ניט מתייחד זיין אַפילו מיט צוויי נקיבות (תלמודיש). זע **יחוד**.

**מתייחס** [מיס· יאכעס] זיין זיך — פיר זיין גענעאָלאָגיע (עזרא ב סב).

**מתייעץ** [מיס־יאעץ] זיין זיך—זיך באַראַטן (תהלים פג ד).

**מתיישב** [מ·ס-יאשעוו] זיין זיך — זיך מיישב זיין.

**מתיקות** — זיסקייט. מתיקותדיק דאַוו־נען. זע **מ׳תוק**.

**מתיר** [מאטער] זיין— 1. פאַנאַנדערבינדן, באַפרייען. מתיר אסורים (תהלים קמו ז) — דער וואָס באַפרייט געבונדענע. אין חבוש מתיר את עצמו מבית האסורים — אַן־אַרעסטירטער קען זיך אַליין ניט באַפרייען פון טורמע (תלמודיש). 2. דערלויבן. הללו אוסרין והללו מתירין— די פאַרווערן און די דערלויבן (תלמוד יש). מתיר נדר זיין, זע **התרה**.

**מתכוון** [מיסקאוון] זיין — באַאַבזיכטיגן, האָבן די כוונה. אם היה מתכוון — ווען ער טוט עס בכיוון (תלמודיש). שלא במתכוון — אומגערן. מתכוון לבו לשמים — קאָנצענטרירט זיין האַרץ צו גאָט (תלמודיש).

**מתלהב** [מיס לאהעוו] זיין — „זיך אָנ־צינדן", זיך באַגייסטערן, נתפעל ווערן. זע **התלהבות**.

**מתלוצץ** זיין — שפּעטן (ישעיה כח כב). כל המתלוצץ יסורים באים עליו (אָדער: גורם כליה לעולם) — אַ אָפּשפּעטער וועט האָבן יסורים (אָדער: וואַרדאַרבט די וועלט) (תלמודיש).

**מתמיד** [מאסמ יד], **מתמידים**—אַ פלייַ־סיגער, וואָס לערנט תמיד. „מען רופט אים אַ מתמיד אַ עילוי" (ביאַליק).

**מתן** — דאָס געבן. מתן בסתר — אַ שטילער געשאַנק. מתן בסתר

יכפה אף (משלי כא יד) — אַ שטי־לער געשאַנק באַצווינגט דעם כּעס.
מתן תורה — דאָס געבן פון דער תורה (תלמודיש). זמן מתן תורתנו — די צייט פון געבן די תורה (ד. ה. שבועות), (סידור). ס׳איז געווען נאָך פאַר מתן תורה (פּאראָדירט: נאָך פאַר מתן קלעפּ). משא ומתן זע משא. מתן שכרם של צדיקים — דער שכר פון די צדיקים (תלמודיש).

**מתנגד** [מיתנאגעד], **מתנגדים** — „קעג־נער״ (פון „נגד״), ניט קיין חסיד. אויף דעם בין איך אַ מתנגד (ד. ה. איך גלויב ניט). מתנגד׳יש.

**מתנדב** [מיסנאדעוו], **מתנדבים** (דברי הימים ב׳ יז טז) — וואָס איז זיך מנדב.

I. **מתנה, מתנות** (בראשית כה ו) — געשאַנק. ושונא מתנות יחיה (משלי טו כז) — ווער עס האָט פיינט כּאַבּאַר וועט לעבן. אַ מתנה לדרשה — דרשה געשאַנק (אויף אַ קנאַפּע מתנה). זע מתנת.

II. **מתנה** [מאסנע] זיין — שטעלן אַ תנאי. כּל המתנה על מה שכּתוב בתורה — ווער עס שטעלט אַ תנאי, וואָס ווידערשפּרעכט דער תורה (תלמודיש).

**מתנהג** [מיסנאַהעג] זיין זיך — נוהג זיין, מתנהג בּחסידות (סידור).

**מתנחם** [מיסנאכעם] זיין זיך — זיך טרייסטן (בראשית לז לה).

**מתנצל** [מיסנאצל] זיין זיך — פאַר־טיידיקן. זע התנצלות.

**מתנקם** [מיסנאקעם] זיין זיך — נעמען אַ נקמה (תהילים ח ג).

**מתנת** [מאטנעס] — די מתנה פון... מתנת בּשר ודם — די מתנה פון אַ מענטשן (תלמודיש). מתנת חינם — אַ געשאַנק. מתנת יד — „דאָס געבן מיט דער האַנט״. געבן דעם פּריסטאַוו אַ מתנת יד (כּאַבּאַר), זי וואַרפט אים אַריין אַ מתנת יד (אַ קלאַפּ). זע מתנה.

**מתעורר** זיין זיך — זיך דערוועקן, דערמונטערן (ישעיה סד ו). זע מעורר.

**מתענג** [מיסאַנעג] זיין זיך — האָבן אַ תענוג.

**מתעסק** [מיסאַסעק] זיין זיך — זיך באַשעפטיקן (תלמודיש). די מתעסקים אַרום אַ מת. „איך זאָל זיין דער מתעסק אין דער מיצווה״ (מענדעל).

**מתעצל** [מיסאַצל] זיין זיך — זיך פוילן. שליח מתעצל (תלמודיש).

**מתפּיים** [מיספּאַיעס] ווערן — איבּערגע־בּעטן. מתפּיים בּתחנונים — מע בּעט אים איבּער מיט תּפילה (סידור). זע מפּיים.

**מתפּאר** [מיספּאַער] זיין זיך — זיך באַרימען (שופטים ז ב).

**מתפּלל** זיין — דאַוונען (בראשית כ יז).

**מתפּלפּל** זיין זיך — דיספּוטירן. זע פּילפּול.

**מתפּרנס** זיין זיך — האָבן פּרנסה, זיך דערנערן. מתפּרנסין שלא בּצער — זיי האָבן פּרנסה אָן צער (תלמודיש).

**מתקבּל** — וואָס ווערט אָנגענומען. דברים המתקבּלים על הלב — ווערטער וואָס ווערן אָנגענומען אויף דעם האַרצן (תלמודיש).

**מתקומם** — דער וואָס שטייט אויף קעגן (תהילים כז ז).

**מתקיים** [מיסקאַיעם] זיין — האָבן אַ קיום. תלמודו מתקיים בּידו, חכמתו מתקיימת — זיין שטודיום, זיין חכמה האָט אַ קיום.

**מתקן** [מסאקן] זיין — 1. פאַרבעסערן געבן אַ תיקון. „עס איז אַ מיצווה צו עסן פיש, שבת, כדי דערמיט מתקן צו זיין די נשמות וואָס ווערן אין זיי מגולגל" (מענדעלע). זע מתוקן.
2. מתקן זיין אַ תקנה (זע).

**מתקנא** זיין זיך — באַנײַדן, האָבן קנאה. בכל אדם מתקנא חוץ מבנו ותלמידו — אלעמען באַנײַדט אַ מענטש אַחוץ זיין זון און זיין תלמיד (תלמודיש). אין אשה מתקנאה אלא בירך חברתה — אַ פרוי באַנײַדט נאָר די טאַליע פון אַן אַנדער פרוי (תלמודיש). „האָט ער זיך אָבער מתקנא געווען אין מיר, דערזען, אַז איך עס ברויט" (שלום עליכם).

**מתקשר**. **מתקשרים** (דברי הימים ב' כד כו) — מורד, בונטאָווּשטשיק.

**מתרגם** [מעטארגעם] זיין — איבערזעצן. המתרגם פסוק כצורתו הרי זה בדאי — ווער עס איבערזעצט אות באות איז אַ ליגנער (תלמודיש). זע תרגום.

**מתרה** [מאסרע] זיין—וואָרענען. איך בין מעיד ומתרה. זע התראה.

**מתרחק** ווערן — דערווייטערט ווערן. זע מרחק.

**מתרעם** [מיסראעם] זיין זיך — זיך באַקלאָגן, מאַכן תרעומות. מתרעם לפני המקום (תלמודיש).

**מתרץ** [מעסארעץ] זיין — פאַרענטפערן. זע תירוץ.

## נ.

נ — דער פערצענטער אות פון אלף־בית. נ=50. זע נון.

„נא" איז האַלבגעבראָטן (רש"י צו שמות יב ט).

**נאָווענאַד** זע נע ונד.

**נאבד** [נעווויד] — פאַרלאָרן. נאבד ווערן, כלוז ונאבד.

**נאה** [נאָע] — שיין. אשה נאה, אתרוג נאה, דירה נאה, לולב נאה (תלמודיש). יש נאה דורש ואין נאה מקיים — פאַראַן אַזעלכע וואָס דרש'ענען שיין, אָבער זיינען ניט מקיים (תלמודיש). כי לו נאה T. בנות ישראל נאות הן — אידישע טעכטער זיינען שיין (תלמודיש).

**נאום** — רייד. נאום ה' (בראשית כב טז), נאום האדון (ישעיה א כד), נאום בלעם (במדבר כ דג) נאום דוד בן ישי (שמואל ב' כ: א). נאום פלוני בן פלוני (אין אונטערשריפטן).

**נאור** [נאָער], **נאורים**—אויפגעקלערטער.

**נאלם** [נעלם] ווערן — שטום ווערן. כרחל לפני גוזזיה נאלמה ישעיה נג ז) — ווי אַ שאָף איז שטום פאַר די שערער. נאלמתי (תהילים לט י) — איך בין ג'נוואָרן שטום. זע אלם.

**נאמן** [נעמן] — 1. געטריי. בכל ביתי נאמן הוא (במדבר יב ז) — אין מיין גאַנצן הויז איז ער געטריי. אוהב נאמן — אַ געטרייער פריינט. אוהבו ונאנונו (או"נ, אוה"נ) — זיין געטרייער פריינט (אין בריוו). 2. קאַסיר. ער איז דער נאמן פון חברה קדישא. דער דין וחשבון פונם נאמן.

**נאמנה** [נעמאָנע] — גלויבן. „פון וועלכן לאַנד און פון וועלכער נאמנה ער מעג זיך זיין" (מענדעלע).

**נאמנות** [נעמאָנעס] — דער גלויבן. בנאמנות, אויף מיינע נאמנות, אויף הייליקע נאמנות, אויף נאמנות פרנסה (אַ שבועה). איר מעגט מיר גלויבן אויף נאמנות.

נאָסן זע נתן.

**נאסר** [נעסר] — פאַרבאָטן, אסור.

**נבהל** [ניווהעל] — 1. דערשראָקן (בראשית מה ג). נבהל ונשתומם אָדער: ומשתומם) — שטאַרק ערשטוינט. 2. דער וואָס איילט זיך. נבהל להון (משלי כח כב) — דער וואָס איילט זיך צו רייכטום.

**נבואה, נבואות** — פראפעצייאונג (נחמיה ו יב). זע נביאות.

**נבול פה** זע ניבול.

**נבון** [נאָוון], **נבונים** — אַ פארשטענדיקער. עם חכם ונבון (דברים ד ו) — אַ קלוג פאָלק. חכמים ונבונים (דברים א יג). כולנו חכמים כולנו נבונים (סידור).

**נבזה** (ישעיה נג ג) — פאראכט. נבזיק [ניווזיק].

**נבחר** [ניווכר], **נבחרים** [ניווכאָרים] — אויסדערוויילטער. כסף נבחר (משלי י כ).

**נביא, נביאים** — 1. (דברים יג ב). אליהו הנביא, ירמיה הנביא, ישעיה הנביא, שמואל הנביא. נביאי השקר, נביאי הבעל (מלאכים א׳ יח ט)—פאַלשע נביאים. לא נביא אנוכי ולא בן נביא אנוכי (עמוס ז יד) — איך בין ניט קיין נביא און ניט קיין זון פון אַ נביא. נקיבה: מרים הנביאה (שמות טו כ), אַ נביא׳טע. 2. טיטל פון אַ בוך. מפטירין בנביא — מע לייענט מפטיר פון אַ נביא. נביאים ראשונים T, נביאים אחרונים T.

**נביאות** — פראָפעצייאונג. זאָגן נביאות. דברי נביאות — ניט מאָטיווירטע רייד. אין אלו אלא דברי נביאות — דאָס איז ניט מאָטיווירט. (תלמודיש).

**נבילה, נבילות** [נעווילע] —אַ געפאַלענע בהמה (דברים יד כא). נבילה וטריפה (ויקרא כב ח). אויך: אַ מאָגערע בהמה.

**נבל** [נאָוול], **נבלים** [נוואָלים] — שלעכטער. אמר נבל (תהלים יד א). כאחד הנבלים בישראל (שמואל ב׳ יג יג) — ווי איינער פון די נבלים אין ישראל.

I. **נבלה** [נעוואָלע], **נבלות** [נעוואָלעס] —נקיבה פון נבל. כדבר אחת הנבלות (איוב ב י) — ווי עס רעדט איינע פון די נבלות.

II. **נבלה** [נעוואָלע], **נבלות** [נעוואָלעס]— שלעכטקייט, שאַנדטאַט. נבלה עשה בישראל (בראשית לד ז) — אַ נבלה האָט ער באַגאַנגען אין ישראל. נבל שמו ונבלה עמו (שמואל א׳ כה כה) — זיין נאָמען איז נבל און אַ נבלה טוט ער. נבל נבלה ידבר (ישעיה לב ו) — דער נבל רעדט נבלות. זע נבילה.

**נבלע** [ניוולע] — פאַרשלונגען (הושע ח ח), איינגעציילט אין חשבון. זע מבליע.

**נברא** [ניוורע] — באַשאַפן (תהלים קב יט). לא היה ולא נברא — נישט געווען און נישט באַשאַפן (תלמודיש׳. נוח לו שלא נברא — בעסער פאַר אים, ווען ער וואָלט ניט געבאָרן ווערן (תלמודיש).

**נברח** [ניוורעך], **נברחים** [ניווראָכים] — אַנטלאָפענער. זע בורח.

**נגאל** [ניגל], **נגאלים** [ניגאָלים] — אויסגעלייזטער (ויקרא כה מט). אילו היה שם לא היה נגאל — ווען ער וואָלט דאָרט געווען, וואָלט ער ניט געווען אויסגעלייזט (סידור).

**נגד** [נעגעד] — אַקעגן. כי רעה נגד פניכם (שמות י י) — אַ בייזע זאַך איז פאַר אייך. נגד כל ישראל (דברים לא י) — פאַר אַלע אידן. כנגד — אַנטקעגן (זע). לנגד עיניו (שמואל ב, כב כה) — פאַר זיינע אויגן. ויעמדו מנגד (מלכים ב׳ בז) — זיי האָבן זיך געשטעלט פון דערווייטנס.

**נגזל** [ניגזל] — דער באַראַבעוועטער. הנגזל והנחבל — דער באַראַבע=

וועטער און דער פאַרוואונדעטער (תלמודיש). קרקע אינה נגזלת — ערד קען ניט געגזל'ט ווערן (תלמודיש). גזלן הנגזל, איראָניש: קאזאק הנגזל.

**נגזר** ווערן (אסתר ב א) — באַפוילן ווערן. שם נגזר (אין דיקדוק) — אַנ־אָפּגעלייטעט וואָרט. זע גוזר.

**נגיד**[נאָגיד], **נגידים** —(אין תנ"ך: פירסט, פאָרשטייער) — אַ רייכער. אַנ־אויפגעקומענער, אַ געפאַלענער נגיד. „וואָס מער נגיד, מער סאָבאַקע" (אַ ליד). נקיבה: נגידה, נגידית, נגידית'טע. אַ נגידישער אָנבייסן. נגידות.

**נגינה, נגינות** — 1. געזאַנג (איכה ה יד). האָבן אַ קול נגינה. אידן זיינען מבינים אויף נגינה. 2. טראָפּ, אַקצענט. די טעמי הקריאה הייסן אויך נגינות. אין וואָרט „היום" איז די נגינה מלרע אין עברית אָבער מלעיל אין אידיש.

**נגיעה** — באַרירונג. וואו ער האָט אַ נגיעה איז שוין גוט.

**נגישה** [נעגוסע], **נגישות**, — באַדריקונג. די רדיפות און נגישות. זע נוגש.

**נגלה** [ניגלע] — אַנטפּלעקט (הושע ז א), היפך: נסתר. הנסתרות לה' אלהינו והנגלות לנו ולבנינו (דברים כט כח) — דאָס פאַרבאָרגענע איז ביי גאָט, דאָס אַנטפּלעקטע ביי אונז און ביי אונזערע קינדער. בנגלה ובנסתר — אָפן און בסוד. זע גלוי.

**נגמר** [ניגמער] — פאַרענדיקט. נגמר הדין — דער משפט איז פאַרענדיקט (תלמודיש), זע גמר.

**נגן** [נאגן] — זינגען אין „יודע נגן", (שמואל א' טז יח) — דער וואָס פאַרשטייט צו שפּילן (קאַטאָוועס אויף אַ קאָרטנשפּילער).

**נגע** [נעגא], **נגעים** [נעגאָאים] —1. אַ פּלאָג. עוד נגע אחד (שמות יא א)— נאָך איין פּלאָג. נגע צרעת (ויקרא יג ב), נגע לבבו (מלכים א' ח לח)), נגעי [ניגעי] לבבו — געוויסנסביס. כל הנגעים אדם רואה חוץ מנגעי עצמו — אַלע קרענק זעט דער מענטש אַחוץ זיינע אייגענע (תלמודיש). 2. אַנ־אומאַנגענעמע זאַך אָדער מענטש.

**נגע'נען** [נאַגענען] — יאַדען. ער נגע'ט מיך איך זאָל ניט פאַרגעסן.

**נדבה** — (שמות לה כט). נדבת יד (דברים טז י) — אַ מתנה. כנדבת לבו — לויט זיין פרייגיביקייט. זע מנדב.

**נדבן** [נאַדוון], **נדבנים** [נאַדוואָנים] — דער וואָס גיט נדבות. נדבנות.

**נדה** זע נידה. נדוניא. זע נדן.

**נדח** אין עיר הנדחת (דברים יג יג—יח).

**נדחה** [נידכע] — „פאַרשטויסן", אָפּגעלייגט אויף אַנ־אַנדער טאָג. תענית נדחה. מאַכן אַ נדחה—מדחה זיין. זע מדחה.

**נדיב, נדיבים** — (משלי יט ו). בת נדיב (שיר השירים ז ב) — די טאָכטער פון אַ נדיב. נדיב לב (שמות לה כב) — אַ נדבן. הנדיב הידוע (פון ראָטשילדן). נדיבות.

**נדן** [נאדן, נעדאן ◡ —] מיטגיפט (יחזקאל טז לג). אַראַמעאיש: נדוניא. צוגעזאָגט דריי צינגן, אַ שניידערשער נדן, אָנגענעמן, אַריינשאַצן אין נדן. ס'איז אַ גאַנצער נדן!

**נדר, נדרים** (בראשית כח כ). טאָן אַ נדר (ירמיה מד כו). מתיר נדר זיין. בלי נדר — „אָן אַ נדר". איך זאָג עס בלי נדר ומסקנא. התרת נדרים זע התרה. נדר'ן [נאָדערן], שנדר'ן [שנאָדערן] (פון „בעבור שנדר" אין מי שברך).

כל נדרי T.

נהוג זע כנהוג.

**נהנה** [נעהנע] זיין — האָבן אַ נוצן, אַ הנאה. נהנה מיגיע כפו זיין. נהנה ומהנה — דער וואָס האָט נוצן און ברייננגט נוצן (תלמודיש). הנהנה מסעודת תלמיד חכם כאילו נהנה מזיו השכינה — ווער עס באַטייליגט זיך אין אַ סעודה מיט אַ תלמיד חכם, איז אַזוי ווי ער וואָלט נהנה זיין פון גאָטס גלאַנץ (תלמודיש). זה נהנה וזה לא חסר — דער האָט נוצן און דער האָט קיין היזק ניט (תלמודיש).

**נהפך** (שמות ז טו) — אומגעדרייט, אומגעוואַנדלט. נהפך לאיש אחר (שמואל א' י ו: נהפכת) — איז געוואָרן אַן־אַנדער מענטש. נהפך מיגון לשמחה (אסתר ט כב) — אומגעוואַנדלט פון טרויער צו אַ שימחה. נהפך לבי בקרבי (איכה א כ) — מיין האַרץ האָט זיך אומגעדרייט אין מיר.

**נהרג** [נערעג] — אַ געהרגעטער. נהרג ווערן. קריגן אַ נהרג. נהרג על פחות משווה פרוטה — ווערט דערהרג'עט פאַר ווייניקער פון אַ שווה פרוטה (פון אַ קאַרגן, תלמודיש: בן נוח נהרג על פחות משווה פרוטה). „אַ נגיד אַ קמצן, אַ חזיר, אַ נהרג על פחות משווה פרוטה" (שלום עליכם).

**נהרג'ן** [נערעגן] — טויטן, כאַפּט אים, נהרג'ט אים!

**נהרס** [נערעס] — צעשטערט. כלה ונהרס — פולשטענדיק צעשטערט.

**נואם, נואמים** — דער וואָס רעדט.

**נואף, נואפים,** נקיבה: נואפת — (ויקרא כ י), נואפ'טע. זע מנאף.

**נוגע** [נאָגעא] — וואָס באַרירט. בראשית כו יא). נוגע בבבת עינו (זכריה יב ב) — ער רירט אָן זיין אויגעפּל. נוגע בדבר — דער וואָס איז פאַראינטערעסירט אין דער זאַך. עד הנוגע בדבר — אַן־עדות, וואָס האָט אַ שייכות צו דער זאַך (תלמודיש). דאָס איז נוגע דעם דת. די צרות זיינען נוגע עד לחיים. אַ זאַך וואָס איז נוגע אין לעבן אריין. נוגע בכבוד זיין — אָנרירן דעם כבוד (זע פוגם). בנוגע — וואָס איז נוגע, וואָס איז שייך.

**נוגש, נוגשים** (שמות ג ז) — באַדרייקער. נוגש זיין. זע נגישה.

**נודב** זיין — געבן אַ נדבה, מנדב זיין.

**נודף** אין אויסדרוק: ריחו נודף — פון אים גייט אַ ריח. מי שאכל שום וריחו נודף — ווער עס האָט גע־געסן קנאָבל און עס גייט פון אים אַ ריח (תלמודיש).

**נודר** זיין — געבן אַ נדר, מנדר זיין (ויקרא כז ח). הנודר מן הפת — וואָס האָט געטאָן אַ נדר ניט צו עסן ברויט (תלמודיש).

**נוהג** זיין זיך — זיך פירן (קהלת ב ג) ער איז זיך נוהג כשורה — ער פירט זיך ווי געהעריג (פּאַראָדירט: ער איז זיך נוקם כשורה). נוהג בכבוד זיין — אָפּגעבן כבוד. בנוהג שבעולם — עס פירט זיך אויף דער וועלט (תלמודיש). זע כנהוג.

I. **נוח** N זע נח.

II. **נוח** [נאָך], נקיבה: נוחה — צופרידן. רוח חכמים (אָדער: הבריות) נוחה הימנו — די חכמים (אָדער: מענטשן) זיינען מיט אים צופרידן. נוח לרצות — לייכט צו באַפרידיגן (היפך: קשה לרצות). נוח לו שלא נברא — בעסער פאַר אים, ווען ער וואָלט ניט געבאָרן ווערן (תלמודיש).

**נוטה** — גענייגט. הדעת נוטה — דער פֿאַרשטאַנד איז גענייגט. הדין נוטה — לויט דעם געזעץ (תלמודיש). נוטה למות [לאָמוס] — נאָענט צו שטאַרבן, טויט קראַנק. „געקוקט אויף דער נוטה־למות'ער מאמע" (מענדעלע). זע נטייה.

**נוטריקון** — אָפּקירצונג, אַ ראשי תיבות (תלמודיש פון לאַטיין). איינעם דאַרט דער קאָפּ וועגן פּרנסה, דעם צווייטן וועגן אַ נוטריקון.

**נולד** — וואָס ווערט געבאָרן (תהלים כב לב). איזהו חכם הרואה את הנולד — ווער איז אַ חכם? — ווער עס זעט פֿאָראויס (תלמודיש). „אַ נולד בין איך אַ מאַזעפּעווקער, אַ נכתב וואַראַטילאָווקער" (שלום עליכם). „דורך דעם שפּרינגט אין דער וועלט אַרויס נייעס, עס ווערט נולד אַלצדינג" (מענדעלע)

**נון** — דער נאָמען פון אות נ אין אַלף־בית. אַ לאַנגע (אָדער: שלעכטע = פּראָכטע) נון (ן), אַ קרומער נון (נ). חולם נון נו (קאַטאָוועס).

**נוסח, נוסחאות** — פֿאָרם (פון אשורית: נוסחו — קאָפּיע). נוסח הגט, נוסח הכתובה. נוסח אר"י, נוסח אשכנז, נוסח ספרד. בנוסחא אחרינא — מיט אַן־אַנדער נוסח.

**נוסע** (שמות יד י), **נוסעים** [נאָסים] — אַ רייזנדער.

**נופך** אין: נופך משלו — אַ צירונג פון אים (תלמודיש). ער האָט צוגע־לייגט אַ נופך משלו.

**נופל, נופלים** — דער וואָס פֿאַלט, אַן־אַראָפּגעפאַלענער. כי לא נופל אנוכי מכם (איוב יב ג) — איך בין ניט שלעכטער פון אייך. סומך נופלים — דער וואָס שטיצט די אַראָפּגעפאַלענע (סידור). לשון נופל על לשון — וואָרטשפּיל. חלי נופל (חלי נופלים) — עפּילעפּסיע.

**נוצר פיו שומר נפשו** (משלי יג ג) — ווער עס היט אָפּ זיין מויל, היט אָפּ זיין לעבן.

**נוצר תאנה יאכל פריה** (משלי כז יח) — ווער זיִס באַוואַכט דעם פייגנ־בוים, וועט עסן זיין פרוכט.

**נוצרי, נוצרים** — אַ קריסט. ישו הנוצרי — יעזוס קריסטוס (תלמודיש).

**נוקם** — דער וואָס נעמט נקמה. אל קנא ונוקם ה' (נחום א ב) — גאָט איז אייפערזיכטיק און נעמט נקמה. נוקם זיין, נוקם ונוטר זיין (נחום א ב: נוקם ה' לצריו ונוטר הוא לאויביו). כל תלמיד חכם שאינו נוקם ונוטר כנחש אינו תלמיד חכם — אַ תלמיד חכם, וואָס איז ניט נוקם ונוטר ווי אַ שלאַנג, איז ניט קיין תלמיד חכם (תלמודיש).

**נורא** — שרעקלעך (בראשית כח יז). מעשה נורא — אַ שרעקלעכע מעשה. ימים נוראים — די שרעקלעכע טעג (ראש השנה און יום כיפור).

**נושא, נושאים** — דער וואָס טראָגט. נושא כליו (שופטים ט נד) — דער וואָפּנטרעגער. אַ נושאים־מאַן ביי אַ לוויה. 3. נושא ונותן זיין — פירן אַ געשעפט אַ וויכוח (זע משא ומתן). נושא חן זיין ביי עמיצן — געפעלן (אסתר ב טו). נושא פנים זיין — אָפּגעבן כבוד (מלאכי ב ט). נושא פנים זיין בדין (ויקרא יט טו) — זיין פּאַרטייאיש אין משפּט. 3. סובּ־יעקט, טעמע. שני הפכים בנושא אחד — צוויי געגנטיילן אין איין סובּיעקט. נושא הדרוש, נושא

המאמר — די טעמע פון דרוש, פון מאמר.
**נושן** — פאַרעלטערט. ואכלתם ישן נושן (ויקרא כו י) — איר וועט עסן אַלטעס (פון פאַראַיאָריגען ברויט) צרעת נושנת (ויקרא יג א) — אַן־אַלטע קרייַנק.
**נותן, נותנים** — דער וואָס גיט. הנותן תשועה למלכים (תהלים קמד י) — דער וואָס העלפט די מלכים. ער איז א נותן, פון די נותנים, היפך: מקבל. נותן טעם לפגם — פאַרדאַרבן, טאַדלען; נותן טעם לשבח—פאַרבעסערן, לויבן (תלמודיש). נושא ונותן זיין — פירן א געשעפט, א וויכוח.
**נותר**—דאָס וואָס בלייבט (שמות כט לד).
**נזדמן** [ניזדאַמן] — זיך טרעפן. נזדמנו לפונדק אחד — זיי האָבן זיך גע־טראָפי אין איין גאַסטהויז [תלמודיש].
**נזדעזע** [ניזדאַזע] ווערן — פאַרצי־טערט ווערן. כל העולם נזדעזע — די גאַנצע וועלט איז פאַרציטערט געוואָרן (תלמודיש).
**נזהר** [ניזהער]—אָפּגעהיט (תהילים יט יב). מען זאָל נזהר זיין צו זאָגן...
**נזיפה, נזיפות** — דאָס אָנשרייען. (תלמודיש). מקבל נזיפה זיין.
**נזיר נזירים** — במדבר ו ב). נקיבה: נזירה, נזירות.
**נזכר** זע הנזכר.
**נזם** זהב באף חזיר (משלי יא כב))— א גאָלדענער רינג אין נאָז פון א חזיר.
**נזק** (אסתר ז ד) — שאָדן, היזק. רבים: נזיקין T. זע נזק.
**נזקק** [ניזקעק] — פאַרבונדן מיט עמיצן. אין אני נזקק לכם — איך בין מיט אייך ניט פאַרבונדן (ד. ה. איך האָב אייך ניט נייטיק, איך בין ניט מהוייב אייך צו הערן (תלמודיש).
I. **נח** (בראשית ה כט) N. נח מיט זיבן גרייזן, בן נח, בני נח — א גוי. בן נח נהרג על פחות משוה פרוטה— א גוי ווערט געטייט פאַר ווייניגער פון א שוה פרוטה (תלמודיש). שבע מיצוות בני נח — די זיבן מיצוות פון די בני נח (תלמודיש).
II. **נח** [נאָך] — אין „שוא נח" — א רוענדיקער שוא.
**נחבא** אל הכלים (שמואל א׳ י כב) — וואָס באַהאַלט זיך צווישן די כלים.
**נחום** N.
**נחוץ** אין: הדבר נחוץ — די זאַך איז דרינגענד (שמואל א כא ט: דבר המלך נחוץ). זע נחיצות.
**נחושת** — מעש, קופער (בראשית ד כב). מצח נחושת (אָדער: מצח נחושה, ישעיה מח ד) — מעשענער שטערן.
**נחות דרגא** — „אַראָפּגעגאַנגען אויפן לייטער", א געפאַלענער. „און קיין נחות דרגא ב"ה איז ער אויך ניט" (שלום עליכם). זע דרגא.
**נחזור** [נאַכזער] **לענינגו** [לעאינ־אָנעינו] — לאָמיר צוריקקערן צו אונזער ענין.
**נחיצות** — נויטווענדיקייט. זע נחוץ.
**נחלה** [נאַכלע], **נחלות** אָדער **נחלאות** [נאַכלאָעס] — ערבשאַפט, ירושה (משלי יט ד: נחלת אבות). די שטוב איז א שטיקל נחלה. מעביר נהלה זיין — די ירושה אָפּגעבן אַנ־אַנ־דערן (לויט במדבר כז ח).בעל נחלה.
**נחלץ** אין צדיק מצרה נחלץ (משלי יא ח) — דער צדיק ווערט געראַטעוועט פון א צרה.
**נחלק** [נעכלעק] — ווערט געטיילט, האָט אַנ־אַנדער מיינונג. נחלקו בית שמאי ובית הילל — בית שמאי און

בית הילל האָבן אַ חלוקי־דיעות (תלמודיש).

I. נחמה [נעכאָמע], נחמות — טרייסט. זאת נחמתי בעניי (תהלים קיט נ) — דאָס איז מיין טרייסט אין מיין אַר־מוט. אראה בנחמה — זאָל איך אַזוי זעען די נחמה (תלמודיש, א שבועה). ברכות ונחמות, ישועות ונחמות (סידור). צרת רבים חצי נחמה — אַן־אַלגעמיינע צרה איז אַ האַלבע נחמה, נאָך אַ שטיקל נחמה, וואָס...

I. נחמה [נעכאַמע] N.

נחמו T. שבת נחמו.

נחמיה N. נחמן N.

נחרב [נעכרעוו] — צעשטערט. חרוב ונחרב.

I. נחש, נחשים [נכאָשים] — שלאַנג (בראשית ג א). נחש נחושת (במדבר כא ט) — די קופּערנע שלאַנג. נחשים ועקרבים — שלאַנגן און סקאָרפּי־אָנען.

II. נח״ש = נידוי חרם שמתא.

נחשב [נעכשעוו] — גערעכענט. לא נחשב למאומה (מלכים א׳ י כא) — ניט גערעכענט פאַר גאָרנישט. במה נחשב הוא (ישעיה ב כב) — פאַר וויפיל איז ער גערעכענט?

נחשד [נעכשעד] — פאַרדעכטיגט. נחשד בדבר ואין בו — אומזיסט פאַרדעכטיגט. אין אדם נחשד בדבר אלא אם כן עשאו — אַ מענטש ווערט פאַרדעכטיגט אין אַ זאַך, נאָר ווען ער האָט עס באַגאַנגען (תלמודיש).

נחת [נאַכעס] — פאַרגעניגן. כף נחת (קהלת ד ו) — אַ זשמעניע נחת. דברי חכמים בנחת נשמעים (קהלת ט יז) — די ווערטער פון חכמים הערט מען מיט נחת. נחת רוח מאַכן — הנאה (תלמודיש). האָבן קלייבן, שעפּן נחת פון קינדער. אָנקוועלן, פרעגלען זיך פאַר נחת.

נטייה [נעטי—יע], נטיות — 1. נייגונג. נטייה לדבו׳ — נייגונג צו אַ זאַך. זע נוטה. 2. אין דיקדוק: דעקלינא־ציאָן. נטיית השמות.

נטי[illegible] ידים — הענטוואַשן. תיכף לנטילת ידים ברכה — גלייך נאָך הענטוואַשן אַ ברכה (תלמודיש). על נטילת ידים T. על נטילת לולב T.

ני — אין „פעל“ פון צייטווערטער שרייבט מען אָן א יוד: ניכלל זע נכלל, ניכתב זע נכתב א. א. וו.

נ״י = נרו יאיר — „זיין ליכט זאָל לייכטן“ (אי׳ בריוו).

ניאוף — זנות (ירמיה יג כז). זע נואף.

ניבא ולא ידע מה ניבא — געזאָגט נביאות און ווייסט ניט וואָס ער האָט געזאָגט (תלמודיש).

ניבול פה [ניבל פע ◡ ◡ —] — ציניזם, פאָרנאָגראַפיע. אַ ניבול־פה׳ניק. זע מנבל.

ניגוד, ניגודים — ווידערשפּרוך. בניגוד צו... — אין קעגנטייל צו...

ניגון [ניגן], ניגונים — מעלאָדיע. סקאַרבאָווער (= קאַזיאָנער) ניגון (פון כל נדרי, קדיש, אבות א. אנד.). א מסיני־ניגון (אפשר פון „מעסינע“ די, איטאַליענישע שטאָט). דער ניגון פון גמרא.

ניגזל זע נגזל. ניגלה זע נגלה, ניגמר זע נגמר.

נידה, נידור — מענסטרואירנדע פרוי (יחזקאל יח ו). דם נידה, ממזר בן הנידה. נידה T.

נידוי — אַ מין חרם. נידוי חרם שמתא (נח״ש).

**נידון** ווערן — געמשפט ווערן. בן סורר ומורה נידון על שום סופו — דער סורר ומורה ווערט באַשטראָפט וועגן די צוקונפט (תלמודיש).

**נידח** אין עיר הנידחת (דברים יג יג—יח).

**נידחה** זע **נדחה.**

**ניזק** (=נזק) — שאָדן, היזק. ניזק'ן — שעדיגן. גע'ניזק'ט. ניזק ווערן. (געשריבן אויך: ניזוק).

**ניחא** — ליב. לא ניחא לי — עס איז מיר ניט ליב (תלמודיש). אַז אײַך איז ליב איז מיר ניחא.

**ניחום** — טרייסטן (זכריה א יג). ניחום אבלים זע **אבל, מנחם.**

**ניחותא** [–◡◡] — רו, געלאַסנ-הייט. בניחותא — רואיג.

**נייר** [נאַיער]; **ניירות** [נאַיאָרעס] — פּאַפּיר.

**ניכר, ניכרים** [ניקאָרים] — קענטיק (איוב לד יט). היזק שאינו ניכר — אַ היזק וואָס איז ניט קענטיק (תלמודיש). ניכר אַ זכר מיט אַ נקיבה. מען זעט נאָך ניכר'ע שפּורן. ניכרים דברי אמת — דעם אמת דערקענט מען (תלמודיש).

**ניכפא** זע **נכפה.**

**נים, ולא נים** — שלאָפט און שלאָפט ניט (ד. ה. דרעמלט (תלמודיש): נים ולא נים תיר ולא תיר. זיין בבחינת נים ולא נים.

**נימא** — אַ האָר. אפילו כמלוא נימא — אפילו אויף אַ האָר (תלמודיש).

**נימוס** — אַנשטאַנד. מן הנימוס — אַנשטענדיק. כנימוס, מפּני הנימוס. בעל נימוס. זע **בנימוס, מנומס.**

**נים** = זע **נת.**

**ניסא** — אַ נס. לא כל יומא מתרחיש ניסא — ניט אַלע-מאָל טרעפט אַ נס. לפרסומי ניסא — צו באַקאַנט מאַכן דעם נס (תלמודיש).

**ניסוך המים** — דאָס וואַסער גיסן (אַ מין קרבן אין בית המקדש).

**ניסים** — רבים פון נס (זע). **ניסיון** זע **נסיון.**

**ניסן** — דער זיבעטער חודש אין יאָר (אסתר ג ז). חודש ניסן איז אַ טייע-רער בוסן.

**ניסרף** זע **נשרף. ניסתר** זע **נסתר.**

**ניפטר** זע **נפטר. ניצול** זע **ניצל.**

**ניצוץ, ניצוצות** — פונק (ישעיה א לא). אין שבתי צבי איז געווען אַ ניצוץ קדוש. „אין בנימינ'ען איז געלעגן אַ ניצוץ פון אַ נוסע" (מענדעלע). די תורה צעבּרעקלט אָף קליינע ניצוצות'לעך (חסידיש).

**ניצחון** [ניצאָכן], **נצחונות** (ניצכאָנעס) — זיג (היפך: מפּלה). בעל ניצחון — אַנ-עקשן.

**ניצל** ווערן — זיך ראַטעווען (געשריבן אויך: ניצול). זע **מציל.**

**ניקוד** — פּונקטואַציע, די כללים פון שטעלן נקודות.

**נישואין** — חתונה. בארוסין ובנשואין — דורך פאַרלאָבונג און חתונה (תלמודיש).

**נישקשה** [נישקאָשע] = נישט קשה? אָדער פּויליש: ניטשעגאָ - סיע? נישקשה פון אַ א מכּה. נישקשה איז אויך גוט קראַנק. נישקשה'דיק.

**ניתוח**, חכמת הניתוח — אַנאַטאָמיע. ניתי ספר ונחזי — לאָמיר ברייננגען דעם בוך און זעען (תלמודיש).

**נכבד** [נעכבעד], **נכבדים** [ניכבאָדים] — געערט (בראשית לד יט). נכבדי ארץ (ישעיה כג ט) — די געערטע לייט. נכבדי העדה. נכבדי העיר. ער שטאַמט פון גאונים און נכבדים. אדון נכבד, קורא נכבד — געער-טער הער, לעזער.

**נכד** — אַנ־אייניקל. נין ונכד (ישעיה יד כב). נכד הרב הקדוש מלובלין.

**נכלל** [ניכלעל]—איינגערעכנט. „אין דעם דין פון רחמנות זיינען נכלל אַלע באַשעפעניש גלייך". (מענדעלע).

**נכנס** — גייט אַריין. הנכנס לכרך— ווער עס גייט אַריין אין אַ גרויס־שטאָט (תלמודיש). נכנס בשלום ויצא בשלום — אַריין בשלום און אַרויס בשלום. נכנס בחשאי וויצא בקולי קולות — אַריין שטיל און אַרויס מיט קולות. נכנס יין יצא סוד — אַריין דער וויין — אַרויס דער סוד (תלמודיש).

**נכנע** (מלכים א' כא כט) — אונטערטע־ניג, נכנעדיק. „זיי זיינען נכנעים און קענען זעהר פיל אַראָפּשלינגען" (מענדעלע).

**נכסים** [נכאָסים] — פאַרמעגן, אימעניע (יהושע כב ח). נכסים שיש להם אחריות — אומבאַוועגלעכע, נכסים שאין להם אחריות — באַוועגלעכע, נכסים משועבדים—פאַרזעצטע גיטער (תלמודיש). מרבה נכסים מרבה דאגה — מער פאַרמעגן — מער דאגות. יורד מנכסיו — אַ געפאַ־לענער נגיד.

**נכפה** [נעכפּע] — „אַ באַזעסענער", עפּי־לעפּטיק (תלמודיש), עפּילעפּסיע (חלי נופל). ס'וואַרפט, ס'נעמט, ס'כאַפּט אים די נכפה. נכפה'ניק.

**נכרי** [נאָכרי], **נכרים** — אַ גוי (דברים כט כא). חברותא געמאַכט מיט אַ נכרי.

**נכשל** [ניכשל] ווערן — שטרויכלען (דניאל יא לג). נכשל ווערן אין אַפּיקורסות, אין עבודה זרה, מיט אַ וואָרט.

**נכתב** [ניכטעוו], **נכתבים** [ניכטאָווים] — אַ צוגעשריבענער (אסתר ט לב). „אַ נולד בין איך אַ מאַזעפּעווקער, אַ נכתב — אַ וואָראָטילאָווקער" (שלום עליכם)

**נלהב** [נילהעוו] — פאַרברענט, אייפריג, זע התלהבות.

**נלכד** [נילקעד] ווערן — געכאַפּט ווערן (איכה ד כ).

**נמאס** [נימעס] ווערן — פאַראַכט ווערן (תהלים טו ד). נמאס ומאוס (סופּערלאַטיוו) עס איז מיר שוין נמאס געוואָרן צו הערן דאָס זעלבע. עסן קרעפּלעך קען אויך נמאס ווערן.

**נמחל** [נימחל] — פאַרגעבן (פון „מוחל"). אינו נמחל לו — עס איז אים ניט פאַרגעבן (תלמודיש).

**נמכר** [נימקר] —פאַרקויפט (תהלים קה יז).

**נמנו וגמרו** — „דורכגעציילט די שטימען און באַשלאָסן" (תלמודיש). זע מנוי.

**נמנע** [נימנע] — אין „בגדר הנמנע", „מן הנמנע" — דאָס אוממעגלעכע (היפך: אפשר).

**נמצא** [נימצע] — 1. וואָס איז פאַראַן. „ברוך הבא!—ברוך נמצא". בנמצא (זע). 2. = היוצא, דער רעזול־טאַט.

**נמרץ** אין „קללה נמרצת" (מלכים א' ב ח), קללות נמרצות — טויטע קללות.

**נמשל** [נימשל] — „געגליכן" (תהלים מט יג), דער אָביעקט פון משל. דער נמשל פון יעם משל איז...

**נניח** [נאַניאַך] — „נעמען מיר אָן", פאַלאָזשים. זע הנחה.

**ננתקה** (תהלים ב ג) אין: „רעדן אויף גאָט און אויף משיח'ן און אויף ננתקה אויך (קאַטאָוועס).

**נס** [נעס], **ניסים** — וואונדער. אַ נס מן השמים. אַ נס איז אים געשען.

בנס — דורך אַ וואונדער: היינגען בנס, האַלטן זיך בנס. מם וסמך שבלוחות בנס היו עומדין — דעם ם און דער ס אין די לוחות האָבן זיך געהאַלטן דורך אַ נס (תלמודיש).

נס בתוך נס — אַ טאָפּעלער נס, אָן א נס (ein Oese) איז ניטאָ קיין הייגגלייכטער (וואָרטשפּיל). דערציילן נסים ונפלאות. גאָטס ניסים (פּאַראָדירט: די באָבע יענטעס, ציפּקעס ניסים)! לעבן פון (מיט) ניסים. פאַרלאָזן זיך אויף ניסים. על הניסים T. בעל נס זע בעל.

**נסיון** [ניסאָיען], **נסיונות** [ניסיאָנעס] — 1. פּראָבע, עקזאַמען. עשרה נסיונות — צען פּריפונגען (תלמודיש). דורכמאַכן אַלע עשרה נסיונות. אויסהאַלטן דעם נסיון, ביישטיין אַ נסיון. אל תביאנו לידי נסיון — ברייגג אונז ניט אין פאַרזוכונג (סידור). 2. דערפאַרונג. בעל נסיון — אַ געניטער. אין חכם כבעל הנסיון — דער געניטער איז קלוג.

**נסיך, נסיכים** (מיכה ה ד) — פירשט.

**נסיעה, נסיעות** — רייזע.

**נסך, נסכים** — (בראשית לה יד), פון וויין. יין נסך (אָדער בלויז: נסך) — גויאישקער וויין (לויט דברים לב לח). זע ניסוך. „עס זעצט אים אַרויס פון דער נאָז אַ ריח פון נסך, פון בראַנפן, שפּירט" (מענדעלע).

**נסתחפה שדהו** — „זיין פעלד איז צעשטערט, ד. ה. עס איז זיין אומגליק (תלמודיש).

**נסמך** [ניסמעך] — א פאָרם אין דיקדוק.

**נסתלק** [ניסטאַלעק] ווערן — אַוועקגיין, שטאַרבן. (תלמודיש). דער צדיק איז נסתלק געוואָרן.

**נסתם הגולל** — „פאַרמאַכט דער קבר" (ד. ה אַ סוף).

**נסתר, נסתרים** (תהלים יט ז) — פאַרהוילן (היפך: נגלה). הנסתרות לה' אלהינו (דברים כט כח) — די פאַרבאָרגענע זינד ווייסט גאָט. מנסתרות נקני (תהלים יט יג) — פון אומבאַמערקטע זינד רייניק מיך. ל"ו נסתרים — די 36 פאַרבאָרגענע צדיקים.

**נסתתם** [ניסטאַטעם] — פאַרשטאָפּט. נסתתמו מעינות החכמה — פאַרשטאָפּט די קוואַלן פון חכמה. נסתתמו טענותיו — האָבן זיך אויסגעלאָזט זיינע טענות (תלמודיש).

**נע** [נאָ] — באַוועגט. שוא נע (אין דיקדוק). נע=ונד (בראשית ד יב). דער גלות מיט דעם נע ונד האָבן אונז געבראַכט דערצו. נע=ונד'ניק (פּאַראָדירט: נאַר ונודניק).

**נעדר** — פעלט. איש לא נעדר (ישעיה מ כו) — קיינער פעלט ניט. נעדר ווערן — שטאַרבן. זע העדר. נעווירע זע עבירה. נעוועד זע נאבד.

**נעורים** (ישע'ה נד ו) — יוגנט. בני הנעורים (תהלים קכז ד) — יוגנטלעכע. חטאות נעורי (תהלים כה ז) — די יוגנט=זינד. מנעורי עד היום הזה (שמואל א' יב ב) — פון מיין יוגנט ביז היינט צו טאָג. מנעוריו (ירמיה מח יא) — פון זיין יוגנט אָן.

**נעילה** [ניילע] — 1. דאָס שליסן. נעילת שער, נעילת דלת — דאָס שליסן פון טויער, פון טיר (תלמודיש). 2. — אַ מין תפלה (אום יום כיפור). 3. נעילת הסנדל — דאָס אָנטאָן שיך (תלמודיש).

נעכבעד זע נכבד.

**נעלב** [נעלעוו] — באַליידיקט. נעלבים ואינם עולבים שומעין חרפתם ואינם

משיבין — זיינען באַליידיקט און באַליידיקן ניט, הערן זייער שאַנד און ענטפערן ניט (תלמודיש). ער איז מן הנעלבים ואינם עולבים. זע עלוב.

**נעלם** ווערן — פאַרשווינדן (ויקרא ד יג)' אַ נעלם, נעלמים — דעזערטיר, נברח. טמיר ונעלם — פאַרבאָרגן (טיטל פון גאָט) (סידור). זע מעלים.

נעמן זע נאמן, נעמאָנעם זע נאמנות.

**נענה** [נענע] ווערן — באַקומען אַנ=ענטפער. המבקש רחמים על חבירו הוא נענה תחילה — ווער עס בעט פאַר אַנ=אַנדערן, באַקומט פריער אַנ=ענטפער (תלמודיש).

**נענועים** [ניִנוּאים] — דאָס שאָקלען פון לולב. די נענועים הייבט מען פון אָן פון מזרח זייט. זע מנענע.

**נענש** ווערן — באַשטראָפט ווערן משלי כז יב).

נעם זע נם.

**נעצר** — דער וואָס האָט עצירות.

**נעקר** ווערן — אויסגעוואָרצלט ווערן. נעקר ממקומו — אַוועק פון זיין אָרט (תלמודיש).

**נער** [נאַר], **נערים** [נעאָרים] — אינגל (שופטים ח כ). נער יכתבם (ישעיה י יט) — אַ קינד קען זיי אויפשרייבן. מנער ועד זקן (בראשית יט ד) — פון יונג ביז אַלט. עם כל הנערים — „מיט אַלע אינגלעך" (אַן עלייה אום שמחת תורה). נקיבה: נערה, נערות. נערה המאורשה (דברים כב כה) — אַ כלה.

**נערות** [נאַרעס] — קינדהייט. עושה מעשה נערות — שטיפט ווי אַ קינד (תלמודיש). סימני נערות — די סימנים פון קינדהייט.

**נעשה ונשמע** (שמות כד ז) — „מיר ווילן טאָן און הערן". הקדימו נעשה לנשמע — זיי האָבן געזאָגט „נעשה" פאַר „נשמע" (תלמודיש).

**נפוח** [ניפוּאַך] — 1. די אויפגעבלאָזנ=הייט, דער פאַרנעם. 2. נפיחה.

**נפטר** [ניפטער] תלמודיש: נפטר מן העולם — „וואָס איז אַוועק פון דער וועלט", ד. ה. געשטאָרבן, נפטר געוואָרן. דער גרויכער נפטר, די נפטר'קע. נפטר=פיפטער, אבי ער לעבט, איז דאַנקן גאָט (פון אַנ=אַנעקדאָט). „זינט דענסטמאָל איז ב. ביים ווייב אַ נפטר" (מענדעלע).

**נפיחה, נפידות** — אַ בלאָז, פאָרץ.

**נפילה** — דאָס פאַלן. נפילת אפים — דאָס פאַלן אויף דעם פנים (סידור). תוזילת נפילה ניסה — דער אָנהויב פון אַ מפלה איז דאָס לויפן (תלמוד יש).

**נפל, נפלים** (איוב ג טז) — אַ טויט געבאָרן קינד (אנשטאָט: „אַ נפל'ע שרייבט מען אויך: אַו=עופה'לע). זע מפיל.

**נפלא** [ניפלע] — וואונדערבאַר. מעשה נפלא — אַ וואונדערבאַרע געשיכטע. „רפאל איז אַ חכם עתיק, אַ בריה נפלאה" (מענדעלע).

**נפלאות** (שמות לד י) — וואונדער. נפלאות ונדולות (לויט איוב ח ט) — גרויסע וואונדער. ניסים ונפלאות.

**נפסד** [ניפסד] — האָבן אַ שאָד, פאַר=לירן. יש ריוח ונפסד — אַמאָל פאַר=לירט אַ פלינקער (תלמודיש). היה ונפסד — געווען און פאַרשוואונדן. דיעות נפסדות (אַדער: מופסדות) — פאַרדאָרבענע מיינונגען.

**נפסק** [ניפסעק] — איבערגעריסן. נפסק החוט (תלמודיש).

**נפעל** [ניפאַל] — אין דיקדוק: אַ פאָרם פון פעל.

**נפקא** [נאַפקע] — תרגום פון „זונה."

(בראשית לד לא) — „די וואָס גייט אוים״, אַ זונה. די אַלטע נפקא.

**נפקא מינה** [נאַפקעמינע — ◡ ◡ ◡] — „גייט אַוועק פון דעם״, דער אונ־טערשיד, חילוק. וואָס איז די נפקא מינה? זע מאי.

**נפש** (בראשית ט י) — 1. נשמה. נפש כל חי — די נשמה פון אַלע לע־בעדיקע וועזן (סידור). יציאת הנפש — דאָס שטאַרבן, השארת הנפש — אומשטערבלעכקייט, עגמת נפש — צער. בלב ונפש — מיט האַרץ און נשמה. זי איז מיט אים נפש אחת, זיי האָבן זיך ליב אהבת נפש. נפש היפה — שיינגייסט. נפש הבהמית — בהמה׳שע נשמה (חסידיש). נפשו קשורה בנפשו (בראשית מד ל). 2. אַ מענטש. אויך אַ נפש! דאָס קליינע נפש׳ל. רבים: נפשות [נעפאַשעס]. גראָבע נפשות. אַ נעפאָשע, נעפאָ־שעלע (יחיד פון „נפשות״). 3. אנ־שטאָט א פראָנאָמען: תמות נפשי עם פלשתים (שופטים טז ל) — לאָמיך שטאַרבן מיט די פלישתים. ידיד נפשי — מיין ליבער פריינד (אין בריוו). 4. לעבן. פיקוח נפש — אַ סכנה פאַרן לעבן. סכנת נפשות [נעפאָשעס). דיני נפשות — קרימי־נאַל געזעץ. מתחייב בנפשו — ער מוז באַקומען טויט־שטראָף (תלמודיש). זע ממה נפשך.

**נפתלי** N. **נצבים** T.

**נצח** — 1. אין לנצח — אויף אייביק (תהילים ט יט) סופערלאַטיוו: לנצח נצחים (יהושע לד י). 2. פון די 10 ספירות: נצח שבחסד.

**נצחון** זע ניצחון.

**נצחי** [ניצכי] — נקיבה: נצחית — אייביק. נצחיות — אייביקייט.

**נצחן** [נאַצכען], נצחנים — זיגער. נצחנות [נאַצכאָנעס]. „איך אָבער האָב נישט געוואָלט שווייגן, עס איז מיר שוין געגאַנגען אין נצחנות״ (מענדעלע).

**נציב** (מלאכים א׳ד יט) העליון — אויב־בערקאָמיסאַר (אין ארץ ישראל).

**נצמח ווערן** — אויסוואַקסן. „דורך אים קען נצמח ווערן אידן אַ ישועה״ (מענדעלע).

**נצרך** [ניערעך], **נצרכים** [ניצראָכים] — נויטבאַדערפטיגער. נצרך (אָדער: הנצרך) לנקביו — ווער עס האָט אַ באַדערפעניס, זע נקבים (תלמודיש). דער נצרך אליין מוז פאַר זיך מתפלל זיין.

**נקבה** זע נקיבה.

**נקבים** [נעקאָווים] — „לעכער״, נאַטיר־לעכע באַדערפענישן. נקבים נקבים חלולים — לעכער און רוימען (סידור). הנצרך לנקביו [לינקאָוואָוו] — ווער עס האָט אַ נאַ־טירלעכע באַדערפעניש. נקבים גדולים. אַ גרויס באַדערפעניש, נקבים קטנים — אַ קליין באַדערפעניש.

**נקבר** [ניקבער] — באַגראָבן. פה נקבר — דאָ איז באַגראָבן (אויף מציבות).

**נקודה, נקודות** — 1. אַ פונקט, אַ פינטעלע. 2. אין דיקדוק: וואָקאַל צייכן; קמץ, פתח, סגול אָ. אַ. ע. לייענען אָן נקודות.

**נקודים** זע עקודים.

**נקי** [נאָקי], **נקיים** [נקיאים] — פריי, ריין, נקיבה: נקיה. והייתם נקיים מה׳ ומישראל (במדבר לב כב) — איר זאָלט זיין ריין פאַר גאָט און פאַר ישראל. דם נקי (דברים יט י). — אומשולדיג בלוט. נקי כפים (תהלים כד ד) — וואָס האָט ריינע הענט (ד. ה. נעמט ניט קיין שוחד). אַ נקי־כפים׳ניק.

נקי מנכסיו — „ריין פון זיין פאַרמעגן", וואָס האָט פאַרלאָרן זיין פאַרמעגן (תלמודיש). נקיי הדעת — מענטשן פון ריינע מחשבות, דעליקאַטנע (תלמודיש). לשון נקיה — ריינע שפּראַך. אייפעמיזם. סולת—נקיה דאָס בעסטע זעמלמעל. נקיים — „ריינע טעג" אין שבעה נקיים ציילן, נקיים זיצן (תלמודיש). זע נקיות.

**נקיבה, נקיבות** — (בראשית א כז). לשון נקיבה, מין נקיבה (אין דיקדוק). זי איז אַ שיינע נקיבה.

**נקיות** [נקי-יעס] — ריינקייט. נקיות האוויר — די ריינקייט פון לופט. פראַוועו נקיות (אויך אייפעמיסטיש פאַר אַ גרויסע באַדערפעניס). „שוין נאָך נקיות" (מענדעלע).

**נקיטה** אין בנקיטת חפץ — דורך נעמען אין האַנד אַ זאַך (תלמודיש).

**נקמה, נקמות** — ירמיה מו י). לעשות נקמה בגוים (תהלים קמט ז) — צו נעמען נקמה פון די גוים. אל נקמות (תהלים צד א) — גאָט פון נקמה. זען אַ נקמה. זע נוקם.

**נר, נרות** — ליכט (משלי לא יח) נר תמיד (שמות כז כ) נר מצווה (משלי ו כג), נר ישראל (שמואל ב' כא יז) נר המערבי, נר של חנוכה (תלמודיש), נר למאור (סידור). נרו יאיר (נ"י) — זיין ליכט זאָל לייכטן (אין בריוו ביי אַ נאָמען).

**נרדף** [נירדעף] — 1. פאַרפאָלגט (קהילת ג טו). זע רודף. 2. שם נרדף, נרדף, פעל נרדף (אין דיקדוק) — אַ סינאָנים.

**נרצח** [נירצעך], **נרצחים** [נירצאָכים] — דערמאָרדעט. זע רוצח.

**נשאר** (שמואל א' ט כד) — דאָס געבליבענע. דאָ איז אַ היסטאָרישער נשאר. נשאר חוב — בלייבט אַ חוב.

**נשבע, נשבעים** (ישעיה מח א) — געשוואָרענער.

**נשבר** אין כחרס הנשבר — ווי אַ צעבראָכענער שאַרבן.

**נשוא** [נאָסוּ] — אין דיקדוק: פּרעדיקאַט (להיפך צו „נושא" — סוביעקט).

**נשוא** T.

**נשואה, נשואות** — אַ פאַרהייראַטע פרוי. ארוסות ונשואות — פאַרלאָבטע און פאַרהייראַטע (תלמודיש).

**נשואין** זע נישואין.

**נשוי** — אַ פאַרהייראַטער (תלמודיש).

**נשיא, נשיאים** (במדבר ז יא) — פירסט. יהודה הנשיא.

**נשיאות** — די אייגנשאַפט פון נשיא. נשיאות כפים זע נשיאת.

נשיאים ורוח וגשם אין (משלי כה יד) — וואָלקען און ווינד, אָבער קיין רעגן ניטאָ.

**נשיאת כפים** (אָדער: נשיאות כפים) „דאָס הייבן די הענט", דוכנ'ען.

**נשים** (בראשית לא לה) — פרויען (רבים פון „אשה") נשים צדקניות (סידור). נשים דעתן קלות — פרויען זיינען לייכטזיניק (תלמודיש).

**נשימה, נשימות** — אָטעם. בנשימה אחת זאָגן — אין איין אָטעם. די עשרת בני המן לייענט מען בנשימה אחת.

**נשיקה, נשיקות** — קוש. נשיקות שונא (משלי כז ו) — אַ קוש פון אַ פיינד. מיתת נשיקה (תלמודיש), מיתה בנשיקה — טויט דורך אַ קוש, זע בנשיקה.

**נשך** (שמות כב כד) — וואָכער, פּראָצענט. נשך ותרבית (ויקרא כה לו). זע ריבית.

**נשכר** [ניסקר] — באַקומט שכר. יש זריז ונשכר יש זריז ונפסד—פאַראַן אַ פלינקער וואָס געווינט. פאַראַן אַ פלינקער וואָס פאַרלירט. אל יהי הוטא נשכר — זאָל דער זינדער ניט געווינען (תלמודיש).

**נשלם** [נישלעם] אין „תם ונשלם״ — ס'איז געענדיגט.

**נשמה, נשמות** — (ישעיה ב כב). אַרויסנעמען, געבן, דערהאַלטן די נשמה; מאַכן, האָפן. שפילן מיט דער נשמה; דאָס צוהערן שפּאַרט מיר אויס דער נשמה; אין דעם איז ער גאָט די נשמה שולדיג (ד. ה. אומ־שולדיג). איז מיין נשמה פון קלאָטשע (אָדער: אַ ראָזינקע)? ראַטעוועז נשמות (פון גלח'ישער טעטיקייט). אַ אידישע, אַ ווייבערשע נשמה. נשמה יתירה: שבת צו שלוש סעודות רייסט זיך אַרויס די נשמה יתירה. נשמה־ליכט. ניט האָבן קיין גראָשן ביי דער נשמה, אַריינ־פאַלן אָן אַ נשמה, ער איז דאָ און זיין נשמה איז דאָרטן (פון רוסיש). כל זמן שהנשמה בקרבי — כל זמן איך לעב (סידור). עליית נשמה — באַגייסטערונג.

**נשמת** [נישמאַס] T. — די נשמה פון.. נשמת חיים (בראשית ב ז), נשמתי — „מיין נשמה״ אין פרחה נשמתי — מיין נשמה איז אַרויסגעפלויגן. זע פרחה. נשמתין ערטילאין — נאַ־קעטע נשמות ד. ה, אָן גופים (זוהר).

**נשף חשק** (לויט ישעיה כא ד) — באַ־לוסטינונגס אָוונט.

**נשר** [נעשער], **נשרים** — אָדלער. מנשרים קלו (שמואל ב' א כג) — לייב־טער פון אָדלער. על כנפי נשרים (שמות יט ד) — אויף פליגלען פון אָדלער. הנשר הגדול — טיטל פון רמב״ם.

**נשרף** [ניסרעף], **נשרפים** [ניסראָפים] — אָפּגעברענט. אַ נדבה פאַר די נשרפים. „און נאָך וואָס פאַר אַ נשרף — פון די אמתע פרים הנשרפים, וואָס אין סידור״ (שלום עליכם).

**נשתומם** [נישטאָמעם] ווערן — דער־שטוינט ווערן (דניאל כ ז). נבהל ונשתומם ווערן.

**נשתטה** זע **משתטה**.

**נשתתק** ווערן — אַנטשוויגן ווערן (תלמודיש).

**נת**־ [נית] — פּרעפיקס אין דער פאָרם נתפעל, למשל: נתבקש [ניסבאקעש].

**נתאמת** ווערן — באַשטעטיגט ווערן, געפונען אַלס אמת. זע **מאמת זיין**.

**נתבלבל** ווערן — צעמישט (מבולבל) ווערן.

**נתבע** [ניסבע], **נתבעים** [ניסבאָאים] — דער, פון וועמען מע פאָדערט. תובע ונתבע. נתבעין לעגל ונותנין נתבעין למשכן ונותנין — מע בעט אויף'ן עגל, געבן זיי, מע בעט אויף'ן משכן געבן זיי (תלמודיש).

**נתבקש** ווערן אין: נתבקש געוואָרן בישיבה של מעלה — געשטאָרבן.

**נתברר** ווערן — קלאָר ווערן. זע יתבררו.

**נתגלגל** ווערן — פאַרוואַנדלט (מגולגל) ווערן. נתגלגל הדבר — די זאַך האָט זיך אַנטוויקלט (תלמודיש).

**נתגלה** [ניסגאַלע] ווערן — זיך אַנט־פּלעקן. דאָס באַהאַלטענע איז איצט נתגלה געוואָרן.

**נתוח** זע **ניתוח**.

**נתחלחל** ווערן — פאַרציטערט ווערן (אסתר ד ד).

**נתחמץ** ווערן — חמצ'דיק ווערן (פון אַ פריידענקער).

**נתינה** — דאָס געבן כּאַבּאַר. „בּיי אונז איז אַ נתינה פון 10.000—פוּ" (שלום עליכם).

**נתמלא** ווערן — דערפילט ווערן. זיין בקשה איז נתמלא געוואָרן. נתמלאה הסאה — דאָס מאָס איז פול געוואָרן (תלמודיש).

**נתן** — אין ה' נתן וה' לקח (איוב א כא) גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט צוגענומען. נתן, נתן־נאַטע N.

**נתנ'ען** [נאַסענ'ען] — געבּען. „מע נתנ'ט ניט און שווייַ" (שלום עליכם).

**נתעלה** ווערן — דערהויבן ווערן. דער מתנגד איז נתעלה געוואָרן (חסידיש, געוואָרן אַ חסיד).

**נתעלם** ווערן — פאַרשוואונדן ווערן (דברים כב א).

**נתעשר** ווערן—רייך ווערן (משלי יג ז).

**נתפזר** ווערן — צעשטרייט ווערן.

**נתפעל** ווערן — דערוועקט, באַגייסטערט ווערן. זע התפעלות.

**נתפרדה החבילה** (תלמודיש) — דאָס בינטל האָט זיך פאַנטנדערגעטרענט (ד. ה. די פריינדשאַפט).

**נתפרסם** ווערן — באַקאַנט ווערן, זע מפורסם.

**נתקלקל** ווערן — קאַליע ווערן. נתקלקלו המעשים — קאַליע געוואָרן די טאַטן (תלמודיש).

**נתקררה דעתו** — ער האָט זיך באַרואיקט. לא נתקררה דעתו עד שעשה נקמה — ער האָט זיך באַרואיקט ערשט ווען ער האָט גענומען נקמה (תלמודיש).

**נתרבה** ווערן — זיך מערן. „עס איז בעוונותינו הרבים אין היינטיקן דור נתרבה געוואָרן אַזוי פיל הולטייעס" (מענדעלע).

# ס.

**ס** — דער פופצעטער אות אין אלף־בית. ס'=60. זע סמך.

**סאָטן** זע שטן. **סאָנים** זע שונאים.

**סאסן** זע ששון. **סאק** זע שק.

**סאָרע** זע שרה. **סארפענען** זע שרפ'ענען.

**סבא** [סאָווע] — אלטער, זיידע. ישראל סבא — דאָס אלטע פאָלק ישראל. סבא בביתא פחא בביתא, סבתא בביתא סימא בביתא — דער זיידע איז אַן־אומגליק אין שטוב, די באָבע — אַן־אוצר (תלמודיש).

**ספה** זע סיגה.

**סביבה** [סוויווע], **סביבות** — milieu, דער קרייז פון שכנים (ירמיה מח יז). אַ פרעמדע סביבה. אין אַזאַ סביבה'לע האָט זיך אָפּגעשפילט אַזאַ דראַמעלע. אין אַלע סביבות.

**סבל הירושה** —די קאַראַאימישע דנים.

**סבלן** [סאוולע], **סבלנים** [סאוולאָנים] — געדולדיגע". סבלנות, מידת הסבלנות טאָלעראַנץ". זע סובל.

**סבר פנים** 'ע בספר.

**סברא** [סוואָרע], **סברות** — מיינונג (תלמודיש) מענדעלע שרייבט: הסברא. א סברא (אָדער: ס'איז א סברא), אַז ער וועט כאַפּ דעם פסק. די סברא (ד. ה. דער שכל) איז מחייב, אַז... „אָנגענומען אין דער סברא, אז"... (מענדעלע). „מע קאָן זיי אויף קיין סברא ניט לאָזן זיין צווישן אַנדערע" (מענדעלע). אַ בויך־סברא. געפאַלן אויף אַן־אויבער־הסברא, „כאַפּן אים מיט אַנדערע זוסברות" (מענדעלע).

**סברי מרנן ורבנן** — לויט מיינונג

(מיט דערלויבנים) פון אונזערע האַרן און לערער (סידור).

**סגול** [סעגל], **חטף־סגול** — 1. פון די נקודות. 2. פון די טראָפּ־צייכנס.

**סגולה, סגולות** — 1. עם סגולה (דברים ז ו). — אַ טייער פאָלק. יחידי סגולה — אויסדערווײלטע איינציקע (זע יחיד). 2. היילמיטל. אַ סגולה צו אַ קריינק. באַבקע סגולות.

**סגוף** זע סיגוף.

**סגור** (יחזקאל מד ב) — פאַרשלאָסן. סופּערלאַטיוו: סגור ומסוגר (לויט יהושע ו א). דער אוניווערסיטעט איז סגור ומסוגר פאַר אידן.

**סגי נהור** [סאגענאָר ◡ ◡ —] — פיל ליכט, אַ בלינדער (תלמודיש: סמייא צווחין לעוירא סגי נהור — בלינדע רופן אַנ־איינאויגיגן פיל ליכט). בלשון סגי־נהור — איראָניש. „רופט מען אים חיים חנא דער קלוגער בלשון סגי נהור, דערפאַר וואָס ער איז אַ גרויסער שוטה". „אַביסל איז ער טאַקע סגי־נהור'דיק אויף אַנ־אויג". „וויל נישט האָבן צו טאָן מיט אַ סגי־נהור'טע" (שלום עליכם).

**סג"ל** [סעגאל ◡ —] = סגן לויה.

**סגן** [סגאַן] **כהונה** — וויצע כהן גדול. סגן לויה — דער עלטסטער איבער די לויים („סגן" אויף אשורית: גובערנאַטאָר, ירמיה נא כג).

**סדור** זע סידור.

**סדום** N. סדום ועמורה (בראשית יח כ). סדום'ניק.

**סדנא דארעא חד הוא** — דער ערד־באָדן איז אומעטום דער זעלביגער (תלמודיש).

**סדק, סדקים** [סדאָקים] אין בחורים ובסדקים — אין לעכער.

**סדר, סדרים** (איוב י כב) — 1. אָר־דענונג. סדר תפילות, סדר ברכות, סדר עולם (תלמודיש). ווי דער סדר עולם (העולם) איז, ווי דער סדר איז אויף אונזער וועלט. סדרי [סידרע] בראשית — די אָרדענונג פון דער נאַטור, די נאַטורגעזעצן (תלמודיש). „דאָס בית דין קען ניט משנה זיין סדרי בראשית" (פרץ). סדר היום — טאַגעסאָרדנונג. אויף'ן סדר היום (אָדער: על הסדר) שטייען וויכטיגע פראַגעס. זע בסדר. 2. סדר של פסח. פראַוועון דעם סדר, די סדרים. 3. ששה סדרים (ש"ס), ששה סדרי משנה — די זעקס טיילן פון משנה: זרעים, מועד, נשים, נזיקין, קדשים, טהרות. סדר עולם T.

**סדרא** [סעדרע] **סדרות** — פרשה. היינט גייט די סדרא בלק. מעביר די סדרא זיין. הייבט זיך אָן אַ סדרא. אַ נייע סדרא.

I. **סדר'ן** [סאַדערן] זיך — זיך גרייטן, זיך עסקנ'ען.

II. **סדר'ן** [סעידערן] — פראַוועון דעם סדר (די נאַכט פון פסח).

**סדרן** [סאַדרען] — דער וואָס איז מסדר. הסדרן קודם לפלפלן — דער וואָס לערנט מיט אַ סדר איז וויכטיגער פון דעם, וואָס פילפולט (תלמודיש).

**ס"ה** = סך הכל.

**סהדי במרומים** — מיין עדות איז אין הימל (איוב טז יט: הנה בשמים עדי).

**סובא** אין „זולל וסובא" — פרעסער און זויפער (זע זולל).

**סובל** — דער וואָס דולדעט. הסובל (סידור). — טיטל פון גאָט. סובל זיין.

**סוג** — מין, אַרט.

**סוגיא, סוגיות** — דעבאַטן אין תלמוד. סוגית התלמוד.

**סוד, סודות** — געהיימנים. מגלה סוד זיין (משלי יא יג). אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד. דער סוד פון מקווה. מאכן עפּעס בסוד. סופּערלאַטיוו: סודי סודות. סוד'ען זיך.

סודע זע סעודה.

**סודר** — אַ טוך (תלמודיש פון לאַטיין). קנין סודר זע קנין.

**סוחר, סוחרים** — הענדלער. עובר לסוחר (בראשית כג טז) — „וואָס גייט ביי סוחרים", ד. ה. עכט. אַ וואָל־וועלער, טייערער, לייפּסקער סוחר. אַ סוחר מיט אַ קאָליר, מיט אַ גלאַנץ. א סעזאָנער סוחר: ערב סוכות מיט סכך, הושענא רבה מיט הושענות, פּורים מיט המן־קלאַפּערס, פּסח מיט מרור (קאַטאָוועס). (פאַראָדירט: סרח'ער). ער מאַכט עס מעשה סוחר. מעשה סוחרים, סוחר'יש. זע מוכר.

**סוכה, סוכות** (ויקרא כג מב—מג).
1. זיי אַ מענטש וועסטו עסן אין סוכה. אַריינפאַלן ווי אַ יוון אין סוכה. פּסול די סוכה! סוכה־שער. ס'איז ווי אַ סוכה: צילתה מרובה מחמתא — שאָטן איז מער ווי זון (תלמודיש). 2. סוכות — אַ יום טוב, חג הסוכות. אתרוגים נאָך סוכות.

**סוכן, סוכנים** (ישעיה כב טו) — פאַר־וואַלטער, אַגענט.

**סולח** (תהלים קג ג) — דער וואָס פאַר־צייט. מוחל וסולח (סידור) — טיטל פון גאָט).

**סולת** — זעמלמעל. קמח סולת (בראשית יח ו), סולת נקיה — דאָס בעסטע.

**סומא** — אַ בלינדער. המבייש את הסומא — ווער ס'איז מבייש אַ בלינדן (תלמודיש). כסומא בארובה — ווי אַ בלינדער אין לאָך (תלמודיש. סומא חשוב כמת — אַ בלינדער איז ווי אַ מת (תלמודיש).

**סומך** — ווער וואָס שטיצט. סומך נופלים (לויט תהלים קמה יד) — דער וואָס שטיצט די פאַלנדע. סומך זיין זיך — זיך שטיצן. אין סומכין על הנס — מע פאַרלאָזט זיך ניט אויף אַ נס (תלמודיש). ער איז זיך סומך אויפ'ן געזיגץ, אויף פאַקטן.

**סוס, סוסים** — פערד (בראשית מז יז). אל תהיו כסוס כפרד (תהלים לב ט) — זייט ניט קיין פערדישע קעפּ (קאַטאָוועס). לסוסתי (שיר השירים א ט) מיין קליטשע (אין קאַטאָוועס). צוויי פייערדיגע סוסים.

**סוף** — עק. מראש ועד סוף (קהלת ג יא) — פון אָנהייב ביז ענד. עד סוף כל הדורות — ביז עק וועלט (תלמודיש). סוף אדם למיתה, סוף בהמה לשחיטה, סוף גנב לתליה, סוף סוחר לפליטה. סוף דבר (קהלת יב יג) — רעזולטאַט, ציל. סופו מוכיח על תחילתו — פון זיין סוף איז נעדרינגען אויף זיין אָנהייב (תלמודיש), געבן אַ מיאוסן, וויסטן, פינצטערן, שוואַרצן סוף. אַ סוף זאָל זיין, אַ סוף זאָל דאָס נעמען! דער סוף איז געווען... סוף זמן קידוש לבנה, ביז סוף חודש פרעסט (אין לוח). סוף־סוף, סוף כל סוף, לסוף, צום סוף. איך האָב גערע־כענט, אַז. . צום סוף איז עס גע־וואָרן אַנדערש. אין סוף זע אין. סוף פּסוק — פון די טראָפּ־צייכנס.

**סופר, סופרים** — שרייבער (תהלים מה ב). עזרא הסופר (נחמיה יב לו). סופר סת"ם — דער וואָס שרייבט ספר־תורה'ס,

תפילין, מזוזות, אַ סופר. 2. סופרים — די אַנשי כנסת הגדולה, חומר בדברי סופרים מדברי תורה — די מיצוות מדרבנן זײַנען װיכטיגער אַלס די מדאורײַתא (תּלמודיש). מקרא סופרים, עיטור סופרים, תיקון סופרים (אין מסורה). 3. פאַרפאַסער. קנאת סופרים תרבה חכמה — די קנאה פון שרײַבער פאַרמערט די װיסנשאַפט תלמודיש).

סורר אין „סורר ומורה“ (דברים כא יח). בן סורר ומורה נידון על שם סופו — דער סורר ומורה װערט באַשטראָפט צוליב זײַנע שפּעטערע טעטיקײַט. (תּלמודיש).

סותר זײַן — װידערשפּרעכן. זע סתירה.

סחורה, סחורות—װאַרע (יחזקאל כז טו). אַ בלינדע, טריפה, פאַרלעגנע, צו־געלעגנע, ריכטיגע סחורה. אָנשלאָגן זיך מיט אַ סחורה.

סטרא [סיטרע] אחרא — „די אַנדע־רע זײַט“ (אײפעמיזם אַנשטאָט שדים). דער שטן און די גאַנצע סטרא אחרא (אין קבלה).

סיבה, סיבות — 1. אורזאַך (מלכים א׳ יב טו). די סיבה דערפון איז... צוליב כמה וכמה סיבות. „הסיבה הראשונה“, „סיבה כל הסיבות“ (אָדער: סיבת כל הסיבות) — טיטל פון גאָט (סידור) זע עילה. השתלשלות הסיבות — די פאַרצװײַגונג פון די סיבות. 2. אומ־גליק. געטראָפן אַ סיבה.

סיבלות — לײַדן (לױט שמות א יא) בסיבלות ובעבדות (סידור).

סיגוף, סיגופים — פּײַן. עינוים וסיגופים.

סיגנון — סטיל. אין שני נביאים מתנבאים בסיגנון אחד — צװײ נביאים האָבן ניט דעמזעלבן סטיל (תּלמודיש).

סיג זע סײג.

סײג [ס׳יאָג], סײגים תרגום פון „גדר“ — צױם. סײג לתורה — אַ צױם צו דער תורה. סײג לחכמה שתיקה — אַ צױם פאַר חכמה איז שװײַגן (תּלמודיש).

סידור, סידורים — „אָרדענונג“, אָרדענונג פון די תפילות.

סיום — שלוס. סיום הספר, סיום התורה, סיום מסכת. מאַכן אַ סיום (ד. ה. אַ שמחה צוליבן שלוס). זע מסיים. „אין די ניין טעג... צו מאַכן אַ סיום, בכדי די בעלי־הבתים זײַנע זאָלן מעגן עסן פלײ־שיגס, ערב פּסח אַ סיום פאַר זײַנע באַקאַנטע בכורים, זײ זאָלן דעם טאָג נישט פאַסטן“ (מענדעלע).

סיון — דער נײַנטער חודש אין יאָר (אסתר ח ט).

סיוע [סי—יוּע] —הילף(תרגום פון „עזר“). לסיוע החתונה — מיטצוהעלפן די חתונה, סיועת יחידי סגולה.

סײװע זע שיבה, סײכל זע שכל.

סײעתּא דשמיא—גאָטס הילף (סידור).

סײפא — אַ שװערד אָדער שװערד־טרעגער. אי סײפא לא ספרא, אי ספרא לא סײפא — אַ שװערד־טרעגער איז ניט קײן שרײַבער, און אַ שרײַבער איז ניט קײן שװערד־טרעגער (תּלמודיש).

סיכסוך, סיכסוכים — צוזאַמענשטױס (לױט ישעיה יט ב).

סילוק — 1. ליקװידירונג, באַצאָלונג, פאַרענדיגונג. אַ חשבון איז אַ האָל־בער סילוק, האָבן, מאַכן אַ סילוק, סילוק׳ן דעם חוב, מסלק זײַן. „והמותר

איז ער זיך מתחייב צו סילוק'ן צום טערמין" (מענדעלע). 2. פון די טעמי הקריאה. 3. פיוט פאַר קדושה T.

סימכע זע שמחה.

סימן, סימנים — אַ צייכן (תלמודיש פון גריכיש). סימן טוב, סימן רע — אַ גוטער, אַ שלעכטער סימן. סימן טוב ומזל טוב (סידור). סימן מובהק — אַ קלאָרער סימן. סימן ברכה, סימן דלות, סימן טהרה, סימן קללה. סימני — די סימנים פון.. סימני בגרות, סימני נערות, סימני בהמה וחיה (תלמודיש). אַ סימן — אַ לאָקש אויפן באָרד. סימן לשטות מילין — אַ סימן פון דומהייט — ווערטער (זוהר).

סיני N. הר סיני N. (שמות יט יא), מדבר סיני (שמות יט א). סיני ועוקר הרים סיני קודם (תלמודיש) — פון אַ בקי און אַ חריף איז אַ בקי וויכ־טיגער. זע מסיני.

סינע זע שנאה.

סיע — תרגום פון „אגודה" — געזעל־שאַפט. חזקיה וסיעתו [ווּעסי־יאטאָ] — חזקיה און זיין סביבה.

סיעתא דשמיא זע סייעתא.

סיפור, סיפורים — דערציילונג. סיפור המעשה — די דערציילונג פון דער מעשה, די פאַבל. ער האָט זיך געשטעלט פאַרן טיש און אַוועק־געלייגט אַזאַ סיפור המעשה.

סיפא — סוף. שפיל לסיפיה דקרא — קוק אויף דעם סוף פון פסוק (תלמודיש). סיפי תיבות — די סוף־אותיות (היפך: ראשי תיבות). אין „בראשית ברא אלהים" איז סיפי תיבות „אמת".

סיר — טאָפּ אין סיר הבשר (שמות טז ג) — פליישטאָפּ. זיי האָבן זיך פאַרביינקט נאָך דעם סיר הבשר.

סירוגין — איבערהיפּערונג. זע בסירוגין, לסירוגין.

סירכא, סירכות — 1. אַ פעלער אין לונג וואָס קען מאַכן טריף ביי בדיקת הריאה. א ריאה נוּיט אַ סירכא. ער עסט ניט פון אַ סירכא. זוכן אַ סירכא אין יענעמ'ס מחשבות. ס'מוז דאָ עפּעס זיין אַ סירכא.

סך [סאַך] — צאָל (לויט תהלים מב ה). 1, סך הכל [סאַכאַקל] ס"ה — סומע, אין גאנצן צייט צו מאַכן אַ שטיק סך הכל. מאַכן אַ סך הכל פון דעם ביסל געלט. בסך הכל (בס"ה) מאַכט דאָס אוים הונדערט קארבונים. על סך — אויף די סומע פון... 2 אַ סך — פיל, אַפּולע.

סכאר זע שכר. סכאָר בערים זע זכור ברית. סכה זע סוכה.

סכום, סכומים — צאָל, קוואַנטום (תרגום פון „מספר"). סכום הפסוקים — די צאָל פסוקים. דער נויטיגער סכום זריעה. דערזעלביגער סכום ענערגיע.

סכין [סאקן] סכינים — מעסער (משלי כג ב) (תרגום פון („מאכלת"). סכין ביד שוטה סכנה (וואָרטשפּיל פון „תשבי") — א מעסער בּאַ אַ נאַר איז אַ סכנה.

סכירעס זע שכירות.

סכך [סכאַך] — באַדעקונג צו אַ סוכּה.

סכנה [סאקאָנע], סכנות — געפאַר. השטן מקטרג בשעת הסכנה — דער שטן באַשולדיקט בשעת אַ גע־פאַר (תלמודיש). אַ קנאַפּע סכנה. סכנת נפשות — לעבענסגעפאַר (תלמודיש) פיגוראַל: זעהר: סכנות לאַנ־גע פּיס, ער איז אין כעס סכנות.

סכסוך זע זיכסוך.

סל (בראשית נ יז) — קאָרב. אינו דומה מי שיש לו פת בסלו למי שאין

לו פת — עס קען זיך ניט פאַר־
גלייכן ווער עס האָט ברויט אין
קאָרב, צו דעם ווער עס האָט ניט
(תלמודיש).

**סלה** אין „אמן סלה" (די העברייאישע באַ־
דייטונג אומבאַקאַנט, אין אידיש דאָסזעלביגע ווי
„אמן").

**סלוק** זע סילוק.

**סלחתי** — „איך בין מוחל!"
(פאַראַדירט: שלחתי) סלחתי כדבריך
(במדבר יד כ).

**סליחה** — 1. פאַרגעבונג. עמך
הסליחה (תהלים קל ד), עמכם הסליחה
—ביי דיר, ביי אייך איז פאַרגעבונג.
2. סליחה, סליחות — דער נאָ־
מען פון אַ תפילה. אויפשטיין צו
סליחות. סליחות־צייט. 3. סליחות T.

**סלע המחלוקת** (שמואל א' כג כה: סלע
המחלקות) — „דער שטיין פון
שטרייט", דער שטרייט־אָביעקט. דאָס
איז דער סלע המחלוקת צווישן זיי.

**סם** (שמות ל לד), **סם המות** — גיפט.
סם'ען. אַ פאַרסמ'טע מויז.

**ס"ם** = סמאל.

**סמאל** — אַ בייזער מלאך אין תלמוד.
מלאך סמאל ראש כל השטנים —
דער מלאך סמאל איז דער אויבער
פון אַלע שטנים. תנו שוחד לסמאל
ביום הכיפורים — גיט שוחד דעם
סמאל אום יום כיפור (תלמודישע דער־
קלערונג פון שעיר לעזאזל). דער ס"ם און
אַלע זיינע קליפות, זע שטן.

**סמבטיון** [סאַמבאַטיען] — שבת־טייך
(גריכיש פון העברייאיש). (דער סמבטיון ווערפט
אַ גאַנצע וואָך שטיינער און מען קען אים ניט
דורכגיין, אום שבת רוט ער, אָבער מע טאָר אים
ניט דורכגיין משום חילול שבת. הינטער דעם
סמבטיון וואוינען די 10 שבטים, אדער „בני
משה" „בני מנשה", אדער „די רויטע אידלעך").
שבת רוט אפילו דער סמבטיון אויך.
זי קאָכט ווי דער סמבטיון. אַ
סמבטיון (אויף אַ אומרואיג קינד).

**סמוי** אין „דבר הסמוי מן העין"—וואָס
איז פאַרבאָרגן פון אויג. אין
הברכה מצויה אלא בדבר הסמוי מן
העין — די ברכה קומט אַריין נאָר
אין אַ פאַרבאָרגענע זאַך (תלמודיש).

**סמוך** — נאָענט (תלמודיש). סמוך
למיתתו — באַ זיין שטאַרבן.
(אויך: „סמוך למות" אנשטאָט: נוטה למות).
סמוך לחשיכה — אין אָוונט־דעמע־
רונג. סמוך על שולחנו — ווער
עס שטיצט זיך אַף זיין טיש", אַ
קעסטקינד (זע סומך).

I. **סמיכה** — צוזאַמענשטעלונג, אין
סמיכת הפרשה — צוזאַמענשטעלונג
פון צוויי פרשיות. האָט איר גע־
הערט אַ סמיכת הפרשה? אַף איינ־
קאָנסעקווענטע פאָלגערונגען (העברייאיש:
סמיכות הפרשיות).

II. **סמיכה** אָדער **סמיכות** — דיפּ־
לאָם אַף רבנות (פון „ויסמוך את ידיו
עליו", במדבר כז כג). קיין סמיכה דאַרף
ער ניט האָבן, זע בר סמכא
מוסמך.

**סמיכות** — אַ פאָרם אין דיקדוק.

I. **סמך** [סאַמעך] — שטיצע. סמך מן
התורה — אַ ראיה פון דער תורה
(תלמודיש). אויפן סמך פון דעם דאָ־
זיקן געזעץ (ווי העברייאיש: על סמך
ברכה שבירך בעל הבית).

**סמכא** אין בר סמכא — אַ ספּעציאַ־
ליסט, אַ מוסמך.

**סמרטוט** [סמאַרטוט], **סמרטוטי** —
שמאַטע.

**סנדל** [סאַנדל] — שוך (תלמודיש פון
גריכיש). נעילת הסנדל — דאָס
אָנטאָן די שיך.

**סנדלר** [סאנדלער] — שוסטער (תלמודיש) ר' יוחנן הסנדלר N.

**סנדק** — [סאנדעק] — דער וואָס האַלט דאָס קינד בשעת מילה (גריכיש). מכבד זיין מיט סנדקע (סנדקאות). „ווי אַ סנדקא אף אַ ברית" (שלום-עליכם).

**סנה** [סנע] — (שמות ג ב). גאָט האָט זיך באַוויזן אין סנה.

**סנהדרין** [סאנהעדרין] — דער סענאַט בּאַ די אַלטע אידן. נאַפּאָלעאָן האָט צוזאמענגערופן אַ סנהדרין. סנהדרין T.

**סנוי וסנסנוי וסמנגלוף** — נעמען פון מלאכים, וואס זיינען פיינדלעך צו לילית. זייערע נעמען שרייבט מען אף דער טיר ביי אַ קימפעטאָרין. זע לילית.

**סנחריב** N. סני זע סיני.

**סניגור** [סאנעיגער] — פאַרטיידיגער (תלמודיש פון גריכיש). היפך: קטיגור. אין קטיגור נעשה סניגור — דער באַשולדיגער ווערט ניט קיין פאַרטיידיגער (תלמודיש). הס קטיגור וקח סניגור מקומו — שווייג, קטיגור, און פאַר־נעם זיין אָרט, סניגור (סידור).

**סניגוריא** — פאַרטיידיגונג (היפך: קטיגוריא) מלמד סניגוריא זיין — פאַרטיידיגן.

**סניף** — צווייג. די אָרגאַניזאַציע ציילט 20 סניפים.

**סעדיה** N.

**סעודה** [סודע], **סעודות** — מאָלצייט (פון „סעד" בראשית יח ה). כסעודת שלמה בשעתו — ווי די סעודה פון שלמה המלך אין זיין צייט. הכל מתוקן לסעודה — אַלץ איז גרייט צו דער סעודה. אין מסיחין בסעודה — מע רעדט ניט ביים עסן (תלמודיש). סעודה המפסקת — די מאָלצייט פאַר אַ תענית. אָרעמע סעודה (אַ סעודה פאַר אָרעמעלייט ערב אַ חתונה), סעודת הבראה — ביי אַן אָבל) סעודת מיצווה, סעודת פורים. רייניק פוצן די סעודה.

**סעיף, סעיפים** — קאַפּיטל, פּאַראַ־גראַף.

**ספדן** [סאפדן] — הספד-מאכער. זע מספיד.

**ספור** זע סיפור. **ספיקות**, זע ספק.

**ספירה** — 1. דאָס ציילן. ספירת העומר (לויט ויקרא כג טי). ימי הספירה. 2. אין קבלה: עשר ספירות (כתר, חכמה, בינה, חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות). שוועבן אין די ספירות העליונות.

**ספסל** [סאפסל] — באַנק (תלמודיש פון לאַטיין).

**ספק** [סאָפעק], **ספיקות** [ספעיקעס] — צווייפל. ספק נגע ספק לא נגע — ס'איז צווייפלהאַפט, האָט ער באַ־רירט אָדער ניט (תלמודיש). „ספק איד ספק קריסט" (שלום עליכם). ס'איז אַ ספק. איך בין אין ספק. איך האָב גרויסע ספיקות, בלי ספק. סופערלאַטיוו: ספק ספיקא, ספיקות וספק ספיקות. מטיל ספק זיין — ספקנ'ען.

**ספקן** [סאפקן] — אַ צווייפלער. ספקנ'ען — צווייפלען.

**ספר, ספרים** (בראשית ה א) — אַ בוך. 2. ספר הברית (שמות כב ז), ספר זכרון מלאכי ג טז) ספר הזכרונות (אסתר ו א), ספר הגורלות. יודע ספר (ישעה כט יב) — גראַמאַטנער. ספר חיים (תהילים סט כט), ספר החיים (סידור)-בוך פון די לעבעדיקע. ספר

הספרים סופערלאטיוו— פון תנ"ך. ספרים — רעליגיעזע ביכער. אין וועלכן ספר פראַלניק שטייט עס געשריבן, אַז... אַריינקוקן אין אַ ספר אָדער אין אַ בוך (ד. ה. אין אַ וועלטלעך בוך). 2. ספר = תורה, ספר־תורות (העברייאיש: ספרי תורות) אָדער ספר, ספרים. שווערן ביי אַ ספר. סיום הספר — פאַרענדינונג פון אַ ספר תורה.

**ספרא** [סאָפרע] — שרייבער (עזרא ד ח) אָדער: בוך. ספרא רבא — א גרויסער שרייבער. אי ספרא לא סייפא אי סייפא לא ספרא — זע סייפא.

**ספרד** — שפאַניע (אספמיא איז דער תרגום פון „ספרד„ אין עובדיה כ). נוסח ספרד — דער נוסח פון די שפאַנישע גולים.

**ספרדי** [ספאַרדי], **ספרדים** — שפאַנישע גולים. די ספרדים האָבן אַנדערע מנהגים פון די אשכנזים.

**ספרות** [סאָפרעס] — ליטעראַטור.

**סקילה** — דאָס שטייניגען (איינע פון די ארבע מיתות בית דין).

**סקירה** אין בסקירה אַחת — מיט איין שטריך (תלמודיש).

**סראפים** זע **שרפים**. **סראָרע** זע **שררה**.

**סרוגין** זע **סירוגין**.

**סרח העודף** (שמות כו יד) — „וואָס הייגנט אַראָפּ„, דער רעשט.

סרח N. סרח'ס קניידלעך.

**סרחה**[סירכע] אָדער **סרחון** [סירכן] — דאָס שטינקען. אַ געסרח'ע [געסראָכע] „זכר צאפיק לגעסרח'ע" — פאַראָדיע אויף: זכר צדיק לברכה.

**סרחן** [סאָרכן] — שטינקער. סרח'ער ווערט אויך געברויכט אַלס פּאַראָדיע אויף: סוחר). סרחנ'ען, אָנגעסרח'עט, האָט זיך באַסרח'עט.

**סרטן** — קרעפּס, אין מזל סרטן.

**סרייפע** זע **שריפה**.

**סריס, סריסים** (ישעיה נו ג) — פאַרשניטענער. זע **מסרס**.

**סרכא** זע **סירכא**.

**סרסור** [סאַרסער], **סרסורים** — מעקלער (תלמודיש). סרסרות—מעקלעריי.

**ס"ת** = ספר תורה.

**סתום** (תהלים נא ח) — פאַרבאָרגן. סתום וחתום. למד סתום מן המפורש — לערן דאָס פאַרבאָרגענע פון אָפענעם (תלמודיש) פרשה סתומה (היפך. פתוחה) — אין מסורה. דערקלערט מיר אָט די פרשה סתומה.

**סתימת הגולל** — דאָס שליסן דעם קבר. זע **נסתם הגולל**.

**סתירה** [סטירע], **סתירות** — 1. דאָס צעשטערונג. בנין ילדים סתירה וסתירת זקנים בנין — דאָס בויען פון די קינדער איז אַ צעשטערונג, די צעשטערונג פון אַלטע איז אַ בויען (תלמודיש). 2. ווידערשפרוך. אין זיין בוך זיינען פאַראַן אַ סך סתירות.

I. **סתם** [סטאַם] — אומבאַשטימט (היפך: בפירוש). סתם עבדים גנבים הם — קנעכט זיינען בכלל גנבים (תלמודיש). סתם א מיידל איז 18 יאָר אַלט. סתם ריידן, סתם אין דער וועלט אַריין. מן הסתם — „פון דעם אומבאַשטימטן" ד.ה. לויט מיין סברא, האָט אַ פנים. זע **מסתמא**.

II. **סת"ם** = ספרים תפילין מזוזות. סופר סת"ם.

**סתר** [סעיסער] — פאַרבאָרגענס, דבר סתר לי אליך (שופטים ג יט) — איך האָב פאַר דיר אַ סוד. סתרי [סיסרע] תורה — די סודות פון דער תורה (זע **רזי תורה**). בסתר — פאַר־

באָרגן, מתן בסתר (משלי כא יד)— אַ פאַרבאָרגענע מתנה. עובר עבירה בסתר — זינדיגט בסוד (תלמודיש).

# ע.

**ע** — דער זעכצענטער אות אין אלף־בית. ע = 70. זע עין.

**עבד** [עווער], **עבדים** [אוואָדים] — קנעכט. עבד כי ימלוך (משלי ל כב) — ווען אַ קנעכט קעניגט. עבדים משלו בנו (איכה ה ה) —קנעכט הערשן איבער אונז. עבד עבדים (בראשית ט כה) — סופערלאַטיוו. הן בעבדיו לא יאמין (איוב ד יח) — ער גלויבט ניט זיינע קנעכט. עבדך בן אמתך (תהילים קטז טז) — דיין קנעכט דער זון פון דיין דינסט. עבד נאמן — געטריי־ער קנעכט. עבד כנעני — „אַ כנענישער קנעכט" (ד. ה. אויף שווערע אַרבעט). ער איז ביים נגיד אַן־עבד כנעני. עבד מלך כמלך—אַ קנעכט פון אַ קעניג איז ווי אַ קעניג (תלמודיש). עבדים היינו — מיר זיינען געווען קנעכט (סידור).

**עבדות** [אוודעס] — קנעכטשאַפט (עזרא ט ח) מעבדות לחירות — פון קנעכטשאַפט אין פרייהייט (סידור). בסיבלות ובעבדות — איןליידן און קנעכטשאַפט.

**עבודה** — 1. אַרבייט. עבודה קשה (שמות א יד)—שווערע אַרבייט. עבודת פרך זע פרך. 2. גאָטעסדינסט (שמות יב כח). עבודת הקודש (שמות לו א). עבודת הבורא. עבודה שבלב זו תפילה — אונטער עבודה אין האַרצן מיינט מען תפילה (תלמודיש). פון עבודה־תפילה קומט אפשר דער אויסדרוק „דאַווענען": עבד'נען [אוודענען] פאַרוואַנדלט אין „דאַווענען" לויט דער אידישער פאָנעטיק. די וועלט שטייט על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים — אויף תורה, אויף גאָטעסדינסט און אויף צדקה (תלמודיש) ער זיצט על התורה ועל העבודה. עבודה זרה (ע"ז), עבודת כוכבים ומזלות (עכו"ם) — געצנדינסט. אויסגעדינט אלע עבודה־זרות שבעולם. 3. אַ תפילה אום יום כיפור.

**I. עבור** [אווזור ◡ —], בעבור — פון וועגן (בראשית ח כא).

**II. עבור** זע עיבור.

**עבירה** [אווייריע, נעווייריע], **עבירות** — זינד (היפך: מיצווה). עבירה גוררת עבירה — איין עבירה ציט די אַנדערע. עבירות שבין אדם למקום, שבין אדם לחבירו — זינד פון אַ מענטשן צו גאָט, צו אַן־אַנדער מענטש (תלמודיש). זע עובר. אפטרייסלען די עבירות. ס'איז אַן עבירה — אַ שאָד. אַן־עבירה די צייט, די מי. אַן־עבירה פאַר גאָט. אַף מיר די נ־עבירה! אַ ביטערע נ־עבירה!

**עבר** [אוואר] — 1. פאַרבייגעגאַנגען (בראשית לג יב), פאַרגאַנגען (ירמיה ח כ). עבר יומו (אָדער: זמנו) בטל קרבנו — פאַרגאַנגען זיין צייט — איז דער קרבן ניט נויטיק (תלמודיש). מה שעבר עבר (אָדער: אין) — וואָס פאַרגאַנגען איז פאַרגאַנגען (ניטאָ). 2. פאַרגאַנגענע צייט. דער הווה, דער עבר און דער עתיד. אונזער עבר. הצוינק לשעבר — ווער עס טוט תפילה פאַר אַ פאַרגאַנגענע זאַך (תלמודיש). זע עובר.

**I. עברי, עברים** — איד (בראשית יד יג). נקיבה: עבריה (דברים טו יב). עברי אנוכי (יונה א ט) — איך בין אַ איד.

**II. עברי** [אווריע] — 1. די העברייאישע שפראַך. אַן פאָדקאָוועס קען

ער קיין עברי ניט (ד. ה' אָן נקודות). אַ שווערע עברי. אַ שייטל עברי. רייבן עברי. „איז געווען, ווי מען זאָגט, המכה בעברתו, דאָס הייסט, שטופּיג אויף דער עברי". (מענדעלע). עברי טייטש — העב־רעאיש דייטש. אַ גרויסער בעל עברי. 2. רעד עברי (ד. ה. קלאָר). האַרטע עברי.

**עברייִן** [אַוואַריען], **עבריינים** — זינ־דער (תּלמודיש).

**עברית** [איווריס] — העבּרייאיש, לשון קודש. עברית בעברית — די מע־טאָדע צו לערנען העבּרייאיש אויף העבּרייאיש.

**עגול, זע עיגול.**

**עגונה** [אַגונע] — אַ פאַרלאָזענע פרוי. אַ וויסטע עגונה. תּקנת עגונות (תּלמודיש), מתקן זיין אַן־עגונה — באַפרייען פון עגונה'שאַפט. (קומט פאָר אויך: **עגון** [אָגן] — אַ מאַן, וואָס די פרוי האָט אים פאַרלאָזן.

**עגל** (שמות לב ד) — אַ קאַלב. עגל הזהב — דער גאָלדענער קאַלב. חוטא בעגל [בעיגל] זיין — געזינ־דיגט אין עגל הזהב (געווייגלעך איראָניש).

I. **עגלה** אין עגלה ערופה (דברים כא ו).

II. **עגלה** [אַגאָלע] — וואָגן (בּראשית מה יט). גיין הינטער דער עגלה (ביי אַ לוויה). בּעל עגלה [בּעלאַגאָלע] — פורמאַן.

**עגמת נפש** [אַגמאַס] — קומער, צער (תּלמודיש לויט איוב ל כד).

I. **עד** [אַד] — בּיז. עד אנה (שמות טז כח), עד מתי (שמות י ג) — בּיז וואַן? עד היום [האַיעם], עד היום הזה (בּראשית כו לג) — בּיז היינט. עד הנה (בּראשית טו טז) — בּיז אַהער. עד חצי המלכות (אסתּר ה ו) בּיז אַ העלפט קעניגרייך. עד חרמה (במדבר יד מה) — בּיז פאַרוויסטונג. עד יעבר זעם (ישעיה כו כ) — בּיז דער צאָרן וועט פאַרבּיי. עד לב השמים (דברים ד יא), עד לשמים (עזרא ט ו) — בּיז צום הימל. „אַ געוואַלד עד לב השמים" (שלום עליכם). עד מאד (בּראשית כז לג) — בּיז זעהר. עד מהרה (תּהילים קמז טו) — זעהר גיך. עד פה תבוא ולא תוסיף (איוב לח יא) — בּיז אַהער וועסטו קומען און ניט ווייטער. מנער ועד זקן (בּראשית יט ד) — פון קליין בּיז אַלט. עד גמירא — בּיזן סוף. זאָל ליגן עד שיבוא אליהו (ד. ה. אָפּליגן אויף לאַנג). עד כאן — בּיז אַהער (עד כאן אומרים בשבת הגדול, עד כאן הקפה, עד כאן תחום שבת). עד בּיאת גואל — בּיז משיח וועט קומען. עד סוף כל הדורות — בּיזן סוף פון אַלע דורות. עד מאה ועשרים שנה — בּיז 120 יאָר. עד הדיוטא התחתונה — בּיז צום אונטערשטן גראַד (תּלמודיש). עד פּרוטה אחרונה, עד לפּרוטה אחרונה (לפ"א ביי שלום עליכם: עד לפּ"ק) — בּיז צו לעצטער פּרוטה. עד לחשבּון — à conto. עד ולא עד בּכלל — בּיז עקסקלוזיוו. עד ועד בּכלל — בּיז אינקלוזיוו. עד דלא ידע זע חייב, עדי.

II. **עד**, **עדים** (ויקרא ה א) — אַנ־עדות. עד־שקר (שמות כ טז), עדי שקר (תּהילים כז יב) — פאַלשער עדות. עד ראייה [רוויי—יע] — אַנ־עדות וואָס האָט געזעען. עד מפּי עד — אַנ־עדות וואָס האָט געהערט פון אַנ־אַנדערן (תּלמודיש).

**עדה** — פאַרזאַמלונג, קהילה. זקני

העדה (ויקרא ד יא)—די עלטסטע פון דער געמיינדע. בתוך קהל ועדה (משלי ה יד). בפני עם ועדה —פאַר אלעמען, פאַר אַנ=עדה אידן. אין עדה פחות מעשרה — אַנ=עדה איז נים ווייניקער פון צען (תלמודיש), פון דעם וואָרט, מיינט מען, קומט דער אויס-דרוק: געטטאָ. זע עדת.

**עדות** [עידעס] — 1. דאָס אויסזאָגן פון אַן עד. כשר לעדות, פסול לעדות — ער מעג, ער טאָר נים אויפ=טרעטן אַלס עד (תלמודיש). זיין פנים האָט עדות געזאָגט, אַז... 2. = עד II. זייט מיין עדות. ער האָט גע=שטעלט צוויי עדות.

**עדי עד** (תהלים פג ח) — ביז אייביג. להשמיד עדי עד (תהלים צב ח) — צו פאַרטיליגן זיי אויף אייביג. בנין עדי עד — אַ בנין אויף אייביג (סידור).

**עדיף** [אָדיף] — בעסער. חכם עדיף מנביא — אַ געלערנטער איז בע=סער פון אַ נביא. ברי ושמא ברי עדיף — „געווים" און „טאָמער" — איז „געווים" בעסער. סיני ועוקר הרים סיני עדיף — אַ בקי איז בעסער פון אַ חריף (תלמודיש).

**עדית** זע עידית.

**עדן** זע גן-עדן. **עדנא** זע עידנא.

**עדר, עדרים** — סטאַדע, טשערעדע (בראשית ל א). עדר עדר לבדו (בראשית לב יז) — יעדע סטאַדע באַזונדער.

**עדת** [אדאס ◡ — ] — די עדה פון. עדת ה' (במדבר כז יז), עדת ישראל (שמות יב ג), עדת קורח (במדבר כו ט). קורח ועדתו — קורח און זיין קאמפאַניע.

**ע"ה** = עליו השלום.

**עובד, עובדים** — 1. דער וואָס אַרבייט: עובד אדמה (בראשית ד ה) ערד=אַרבייטער: עובד אדמתו ישבע לחם (משלי כח יט) —דער וואָס באַ=אַרבייט זיין ערד וועט זיין זאַט. מתוקה שנת העובד (קהלת ה יא) — זיס איז דער שלאָף פון אַרביי=טער. 2. ־ער וואָס דינט. עובד אלילים, עובד גלולים, עובד כוכבים ומזלות (עכו"ם) — געצנדינער רבים: עובדי אלילים, עובדי גלולים עובדי כוכבים ומזלות.

**עובדא, עובדות** —תרגום פון „מעשה„ — 1. פּאַסירונג. בדידי הוא עובדא — מיט מיר האָט דאָס פּאַסירט (תלמודיש). 2. אַרבייט. זיי ביידע האָבן דיזעלביגע עובדא אין געשעפט. ער האָט זיך געשטעלט די עובדא צו פאַרטיידיגן.

**I. עובר** — 1. פאַרבייגייענדיק, אי=בערגייענדיק. עובר על פשע (מיכה ז יח) — וואָס פאַרגיט די זינד. כצל עובר (תהלים קמד ד) — ווי אַ שאָטן וואָס גייט איבער: עובר לסוחר (בראשית כג טז) — וואָס ווערט גע=נומען פון אַ סוחר, ד. ה. עכט. 100 דאָלאַרעם עובר לסוחר. גע=קראָגן 30 שמיץ עובר לסוחר: 2. עובר זיין— איבערטרעטן (דניאל ט יא). העובר עבירה, עוברי עבירות — וואָס מאַכט אַנ=עבירה (תלמודיש). עובר זיין אויף אַ מיצווה, אויף אַ לאו. עובר זמן זיין — דורכלאָזן די צייט. ער איז עובר קריאת שמע, עובר כל העבירות. אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנסה בו רוח שטות — אַ מענטש מאַכט אַנ=עבירה נאָר אין נאַרישן צושטאַנד (תלמודיש). 3. עובר בטל (פון

תלמודיש: „כאילו מת ועבר ובטל מן העולם" — אן קראפט. א הונדערט־יעריגער איז שוין עובר בטל (פאראדירט: עובר באצוועגע).

II. **עובר** — עמבריאן. מה טיבו של עובר זה — וואס וועט ארויסקומען פון דעם עובר? (תלמודיש).

**עוג** (במדבר כא לג) N. גרויס ווי עוג מלך הבשן (פאראדירט: הבאטשאן, הלאקש).

**עוד** — נאך. עוד היום גדול (בראשית כט ז) — דער טאג איז נאך גרויס (ד. ה. ליכטיג). עוד מי לך פה (בראשית יט יב) וועמען האסטו נאך דא? תן לחכם ויחכם עוד (משלי ט ט) — גיב א חכם וועט ער נאך קליגער ווערן. עודם מדברים עמו (אסתר ו י) — זיי רעדן נאך מיט אים. בעוד שלושת ימים (בראשית מ יג) — אין דריי טעג ארום. מעודי (מעודך) עד היום הזה (בראשית מח טו; במדבר כב ל) — פון געבורט ביז היינטיגן טאג.

**עודף** — דאס וואס בלייבט (שמות טז כג). סרח העודף (שמות כז טו יב) — „וואס הייגט אראפ", דער רעשט. „צו 52 ארשין און נאך מיט א עודף" (מענדעלע).

**עוה"ב** = עולם הבא. **עוה"ז** = עולם הזה.

**עוויה** זע **העוויה**.

**עוולה** [אוולע], **עוולות** — אומרעכט (תהלים מג א). שארית ישראל לא יעשו עוולה (צפניה ג יג) — — אידן וועלן נים מאכן קיין אומגערעכטיקייט. ער קען די עוולה מער נים צוזען. האסטו ביי מיר אן־עוולה! בעל־עוולה, בא'עוולה'ן.

**עוון** [אוון], **עוונות** [אוואנעס] — זינד. מה עווני ומה חטאתי (שמואל א כ א), מה עווננו ומה חטאתנו (ירמיה טז י) — וואס איז מיין (אונזער) זינד? והוא רחום יכפר עוון (תהלים עח לח) — דער דערבארעמדיגער זאל פארגעבן די זינד. גדול עווני מנשוא (בראשית ד יג) — מיין זינד איז גרעסער איידער איך קען טראגן. בעוונותינו הרבים (זע).

**עוזר** N. עוזר דלים (סידור) — דער וואס העלפט ארעמעלייט.

**עוכר ישראל** (מלכים א' יח יז) — אומגליק־ברענגער אויף ישראל.

**עול** — יאך (במדבר יט ב). פיגוראל: עול ברזל (דברים כח מח) — שווערע לאסט. עול מלכות שמים, עול תורה ומעשים טובים, עול משפחה, עול פרנסה. פורק עול — דער וואס ווארפט אראפ דעם יאך (תלמודיש). אלע פורקי עול און פורצי גדר.

I. **עולה, עולות** — (ויקרא א ג). א קרבן עולה, עולה ויורד (א מין קרבן).

I₁. **עולה זיין** — 1. ארויפגיין. עולים ויורדים (בראשית כח יב) גייען ארויף און ארונטער. זה עולה וזה יורד — דער גייט ארויף און דער ארונטער. עולה עמו ואינה יורדת עמו — די פרוי שטייגט מיט דעם מאן און קומט נים ארונטער (תלמודיש). עולה רגל זיין — פארן קיין ירושלים אויף יום טוב (אין קאטאוועס: גיין צופוס). עולה לגדולה זיין — חשוב ווערן. עולה לתורה זיין — באקומען אן־עלייה. די עולים — ארץ־ישראל־אימיגראנטן. 2. געלינגען. דער זיווג, דער לימוד איז עולה יפה — האט דערפאלג.

**עולם, עולמים, עולמות** — 1. אייביקייט. לעולם ועד (שמות טו יח)

אויף אייביג. עם עולם — דאָס איי־ביקע פאָלק (ד. ה. אידן). בית עולם (קהלת יב ה) — בית הקברות. חיי עולם (דניאל יב ב) — אייביג לעבן. חי העולמים — דער וואָס לעבט אייביק (סידור). איבער־לאָזן אַ קאַפּיטאַל אויף עולמות (אָדער: אויף עולמית). 2. וועלט. א). עולם הזה [האַזע], עולם הזה׳דיק, עולם הזה׳ווען. עולם כמנהגו נוהג — די וועלט פירט זיך לויט איר מנהג; בנוהג שבעולם — ווי עס פירט זיך אויף דער וועלט. דרכו של עולם — דער וועג פון דער וועלט. הבלי עולם — די נאַרישקייטן פון דער וועלט. ב) עולם הבא (די קומענדיקע וועלט פון משיח), בן עולם הבא, חלק לעולם הבא. ג) סתם אַ וועלט: עולם האמת, עולם האצילות (אין קבלה), עולם הבריאה, עולם חדמיון, עולם הפוך, עולם קטן עולם השפל, עולם השקר, עולם התוהו. עולמות העליונים — די אויבערע וועלטן. ער איז שוין אויף דעם עולם האמת, בלאָנדושען אין עולם התוהו (אויך געשריבן: התועה), שוועבן אין די עולמות העליונים. בורא עולמות ומחריבן — ער באַשאַפט וועלטן און מאַכט זיי חרוב (תלמודיש). דו ביסט אַ אידענע, דו פאַרשטייסט גאָרניט אין עולמות (אין וועלטלעכע זאַכן). 3. פובליקום. אַ גרויסער עולם געווען, דער עולם קטן (קינדער). דער עולם־גולם. „דער עולם זאָגט: אַ עולם׳ס ווערטל איז להבדיל אַ גמרא״ (מענדעלע).

**עומד** — שטייט (זכריה יד יב). עומד על גביו — שטייט לעבן אים. עומד בפרץ (לויט תהלים קו כג) — פאַרטיי־דיגט. הפּר׳ץ מרובה על העומד — דאָס צעשט׳ערטע איז גרעסער פון שטייענדיקן (תלמודיש). עומד בדיבורו — האַלט וואָרט. עומד במרדו — איז נאָך אַל׳ץ ווידערשפּעניסטיק. עומד על דעתו — באַשטייט אויף זיין מיינונג. עומדים צפופים ומשתחוים רווחים — שטייען געדריקט און בוקן זיך ברייט (תלמודיש).

**עונג** — תע׳וג, פאַרגעניגן. עונג שבת (לויט יהושע נח יג) עונג רוחני — גייסטיגער פאַרגעניגן.

**עונה** — ענטפערט. קראתי ואין עונה (ישעיה נ ב) — איך האָב גערופן און קיינער ענטפערט ניט. אין קול ואין עונה (מלכים ב׳ ד לא) — ניטאָ קיין ענטפער.

**עונש, עונשים** — שטראָף (משלי יט יט). שכר ועונש. דער עונש פון דער עבירה. עונש כרת, עונש מלקות. בר עונשין, בר עונשין — פול־יעריג.

**עוסק, עוסקים** — באַשעפטיגט זיך. עוסק זיין בצרכי ציבור — זיך באַ־שעפטיגן זיך נויט קהל׳שע זאַכן (סידור). עוסקים במיצוות, בתורה, בתלמוד. עוסק במיצווה פטור מן המיצווה — ווער ס׳איז עוסק אין אַ מיצווה איז פטור פון אַ מיצווה (תלמודיש).

**עוף, עופות** — פויגל (בראשית א כא), הון. אַ פעו׳טל עוף. אַנ־עופה׳לע — אַ נבל׳ע.

**עוקץ** — שטאַכל. לא מעוקצך ולא מדובשך — „ניט פון דיין שטאַכל ניט פון דיין האָניג״, זאָגט מען צו דער בין (תלמודיש).

**עוקר זיין** — 2. אויסרייסן דעם וואָרצל. עוקר מן השורש זיין. עוקר הרים — אַ שאַרפזיניגער. עוקר הרי הרים וטוחנם זה בזה — ער

וואָרצלט אויס די גרעסטע בערג און צעשמעטערט זיי מיטאַנאַנדער (תלמודיש). 2. עוקר דירה זיין — אױ־בערציען. עוקר געווען קיין אַמעריקע (אַנטלאָפן).

**עור** — הויט. עור בעד עור (איוב ב ד) — אַ לעבן פאַר אַ לעבן. מעור אחד — פון איין פעל.

**עורב** — אַ ראָב. שחורות כעורב (שיר השירים ה יא) — שוואַרץ ווי אַ ראָב. כל עורב למינו (ויקרא יא טו) — יעדער ראָב צו זיין מין. עורבא פרח — אַ ראָב איז געפלויגן (תלמודיש, כדי צו ברענגען אויף אַנ־אַנדער טעמע).

**עורך דין** — אַדוואָקאַט: רבים: עורכי הדיינין (תלמודיש).

**עורף** — נאַקן אין קשה עורף, עם קשה עורף (שמות לב ט) — האַרטנע־קיגער פאָלק.

**עושה** — ער מאַכט. עושה חסד (שמואל ב כב נא). עושה משפט (תהלים קמו ז). רבים: עושי דברו (תהלים קג ז), עושי רצונו (תהלים קג כא). עושה מעשה בראשית T. עושה שלום T. ער האַלט שוין ביי עושה שלום (ד. ה. ביים סוף).

**עושר**,*) **עשירים** — אַ רייכער. דער עושר באַרימט זיך מיט זיין עשירות. דער עושר איז קיין בעל יושר.

**ע״ז** = עבודה זרה. **עזאזל** זע לעזאזל.

**עזבון** זע **עיזבון**.

**עזות** (משלי יח כג). — פרעכהייט. ניטאָ קיין גרענעץ פאַר זיין עזות. „אַנ־עזות, זאָגט ער, פון אַ אידן צו קלינגען“ (שלום עליכם). עזות'דיק, עזותקייט. עזות מצח (סידור). עזות פנים (דברים כח נ: עז פנים) — פרעכער. רבים: עזות־פנימער. ארץ־עזות פנים (פאַרשטאַרקט). „פון אַזעלכע ארץ־פיאסקע־עזות־פנימער באַדאַרף מען נישט נעמען קיין ראיה“ (מענדעלע). זע. מחוצף.

**עזרא** N. **עזריאל** N.

I. **עזרה** — העלף (ישעיה י ג) בעזרת השם — מיט גאָטס העלף.

II. **עזרה** [אַזאָרע] — הויף (יחזקאל מג יד). עזרת [עזראַס] ישראל, עזרת כוהנים, עזרת נשים — אין בית המקדש (תלמודיש). אין היגן בית הכנסת איז ניטאָ קיין עזרת נשים — קיין פרויענאָפּטייל.

**עטרה** (שיר השירים ג יא) — קרוין. החזירו עטרה ליושנה — זיי האָבן צוריקגעבראַכט די קרוין צום אַלטן שטייגער (תלמודיש). (אויך אייפעמיסטיש): .praeputium

**ע״י** = על ידי.

**עיבוד** — באַאַרבייטונג. מאַכן אַנ־עיבוד פון אַ סיפור.

**עיבור** = חודש — דער 13־טער חודש, ואדר. עיבור־יאָר — אַ יאָר פון 13 חדשים. „עס גייט אַ לאַנ־גער ווינטער נאָך מיט אַן איין עיבור“ (מענדעלע).

**עיגול** — קרייז. — מרובע יתר על העיגול רביע — אַ פירעק איז גרעסער פון דעם איינגעשריבענעם קרייז מיט אַ פירטל (תלומדיש).

**עידית**- בעסטער סאָרט ערד (תלמודיש).

---

*) „עושר“ קען זיין די מיטלאַלטערלעכע אויס־לייגונג. אנשטאט „עשיר“ (ווי בורר, הפטורה — א חולם פאַר דעם באטאָנטן קמץ), אָדער עס איז אַנ־אבסטראקטום אנשטאָט א קאָנקרעטום (ווי שררה, מלכות, עדות).

עידית בינונית זיבורית — בעסטע ערד, מיטעלע און שלעכטע.

**עידנא** (דניאל ב ח) — צייט. בעידנא דריתחא — אין אַ הייסער צייט.

**עיוות הדין** — פאַרדרייאונג פון דין, אומגערעכטיקייט. (תלמודיש).

**עיון** [אי—יון] — דאָס פאַרטיפן זיך. עיון תפילה — דאָס נאָכדיינקען איבער אַ תפילה (תלמודיש). צריך עיון — עס פאָדערט נאָכדיינקען. בעל עיון — דיינקער. בעיון — אויפמערקזאַם.

**עיזבון** — ירושה, נאַכלאַס. אַ עיזבון אויף עולמות (אָדער: עולמית).

**עיט, צבוע** (ירמיה יב ט) — צבוע׳ק. זע צבוע.

**עיכוב, עיכובים** — אויפהאַלטונג, פאַרהינדערונג. עיכוב הקריאה. זע מעכב. בלי עיכוב — באַלד אויף דער שטעל. „אַ שטיקל עיכוב, הייסט עס, מען קען נישט ענטפערן צום טערמין“ (מענדעלע).

**עילה** (דניאל ו ה) — סיבה. עילה הראשונה, עילת כל העילות — מיטל פון גאָט. עילה ועלול — די סיבה און די פאָלגע. זע סיבה.

**עילוי, עילוים** — וואונדערקינד. דער עילוי אין דער ישיבה.

**עילום** אין בעילום שמו — אַנאָנמיטעט. ער האָט געשריבן דעם בריף בעילום שמו.

I. **עין** [איין] — דער נאָמען פון אות ע.

II. **עין, עינים** (משלי כ יב) — אויג. עין תחת עין (שמות כא מד) — אויג פאַר אויג. עין לא ראתה (ישעיה סד ג) — דאָס אויג האָט עס ניט געזעען. עין בעין (במדבר יד יד) — אָן פאַרמיטלער. קוקן בשבע עינים — מיט 7 אויגן (זעט זכריה ג ט). עינים להם ולא יראו (תהלים קטו ה) — זיי האָבן אויגן און זעען ניט. עיני כל ישראל עליך (מלכים א, א כ) — גאַנץ ישראל קוקט אויף דיך. כסות עינים (בראשית כ כז). — אַ מאַסקע, אַן אויסרייד. פאַרגלאָצן די עינים. עינים׳לעך. מראית עין זע מראית. עין יעקב T. זע בעיני, כעין, מעין.

**עין-הרע** [ז נעהאָרע] — אַ בייז אויג, (אייפעמיזם: אַ גוט אויג). אין עין הרע שולטת בהן — אַ עין־הרע האָט ניט קיין שליטה איבער זיי (תלמודיש). געבן, אָפּשפּרעכן, אויסריידן אַ עין הרע, אָן עין הרע, קיין עין הרע [קעגע זאָרע]. אַ בייזע עין הרע האָט אים אויפגעגעסן. קיין עין הרע זאָל אים ניט שאַדן (קאַטאָוועס: זאָל אים ניט אויסמיידן).

**עינוי, עינויים** — ליידן (פון „עינה“ — פּייניגן), עינוים קשים אָנטאָן — פּאָלטערן.

**עיני, עינים** זע עין.

**עינין** זע עני.

**עיסקא** — אַן־עסק, אַ פּראָצענט־געשעפט אין היתר עיסקא, שטר עיסקא.

**עיפוש** — זיי פּעסט, זיי ווייכן דאָס ווינקל ווי אַן־עיפוש. פאַרעיפוש׳טע חדרים. זע אוויר.

**עיקר, עיקרים** (דניאל ד כג: וואָרצל) — 1. די הויפּטזאַך (היפך: טפל). עשו את העיקר טפל ואת הטפל עיקר — זיי האָבן די הויפּטזאַך געמאַכט פאַר אַ נעבנזאַך, און די נעבנזאַך פאַר די הויפּטזאַך (תלמודיש). לא המדרש עיקר אלא המעשה — ניט דאָס לערנען איז דער עיקר, נאָר דאָס

טאָן. עיקר שכחתי — די הויפּטזאַך האָב איך פאַרגעסן (אין בריוו א פּאָסט-סקריפּטום). עיקר חסר מן הספר — דער עיקר פעלט אין ספר. עיקר המעשה — די הויפּטזאַך פון דער מעשה. עיקר הדבר. די עיקר סיבה. 2. עיקר העיקרים — טיטל פון גאָט. כופר בעיקר — פאַרלייגנט גאָט (תלמודיש). 3. די עיקרים פון דת (דער אני מאמין). — כלל ועיקר זע כלל. דער'עיקר'שט — הויפּטזעכלעך. מעיקרא — פון אָנהייב, לכתחילה.

**עיקש** — פאַרדרייט. דור עיקש (דברים לב ה) — אַ פאַרדרייטער דור. עיקש לב (משלי יז כ), עיקשי לב (משלי יא כ) — — מיט אַ פאַרקערט האַרץ.

**עיקשות פה** (משלי ד כד) — פאַרקערט-הייט פון מויל.

**עיר, עָרים** [אָרים], **עיירות** [איאָרעס] — שטאָט. עיר מקלט (יהושע כא יג) זע **ערי**. עיר הנדחת (דברים יג יג — יח). עיר הקודש (נחמיה א א), עיר הקדושה — ירושלים. עיר ואם בישראל (שמואל ב' כ יט — פון אַ גרויסער שטאָט. עיר המלוכה (שמואל ב' יב כו), עיר הבירה — רעזידענץ-שטאָט. והעיר שושן נבוכה (אסתר ג טו), והעיר שושן צהלה ושמחה (אסתר ח טו) — די שטאָט שושן איז געפּלעפט, פריי-לעך (פּאַראָדירט: והעיר שניפּישאק נבוכה, והעיר שניפּישאק צהלה ושמחה). בין-עיר — אַ שטאָטישער. עניי עירך קודמין — די אָרעמע לייט פון דיין שטאָט קומען אין באַ-טראַכט פריער (תלמודיש).

**עירוב, עירובין** — פאַרמישונג. עירוב פרשיות — אַ פאַרמישונג פון פרשיות. עירוב חצירות, עירוב תבשילין, עירוב תחומין — רעלי-גיעזע באַגריפן (תלמודיש).

**עירום** — 1. נאַקעט. כי עירום אנוכי (בראשית ג י) — ווייל איך בין נאַקעט. כי עירומים הם (בראשית ג ז) — ווייל זיי זיינען נאַקעט. ואת ערום ועריה (יחזקאל טז ז) — דו ביזט נאַקעט. 2. בעירום ובחוסר כל (דברים כח מח) — נאַקעט און מיט גאָרניט. זע **ערום**.

**עירן, עירנים** — שטאָט-ראַטמאַן. ראש עירן — שטאָטהויפּט (אין מיטלאַלטערלעכע ביכער).

**עירעור, עירעורים** — ווידערשפּרוך, איינווענדונג. בלי שום עירעור ופיקפוק (אין שטרות). זע **מערער**.

**עכבר, עכברים** (ויקרא יא כט) — עכברא דשכיב אדינרי — אַ מויז וואָס ליגט אויף געלט (פון אַן-עושר אַ קמצן). לאו עכברא גנב אלא חורא גנב — ניט די מויז איז דער גנב, נאָר די לאָך (תלמודיש).

**עכברוש** [אכבראָש], **עכברושים** — אַ שטיפער (געשריבן מיט אַן-עין, ווייל אפּגעלייטעט פון עכבר. אַנדערע דערקלערן: „אך בראש" — ווי „הדיוט קופץ בראש').

**עכאד** זע **אחד**.

**ע"כ** = על כן, **עכב"ב** = עם כל בני ביתו.

**עכו"ם** [אקום] = עבודת (אָדער: עובד, עובדי) כוכבים ומזלות.

**עכשיו** [אַכשוו] — איצט. אם לא עכשיו אימת — אויב ניט איצט, טאָ ווען זשע? מעכשיו, עד עכשיו — פון איצט, ביז איצט. עכשיו שירדתי מגדולתי — איצט ווען איך בין אַראָפּ פון מיין גרויסקייט (תלמודיש).

**על** [אל] — אויף. אבן על אבן —

אַ שטיין אויף אַ שטיין. כּרחם אב על בנים (תהלים קג יג) — ווי אַ פאָטער דערבאַרעמט זיך איבער זיינע קינדער. איש על דגלו (במדבר ב ב) — יעדער אונטער זיין פאָן. לא על הלחם לבדו יחיה האדם (דברים כ ג) — ניט פון ברויט אַליין לעבט דער מענטש. זע עלי׳ עליו, עליך, עלינו, עליכם.

על אודות — פון וועגן. על אודות בנו (בראשית כא יא) — פון וועגן זיין זון.

על אחת כמה וכמה — אויף וויפיל מער, זע קל וחומר.

על אכילת מצה T. על אכילת מרור T.

על אלה אני בוכיה (איכה א טז) — אויף די דאָזיגע וויין איך.

על אפי ועל חמתי (ירמיה לב לא) — קעגן מיין ווילן.

על בוריה [בור יע] — גרינדלעך (תלמודיש).

על דא קא בכינא — אויף דעם וויין איך (תלמודיש).

על דאטפת אטפוך — דערפאַר וואָס דו האָסט דערטריינקט, האָט מען דיך דערטריינקט (תלמודיש).

על דבר [דוואר] — וועגן (בראשית יב יז).

על דעת — — לויט מיינונג. על דעת הקהל, על דעתי, על דעתך (איוב י ז).

על ה׳ ועל משיחו רעדן (תהילים ב ב). זע נגתקה.

על המשמר — אויף דער וואַך (נחמיה ד ג). שטיין על המשמר.

על הניסים T.

על העצים ועל האבנים רעדן (מלכים א׳ ה יג און שמות ז יט).

על הצדיקים T. על הראשונים ועל האחרונים T.

על הראשונים אנו מצטערים ואתה בא להוסיף עליהם — מיר זיינען זיך מצער אויף די פריערע און דו קומסט מיט נייע זאַכן (תלמודיש).

על התורה ועל העבודה. זע על שלושה דברים. זיצן על התורה ועל העבודה — זיך באַשעפטיגן מיט לערנען.

על זאת תאבל הארץ (ירמיה ד כח) — דאַרויף טרויערט די ערד.

על חטא T. זיך שלאָגן על חטא. פון על חטא ווערט מען ניט פעט.

על חייו לא חס על חיי חבירו לא כל שכן — ער שוינט ניט זיין אייגן לעבן, אַ פּשיטא שוין יענעמ׳ס לעבן (תלמודיש).

על טהרת הקודש — מיט אַ ריינקייט, וואָס פּאַסט פאַר אַ הייליגע זאַך (תלמודיש).

על ידי (דברי הימים א׳ כה ג) — דורך.

על כל פנים — יעדנפאַלס.

על כל צרה שלא תבוא (אייפעמיזם) — ביי יעדער צרה (תלמודיש).

על כן — דערפאַר. על כן יעזב איש (בראשית ב כב) — דערפאַר פאַרלאָזט דער מאַן (זיין פאָטער און מוטער). על כן נקוה לך T.

על כרחך — געצוואונגענערהייט. על כרחך אתה חי ועל כרחך אתה מת — געצוואונגענערהייט לעבסטו און געצוואונגענערהייט שטאַרבסטו. (תלמודיש). זע בעל כרחה.

על מנת — מיט דעם תנאי, כדי. הלומד על מנת ללמד — ווער עס לערנט כדי צו לערנען אַנדערע. על מנת לקבל פרס — כדי צו באַקומען געצאָלט. על מנת שלא לקבל

פרס, אָדער שלא על שנת לקבל פרס — אומזיסט (תלמודיש).

**על נהרות בבל** (תהלים קלז א) T.

**על נטילת ידים** T.

**על סך** — אויף די סומע פון...

**על פה**, בעל פה — אויסווייניק. תורה שבעל פה — די מינדלעכע תורה (תלמודיש).

**על פי** — דורך, לויט (עפ״י). על פי התורה (דברים יז יא) — — לויט דער לערע. על פי גורל — לויט גורל. על פי דין — לויט געזעץ. על פי חשבון — לויט באַרעכענונג. על פי חקירה — לויט אונטערזוכונג. על פי טעות — דורך אַ פעלער. על פי יושר — לויט אנשטאנד. על פי מקרה —צופעליג. על פי ראייה —דורך זעען. על פי רוב—גרעסטנ־טיילס. על פי שיטתו — לויט זיין סיסטעם. על פי שכל — לויט פארשטאַנד. על פי חכמת הדאָקטאָ־ריע, על פי זאַקאָן, על פי טראַדי־ציע, על פי מוזי אַף על פי, אַף על פי כן — כאָטש.

**על פרשת דרכים** — אויף דעם קרייצ־וועג (תלמודיש).

**על צד היותר טוב** — אויף דעם בעסטן אופן, אַם בעסטן.

**על קדושת השם**, על קידוש השם — צוליב היילигונג גאָטס נאָמען. שטאַרבן על קדושת השם — צוליב דעם דת.

**על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון** ענטפערן — אויף דאָס ערשטע צוערשט און אויף דאָס לעצטע צו־לעצט (תלמודיש).

**על רגל אחת** — אויף איין פוס

**על שלושה דברים העולם עומד** על התורה ועל העבודה ועל גמילת חסדים (תלמודיש) —די וועלט שטייט אויף דריי זאַכן: אויף תורה,* אויף תפילה און אויף גמילות חסדים (פּאַראָדירט: על שלושה דברים עומד העולם: על הגעלט ועל הגעלט ועל הגעלט).

**עלבון** — באַליידיגונג. עלבונה של תורה — די באַליידיגונג פון דער תורה. ער איז מוחל על עלבונו.

**עלוב** — באַליידיגטער. עלוב ואינו עולב — ער ווערט באַליידיגט און באַליידינט ניט (תלמודיש). זע נעלב.

**עלוי** זע **עילוי**.

**עלול** [אָלעל] — פייאיג. עלול לקבל טומאה — פייאיג צו ווערן אומריין (תלמודיש). דאָס איז עלול אונטערצו־גראָבן די יסודות. עילה ועלול — די סיבה און די ווירקונג.

**עלוקה** (משלי ל טו) — וואַמפיר, פּי־אַווקע.

**עלות השחר** — „דער אויפגאַנג פון מאָרגנשטערן״ (בראשית לב כה). דער מאָרגן. געשפילט אין קאָרטן ביז עלות השחר. זע **שחר**.

**I. עלי** [אָלאי ◡ —] אויף מיר. עלי קללתך בני (בראשית כז יג). — אויף מיר די קללה, מיין זון. עלי ועל צוארי — אויף מיר דער שאָדן (תלמודיש).

**II. עלי** N **עליה** זע **עלייה**.

עלי־יאָהו, עלי־יאָקום, עלי־מעלעך, עליעזער, עלישע זע **אלי**.

**עליה** זע **עלייה**.

**עליו** [אָלעוו] —אויף אים. אין עליו השלום (ע״ה) — „פרידן אויף אים״ (פון א געשטאָרבענעם). משה רבינו עליו השלום. ער איז שוין עליו השלום (ד. ה. געשטאָרבן) (פּאַראָדירט: עליו השאָלעכץ, עליו השנאָבל). אויך בלשון נקיבה זאגט דאָס פאָלק „עליו השלום“ אנשטאָס „עליה השלום“

די טיקערין עליו השלום.

**עליון, עליונים** — דער אויבערשטער (היפך: תחתון). אל עליון (בראשית יד כ) — דער אויבערשטער גאָט. בגד עליון — דאָס אויבערשטע קלייד. ידו על העליונה — ער האָט דעם פאָרצוג. עולם הפוך עליונים למטה ותחתונים למעלה — אַ פאַרקערטע וועלט די אויבערשטע זיינען אונטן און די אונטערשטע אויבן (תלמודיש).

**עלייה** [אלי— יע], **עליות** — דאָס אויפשטייגן (היפך: ירידה). עלייתנשמה — באַגייסטערונג. בני עלייה — די בעסטע (תלמודיש). „אַזאַ עלייה, אַזאַ שיינע בכבודיקע פרנסה פאַר אַ ניי־אָנגעקומענעם נפש" (מענדעלע). 2. (פון „עולה רגל") די עלייה קיין ארץ ישראל. די פערטע עלייה. 3. (פון „עולה לתורה"). ער האָט באַקומען אַן־עלייה. פאַרקויפן עליות. „צו דער תורה פלעגט מען אים אויפרופן... צולעצט צווישן די געשטוקעוועטע עליות" (מענדעלע).

**עליך** [אָלעכאָ] — אויף דיר. פלשתים עליך שמשון (שופטים טז ט) — פלישתים זיינען אויף דיר, שמשון! דער אויסרוף „באָלשעוויקעס עליך" שרעקט זיי ניט. עליך הורגנו כל היום (תהילים מד כג) — צוליב דיר ווערן מיר געשלאָגן דעם גאַנצן טאָג.

**עליכם** — אויף אייך. „שלום עליכם. — עליכם שלום". עליכם ועל בניכם (תהילים קטו יד) — אויף אייך און אויף אייערע קינדער. לא עליכם — ניט פאַר אייך געדאַכט, זע לא.

**עלילה** [אלילע] **עלילות** — אַן־אויסגעטראַכטע זאַך, אַ בילבול. עלילות דברים (דברים כב יד). עלילת דם — בלוט־בילבול.

**עלינו** T, **עלינו לשבח** T. געקומען צו עלינו. זוויסשפייען צו עלינו.

**עלמא** — די וועלט (דניאל ב כ). כולי (כולא) עלמא — די גאַנצע וועלט. מילי דעלמא — וועלטלעכע זאַכן (היפך: מילי דשמיא). בעלמא — אין דער וועלט, גלאַט אַזוי. השערה בעלמא — סתם אַ השערה.

**עלמין** אין בית עלמין = בית עולם.

**עלעהיי** [ ◡ ◡ — ] = לו יהא.

**עלעל** זע אלול

I. **עם** [אים] — מיט. עם כל בני ביתו — מיט זיין גאַנצן הויזגעזינד. עם כל הנעיים (אנ-עלייה). עם לבן גרתי (בראשית לב ה) — מיט לבנ'ען האָב איך געוואָהנט. כאשר אם לבבי (יהושע יד ז) — ווי עס איז אין מיין האַרץ. הולק עם גנב (משלי כט כד) — ווער עס טיילט זיך מיט אַ גנב. „הסחורה האָב איך געטראָפן גאַנץ עם הביידלעך אויף זייער אָרט" (מענדעלע, אַ ב ייוו).

II. **עם** [אַם] — פאָלק. עם אחד (בראשית יא ו) — איין פאָלק. עם לבדד ישכון (במדבר כ- ט) — אַ פאָלק וואָס לעבט אַליין. עם חכם ונבון (דברים ד ו) — אַ קלוג פאָלק. עם קשה עורף (שמות לב ט) — האַרטנעקיג פאָלק. עם הספר — דאָס פאָלק פון בוך. עם עולם — דאָס אייביג פאָלק. זע עמך.

**עם הארץ** [אמאָרעץ], **עם־הארצים** [אמאראצים] — אומוויסנדער מענטש. אין עם הארץ חסיד — אַן־עם־הארץ איז ניט פרום. כל המשיא את בתו לעם הארץ כאילו כפתה ונתנה לפני הארי — ווער עס גיט אויס

זיין ט׳כמטער פאַר אַנ־עם הארץ, איז ווי ער וואָלט זי געבונדן און גע־געבן אַ לייב (תלמודיש). נקיבה: עם הארץ׳טע. עם־הארצות [אמאראצעס].

**עמא** [אמע] — פאָלק (עזרא ז יג). עמא פזיזא—אַנ־איבעראיילט פאָלק. עמא פזיזא דקדמיתו פומייכו לאודניכו — אַ כאַפּעדיק פאָלק וואָס דער מויל איז ביי אים פריער פאַר די אויער׳ן (תלמודיש, א רמז אויף נעשה ונשמע).

**עמוד** [אמעד] — „שטייענדיקס״. 1. זיילע, סטאָלב. עמוד התוך (שופטים טז כט) — דער מיטעלער סטאָלב; עמוד הימיני (מלאכים א ז כא) — דער רעכטער סטאָלב. 2. עמוד האש, עמוד הענן (שמות יג כא). ער איז דער עמוד האש פון דער באַוועגונג. עמוד השחר — די מאָרגנרויט; 3. בימה (מלכים ב׳ יא יד). דער חזן שטייט, זינגט פאַרן עמוד. 4. אַ זייטל אין אַ בוך; עס שטייט אין בבא קמא דף לט, עמוד א. אויף די עמודים פון דער ציטונג.

**עמון** N. עמונע זע אמונה, עמוס N.

**עמוק** [אמעק], **עמוקים** [אמוקים] — טיף. מים עמוקים דברי פי איש (משלי יח ד) טיפע וואַסער זיינען די ווערטער פון אַ מאַן. מגלה עמוקות (איוב יב כב) — דער וואָס אַנטפּלעקט טיפעניש׳ן.

**עמורה** N. סדום ועמורה (בראשית יג י).

**עמי** [אימי] — מיט מיר. עמי היתה ושלחתיה — מיט מיר איז זי גע־ווען און איך האָב זי אַוועקגעשיקט (ד. ה. איך האָב עס מער ניט) (תלמודיש).

**עמידה** — דאָס שטיין. אל תרבה בעמידה שעמידה קשה ללב—שטיי ניט צופיל, שטיין איז שעדלעך פאַר די הארץ (תלמודיש). בעמידה — שטייענדיק. זע **עומד**.

**עמך** [אמכאַ] — „דיין פאָלק״. עד יעבור עמך (שמות טו טז) — ביז דיין פאָלק וועט פאַריבערגיין. עמך ישראל צריכין פרנסה — דיין פאָלק ישראל נוי־טיקט זיך אין פרנסה (תלמודיש). עמך — דער מיטעלער קלאַס, האַרע־פאַשניקעס, בעלי מלאכות, אַמכאָניק. „שער און אייזן און אונזער פאָלק עמך״ (שלום עליכם).

I. **עמל** [אָמל] — מי. עמל ויגון (ירמיה כ יח) — מי און טרויער. עמל ואון (תהלים י ז). —אומרעכט. הרה עמל וילד און (איוב טו לה) שלעבטע טאַטן — שלעכטע פאָלגן. מיט עמל ויגיע. לילות עמל (איוב ז ג). אין קץ לכל עמלו (קהלת ד ח) — ניטאָ קיין סוף צו זיין מי. זה הלקי מכל עמלי (קהלת ב י) — דאָס האָב איך פאַר מיין מי. מה יתרון לאדם בכל עמלי (קהלת א ג) — וואָס האָט דער מענטש פאַר זיין גאַנץ מי? אדם לעמל יולד (איוב ה ז) — דער מענטש איז געבאָרן אויף מי. אַרבייטן לעמל—אומזיסט.

II. **עמל** [אָמל] — אין „למי אני עמל״ (קהלת ד ח) — פאַר וועמען מי איך זיך?

**עמלק** (שמות יז ח) N. עמלק בלייבט עמלק.

**עמנו הייתם** — „מיט אונז זייט איר געווען״ (תלמודיש: היאך אתם מעידים, שהרי אתם הייתם עמנו אותו היום במקום פלוני — ווי קענט איר זאָגן אַ זאַ עדות, ווען איר זייט אונז געווען יענעם טאָג אין יענעם אָרט).

**עמעם** זע **אמת**.

**עמק** (במדבר יד כה) — טאָל. עמק הבכא (תהלים פד ז) — טאָל פון וויינען.
עמק יזרעאל N.

**ענו** זע **עניו.**

**ענווה** [אַנאָווע] — באַשיידנהייט (משלי טו לג). גרוים איז די מידה פון ענוה. זע **ענוות.**

**ענוי** זע **עינוי.**

**עני** [אָני], **עניים** [אַניאים] — אָרעמאַן. עני ואביון מי גוזלו — ווער באַרויבט אַן־אָרעמאַן? (וואָרטשפּיל אויף תהלים לה י: עני ואביון מגוזלו). עני מהפך בחררה — אַן־אָרעמאַן, וואָס ציט חיונא. אין עני אלא בדיעה — אַן־אָרעמאַן איז נאָר ווער ס'איז אָרעם אין גייסט (תלמודיש). הנני העני ממעש — איך אָרעמער אין מעשים (סידור). כעני בפתח — ווי אַ בעטלער ביי דער טיר (סידור). עני חשוב כמת — אַן־אָרעמאַן איז ווי אַ טויטער. עניי הדעת — אָרעמע אין גייסט. עניי עירך קודמין לעניי עיר אחרת — אָרעמעלייט פון דיין שטאָט זיינען פריער פאַר די אָרעמעלייט פון אַנ־אַנדער שטאָט. (תלמודיש).

**עניו** [אָנעוו], **ענווים** — באַשיידן. והאיש משה עניו מאוד (במדבר יב ג) — משה איז געווען אַ גרויסער עניו.

**עניוות** [אַניוועס] — באַשיידנהייט, ענוה (היפך: גדלות).

**עניות, עניותא** [אַני—יוסע] — אָרעמקייט, אָרמוט. אין עניות במקום עשירות — ביי רייכטום זאָל מען זיך ניט פירן ווי אַן־אָרעמאַן. דיקדוקי עניות — קליינלעכע פּריצעפּעס (תלמודיש: יסורים פון אָרמוט). לפי עניות דעתי — לויט מיין באַשיידענער מיינונג. בתר עניא אזלא עניותא — דעם אָרעמאַן גייט נאָך די אָרמוט. יאה עניותא לישראל — אָרמוט פּאַסט פאַר אידן (תלמודיש).

**עניו, עניים** זז; **עני.**

**ענין ענינים** (קהלת א יג) — 1. געשעפט. ענין המסחר, ענין הציבור (רבים: עניני המסחר, עניני הציבור) — האַנדלסגעשעפט, געזעלשאַפטלעכע זאַך. „ענין המעקלעריי" (שלום עליכם). „עניני הפּאָליטיקע" (מענדעלע). עס איז גאָר ניט אַזאַ געוואַלטיגער ענין. 2. טעמע, סיזשעט. סליקו מענינא לענינא — זיי זיינען אַרויס פון איין טעמע אויף די אַנדערע (תלמודיש). מען איז אַריבער מענין לענין באותו ענין (וואָרטשפּיל). מעניני דיומא — פון טאָג־טעמעס. 3. פּראָצעס: ענין דרייפוס.

**עניני** T. מען דאַרף מיט אים קיין עניני ניט זאָגן (ד. ה. ער פּאַסט ניט, ער איז זאַט).

**ענן, עננים** (שמות יט ט) — וואָלקן. עמוד הענן (דברים לא טו) — וואָלקן־זיילע. ענן הקטורת (ויקרא טז יג) — דער רויך פון קטורת.

**עננו** זע **עינוי.**

**ענק, בני ענקן** (במדבר יג לג) — ריז. הגדול בענקים (יהושע יד טו) — דער גרעסטער ריז. רם כענקים (דברים ב י) — הויך ווי אַ ריז.

**עסוק** [אָסעק], **עסוקים** [אַסוקים] — באַשעפטיגט. עסוק במיצוות — באַשעפטיגט מיט מיצוות (תלמודיש).

**עסטער** זע **אסתר.**

**עסק** [עיסעק], **עסקים** [אַסאָקים] — געשעפט. אין לך עסק בנסתרות — ניט דיין עסק — פאַרבאַרגענעס (תלמודיש פון בן סירא). עסק ביש — אַ

שלעכטער עסק. פאַרגלעטן דעם עסק. פאַרשטיין אַן=עסק. ניט דיין באַבעס עסק, אויך מיר אַן=עסק, אַן=עסק פאַר אַן=אַקאַלאַדאַטשגעם. פטור אַן=עסק, זע עוסק, עיסקא.

**עסקן** [אסקן], **עסקנים** [אסקאָנים] — אַ טוער. ידים עסקניות הן — הענט זיינען טוער (תלמודיש). „ער איז ניט קיין בעל עסקן אויף מיצוות" (פרץ). עסקנ'ען זיך, עסקנות.

**עסרעג** זע **אתרוג**. **עסרע ווארבע** זע **עשרים וארבע.**

**עפּוש** זע **עיפּוש.**

**עפ"י** = **על פי.**

**עפר** [אַפער] — שטויב. כי עפר אתה ואל עפר תשוב (בראשית ג יט) — שטויב ביסטו און אין שטויב וועסטו צוריקקערן. זכור כי עפר אנחנו (תהלים קג יד) — דערמאָן זיך, אַז מיר זיינען שטויב. ואנוכי עפר ואפר (בראשית יח כז) — איך בין שטויב און אַש. ועפר רגליך ילחכו (ישעיה מט כג) — דעם שטויב פון דיינע פיס וועלן זיי לעקן. הוי מתאבק בעפר רגליהם — באַדעק זיך מיט שטויב פון זייערע פיס (תלמודיש, פון אַ תלמיד לגבי זיינע לערער). עפר אני תחת כפות רגליך — איך בין שטויב אונטער דיינע פיס (תלמודיש). אדם יסודו מעפר וסופו לעפר — דער מענטש שטאַמט פון שטויב און ווערט שטויב (סידור). אדם יסודו מעפר וסופו לעפר = בינתיים כאַפּט מען אַ בלינטשיק. שוכן עפר (רבים: שוכני עפר) (ישעיה כו יט) — אַ געשטאָרבענער. שלום לעפרו — פרידן צו זיין שטויב (פון אַ געשטאָרבענעם).

**עפרא** [אפרע] — שטויב (= עפר). עפרא לפומיה — שטויב צו זיין מויל (תלמודיש, אַ קללה). כעפרא דארעא [קאַפרע דאַרע] — ווי שטויב פון דער ערד. הפקר כעפרא דארעא (סידור). לנא ולא לעפרא — צו אונז און ניט דעם שטויב (פון אַ קראַנקן, וואָס איז געזונט געוואָרן) (סידור).

**עפשער** זע **אפשר.**

**עץ, עצים** (בראשית א יא) — בוים. עץ הדעת, עץ החיים — (בראשית ב ט). עץ חיים (רבים: עץ=חיים'ס, עצי חיים) — ביי אַ ספר=תורה. הוטבי עצים (יהושע ט כא) — האָלץ=האַקער. רעדן העצים ועל האבנים (מלכים א' ה יג און שמות ז יט).

**עצבות** [אצווּעס] — אומעט. לחם עצבות (תהילים קכז ב: לחם העצבים). עצבות איז פון יצר הרע (חסידיש).

**עצה, עצות** — (שמואל ב' יז כ). לא טובה העצה (שמואל ב' יז ז) — ניט גוט איז די עצה. אבדה עצה מבנים (ירמיה מט ז) — פאַרשוואונדן איז די עצה פון די פאַרשטענדיגע. אין חכמה ואין עצה (משלי כא ל) — ניטאָ קיין חכמה און קיין מיטל. שואל עצה (בעצה) זיין, אַ איד אַ למדן (אַ חכם) גיט זיך אַן=עצה: אז ער האָט ניט קיין שטיוול, גייט ער באָרוועס. מיט עצות זיינען מיר באַזאָרגט.

**עצירה, עצירות** [אציירעס] — פאַרשטאָ=פונג. עצירה מלמטה, עצירות השתנה — מיני קראַנקהייטן. ער האָט עצירות. עצירת גשמים — רעגנלאָזיקייט. זאָגן סליחות אויף עצירת גשמים.

**עצל** [אָצל], **עצלים** — פוילער. לך אל נמלה עצל (משלי ו ו) — גיי צו דער מוראַשקע, פוילער. עד מתי עצל תשכב (משלי ו ט) — ווי לאַנג וועסט דו שלאָפן, פוילער?

**עצלה** (משלי יט טו), **עצלות** (משלי לא כג) — פוילקייט.

**עצלן** [אצלען], **עצלנים** [אצלאָנים] — פוילער. נשים עצלניות הן — פרויען זיינען פויל (תלמודיש).

**עצם, עצמות** [אַצאָמעס] — 1. ביין. עצם מעצמי (בראשית ב כג) — אַ ביין פון מיינע ביינער. עצמות היבשות (יחזקאל לז ד) — די טרוקענע ביינער גל של עצמות — אַ הויפן ביינער (תלמידיש). חילוץ עצמות — פיזישע געזונט, טורנען, ברעכן, היטן די עצמות. אַריינרוקן אַנ-עצמה [אצאָמע] זע **עצמה**. 2. וועזן. בעצם היום הזה (בראשית ז יג) — אין סאַמע דעם טאָג. דער עצם ענין, די עצם שאלה, אין עצם, בעצם. 3. פּערזאָן. שם עצם (למשל אברהם, שרה). בעצמו — ער פּערזענלעך. בכבודו ובעצמו (סידור). בפני עצמו — ער זעלבשטענדיק. אַ רגל בפני עצמו.

**עצמה** [אצאָמע] — יחיד פון עצמות — אַ ביין. אַריינרוקן אַנ-עצמה (קצבים-לשון).

**עצר = עצירות.**

**עצרת** אין שמיני עצרת (דברי הימים ב' ז ט) — אַ יום-טוב (דער אַכטער טאָג סוכּות).

**עקב** [אָקעוו], **עקבות** [איקוועס] — אַ פּיאַטע. עקב בצד גודל גיין זע גודל. עקבות המשיח, בעקבות המשיח (לויט תהילים פט נב) — ווען משיח וועט קומען. בעקבות משיחא חוצפּא יסגא — פאר משיח'ס קומען וועט גרויס ווערן די חוצפּא (תלמודיש).

**עקודים נקודים וברודים** (בראשית לא יב) — בונט.

**עקום** [אָקם] — קרום. דופן עקומה — אַ קרומע וואַנט.

**עקיבא N.**

**עקידה** [אקעידע], **עקידת יצחק** — דאָס בינדן פון יצחק (אין בראשית כב). „דאָס יונגע קעלבל... געבונדן אויף אַלע פיר צו דער עקידה" (מענדעלע). פאַר זיין יושר גייט ער צו דער עקידה. עקי־ה T. (געוויסע סליחות).

**עקיצה** [אקיצע] — אַ ביס. עקיצתן עקיצת עקרב — זייער ביס איז ווי פון אַ סקאָרפּיאָן (תלמוד יש).

**עקלקלות** אין ארחות עקלקלות (שופטים ה ו) — פאַרדרייטע וועגן. הלב יודע אם לעקל אם לעקלקלות — די האַרץ ווייס, צי מע מיינט גוט צי שלעכט (תלמודיש). זע **מעוקל.**

**עקלתון** (ישעיה כז א) — געוואונדן (פון אַ שלאַנג). דרך עקלתון — איין געוואונדענער וועג (תלמודיש).

**עקמומית** [אקמומיס] אָדער: **עקמומיות** — קרומקייט. עקמומית שבלב — קרומקייט פון האַרץ (תלמודיש).

**עקר,** נקיבה **עקרה, עקרות** (דברים ז יד). דער צדיק איז פוקד עקרות.

**עקרב** (דברים ח טו) — סקאָרפּיאָן. עקיצתן עקיצת עקרב — זייער ביס איז ווי פון אַ סקאָרפּיאָן (תלמודיש). נחשים ועקרבים — שלאַנגען און סקאָרפּיאָנען. אני איסר אתכם בעקרבים (מלכים א' יב יא) — איך וועל אייך שטראָפן מיט סקאָרפּיאָנען.

**עקר'ען** [אקרען] = עוקר זיין, אַנטלויפן.

**עקרת הבית** (תהלים קיג ט) — באַלעבאָסטע.

**עקש** זע **עיקש.**

**עקשן** [אקשען], **עקשנים** [אקשאָנים] —

אנ=איינגעשפאַרטער. אַ געבראָטענער, געבּרענטער עקשן. עקשנות, עקשנ'יש, עקשנות'דיק. איינגע'עקשנט. אַ פאַר=עקשנ'טער קאָמף.

**עראי** [אראַי] — צופעליג (היפך קבע). אכילת עראי, דירת עראי, שנת עראי — אַ צופעליג עסן, וואָנונג, שלאָף (תלמודיש).

I. **ערב** — 1. אָוונט. ויהי ערב ויהי בוקר (בראשית א ה) — עס איז געווען אָוונט און מאָרגן. מערב עד ערב (ויקרא כג לב) — פון אָוונט ביז אָוונט. ער דאַוונט טעגלעך ערב ובוקר. זע בין הערבים. 2. דער טאָג פאַר...: ערב שבת — דער טאָג פאַר שבת, ד. ה. פרייטיק. ערב יום=טוב, ערב יום כיפור, ערב פסח, ערב ראש חודש, ערב שבועות. האָבן אַנ=ערב יום טוב. די צייט פאַר: ערב אַ מלחמה, ערב דעם קאָנגרעס. אויך פיגוראַל: ערב משומד, ערב רב (וואָרטשפּיל).

II. **ערב** [אָרעוו], **עריבים** [ארעיווים] — דער וואָס שטייט איין פאַר עמיצן, גאַראַנט (לויט בראשית מד לב). ערב זיין — גאַראַנטירן. איך בין אייך פאַר אים ערב. כל ישראל ערבים זה בזה — אַלע אידן זיינען פאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַר דעם צווייטן (תלמודיש). ערבך ערבא צריך — דיין ערב האָט האָט נויטיק אַנ=ערב (ד. ה. איז ניט באַגלויביגט) (תלמודיש). ערב=קבלן — זשיראַנט. ערבות [אראָוועס, ארוועס] — גאַראַנטיע.

III. **ערב־רב** (שמות יב לח) — אַ געמיש, געזינדל. אַ גאַנצער ערב רב גייט אים נאָך. דער ערב רב מיטן אספסוף (במדבר יא ב).

VI. **ערב** אין שתי וערב (לויט ויקרא יג נב) — אַ קרייץ, אַ צלם.

**ערבה, ערבות** — (ויקרא כג מ), הושענא. חיבוט ערבה — הושענות שלאָגן (אַ מנהג אום הושענא רבה).

**ערבוביא** [ארוואָוויע] — אַ געמיש. „מאַכן פון עטלעכע חדרים.. ערבוביא חדר, איין לער=הויז בשותפות" (מענדעלע). זע בערבוביא.

**ערבית** = מעריב.

I. **ערוב** [אָרעוו] — (שמות ח יז) — פון די עשר מכות.

II. **ערוב**, זע עירוב.

**ערוה** — 1. שאַמטייל. כי מצא בה ערוות דבר (דברים כד א) — ער האָט געפונען אין איר שענדלעכס. קול באשה ערוה — דער קול פון א אשה איז ווי אַ שאַמטייל (תלמודיש). 2. אַ פאַרבאָטענע פרוי. זע עריות.

**ערום** [אָרום], **ערומים** [ארומים] — נאַקעט. ערום יצאתי מבטן אמי (איוב א כ) — נאַקעט בין איך ארוים פון מיין מוטער לייב. ערום ויחף (ישעיה כ ב) — נאַקעט און באָרוועס. מלביש ערומים — דער וואָס קליידעט נאַקעטע (סידור). זע עירום.

**ערופה** אין עגלה ערופה (זע).

**ערי מקלט** (במדבר לה יא) — שוץ=שטעט. (מען זאָגט: אַנ=ערי מקלט אין יחיד, אנשטאָט עיר מקלט, יהושע כא יג). זע מקלט, עיר.

**עריות** [אראַיעס] — פאַרבאָטענע פרויען. (פון ערווה, לויט ויקרא יח ו — יט און כ יא—כא), זנות. גילוי עריות — זנות. אין אפיטרופוס לעריות — קיינער איז ניט באַוואָרנט פאַר זנות (תלמודיש).

**ערך** [ערעך] — ווערטשאַצונג. אנוש

כערכי (תהלים נה יד) — אַ מענטש
ווי איך. אַנ־ערך 1000 מאָן (ד.
ה. כמעט). פחות ערך — מינדער־
ווערטיק. געבן אַן אַנ־ערך, בערך,
לערך, כפי ערך, לפי ערך, לפי
ערכו, אין אַנ־ערך, לערך'דיק.
ערכאות של עכו"ם — גוי'ישע גע־
ריכטהויפן (תלמודיש).

**ערכין T.**

**ערל** [אָרל] (בראשית יז יד), **ערלים**
[אַרעילים] — ניט געמל'ט. פתח־
שין, דער ערל איז יודע פון דעם
ענין! נקיבה: ערילית.

**ערלה, ערלות** — (בראשית לד יד).

**ערמה** (יהושע ט ד) — כיטראָסט. נאָר
מיט המצאה'לעך, מיט ערמה'לעך.

**ערמומית** [אַרמומיס] — כיטראָסט
(תלמודיש).

**ערעור** זע עירעור. **ערעץ** זע ארץ.

**עשה** אין מצוות עשה [עסע] —
„טו". היפך: לא תעשה.

**עשה** [אסעי ∪ — ) שבתך חול ואל
תצטרך לבריות — מאַך ניט קיין
שבת און קום ניט אָן צו מענטשן
(תלמודיש).

**עשה** [אסעי ∪ –] תורתך קבע — באַ־
שעפטיג זיך מיט תורה רעגולער
(תלמודיש).

**עשו N.** [אייסעוו] הידים ידי עשו
(בראשית כז כב) — עשו'ס הענט.
עשו גיט מעשר פון שטרוי. אַז מע
וויל ניט געבן יעקב'ן, גיט מען
עשו'ן. עשו הרשע. אַנ־אמתער עשו.
אַ קאָפ ווי עשו (אַ טעמפע).

**עשוי** (שמות ג טז) — געמאַכט. מה
שעשוי עשוי — וואָס געמאַכט איז
געמאַכט (תלמודיש).

**עשייה** [אסי־ע] — דאָס טאָן. שכר
עשייה — באַלוינונג פאַר טאָן
(תלמודיש). עו"ם העשייה (קבלה).

**(עשיר), עשירים** — רייכער. אין יחיד
זאָגט מען געוויינלעך: עושר (זע). איזהו
עשיר השמח בחלקו — ווער איז
אַ רייכער? — ווער עס איז צו־
פרידן מיט זיין חלק (תלמודיש). דברי
תורה עניים במקום זה ועשירים
במקום אחר — די תורה איז וואָרט־
קנאַפּ אין איין אָרט און וואָרטרייך
אין אַן אַנדער אָרט (תלמודיש).
עשירות — רייכטום.

**עשר** [עסער] — צען, (בראשית ה יד).
עשר מכות — די 10 מכות (פון
פרעה). עשר ספירות — די 10
ספירות (זע). אין צוזאַמענגעזעצטע צאָל־
ווערטער: אָסער. חמשה עשר בשבט
— דער 15־טער טאָג אין
שבט. שבעה עשר בתמוז — דער
17־טער טאָג אין תמוז.

**עשרה** [אסאָרע] — צען (בראשית יח לב).
עשרה בטבת — דער 10־טער
טאָג אין טבת. עשרה בטלנים (זע).
עשרה הרוגי מלכות — די 10
דער'הרג'עטע פון די רעמער. עשרה
נסיונות — די 10 פרוווּנגען
(תלמודיש). אין צוזאַמענגעזעצטע צאָלווערטער:
עסרע שלש עשרה מידות —
די 13 מידות (זע). שמונה
עשרה — אַ תפילה.

**עשרים** — צוואַנציג (בראשית יח לא).
עשרים וארבע — די 24 ביכער
(געוויינלעך נוצט מען נאָר נביאים
וכתובים). מאה ועשרים שנה
(בראשית ו ג) — 120 יאָר.

**עשרת** [אסערעס] — 10. עשרת
הדיברות (שמות לד כח: עשרת הדברים)
— די 10 געבאָט. עשרת בני המן
(אסתר ט ו) — המן'ס 10 זין. עשרת

ימי תשובה — די 10 טעג (פון ראש השנה ביז יום כיפור). עשרת השבטים — די 10 שבטים.

**עת, עתים** [איטים] — צייט (בראשית ח יא). עת לכל חפץ (קהלת ג א) — אַ צייט פאַר יעדע זאַך. עת צרה (ישעיה לג ב) — אַ צייט פון אומ־גליק. אין דער איצטיגער עת צרה. איצט איז אַן עת צרה. עת רצון (תהלים סט יד) — גינסטיגע צייט. „עס איז נישט קיין עת רצון, ברי־דער" (מענדעלע). בצוק העתים (דניאל ט כה) — אין באַדריינגטע צייטן. עתים חלים ועתים שוטה — צייטנ־וויַז געזונט און צייטנוויַז משוגע (תלמודיש). זע בעת, בלא עת, כעת, מעת, לעתות, לעתים.

**עתודים** — בעק (במדבר ז יז) — אין „אַריינפאָרן אין די עתודים" (ד. ה. אין באָק) (וואָרטשפּיל).

**עתי** אין איש עתי (ויקרא טז כא) — אַ באַשטעלטער מענטש.

**עתיד** [אַסיד] — 1. וואָס איז גרייט. עתיד ליתן את הדין — ער וועט געבן דין וחשבון (תלמודיש). לעתיד לבוא — וואָס איז גרייט צו קומען, ד. ה. אין משיח'ס צייטן (תלמודיש). 2. דער עתיד — די צוקונפט. עתידות (דברים לב לב) — צו־קונפט.

**עתיק** [אַטיק] — אַלט. עתיק יומין (דניאל ז יג) — טיטל פון גאָט. הדברים עתיקים (דברי הימים א' ד כב) — עס איז אַן אַלטע מעשה. „רפאל איז אַ חכם עתיק, אַ בריה נפלאה" (מענדעלע).

## פ, פ*).

**פ** — דער זיבעצעטער אות אין אלף־בית, קומט פאַר מיט אַ דגש און אָן אַ דגש. פ' = פרשה, פרשת. פ' = פעמים: ב"פ = בית פעמים, צוויי מאָל. פ = 80. זע פא.

**פא** [פעי] — דער נאָמען פון אות פ. לאַנגע (אָפּע) פא (ף), קרומע פא (פ). ביי אים איז דער פ (פה = מויל) פאַר דעם ע (עין = אויג) (רש"י צו איכה ב טז). שרייב דאַרויף צוויי פא'ען (פ"פ = פאַרפאַלן).

**פאה** [פעיע], **פאות** [פעיעס] — 1. לאָקן אויף די שלייפן (לויט ויקרא יט כז). עס ליגט אים אין דער לינקער פאה. (פאַראָדירט: פיאַטע. „דעם פריזיוו הערט ער אין דער לינקער פיאטע" (שלום עליכם).
שווערן ביי באָרד און פאות. שוואַר־צע פאה'לעך, פאות'לעך (פאַראָדירט: פאיוצן). 2. ראַנד. לאָזן פאה (לויט ויקרא יט ט). לקט שכחה ופאה. פאה T. 3. מפאת (ויקרא יג מא) — פון וועגן.

**פאר** [פער] — שיינקייט, כבוד, אַ בכבודיקער מענטש.

פאר'דאגה'ט, פאר'חושכ'ט, פאר־חידוש'ט פאר'התמ'עט, פאר־צרה'ט, פאר'קנסט, פאר'־שמעיה'ט, פאר'תכל'עוועט א. א. זע דעם העברייאישן שורש.

**פגום־כלי** [פאָגעם־קײלע] — אַ פאַר־שעדיגטע כלי. זע פגם.

**פגימה, פגימות** — 1. אַ שאַרט, דאָס אויסגעשטשערבעטע. פגימת הלבנה (תלמודיש). פגימת סכין — אַ פגימה

*) אין אָנהייב וואָרט ווערט דער פ אין העב־רייאיש תמיד אויסגעשפּראָכן מיט אַ דגש, ד. ה. פּ.

אין חלף. 2. אַ חסרון. אַ כלי מיט אַ פּגימה (אַ פּגום־כלי), אָן אַ שום פּגימה.

**פּגיעה** — דאָס באַגעגענען. חרש שוטה וקטן פגיעתן רעה — דאָס צו־זאַמענטרעפן מיט אַ שטומען, אַ משוגענעם אדער אַ מינדעריעריגן איז שלעכט (תלמודיש).

**פּגירה** — 1. טויט, איינגעמען, כאַפּן די פּגירה, מאַכן אַ ציגענע פּגירה. אַ וויסטע פּגירה אויף אייך (אַ קללה פאַר פערד). 2. זעהר מאָגער. אַנ־אמ'תע פּגירה. „אַ פּאָר פּגירה'שע פערד" (פּרץ). זע פּגר.

**פּגישה** — די באַגעגענונג.

**פּגם** [פּגאַם] — אַ פּגימה. דער חלף האָט באַקומען אַ פּגם. ס'איז אַ פּגם־כלי [פּאָגעם קעילע], זע פּגום. טעם לפּגם — אַ שלעכטער געשמאַק, באַוויז.

**פּגע** [פּעגא], **פּגעים** [פּגאָאים] — פּלאָג. פּגע רע (מלכים א' ה יח), פּגעים רעים — אַנ־אָנשיקעניש. אין רגע בלי פּגע — קיין מאָמענט אָן אַ פּלאָג.

**פּגר** [פּעיגער], **פּגרים** — (בראשית טו יא) אין תנ"ך (פון אַ בהמה אָדער אַ רשע). לאַכט, שמייכלט, ווי אַ פּגר אומגעוואַשן. שלעפּ ניט, ס'איז ניט קיין פּגר. זע פּגר'ן.

**פּגרא** [פּאַגרע] אין יומא דפּגרא — אַ טאָג פון ניט לערנען (תלמודיש: יומא דמפּגרי ביה רבנן — אַ טאָג, ווען די לערער זיינען מיד, פוילן זיך). (עס קען אויך שטאַמען פון לאַטיינישן).

**פּגר'ן**: בהמות פּגר'ן, מענטשן שטאַרבן. גע'פּגר'ט אַ בער אין וואַלד (ביי אַ זעלטנהייט)). זיך מאַכן גע'פּגר'ט. פּגר'ט נאָך מיין דירה, פּגר'ט פאַר אַ גראָשן. זע פּגר.

„איר וועט אַ ביסל פריער אונ־טער'פּגר'ן גוט פאַר הונגער" (שלום עליכם).

**פּדיון** זע פּיזיון.

I. **פּה** [פּע] — מויל. פּה להם ולא ידברו (תהלים קטו ה) — זיי האָבן אַ מויל און רעדן ניט. פּה אל פּה (במדבר יב ח) — פון מויל צו מויל. פּה קדוש. א פּה מפיק מרגליות — אַ מויל, וואָס שיט פּערלען (תלמודיש). אחת בפּה ואחת בלב — איינס מיט דעם מויל און אַנדערס אין האַרצן. אין כוחו אלא בפּה — זיין גאַנצער כוח איז אין מויל. מפּה לאוזן — פון מויל אין אויער, ד.ה. בסוד. האַלט די פּה! כבד פּה (שמות ד י) — עקשות פּה (משלי ד כד) — פאַרקערטהייט פון מויל. פּיתחון פּה (יחזקאל טז סג) — אַ פּריצעפּקע. איינשטימען פּה אחד (יהושע ט ב), אַ באַשלוס פּה אחד. דער זאַל איז געווען געפּאַקט מפּה לפּה (עזרא ז יא און מלכים ב' י כא). על פּה, בעל פּה — אויסווייניק. מילווה על פּה, תורה שבעל פּה — אַ מינדלעכער חוב, מינדלעכע לערע (תלמודיש). זע פּי.

II. **פּה** [פּאָ] — דאָ (בראשית יט יב). לינו פּה הלילה (במדבר כב ח) — נעכטיגט היינט דאָ. עד פּה תבוא ולא תוסיף (איוב לח יא) — ביז אַהער וועסטו קומען און ניט ווייטער. פּה נקבר — דאָ איז באַגראָבן (אויף מציבות), החונה פּה קהילת ריגה (זע). הרבנ"ם דפּה — די היגע רבנים.

**פּוגם** זיין — באַשעדיגן. הפּוגם את עצמו פּוגם את משפחתו עמו — ווער עס באַפלעקט זיך, באַפלעקט אויך

זיין משפחה (תלמודיש). פוגם בכבוד זיין.

**פוגע** בכבוד זיין — באליידיגן.

**פוחזים וריקים** (לויט שופטים ט ד) — לייכטזיניקע און ליידיקגייער.

**פוחת והולך** — ווערט אלץ קלענער, מאכט אלץ ווייניקער (תלמודיש).

**פומא** — מויל (דניאל ד כח). לבא לפומא לא גלי — דאס הארץ האט דאס ניט אנטפלעקט פארן מויל (תלמודיש, פון א טיפן סוד).

**פומבי**, זע בפומבי.

**פונדק**—גאסטהויז (תלמודיש פון גריכיש). נזדמנו לפונדק אחד — זיי האבן זיך געטראפן אין איין גאסטהויז (תלמודיש).

**פונדקי, פונדקית** — באלעבאס, באלעבאסטע פון גאסטהויז. לא תהא כוהנת כפונדקית—איז דען א כוהנת ניט אזוי באגלויביקט, ווי א ווירטין פון גאסטהויז? (תלמודיש).

**פונה מכל עסקיו** זיין — זיך באפרייען פון אלע געשעפטן (תלמודיש).

**פוסל** זיין — פסל'ען, פסול מאכן. זה פוסל דיינו של זה וזה פוסל דיינו של זה — יעדער איינער פסל'ט דעם אנדערנס דיין. כל הפוסל פסול — ווער עס פסל'ט איז אליין פסול. כל הפוסל במומו פוסל — ווער עס פסל'ט, פסל'ט מיט זיין אייגענעם מום (תלמודיש).

**פוסק, פוסקים** — דער וואס פסק'עט. פוסקים הראשונים — די ערשטע פוסקים. פוסק אחרון — דער לעצטער פוסק. ער איז אין דער פראגע דער פוסק אחרון, ד. ה. ער האט דאס לעצטע ווארט.

I. **פועל, פועלים** — דער וואס טוט. ארבעטער. פועל צדק (תהלים טו ב) — דער וואס טוט גערעכטיקייט. פועל בטל — דער וואס גייט ארום און ארבעט (תלמודיש), קינדער גייען ארום פועל בטל. „חברה פועלים, בחורים, ארום טיש, ארבעטנדיק געשווינד מיט דער נאדל, העלפן אונטער“ (מענדעלע). בעל פועל — דער וואס ברענגט א פעולה (פון מלמדים). פועלי ציון T. פועלי צדק — ערלעכער בעל מלאכה. חברה פועלי צדק זע פ״ץ.

II. **פועל** — טאט, פראקטיק. מן הכוח אל הפועל — פון דער טעאריע אין פראקטיק: ארויסברייגגען מן הכוח אל הפועל — פארווירקלעכען. פועל יוצא — רעזולטאט. בפועל, בפועל ממש — אין ווירקלעכקייט.

**פועל'ן** — דערגרייכן, האבן א פעולה. „קוים גע'פועלט צען אידן זאלן אפשווערן“ (שלום עליכם).

**פוצה פה ומצפצף** (ישעיה י יד) — „עפנט א מויל און סוויסטשעט“.

**פוק חזי מאי עמא דבר** — גיי ארויס און זע, ווי דאס פאלק פירט זיך (תלמודיש).

**פוק חזי כמה בטלני איכא בשוקא** — גיי ארויס און זע, וויפיל ליידיקגייערס עס זיינען פאראן אף דעם מארק (תלמודיש).

**פוקד עקרות** — היילט עקרות (לויט בראשית כא א). דער רבי איז פוקד עקרות.

**פורה** — דער נאמען פון שר של שיכחה (פארגעסלעכקייט).

**פורח** — שוועבט. (יחזקאל יג כ). פורח באוויר — שוועבט אין דער לופטן. אותיות פורחות — אותיות וואס שוועבן (תלמודיש). זע פרחה.

**פורים** (אסתר ט כו). שושן פורים, פורים קטן, פורים ראשון, פורים שני. פורים איז קיין יום טוב (זע אסתר ט יט). ער מאַכט זיך יעדן טאָג פורים (פון א טרינקער). עס וועט זיך האַלטן פון אסתר־תענית ביז פורים. פורים געלט, פורים קוילעטש, פורים־רב (ביי דער סעודה), פורים־שפּיל. ער שפּילט פורים־שפּיל (ד. ה. ער פאַרשטעלט זיך). אַ פורים׳דיקער פאַרדינער.

**פורס (בּ) שלום** זיין — גריסן, שואל בשלום, דורש בשלום זיין (אין בריוו). זע פּריסת.

**פורע** — וואָס מאַכט פּריעה. מוהלין ופורעין — מען איז מל און מען מאַכט פּריעה. (תלמודיש).

**פורענות** [פּורעָנעס], פּורעניות — שטראָף. שבעה מיני פורעניות — זיבן סאָרטען שטראָף. מקום מזומן לפורענות — אַן אָרט וואָס איז באַשטימט פאַר שטראָף.

**פורץ גדר** (קהלת י ח) — דער וואָס צעבּרעכט דעם צוים, אַ בעל עבירה.

**פורק עול** — וואָס בּרעכט דעם יאָך (בּראשית כז מ) די פורקי עול און פורצי גדר (פון בעל עבירה׳ניקעס).

**פורש** — 1. זאָגן. פורש בשמו זיין — אויסזאָגן זיין נאָמען. 2. זיך אָפּטיילן. כל הפורש ממך כאילו פורש מן החיים — ווער עס טיילט זיך אָפּ פון דיר איז ווי ער טיילט זיך אָפּ פון זיין לעבן (תלמודיש) זע אל תפרוש.

**פורתא** — אַ קלייניגקייט. פורתא לא דק — קלייניקייטן באַאַכט ער ניט. הצלה פורתא — אַ קנאַפּע רעטונג (תלמודיש).

**פושט** — דער וואָס ציט אויס. פושט יד — דער וואָס ציט אויס אַ האַנד (פון בעטלער). פושט את הרגל — באַנקראָטירן (תלמודיש).

**פושעי ישו״אל** — זינדיקע אידן (תלמודיש). אַ פושעי ישראל (אין יחיד). „אַט דער פושעי באלקי ישראל״ (שלום על׳כם). פושעי ישראל מלאים מצוות כרימון — אפילו די זינדיקע אידן זיינע פול מיט מיצוות ווי אַ מילגרוים (תלמודיש).

**פושרין**, מיוּם פושרין — לויבלעכע, ניט הייסע וואַסער (תלמודיש). זע רותחין.

**פותיקי** זע אפּותיקי.

**פותר חלום** זיין—דערקלערן אַ חלום (בּראשית מ ז). ווייס פון קיין פותר חלום ניט, פאַרשטאַרקט: ווייס פונקיין פותר און פון קיין חלום.

**פזור** זע פיזור.

**פזיזא** אין נ׳מא, פזיזא, זע עמא.

**פזיזות** — איבּעראייַלטקייט.

**פזמון** זע פיזמון.

**פזר** —פון ד׳ טראָפּ־צייכנס. אויסדרייען, ציען פזר (פאַרן אויער).

**פזרן** [פּאַזרען]. פזרנים [פּאַזראָנים] — פאַרשווענדער. פזרנות.

**פח** אין בפחי נפש זע בפחי. צינים פחים זע צינים.

**פחד** [פּאַכאַד], פחדים [פּכאָדים] — שרעק (שמות טו טז. אימה ופחד. ס׳איז ממש פחדים, פחדים נוראים. „איך בין גע־ ווען אין איינע פחדים״ (שלום עליכם). סופּערלאַטיוו: פחד פחדים.

**פחדן** [פּאַכדן], פחדנים [פּאַכדאָנים] — שרעקעדיק׳ער. „בטבע איז אונזער בנימין דער נוסע געווען אַ ווילדער בעל פחדן״ (מענדעלע). פחדנות.

**פחות** [פּאָכעס] — ווייניק, ווייניקער. פחות מכזית — ווייניקער פון אַ

כזית. פחות משווה פרוטה — ס'איז ווייניקער ווערט ווי אַ פּרוטה (תּלמודיש). לא פּחות ולא יותר — ניט ווייניקער און ניט מער. לפּחות, לכל הפּחות — ווייניקסטענס. פּחות [פּכוּס] ערך — מינדערווערטיק.

**פּחז** אין פּחז כמים (בּראשית מט ד). — איבּעראיילט ווי וואַסער. זע פּוחז.

**פּחזות** (ירמיה כג לב) — איבּער-איילטקייט.

**פּחיתוּת** — פּאַרמינערונג. פּחיתות הכּבוד — בּאַליידיגונג. ער רעכנט עס פאַר אַ פּחיתות הכּבוד. פּחיתות הערך — מינדערווערטיקייט.

**פּחת** [פּכאָס] — דאָס, וואָס פעלט.

**פּטום הקטורת** זע פּיטוּם.

**פּטוּר** [פּאָטער], **פּטוּרים** — פריי. (היפך. חייב). חתן פּטור מקריאת שמע — אַ חתן איז פּטור פון קריאת שמע. (תּלמודיש). פּטור פון תּפילין, פון חוב, פון שבּת-האַלטן, פון נאַלאָג. פּטור אַ חמץ. פּטור בּלא כּלום—אָן אַ שטראָף (תּלמודיש). פּטור אַנ-עסק, פּטור אַ קליפּה. פּטור-נו! „אַז איך וועל דיינער פּטור ווערן" (מענדעלע).

**פּטירה** — טויט. בּשעת פּטירתו — אין דער צייט פון זיין שטאַרבּן (תּלמודיש).

**פּטר חמור** (שמות יג יג). **פּטר רחם** (שמות יג יב).

**פּטר'ן** [פּאַטערן] — ליקווידירן. גע'פּטר'ט אַנ-עסק, גע'פּטר'ט דאָס בּיסל געלט. פּטר'ן די טעג מיט די יאָרן. פּטר'ט מיך אָפּ (ד. ה. האַלט מיך ניט אויף).

**פּי** — דער מויל פון... ויפתח את פּי האתון (בּמדבּר כג כח) — ער האָט געעפנט דעם מויל פון אייזל. פּי טבעת — דער אַפּטער (תּלמודיש, אייפעמיזמעם). כּפי — לויט: איש כּפי אכלו (שמות טז כא) — יעדער לויט זיין עסן. „כּפי ווי ער קאָן". לפי—לויט: לפי הטף (בּראשית מז יב) — לויט די קינדער. לפי ערך, לפי צורך, לפי שעה. מפּי — פון מויל: איש מפּי איש, עד מפּי עד — איין עדות האָט געהערט פון אַנדערן. על פּי — אויף אַ בּאַפעל פון (בּראשית מח כא), דורך, זע על.

**פּיגוּל** (ויקרא ו יח) — אַ פאַרדאָרבּע-נער קרבּן.

**פּידיון, פּידיונות** — 1. אויסלייזונג (שמות כא ל): פּדיון הבּן (שמות יג יג), פּדיון נפש (תהלים מט ט). פּדיון שבוים — אויסלייזונג פון געפאַנגענע. „אַ קלייניגקייט פּידיון שבוים — אויס-געליזט אַ אידן פון שמיץ" (שלום עליכם). 2. לייזונג, דער פּידיון אַפּ'ן יריד. 3, בּרענגען אַ פּידיון (אַ גראָבּן פּידיון) צום רבּי'ן, צום קנעפּל.

**פּידלתי** זע לא פּידלתי.

**פּיזמון, פּיזמונים (פּיזמונות)** — — דיכטונג, געוויסע פּיוּטים, סליחות; רעפרען צו אַ ליד (גריכיש). „דאָס איז נישט קיין פּיזמון, וואָס מען לייענט אין אַ בּיכל" (שלום עליכם). „געזאָגט פון סליחות דעם ערשטען פּיזמון" (פּרץ). איבּערהזר'ן דעם אַלטען פּיזמון. אַוועקגעבּן אַ פּיזמון. „יענע אַלע פּיזמונות שמאַכטעלייען, מיט די אַלע פּשט'לעך האָבּן געהייסן „סלאוועסנאסט" (מענדעלע).

**פּיטוּם הקטורת** — דער בּאַשטאַנד פון די קטורת (תּלמודיש).

**פּיטם** — דער קנאָפּ פון אתרוג. זי האָט אָפּגעבּיסן דעם פּיטם (אַ סגולה). „קיין בּלינדן אתרוג קויף איך נישט.

צו באַטראַכטן האָב איך ליב דעם פּיטם" (מענדעלע). אַ פּיטמ'ל.
**פּיוט** [פּאַיעט], **פּיוטים** — אַ דיכטונג (פון גריכיש).
**פּיוס** — איבערבעטונג. מקבל פּיוס זיין — זיך לאָזן איבערבעטן (תלמודיש).
**פּיזור** — צעשטרייטקייט. דאָס פאָלק ליידעט פּיזור גלות, פּיזור הנפש — צעשטרייאונג.
**פּייאַס** איז ניט העברייאיש, עס איז Böhm = דריי פּוילישע גראָשן. זיין פּייאַס גייט אויך אין דריי גראָשן.
**פּייטן, פּייטנים** [פּאַיטאָנים] — דער מחבר פון פּיוט (תלמודיש).
**פּילגש, פּילגשים** (בראשית לה כב) — קעפּסווייב. דער משומד האָט גענו־מען אַ פּילגש.
**פילוסוף, פילוסופים** — אַ דיינקער (גריכיש). די מיטלאַלטערלעכע „פילוסופיא" האָט אַרומגענומען פילאָסאָפיע און נאַטורוויסנ־שאַפט.
**פּילפּול, פּילפּולים** — חריפות, קאַ־זואיסטיק (תלמודיש). בעל פּילפּול. זע פּלפּל'ן. „מען לערנט די גמרא נישט צוליב דעם פּשט, וויסן דעם דין, ווי צוליב דעם פּילפּול" (מענדעלע).
**פּינה, פּינות** — ווינקעל. ארבע פּינות הבית (איוב א יט) — די פיר הויז־ווינקעל. ארבע פּינות העולם — די פיר זייטן פון דער וועלט (סידור). ראש פּינה — ווינקעלשטיין, הויפּט־שטיין. אבן מאסו הבונים היתה לראש פּינה (תהלים קיח כב) — דער שטיין, וואָס די מויערער האָבן פאַראַכט, איז געוואָרן אַ ווינקעלשטיין.
**פּיעל** — אַ פאָרם אין גראַמאַטיק.
**פּיצוי** — באַפרידיקונג. שטר פּיצוי — אַ באַפרידיקונגס פּאַפּיר. זע מפצה.
**פּיקדון** [פּיקאָדן], **פּיקדונות** — דעפּאָזיט (ויקרא ה כג). דאָס געלט איז ביי מיר אַ פּיקדון. בעל־פּיקדון.
**פּיקוח נפש.** פּיקוח נפשות — אַ סכּנה פאַרן לעבן. פּיקוח נפש דוחה שבת — צוליב סכּנות נפשות מעג מען מחלל שבת זיין (תלמודיש).
**פּיקח, פּיקחים** — אַ קלוגער (שמות ד יא: אָ זעענדער). פּיקחין שבהם, טיפּשין שבהם — די קלוגע צווישן זיי, די נאַראָנים צווישן זיי. רוב ממזרים פּיקחים — ס'רוב ממזרים זיינען קלוג. הוי פּיקח ושתוק — זיי קלוג און מאַך אַ שוויַיג (תלמודיש). אַ איד אַ נכבד און אַ פּיקח. נקיבה: פּיקחת [פּיקאַכאַס], פּיקחות.
**פּיקפּוק, פּיקפּוקים** — צווייפל, פאָר־וואורף. בלי שום פּיקפּוק וספק — אָנע שום צווייפל. בלי שום ערעור ופּיקפּוק (זיין שטרות).
**פּירה** [פּעירע], אַלס יחיד פון פּירות — פרוכט. מאַכן אַ שהחיינו אויף אַ נייע פּירה. אַ שיינע פּירה (אויך אין פיגוראַלן זין). און ווען וועלן געהערן די פּירות, די געווינסן? זע פּרי.
**פּירוד** — צעטיילונג (היפך: אחדות). פּירוד הדיעות, פּירוד הלבבות — צעטיילונג פון מיינונגען, פון הער־צער.
**פּירוש, פּירושים** (פון „פּרש" — באַשטימען (ויקרא כד יב)) — אויסטייטש דער־קלערונג. מאַכן דערויף (אָדער: דער־פון) אַ גאַנצן פּירוש. „אביונים, דלפנים מיט אַלע פּירושים" (מענדעלע). פּירוש הגזילות — באַדייטונג פון די ווערטער. בפירוש — קלאָר, אויסדריקליך (זע).
**פּירכא** — איינוואַנד, קשיא (תלמודיש). זע מופרך.
**פּירסום** — באַרימטהייט. פּירסומי ניסא

— באַרימטהייט פון נס (תלמודיש). זוכה זיין צו פירסום, ער וויל ניט קיין פירסום, זע מפורסם.

**פירעון** [פערָאָען] — באַצאָלונג (תלמודיש). זמן פירעון.

**פיתום און רעמסס** N. אין אונזער שטוב איז געווען פיתום ורעמסס, ד. ה. מכל טוב (פאַראַדירט: פּומצן מיט ראַמצן).

**פיתחון פה** (יחזקל טז סג) — אַ פרי־צעפקע.

**פיתקא, פיתקות, פיתקאות** — אַ קוויטל. (תלמודיש). פיתקא דהזמנה — איינלאַדונגס־צעטל.

**פיתרון** (בראשית מ ה). — דייטונג. פיתרון חלומות, זע פותר.

**פלא** [פעלע], **פלאים** [פלאָאים], **פלאות** [פלאָעס] — וואונדער (תהלים עז יב). פלאי פלאים, פלאי פלאות — סופערלאטיוו. הפלא ופלא (ישעיה כט יד) זע מופלא.

**פלג** [פלאג] — די העלפט (דניאל ז כה). פלג גוף—אַ האלבער קערפער.

**פלגש** זע פילגש.

**פלוגתא** [פלוגטע] — שטרייט, חלוקי דיעות (תלמודיש).

**פלוני, פלוני אלמוני** (רות ד א) פלוני בן פלוני — עמיצער נקיבה: פלונית, פלונית'טע — פרוי.

**פלטיאל** N.

**פליאה** (תהילים קלט ו) — וואונדער. מדרש פליאה T. אַ פליאה'דיקע זאַך. „זיין פאַרפאַלן ווערן אַפּט אויף עטלעכע שעה פון דער שטאַט איז איטלעכן געוואָרן עפּעס אַ פליאה" (מענדעלע).

**פליט, פליטים** — דער געראַטע־וועטער, בעזשענעץ. ויבוא הפליט (בראשית יד יג) — עס איז געקומען דער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט. ניט געבליבן קיין שריד ופליט (יהושוע ח כב).

**פליטה** (יחזקאל יד כג) — 1. רעטונג, דאָס געראַטעוועטע. יתר הפליטה (שמות י ה), שארית הפליטה (דברי הימים א ד מג) — דער רעסט, וואָס איז געראַטעוועט 2. די פליטה מאַכן — באַנקראָטירן. בעל־פליטה, סוף סוחר לפליטה. 2. פליטת הפה, פליטת הקולמוס — אַ פעלער אין רעדן, אַ שרייבפעלער.

**פלילי** אין עוון פלילי (איוב לא כא). — אַ שווערע זינד.

**פלישתים**, זע פלשתים.

**פלך, פלכים** — באַצירק, שר הפלך (נחמיה ג יד).

**פלפול**, זע פילפול.

**פלפל'ען זיך** — דיסקוטירן. זע פילפול.

**פלשתים** N. פלשתים עליך שמשון (שופטים טז ט) — פלשתים זיינען אויף דיר, שמשון.

**פמליא** [פאמאליא] של מעלה — „די אויבערסטע פאַמיליע", די מלאכים (פון לאַטיין).

**פן** [פען] — טאָמער (בראשית יא ד) פן יקראנו אסון (בראשית מב ד) — טאָמער טרעפט זיך מיט אים אַן־אומגליק. פן ירבה (שמות א י) — טאָמער וועט ער זיך פאַרמערן. השמר לך פן (בראשית לא כד) — היט זיך טאָמער. (אויך אין זין): היט זיך פאַר די פען, ד. ה. ניט אונטער־שרייבן קיין וועקסעל.

**פנאי** — פרייע צייט. לא היה לנו פנאי — עס איז ניט געווען קיין צייט (תלמודיש). בשעת הפנאי — אין דער פרייער צייט.

**פנה** זע פינה.

**פנה** הודה פנה זיווה פנה הדרה — זיך אָפּגעקערט איר שיינקייט און איר גלאַנץ (תלמודיש).

**פנו מקום** — מאַכט אַן־אָרט! (ישעיה מ ג פנו דרך).

**פנוי** [פּאָנוי], **פנויים** — אַ ניט באַ־ווייבטער. נקיבה: פנויה, פנויות — אַ ניט פאַרהייראַטע פרוי.

**פנחס** N.

**פני** (פון „פנים"), פני הארץ (בראשית מא נו) — די פאָרנעמע לייט. אין פני הארץ אלא עשירים — די פני זיינען די רייכע (תלמודיש). (פאַראָדירט: פון די פומפעם = פון די פני). בפני כל עם ועדה, בפני עצמו זע בפני. לפני, מפני (זע).

**פנייה, פניות** — אַ נייגונג. אַ חסיר׳ל אָן פניות (אַ ליד).

I. **פנים** [פּאָנעם], **פנים׳ער** [פּעני־מער] — 1. געזיכט. פנים אל פנים (שמות לג יא) — פון געזיכט צו געזיכט, אַ יראת־שמים־פנים. קיין פנים און קיין צורה. זיין פרצוף־פנים קען איך ניט אָנקוקן. קלסתר־פנים (זע). פנים׳ל [פּעני־מל], פעניצל. „פאַרקרים דאָס פעניצל און זיפּ׳ץ" (מענדעלע). 2. פּערזאָן. מקבל פנים זיין. פנים חדשות זיינען געקומען (פאַראָדירט: פנים חלשות). בפניו, בפני, לפני (זע). 3. דאָס אויסזעהען. וואָס פאַר אַ פנים האָט עס, האָבן אַ פנים ביי לייט. אַ שיין פנים וואָלט איך ביי אים גע־האַט. „איז פאַר שרעק נעבעך פונ׳ם פנים אַראָפּ" (מענדעלע). שוואַרצען דעם פנים. אַ פנים פון חוזק. האָט אַ פנים, אָט אַ פנים. אַ פנים — וואַרשיינליך. בשבעים פנים — אויף זיבעציק אַרטען. ער מאַכט עס לפנים וועגן. על כל פנים — יעדענפאַלס. 4. פאָרנט. פנים ואחור, מפנים ומאחור (שמואל ב׳ י ט) — פון פאָ־רענט און פון הינטען. צוויי־פנים׳דיק.

II. **פנים** — דאָס אינעווייניקסטע. דער פנים פון בית המקדש. לפנים [ליפנים ◡ —] אינעווייניק. לפנים משורת הדין — מילדער פון דין (תלמודיש). לפני ולפנים — סופּערלאַטיוו פון „לפנים" דער כוהן גדול איז אַריין לפני ולפנים, ד.ה. אין קדשי קדשים.

**פנקס** [פּינקעס], **פנקסים** [פּינקאָסים], — פּראָטאָקאָל־בוך (תלמודיש פון גריכיש). אַריינטראָגן אַ נאָמען אין שוואַרצן פּנקס.

**פסול** [פּאָסל] — אומגליקלעך (היפך: כשר). פסול לעדות — אומטויגלעך צו זיין אַ עדות (תלמודיש). פסול דער גט, פסול די סוכה. אַ פסול׳ע הושענה, אַ פסול׳ע מטבע.

II. **פסול** — אַ פעלער. אַ פסול אין דער משפחה. שמץ פסול — אַ קליינער נ:עלער (תלמודיש).

**פסולת** — אָפּפאַל, בראַק. כך דרך התגרין: כוראין את הפסולת תחילה ואחר כך מראין את השבח — אַזוי איז דער שטייגער פון די סוחרים: פריער צייגן זיי דאָס שלעכטערע און דערנאָך דאָס בעסערע (תלמודיש). אויסראָמען די מינדסטע פסולת.

**פסוק** [פּאָסעק] **פסוקים** — 1. אַ פערז. אין האַלט פון דעם פסוק. איך האָב מיר גע׳חזר׳ט מיין פסוק. דאָס מיינט דער פסוק. סוף פסוק פון די טראָפּ־צייכנס 3. תנ״ך. לערנען פסוק. אין פסוק שטייט. געטאַנצט געטרונקען ככתוב — ווי אין פסוק שטייט. „מען קען זיין אַ גרויסער

למדן פסקענען שאלות אָן פסוק אויך״ (מענדעלע).

**פסוקי דזמרא** T.

**פסח** (שמות יב יא). פסח שני, ערב פסח. חל המועד פסח (פאַראַדירט: קסה). פסחים T.

**פסיעה, פסיעות** — שריט. פסיעה גסה — גרויסער שריט. אום שבת גייט מען ניט פסיעה גסה.

**פסלות** [פאַסלעס] — אונטויגלעכקייט (תלמודיש).

**פסל׳ען** — דערקלערן פאַר פסול. 2. פסול מאַכן אַ זאַך אָדער אַ לעבעדיק וועזן (צוליב מעדיצינישע צוועקן).

**פסלנות** [פאַסלאָנעס] — עוולה, עבירה. „מען דאַרף טאָן כל הפסלנות. רייסן פון טויט און פון לעבעדיקע און אַלץ זאָגן אַ רחמנות״ (מענדעלע).

**פסק,** [פסאַק], פסק־דין, פסקים — — אורטייל. אַרויסגעבן אַ פסק. כאַפּן אַ מיאוס׳ן פסק. מקיים פסק זיין. „גלייך ווי אַ פאַרזינדיקט קינד. וואָס מען וויל אים מקיים פסק זיין״ (מענדעלע) פסק הלכה — דער תוך פון געזעץ. דער דאָזיקער פסק הלכה איז גערכטעט קעגן אונז (פאַראָדיע: יאַקנע פסק טאָ פסאַקעץ). פסקי תוספות T.

**פסק׳ענען** [פאַסקענען] — ענטשיידן. פסק׳ענען שאלות (פאַראָדירט: פסקודינען, פאַצקענען). „קיין שאלות פאַסקידעט איר ניט״ (שלום עליכם).

**פעולה** — ווירקונג, דערפאָלג. האָבן אַ גרויסע פעולה.

**פעם** [פאַאַם], **פעמים** [פעאָמים] — מאָל׳ (בראשית ב כג). פעם אחת (דברי הימים א׳ יא יא) — איין מאָל. ג׳ פעמים — דריי מאָל. לפעמים — מאַנכעס מאָל. כפעם בפעם (במדבר כד א) — ווי געוויינלעך.

פ״ץ—פועלי צדק. חברה פ״ץ.

**פצע** — אַ וואונד. פצע תחת פצע (שמות כא כה) — אַ וואונד פאַר אַ וואונד. פצעי אוהב (משלי כז ו) — קלעפּ פון פריינט.

**פקדון** זע פיקדון.

**פקודה** — באַפעל (איוב י יב). בפקודת הרב — לויט באַפעל פון רב.

**פקודי** T. **פקוח** זע פיקוח.

**פקועה** אין בן פקועה — דער וולד וואָס מען געפינט אין דער בהמה (קראַים עסן דאָס ניט). „געהאַט אַ טלית און תפילין=זאַק זעהר אַ גרויסן׳ זעהר אַ גראָבן פון עטלעכע בני פקועהלעך״ (מענדעלע).

**פקח** זע פיקח.

**פקיד, פקידים** — באַאַמטער (בראשית מא לד). די פקידים פון אַמסטער=דאַמער קהילה.

**פקפוק,** זע פיקפוק.

**פקע׳נען** — פּלאַצן.

**פרא, פראים** — ווילדער. פרא אדם (בראשית טז יב, איוב יא יב). פראים בלייבן פראים. פראות.

**פרגוד** — פאָרהאַנג (תלמודיש פון לאַטיין). מאחורי הפרגוד — פון הינטער דעם פאָרהאַנג.

**פרדס** [פאַרדעס], פרדסים — גאָרטען, אַפּעלסינען גאָרטען. עשיתי לי גנות ופרדסים (קהלת ב ה) — איך האָב מיר געמאַכט פאַרשידענע גאָרטענס.

I. **פרה, פרות** — אַ קו. פרות הבשן (עמוס ד א) קי פון בשן (פון פרויען). פרה אדומה — רויטע קו. (במדבר יט ב). פרה=אדומה=קאַליר.

II. **פרה ורבה** (בראשית לה לא) זיין — זיך מערן. „זיי זיינען נישט פרה

ורבה" (פרץ). זע פריה ורביה.

**פרהסיא** זע בפרהסיא.

**פרו ורבו** (בראשית א כב) — פאַרמערט זיך.

**פרוזדור** — פאַרהויף. העולם הזה דומה לפרוזדור — די איצטיקע וועלט איז געגליכן צו אַ פאָרהויף (תלמודיש).

**פרוטה, פרוטות** — די קלענסטע מטבע. די לעצטע פרוטה אויסגעבן. דין פרוטה כדין מאה — אַ דין איבער אַ פרוטה איז ווי אַ דין איבער הונדערט מטבעות. אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מין הכיס — משיח וועט קומען נאָר ווען עס וועט אויסגיין די לעצטע מטבע. עד פרוטה אחרונה, עד לפרוטה אחרונה — ביז צו דער לעצטער פרוטה. „עד פרוטה אחרונה וועט ער ביי מיר סילוק'ן (מענדעלע). (ביי שלום עליכם: „עד לפ"ק" אנשטאָט: עד לפ"א = עד לפרוטה אחרונה).

**פרוכת** — פאָרהאַנג (ויקרא ד ו). דער פרוכת אַפ'ן ארון=קדש.

**פרוץ** (נחמיה ד א) — דאָס צעבראָ=כענע. הפרוץ מרובה על העומד — דאָס צעבראָכענע איז מער פון דעם שטייענדען. נקיבה: פרוצה — אויסגעלאַסענע (היפך: צנועה).

**פרורים** — ברעקלעך (תלמודיש).

I. **פרוש** [פּאָרעש], **פרושים** — 1. אַ פרומער, „וואָס איז אָפּגעטיילט" פון דער וועלט דורך זיין הנהגה. „ער וויל ניט חתונה האָבן, ער בלייבט אַ פרוש". „אַ קאַטאָוועס עפּעס אַ פרוש, און נאָך אַזוינע ווילד=מוראדיקע פרושים... זיי האָבן קיינמאָל ניט מפסיק געווען פונם לערנען, נישט גערעדט קיין דברי חול, פון קיין צורת מטבע נישט געוואוסט' (מענדעלע). 2. פרושים (היפך: צדוקים) — אַ פּאַרטיי אין דער צייט פון תלמוד. אשה פרושה ומכות פרושין (תלמודיש).

II. **פרוש** זע פירוש.

**פרח** אין פרחי כהונה — יונגע כהנים. כפתור ופרח זע כפתור.

**פרחה נשמתי** — מיין נשמה איז אַרויסגעפלויגן (תלמודיש). „אַז איך האָב אים דערזען, איז מיר פרחה נשמתי געוואָרן" (שלום עליכם).

**פרט** [פּראַט], **פרטים** [פּראָטים] — 1. איינצעלהייט (היפך: כלל). בכל פרטיה ודיקדוקיה — מיט אַלע אירע איינצעלהייטן און פיינקייטן. (סידור). צ(ע)ריינלאָזן זיך אין פרטים. בפרט — באַזונדערס (היפך: בכלל). 2. דער יחיד (היפך: ציבור). 3. צייטרעכענונג. לפרט גדול (לפ"ג) — לויט דער גרויסער צייטרעכע=נונג, ד. ה. מיט די טויזנטער (למשל: התרפ"ז). לפרט קטן (לפ"ק) — אָן די טויזנטער (למשל תרפ"ז).

**פרטי** [פּראָטי] אין השגחה פרטית — גאָטס אויפזעהען.

**פרטיות** [פּראָטיעס] אין בפרטיות — אויספירלעך, בפרוטרוט.

**פרי, פירות** — פרוכט (בראשית א יא). פרי העץ (שמות י טו). פרי האדמה (דברים כו ב). בורא פרי האדמה T, בורא פרי העץ T. זע פירה.

**פרידה** — שיידונג. קשה עלי פרידתכם — מיר איז שווער זיך שיידן פון אייך (תלמודיש).

**פריה ורביה** [פּריע ווערביע] — די מיצווה פון פרו ורבו (בראשית א כח). פטור זיין פון פריה ורביה.

פריסת שלום — גרוס (אין בריוו). זע פורם.

פריעה — 1. דאָס צעררייסן (ביי דער מילה). פריעה מציצה. 2. דאָס באַצאָלן אַ חוב. פריעת בעל־חוב.

פריץ [פּאָרעץ], פריצים (דניאל יא יד) — רויבריטער, איידעלמאַן, אַ גאַנצער, אַ בייזער, אַ גרויסער פריץ. אַ פריץ מיט אַ לאָך. ליגן ווי אַ פריץ. נקיבה: פריצה, פריצ׳טע, פריצ׳יש.

פריצות — אויסגעלאַזנקייט (חיפך: צניעות).

פרישות — פרומקייט.

פרך [פּערעך] — שווערקייט (שמות א יג). עבודת פרך — שווערע אַרבעט. איבערגעפּראַוועט כל עבודת פרך. אַרבעטן בפרך.

פרכא זע פירכא.

פרנס [פּאַרנעס], פרנסים, [פּאַרנאָסים, פּאַרנעיסים] — פאָרשטייער (תלמודיש פון גריכיש). פרנס לפי דורו — אַ פאָרשטייער וואָס פּאַסט פאַר זיין דור (תלמודיש). פרנס חודש, פרנס חדשים — אַ חודש־פאָרשטייער. נקיבה: פרנס קע.

פרנסה [פּאַרנאָסע], פרנסות — פאַרדינסט. עמך ישראל צריכין פרנסה — דיין פאָלק ישראל באַדאַרף פרנסה. חיים של פרנסה — אַ לעבן מיט פרנסה (תלמודיש). פרנסה בכבוד פרנסה בצימצום, פרנסה בריווח, פרנסה בשפע, דאגות פרנסה, מקפה פרנסה זיין (תלמודיש). אַ פרנסה בזויה, אַ מיאוסע פרנסה. וואָס טוט ניט אַ איד צוליב פרנסה? געשלאָגן אין דער פרנסה. אַרבייט איז דאָ קיין פרנסה ניטאָ. פרנסה־געבער. זע מפרנס.

I. פרס (עזרא א א) פערסיען. ים הפרסי, די פרסים.

II. פרס אין על מנת לקבל פרס (זע).

פרסום זע פירסום. פרעון זע פירעון.

פרעה N. פרעה׳ס מכות, צרות.

פרעות [פּראָעס] — פאַרווירונגען, פאָגראָמען (לויט דברים לב מב, שופטים ה ב). אַריבערגעקומען אַלע פרעות.

פרץ [פּערעץ], פרצים [פּראָצים], — אַ ריס, אַ לאָך. גודר פרץ זיין — פאַרצוימען אַ לאָך (ישעיה נח יב). עומד בפרץ — שטייט ביים ריס, פאַרטיידיגט (תהילים קו כג). פרץ N.

פרצה קוראה לגנב — דער לאָך רופט דעם גנב (תלמודיש).

פרצוף, פרצוף־פנים [פּאַרצעף־פּאָנעם] — פנים (תלמודיש פון גריכיש). איך וויל זיין טריפה פאַרצע ניט אָנקוקן. „אויסדרייענדיק די פרצ׳עם צו אונז” (מענדעלע).

פרק, פרקים — טיילונג (נחום ג א). 1. צייטאָפּשניט. הגיע לפרקו — דערגרייכט זיין אַלטער. בנות ישראל שהגיעו לפרקן — אידישע טעכטער וואָס זיינען דערוואַקסן געוואָרן (תלמודיש). בפרק אחד, בג׳ (בשלושה) — אין איין צייט, אין דריי צייט (תלמודיש). 2. בוך־אָפּשניט, קאַפּיטל. די דאָזיקע מסכתא האָט נאָר דריי פרקים. 2. טיטל פון דער מסכתא אבות. פרקי אבות. ער לערנט פרק. אין פרק שטייט. פרק השלום T. ראשי פרקים — די אָנהייבן פון די פרקים (תלמודיש).

פרשה [פּאַרשע], פרשות אָדער פרשיות — בוך־אָפּשניט אין דער תורה. די תורה האָט 54 פרשיות: פרשת בראשית, פרשת נוח א. א. וו. היום יום ג׳ פרשת שמות (אין בריוו). די

ארבע פרשיות אין חודש אדר: פרשת שקלים, פרשת זכור, פרשת פרה, פרשת החודש. אַ סדרא האָט זיבן פרשיות. דיקדוקי הפרשה — די קליינע איינצלהייטן פון דער פרשה. עירוב פרשיות יש כאן — דאָ זיינען פאַרמישט די פרשיות (תלמודיש). סמיכת הפרשה זע סמיכה. על פרשת דרכים — אויף דעם קרייצוועג, דאָרטן וואו די וועגן טיילן זיך (תלמודיש).

**פרשן** [פּארשען], **פרשנים** — אַ דערקלערער, אַ מפרש. פרשנדתא (אסתר ט ז) N (אויך פון רש"י'ן).

**פשוט** [פּאָשעט] — איינפאַך, פּראָסט. אדם פשוט—אַ פּראָסטער מענטש, אַ פשוט'ער מענטש (תלמודיש). עס איז איינפאַך, פשוט און פּראָסט. ער זאָגט זיך פשוט (סופּערלאַטיוו: פשט־פשוט פשוט איז פשוט) אָפּ. זע פשט. פשוט נבילה בשוק ואל תצטרך לבריות —צי אָפּ די פעל פון אַ נבלה אין גאַס און קום ניט אָן צו אַ מענטשן (תלמודיש).

**פשוטה** — אַן־איינפאַך יאָר (אין לוח).

**פשוטו** זע פשט.

**פשט לו את הרגל** — האָט אים אָפּגענאַרט, וויל ניט באַצאָלן דעם חוב (תלמודיש).

**פשט** [פּשאַט], **פשטים** [פּשאָטים] — דער איינפאַכער באַדייט פון פסוק. אַ טעות אין פשט. „ווייסט איר וואָס איז דער פשט א מענטש אַ וואָרעם? אָט וועל איך אייך פאַרטייטשען" (שלום עליכם). „פון וואַנען לערנסטו דיר אַזוי דעם פשט"? (שלום עליכם). אַ פשט'ל [פּשעטל], פשט'לען זיך, אויס־פשט'לען' צוזאַמען־פשט'לען. מען פשט'לט און מען פאַרדריידלט דעם מאמר. פשוטו — זיין ווערטלעכע באַדייטונג. בפשוטו — ווי זיין פשט איז. פשוטו כמשמעו — אין זיין ווערטלעכער באַדייטונג (ד' ה. ניט אין פיגוראַל'ן זין). ער איז אַ פאַרך פשוטו כמשמעו. אין מקרא יוצא מידי פשוטו — דער פסוק גייט ניט אַרויס פון זיין פשט, ד. ה. דער פשט בלייבט.

**פשטא** [פּאשטע] — פון די טראָפּ־צייכנס.

**פשטות** [פּאַשטעס] — איינפאַכקייט. ס'איז פשוט בתכלית הפשטות. ס'איז אַ פשטות וואָס גרענעצט מיט תמימות אָדער עם־ד ארצות.

**פשטן** [פּאַשטן] — דערקלערער אין איינפאַכן זין.

**פשיטא** — אַ זעלבסטפאַרשטענדליכקייט, סופּערלאַטיוו: פשיטא דפשיטא. מה דאָך — אַ פשיטא שוין, זע קל וחומר. „אַז פאַר איר איז רעכט, איז דאָך פאַר דעם זכר פשיטא" (מענדעלע).

**פשיטות** — איינפאַכקייט. בפשיטות, זע פשטות.

**פשיעה** — פעלער, נאָכלעסיקייט.

**פשע** (פּעשא׳, **פשעים** [פּשאָאים] — זינד (בראשית נ יז). מה פשעי ומה חטאתי (בראשית לא לו) — מיט וואָס האָב איך געזינדיקט? ברוב דברים לא יחדל פשע (משלי י יט) בײַ פיל רײדן איז נישט אויסמײדן אַ זינד. על כל פשעים תכסה אהבה (משלי י יב) — די ליבע פאַרדעקט אַלע זינד.

**משפש** אין **ופשפש במעשיו** — זאָל ער זוכן אין זיינע מעשים (תלמודיש).

**פשר דבר** (קהלת ח א) — דער באַדייט פון דער זאַך.

**פשרה** [פשאָרע], **פשרות** — אויסגלייך (תלמודיש). מאַכן אַ פשרה בײ די צדדים.

**פשרן** [פאשרען], **פשרנים** — פשרהמאַכער.

**פשתן** — פלאַקס. צמר ופשתן — וואָל און פלאַקס (זיינען שעטנז).

**פת, פת לחם** (בראשית יח ה) — ברויט. על פת לחם יפשע גבר (משלי כח כא) — פאַר אַ שטיק ברויט זינדיקט דער מענטש. פת חרבה (משלי יז א) — טרוקן ברויט. פת שחרית, פת עכו״ם. פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה — ברויט זאָלסטו עסן מיט מיט זאַלץ און וואַסער זאָלסטו טרינקען מיט אַ מאָס. אינו דומה מי שיש לו פת בסלו למי שאין לו פת בסלו — עס איז ניט גלייך דער וואָס האָט ברויט אין קאָרב צו דעם וואָס האָט ניט קיין ברויט אין קאָרב (תלמודיש).

**פתאום** (במדבר יב ד) — פלוצים. סופערלאַטיוו: בפתע פתאום (במדבר ו ט). לפתע פתאום (יהושע כט ה).

**פתגם** (אסתר א כ) — באַפעל.

**פתוחה** — אָפן. פרשה פתוחה, אגרת פתוחה (נחמיה ו ה) — אַן אָפענער בריף.

I. **פתח** [פעסאַך], **פתחים** (בראשית יט ו) — טיר. פתח הבית — די הויזטיר. ניט אַרויסגיין מפתח ביתו. כעני בפתח — ווי אַ בעטלער באַ דער טיר. חוזר (מחזיר) על הפתחים — דער וואָס גייט איבער די טירן, פיגוראַל: אַנ־אויסגאַנג. פתח חרטה, פתח תקוה. „איז דאָך „גיי דיר״ דאָרט נישט אַזאַ חשיבות, אַז דערנאָך זאָל נישט זיין דערצו קיין פתח חרטה״ (מענדעלע). עפנען אַ פתח תקוה. די טענה פון פתח פתוח נאָך דער חתונה (תלמודיש).

II. **פתח** [פאַסעך] — פון די נקודות פתך שין—שאַ (ד. ה. שוויג). דער ערל איז עומד בפתח, פתח שין! (פאַרשטעלטע שפראַך).

**פתח** [פאָסאָך] **בכד וסיים בחבית** (פאַראָדירט: בלאָקשן) — אָנגעהייבן מיט כד און געענדיקט מיט חבית, ד. ה. ניט קאָנסעקווענט (תלמודיש).

**פתח** [פסאך] **לנו שער** — עפען אונז דעם טויער (סידור).

**פתחון פה** (יחזקאל טז סג) — אַ פריצעפּקע. געבן אַ פתחון פה.

**פתי, פתאים** (משלי יט כה) — אַ נאַר. פתי יאמין לכל דבר (משלי יד טו) — אַ נאַר גלייבט אַלץ. „בטבע בין איך אַ פתי יאמין״ (שלום עליכם). שומר פתאים ה׳ (תהלים קטז ו) — גאָט היט אומוויסנדע קינדער.

**פתיחה** — דאָס עפנען. פתיחת הארון דאָס עפנען פון ארון קודש. אויפשטיין צו פתיחה. פתיחה T — געוויסע סליחות.

**פתרון, פתרונים** (בראשית מ ח) — דייטונג. פתרון חלומות.

**פתום** ורעמסס זע פיתום.

# צ.

**צ** — דער אַכצענטער אות אין אלףבית. צ = 90. זע צדיק.

**צאן** (בראשית ד ב) — שאָף. כצאן בלי רועה (לויט במדבר כז י) — ווי שאָף אָן אַ פאַסטעך. אלה הצאן מה עשו (שמואל כד יז) — וואָס האָבן די געמאַכט? צאן קדושים (יחזקאל לו לח) — הייליקע שאָף. צאן ברזל, נכסי צאן ברזל — אַ מין פאַרמעגן (Eisernvieh) (תלמודיש).

צאה זע צואה.

צאינה וראינה (שיר השירים ג יא) T.

צאן זע צ׳ן. צאר זע צער.

צאת הכוכבים — שטערנאַרויסגאַנג (נחמיה ד טו).

צאתך לשלום, צאתכם לשלום — דיין, אייער אַרויסגאַנג בשלום (סידור). געבן אַ וואָרעמען צאתך לשלום (אָפּשידס-באַנקעט).

צבוע, עיט צבוע (ירמיה יב ט) היפּאָקריט. צבוע'ק, צבוע'צטווע, אַ צבוע'ציקע וועלט, צבוע'טשן.

צבור זע ציבור.

צבי — הירש. הניח מעותיו על קרן הצבי — געלייגט זיין געלט אַף דעם האָרן פון אַ הירש (ד. ה. געלאָזט לאיבוד) (תלמודיש). צבי הירש N.

צביה [ציוויע] N.

צביעות — צבוע'צטווע, זע צבוע.

צד [צאַד], צדדים [צדאָדים] — זייט (בראשית ו ט)) 1. איינע פון די גרופּעס, וואָס האָבן אַ געשעפט. איין צד טאָר מען ניט אויסהערן. דער צד שכנגד (שכנגדו). אַ פּשרה ביי ביידע צדדים. חתן'ס צד, כלה'ס צד. אַ פּראָטעסט מצד די יורשים. 2. מן הצד — פון דער זייט. ניט גראָד. כאַפּן אַ קוק, מאַכן אַ שמועס מן הצד. מיר האָבן עס געהערט מן הצד. סופּערלאַטיוו: מצידי צדדים. וויניק קאָפּדרייעניש האָט איר, אַז איר זוכט נאָך דאגות מן הצד? 3. אופן. דער מינדסטער צד היתר. לצד זכות. לצד חובה. על צד היותר טוב — אַף דעם בעסטן אופן (תלמודיש). דער צד השוה, זע שוה.

צדה לדרך זע צידה לדרך.

צדוק N.

צדוקי, צדוקים — אַ פּאַרטיי אין דער תלמודישער צייט. די קאַראַ-אימען.

צדוק הדי' זע צידוק הדין

I. צדיק [צאַדיק], צדיקים — 1. גערעכטער (בראשית יח כג). היפך: רשע. צדיק בן צדיק, צדיק בן רשע. צדיק גמור. ס'גייט אים ווי אַ צדיק אַף דער וועלט. וואָס זאָגסטו אָן דעם צדיק אין פּעלץ (איראָניש, ווי „וצדקתך". 2. חסידישער רבי. פּאַראָדירט. אַ צאַפּיק.

II. צדיק — דער נאָמען פון אות צ. אַ קרומער צדיק, אַ לאַנגער צדיק. אַ שלעכטער צדיק (ד. ה. אַ פּראָסטער), אַ צדיק אין פּעלץ, ד.ה. אַ שלום-זדיק, ווי אין וואָרט פּעלץ.

צדק (תהלים כג ג) — גערעכטיקייט. חשבון צ״ק — ריכטיקער חשבון. הין צדק — אַ ריכטיקער „יאָ" (תלמודישער פּשט אויף „הין צדק" ויקרא יט לו). איך שווער בהין צדקי.

צדקה [צדאָקע], צדקות — אַ נדבה. טיילן צדקה. אַ בעל-צדקה. צדקה גדולה, צדקה-שיסל, צדקה-קצבה, צדקה-פּושקע. צדקה תציל ממות (משלי י ב) — צדקה ראַטעוועט פון טויט.

צדקות זע צידקות.

צדקנית [צידקאָניס], צדקניות — נקיבה פון „צדיק", אויך צדיקת [צאַדייקעס], צדיקת'טע.

צדקתך צ״ק T.

צהלה ושמחה (אסתר ח טו) — פרייט זיך. פּאַראָדיע אויף „והעיר שושן צהלה ושמחה": והעיר ד'יפּעשאַק צהלה ושמחה.

צו [צאַוו] T.

צואה (משלי ל יב) — דרעק.

**צוואה** [צַוואָע], **צוואות** — טעסטאַמענט (לויט ישעיה לט א). צוואת המת. א מיצווה מקיים צו זיין צוואת המת. לאָזן אַ צוואה. דער זיידע האָט בצוואה פאַרבאָטן. צוואת ר' יהודה החסיד T.

**צוואר** (ישעיה ל כח) — האַלז. רחיים בצווארו ויעסוק בתורה — אַ מיל איז אָף זיין האַלז און ער זאָל לערנען תורה! עלי ועל צווארי — אויף מיר דער שאָדן (תלמודיש).

**צום גדליה** — אַ תענית.

**צומח, צומחים** — וואָס וואַקסט. איינע פון די פיר נאַטורטיילן: דומם, צומח, חי, מדבר.

**צופה, צופים** (שמואל ב' יג לד) — אויסקוקער, סקויט.

**צורבא** [צורווע] **דרבנן** (אדער **מרבנן**) — אַ געלערנטער (תלמודיש). (תשבי: „מיר רופן צורבא דרבנן יעדערן וואָס פאַרשטייט תנ"ך און גמרא, כאָטש ער האָט ניט קיין סמיכות אויף רבנות"). ער ציט אויף זיך אָן אַ שקורע פון אַ צורבא מרבנן.

**צורה, צורות** — געשטאַלט, אויסזעען. צורת אדם, צורת אות, צורת מטבע. „פון קיין צורת מטבע... האָבן זיי (די פרושים) נישט געוואוסט" (מענדעלע). דער חומר און די צורה. אַ מילכיקע, אַ פסח'דיקע, אַ קעלבערנע צורה. צופראַסקענען די צורה. אַ פאַרצעלייגנע צור'קע.

**צורך, צרכים** [צראָכים] — באַדערפעניש (דברי הימים ב' ב טו). כל צרכו — וויפיל ער האָט נויטיק. צרכי ציבור, צרכי הכלל, צרכי עמך ישראל מרובים — דיין פאָלק ישראל האָט פיל נויטיק (תלמודיש).

**שלא לצורך** — אָן אַ באַדאַרף. אויך פון נאַטירלעכע באַדערפענישן.

**צורר, צוררים** — פיינט. צר הצורר (במדבר י ט). צורר היהודים (אסתר ג י) — אידנפיינט, היפך: אוהב ישראל.

**צחוק** — שפּיל. צחוק השאָך, צחוק הקלפים — שאַכשפּיל, קאָרטענשפּיל. צחוק'ן — שפּילן אין קאָרטען. אַ צחוקער — אַ קאָרטענשפּילער.

**ציבור** — קהל (היפך: יחיד). עוסקים בצרכי ציבור — די וואָס באַשעפטיקן זיך מיט קהל'שע אינטערעסן. (סידור). תענית ציבור. שליח ציבור (ש"ץ) — אַ חזן. תפילה בציבור — דאַווענען בציבור. אל תפרוש מן הציבור — טייל זיך ניט אָפּ פון געזעלשאַפט. (תלמודיש).

**ציבורא** = ציבור (תרגום לשון). אימתא דציבורא — די מורא פאַר דעם פּובליקום. טירחא דציבורא — מטריח זיין דעם עולם.

**צידה לדרך** (בראשית מ כח) — שפּייז אויפן וועג. מיטגעבן צידה לדרך.

**צידוק הדין** T. — דאָס אָנערקענען פון פסק דין. זע מצדיק דין זיין.

**צידקות** — גערעכטיקייט. די אייגנשאַפט פון אַ צדיק: דער צדיק ווייזט זיין צידקות.

**ציווי** — באַפעל. לשון ציווי — אימפּעראַטיוו.

ציוויע זע צביה.

**ציון** N. ציוני, ציוניזם, ציוניסט.

**ציור, ציורים** — בילד.

**ציין** [צײַען] — באַצייכנען זע מצוין.

**צייט** [צײַעס] זיין — פאָלגן.

**צימוקים** (שמואל א׳ כה יח) — ראָזינען. צימוקים־וויין.

**צימצום** — איינשרענקונג, קנאַפּהייט (היפך. ריווח). „בּ. ווייסט נישט דעם סוד הצימצום — זיין סטיל איז צו רייד״ (מענדעלע). זע בּצימצום.

**צינור, צינורות** — קאַנאַל (תהלים מב ח) (חסידיש).

**צינים פּחים** (משלי כב ה) — קעלט. הכּל בּידי שמים חוץ מצינים פּחים — אַלץ איז אין גאָטס הענט אַחוץ דערקעלטונג (תלמודיש).

**צינעה** — געהיימקייט. דברים שבּצינעה — זאַכן, וואָס מען מאַכט ניט עפענטלעך (תלמודיש). (היפך. בּפרהסיא).

**ציץ** — אַ צירונג (שמות כח לו). עושים ציצים לתורה — זיי מאַכן צירונג פאַר דער תורה (תלמודיש).

**ציצה** אלס יחיד צו **ציצית** (במדבר טו לח) אָפּגעריסן אַ ציצה. ציצית־כּנפות׳ סחורה אָן ציצית (ד. ה. אָן צאָל־פלאָמבּעס). ער שפּינט ציצית.

**צירה** [צעירע] — פון די נקודות.

**צירוף** [צעירעף], **צירופים** — פאַרבינדונג פון אותיות (אין קבלה). ספר הצירופים. צירופי אותיות. יחודים און צירופים — באַזונדערע אין פאַרבונדענע שמות. בּצירוף — אין פאַרבינדונג מיט...

**צל** — שאָטן. כּצל עובר (תהלים קמד ד) — ווי אַ פאַריבּערגייענדער שאָטן. בּצל קורתי (בראשית יט ח) — אין שאָטן פון מיין הויז. סר צלם מעליהם (במדבר יד ט) — עס האָט זיך אָפּגעקערט דער שוץ פון זיי. חמתה מרובּה מצלתה — איר זון איז גרעסער איידער איר שאָטן (תלמודיש פון אַ סוכּה).

**צלב** [צלאָוו] — צלם. נושאי (נוסעי) הצלב — קרייצטרעגער, קרייצפאָרער.

**צלול, צלולים** — קלאָר. בּדעת צלולה — מיט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד (תלמודיש).

**צללת** בּמים אדירים והעלית חרס בּידיך — דו ביסט אַרונטער טיף אין ים און האָסט געבּראַכט אַ פּראָסטן שערבּען (תלמודיש).

**צלם** — 1. געשטאַלט. צלם אלקים (בראשית א כז) ער טראָגט ניט, האָט ניט קיין צלם אלקים. בּצלמו. בּצלמנו — אין זיין, אין אונזער געשטאַלט. 2. פאַרדאָרבּן פון צלב: צלם. צלמים [צלאָמים]. צלם־קאָפּ. אַ גוי מאַכט אויך אַ צלם׳ (צו דעם וואָס עסט אָן אַ ברכה). אַ צלם פאַר אַן אלף, צלם׳ען זיך.

**צמוקים** זע צימוקים.

**צמח, צמחים** (בראשית יט כה) — אַ פלאַנץ; כּצמח השדה (יחזקאל טז ז) — ווי אַ געוועקס פון פעלד.

**צמצום** זע צימצום.

**צמר** (ויקרא יג מז). — וואָל. בּגדי צמר — וואָלענע קליידער. צמר ופשתים — וואָל און פלאַקס (אלס שעטנז).

**צנוע, צנועים** נקיבה: **צנועה, צנועות** — פרום, ציכטיק. אשה צנועה, כּלה צנועה — אַ פרומע פרוי, כּלה.

**צניעות** — פרומקייט, באַשיידנקייט. זיין בּצניעות.

**צנצנת** (שמות טז לג) — בּעכער.

צעלאַכעס זע **להכעיס**. צענערענע זע **צאינה וראינה**.

**צעקה** [צעאָקע], **צעקות** — געשריי

(שמות יא ו). הצעקתה (בראשית יח כא) — ווי איר געשריי.

**צעקנית** [צאַיקאָניס] — שרייערקע.

**צער** [צאַאַר] — ליידן. דער צער פון טראָגן (לויט בראשית ג טז) צער גדול בנים — דער צער פון דערציען קינדער (תלמודיש). הייב בצער — שולדיק פאַר דעם אָנגעמאַכטן צער (תלמודיש). מער צער ווי חיונא. צער אָן חיונא. אַ ביטערער צער. צער בעלי חיים [צאַרבאַלעכאַאים] — רחמנות אויף בהמות (תלמודיש). ס'איז אַ צער בעלי חיים צו זען.

**צעיר** (בראשית כה כג) — דער אינגע־רער. צעיר אני לימים (איוב לב ו) — איך בין יונג. צעירי [צעאירע] אגודת ישראל T. צעירי ציון T.

**צפון** (שמות כו כ) — נאָרד. שחיטתן בצפון (סידור). פאַראָדירט: בפצון. „איין אויג קוקט באַ אים קיין פצון־זייטײ (שלום עליכם).

**צפופים** — איינג, צוזאַמענגעדרענגט. עימדים צפופים ומשתחווים רווחים — שטייען צוזאַמענגעדרענגט און בוקן זיך ברייטלעך (תלמודיש). צפופים'דיק.

**צפורה N. צפניה N. צפת N.**

**צפרא** [צאפרע] **טבא** [טאָווע] — גוט מאָרגן!

**צפרדע, צפרדעים** (שמות ח ב) — פראָש, די צווייטע מכה פון פרעה.

**ציץ** [צאָץ] — אַנ־אויסגעטראַכטער נאָ־מען. דער רבי ר' ציץ, ר' ציץ בר' ציץ, ר' ציץ'ס (אָדער: ר' צאָצעלעס) אַנ־איי'ניקל (פון איינעם, וואָס גרויסט זיך מיט זיין יחוס). זע אץ.

**צר, צרים** — אַ פיינד. הצר הצורר (במדבר י ט). הלנו אתה אם לצרינו (יהושע ה יג) — ביסטו פון אונ־זערע אָדער פון אונזערע פיינד?

**צרה** [צאָרע], **צרות** — אומגליק. יום צרה (צפניה א טו), עת צרה (ישעיה לג ב). זיין בצרה גדולה. זיך אויס־דיכטן אַ צרה. צדיק מצרה נחלץ (משלי יא ח) — דער צדיק דרייט זיך אַרויס פון אַ צרה. אַ האַלבע צרה. על כל צרה שלא תבוא — ביי יעדער מעגלעכער צרה (תלמודיש). האָבן צרות איבערן קאָפּ, ביז איבערן האַלז, צרות אויפן פוד. צרות ווי האָלץ, איוב'ס צרות, געברענטע (גערדיכטע) צרות, צרות צרורות (סופערלאַטיוו). זיין אויף צרות, מאַכן אַ שנעפסל פאַר צרות, אַ רעשטל צו די צרות, צרות הכלל. צרות אחרונות משכחות את הראשונות — די שפעטערע צרות פאַרדרענגען די פריערע (תלמודיש). זע צרת.

**צרור** — אַ בינטל. צרור הכסף (משלי ז כ) — דאָס בינטל געלט. תהי נפשו צרורה בצרור החיים (לויט שמואל א' כה כט) — פון גע־שטאָרבענע (תנצב"ה).

**צריך** [צאָריך], **צריכין**, נקיבה: **צריכה** — באַדאַרף. אין צריך לומר — מע דאַרף ניט זאָגן. עמך ישראל צריכין פרנסה — דיין פאָלק ישראל דאַרף פרנסה (תלמודיש). השעה צריכה לכך — די צייט האָט דאָס געפאָדערט (תלמודיש).

**צרכי** זע צורך.

**צרעת, נגע צרעת** (ויקרא יג ב) — קרעץ. זי איז אַ צרעת. אַ נגע צרעת. די בחורים זיינען אָנגעשטאָכן מיט דער כפירה־צרעת.

**צרפת** (עובדיה כ) **N** — פראַנקריי

(לויט דעם פירוש פון רד"ק) די צרפתים — פראַנצויזן.

**צרת** [צאָרעס] — די צרה פון... צרת רבים חצי נחמה — אַן אַלגעמיינע צרה איז אַ האַלבער טרייסט (תלמודיש). צרת עין — קאַרגהייט, קנאה (סידור).

# ק

**ק** — דער ניינצענטער אות פון אלף־בית. ק = 100. זע קוף.

**קאַטאָוועס** — פאַראידישטער וואָרט: כתבות (זע).

**קאירע** זע קערה.

**קאַליע** — פאַראידישט פון „כליה", קאַליע מאַכן — פאַרדאָרבן. אַ קאַץ קען אויך קאַליע מאַכן.

**קאַפּאַקאַל** זע כף הקלע. **קאַפּאָרעס** זע כפרות. **קאַפּרעדאַרע** זע כעפּרא דארעא.

**קב** [קאַוו], **קבין** [קאַבין] — אַ קליין מעסל. קב ונקי — ווייניק אָבער ריין (תלמודיש). קב חרובין — אַ מעסל באָקסערן. די לו בקב חרובין מערב שבת לערב שבת — ער באַנוגנט זיך מיט אַ מעסל באָקסערן פון איין פרייטיק ביז צום אַנדערן (תלמודיש). אָפּגעלעבט מיט אַ קב חרובין. תשעה קבין — ניין מאָס. עשרה קבים שיחה ירדו לעולם תשעה נטלו נשים — צען מאָס רייד זיינען אַראָפּ אויף דער וועלט, ניין האָבן גענומען פרויען (תלמודיש).

**קבוע** — באַשטימט. זמן קבוע — אַ באַשטימטע צייט (תלמודיש). זע קובע.

**קבוצה, קבוצות** (יחזקאל כב כ) — אַרטעל, קאָמונע.

**קבורה** — באַגראָבנים. קבורת חמור (ירמיה כב יט) — באַגראָבנים פון אַן אייזל. יום הקבורה — דער טאָג פון באַגראָבנים. שם תהא קבורתו — דאָרט זאָל מען אים באַגראָבן (תלמודיש). זע קבר.

**קביעה, קביעות** — באַשטימונג (אין לוח). די קביעה פון יענעם יאָר איז „השא".

**קביעות** — שטענדיקייט. בקביעות — באַשטענדיק.

**I. קבלה** [קאַבאָלע]. **קבלות** 1. דאָס אויפנעמען, קוויטונג. 2. טראַדיציע. אַ קבלה האָב איך פון מיין זיידן, ז״ל. איך האָב עס בקבלה פון מיין פאָטער. „זי קאָן מאַכן אַ גוטן קוגעל מיט חאַנציעס קבלה'" (מענדעלע). 4. דיפּלאָם ביי אַ שוחט. אַ קבלה אויף שחיטה.

**II. קבלה** T. בעל־קבלה — אַ מקובל. קבלה'שע שנויקלעך.

**קבלו דעתי** — „נעמט אָן מיין מיינונג"! (תלמודיש).

**קבלן** [קאַבלען], **קבלנים** — אַרענדאַטאָר. ערב־קבלן — זשיראַנט. קבלנות.

**קבלת** [קאַבאָלעס] — דאָס אויפנעמען פון.. קבלת עול — דאָס אויפנעמען פון יאָך. קבלת עול מלכות שמים — דאָס נעמען אויף זיך די מיצוות (תלמודיש). קבלת פנים — אויפנעמען אַ גאַסט; קבלת שבת T. דאַווענען קבלת שבת.

**קבצן** [קאַבצן], **קבצנים** [קאַבצאָנים] — אָרעמאַן, אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס. קבצן, וואו קריכסטו? הוליע, קבצן! וואָס טער קבצן, מער הוליאַקע (ליד). אַלץ איין קבצן! אַרויסטרייבן דעם קבצן (ד. ה. דעם דלות). אויף אַרויסטרייבן דעם קבצן

דאַרף מען ערשט זיין אַ נגיד. קבצן'יוק, קבצן'טע, קבצן'סק, אַ קבצן'סקער יריד, ער קבצן'טי „יום־טובדיקע קבצנים, אַזעלכע, וואָס קבצנ'ען געוויינטלעך פורים“ (מענדעלע). קבצנות — דלות.

קבר, קברים (בראשית כג ד). קבר אבות, קברי אבות. ער פאָרט אויף קבר אבות (ד. ה. מאָנען אלטע חובות). צו קבר ישראל ברענגען — מקבר זיין נאָך דעם אידישן מנהג. המבלי אין קברים במצרים (שמות יד יא) — פעלן דען קברים אין מצרים? רייסן קברים. אַ צווייטער רבים: קברות (איוב כא לב). בית הקברות = בית עלמין. קברות־מאַן, קברות־איד. „זי (די קליאַטשע) שמעקט שוין מיט קברות־בלעטלעך, מיט צידוק־הדין“ (מענדעלע).

קברן [קאַברען], קברנים [קאַבראָנים] — דער וואָס איז מקבר.

קדוש [קאָדעש], קדושים — 1. הייליג. מקום קדוש (שמות כט לא), — אַ הייליגער אָרט. קהלה קדושה (ק"ק) — הייליגע געמיינדע. צאן קדושים. 2. אַ געשטאָרבענער על קדושת השם. זרע קדושים (ז"ק) — קינדער פון קדושים. ווען דו וועסט ניט פאַרמאַכן דיין מויל, מאַך איך דיר פאַר אַ קדוש. 3. קדוש T. ער איז ברוגז אויפן חזן, שפרינגט ער ניט קיין קדוש. קדוש אתה T.

I. קדושה — הייליגונג, הייליקייט. קדושת היום, קדושת ירושלים, קדושת השם — די הייליקייט פון טאָג, פון ירושלים, פון גאָטס נאָמען (תלמודיש). שטאַרבן על קדושת השם — צוליב דעם אידישען דת. זע קידוש. דבר שבקדושה — אַ הייליגע זאַך.

II. קדושה T. זאָגן קדושה. קדושין זע קידושין.

קדחת [קאַדאָכעס] — פיבער (ויקרא כו טז). קדחת איז ניט קיין קרענק. אויס־בייטן אַ הוסט אויף אַ קדחת. טרייס־לען זיך ווי אין קדחת. עס וואַרפט אים די יאָריקע, די הינטישע קדחת. ער האָט פאַר אים דאָס נייניאָריקע קדחת. „צו קדחת, מאַיאָווע אָדער קדחת רביעית פלעגט זעהר גוט העלפן דער מלמד“ (מענדעלע). קדחת רביעית. זע רביעית. פארשטאַרקט: קדחת מיט רביעית. קדחת מיט כשר'ע פאָדעם. קדחת אין אַ קליין טעפל.

קדימה — פאָרענט (חבקוק א ט) דמי קדימה, קדימה געלט — האַנט געלט, אַדעראָף.

קדירה — טאָפ. אשה מגלה את הקדירה לראות מה חברתה מבשלת — אַ פרוי דעקט אויף אַ טאָפ כדי צו זען וואָס יענע קאָכט. אל תבשל בקדירה שבשל בה הברך — קאָך ניט אין אַ טאָפ, אין וועלכען עס האָט געקאָכט דיין חבר (תלמודיש)

קדיש [קאַדעש] — 1. אַ תפילה: קדיש יתום, קדיש שלם, חצי קדיש, רבנן־קדיש (העברייאיש: קדיש דרבנן). נאָך אים מעג מען שוין זאָגן קדיש. רבנן קדיש. אַ אידישער געווינס — איז דער גורל צו קדיש. 2. קדיש־זאָגער. איר קדיש. אירע קדישים, אַ געדונ־גענער קדיש.

קדם — פאַרצייטן (דברים לג כז). מקדם (תהילים עז יב) — פון פאַרצייטן. חדש ימינו כקדם (איכה ה כא) — באַניי אונזערע טעג ווי אַמאָל. כמקדם — ווי פריער.

קדמא ואזלא — פון די טראָפ־

צייכן. ער האָט קדמא־ואזלא פּיס (קרומע).

**קדמון, קדמונים**—אלט (יחזקאל לח יז). די קדמונים, אַ מנהג מקדמונים. „דער מעריב קומט חיים חנא דעם מלמד פון קדמונים" (שלום עליכם). קדמוניות (ישעיה מג יח) — אַלטעס.

**קדמות** [קאַדמות] אין קדמות העולם — די אַלטקייט פון דער וועלט. זע **מקדמת דנה.**

**קדקוד** אין מכף רגל ועד קדקדו (שמואל ב' יד כה) — פון די פיס ביז צום שייטל.

**קדר, קדרים** (בראשית כה יג) — אַ טאָטער, אַ זנאַכער. דער קדר האָט אָפּגעשפּראָכן אַ בייז אויג.

**קדרא** [קידרע] — אַ טאָפּ. קדרא דבי שותפי לא חמימא ולא קרירא — אַ בשותפותדיקער טאָפּ איז ניט היים און ניט קאַלט. נפל כיפא על קדרא וי לקדרא — איז דער שטיין געפאַלן אויפן טאָפּ, ווי צו דעם טאָפּ (תלמודיש).

**קדש לי T. קדשו. קדשים** זע **קודש.**

**קהילה, קהילות** — געמיינדע (דברים לג ד). קהילה קדושה (ק"ק) — די הייליגע געמיינדע. די תקיפים פון דער קהילה.

**קהל** — 1. פאַרזאַמלונג. בקהל (משלי כו כ) — אין פאַרזאַמלונג. אודך בקהל רב (תהלים לה יח). — איך לויב דיך אין אַ גרויסער פאַר־זאַמלונג. בתוך קהל ועדה (משלי ה יד) — אין אַ גאַנצער מענגע מענטשן. קהל חסידים (תהלים קמט א) — די פאַרזאַמלונג פון פרומע. בקהלם אל תחד כבודי (בראשית מט ג) — צווישן זיי זאָל איך ניט גערעכנט ווערן.

2. ער קהל'ט זיך, גיט זיך אָפּ מיט קהל'ישע זאַכן. קהל־שטיבל. קהלס־לייט. אויפן קהל'שן חשבון, אַ קהל'ישע גליאַמקע.

**קהלת T.**

**קו** [קאַוו] — שנור, ליניע (ירמיה לא לח). קו הבריאות — געזונטהייט. בקו הבריאות — אין צושטאַנד פון געזונט. קו השוה — דער גלייכער שטריך.

**קוביא** — ווירפל (פון גריכיש). משחק בקוביא — אַ שפּילער (איז פסול לעדות, תלמודיש).

**קובע** [קאָווע] זיין — באַשטימען. קובע זמן זיין — באַשטימען אַ צייט (תלמודיש).

**קובר זיין** — באַגראָבן (בראשית כג יט).

**קודם** — 1. דער וואָס מאַכט (אָדער: קומט) פריהער. כל הקודם זכה — ווער עס קומט פריהער, האָט דאָס רעכט. חייך קודמין — דיין לעבן איז בילכער. ממזר תלמיד חכם קודם לכהן גדול עם הארץ — אַ ממזר, אַ תלמיד חכם איז בילכער פון אַ כהן אַן עם הארץ. עניי עירך קודמין לעניי עיר אחרת — די אָרעמע לייט פון דיין שטאָט זיינען בילכער פאַר די אָרעמע לייט פון אַן אַנדער שטאָט (תלמודיש).

2. פריהער, פאַר. קודם המעשה — פאַר דער זאַך. קודם מתן תורה — פאַר מתן תורה. קודם כל — פריער פאַר אַלץ. קודם כל הקודם'ס. „איז אונזער אַ טייקער קודם געגאַנגען זוכן אַן אידישן רעסטאָראַן" (שלום עליכם).

**קודש** — הייליקייט (שמות טו יא). המבדיל בין קודש לחול — דער, וואָס טיילט אָפּ הייליקייט פון וואָ־

בעדיקייט. על טהרת הקודש — מיט ריינקייט פון אַ הייליקע זאַך. מעלין בקודש ולא מורידין — הייליקע זאַכן הייבט מען און ניט מען נידערט (תלמודיש). אדמת קודש (שמות ג ח). ארון קודש, בגדי קודש (שמות כח ב), זרע קודש (ישעיה ו יג), כתבי הקודש, לשון קודש, רוח הקודש, שבת קודש (שמות ל טז כג) — הייליקע ערד, הייליגער ארון, הייליגע קליידער א. א. וו. קודש קדשים, קדשי קדשים [קאָדשע-קאָדשים] (שמות כט לז) — סופערלאַטיוו „דאָס וואָרט איז געווען הייליק, יענעמס קערבל קדשי קדשים" (שלום עליכם). קדשו — זיין הייליקייט (תהלים כ ז). פה קדשו — זיין הייליגער מויל. (פאַראָדירט: ארון קוילעטש, לאקשען קוילעטש). כלי קודש — קהל'שע באַאמטע. קדשים קלים אַ מין שפיל.

**קודשא בריך הוא** = הקדוש ברוך הוא.

**קוהלת T· קו"ח** = קל וחומר.

**קוטב** — פאָליוס. קוטב הצפוני — נאָרדפאָל.

**קול** — שטים. הקול קול יעקוב (בראשית כז כב) — די שטים איז יעקוב'ס שטים. קול עלה נדף (ויקרא כו לו) — די שטים פון אַ געפאַלענעם בלאַט. קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה (ירמיה לז לה). אין קול ואין עונה (מלכים א' יט יב)—ניטאָ קיין ענטפער. בקול רם (לויט דברים כז יד) — הויך (היפך: בלחש). קול קורא (ישעיה מ ג) — אויפרוף. קול מבשר — אַן אָנזאָגנדע שטים (סידור). קול נגינה (זע). קול באשה ערווה — דער קול פון אַן פרוי איז פאַרבאָטן (תלמודיש). קול המון כקול שדי (לויט יחזקאל א כד) — די שטים פון פאָלק איז ווי די שטים פון גאָט: רבים: קעלער (העברייאיש: „קולות", זע). עס הערן זיך קעלער. זי האָט אַ זים קעלכעל, אַ בייקעלכן, זע בקול.

**קולא** — דערלייכטערונג (היפך: הומרא). מקולי את שמאי — פון די דערלייכטערונגען פון שמאי'ס שול (תלמודיש).

**קולות** — רבים פון „קול"—ליאַרם. קולות וברקים (שמות יט טז). בקולי קולות, מאַכן קולות.

**קולמוס** — ראָר צום שרייבן, שרייבפעדער (פון גריכיש). פליטת הקולמוס — שרייבפעלער. כמה קולמוסין נשתברו — וויפיל פעדערן זיינען צעבראָכן.

**קומה** (יחזקאל לא ג) — וואוקס. גיין בקומה זקופה — זיך האַלטענדיק גראַד (תלמודיש פון אַ פרעכע האַלטונג).

**קוממיות** (ויקרא כו יג) — 1. מיט גדלות. „מאַכט אַ פערדישן קוממיות, אַ הייב מיט דעם הינטן" (מענדעלע). 2. זאָגן קוממיות — אָנזועצן. „צען מאָל מעג אַ סוחר פאַלן, ז גן קוממיות, שטייט ער נישקשה אויף און האַנדלט ווייטער... היינט איך דיר קוממיות און מאָרגן דו—מיר" (מענדעלע). „אַז עס טרעפט זיך אַמאָל אַ קוממיות, נו מה רעש?" (מענדעלע).

**קונה, קונים** — דער, וואָס קויפט (ויקרא כה כח) (היפך: מוכר). איין מעקלער האָט אַ קונה, דער אַנדערער האָט אַ מוכר. אַ קונה אַף אַלטע לוחות. ער איז אַ קונה הכול — ער קויפט אַלץ. אין קונה — ניטאָ קיין קויפער (דברים כח סח). פאַראָדירט: קינע, ד.ה. כינה. יש קונה עולמו

בשעה אחת — מאַנכער קויפט זיך עולם הבא אין איין שעה (תלמודיש). קונה שם זיין — באַרימט ווערן, קונה׳טע.

**קונטרס, קונטרסים** (פון לאַטיין) — אַ פירוש, אַ חיבור.

**I. קוף** — מאַלפּע. כקוף בפני אדם — ווי אַ מאַלפּע אין פאַרגלייך צו אַ מענטשן (תלמודיש פון אַ מיאוס׳קייט).

**II. קוף** — דער נאָמען פון אות ק.

**קופּה, קופּות** — פּושקע (פון לאַטיין). קופּה של צדקה — צדקה־פּושקע. קופּת הקהל — קהל׳שע קאַסע.

**קופּסא** אין מונח בקופּסא — ליגט אין אַ קאַסטן (תלמודיש).

**קופץ בראש** — שפּרינגט פאָרויס. הדיוט קופץ בראש — אַ פּראָסטאַק שפּרינגט אַרויס (ד. ה. ענטפערט דער ערשטער) (תלמידיש). זיין אַ קופץ בראש.

**קוץ, קוצים** (בראשית ג יח) — 1. דאָרן. אליה וקוץ בה — אַ פעטער שוואַנץ, אָבער אין אים איז אַ דאָרן (תלמודיש). 2. אַ שטריך אין אַן־אות. על כל קוץ וקוץ תלי תלים של הלכות — אויף יעדן שטריך גאַנצע בערג הלכות (תלמודישער פּשט פון „קווצותיו תלתלים”, שיר השירים ה יא). קוצה (אָדער: קוצו) של יוד — דער שטריך איבערן יוד (תלמודיש). מען אַמפּערט זיך איבער אַ קוצה של יוד, ניט אָפּטרעטן כקוצה של יוד.

**קורא** — 1. דער וואָס רופט. תהום אל תהום קורא (תהלים מב ח) — איין אָפּגרונד רופט דעם אַנדערן. קול קורא במדבר (ישעיה מ ג) — אַ שטים רופט אין מדבר. קול קורא — אַן־אויפרוף. אַרויסלאָזן אַ קול קורא. קורא תגר זיין — שטרייטן, זיך באַקלאָגן (תלמודיש). 2. דער וואָס לייענט. בעל קורא — וואָס לייענט די תורה (אין שול). ניט יעדער קורא נכבד איז אימשטאַנד אָפּצושאַצן די צייטונג.

**קורה, קורות** — באַלקן (שיר השירים א יז). כי על כן באו בצל קורתי (בראשית יט ח) — ווייל זיי זיינען געקומען אין מיין הויז. בעל הקורה יכנס בעוביה של קורה — דער בעל הבית זאָל טראָגן דעם שווערסטן טייל פון באַלקן (תלמודיש).

**קורח N.** רייך ווי קורח. ממון קורח. קורח׳ס אוצרות. ובני קורח לא מתו (במדבר כו יא) — קורח׳ס קינדער זיינען ניט געשטאָרבן.

**קורטוב** — די קלענסטע מאָס פליסיקייט (תלמוז יש). עס פעלט אַ קורטוב.

**קורע זיין** — צערייסן. קורע כדג זיין — צערייסן ווי אַ פיש (תלמודיש). זע קריעה.

**קורקבן** — קרעפּ, מאָגן (תלמודיש).

**קושיא, קושיות** = **קשיא.**

**קושר, קושרים** — פאַרשווערער. הקושרים של המלך (מלכים ב׳ כא כד), אחיתופל בקושרים (שמואל ב׳ טו לא).

**קטונתי** (בראשית לב יא) — „איך בין קליין”, איך בין ניט ווערט.

**קטורת** — רויכערווערק (שמות כת ו). פּיטום הקטורת — דער באַשטאַנד פון די קטורת (תלמודיש). געבן שמעקן קטורת.

**קטטה** (קטאָטע), **קטטות** — שטרייט, צאַנקערייַ. אחרית קטטה חרטה — נאָך אַ צאַנקערייַ האָט מען חרטה.

**קטיגור** — אָנקלאָגער (פון גריכיש). אין קטיגור נעשה סניגור — אַן־אָנקלאָגער ווערט ניט אַ פאַרטיידיגער

(תלמודיש). הס קטיגור — שוויג׳ קטיגור (סידור).

**קטיגוריא** — אָנקלאָג. מלמד קטיגוריא זיין — אָנקלאָגן. זע מקטרג.

**קטיל, קטילא** — דער׳הרג׳עט (דניאל ה ל). גברא קטילא קטיל — ער הרג׳עט אַ דער׳הרג׳עטן (תלמודיש).

**קטלנית** — אַ „מערדערין", אַ פרוי, וואָס האָט באַגראָבן צוויי מענער (תלמודיש).

**קטן** [קאָטן], **קטנים**, נקיבה: קטנה [קטאַנע], **קטנות** — 1. קליין, מינ־דעריעריג (בראשית מד ב). היפך: גדול. מקטן ועד גדול (בראשית יט יא) — פון קליין ביז גרויס. זה הקטן גדול יהיה — דאָס קינד וועט זיין גרויס (סידור). ער איז נאָך אַ קטן, זי אַ קטנה. 2. די קטנים (ד. ה. נקבים קטנים) — קליינע באַדער־פענים (היפך: גדולים). 3. מקטני אמנה — פון די קליינגלויביגע (תלמודיש).

**קטנות** [קאַטנעס] — קליינקייט, קליינ־מוט. בקטנותו — אין זיין קינד־הייט.

קטני עבה ממתני אבי (מלכים א׳ יב י) — מיין קליינער פינגער איז גרע־בער פון מיין פאָטערס לענדן.

**קטנית** זע קיטנית.

**קיבה** — מאָגן. הלחיים והקיבה (דברים כח א) — דער געבים און דער מאָגן.

**קיבול** — דאָס אויפנעמען. בית קיבול, — אַ הויז, אַ כלי צום אויפנע־מען, אַ פאַרטיפונג (תלמודיש).

**קיבוץ, קיבוצים** — זאַמלונג (ישעיה נז יג). קיבוץ גליות — דאָס צונויפזאַמלען פון די צעשטרייטע, פאַריז איז גע־וואָרן אַ קיבוץ גליות, דער אידישער קיבוץ אין לעטלאַנד איז קליין.

**קידוש** — 1. הייליגונג. קידוש החודש, קידוש החמה, קידוש לבנה — געוויסע מיצוות. קידוש השם היפך: חילול השם) — הייליגונג פון גאָטס נאָמען (דורך מעשים, דורכן טויט). ישראל מצווים על קידוש השם — אידן מוזן גיין אויף קידוש השם (ד. ה. שטאַרבן פאַרן דת) (תלמודיש). זע קדושה. 2. מאַכן קידוש (ערב יום טוב, ערב שבת). אָפּהיטן קידוש. געמאַכט אַ אַ קידושא רבה (תלמודיש).

**קידושין** — פאַרלאָבונג. חופה־קידו־שין. מסדר קידושין — דער וואָס פירט אוים די צערעמאָניע פון חופה (תלמודיש).

**קיטור** — רויך (בראשית יט כה).

**קיום** [קי־יום] — עקזיסטענץ. זכות הקיום — עקזיסטענץ־באַרעכטיגונג. קיום שטרות — דאָס באַשטעטיגן פון דאָקומענטן (תלמודיש). קיומים (אין דער אַלטער ליטעראַטור) — שריפט־לעכע פריווילעגיעס.

**קיטנית, קיטניות** — געמיזע („צי־מעס" פון מיטלאַלטערלעך־דייטש: „צומיז"). דער רב וויל ניט מתיר זיין קיטניות בפסח.

**קיטרוג** — באַשולדיגונג (פון „קטיגור"). דער שטן מאַכט אַ קיטרוג, זע מקטרג.

**קילקול** — פאַרדאַרב. קילקול חשבונות יש כאן — די רעכענונג איז פאַרדאַרבן (תלמודיש).

**קיים** [קאַיעם] — עקזיסטירענדיק (דניאל ו כז). והכל שריד וקיים — אַלץ איז פעסט און זיכער (אין שטרות). חי וקיים — (טיטל פון גאָט) (סידור). גיי שריי חי וקיים, אַ

פראָסטער חי וקיים. נקיבה: קיימת [קאַיעמעס אין קרן קיימת (זע).
אַראַמײאיש: קיימא (דניאל ד כג) אין
**קיימא לן** [קאַימעלאַן — ◡ ◡ ] — „עס שטייט בײַ אונז פעסט“. ס'איז אַ כּלל, רעזולטאַט, סומע. מיר האָבן אַ קיימא לן, אַז...
**קיימא** [קאַיאָמע] — באַשטאַנד, זיכע־רעס. דבר של קיימא, וולד של קיימא, בני קיימא — אַ באַשטײ־ענדיגע זאַך, אַ לעבענספּייאיג קינד. זרעא חייא וקיימא — לעבעדיגע און לעבּנספּייאיגע קינדער. זע קיים.
**קימוץ** — קאַרגהייט. בקימוץ — קאַרג.
**קינאה** זע קנאה.
**קינה, קינות** — קלאָגליד (ירמיה ז כט). קינות לתשעה באב T. קינות זאָגן נאָך אַ גדולה.
**קינוח** — „דאָס אָפּווישן“ אין קינוח סעודה — דעסערט. דערנאָך דערלאַנגט מען קינוח־סעודה: געבּראָטענע עפּל, בּאַרנעס, פלומען.
**קינין** זע קנין, קינע זע קנאה.
**קיסר** [קעיסער, **קיסרים** — (תּלמודיש פון לאַטיין). נקיבה: קיסר'ינע, די קיסריות (= קיסרים, ווי מלכיות = מלכים).
**קיצבה, קיצבות** — פון „קצב“ — אָפּשניידן — אַ באַשטימטע מאָס. אַ בּרכה אָן אַ קיצבה, צדקה־קיצבה: נעמען קיצבה, אָנקומען צו קיצבה.
**קיצוניות** — עקסטרעמען.
**קיצור** — פאַרקירצונג. קיצור ימים (היפך: אריכת ימים) — פאַרקיר־צונג פון לעבּן. קיצור הדבר, קיצור המעשה — קורץ גערעדט. קיצור של"ה, קיצור אלשיך א.א.וו. — אַ פאַרקירצונג פון די דאָזיקע ביכער.

**קיצין** זע קץ.
**קיקיון דיונה** — (יונה ד ו).
**קיר"ה** = קיסר ירום הודו. מלכות קיר"ה — עסטרייך. „מכּוח דעם תּוגר ומכּוח קירהן“ (מענדעלע). „קירע מאַק“.
**קירוב** — נאָענטקייט. שלאָפן בקירוב בּשר — בּאַרירנדיק. (תּלמודיש). בּקירוב — נאָענט, כּמעט.
**קיתון** — קרוג (פון גריכיש). שפך לו קיתון על פּניו — ער האָט אים אויסגעגאָסן אין פּנים אַ קרוג (תּלמודיש). קיתון של מים, קיתון של שופכין — אַ קרוג מיט וואַסער, מיט שמוץ־וואַסער.
**קל** [קאַל], **קלים** — 1. לייכט, ניט וויכטיג. רמז קל, מצווה קלה, שיחה קלה. קדשים קלים — אומוויכטיגער ווינק, אומוויכטיגע מיצווה, רעדעריי, הייליקייטן. 2. לייכטזיניק. קל הדעת, קלי הדעת. 3. להיפך צו חשוב: קלי עולם, אַ קל שבקלים (תּלמודיש). אַלע מיידלעך זיינען קלות (וואָרטשפּיל).
**קל וחומר** (קו"ח) — „אומוויכטיג און וויכטיג“, אַ שלוספאָלגערונג. זיך אַראָפּנעמען אַ קול והומר. ס'איז אַ קל וחומר של שטות, של חושך. ער בּריינגט צוויי קל וחומר'ס. עפר אני בחיי קל וחומר במיתתי — שטויב בּין איך ביים לעבּן, מכּל שכּן (אָדער על אחת כּמה וכמה, אַ פּשיטא שוין) נאָכן טויט. קל וחומר בן בנו של קל וחומר — אַ ווייטע שלוספאָלגערונג.
**קלא** [קאָלאָ] אין קלא דלא פּסיק — אַ קלאַנג וואָס הערט ניט אויף. עס איז געווען אַ קלא דלא פּסיק, אַז...
**קלות** [קאַלעס] — לייכטיקייט. קלות

ראש — לייכטזין. שחוק וקלות ראש—שפיל און לייכטזין (תלמודיש). גיין בקלות ראש (אנשטאט: בגילוי ראש). קלות דעת — לייכטזין.

**קליפה, קליפות** — 1. שאָלעכץ. בקליפת השום — ווי שאָלעכץ פון קנאָבל, ד.ה. ווערטלאָז. 2. אין קבלה: אַ רוח, צושטיין ווי אַ קליפה, פטור געוואָרן אַ קליפה.

**קללה, קללות** — (בראשית כז יב). היפך: ברכה. זאָל עס זיין לברכה ולא לקללה (סידור). קללה נמרצת, קללות נמרצות (מלכים א׳ ב ח) — אַ פאַרניכטנדע קללה. שעלטן מיט טויטע קללות („טויטע" אפשר א אי־בערזעצונג פון „נמרצות" און אפשר פון דייטשן Eid). קללת אלהים (דברים כא כג) — אַ קללה פון גאָט. עלי קללתך בני (בראשית כז יג) — אויף מיר די קללה, מיין זון! קללות וחרמות (זע חרם).

**קלם** אין לעג וקלם (תהילים מד יד) — שאַנד און שפּאָט.

**קלסטר פנים** — די ציגע פון פנים. אַ קלסטר פנים פון אַ תלמיד חכם.

**קלע** אין כף הקלע (זע).

**קלעזמער** — פאַראידישט פון כלי זמר (זע) — מוזיקאַנט. קלעזמער׳וק.

**קלף** [קלאַף] — 1. פּארמעט (תלמודיש). 2. קלפים [קאלפים] — קאָרטן.

**קלפי** [קאלפּע] — תלמודיש: אורנע פאַר גורל וואַרפן — וואַלן. היינט איז אין קהל די קלפי אויף אַ פרנס חודש.

**קלקלה** —פאַרדאַרב, אומגליק. תקנתו קלקלתו — דאָס פאַריכטן איז פאַר אים — קאַליע מאכן. ואל תשתדל לראותו בשעת קלקלתו — זוך ניט צו זעען אים בשעת ער האָט אַ צרה (תלמודיש).

**קמא** [קאמע] — דער ערשטער. בבא קמא T. פרק קמא — דער ערשטער קאַפּיטל. תנא קמא — דער ערשטער תנא. קמאי דקמאי — די סאַמע ערשטע (תלמודיש).

**קמח** (בראשית יח ו) — מעל. קמח פסח (= קמחא דפסחא) — מעל אויף פסח, מעות חיטין. אם אין קמח אין תורה — ווען ס׳איז ניטאָ קיין מעל (ד. ה. פרנסה), איז ניטאָ קיין תורה (תלמודיש).

**קמחא** [קימכע] — מעל (תרגום־לשון). קמחא דפסחא (= קמח פסח) — מעל אויף פסח. קמחא־געלט — מעות חיטין. קמחא טחינא טחנית — דו מאָלסט געמאָלענע מעל (תלמודיש אויף אַן־אומניצליכע אַרבעט).

**קמיצה** — דער פינגער לעבן קליינעם (זרת) (תלמודיש).

**קמיע** [קאַמעע], **קמיעות** — אַמולעט (תלמודיש). אַ הייליקע קמיע פון אַ גוטן אידן.

**קמץ** [קאָמעץ] — פון די נקודות, חטף־קמץ. קמץ־אַלף אָ.

**קמצן** [קאמצען], **קמצנים** — אַ קאַרגער. קמצנות.

I. **קן** —נעסט (דברים כב ו). קן ציפור — פויגלנעסט.

II. **ק״ן** [קאן] — 150. ק״ן רובל נדן.

**קנאה** (איוב ה ב) — 1. נייד. קנאה־שנאה (קלאנגשפיל לויט קהלת ט ו). מטיל קנאה זיין — אויפרייצן נייד. קנאת סופרים תרבה חכמה — די נאָכאייפערונג פון די שרייבער פאַרמערט די וויסנשאַפט (תלמודיש). 2. אייפערזוכט. רוח קנאה (במדבר ה יד). קשה כשאול קנאה (שיר השירים ח ו) — שווער ווי דער טויט איז די אייפערזוכט.

**קנאות** [קאַנאָעס] — פאַנאַטיזם. זע קנאי.

**קנאי** [קאַנאַי], **קנאים** [קאַנאָאים] — אײפערער, פאַנאַטיק, זעלאָט. קנאין פוגעין בו — זעלאָטן הרג'ענען אים (תלמודיש).

**קנה** — אַ ראָר. קנה רצוץ (ישעיה לו ו) — אַ צעבראָכענער ראָר. יהא אדם רך כקנה ואל יהא קשה כארז — דער מענטש מוז זײן װײך װי אַ ראָר און ניט האַרט װי אַ צעדערבוים (תלמודיש) לאלה רחית בקנה — די האָסטו אָפּגעשטױסן מיט אַ ראָר, ד. ה. אָפּגע־פּטר'ט מיט אַ קלײניקײט (תלמודיש). קנה װשט — שפּײז־ראָר.

**קנוח** זע קינוח.

**קנוניא** — אַנ־אָפּמאַך (פון גריכיש). מאַכן אַ קנוניא קעגן אײנעם (תלמודיש).

**קניה** קני־יע], **קניות** — אַ קויף. היפך: מכירה.

**קנין** [קינ־יען], **קנינים** (יחזקאל לח יב) — אַ קויף, קנין סודר (תלמודיש: קנין אגב ודר — קויף דורך אָנרירן אַ בגד. מקבל קנין זײן.

**קנס** [קנאַס] — 1. שטראָף, װאָס דער בעל דין מוז באַצאָלן אַחוץ דעם היזק (פון לאַטײן). מודה בקנס פטור — װער עס באַקענט זײן שולד איז פּטור פון קנס (תלמודיש). 2. שטראָף פאַר ניט האַלטן װאָרט. קנס־מאָל — תנאים־סעודה. פאַר,קנס'ען אַ טאָכטער. קנס'ענען [קאַנסענען]] — באַשטראָפן.

**קנקן** [קאנקען], **קנקנים** — קרוג. אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו — קוק ניט אויף דעם קרוג נאָר אויף דעם אינהאַלט (תלמודיש). הוהא על קנקנו — ער שמעקט פון זײן קרוג, ד. ה. ער מאַכט אים װאָך (תלמודיש).

**קסאוו** זע כרב. **קסובע** זע כתובה. **קענעהאָרע** זע עין הרע. **קעסער** זע כתר.

**קערה** [קאירע], **קערות** — שיסל (שמות כה כט). די קערה ביים סדר. מהפך קערה על פיה — אומדרײען די שיסל, ד. ה. אַרויסװאַרפן דעם אינהאַלט, זיך אָפּזאָגן פון גאָט (תלמודיש). צדקה־קערה. ערב יום כיפור צו רער קערה.

**קפדן** [קאפדן], **קפדנים** — ספּילשי־װער (צאַרניגער) קפדנות. קפדנותו של שמאי — די צאָרנקײט פון שמאי (תלמודיש).

**קפידא** [קפּ נידע] — צאָרן, קפּדנות בקפידא — צאָרניג (אויך „קפידה“ קען זײן ריכטיק).

**קפיצת הדרך, קפיצת הארץ** — װעג־פאַרקירצונג. האָבן (מאַכן) אַ קפיצת הדרך (פון „קופץ“ — שפּרינגען).

**קפריסין** — „װײַן פון אינזל קפּריס“, דאָס בעסטע (סידור). טאַקע עפּעס קפּריסין. „אַ חתן האָב איך אײך געגעבן טוקע נאָר קפּריסין, מיט אַלע מעלות“ (מענדעלע).

**קץ, קיצין** — סוף. קץ הימין (דניאל יב יג), קץ הפלאות (דניאל יב ו) — ענד װעלט, קץ הגאולה — משיח'ס צײַטן. דרוק זײן דעם קץ. מחשבי קיצין — די װאָס באַרעכענען דעם קץ, כלו כל הקיצין — אויסגע־גאַנגען אַלע סוף'ן (תלמודיש). בײַ דעם חולה איז שוין כלו כל הקיצין.

**קצב** [קאַצעװ], **קצבים** [קאַצאָװים] — פלײש־האַקער, פלײש־הענדלער.

קצבה זע קיצבה.

**קצה** [קאָצע] — ראנד, עק. מן הקצה אל הקצה (שמות כו כה) — פון עק ביז עק. קצה הארץ (ישעיה מח כ), קצה השמים (דברים לד ד) — עק וועלט, קצה האחרון — לעצטער עק. רבים: ארבע קצות השמים (ירמיה מט לו), כל קצוי ארץ (ישעיה כו טו).

**קצין** [קאָצן], קצינים — אַ הערשער (שופטים יא ו) אַ נגיד. נקיבה: קצינה, קצינות. „אירע ווילדע קצינים און שרעקלעך גרויסע גבירים״ (מענדעלע).

**קציר** (בראשית מה ו) — שניט. עת הקציר (ירמיה לג) — שניט־צייט (פון אַ מפלה).

**קצר** [קצאר] אין: קצר אפים (משלי יד יז) — קורצמיטיגער, אומגעדולדיגער, קצר יד (מלאכים ב׳ יט כו) — שוואַכער קצר ימים כד א) — קורץ־לעבענדער, קצר כוח — שוואַכער. ער איז אַ קצר־ראות — אַ קורץ־זיכטיגער.

**קצרה** [קצאָרע] — קורצקייט. בקצרה — קורץ, בקיצור. בדרך קצרה — אין אַ קורצן וועג. דעתם קצרה — זייער וויסן איז קורץ. שמועסן ארוכות וקצרות — פאַרשידענע זאַכן (תלמודיש).

**קצת** (דניאל ב מב) — אַ טייל. קצת קשה — אַביסל קשה׳דיק. מקצת — אַ טייל (זע).

**ק״ק** = קהילה קדושה. „פון וואַנען זאָל זיך עס צום שטעטל נעמען די קדושה, דער ק״ק, ווי עס הייסט?״ (מענדעלע).

**קר** [קאר], קרים [קאָרים] — קאַלט. מים קרים (משלי כה כה) — קאַלטע וואַסער.

**קראים** [קאראָאים] — קאראימען (דער יחיד איז גענומען פון רוסיש, קאראאים). הקראים אינם מתאחים — די קראים ווערן ניט פאַראייניגט מיט אידן (וואָרטשפיל).

**קרבן** [קאָרבן], **קרבנות** [קארבאָנעס] — (ויקרא א ב). קרבן אשם, קרבן חטאת, קרבן־מנחה, קרבן פסח, קרבן שלמים. פרשת קרבנות (תלמודיש). זאָגן קרבנות. מען מוז ברייגנען קרבנות אָדער ווערן קרבנות.

**קרדום** (שמואל א יב כ) — האק. מאַכן די תורה פאַר אַ קרדום לחפור בה — אַ האַק צום גראָבן, ד. ה. צו באַנוצן זיך (תלמודיש).

**קרואים** (שמואל א׳ ט יג) — די גערו־פענע, געבעטענע. שבעה קרואים — די 7 אויסגערופענע.

**קרוב** (שמות יג יז) 1. נאָענט. קרוב לאמת, קרוב לוודאי, קרוב אל השכל — נאָענט צו אמת, וואַרשיינלעך. קרוב 10 יאָר — כמעט. בקרוב (יחזקל יא ג) — גיך. מקרוב — פון נאָענט, פון ניט לאַנג. חדשים מקרוב באו (דברים לב יז) — פרישע נייס. 2. קרוב, קרובים — פאַרוואַנדטער (רות ב כ). מיינער אַ קרוב. „עפעס זיינען מיר דאָך שטיק־לעך מחותנים, שטיקלעך קרובים — ששי־בחמישים״ (מענדעלע). ר׳ קרוב! אַז מע ליבט די פרוי, ליבט מען אירע קרובים. נקיבה: קרובה, קרובות. קרוב׳עשאַפט. 3. קרובות T — פיוטים אין שמונה עשרה.

**קרובץ** T — דאָסזעלביגע וואָס קרובות (ראשי תיבות פון פסוק: „קול רנה וישועה באהלי צדיקים״).

**קרוע—בלוע גיין** — אין צוריסענע קליידער*) זע קריעה.

**קרח** (ויקרא יג מ) —פליכעוואטע. קרח מכאן וקרח מכאן — פליכעוואטע פון ביידע זייטן (תלמודיש).

I. **קרי** — געלעזן (היפך: כתיב). קרי ולא כתיב — געלעזן אָבער ניט געשריבן (אין מסורה).

II. **קרי** [קערי] אין בעל קרי — דער וואָס איז מוציא זרע (תלמודיש). רבים: בעלי קריין.

**קריאה** — דאָס לעזן (יונה ג ב). קריאת המגילה, קריאת התורה, קריאת שמע [קרישמע] T. לייענען קריאת שמע. טעמי הקריאה — טראָפּ. „בשעת קריאת הפּאַפּירן", „לאחר הקריאה" (מענדעלע).

**קריינא דאיגרתא איהו ליהווי פרוונקא** — דער לעזער פון בריוו זאָל זיין דער שליח (תלמודיש).

**קריעה** — דאָס רייסן. קריעה רייסן (נאָך אַ מת). קריעת ים סוף — דאָס שפּאַלטן פון ים סוף (שמות יט טז) שווער ווי קריעת ים סוף, כקריעת ים סוף (תלמודיש). קריע־בליע גיין — אין צוריסענע קליידער. „פאַר וועמען האָרעווע איך און רייס קריעה מיין גאַנץ לעבן? טאַקע נאָר פון דיינטוועגן דאָך, זונעלע" (מענדעלע).

**קרירות** — קעלט.

**קרישמע** זע קריאה.

**קרן** [קערען] — 1. גרונדקאַפּיטאַל (תלמודיש). דער קרן און די פּירות (דער ריווח, דער ריבית). אדם אוכל פּירותיהן בעולם הזה והקרן קיימת לעולם הבא — דער מענטש עסט זייערע פּירות אויף דער וועלט און דער גרונדקאַפּיטאַל אויף יענע וועלט (תלמודיש). דערפון: קרן קיימת. הלוואי איך זאָל כאָטש אַרויס מיט מיין קרן (ד. ה. ניט דערלייגן). ביי אַ גנב איז אַלץ אַ קרן. „גלויבט מיר, מיין טאָכטער איז ברוך השם אַ קרן" (שלום עליכם) 2. קרן זווית — אַ ווינקל (זע זווית). קרן היסוד — גרונדווינקל (אָדער: גרונדקאַפּיטאַל). קרן אורה, קרן חשיכה — ליכטיגער, פינצטערער ווינקל. יושבי קרנות [קראָנעס] — די וואָס זיצן אין די ווינקעלעך (תלמודיש).

**קרני פרה** — פון די טראָפּ־צייכן.

**קרקבן** זע קורקבן.

**קרקע, קרקעות** (במדבר ה יז) — ערד, גרונדשטיק. כל אדם שאין לו קרקע אינו אדם — ווער עס באַזיצט ניט קיין גרונדשטיק איז ניט קיין מענטש (תלמודיש). מחובר לקרקע — באַהעפט צו דער ערד (ד. ה. נאָך ניט אָפּגעריסן) (תלמודיש פון פלאַנצן). געקויפט אַ קרקע אויפן בית עולם.

**קרקשתא** (קורקאשקע) — אַ קישקע. אַ קעלבאַס (תלמודיש).

**קרשים** (שמות כו טו) — ברעטער (צו אַ קבורה).

**קש** (שמות ה יב) — שטרוי. קש וגבבה — שטרוי און רייזיג (תלמודיש).

**קשה** (דברים לא כז) — 1. האַרט. אדונים קשה (ישעיה יט ד) — אַ גרויזאַמער האר. עם קשה עורף (שמות לב ט) —אַ האַרטנעקיג פאָלק. 2. שווער. עבודה קשה (שמות א יד) — שווערע אַרבעט. קשים מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף — די

---

*) דאָס ערשטע וואָרט איז „קרוע" — צעריסן (שמואל ב' טו לב), דאָס צווייטע —פון בלואי (ירמיה לח יב) — שמאַטעס.

פרנסה פון אַ מענטשן איז שווער ווי דאָס שפּאַלטן פון ים סוף (תלמודיש). אָנטאָן עינוים קשים. קשים גרים לישראל כספחת — די גרים זיינען שעדלעך פאַר ישראל ווי קרעץ (תלמודיש). יהא אדם רך כקנה ואל יהא קשה כארז — דער מענטש מוז זיין ווייך ווי אַ ראָר, און ניט האַרט ווי אַ צעדערבוים. קשה לרצות — שווער צו באַפרידיגן (היפך: נוח לרצות) (תלמודיש). די מעשה איז קשה׳דיק, נישקשה (זע מוקשה).

**קשוט** עצמך ואחר כך קשוט אחרים — פריער פאַרציר דיך זעלבסט, דערנאָך פאַרציר אַנדערע (תלמודישער פשט אויף „התקוששו וקושו).

**קשור**, נקיבה: **קשורה** אין: נפשו קשורה בנפשו (בראשית מד ל) — זיין נשמה איז פאַרבונדן מיט זיין נשמה.

**קשיא** [קאשע] — תלמודיש: קושיא — אַ פראַגע. הא קשיא — דאָס איז די פראַגע (תלמודיש). אַ הארבע קשיא, אַ קלאָץ־קשיא. אויף יעדע קשיא איז דאָ אַ תירוץ. אַ קשיא אויף אַ מעשה. די פיר קשיות.

**קשיות עורף** — האַרטנעקיקייט (סידור).

**קשר**, [קעשער], **קשרים** [קשאָרים] — 1. אַ קניפּ. קשר של תפילין. קשר של קיימא — אַ באַשטייענדיגער קניפּ (תלמודיש). 2. אַ בונט (מלכים ב׳ יב כא), אַ קאָנטראַקט.

**קשת** — אַ פאַלנבויגן (תהלים יא ב). כמטחוי קשת (בראשית כא טז) — אויף אַ שאָס ווייט. „דער רב אַנטלויפט כמטחוי קשת" (פרץ). בחרבי ובקשתי (בראשית מח כב) — מיט מיין שווערד און פאַלנבויגן.

# ר.

**ר** — דער צוואַנציגסטער אות אין אלף־בית. ר׳ — רב, רבי. ר׳ = 200. רמ״ח = 248. זע ריש.

**ראאש** זע רעש.

**ראה** מעשה ונזכר הלכה — געזען אַ פאַקט און זיך דערמאָנט דעם געזעץ (תלמודיש).

**ראה** T. **ראובן** N.

**ראו** מה בין בני לבן חמי זע חמי.

**ראוי** [ראָע, ראָיע], **ראוים** [רואים] — ווערדיק (אסתר ב ט). ראוי לחופּה ראוי להוראה, ראוי לכך — ער איז ווערדיק צו הייראַטן, צו לערנען, צו דעם. דער דור איז ניט ראוי לכך. ראוי לאותה איצטלא — ער איז ווערדיק צו דעם אַמט (תלמודיש). ער איז ראוי צו שטיין פאַרן מלך. נקיבה: ראויה, ראויות. חתיבה הראויה להתכבד — אַ פּאַסיגער כיבוד (תלמודיש).

**ראיען** זע רעיון.

**ראיה**, **ראיות** — באַווייז. המוציא מחבירו עליו הראיה — ווער עס פאָדערט פון יענעם מוז באַווייזן. אין מביאין ראיה מן השוטים — פון אַ נאַר ברייננגט מען קיין ראיה ניט (תלמודיש). וראיה לדבר. והא ראיה, והראיה — דער באַווייז איז.. א ראיה ווי גאָרנישט, ווי צען מאָל גאָרנישט. פון אמר אביי איז ניט קיין ראיה. ראיות מיט אותות ומופתים.

**ראייה** [רי—יע] — דאָס זעען. אינה דומה שמיעה לראייה — הערן איז ניט ווי זעען (תלמודיש). דער חוש הראייה. א ווייטע, נידעריגע, קורצע, שאַרפע, שטאַרקע ראייה. עד ראייה — אַן־עדות וואָס האָט געזען, על

פי הראייה פלעגט דער סנהדרין באַשטימען דעם מולד (ניט על פי חשבון).

**ראש, ראשים** — 1. קאָפּ. מכף רגל ועד ראש (ישעיה א ו) — פון פוס ביז צום קאָפּ. אבל וחפוי ראש (אסתר ו יב) — טרויעריג און מיט אַ באַדעקטן קאָפּ. ברכות לראש צדיק (משלי י ו) — ברכות אויף'ן צדיק'ס קאָפּ. 2. דער אָנהייב. ראש השנה [ראשעשאָנע — ◡ ◡ ◡] (יחזקאל מ א), ראש השנה לאילנות — ראש השנה פאַר די בוימער (חמשה עשר בשבט). ראש חודש. א' דראש חודש — דער ערשטער טאָג ראש חודש. זע ראשי פרקים, ראשי תיבות. 3. דער וויכטיגסטער. ראש וזנב (ישעיה ט יג) — דער קאָפּ און דער שוואַנץ (ד. ה. דער גרעסטער און דער קלענסטער). ראש בית דין, ראש הגולה, ראש הקהל, ראש העיר, ראש מדינה, ראש ישיבה. ראש וראשון אין חברה קדישא. ראש המדברים — וואָרטפירער. אַ פאַרך טאָר ניט זיין קיין ראש הקהל. ער האָט אַ קאָפּ ווי אַ ראש מדינה. 4. דער שפּיץ. יושב ראש — פאָרזי־צער. בראש העם (דברים כ ט), בראש הקרואים (שמואל א' ט כב). מיטן גבאי בראש.

**ראשון** [רישן], **ראשונים** — דער ער־שטער (בראשית כת כה). ענטפערן על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון (תלמודיש). יום ראשון — זונטיק. היום יום ראשון בשבת (סידור). „ראש וראשון און גבאי אין חברה קדישא" (שלום עליכם). די ראשונים, ד. ה. די פוסקים הראשונים.

**ראשי פרקים** — „דער אָנהייב פון די פרקים". אויב ניט אַלץ דער־ציילט כאָטש ראשי פרקים. **ראשי תיבות** — די ערשטע אותיות. רמב"ם אי ראשי תיבות: רבינו משה בן מיימון.

**ראשית** — 1. אָנהויב. בראשית ברא אלהים (בראשית א א) — אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן. ראשית אונו (דברים כא יז), ראשית חכמה (תהילים קיא י), ראשית חשבון, ראשית כל (שמואל א' ג לט) ראשיתך מצער ואחריתך ישגה מאד (איוב ח ז) — דיין אָנהייב איז קליין און דיין סוף וועט זייער גרויס זיין. 2. ערשטנס. ראשית זיין איך דיר מודיע... (אין בריוו). אַ מפליפיצירט: „האָב איך מיך ראשית הבמה אַ וואָרף געטאָן" (שלום עליכם). ביי אים איז ראשית חכמה געשעפט (מענדעלע).

I. **רב, רבים** — פיל. עם רב (בראשית נ כ) — פיל פאָלק. ערב רב (זע). נקיבות: רבה, רבות. רבות מחשבות בלב איש (משלי יט כא) — פיל געדאַנקען האָט דער מענטש זע רבה, רבים.

II. **רב** [ראַוו] (תרגום פון „שר": „רב טבחים" אין מלכים ב' כה ח = „שר הטבחים" אין בראשית לז לו) — לערער. רב אשי, רב פפא א. אַנד. — אַלס טיטל. כל רב ומר מבבל וכל רבי מארץ ישראל. — „רב" און „מר" זיינען באַבילאָנישע טיטל „רבי" — אַ פּאַלעסטינישער טיטל (תלמודיש). רב N. זע רבן.

III. **רב** [ראָוו] **רבנים** [ראַבאָנים] — דער גייסטלעכער פאָרשטייער. וואו ער וועט זיין אַ רב, וועט אָפּברענען די שטעטל. קאַזיאָנער רב — אַ ראַבינער. „וואָס זענט איר דאָס פאַר

א ראַבינער באַ אונז אין שטעטל אַז קיין שאלות, זאָג איך, פּאַסקידעט איר ניט, דערויף איז פאַראַן אַ רב, זאָג איך, זאָל מאריך ימים זיין" (שלום עליכם). הרב [האַראַוו ◡ —] בערלין האָט געהאַלטן אַ רעדע. געקנאַטן פון רבנים און גאונים. אַ רב'ל [רעוויל], רב'עצן רעבעצן [— ◡ ◡) זע רבן.

VI. רב [רעב], רבותים [ראַבאָיסים] (פאַרקירצט פון „רבי") — „לערער", (אַלס טיטל). רב (ר') אברהם. רבותי [ראַבאָסאַי ◡ ◡ —) — „מיינע לערער". רבותינו [ראַבאָסיינו] — „אונזערע לערער" (טיטל) (תלמודיש). ברב [ברעב] = בן רב — דער זון פון ר'...

I. רבא [ראַבע] — גרויס [דניאל ז ב]. גברא רבא — אַ גרויסער מאַן. הושענא רבא זע רבה.

II. רבא ראַווע] N. אמר רבא — האָט געזאָגט רבא (תלמודיש).

רבב [רוואָוו] אין: כל תלמיד חכם שנמצא רבב על בגדו חייב — אַ תלמיד חכם. אַ באַפלעקטן קלייד איז חייב מיתה (תלמודיש).

רבבה (ויקרא כו ח) — 10.000. לאלפים ולרבבות — צו 1000 און צו 10.000. רבוא רבבות.

רבה [ראַבע] — גרויס (עזרא ה ח). בשמחה רבה — מיט גרויס פרייד (סידור). פאַראַדירט. בשמחה באַבע. הושענא רבה — דער גרויסער טאָג פון הושענות.

רבוא (עזרא ב סד) — 10.000. שישים רבוא (60×10.000). זיינען אַרויס פון מצרים. שישים רבוא קאַנדידאַטן. רבוא רבבות — 10.000×10.000

רבון [ריבן] — האר (תרגום פון „אדון) — — אין טיטל פון גאָט: רבון עולמים, רבון כל העולמים, רבונו של עולם, רבונו דעלמא כולא (פאַראָדירט: רבונו יונה, רבי יונה שלומה, רבי יונה של עולם).

רבותא (דניאל ה יח) — די גרייס, די מעלה, אַ גרויסע זאַך. מאי רבותא — וואָס איז די מעלה, דער חידוש? (תלמודיש) רבותא למבעה בעיי — אַ גרויסע זאַך צו שטעלן קשיות? (תלמודיש). „דאָס איז דאָך נישט קיין רבותא" (מענדעלע).

רבותי, רבותים, רבותינו זע רב IV.

I. רבי [רעבע, רעב] — „מיין לערער", טיטול פון לערער אין תלמוד: רבי יהודה, רבי שמעון און אנד. (זע רבן). רבי = ר' יהודה הנשיא. רבי לא שנאה חייא מנא ליה — ווען רבי האָט ניט געלערנט, פון וואַנען וויים חייא? (תלמודיש) דערפון:

II. רבי [רעבע], רבי'ס — אַ מלמד. דער רבי מיטן קאַנטשוק. רבי־געלט. איך האָב געהאַט אַ סך רבי'ס.

III. רבי [רעבע], רביים [ראַבעאים] — חסידישער צדיק.

רבים [ראַבים] — 1. פיל מערהייט (פון רב I), אחרי רבים להטות שמות כג ב) — לויט דער מערהייט באַשטימען. צרת רבים — אַן־אַלגעמיינע צרה. ברבים — היפך: ביחיד. הלכה כרבים — דאָס געזעץ איז לויט דער מערהייט (תלמודיש). רבים שתו רבים ישתו — פילע האָבן געטרונקען, פילע וועלן טרינקען (תלמודיש פון אבילים, וואָס טרינקען דעם כוס תנחומים, ירמיה טז ז). 2. אין דיקדוק: רבים — מערצאָל, פלוראַל.

**רבינו** — „אונזער לערער“: משה רבינו.

**רביע** (אָדער **רביעי**) — פון די טראָפּ־צייכנס.

**רביעית, רביעי** — דער פערטער (בראשית א יט). די פערטע עלייה ביי קריאת התורה. אַ פערטל מאָס (שמות כט מ). אַ רביעית איז נויטיק צו נטילת ידים. אין קדחת רביעית (פאַרשטאַרקט: קדחת מיט רביעית) איז „רביעית“ א פערטל מאָס, אָדער פיריאָריג, פירטעגיג.

**רבית** זע ריבית.

**רבן** [ראבן], **רבנים** [ראבאָנים] — א טיטול פון לערער אין תלמוד: רבן יוחנן, רבן גמליאל. גדול מרב רבי, גדול מרבי רבן, גדול מרבן שמו—„רבי“ איז גרעסער פון „רב“, „רבן“ איז גרעסער פון „רבי“. דער נאָמען (ד. ה. אָן אַ טיטל, למשל הלל, שמאי) איז גרעסער פון רבן (תלמודיש). רבן של כל בני הגולה (רשכבי״הג)—דער לערער פון אַלע אידן אין גלות. רבני — געלערנטער (טיטל). לאהובי הרבני — צו מיין ליבן „געלערנטן“ (אין בריוו).

**רבנו** זע רבינו.

**רבנות** [ראַבאָנעס] — 1. הערשאַפט. אהב את המלאכה ושנא את הרבנות — ליב די אַרבעט און האַס די הערשאפט. אוי לרבנות שמקברת את בעליה — ווי צו דער הערשאפט, זי באַגראָבט אירע באזיצער (תלמודיש). 2. די אמט פון א רב. כסא הרבנות — דער שטול (די שטעלע) פון רב. סמיכות אויף רבנות.

**רבנן** [ראַבאָנאָן] — אונזערע לערער. תנו רבנן — אונזערע לערער האָבן געלערנט (תלמודיש). ברשות מרנן ורבנן — מיט דערלויבנים פון אונזערע י׳ערער (סידור). מאי דקאמרי רבנן — וואָס די לערער האָבן געזאָגט (פאַראַדירט: מאי דקאמרי רביצן) רבנן־קדיש. מע קען שוין נאָכדעם זאָגן א רבנן־קדיש (ד. ה. ס׳איז פארפאלן) איצטלא דרבנן — דער מאנטל פון געלערנטע (זע איצטלא). מדרבנן — פון אינזערע לערער (היפך: כדאורייתא).

**רבקה** N.

**רבש״ע** = רבונו של עולם.

**רגזן** [ראגזען], **רגזנים** — אַ צאָרניגער. אַ ספילשוועי (תלמודיש). נקיבה: רגזנית, רגזנ׳טע. רגזנות, דער׳רגזנ׳ן.

**רגיל** [ראָגיל], **רגילים** — געניט, געוווינט. זקן ורגיל — אַלט און דערפאַרן (תלמודיש). רגילים במיצוות — געוווינט צו מיצוות (תלמודיש). רגילות — געוווינשהייט. זע הרגל.

I. **רגל** [רעג״ל], **רגלים** [ראגלאַאים] — פוס. רגל תחת רגל (שמות כא כד) — אַ פוס פאַר אַ פוס. מכף רגל ועד ראש (ישעיה א ו) — פון פוס ביז צום קאָפּ. כולה תורה על רגל אחת (תלמודיש). שקר אין לה רגלים — אַ ליגן באַשטייט ניט. רגלים לדבר — די זאַך האָט אַ יסוד (תלמודיש). הילכ׳ען, שפּאַנען מיט די רגלים. די פּאַסאַזשירן מוזן עולה רגל זיין צופוס (וואָרטשפּיל. זע רגל II).

II. **רגל** [רינגל], **רגלים** [רגלאַאים] — יום טוב (לויט שלוש רגלים שמות כג יד). שמיני עצרת רגל בפני עצמו — שמיני עצרת איז אַ באַזונדערער יום טוב (תלמודיש). עולה רגל (העברייאיש: עולה לרגל) זיין — קו־

מען אויף יום־טוב קיין ירושלים. רגל־געלט.

**רגע, רגעים** (תהלים ל ו) — אויגנ־בליק, מאָמענט. חבי כמעט רגע (ישעיה כו כ) — באַהאַלט זיך אויף אַנ־אויגנבליק. אין רגע בלי פגע — קיין מאָמענט אָן אַ צרה. רגע כמימרא — אַ מאָמענט אויף אויס־צורעדן אַ וואָרט. רגע כמימרא'דיק. אין איין רגע.

**רגש** [רעגעש] — געפיל (תהלים נה טו). ברגשי כבוד — מיט הויכאכטונג (אין בריוו).

**רדיפה, רדיפות** — 1. פאַרפאָלגונג. רדיפות און נגישות. 2. שטרעבונג. רדיפת הכבוד. זע רודף.

**רואה** — דער וואָס זעט. אין רואה (שמות כב ט) — קיינער זעט נים. רואי פני המלך (אסתר א יד) — די וואָס זעען דעם מלך. די רואי פני המלך — די מקורבים פון רבי'ן. איזהו חכם הרואה את הנולד — ווער איז אַ חכם? דער וואָס זעט וואָס וועט אַרויסקומען (תלמודיש). רואה ואינו נראה — זעט און ווערט נים געזעען. זיי רואה (ד. ה. גיב אַכטונג)!

**רוב** — 1. מענגע, פילקייט. דערציילן רוב גדלו ורוב עשרו (לויט אסתר ה יא). ככוכבי השמים לרוב (דברים א י) — ווי די שטערן פון הימל לויט פילקייט. 2. מערהייט (היפך: מיעוט). רוב דיעות — די מערהייט מיי־נונגען. רוב מנין ורוב בנין — די מערהייט לויט צאָל און לויט גרייס (תלמודיש). רוב־כּוס. דאָס רוב עולם. על פי רוב. ס'רוב. מאַכט מען עס אַזוי. בראשו ורובו — מיט קאָפּ און גרעסטן טייל (תלמודיש). רוב גנבי ישראל — ס'רוב גנבים זיינען אידן, רוב ממזרים פיקחים — ס'רוב ממזרים זיינען קלוג (תלמודיש).

**רובא** = רוב. רובא דרובא — די גרויסע מערהייט (היפך: מיעוטא דמיעוטא) (תלמודיש).

**רוגז** — צאָרן (חבקוק ג ב). זיין אין רוגז מיט עמיצן: די צע'רוגז'טע באַ־לעבאַטים האָבן אים אַרויסגעוואָרפן. זע ברוגז. „עט, ער וועט זיך אי־בער'רוגז'ן" (מענדעלע).

**רוגזא** = רוגז. קקן מיט רוגזא. זע ירגזון.

**רודף זיין** — 1. פאַרפאָלגן (ויקרא כו יז). רודף'ן, רודף'ן עד חרמה (וואָרטשפּיל לויט במדבר יד מה). 2. שטרעבן צו עפּעס. רודף אמת, רודף כבוד, רודף ממון, רודף צדק (ישעיה נא א), רודף שלום (לויט תהלים נא יג) און אַנד. כל הרודף אחר הכבוד הכבוד בורח ממנו — ווער עס יאָגט זיך נאָך כבוד, פון דעם אַנטלויפט דער כבוד (תלמודיש). רוף כבוד'ניק, רודף שלום, ניק. זע נרדף.

**רווח** זע ריווח.

**רווק** [ראַוועק] — אומבאַווייבט (תלמודיש).

**רוח, רוחות** — 1. ווינט. רוח סערה תהלים קז כח) — שטורעם־ווינט. נשיאים ורוח וגשם אין (משלי כה יד) — וואָלקן און ווינט, אָבער נים קיין רעגן. 2. וועלט־געגענד. ארבע רוחות השמים (זכריה ב י), ארבע רוחות העולם — די פיר וועלטגעגנדן. 3. גייסט. רוח אחרת (במדבר יד כד), רוח הטומאה (זכריה יג ב), רוח הקודש (תהלים נא יג), רוח רעה (שופטים ט כג), רוח שטות. משמתו נביאים האחרונים נסתלקה רוח הקודש — זייט די לעצטע נביאים זיינען געשטאָרבן, איז

דער רוח הקודש אָפּגענומען געוואָרן (תלמודיש). לא בכוח כי אם ברוח (לויט זכריה ד ו) — ניט מיט כּוח, נאָר מיט גייסט. נחת־רוח — הנאה (תלמודיש). לפי רוחו — לויט זיין גייסט. 4. אַ שאֵד, דער רוח זאָל זיי נעמען, כאַפּט אים דער רוח. ער כאַפּט עס צו ווי דער רוח דעם מלמד. אַ רוח איז דיין טאַטנס טאַטן אַריין (אַ קללה)! צו אַלדי שוואַרצע רוחות. טויזנט־רוחות׳ניק.

רוחני — גייסטיג (היפך: גשמי), עונג רוחני — גייסטיגער תענוג. רוחניות.

רו״כ = רובל כסף.

רוכב — רייטער אין: רוכב ומנהיג, אחד רוכב ואחד מנהיג — דער וואָס רייט און דער וואָס פירט די בהמה (תלמודיש).

רוכל — הענדלער (שיר השירים ג ו).

רומז — ער ווינקט, חרש רומז ונרמז — אַ טויבשטומער ווינקט און באַקומט ווינקען (אין בית דין) (תלמודיש).

רומס — צעטרעטן (מיכה ה ז). זה חומס וזה רומס — דער כאַפּט און דער טרעט.

I. רועה — פאַסטעך. כצאן בלי רועה — ווי שאָף אָן אַ פאַסטעך (לויט במדבר כז י). כבקרת רועה עדרו — ווי דער פאַסטעך זעט דורך זיין טשערעדע (סידור).

II. רועה — דער וואָס פירט די פריינטשאַפט. רועה זונות (משלי כט ג) = מנאף.

רופא, רופאים (בראשית נ ב) — הייַלער, פעלדשער. רופא חולים (סידור). נקיבה: רופא׳טע. „איז מיר אויסגעקומען צו האָרכן אַזאַ מין שמועס צווישן דעם דאָקטאָר און דעם רופא זיינעם״ (מענדעלע).

רוצה — „ער וויל״ (תהלים קמז יא). „רוצה גיקאָ־ציטן״ (שלום עליכם).

רוצח, רוצחים (במדבר לח טז) — מערדער. רוצח היער —וואַלד־מערדער.

רושם — צייכן, איינדרוק. מיתה שאין בה רושם — אַ מיתה וואָס לאָזט ניט קיין צייכן (תלמודיש). מאַכן אַ רושם אויף עמיצן.

רות N.

רותחין — זידיקע וואַסער. ברותחין קלקלו וברותחין נדונו — מיט זידיקע וואַסער האָבן זיי געזינדיקט און מיט זידיקע וואַסער ווערן זיי באַשטראָפט (תלמודיש). זע חמין, פושרין.

ר. רזין (דניאל ד ו) — סוד. ברוך חכם הרזים — געבענטשט דער וואָס ווייסט די סודות (תלמודיש). רזי עולם (סידור), רזי תורה (תלמודיש). דער רבי וועט זאָגן רזי דרזין (טיפסטע סודות, סופּערלאַטיוו).

רזיאל — אַ מלאך, וואָס ווייסט די סודות פון דער תורה. מלאך רזיאל, ספר רזיאל.

רז״ל [ראַזאַל ◡ —] = רבנינו זכרונם לברכה.

ר״ח = ראש חודש.

רחבות [ראַכוּוּס] — ברייטקייט. רחבות הדעת. רחבות לב — פריי־גיביקייט. לעבן אין רחבות.

רחבת ידים (בראשית לד כא) — ברייטקייט (פון אַ לאַנד).

רחובות N.

רחום וחנון (שמות לד ו) — דערבאַרעמדיקער (טיטל פון גאָט). „טאַטע־פאָטער, רחום, צדיק״ (מענדעלע).

רחוק, רחוקים — ווייט (היפך: קרוב). שלום לרחוק ולקרוב (ישעיה נז יט) — שלום דעם ווייטן

און דעם נאָענטן. דרך רחוקה (במדבר ט י) — אַ ווייטער וועג.

**רחיים** (במדבר יא ה) — אַ מיל. רחיים של רוח — ווינדמיל. רחיים בצווארו ויעסוק בתורה — אַ מיל איז אויף זיין האַלז און ער זאָל לערנען תורה? (תלמודיש, פון באַווייבטע געלערנטע).

**רחיצת ידים** — דאָס וואַשן די הענט. נטילת ידים.

**רחל** N. ברחל בתך הקטנה (בראשית כט יח). אָפּמאַכן ברחל בתך הקטנה, ד. ה. גאַנץ גענוי (פּאַראָדירט: ברחל בתך הנאקעטע).

**רחמים** (בראשית מג יד) — רחמנות. מידת הרחמים (היפּך: מידת הדין). בעטן רחמים ביי גאָט (לויט דניאל ב יח) בעטן זיך רחמים ביי עמיצן (ד. ה. שטאַרק). יושב על כסא רחמים — ער זיצט אויף'ן שטול פון רחמנות (ניט על כסא דין) (סידור).

**רחמן** [ראכמען], **רחמנים** [ראַכמאָנים] — דערבאַרעמדיקער. נשים רחמניות (איכה ד י) — דערבאַרעמדיקע פרויען. אידן זיינען רחמנים בני רחמנים (תלמודיש). רחמנים בני רחמנים. הרחמן — טיטל פון גאָט (סידור).

**רחמנא** [ראכמאָנע] — דערבאַרעמדי־קער' (טיטל פון גאָט). בריך רחמנא — געבענטשט איז גאָט (סידור). רחמנא לבא בעי — גאָט פאָדערט דאָס האַרץ (תלמודיש). רחמנא לצלן [ליצלאן ◡ —] — גאָט זאָל אונז ראַטעווען (ווערט געזאָגט ביי אַן־אומגע־ווינטשטע זאַך, א קראַנקהייט, אַ מת א.א.וו.).

**רחמנות** [ראַכמאָנעס] — דערבאַרמונג. אַ רחמנות צוצוקוקן. אַ גאָטס רחמנות אויף אים. האָבן רחמנות — זיך מרחם זיין (אויך באַ'גנב'ענען). לייגן דעם רחמנות. בעל רחמנות, בעל רחמנ'יק. אומ'ברחמנות'דיק.

**רח״ש** (=רב, חזן שוחט) — באַלוינונג. געבן רח״ש די כלי קודש. „זאָגט צו רח״ש לשדכנים תיכף ומידבשעת טעלער ברעכן״ (שלום עליכם). „חברה קדישא וועט נעמען אַ גוטן רח״ש קבורה געלט״ (מענדעלע).

**ריאה** — לונג, לונג און לעבער (תלמודיש). בדיקת הריאה — אונ־טערזוכונג פון דער לונג. אַ ריאה מיט אַ סירכא.

**ריבקה** זע **רבקה**.

**רטיבות** — פייכטיקייט, לחות.

**ריב** — שטרייט. ריב ומשפט (שמואל ב׳ טו ד). איש ריב ואיש מדון (ירמיה טו י) — שטרייטזוכער.

**ריבית** (תרגום פון „נשך“, ויקרא כה לו) — וואָכער, פּראָצענט. מלוה בריבית — פּראָצענטניק. אבק ריבית — שפור פון וואָכער (תלמודיש).

**ריווח**, [רעוואַך], **רווחים** [רוואָכים] — 1. דערלייכטערונג אין ריווח והצלה (אסתר ד יד) 2. פאַרדינסט (היפּך: היזק). דער קרן און דער ריווח.

**ריח** [רעאַך], **ריחות** [רעיכעס] — גערוך (בראשית כז כז). אַ ריח פון בשמים. ריח ניחוח (בראשית ח כא) — אַ אָנגענעמער גערוך. ס'איז ניט ריח ניחוח'דיק. חוש הריח. ריחו נודף — עס גייט פון אים אַ גערוך (תלמודיש).

**רימון** (שיר השירים ד ג) — מילגרוים. מלא כרימון — פול ווי אַ מיל־גרוים (תלמודיש).

**ריסוק איברים** — דאָס צעשמעטע־טערין פון איברים (תלמודיש).

**ריעות** [רעאוס] — פריינדשאַפט. אחוה

וריעות — ברודערשאַפט און פריינדשאַפט (תלמודיש).

I. **ריק** [רעיק], **ריקים** — 1. ליידיק. והבור ריק (בראשית לז כד) — די גרוב איז ליידיק. כי לא דבר ריק הוא (דברים לב מז) — ס'איז ניט קיין פוסט וואָרט. 2. ריקים, ריקנים [רעקאָנים] — ליידיקגייער. אנשים ריקים ופוחזים (שופטים ט ד) — ליידיקגייער און לייכטזיניקע. כאחד הריקים (שמואל ב' ו כ) — ווי אַ פוסטער מענטש. אַפילו ריקנים שבך מלאים מיצוות כרימון — אפילו די פוסטע אידן זיינען פול מיט מיצוות ווי אַ מילגרוים (תלמודישער פשט אויף שיר השירים ד ג: כפלח הרימון רקתך). נקיבה ריקניות. בידים ריקניות — מיט פוסטע הענט (תלמודיש).

II. **ריק**. פוסטקייט (תהלים ב א). הבל וריק (ישעיה ל ז). לריק יגעתי (ישעיה מט ד) אומזיסט האָב איך מיך געמיט. כי הם משתחווים להבל ולריק — זיי בוקן זיך צו פוסטע געטער (סידור).

**ריקוד, ריקודים** — טאַנץ (תלמודיש). כאַפּן אַ ריקוד'ל.

I. **ריש** [רעיש] — תרגום פון ראש. ריש גלותא = ראש הגולה. די ריש גלותא'ס.

II. **ריש** [רעיש] — דער נאָמען פון אות ר, ר' = 200. די ריש אלפים — די 200,000 (דאָס גרעסטע געווינס).

**רישעות** זע רשעות.

**ריתחא** — הייסקייט, צאָרן. בעידנא דריתחא — אין אַ הייסער צייט (אָדער: אין אַ צייט פון צאָרן). זע רותחין.

**רך** [ראַך] — ווייך, צאַרט. מענה רך ישיב חמה (משלי טו א) — אַ ווייכער ענטפער שטילט דעם צאָרן. רך לב (דברי הימים ב' יג ז: רך לבב) — ווייכער האַרץ. רך הנמול — דאָס קינד, וואָס מען איז מל (סידור). דער רך הנמול איז געווען גאַנץ מונטער (פון אַ גר).

**רכוש** — פאַרמעגן. ברכוש גדול (בראשית טו יד) — מיט אַ גרויס פאַרמעגן.

**רכיל** אין הולך רכיל (משלי יא יג) — רכילות'ניק.

**רכילות** — לשון הרע, פּליאָטקעס. טרייבן רכילות. רכילות'ניק, רכילות'ניצע.

**ר"ל** = רחמנא לצלן.

**רמאי** [ראַמאַי], **רמאים** [ראַמאָאים] — אָפּנאַרער, שאַטריגער. לבן דער רמאי (אַ ווערטשפּיל אויף „לבן הארמי"). בואו ונחזיק טובה לרמאים — לאָמיר דאַנקען די באַטריגער (תלמודיש). רמאות — אָפּנאַרעריי.

**רמב"ם** = רבי משה בן מיימון.

**רמון** זע רימון.

**רמז** [רעמעז], **רמזים** [רמאָזים] — אַ רמז אויף די 10 געבאָט. אַ רמז קל. רמזים און סתרי תורה. אַפילו נישט געהאַט קיין רמז דרמיזא דערפון. זע רמיזא.

**רמ"ח** [רמאַך] = 248. רמ"ח איברים — 248 גלידער אין מענטשלעכן קערפּער. רמ"ח מיצוות עשה.

**רמיזא** = רמז. ליכא מידי דלא רמיזא באורייתא — ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל ניט האָבן אַ רמז אין דער תורה. די לחכימא ברמיזא — פאַר אַ חכם איז גענוג אַ רמז (תלמודיש).

**רמש** [רעמעס] — קריכטיר (בראשית א כו). שקצים ורמשים — אומריינע באַשעפענישן.

**רסוק** זע **ריסוק.**

I. **רע** [רעא], **רעים** [רעאים] — פריינד. ואהבת לרעך כמוך (ויקרא יט יח) — האָט ליב יענעם ווי דיך זעלבסט. **רעות** זע **ריעות.**

II. **רע** [ראַ], **רעים** [ראַאים] — שלעכט. כל מום רע (דברים טו כא) — יעדער בעל מום איז אַ שלעכטער (אַ פּשט'ל). יצר הרע (זע), עין הרע (זע), לשון הרע (זע), פּגע רע (זע), מוציא שם רע זיין (זע). נקיבה: **רעה** — 1. אַ שלעכטע. חיה רעה (בּראשית לז לג) — אַ ווילדע חיה. 2. שלעכטס (היפך: טובה). משלמי רעה תחת טובה (תהלים לח כא) — זיי בּאַצאָלן שלעכטס פאַר גוטס. פון אַ אַ רעה איז אַרויסגעקומען א טובה. פון אַ גוטן פריינד האָב איך אַזעלכע רעות ניט דערוואַרטעט.

I. **רעב** (בּראשית יבּ י) — הונגער. ליידן חרפּת רעב (יחזקאל לו ו).

II. **רעב** זע **רב. רעוואך** זע **ריווח.**

**רעיה** (שיר השירים א ט) — פרוי אין ורעיתו — מיט זיין פרוי (אין בּריוו).

**רעיון** [ראיען], **רעיונות** [ראַיאָינעס] — — געדאַנק (קוהלת א יז). צעשלאָגן די רעיונות.

**רעם** [ראַאם] — דונער. בּרעם וברעש וקול גדול (ישעיה כט ו) — מיט דונער און ליאַרעם און גרויס געשריי.

**רעש** [ראַאש] — ליאַרעם. קול רעש גדול (יחזקאל ג יבּ). אַ רעש, אַ מהומה. מה רעש — וואָס פאַר אַ טומל? עס רעש'ט אין שטוב. רעשיג. „די פאַרשייטע ציגן... שפּרינגען רעש'נדיג (מענדעלע). מענדעלע שרייבט אויך „איבּער־רעשן" אָבער דאָס איז ניט קיין העברייאיזם, נאָר אַ דייטש וואָרט).

**רפאל** N.

**רפה** [ראָפּע] — שוואַך. חזקו ידים רפות (ישעיה לה ג) — שטאַרקט שוואַכע הענט. ענטפערן בּשפה רפה — מיט שוואַכער שטים.

**רפואה, רפואות** — 1. היילמיטל. גאָט שיקט די רפואה פאַר די מכה. פאַראַן אַ רפואה דערצו. רפואה בדוקה (זע בּדוק). בּאַבּסקע, קאַלטע, קנאַפּע רפואות. ניטאָ קיין האַלבּער דייטש אויף אַ רפואה. 2. היילונג. רפואה שלימה — גאַנצע היילונג (סידור). רפואת הגוף, רפואת הנפש — היילונג פון קערפּער, פון נשמה. „לרפואה" „צו רפואה!" (א וואונטש נאָך נאָך אַ בּאָד) (תלמודיש).

**רצון** [ראָצן] — ווילן. כן יהי רצון — זאָל אַזוי זיין. דער ווילן (פון גאָט). (סידור). עת רצון (תהילים סט יד) — גינסטיגע צייט יהי רצון T. שבע רצון (דברים לג כג) — „זאַט מיט גליק", גליקלעכער. ניט ווי דער רצון, נאָר ווי דער שכל בּאַפעלט. בּרצון, לרצון.

**רצועה, רצועות** — רימען. בּמקל ורצועה געוועלטיגן. הותרה הרצועה לית דין ולית דיין — דער רימען איז צעריסן, ניטאָ מער קיין רעכט און קיין דיין (תלמודיש פון אנארכיע). רצועה של תפילין — דער רימען פון תפילין. אָפּגעריסן די רצועה פון של ראש.

**רצוף, רצופים** (שיר השירים ג י) — צוזאַמענגעלייגט. שלושה ימים רצופים — דריי טעג נאָכאַנאַנד (תלמודיש)

**רצח** [רעצאך] מאָרד (תהילים מב א). שלאָגן עמיצן מכּת רצח.

**רצחן** [ראַצכן], **רצחנים** [ראַצכאָנים] — מערדער (תלמודיש).

**רציחה, רציחות** — מאָרד. מלא

רציחה — צאָרניג. ס׳איז אַ רציחה!

רצען [ראצן], רצענים [ראצאָנים] — שוסטער.

רק [רק] — נאָר, תמיד, פאַרשטאַרקט: רק ואך, אך ורק (לויט במדבר יב ג)

רקידה = ריקוד.

רקיעה (בראשית א ו) הימל. כזוהר הרקיע (דניאל יב ג) — ווי דער גלאַנץ פון הימל.

רקק [רעקעק] — זומף. לויתן בחכה הועלה מה יעשו דגי רקק — ווען דער לויתן איז געפאַנגען אין נעץ, וואָס זאָלן מאַכן די קליינע פישעלעך? (תלמודיש).

רשום [ראשום] פאַרצייכענטער — (דניאל י כא). הרשום מטה — דער אונטערצייכענטער.

רשות — 1. מאַכט. אַריינפאַלן אין זיין רשות. שתי רשויות — צוויי געטער (תלמודיש). 2. אָרטשאַפט. רשות היחיד — פריוואַט באַזיצטום, רשות הרבים — עפנטלעכע אָרטשאַפט. 3. דערלויבנים, רעכט. געבן, נעמען רשות. ברשות בעל הבית — מיט דערלויבנים פון בעל־הבית. שלא ברשות — אָן דערלויבנים (תלמודיש).

רש״י = רבינו שלומה בן יצחק. חומש (גמרא) מיט רש״י. רש״י־כתב. די באַוואָרענעשן פון רש״י. זאָרג נישט, רש״י האָט שוין באַוואָרנט (אַלע קשיות). ער ווייסט, וואָס רש״י מאַכט. דרייט זיך ווי רש״י אין בהעלותך.

רשיון (עזרא ג ז) — דערלויבנים, אָן אַ באַזונדערן רשיון.

רשימה, רשימות — פאַרצייכנים.

רשכבה״ג = רבן של כל בני הגולה.

רשע ראָשע], רשעים [רשאָאים] — זינדיגער (דיפך: צדיק). אנטיוכוס הרשע, בלעם הרשע, המן הרשע, טיטוס הרשע, לבן הרשע, עשו הרשע. אין אדם משים עצמו רשע — אַ מענטש באַשולדיקט זיך ניט אַליין (תלמודיש). סופערלאַטיוו: רשע מרושע. נקיבה: רשיעה, מרשעת (דברי הימים ב׳ כד ז), רשעטע.

רשעות [רישעס] — בייזקייט. רשעת הגוים (דברים ט ה) —גוי׳שע רשעות. זאָגן מיט רישעות.

רתיחת הדם — דאָס זידן פון בלוט, די צאָרניגקייט.

רתחן [ראסכען] רתחנים [ראסכאנים] — צאָרניגע (תלמודיש).

## ש.

ש — דער ציינאונצוואַנציגסטער אות אין אלף בית. ש׳ = 300. ש (אין די קביעות) = שלומה, זע שין.

ש־[שע] — אין העברייאיש אַנ אות השימוש (פארקירצט פון „אשר“) — וואָס, למשל: שהלך, שיחיה, שלא, שלי, זע שב, של.

שאָ זע שעה.

שאגת אריה T (איוב ד י) — „דאָס שרייען פון אַ לייב“: א שאגת־אריה קול, א שאגר אריה (פון אַ שאַרפן קאָפּ).

שאול N. זוגם שאול בנביאים (שמואל א׳ י א) — איז אויך שאול צווישן די נביאים?

שאול תחתיה (תהלים פו יג) — דער אונטערשטער אָפּגרונד.

שאור שבעיסה — „דער זויערטייג וואָס איז טייג“ (תלמודיש אויף׳ן יצר הרע). ומי מעכב? שאור שבעיסה מעכב — ווער שטערט? — דער יצר הרע שטערט (תלמודיש).

שאינו יודע לישאול — „וואָס פאַר־

שטייט ניט צו פרעגן", אַ נאַר (סידור).

**שאינע** זע **הושענא**.

**שאלה** [שאילע], **שאלות** — אַ פראַגע (שופטים ח כד). פרעגן אַ שאלה בײַם רב. פסק'ענען שאלות. ער עסט ניט פון קיין שאלה (ד. ה. פון פראַגלעכן). שאלת חכם — אַ שאלה פאַר אַ חכם. שאלת חכם חצי תשובה — אַ שאלה פון אַ חכם איז אַ האַלבער ענטפער. שאלת נשים — אַ שאלה איבער פרויענגעלעגנהייטן. שאלות ותשובות (שו"ת T.

**שאר בשר** (ויקרא יח ו) — אַ קרוב. לאהובי שאר בשרי, לאהובתי שארת בשרי (אין בריוו).

**שאר ירקות** — „אַנדערע קרייטיכער" (סידור), צובאַהער. מיט אַלע שאר ירקות. זע ירק.

**שארית** (ישעיה מו ג) — דער רעשט. שארית ישראל (ירמיה לא ז). שארית הפליטה (דברי הימים א' ד מג — דער רעשט וואָס איז געראַטעוועט.

**שב**=[שעב] — „וואָס אין": שאור שבעיסה, ראשון שבגנבים. ארי שבחבורה. סופערלאַטיוו: גבר שבגוברין, ירוק שבירוקים, כלב שבכלבים, מובחר שבמובחר, פרימא שבפרימא. פאַרזעצט דאָס לעצטע שבלעצטע. ס'איז אַ גאָרנישט שבגאָרנישט. געווען שמעלקע שבשמעלקע מיטן פריץ.

**שבוי**, **שבויים** — (ישעיה סא א) — געפאַנגענער. פדיון שבויים — אויסלייזונג פון געפאַנגענע.

**שבוע**, **שבועות** (בראשית כט כו) — אַ וואָך. שבעה שבועות (דברים טז ט)— זיבן וואָכן. יום א' בשבוע—זונטיק.

**שבועה**, **שבועות** (במדבר ל ג) — אַ שוואוּר. שבועת שקר (זכריה ח יז), שבועת שוא — אַ פאַלשע שבועה. (תלמודיש). בײַ אים איז דאָס וואָרט ווי אַ שבועה. סופערלאַטיוו: שבועי שבועות.

**שבועות** (פון „שבוע" — אַ וואָך) — אַ יום טוב (במדבר כח כו). חג השבועות (דברים טז טז), א' דשבועות — דער ערשטער טאָג שבועות. קומט שבועות צו די בלינצעס. אַ שבועות'ל — אַ רויזעלע צו קלעפּן אויף די פענצטער אום שבועות.

**שבוש** זע **שיבוש**.

**שבות** — דאָס האַלטן שבת. אסור משום שבות — אסור ווײַל עס איז אַ חילול שבת. אין שבות במקדש— אין בית המקדש האָט מען שבת ניט געהאַלטן (תלמודיש).

**שבח** [שעוואַך ,שוואַך], **שבחים** [שוואָכים —לויב. שיקן שבח והוריה צום בורא בורא עולם. אָפּגעבן אַ שבח צום רבש"ע. דערציילן דעם שבח (די שבחים) פון עמיצן. אומרים מקצת שבחו של אדם בפניו וכולו שלא בפניו — אין די אייגן לויבט מען אַ טייל, הינטער די אויגן גאַנץ (תלמודיש).

I. **שבט** [שעיוועט], **שבטים** [שוואָטים] —1. רוט. שבט ברזל (תהלים ב ט) — אייזערנע רוט. תחת השבט (ויקרא כז לב) — אונטערן רוט. 2. שטאַם. שבט לוי (דברים יח א), שבטי ישראל (שמות כד ד). עשרת השבטים.

II. **שבט** [שוואַט] — דער פינפטער חורש אין יאָר (זכריה א י). חמשה עשר בשבט.

**שביה** (דברים כא יא) — געפאַנגענשאַפט. קינדער האָט ער גענומען אין שביה אַרײַן.

**שביעי** —דער זיבעטער (בראשית ב ב).

**שביעי דפּסח** (אָדער: של פּסח) — דער זיבעטער טאָג פּסח.

**שביעית** — די פּירות פון שמיטה־יאָר (תּלמודיש).

**שבירת לב** — הארץ יסורים, זע שבר.

**שביתה** — דאָס האַלטן שבת. שביתת כּלים, שביתת בּהמה (תּלמודיש). קונה שביתה זיין — באַשטימען אַן אָרט פאַר שבת.

**שבע רצון** (דברים לג כג) — זאַט מיט גליק", גליקלעכער.

**שבע** [שעווא] — זיבן. שבע יפּול צדיק וקם (משלי כד טז) — זיבן מאָל פאַלט דער צדיק און ער שטייט אויף. שבע בּרכות, שבע הקפות, שבע חכמות.

**שבעה** [שיווע] — זיבן (בּמדבר כג א). שבעה דברים בּגולם — זיבן אייגנ־שאַפטן האָט אַ גולם (תּלמודיש). שבעה טובי העיר — די זיבן בעס־טע פון שטאָט. שבעה ימים [יאָמים] — די זיבן ימים. „אויף אַלע שבעה ימים זיך צעלאָפן" (פּרץ). שבעה כּוכבי לכת — די זיבן פּלאַנעטן. שבעה מדורי גיהנם — די 7 קרייזן פון גיהנם. שבעה קרואים — די 7 אויפגערופענע (צו עליות אום שבת). זיצן שבעה, אבילות שבעה — די ערשטע 7 טעג אבילות. שבעה עשר זיבצען, שבעה עשר בּתמוז.

**שבעים** [שיווים] — זיבעציק (בּראשית נ ג). שבעים לשון (אָדער: שבעים לשונות) — 70 שפּראַכן. די תּורה איז גע־געבן בּשבעים לשון, בּשבעים פּנים — אויף 70 אַרטן. ער איז שוין דעמאָלט געווען אין די גוטע שבעים (פון אַנ־אַלטן).

**שבק חיים לכל חי** — „געלאָזט דעם לעבן פאַר אַלע לעבעדיקע", ד. ה. געשטאָרבן (תּלמודיש).

**שבקיה לרוויא דמנפשיה נפל** — לאָז דעם שיכּור'ן ער וועט אַליין פאַלן (תּלמודיש).

**שבר** [שעווער], **שברים** [שוואָרים] — 1. צעבראָכענס. שבר רגל או שבר יד (ויקרא כא יט) — אַ צעבראָכענער פוס אָדער אַ צובראָכענע האַנט. שבר כּלי [ש׳ווער־קעליע], שברי כּלים [שיווערקעלים] — אַ צעבראָכענע כּלי (תּלמודיש). אַ שבר־כּלי טאָר מען אין שטוב ניט האַלטן. ער איז שוין אַ שבר־כּלי, וועט ניט לאַנג ציען. שבר־לב [שיוורעלעוו ◡ ◡ —], שברות הלב, שבירת לב — הארץ־יסורים. האָבן שבר־לב פון עפּעס. עס איז אַ שבר־לב צוצוזען. 2. שברים — אַ שופר־מעלאָדיע (אין תּקיעות). 3. (אין חשבון) ⸗ תּשבורת, בּרוכטיילע.

**שבשתּא** [שאַבּעשטע] — אַ טעות. אגב (אָדער: לפי) חורפא שבשתּא — וויל עס איז פיין, איז געמאַכט געוואָרן אַ טעות. שבשתּא כּיוון דעל על — אַ טעות, וואָס איז געמאַכט, בּלייבט שוין (תּלמודיש). זע שיבּוש.

I. **שבת, שבתים, שבתות** [שאַבּאָסעס, שאַבּעסיעס] — (שמות טז כו). שבת בּראשית, שבת הגדול, שבת חול המועד, שבר חזון, שבת חנוכּה, שבת מברכין (העברייאיש: שמברכים), שבת נחמו, שבת קודש, שבת ראש חודש, שבת שובה, שבת שירה, שבת שקלים. סופּערלאַטיוו: שבת שבּתון (ויקרא טז לא). מוצאי־שבת, ערב שבת, שומרי שבת, שמירת שבת, תּחום שבת, שבת גוי. שבת היא מלזעוק — עס איז שבת, טאָר מען ניט טרווערן (תּלמודיש). מאַכן שבת פאַר זיך. דאָ וועט זי שוין האַלטן אַ סך שבתים. שבת נאָכן קאַלטן קוגל.

שבת נאָך דינסטיק. שבתות=צו=נאַכט [שאַבעיסע-נאַכט]. שבת'דיק, שבת'ניק (אַ לייכטער).

II. **שבת** [שעוועס] — „דאָס זיצן", דאָס נישט טוען. באַצאָלן ריפּוי ושבת (לויט שמות כא יט) (תלמודיש).

**שבתי** [שאַפסע], שבתל [שעפּסל, שעפּטל] N. שבתי=צבי N, שבתי=צבי'ניק.

**שגגה שגגות** (במדבר לה יא) — פאַר=זעען. זינדיגן בשגגה (ויקרא ד ב), היפך: בזדון, במזיד. זײַ בשוגג. כשגגה שיוצא מלפני השליט (קהלת י ה) — ווי אַ פאַרזעען פון אַ הערשער.

**שגעון** זע שיגעון.

**שד, שדים** (דברים לב יז) — טייוול. כאילו כפאו שד — ווי אַ טייוול וואָלט אים צווינגען. אַ שד'עכע זיצט אין איר. אָנגעטאָן שדים ווייסן וואָס.

**שדה** [סאָדע], **שדות** — פעלד. איש שדה (בראשית כה כז) — פון אַ יעגער. חית השדה (בראשית ב יח) — די חיות פון פעלד. שדה לבן — „ווייס פעלד", בעלאַצערקאָוו.

**שדוך** זע שידוך.

**שדי** [שאַדאי] — דער אַלמעכטיגער (בראשית יז א). דער „שדי" אין דער מזוזה.

**שדים** זע שד.

**שדיים** [שאַדאַים] — פרויענברוסט. (בראשית מט כה) יונקי שדיים (יואל ב טז) — זויגעדיקע קינדער. ברכת שדיים מעל (פאַראַדיע אויף בראשית מט כה).

**שדכן** [שאַדכן], **שדכנים** [שאַדכאָנים] — הייראַטספאַרמיטלער. אַ שדכן מיט אַ שלומפער. שדכנות. שדכנ'ען זיך צו עמיצן.

**שד"ר** [שאַדאר ◡ —], שד"רים — ראשי תיבות פון שלוחא דרבנן — אַ משולח צו זאַמלען געלט אויף אַ ישיבה, אויף ארץ ישראל וכדומה. (דער תרגום פון „שלח" איז „שדר").

**שדרא** [שעדרע] — רוקן=ביין אין חוט השדרא — ריקגראַט (תלמודיש).

**שה פזורה ישראל** (ירמיה נ יז) — אידן זײַנען ווי צעשטרייטע שאָף.

**שהות** זע שיהות.

**שהחיינו** [שעכעיאָנו] T. מאַכן אַ שהחיינו איבער אַ פּירה.

**שהי' פהי'** [שי - ע פי - ע] — תלמודיש פון אַ נישטיקן ענטפער. אַ תשובה מיט שהי' פהי', אָפּ'פּטר'ן, אָפּקומען מיט שהי' פהי' (דאָס תלמודישע: "בשהי' פהי'" ווערט פון רש"י דערקלערט אלס ראשי תיבות: „שבת היום פסח היום" — היינט איז שבת. היינט איז פסח און מיר טאָרן ניט אַרבעטן).

**שהיות** — רבים פון „שהייה" [שחי=יע] — פאַרצײַגערונג (תלמודיש). מאַך ניט קיין לאַנגע שהיות. זע שיהות.

**שהכל** T. מאַכן אַ שהכל [שאַקל] ד. ה. טרינקען בראָנפן „ווי דאָס (דער בראָנפן) איז אַ שהכל, אַז ס'איז פּע, חלשות" (אַ שבועה ביי מענדעלע).

**שהלך לעולמו** — וואָס איז אַוועק אין זײַן וועלט, ד. ה. געשטאָרבן. (סידור).

I. **שוא** [שאָוו] — אַ ליגן (תהלים יב ג). שוא ושקר. שבועת שוא — אַ פאַלשע שבועה (תלמודיש).

II. **שוא** [שוואָ, שעיווע], — פון די נקודות. שוא נח, שוא נע (אין דיקדוק).

**שואל** — 1. ער פרעגט (דברים י יב). שואל כענין ומשיב כהלכה — פרעגט צו דער זאַך און ענטפערט לויט געזעץ (תלמודיש). שואל עצה (בעצה) זײַן זיך מיט עמיצן. 2. ער לײַט.

ארבעה שומרין הן: שומר חינם
והשואל נושא שכר והשוכר — פאַר־
ראַן פיר טיפּן היטער: אַ שומר
חינם, אַ לייער, אַ באַצאָלטער און
אַ מיטער (תלמודיש).

**שו״ב** = שוחט ובודק.

**שובבי״ם ת״ת** = שמות וארא בא
בשלח יתרו משפטים תרומה תצוה,
סליחות צו שובבי״ם ת״ת.

**שובר** — אַ קוויטונג (תלמודיש).

**שוגג** — בלאָנדזשעט, מאַכט אַ טעות
(במדבר טו כח). בשוגג — בטעות
(היפך: במזיד). שוגג ומשגה
(איוב יב טז) — אירט און פאַרפירט
זע שוגה ומשגה.

**שוגה ומשגה** — אירט און פאַר־
פירט (איוב יב טז: שוגג ומשגה).

**שוד** — 1, גזילה. משוד עניים
(תהלים יב ו) חמס ושוד (עמוס ג י). 2.
אומגליק. שוד ושבר (ירמיה מח ג) —
אַנ־אומגליק און אַ בראָך.

**שוחדא דדייני** — די איינזעאונג פון
די ריכטער (תלמודיש).

**שווה** [שאָווע] — גלייך (בראשית יד יז).
a. במקח השווה — פאַר אַ פאַ־
סיגן פרייז. זי איז ניט שווה בשווה
מיטן אידים. דבר השווה לכל נפש
— אַ זאַך, וואָס פּאַסט פאַר אַלע־
מען. צד השווה — „די גלייכע
זייט". ד. ה. וואָס איז ביי אַלעמען
גלייך. גזירה שווה — „אַ גלייכע
באַשטימונג", אַנאַלאָגיע. שווה כסף
— וואָס איז ווערט אַ זילבערלינג.
שווה פרוטה — וואָס איז ווערט אַ
אַ פרוטה. פחות משווה פרוטה —
וואָס איז ווערט ווייניגער פון אַ
פרוטה (תלמודיש). זע משווה.

**שוחד** (שמות כג ח) — כאַבאַר. געבן,
נעמען שוחד. „ושוחד לא תקח" אינו
צריך לומר שוחד ממון אלא אפילו
שוחד דברים — דער פסוק „ושוחד
לא תקח" פאַרווערט ניט בלויז געלט־
כאַבאַר, נאָר אויך ווערטער־כאַבאַר
(תלמודיש).

**שוחט, שוחטים** — דער וואָס קוי־
לעט (בראשית כב י): שוחט עופות,
שוחט גסות, שוחט דקות — אַ
שוחט פאַר הינער, פאַר גרויס פי,
קליין פי. שוחט ובודק (שו״ב) זע
בודק.

**שוטה, שוטים** — אַ נאַר (תלמודיש).
חרש שוטה וקטן — אַ טויבער, אַ
נאַר און אַ מינדעריעריקער. שוטה
(אָדער שוטים) שבעולם — גרויסער
נאַר. אין מביאין ראיה מן השוטים
— אַ נאַר איז ניט קיין ראיה. יאבד
עולמו מפני השוטים — זאָל ער
ער פאַרניכטן זיין וועלט צוליב די
נאַראָנים? שוטה בחרוזים — אַ
שוטה אין גראַמען (אַ תלמודישער אויס־
דרוק, פאַראַרט אויף אַ דיכטער). בכור
שוטה (זע). שוטה בן פיקחאָלץ.
נקיבה: שוטה [שאָט—יע, שאָטכע], שטיות.
שוטה'וואַטע.

**שוטר, שוטרים** (שמות ה ו) — אויפ־
זעער (אין ארץ־ישראל: פּאָליציסט).
שופטים ושוטרים (דברים טז יח) —
ריכטער און אויפזעער.

**שוכב, שוכבים** — דער וואָס ליגט
(בראשית כה יג). שוכב עם בהמה
(לויט דברים כז כא) – וואָרטשפּיל.

**שוכן**—דער וואָס וואוינט (ישעיה יח ג).
שוכן עם טמאים טמא — דער
וואָס וואוינט מיט אומריינע איז
אומריין (תלמודיש). שוכן עפר, שוכני
עפר (ישעיה כו יט) — אַ געשטאָר־
בענער. ער איז שוין אַ שוכן עפר,
מחילה בעטן די שוכני עפר.

**שוכר** [סאָיכער], **שוכרים** — אַמיטער. השוכר את החמור — דער וואָס מיטעט אַנ־אייזל (תלמודיש).

**שולח, שולחים** — דער וואָס שיקט (איוב ה י).

**שולחן, שולחנות** [שולכאָנעס] — טיש. שולחן ערוך (יחזקאל כג א) — אַ גרייטער טיש. שולחן ערוך T. זוכן אין שולחן ערוך אַ היתר.

**שולט זיין** —הערשן, האָבן אַ שליטה. אין העין שולטת בהן — אויף זיי האָט ניט קיין שליטה אַנ־עין הרע (תלמודיש).

**שולל** — נעגירט, לייקנט. זע **שלילה**.

**שולמית** N.

I. **שום** — קנאָבל (במדבר יא ה). אוכל שום — ווער עס עסט קנאָבל. כקליפת השום — ווי קנאָבל־שאָ־לעכץ (פון אַ קלייניקייט),

II. **שום** — אַ נאָמען (דניאל ד ה), אַ אָנדייטונג, אין נעגאציאָנען: קיין שום תלמיד, בשום אופן, אָן אַ שום חשש, משום — פון וועגן.

**שומו שמים** (ירמיה ב יט) — „שטוינט, הימלען״.

**שומע** [שאָמעא] — דער וואָס הערט. זיי שומע, וואָס דער ערל איז מגיד! (פאַרשטעלטע שפּראַך).

**שומר, שומרים** (ישעיה כא יא) — 1. היטער. השומר אחי אנוכי (בראשית ד ט) — בין איך דער היטער פון מיין ברודער? נוצר פיו שומר נפשו (משלי יג ג) — ווער עס היט זיין מויל, היט זיין לעבן. שומר פתאים ה׳ (תהלים קמז ו) — גאָט היט קינ־דער. שומר ישראל (תהלים קכא ד) פון גאָט. ארבעה שומרין הן שומר חינם והשואל נושא שכר והשוכר— פאַראַן פיר טיפן היטער: אַנ־אומזוס־טער היטער, אַ לייער, אַ באַצאָל־טער און אַ מיטער (תלמודיש). שומר המת, די קאַץ איז געפגר׳ט! 2. שומר זיין — אָפּהיטן. זאָל גאָט שומר ומציל זיין. שומר־שבת, שומרי־שבת (ישעיה נו ג). שומר מיצווה (שמות כו ו). 3. זיין אַ שומר— דער־ביי זיין, כדי אָפּהיטן עמיצן פון אַ יצר הרע. „איר זיצן מיט אַ מאנס־ביל אָן אַ שומר, דאָס אַליין איז אַנ־עבירה״ (מענדעלע).

**שומרון** N. **שומרונים** (תלמודיש: כותים) N.

**שונא, שונאים** (דברים ד מב) — א פיינד. שונאי ציון (תהלים קכט ח), שונאי ישראל — אידישע פיינד. אַ וועלט מיט שונאים. אַזאַ יאָר אויף מיינע שונאים (אייפעמיסטישע קללה). אויף שונאי ישראל געזאָגט געוואָרן! דו וועסט נאָך, שונאי ישראל, דעם קאָפּ ברעכן. „פאַרוואָס ביזטו דארט נישט גע׳הרג׳עט געוואָרן, מיינע שונאים, ערגיץ אויפן באַן״ (שלום עליכם).

**שופט, שופטים** (רות א א) — ריכטער. שופטים ושוטרים (דברים טז יח) — ריכטער און אויפזועער. שופטים T.

**שופטני** [— ◡ ◡ ] אין אטו בשופטני עסקינן — האָבן מיר דען צו טאָן מיט אַ נאַר? (תלמודיש).

**שופך דם** (בראשית ט ו) זיין—„פאַרגיסן בלוט״, טויטן.

**שופכין** זע **קיתון**.

**שופר, שופרות** (תהלים פא ד) — האָרן צום בלאָזן. בלאָזן שופר. שופרו של משיח — דאָס שופר־בלאָזן אין משיח׳ס צייט (תלמודיש). איך זאָל אַזוי דערלעבן צו הערן שופר של משיח (אַ שבועה). שרעקט מיט שופרות, באַפּאַלט מיט חרמות. שופרות T

(פסוקים מיט דעם וואָרט „שופר״).
אַ שופר׳דיקע נאָז.

**שופרא** — שיינקייט. האי שופרא דבלי בארעא — די דאָזיגע שיינקייט וועט צעפוילן אין דער ערד (תלמודיש). סופערלאַטיוו: שופרא דשופרא (תלמודיש: שופרי שופרי).

**שוק** — לענד. שוק וירך (לויט שופטים טו ח). ברעכן — רוק און לענד. חזה ושוק (שמות כט כז) — ברוסט און שענקל.

**שוק, שווקים** (שיר השירים ג ב) — מאַרק, גאַס. אדם מן השוק — אַ מענטש פון גאַס. האוכל בשוק דומה לכלב — ווער עס עסט אין דרויסן איז געגליכן צו אַ הונט. יומא דשוקא — מאַרק־טאָג (תלמודיש).

**שוקל, שוקלים** — דער וואָס צאָלט שקל (תלמודיש).

**שור, שוורים** [שוואָרים] — אַן אָקס. שור נגח (שמות כא כט), שור המועד — אַ שטויסיגער אָקס. בכור שור (דברים לג יז) — אַ שטאַרקער בכור. שור הבר [שאָראַבאָר — ◡◡ ] — „פעלדאָקס״, אַ לעגענדארישער אָקס. „וואָס וועלן מיר עסן אויף דער סעודה׳ניו?? דעם שור הבר מיטן לויתן״ (ליד). גרויס ווי דער שור הבר. איינשלינגען דעם שור הבר. אויפעסן דעם שור הבר מיט די לאַפּציעס (אויף אַ פרעסער אָדער אַ הונגעריגן). כלחוך השור (במדבר כב ד), הומאָריסטיש אַנשטאָט: כעלות השחר (זע).

I. **שורה, שורות** — 1. אַ ריי (איוב כד יא). ג׳ שורות של ג׳ בני אדם — דריי רייען צו דריי מענטשן (תלמודיש). העומדים בשורה הפנימית — די וואָס שטייען אין די אינעווייניקסטע שורה. נחמת [נעכאָמעס] שורה—דאָס מנחם זיין נין השורות (תלמודיש). 2. געזעץ־אָרדענונג. שורת הדין — רעכטליניע. לפנים משורת הדין — איבער דער ליניע פון געזעץ, ד. ה. מער פאַרן געזעץ. המעשה זו שורת הדין, אשר יעשון זו לפנים משורת הדין — אין פסוק (שמות יח כ) באַדייט „המעשה״ די געזעצלעכע טאַט, „אשר יעשון״ וואָס מע טוט מער איידער דער געזעץ פאָדערט (תלמודיש). נוהג כשורה — ער פירט זיך אויף געזעצלעך. זע כשורה. אהבה (אָדער: שנאה) מקלקלת את השורה — ליבע (אָדער: האַס) פאַר־דאַרבט די אויפפירונג (תלמודיש). 3. אַ ציילע אין בוך. לייענען בין השורות. די אונטערשטע שורה — סך הכל, דער שפיץ.

II. **שורה** — „עס רוט״. די שכינה, דער רוח הקודש איז שורה אויף אים. די ברכה איז ניט שורה אויף אַ פגם כלי.

**שורוק** — פון די נקודות (אין דיקדוק).

**שורש, שרשים** [שאָרשים] — וואָרצל (מלאכי ג יט). עוקר מן השורש זיין — אויסוואָרצלען. משורש נחש יצא צפע (ישעיה יד כט) — פון אַ שלאַנג קומט אַרויס אַ ווייפּעראָטער. „וואָס הייסט אַ בינזעריער שורש: פון אַזאַ טאַטן אַ שאַ־לאַטאַן קאָן דען עפּעס אַרויסקומען רעכטס?״ (שלום עליכם). דער שורש פון פיינטשאַפט. דער־ציילען כל דבר שורש (אָדער כל שורש דבר לויט איוב יט כח) — גרינדלעך, איספירלעך.

**שושבין, שושבינים** — חתונה־פריינד, אונטערפירער (תלמודיש).

**שושן** N. שושן הבירה (אסתר א ב). שושן פורים.

**שושנה** N — ראָזע. כשושנה בין בין ההוחים (שיר השירים ב ב) — ווי אַ ראָזע צווישן דערנער. שושנת יעקב T.

**שותה, שותים** — טרינקט. אוכלים ושותים ושמחים (מלאכים א׳ ד כ) — עסן און טרינקען און פרייען זיך.

**שותף, שותפים** [שוטווים] — קאָמ־פּאַניאָן. שותף מה שעשה עשה — דאָס וואָס אַ שותף האָט גע־מאַכט איז געמאַכט (תלמודיש). שותף לסטים כלסטים — אַ חבר פון אַ גזלן איז ווי אַ גזלן (תלמודיש).

**שותפות** [שוטווּעס] — קאָמפּאַניע. שותפות מאַכן. בשותפות.

**שותק** זיין — שווייגן (תלמודיש). ער איז אַ שותק — אַ רענדל אַ וואָרט.

**שחוט**, נקיבה: **שחוטה** — געקוילעט. (ויקרא יד ו). שחוטי חוץ — וואָס איז געקוילעט פון אַ פרעמדן שוחט.

**שחוק**—געלעכטער. שפּיל (תהלים קכו א). שחוק וקלות ראש — שפּיל און לייכטזין (תלמודיש).

**שחור** [שאָכער], **שחורים** — שוואַרץ. (ויקרא יג לא). ים השחור. שחור על גבי לבן — שוואַרץ אויף ווייס. מרה שחורה — מעלאַנכאָליע (זע מרה). זימן שחורים ומצא לבנים— אָפּגעלייגט שוואַרצע און געפונען ווייסע (תלמודיש, פון א איבערראשונג). דער שחור — אַ נעגער (אין אמעריקע).

**שחט׳ן** [שעכטן] — קוילענען (ויקרא א ה).

**שחיטה, שחיטות** — דאָס שעכטן (דברי הימים ב׳ ל יז). שחיטה ובדיקה (זע). אסר׳ן די שחיטה׳ שחיטת עוף —דאָס שעכטן פון אַ הון.

**שחין** (דברים כח כז) — קרעץ.

**שחר** (בראשית יט טו). — מאָרגנשטערן. עד עלות השחר (בראשית יט טו) — ביז פרימאָרגן. געשפּילט אין קאָרטן ביז עלות השחר. כעלות השחר (שמואל א׳ ט כו) — אין דערפרי.

**שחרות** (קהלת יא י) — יוגנט. ימי השחרות — די יוגנט־טעג.

**שחרית** [שאַכרים] — 1. מאָרגנצייט. שינה של שחרית — מאָרגנשלאָף (תלמודיש). 2. תפילת שחרית — מאָרגנגעבעט. דאַוונען שחרית. בעל שחרית — ווער עס דאַוונט שחרית. רבים: שחריתים [שאַכרעיסים].

**שטופי זימה** — פאַרזונקען אין זנות (תלמודיש).

**שטות, שטותים** — נאַרעשקייט. דברי שטות. נכנס בו רוח שטות— עס אַריין אין אים אַ גייסט פון נאַרעשקייט (תלמודיש). קל וחומר של שטות — אַ נאַרישער קל וחומר. ער האָט זיך באַ׳שטות׳ט. שטות׳עריי.

**שטח** [שעטאַך], **שטחים** [שטחים] — אַ פלאַך. דער גאַנצער שטח פון גאַס איז באַדעקט מיט מענטשן.

**שטחי** [שיטכי] — אויבערפלעכלעך. שיטחיות — אויבערפלעכלעכקייט.

**שטיה** זע **שוטה**.

**שטן** [סאָטן] — טייוול (איוב א ו). הוא שטן הוא יצר הרע הוא מלאך המות — שטן, יצר הרע און מלאך המות איז אַלץ איינס (תלמודיש). כדי לערבב השטן, — כדי צו פאַרווירן דעם שטן (תלמודיש). שטן המשחית (סידור). מעשה שטן (מעשה ש״ט, שין־טית). השטן מקטרג בשעת הסכנה — דער שטן באַשולדיגט בשעת אַ סכנה (תלמודיש).

**שטר** [שטאַר] **שטרות** [שטאָרעס] — דאָקומענט (פון אשורית „שטר"-שרייבן) (תלמודיש). שטר חוב, שטר חליצה,

שטר חצי זכר (ד. ה. אַ העלפט מענלעכער חלק ירושה), שטר כתובה, שטר מכירה, שטר מכירת חמץ, שטר עיסקא. רבים: שטרי [שיטרע] חוב, שטרי חליצה א. א. וו. מצא שטר בין שטרותיו — ער האָט געפונען אַ שטר צווישן אַנדערע שטרות (תלמודיש). אבינו מלכנו מחוק כל שטרי חובותינו — מעק אויס אַלע אונזערע חובות (דערפון דאָס ווערטל: ער זאָגט שוין „אבינו מלכנו" אויף אַנ־אָנזעצער). מנין שטרות — די צייטרעכענונג אויף דאָקומענטן (פון יאָר 312). „ער (דער חתן) האָט נישט געוואָלט באַשטיין... אפילו אויף אַ שטר חצי זכר, אַז איבער 100 יאָר נאָך איר טויט זאָל ער נעמען ירושה די העלפט ווי אַ זכר" (מענדעלע).

**ש״י** [שאַי] = 310, יעדער צדיק באַקומט ש״י עולמות (תלמודיש). זע יש.

**שיבה** (תהלים עא יח) — אַלטקייט. מפני שיבה תקום (ויקרא יט לב) — פאַר אַנ־אַלטן זאָלסטו אויפשטיין. בשיבה טובה (בראשית טו טו) — אין אַ גוטן עלטער. והורדתם את שיבתי ביגון שאולה (בראשית מב לח) — איר וועט ברענגען מיין עלטער מיט אומעט אין קבר אַריין.

**שיבולת שועל** — האָבער (תלמודיש).

**שיבוש, שיבושים** — 1. פעלער, גרייַז (פון „שבש" פאַרפּלאָנטערן, דניאל ה ט). אין לך שיבוש גדול מזה — ניטאָ קיין גרעסערער פעלער (תלמודיש). 2. געקויפט, אַוועקגעגעבן פאַר אַ שיבוש געלט (ד. ה. פאַר אַ קלייניקייט). זע שבשתא.

**שיגעון, שיגעונות** (דברים כח כח) — משוגעת. אין מאָמענט פון שיגעון. אַ געוואַלטיגער בעל שיגעון. זע משוגע. „אַלע אַנדערע מאַנקאָליעס. שיגעונין, שטותעריַיען" (מענדעלע).

**שידוך, שידוכים** — פאַרלאָבונג. פאַרטיי. אַ גלייכער שידוך. שידוך בלייבט שידוך. רעדן אַ שידוך. זיך צעגאַנגען דער שידוך. ס׳וועט דיר צום שידוך ניט שאַטן. שטיין אין שידוכים. אַ גוטער שידוך! (ד. ה. אַ געשעפט).

**שיהות** (תלמודיש). מאַך ניט קיין לאַנגע שיהות. זע שהיות.

**שיווי זכיות** — גלייכבאַרעכטיגונג.

**שיור** [שי־יור] — רעסט (תרגום פון „שארית"). אין לנו שיור רק התורה — איינס איז אונז איבערגעבליבן — די תורה (סידור).

**שיחיה** — „וואָס זאָל לעבן" (ביי נעמען פון מענער). מאיר שיחי׳ — מאיר־לעבן (אין בריוו). זע שתחיה.

**שיחה. שיחות** — שמועס (איוב טו ד). אל תרבה שיחה עם האישה — שמועס ניט צופיל מיט אַ פרוי. שיחה קלה — אומוויכטיגער שמועס. שיחת חולין — וואָכעדיקער שמועס. שיחת חולין של תלמידי חכמים צריכה תלמוד — די וואָכעדיקע רייד פון תלמידי חכמים מוזן געלערנט ווערן (תלמודיש).

**שיחרור** — באַפרייאונג פון אַ שקלאַף. שטר שיחרור, שיחרורי עבדים (תלמודיש).

**שיטה, שיטות** — 1. צייל. ליניע. בראש השיטה, באמצע השיטה — אין אָנהייב, אינמיטן פון דער צייל (תלמודיש). 2. מעטאָדע. מוחלפת השיטה — די מעטאָדע איז פאַרביטן (תלמודיש). שיטת התלמוד —

תלמודישע מעטאָדע. על פי שיטתו — לויט זיין מעטאָדע.

**שייגעץ**־פּאראידישטער וואָרט „שקץ" (זע).

**שייך** [שאַיעך] — 1. געהערט (תלמודיש). זה היכל שייך לדניאל בר׳ שלומה. „ווער עס איז ניט שייך צו חברה, זאָל אָפּטרעטן!" (דער אויסרוף בשעת קבורה, מען מיינט די סטרא אחרא). וואָס איז שייך דעם ענין. 2. אָנ־שטענדיק, פּאַסיג. לא שייך למימר — ניט פּאַסיג צו זאָגן (תלמודיש). ווי איז שייך, אַז משה׳לע זאָל דינען? שייך צי זאָגן אַנ־אָרעמאַן — ממש געשטאָרבן פון הונגער. אַז דאָס פאָלק וויל מיך. איז דאָס ניט שייך (ד. ה. זיך אָפּצוזאָגן).

**שייכות** — פאַרהעלטענים. עס שטייט אין שייכות... זע שייך.

**שיימע** זע שם.

**שיירא** [שאַיאָרע], **שיירות** — קאַראַ־וואַן (תלמודיש).

**שיכור**, **שיכורים** (שמיאל א׳ כה לו) — — באַטרונקען. איך בין נאָך דער־ווילע ניט שיכור. נקיבה: שיכורה, שיכור׳טע, שיכור׳לאַך, שיכור׳ניק, שיכור׳ן.

**שיכחה** — 1. פאַרגעסענעם. לקט שיכחה ופאה (תלמודיש). 2. פאַר־געסלעכקייט. אין שיכחה לפני כסא כבודך — ניטאָ קיין פאַרגעסן ביי גאָט (סידור). של של שיכחה.

**שיכרון** (יחזקאל כג לג), **שיכרות** — באַטרונקענהייט.

**שילה** N.

**שילוח הקן** — די מיצווה פון דברים כב ו—ז (תלמודיש).

**שילמ׳ען** זע שלמ׳ען.

**שילשול** — דורכפאַל. שילשול דם — אַ געוויסע קראַנקהייט. „ער איז געשטאָרבן בחולי שילשול דם, בר מינן" (פון אַ גביית עדות אין 1650).

**שימוש** — באַדינונג. שימוש חכמים, שימוש תלמידי חכמים — דאָס לערנען ביי געלערנטע (תלמודיש). אות השימוש — (אין דיקדוק) אַנ־אות וואָס געהערט ניט צום יסוד פון וואָרט.

**שימחה** — 1. פרייד. ששון ושמחה (תהליט נא י)). שמחה וששון, טאַנצן פאַר שימחה. מלא שימחה. א שימחה אויף מיר, אויף מיין באָבען! בשימחה רבה (סידור) (פאַראָדירט בשימחה באַבע) שהשימחה במעונו (סידור) — וואָס די שימחה איז אין זיין וואָהנונג. וואָס איז מיט דיר די שימחה: שימחת יום טוב אייך! 2. שימחה, שימחות — אַ פריידיגע מאָלצייט. מאַכן אַ שימחה (נחמיה ח יב). פאַרשטערן די שימחה, בעל שימחה. מען זאָל גיין (טרינקען) אויף שימחות. שימחה של מיצווה. אין מערבין שימחה בשימחה — מע מישט ניט צוזאַמען צוויי שימחות (תלמודיש). 3. שימחת תורה — דער נאָמען פון אַ יום טוב. ס׳איז ווי אַ שימחת תורה אָן בראַנפן. שימחת בית השואבה — א אילו־מינאַציע אין בית המקדש (תלמודיש). „די שימחת־בית השואבה־נעכט אין בית־המדרש אין קלויז, ווי מען איז מכבד מיט אַ פסוק פון אתה הראית, פון שיר המעלות און נאָך איטלעכן שיר המעלות זינגען און טאַנצן גרויס און קליין, אַלע אינאיינעם. מען איז זיך מתיר אַפילו נעמען דענסטמאָל אין מקום קדוש אַ קאַפּעלע משקה" (מענדעלע). אייפימיסטיש: פרייד. שימחות אנשטאָט א לוויה.

**שין** — דער נאָמען פון אות ש מיט אַ פונקט אויף'ן רעכטן קעפל; ש מיט אַ פונקט אויף'ן לינקען קעפל הייסט „סין".

שין ימנית, שין שמאלית—אַ רעכ־טער, לינקער שין. שין של תפילין — דער שין אויף די תפילין. פתח שין — שאַ. אייפעמיסטיש: דער שין־דלת = שד. דער שין־טית = שטן. מעשה שין־טית. שין מם קוף = Schmock (אין פוילישן אידיש אומאַנ־שטענדיג). ווייטערע אייפרמיזמען „שין מם קוף": שמואל מרדכי קלמן, שבת מקרא קודש).

**שינאה** זע שנאה.

**שינה** [שעינע] — שלאָף (משלי ו ד).

שינה של שחרית — מאָרגנשלאָף. שינה בשבת תענוג — דער שבת־שלאָף איז אַ פאַרגעניגן. שינה אחד משישים במיתה — דער שלאָף איז אַ זעכציגסטער טייל פון טויט (תלמודיש.)

**שינוי, שינוים** — ענדערונג. שינוי מקום, שינוי שם — די פאַרענדע־רונג פון אָרט, פון נאָמען. שינוי וסת תחילת חלי מעיים — די ענ־דערונג פון געוואָהנהייט איז דער אָנהייב פון מאָגן־ליידן (תלמודיש).

זע משנה I.

**שיעבוד** [שיבעד] — פאַרשקלאַפונג. משיעבוד לגאולה — פון פאַר־שקלאַפונג צו פרייהייט (סידור). שיעבוד מיצרים, שיעבוד מלכיות — דער גלות פון מצרים, פון די מלוכות. זע משועבד.

**שיעור** — 1. מאָס. דברים שאין להם להם שיעור — זאַכן וואָס האָבן נישט קיין מאָס (תלמודיש). עס האָט ניט קיין שיעור און קיין ערך. דאַנק־באַר אָן אַ שיעור. 2. לעקציע. „שכירות האָט אויך באַקומען אַ ראש ישיבה פאַר דעם זאָגן דאָרט אַלע פרימאָרגן, נאָכ'ן דאַווענען, אַ שיעור גמרא מיט מפרשים פאַרן עולם לומדים" (מענדעלע). שיעורי ערב, שיעורי שבת' (צו דעם דייטשן schier — „נאָענט, כמעט", האָט „שיעור" קיין שום שייכות ניט.

**שיפלות** — נידעריקייט. זע שפלות.

**שיפוע** — אָפּהאַנג, דער באַרג־אַראָפּ. זע משופּע.

**שיקול הדעת** — איבערלייגונג (תלמודיש).

**שיקסע** פאַראידישטער וואָרט „שקצה". זע שקץ.

**שיר, שירים** — א ליד (שופטים ה יב).

שיר ידידות (תהלים מח א) — ליד פון ליבע, שיר היחוד T, שיר הכבוד T, שיר המעלות T, שיר השירים T. די שמירה באַשטייט אין אַ פאָר שיר המעלות'ן. (אויך אין יחיד) אָנשרייבן אַ שיר המעלה. „פאַר־זאָרגן מיט אַ שיר המעלה, אַ דאָ־נאָסל הייסט עס" (מענדעלע).

**שירה, שירות** — אַ ליד (שמות טו א). שירה, שירת הים T. שבת שירה. פרק שירה T. שירות ותשבחות — לויבגעזאַנגען (סידור).

**שירות** [ישעירוס] — באַדינונג. זע למרת.

**שיריים** [שיראאים] — רעשטן (תלמודיש). די שיריים פון רבי'נס טיש.

**שישו ושימחו** — פרייט זיך (לויט איכה ד כא).

**שישי** —דער זעקסטער (בראשית א לא). די זעקסטע עלייה ביי קריאתהתורה' זיך שלאָגן איבער שישי.

**שישים** — זעכציק. שישים רבוא — 60×10'000 = 600,000. בטל

בשישים ווערן — צעגיין אין 60 טיילן (תלמודיש).

**שכבת זרע** — (ויקרא יט כ).

**שכונה, שכונות** — קווארטאל, נאכ־בארשאפט (תלמודיש).

**שכור** זע **שיכור.**

**שכחה** זע **שיכחה.**

**שכחן** [שאקכן], **שכחנים** (שאַקכאַנים) — א פארגעסער.

**שכחתי** (תהלים קב י) — „איך האב פארגעסן". עיקר שכחתי — דעם עיקר האב איך פארגעסן.

**שכיב מרע** [מרא] — „מרע" איז תרגום פון „חולה" — א קראנקער (תלמודיש).

**שכיח, שכיחין** — שכח איז תרגום פון „מצא" — געפינט זיך, בנמצא. שקרא שכיח קושטא לא שכיח — א ליגן איז דא, קיין אמת איז נישטא (תלמודיש). מילתא דלא שכיח לא גזרו ביה רבנן — איבער א זאך, וואס איז ניט בנימצא, האבן די לערער ניט באשטימט (תלמודיש). אנזעצן איז דארטן זייער שכיח.

**שכין** זע **סכין.**

**שכינה** — גאט. די שכינה האט זיך באוויזן צו משה רבינו, אויף אים רוט די שכינה, די שכינה איז אין גלות. די צדיקים אויף יענער וועלט זיינען נהנה מזיו השכינה — פון גאטס גלאנץ. תחת כנפי השכינה — אונטער די פליגלען פון גאט (סידור).

**שכיר יום** — טאג־ארבעטער (תלמודיש).

**שכירות** — דאס געצאלט: אריינ־טראגן שכירות פאר די דירה.

**שכל** [סעיכל] — פארשטאנד (דברי הימים א' כא יב). שכל אנושי — דער מענטשלעכער פארשטאנד. שכל הישר — דער גראדער פארשטאנד. א מיושבדיקער שכל, א קינדערשער שכל. קאפ גיב שכל! על פי שכל קרוב אל השכל. ס'ליגט זיך ניט אויפן שכל. זיך געכאפט צום שכל; געקומען צום שכל. שכל איז אַנ־אידעלע זאך, א גאטס זאך. ביזט א וואוילער יונג, ס'פעלט דיר נאר א ביסל שכל! דער שכל איז אים ניט אויסגעדארט, אויסגעריקנט, אויסגע־וועבט. דער שכל פון א בת כוהן (ווארטשפיל אויף ויקרא כא ט: „ובת כהן כי תחל לזנות"). „ער האט דאס אפגעארבעט שכל דיק" (שלום עליכם). 2. א חכמה, פאלן אויף א שכל. וואס איז דער שכל דערפון? פרעמדן שכל קריינקט מען אוים.

**שכם** N.

**שכן** [שאכן], **שכנים** [שכעינים] — 1. איינוואוינער (ישעיה לג כד), מיטער. נקיבה: שכנה [שכעינע]. „איטלעכע שכנה האט זיך איר ווינקעלע" (שלום עליכם). 2. נאכבאר. טוב שכן קרוב מאח רחוק (משלי כז י) — א נאענטער שכן איז בעסער פון א ווייטן ברודער. אוי לרשע אוי לשכנו — ווי צום רשע, ווי צום זיין שכן (תלמודיש). נקיבה: שכנ'טע, שכנה, שכנות.

**שכנות** [שכעינעס] — 1. מיטערשאפט: „גלייכער אין ווינקעלע אנ־אייגנס, איידער שלעפן זיך אין שכנות" (שלום עליכם). 2. נאכבארשאפט.

**שכנא** (שאכנע) N. „שכנא, וואס לויפסטו? — זאל מען מיינען, כ'האנדל".

**שכנגד** [שעקענעגעד] — „וואס אנט־קעגן". דער צד שכנגד. זע **כנגד.**

**שכר** [סכאר] — באלוינונג (במדבר יח לא). שכר אמירה — באלוינונג פאר זאגן, שכר בטלה — פאר ליידיגגיין,

שכר הליכה — פאַר גייִן, שכר טירחה — פאַר אַרבעט, שכר יום — פאַר דעם טאָג, שכר לימוד — פאַר לערנען מיט עמיצן, שכר מיצווה — פאַר די מיצווה, שכר עגלה — פאַר דעם וואָגן, שכר עשייה — פאַר דאָס טאָן. שכר ועונש אויף יענער וועלט. מיצווה און שכר גייען האַנד אין האַנד. מיצווה שמתן שכרה בצידה — אַ מיצווה, וואָס דעם שכר פאַר איר איז גלייך אָנגעגעבן (תלמודיש). זו תורה וזו שכרה — דאָס איז דער שכר פאַר תורה? שכר מיצווה בהאי עלמא ליכא — אַף דער וועלט איז ניטאָ קיין שכר פאַר מיצוות. דרוש וקבל שכר — לערן און באַקום שכר (תלמודיש).

**שכרות** זע שיכרות.

**של** [שעל] — פון (אַלס צייכן פון גענעטיוו, שיר השירים ג ז: „מטתו שלשלומה"): חיים של פרנסה, חסד של אמת, יין של פסח, שופר(ו) של משיח א. א. וו. של יד, של ראש — ד. ה. תפילין (תפילה) של יד, תפילין (תפילה) של ראש. וואַרפט מען אַראָפּ דעם של ראש דאַרף מען פאַסטן. אָפּליינגן דעם של ראש אָן אַ זייט (ד. ה. ניט קוקן אויף ביזיונות). שלי [שעלי ◡ —] — מיינס, שלך [שעלאָך, שעלכאָ ◡ —] — דיינס, שלו [שעלאָי ◡ —] — זיינס, שלה [שעלאָ ◡ —] — אירס. זע שלי.

**שלא** — „וואָס ניט". שלא בפניו — ניט פאַר אים אין די אויגן, שלא כדרך הטבע, שלא כדרכו, שלא כדרכה — ניט ווי געוויינטלעך. שלא כהוגן — ניט אָנשטענדיק. שלא לצורך — ניט נויטיג. שלא לשמה — ניט פאַר דער זאַך גופא, מיט אַנדערע כוונות, זע לשמה. שלא על מנת לקבל פרס — ניט פאַר געצאָלט (תלמודיש).

**שלג** [שעלעג] — שניי. וויים כשלג (ישעיה א יח).

**של"ה** = שני לוחות הברית T. סידור של"ה. דער של"ה הקדוש. **שלה שלו** זע של.

**שלווה** [שאַלווע] — רו. טוב פת חריבה ושלווה (משלי יז א) — בעסער טרוקן ברויט מיט רו. שלום ושלווה (לויט תהילים קכב ז). בשלווה (דניאל ח כה).

**שלוח מנות** זע שלח מנות. **שלוח הקן** זע שילוח הקן.

**שלוחו** — „זיין שליח". שלוחו של אדם כמותו — דער שליח פון אַ מענטשן איז ווי ער אַליין (תלמודיש). שלוחים — רבים פון „שליח". הרבה שלוחים יש למקום — גאָט האָט אַ סך שלוחים (שליח'ם). שלוחי מיצווה אינן ניזוקים — די שלוחים וואָס טוען אַ מיצווה, ווערן ניט געניזוק'ט (תלמודיש).

**שלום** [שאָלעם] — פריד (היפך: אום-שלום, מלחמה). שלום ושלווה (לויט תהילים קכב ז), שלום ושקט (דברי הימים א' כב ט) — פריד און רו. מפני השלום, מפני דרכי שלום, פון דרך שלום וועגן — צוליב פריד (תלמודיש). רודף שלום, רודף שלום'ניק (לויט תהילים לד טו) זע רודף. שלום ווערן מיט עמיצן. שלום-בית — הויז-פריד: זאָגן אַ ליגן פון שלום בית וועגן. דורש שלום זיין. שואל (ב)שלום זיין (לויט בראשית מג כז). לא תדרוש שלומם וטובתם (דברים כג ז) זאָלסט זיי ניט באַגריסן. אנשי שלומך

(ירמיה לח כב), אנשי שלומנו — דיינע, אונזערע פריינד. מלאכי השלום (ישעיה לג ז) — פרידנס-שלוחים. שלום-עליכם — אַ באַ-גריסונגס-פאָרמל. „שלום עליכם! — עליכם שלום!“ אָפּשטעקן (א) שלום עליכם. עליו השלום. שלום לעפרו — פון געשטאָרבענע. בשלום (שופטים ח ט) — אין פרידן, אָן אַ היזק. „לחיים טובים ולשלום!“ (אויף אַ „לחיים“!). שלום זכר — די באַגריסונג פון אַ זכר (פאַר דעם ברית).

**שלום** N, **שלומה** N. שלומה המלך. גיי שריי „אני שלומה!“ (לויט אַן-אגדה).

**שלומי אמוני ישראל** (שמואל ב׳ כ יט). — די פרימע. דערפון: אנשי שלומנו (זע שלום), די שלום-אקעס.

**שלומיאל** N. (במדבר א ו) (לויט דעם תלמוד האָט זיך אים געטראָפן א סך ניסים געווייַנטלעך, שלומיאל = שלימזל.

**שלוש** — דריי. (איוב מב מג). שלוש סעודות (העברייאיש: סעודה שלישית) — די דריטע סעודה אום שבת: מאַכן אַ גאַנצן שלוש סעודות (פאַראַדירט: שמאָלע סעודות). „אַ פראָסטער שלוש סעודות, נאָר אַן-ערלעכער מענטש“ (שלום עליכם). שלוש עשרה — דריי-צען: שלוש עשרה מידות T. שלוש רגלים זע רגל.

**שלושה** — דריי (בראשית ו י). שלושה שאכלו (תלמודיש) — דריי וואָס האָבן געגעסן (הומאָריסטישע איבערזעצונג: ער עסט פאַר דרייען). שלושה דברים (תלמודיש). — דריי זאַכן (הומאָריסטיש שלושה דברים איז צוויי זאַכן). זע על שלושה דברים.

**שלושים** — דרייסיג (שופטים יב ט). אבילות שלושים אָדער סתם שלושים — טרויער פון 30 טעג נאָך אַ טויטן. לאחר שלושים — נאָך די 30 טעג. ז׳ איז שוין איבער שלושים: זי מעג שוין הערן קלעזמער (וואָרטשפּיל).

**שלושת ימי הגבלה** — „די דריי טעג אָפּגרעניצונג“, דריי טעג פאַר שבועות (לויט שמות יא—יב).

**שלח-לך** T.

**שלח-מנות** [שאַלאַך-מאָנעס] — פּורים-געשאַנק (פון „משלוח מנות“ אסתר ט יט). געשיקט דורך די קאַץ שלח-מנות. זע מנה.

**שלחתי** (בראשית כז מז) — 1. האָב איך דיך געשיקט? 2. פאַראָדיע פון „סלחתי“.

**שלי** [שעלי ◡ — —] — מיינס. כולה שלי — דאָס גאַנצע איז מיינס (תלמודיש). שלי שלי ושלך שלך זו מידה בינונית ויש אומרים זו מידת סדום — „מיינס איז מיינס און דיינס איז דיינס“ — דאָס איז אַ מיטעלע מידה, איניגע זאָגן: די מידה פון סדום. שלי שלך ושלך שלי עם הארץ — „מיינס איז דיינס און דיינס איז מיינס“ — אַן-עם הארצות. שלי שלך ושלך שלך חסיד — „מיינס איז דיינס און דיינס איז דיינס“ — חסידות. שלי שלי ושלך שלי רשע — „מיינס איז מיינס און דיינס איז מיינס“ — די מידה פון אַ רשע (תלמודיש). „האָב איך אַראָפּגעכאַפּט פון מיר הוואָלענע זאָקן שלי“ (מענדעלע, אַ בריוו). זע של.

**שליח** [שליאַך], שלוחים — דער וואָס איז געשיקט, אַ באָטע. שיקן אַ שליח מיוחד. שליח מיצווה זע שלוחים. שליח ציבור — אַ חזן (פאַראָדירט: שליח ציבעלע).

**שליחות** — באַטשאַפט, מיסיע. ער טוט זיין שליחות בשלימות. אין מלאך אחד עושה שתי שליחות — איין מלאך (באָטע) טוט ניט קיין צוויי שליחות.

**שליט״א** — 1. =שיחיה לימים טובים אמן (אַ ברכה פאַר אַ רב). 2. אַ רבי. דער באָריסאָווער שליט״א.

**שליטה** — מאַכט. אַ שליטה אויף עמיצן. זע שולט.

**שלילה** — פאַרניינונג, נעגאַציע. אי־דיש האָט אַ טאָפּעלע שלילה, למשל: ער איז ניט קיין נאַר. בשלילה — מיט פאַרניינונג, נעגאַטיוו (היפך: בחיוב — פּאָזיטיוו).

**שלימה** — נקיבה פון „שלם" — גאַנץ (דברים כה טו), פולקאָם. רפואה שלימה — אַ גאַנצע היילונג (סידור). שנה שלימה („ש" אין די קביעות) — אַ יאָר פון 355 טעג. זע שלם.

**שלימות** [שלעימעס] — פולקאָמהייט. קונה שלימות זיין — זיך פאַרפול־קאָמען. קומען צו אַ שלימות. בשלימות — פולקאָם: דורכפירן די אויפגאַבע בשלימות.

**שלימזל** (schlimm + מזל) — וואָס האָט ניט קיין מזל. דרייט זיך אַרום ווי אַ שלימזל. אַ שלימזל מיט עסיק. שלימזל'ניק שלימזל'ניצע, שלימזל־דיק. שלים־שלימזל. זע מזל.

**שליש** — 1. דער דריטער (אין בוררים־געריכט, ביי אַ פּיקדון פון צוויי צדדים וכדומה). (תלמודיש). „לאָמיך, כפי השליש־צעטל נעמען די סחורה" (מענדעלע). זע השלשה, משליש. 2. (ביי מענדעלען: = של י״ש): „דער שמש האָט טאַקע געבראַכט אַ קוואַרט בראַנפן־שליש מיט קוכלעך".

**שלישות** — די מידה אָדער די זאַך, דער שטר פון אַ שליש.

**שלישי** — דער דריטער (בראשית א יג). ער האָט געקויפט שלישי (ר. ה. די דריטע עלייה ביי קריאת התורה). שלישי בשלישי, שני בשלישי פון (קרוב'עשאַפט).

**שלישית** — אַ דריטל (במדבר טו ו), שלישית־געלט = השלשה־געלט. זע שליש, השלשה.

**שלך** זע שלי. **שלכם** [שעלאכעם ◡ ◡ — ] — אייער. „הביטש שלי, וואָס איך האָב פאַרגעסן בהאלקירל שלכם" (מענדעלע, אַ בריוו).

**שלל** — זאַקרויב, פאַרמעגן. כמוצא שלל רב (תהלים קיט קסד) — ווי איינער וואָס געפינט פיל פאַרמעגן. עס האָט אָפּגעקאָסט אַ שלל [שלאל] מיט געלד.

**שלם** [שאָלעם] — גאַנץ. „ויבוא יעקב שלם (בראשית לג יח) — יעקב איז געקומען גאַנץ — שלם בגופו שלם בממונו שלם בתורתו" -- גאַנץ אין שייכות צום גוף צום געלט, צו זיין תורה (תלמודיש). חתן שלם — אַ קינד וואָס איז גע'מל'ט (תלמודיש). זע שלימה.

**שלמה** זע שלומה, שלימה. **שלמות** זע שלימות.

**שלמים** (ויקרא ג א) — אַ מין קרבן אין בית המקדש.

**שלמ'ען** [שילעמען] — באַצאָלן (ויקרא ה כד). זע משלם.

**שלשול** זע שילשול.

**שלשלת** (שמות כח יד: שרשרת) -- 1. אַ קייט. שלשלת היוחסין — גענעאַלאָגישע קייט (תלמודיש). 2. פון די טראָפּ־צייכנס. „אַ קוויטש מיט אַ צענגאָרנדיקן שלשלת" (מענדעלע). די

שלשלת פון אַ חתימה. „דער גאַנער
סאַפּעט... אויסקרימנדיק דעם האַלז
ווי אַ שלשלת“ (מענדעלע).

I. **שם, שמות** — 1. א נאָמען.
א) פון א מענטשן (בראשית ג ח). שם
רשעים ירקב (משלי י ז) — דער
נאָמען פון די רשעים וועט פאַרפוילן.
מה שמך (בראשית לב כח), מה שמיכם
[שמעיכם] — ווי איז דיין (אייער)
נאָמען? בשם — אין נאָמען, אָנ=
געבנדיק דעם נאָמען (שמואל א׳ כה ה).
בשם מרדכי (אסתר ב כב) — אין
נאָמען פון מרדכי. כל האומר דבר
בשם אומרו מביא גאולה לעולם —
ווער עס זאָגט א מאמר אין נאָ=
מען פון מחבר ברייננט די גאולה
(תלמודיש) מוציא שם רע — פאַר=
לוימדער (דברים כב יד). ב) פון גאָט.
פאָרט אייך געזונטערהייט בשם אלקי
ישראל (איכה ד ה). בשם (ויקרא כד יא),
שם הויה, שם המיוחד, שם המפורש,
שם שמים, חילול השם, קידוש השם
(זע). ג) געשריבענער נאָמען פון
גאָט: בעל שם, בעל שם טוב (בעש״ט).
**שמות** [שעימעס], יחיד: שעימע — אַלטע
ספרים=בלעטער (מיט גאָטס נאָמען).
ד) (אין דיקדוק): שם איש, שם דבר,
שם עצם פרטי. המן איז געוואָרן אַ
שם דבר (מע קען זאָגן: די המנ׳ס).
2. באַרימטהייט. האָבן אַ שם אויף
דער וועלט, שם׳ען. ער שם׳ט וויים
און ברייט פאַר דעם ערשטן חזן.—
זע בעל שם, השם, לשם, ימח שמו.

II. **שם** — דער בכור פון נח. בני
שם — סעמיטן.

**שמא** [שעמא] — טאָמער, אפשר. שמא
יקדמנו אחר — טאָמער וועט אַנ=
אַנדערער קומען פריער פאַר אים.
ברי ושמא ברי עדיף — פון „גע=
וויס“ און „אפשר“ איז „געוויס“ ביל=
כער (תלמודיש). קרא אתה בפיך שמא
שכחת או שמא לא למדת — לייען
אַליין, טאָמער האָסטו פאַרגעסן אָדער
ניט געלערנט (תלמודיש).

**שמאי** [שאמאי] N. בית שמאי.

**שמאל** [סמאָיל] — די לינקע האַנד
(בראשית מח יג). ניט אָפּקערן זיך ימין
ושמאל (במדבר כ יז). ער ווייס ניט
בין ימינו לשמאלו (יונה ד יא). שמאל
דוחה וימין מקרבת — די לינקע
פאַרשטויסט און די רעכטע דערנענ=
טערט (תלמודיש). שין שמאלית —
אַ סין.

**שמד** [שמאַד] — דאָס טויפן זיך. פאַר=
טרייבן אין שמד, נאָכגעבן די שמד.
שמד׳שטיק, שמד=קאָפּ. גע׳שמד׳טער
האַלז, גע׳שמד׳טע קישקע, אָפּגע׳=
שמד׳טע משקה. „שמד“ אין תנ״ך —
פאַרטיליגן (אסתר ג ו), אין תלמוד — אָפּ-
פאַלן פון דת: בשעת השמד, גזירת השמד.
אויף אראַמייאיש „שעמד“ — טויפן. זע
משומד.

**שמואל** N.

**שמונה עשרה** [שימענעסרע] — אַכצן, אַ
תפילה פון 18 ברכות. אויסגיין שמונה
עשרה, שטיין שמונה עשרה. ער
שטייט שמונה עשרה (ד. ה. ער
רירט זיך ניט).

**שמונים** — אַכציג (תהלים צ י). ער
איז שוין ביי די שמונים (פון אַנ=אַלטן).

**שמועה, שמועות** — בשורה, דער=
ציילונג (משלי טו ל). „ער האָט, כפי
השמועה, די חכמת הדאָקטאָריע גע=
לערנט ביי אַ ציגיינער“ (מענדעלע).

**שמועס** (פאַראידישטעד וואָרט: „שמועות“, גע=
ברויכט אַלס יחיד). שמועסן, אַנ=איינגע=
שמועסטע קריינק.

**שמור לי ואשמור לך** — „היט מיר

און איך וועל דיר היטן, do ut des (תלמודיש). (פאַראָדירט: שמיר לי און איך וועל דיר שמירן).

**שמורה** — אָפּגעהיט אין מצה שמורה (אויך אויסגערעדט: מצה שמירה, פּאַראָדירט: מצה שמערגע). „היט זיך, להבדיל, ווי אַ שמורה'ניק, בשעת ער גיט אַ בּיס, עס זאָל, חלילה, קיין בּרעקל נישט אַראָפּפאַלן" (מענדעלע).

**שמות** T זע שם.

**שמח בחור בילדותך** (קהלת יא ט) — פריי זיך, בחור, מיט דיין יוגנט.

**שמח** [סאָמעאַך] — דער וואָס פרייט זיך. שמח לאיד (משלי יז ח) — דער וואָס פרייט זיך אויף יענעמ'ס צרה. עין בוכה (בוכיה) ולב שמח — דאָס אויג וויינט און די האַרץ פרייט זיך.

**שמחה** זע שימחה.

**שמיטה** (דברים טו א) — דאָס זיבּעטע יאָר. שנת השמיטה. איין מאָל אין אַ שמיטה.

**שמים** (בראשית א א). — 1. הימל. עד לב השמים (דברים ד יא) — ביזן סאַמע הימל. שומו שמים (ירמיה ב יב) — שטוינט הימל! 2. (אייפעמיסטיש) גאָט. ירא שמים — אַ פרומער. (זע ירא). יראת שמים — פרומקייט (זע יראה). הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים — אַלץ איז אין גאָטס האַנד אַחוץ פרומקייט. (תלמודיש). מן השמים — פון גאָט: אנגעצייכנט מן השמים, אַ ברכה מן השמים, אַ גזירה מן השמים, אַ נס מן השמים, אַ שלאַק מן השמים. מלכות שמים — גאָטס מלוכה. עול מלכות שמים — די לאַסט פון מיצוות (תלמודיש). שם שמים — גאָטס נאָמען. לשם שמים — פון גאָטס וועגן.

**שמיני** — דער אַכטער (דברי הימים א' כז יא). שמיני עצרת (דברי הימים ב' ז ט) — דער אַכטער טאָג סוכות. שמיני בשמיני (פון אַ ווייטן קרוב, קאַטאָוועס).

**שמינית** — אַנ־אַכטל. שמינית שבשמינית — אַנ־אַכטל פון אַנ־אַכטל (אויף אַ קלייניקייט). תלמיד חכם צריך שיהא בו אחד משמיני שבשמינית גאווה — אַ תלמיד חכם מוז האָבן אין זיך אַ ביסעלע גאווה (תלמודיש).

**שמיעה** — דאָס הערן. אינה דומה שמיעה לראייה — דאָס הערן קען מען נים פאַרגלייכן מיט דעם זעען (תלמודיש). חוש השמיעה — דאָס געהער.

**שמיר** (יחזקאל ג ט) — אַ לעגענדאַרישער וואָרעם, מיט וועלכן שלמה המלך האָט געשניטן די שטיינער פאַרן בית המקדש. משחרב בית המקדש בטל השמיר — מיטן חורבן יהמ"ק איז פאַרשוואונדן דער שמיר (תלמודיש).

**שמירה** — היטונג (תלמודיש). שמירת שבת — דאָס אָפּהיטן דעם שבת. מצה־שמירה (= מצה שמורה, זע), שמירה־מעל אויף מצות. אַ שמירה פון אַ גוטן אידן (א קמיע, אַ שיר המעלות וכדומה), אונטער אַ שטאַרקער שמירה פון פאָליציע. „ווען נישט די ציצית, די מזוזה און קריאת שמע, די די דאָזיקע דריי גוטע שמירות..." (מענדעלע).

**שמן זית** (שמות כז כ) — בוימל.

**שמע ישראל** T. ווערן אַ נגיד אין איין שמע ישראל.

**שמע קולנו** T.

**שמעו** (איוב לד ב) — הערט. שמעו

נא, רבותים — הערט, איך בעט אייך, רבותים!

**שמעון** N.

**שמעיה** [שמאיע] N. שמעיה בעל פרנסה, פאַרהאוועט. פאַר'שמעיה'ט (אידיש: פאַרשמאַיעט). „וואָס איז דאָס פאַר אַ סחורה, וואָס וואַקסט ביי דיר אַזוי גע'שמעיה'דיק" (שלום עליכם).

**שמעתי** (ירמיה לא יח) — איך האָב געהערט. שמעתי מאחורי הפרגוד — איך האָב געהערט פון הינטער דעם פאָרהאַנג (תלמודיש).

**שמץ** [שעמעץ] — אַ ביסל. שמץ דבר (איוב כו יד) — אַ קלייניקייט. שמץ פסול — אַ קליינער פעלער (תלמודיש). ניטאָ דאָרט אַ שמץ חניפה, אַ שמץ פון אמת.

**שמרים** (ישעיה כה ו) — הייוון.

I. **שמש** (בראשית לז ט) — די זון. אין כל חדש תחת השמש (קהלת א ט) ניטאָ קיין נייעס אונטער די זון. עד שלא כבתה שמשו של עלי זרחה שמשו של שמואל — עס איז נאָך ניט אונטערגעגאַנגען עלי'ס זון און עס איז שוין אויפגעגאַנגען שמואל.ס זון (תלמודיש) בין השמשות = בין הערבים (שמות טז יב) — אינאָוונט.

II. **שמש** [שאַמעס], **שמשים** [שאַמאָסים] — דינער, שול=דינער. אַריינשיקן דורך דעם בראָדער שמש. שלאַטן=שמש (אָדער: שילאַטן=שמש). אין אַ „פאסטנאַכטשפיל" פון 15=טן יאָרהונדערט ("Ein spil von dem herzogen von Burgund") קומען פאָר דריי רבנים און אַ schallat-jud אדער schalatz-jud, א מין שמש ביי די רבנים. נקיבה: שמש'טע. שמשות. זע משמש.

**שמשון** N. שמשון הגיבור, שמשון'ס גבורה.

**שמשות** זע שמש I.

**שמתא** [שאמטע] — איינע פון די דריי אַרטן חרם (נח"ש): נידוי חרם שמתא (תלמודיש).

**שן** [שען], **שיניים** [שינאאים] — צאָן. שן תחת שן (שמות כא כד) — אַ צאָן פאַר אַ צאָן. כחומץ לשיניים (משלי י כו) — ווי עסיק פאַר די ציין. שיני רשעים שברת (תהלים ג ח) — די ציינער פון די רשעים האָסטו צעבראָכן. אַרויסגיין בשם ועין (ד. ה. מיט גאָרניט) (תלמודיש). זע בשן.

**שנאה** (במדבר לה ז) — פיינדשאַפט, האַס. תכלית שנאה שנאתים (תהלים קלט כב) — איך האָב זיי זייער פיינט, איך האָב זיי פיינט בתכלית השנאה. קנאה=שנאה (קלאַנגשפיל, לויט קהלת ט ו). השנאה מקלקלת את השורה — האַס פאַרדאַרבט די אויפפירונג (תלמודיש). שנאת הבריות, שנאת חינם, שנאת מות — פיינדשאַפט פון לייט, אומזיסטע פיינדשאַפט, טויט=פיינדשאַפט (תלמודיש).

**שנדר** [שענאָדער] — „וואָס האָט מנדר געווען". בעבור שנדר — ווייל ער האָט מנדר געווען (סידור), געקויפט פאַר אַ הונדערטער מזומן מיט אַ שנדר אויף שפּעטער, ווען גאָט וועט העלפן. שנדר'ן — מנדר זיין דורך אַ מי שבירך.

**שנה** [שאָנאָ], **שנים** [שאָנים] — יאָר. שנה בשנה (דברים טו כ) — יערלעך. ראש השנה (יחזקאל מ א) — דער אָנהייב פון יאָר. אין די קביעות: ח — שנה הסרה, כ — שנה כסדרה, פ — שנה פשוטה, ש — שנה שלימה: גע=

ווען ביי אים ב׳ שנים, ווי אין די שנים קדמוניות (מלאכי ג ד: כשנים קדמוניות) — ווי אין די פריערע יאָרן, ניט קיין מזומנים, ניט קיין שיין פנים, אָבער אַ סך שנים. זע שנת.

I. **שני** (יהושע ב׳ ד) — צוויי. שני הפכים בנושא אחד — צוויי עקסטרעמען אין איין סוביעקט (רמב״ם).

II. **שני** בראשית א ח) — דער צווייטער. יום שני — מאָנטאָג. שני וחמישי ושני (בה״ב) — מאָנטאָג, דאָנערשטאָג און מאָנטאָג זע בה״ב. שני בשני (שוועסטערקינד), שני בשלישי (פון קרוב׳עשאפט).

I. **שנים** [שנאאים] — צוויי (יהושע ב א). שנים שנים (בראשית ז ט) — צו צוויי. שנים אוחזים בטלית — צוויי האַלטן אַ טלית (דער אָנהייב פון אַ מסכתא). שנים מקרא ואחד תרגום — צוויי מאָל דעם טעקסט און איין מאָל דעם תרגום (תלמודיש)

II. **שנים** — רבים פון שנה.

I. **שנת** [שנאס] — יאָר פון... שנת בצורת (ירמיה יז ח) — יאָר פון טרוקנהייט. שנת החמה — זון־יאָר, שנת הלבנה — לבנה־יאָר, שנת העיבור — עיבור־יאָר (פון 13 חדשים).

II. **שנ׳ת** אין מתוקה שנת העובד (קהלת ה יא) — זיס איז דער שלאָף פון דעם וואָס אַרבעט.

**שנית** (בראשית כב טו) — צווייטנס: ראשית בין איך מודיע... והשנית... (אין בריוו).

**שעבוד** זע **שיעבוד**.

**ש״ס** [שאַס] = ששה סדרים (ד. ה. די זעקס טיילן תלמוד). רבים: ש״סים, ש״סן. קלאָר אין ש״ס. קליין ש״ס — קאָרטן (הומאָריסטיש).

**שס״ה** = 365. שס״ה לאווין — 365 פאַרבאָטן, שס״ה גידין — 365 אָדערן.

**שעה** [שאָ], **שעות** [שאָעס] אויך **שעה׳ן**, — 1. אַ שעה האָט 1080 (תתר״פ) חלקים. אַ שעה אויף׳ן זייגער, אַ זייגערנע שעה, אַ שעה פאַר שול־קלאַפּן, אַ שעה נאָך ליכטבענטשן, ס׳זאָל שוין זיין אַ שעה נאָך דעם. קיין בּאַרוטע שעה האָט מען ניט. 2. מזל. השעה משחקת לו — דאָס מזל לאַכט צו אים (ד. ה. ער האָט גליק). אין לך אדם שאין לו שעה — יעדער מענטש האָט אַמאָל גליק (תלמודיש). די שעה זאָל ניט זיין; אין אַ גוטער שעה צו רעדן, אין אַ בייזער צו פאַרשווייגן. אַ בייזע שעה אויף אים (אַ קללה). אין אַ מזל׳דיקער שעה. 3. אויגנבליק, ווײַלע. יפה שעה אחת בתשובה בעוה״ז מכל חיי העוה״ב — איין ווײַלע תשובה אויף דער וועלט איז בעסער פון׳ם גאַנצן לעבן אויף יענער וועלט (תלמודיש) לפי שעה — אויף אַ ווײַלע. חיי שעה — ס׳לעבן אויף אַ ווײַלע. מניחים חיי עולם ועוסקים בחיי שעה — זיי פאַרלאָזן דאָס אייביגע לעבן און באַשעפטיגן זיך מיט דעם פאַרגייענגלעכן לעבן (תלמודיש). זע שעת, בשעת.

**שעורים** (יחזקאל ה ט) — גערשטן.

**שעטנז** (דברים כב יא), — מישגעוועבס פון וואָל און פלאַקס. ביידע צוזאַמען זיינען זיי שעטנז וכלאים. „ווי קומט צו אייך אַזאַ שעטנז" (מענדעלע).

**שעיר לעזאזל, שעיר המשתלח**

(ויקרא טז כו). זיין אַ שעיר לעזאזל (ד. ה. אַ כפרה־הינדל). זע כפרה.

**שעכטן** — פאַראידישט פון שחט'ן.

**שעקאָך** זע יישר כוח.

**שער** [שאַר] — 1. טויער (בראשית כג י). מודיע זיין בשער בת רבים (לויט שיר השירים ז ה) — עפנטלעך געוויינטלעך אין רבים: שערי [שארע] — די טויערן פון... שערי שמים — די טויערן פון הימל (ד. ה. צו גאָט). שערי דמעות לא ננעלו — די טויערן פון טרערן ווערן ניט געשלאָסן (תלמודיש). 2. קרייז, פאַרזונקען אין מ״ט שערי טומאה — אין 49 קרייזן טומאה. 3. טיטל־בלאַט פון אַ בוך (פון דעם טויער מיטן פסוק „זה השער להי'“, וואָס מען פלעגט מאָלן אויף'ן טיטל בלאט אין די ערשטע דרוקן).

**שערה** [סאירע], שערות — אַ האָר (שופטים כ טז). רבו משערות ראשי (תהלים סט ה) — מער איידער האָר פון מיין קאָפּ. כחוט השערה — ווי אַ האָר (תלמודיש). שתי שערות — צוויי האָר (סימן בגרות אין תלמוד). כהררים התלוים בשערה — ווי בערג וואָס הייגנען אויף אַ האָר (תלמודיש).

**שערוריה** (הושע ו י). שערוריות — שרעק, פאַרווירונג, שלעכטס.

**שעת** [שאס] — די שעה פון... תהא השעה הזאת שעת רחמים — זאָל די שעה זיין אַ שעה פון רחמנות (סידור). שעת חכושר — פּאַסיגע צייט. שעת רצון — צייט פון גוטן ווילן. שעת הדחק שאני — אַ צייט פון נויט איז אַנדערש (תלמודיש). זע שעה, בשעת.

**שפה** [סאָפאָ] — שפּראַך. שפה אחת (בראשית יא א) — איין שפּראַך. שפה ברורה (צפניה ג ט) — קלאָרע שפּראַך. בשפה רפה — מיט אַ שוואַכע שפּראַך. מן השפה ולחוץ — נאָר פון מויל (ניט אין האַרצן). זע שפת.

**שפוך חמתך** T.

**שפחה, שפחות** (בראשית טז א) — דינסט. שפחה חרופה (זע). שפחה כנענית.

**שפיכות** (אָדער: שפיכת) דמים — מאָרד. זע שופך דם.

**שפיר** [שאַפּיר] — שיין, גוט. שפירי ירושלים — די אַריסטאָקראַטן פון ירושלים (תלמודיש).

**שפל** [שאָפל], **שפלים** [שפלים], נקיבה: שפילה [שפעילע], שפלות — נידעריק, פאַראַכטעט (שמואל ב' ו כב). נבזים ושפלים (מלאכי ב ט). אַן־אומה שפילה, די שפל'סטע אומה, אַ שפל'דיקע מלאכה. בשפל המדריגה (שיר השירים ב יד: בסתר המדריגה) — אויף אַ נידעריגער מדריגה: „ווי די מעשה איז, דערוויל איז שפל“ (מענדעלע).

**שפלות** [שיפלעס] — נידעריקייט (קהלת י ח), שפלות של ישראל (תלמודיש).

**שפע** [שעפא] — איבערפלוס (דברים לג יט). ס'אַרא היות, ס'אַרא שפע! שפע־ברכה. אַ שפע־ברכה'דיקע לאַנד. ס'קאָכט די שפע. פרנסה בשפע.

**שפת** [ספאס] — 1. „די ליפּ פון“... שפת הים (בראשית לב יז) — די ליפּ (ד. ה. דער ברעג) פון ים. שפתותיהם דובבות בקבר — זייערע ליפּן באַוועגן זיך אין קבר (תלמודיש). 2. שפּראַך. שפת עבר — העברעיאיש. שפת לא ידעתי אשמע (תהלים פא ו) — אַ אומבאַקאַנטע שפּראַך הער איך. זע שפה.

**ש״ץ** = שליח ציבור — חזן, חורת

השי״ץ — די איבער׳חזרונג פון שמונה עשרה דורך דעם חזן.

**שק, שקים** (בראשית מב כה) — אַ זאַק. אַלס טרויער קלייד: שק ואפר (אסתר ד א).

**שקאַך** זע יישר כוח.

**שקאָץ** (יחיד פון שקצים, ווי „באָן" פון בנים) זע שקץ.

**שקדן** [שאקדן], **שקדנים** — פלייסיגער.

**שקול** [שאָקל], **שקולים**, נקיבה: **שקולה**, שקולות — 1. אָפּגעוואָגען. שקול ומנוי — געוואָגן און געציילט. 2. גלייכוועראטיג. שקול כנגד כולם (תלמודיש). 3. אין בית דין שקול — אַ בית דין טאָר, ניט זיין פון אַ גראָדע צאָל מיטגלידער (תלמודיש).

**שקט** [שעקעט] — רו אין שלום ושקט (דברי הימים א׳ כב ט), שקט ושלווה.

**שקידה** — פלייס.

**שקיעה, שקיעות** — דאָס זינקען. שקיעת החמה — זון־אונטערגאַנג (תלמודיש). פרייטאָג צו־נאַכט גלייך נאָך שקיעה. לוח השקיעות — טאַבעלע פון זונאונטערגאַנג.

**שקיצע** = שיקסע — פאראידישטער „וואָרט שקצה" זע שקץ.

**שקל** [שעקל, **שקלים** [שקאָלים] — (בראשית כג טו). מחצית השקל (שמות ל יג) — אַ האַלבער שקל. שקל־צאָלער. פאַרקויפן שקלים, פרשת שקלים T.

**שקלא וטריא** [שאקלעוועטאַריע] — תרגום פון „משא ומתן"—דיסקוסיע (תלמודיש). שקליה למטרפסה בהאי עלמא — ער האָט באַקומען זיין לוין אויף דער וועלט (תלמוד יש).

**שקץ, שקצים** (ויקרא יא יא) — 1. אַנ־אומריין און מיאוס באַשעפעניש. שקצים ורמשים (לויט יחזקאל ח י) סופערלאַטיוו: שקץ משוקץ. 2. **שקץ** [שייגעץ, שייגאץ ◡ —, שקאָץ („אַלס יחיד פון „שקצים" ווי באָן פון „בנים"), נקיבה: **שקצה** [שיקסע, שקיצע] — אַ גויאיִשער בחור, אַ חצוף (אַ גויאיש מיידל, אַ חצופה). „שעם דיך, פישקע, שייגעץ איך מיך אַליין אוים" (מענדעלע).

**שקץ תשקצנו** (דברים ז כו) זאָלסט עם פאַרעקעלן.

**שקר** [שעקער], **שקרים** [שקאָרים] — אַ ליגן (היפך: אמת). שקר וכזב, שוא ושקר. עד שקר (שמות כ טז), שבועת שקר (זכריה ח יכ) שקר אין לו רגלים (אָדער: שיקרא לא קאי) אַ ליגן באַשטייט ניט (תלמודיש). דובר שקרים (תהילים קא ז) — אַ ליגנער. שקרים און בילבולים.

**שקרן** [שאקרען], **שקרנים** [שאקראָנים] — ליגנער. שקרנות.

**שר, שרים** (שמות ב יד) — 1. האַר. שר האופים, שר המשקים (בראשית מ ב) — דער הויפּטבעקער, דער הויפּט־שיינקער. 2. אַ מלאך. שר אין הימל (דניאל י יג), שר של ים, שר של שיכחה, די שרי מעלה (תלמודיש). זע שררה.

**שרגא N** — ליכט. (אין קאָרטן) „האָט אייער פאַרטנער שרגא, זייט איר דאָך אוודאי אינדערהיים" (שלום עליכם).

**שרה N.**

**שרוי בצער, שרוים בצער** — זיינען אין צער (תלמודיש). זע שורה. שרי ליה מריה — זאָל אים גאָט מוחל זיין! שרי רחמנא להלל! (תלמודיש).

**שריד** (ישעיה א ט) — דער איבער־געבליבענער. שריד ופליט (יהושע ח כב) — וואָס איז ניצול געוואָרן

פון מלחמה. ניט געבליבן קיין שריד ופליט. והכל שריד וקיים — אלץ איז פעסט און זיכער (אין שטרות).

**שריפה, שריפות** (בראשית יא ג) — 1. בראַנד. 2. דאָס פאַרברענען. איינע פון די ארבע מיתות בית דין: סקילה שריפה הרג וחנק. דן זיין לשריפה.

**שרף** זע יין שרף. **שרפט** זע תרפ'ט.

**שרפים** (ישעיה ו ב) — מיני מלאכים. אופנים ושרפים וחיות הקודש ומלאכי השרת (תלמודיש).

**שרפ'ענען** [סאַרפענען] — ברענען. „פייער רויטע וואָלקנס שרפ'ענען ביים עק הימל" (מענדעלע) פאַרשרפ'נען.

**שרץ** [שערעץ], **שרצים** [שראָצים] — קריכ=טיר. די אַכט שרצים (ויקרא יא כט=ל): החולד והעכבר והצב והאנקה והכח והלטאה והחומט והתנשמת. כטובל ושרץ בידו — ווי איינער וואָס גייט טבילה מיט אַ שרץ אין האַנט (די טבילה רייניגט ניט) (תלמודיש).

**שררה** [סאָררע], **שררות** — האר (איינגנטלעך: הערשאַפט). ער איז עפּעס אַ שררה ביי די באָלשעוויקעס. לעבן ווי די שררות. שררה'סטע. „אָבער העמדער שררה'שע" (מענדעלע).

**שרת** [שאָרעס] — באַדינונג. כלי שרת (במדבר ד יב) — דינסט=כלים, אינסטרומענטן. מלאכי השרת — דינסט=מלאכים (תלמודיש).

**שש** [שעש], **ששה** [שישע] — זעקס (משלי ו טז). שש מאות — 600. אחת ושש — איינס און זעקס. (סידור). ששה סדרי משנה, ששה סדרים (ש"ס) — די זעקס טיילן פון משנה. זע ששת.

**ששון** [סאָסן] — פרייד (ישעיה יב ג). ששון ושימחה (תהילים נא י).

**ששי** זע שישי. **ששים** זע שישים.

**ששת** [שעישעס] — די זעקס. ששת ימים (שמות טז כו) — די זעקס טעג. ששת ימי בראשית — די ערשטע זעקס טעג פון דער וועלט. מששת ימי בראשית. ער איז אַ גנב פון ששת ימי בראשית.

**שתי** = שתחיה.

**שתדלן** [שטאַדלען], **שתדלנים** [שטאַדלאָנים] — כאָדאַטאַי. זע משתדל.

**שתחיה** [שעטיכ=יע] (שתחי', שת') — וואָס זאָל לעבן (ביי פרויענעמען). רבקה שתחי' (אין בריוו). זע שיחיה

**שתי וערב** (ויקרא יג מח) — אַ צלם.

**שתיה** [שטי = יע] — דאָס טרינקען. והשתיה כדת (אסתר א ח) — דאָס טרינקען לויט דעם געזעץ.

**שתיה'ן** [שאט - יען], **שת'קען** [שאַסקען] — טרינקען.

**שתים** [שטאַאים] — צוויי (מלכים א' ג טז). אחת ושתים — איינס און צוויי.

**שתיקה** [שטיקע] — דאָס שווייגן. יפה שתיקה לחכמים קל וחומר לטפשים — פאַר קלוגע איז גוט דאָס שווייגן, אַ פשיטא שוין פאַר נאַראָנים. שתיקתך (אָדער: שתיקותך) יפה מדיבורך — שווייגן איז פאַר דיר בעסער איידער ריידן. שתיקה כהודאה דמיא — שווייגן איז איינשטימונג (תלמודיש). „שתיקה עטץ! דער ערל איז מבין כל דברי" (פאַרשטעלטע שפּראַך).

**שת'קען** זע שתיה'ן.

# ת, תּ*)

**ת** דער לעצטער אות אין אלף־בית. קומט פאָר מיט אַ דגש [טאָוו] און אָן א דגש [סאָוו]. ת = 400. ת״ק = 500, תרפ״ט = 689, זע תיו.

**־תּא** — ענדונג פון לשון נקיבה אין תרגום לשון: גבורתא, יבשתא, מדינתא, מלכתא, פאַר־אידישט: טע: גנב׳טע, חזנ׳טע, שכנ׳טע, שמש׳טע, אויך: פויערטע א אנד.

**תּאווה** [טאייווע] — באַגערן (במדבר יא ד). בעל תאווה, בעל תאווה׳ניק.

**תּאומים** (בראשית לח כז) — צווילינג. מזל תאומים.

**תּאינה** (דברים ח ח) — פייגנבוים. עלה תאינה (בראשית ג ז) — פייגנבלאַט איש תחת גפנו ותחת תאינתו (איכה ד ד) — יעדער אונטער זיין ווייגשטאָק און אונטער זיין פייגנבוים.

**תּאמין** [טאַ־מין] — גלויב. יגעתי ומצאתי תאמין, זע יגעתי. מית חברך תאמין — „געשטאָרבן דיין חבר״, גלויב (תלמודיש).

**תּאמר** [טאָמער] — „וועסטו זאָגן״. תאמר אַזוי? תמר איז געווען אַ אי־דענע (וואָרטשפיל).

**תּאניה ואניה** (ישעיה כט ב) — אַ קלאָג:

**תּכה** זע תיבה.

**תּבוא עליו** (אָדער: עליהם) **ברכה** (לויט משלי כד כה) — זאָל קומען אויף אים (אָדער: אויף זיי) אַ ברכה (תלמודישע ברכה).

**תּבואה** (ויקרא כג לט) — געטריידע.

**תּבונה** — פאַרשטאַנד. אין חכמה ואין תבונה ואין עצה לנגד ה (משלי כא ל) — נימאָ קיין חכמה און קיין פאַר־שטאַנד און קיין עצה אַקעגן גאָט.

**תּביעה, תּביעות** — פאָדערונג, פרע־טענזיע. אַ תביעה אין בית דין, תביעות און טענות. זע תובע.

**תּביר** — (פון די טראָפ־צייכנס).

**תּבלה** [טוואלע] — „זאָלסט פאַרברויכן״. זע תתחדש.

**תּבלין** [טאַוולין] — געווירץ, צוטאַט.

**תּבן** [טעווען] — שטרוי (בראשית כד לב). תלמודיש: אין בר בלא תבן — קיין געטריידע אָן שטרוי. כשם שאי אפשר לבר בלי תבן, כך אי אפשר לחלום בלי דברים בטלים — ווי ס׳איז ניט מעגלעך קאָרן אָן שטרוי, אַזוי איז ניט מעגלעך אַ חלום אָן נאַרישקייטן. תבן אתה מכנים לעפריים — שטרוי פירסטו איין אין עפריים? (תלמודיש „עפריים״ אַ שטאָט מיט אַ סך שטרוי).

**תּבשיל** [טאַוושל], **תּבשילין** — גע־קעכץ (תלמודיש). ערוב תבשילין — „פאַרמישונג פון געקעכץ״ (ווען יום טוב פאַלט אויף פרייטאָג).

**תּג** [טאַג], **תּגין** [טאַגין] — די שטריכ־לעך אויף די אותיות ש׳ע׳ט׳נ׳ז ג׳ץ (פון „תגא״ — אַ קרוין). דער יחיד נאָר אין אידיש: תג. יעדער תג פון דער תורה — אַ געדאַנק, „דעם גייסטיגן גע־וועב פון פאָלק ישראל מיט אַלע תגין און פיטשעווקעס״ (מענדעלע).

I. **תּגר** [טאגער], **תּגרים** [טאגרים] — סוחר (פון תרגום־לשון). תגרי לוד — די סוחרים פון לוד. כך דרך התגרים — אַזוי איז דער שטייגער פון סוחרים (תלמודיש).

II. **תּגר** [טאגער] אין קורא תגר זיין — שרייען קאַראַאול.

---

*) אין אָנהייב וואָרט ווערט דער ת אין העב־רייאיש תמיד אויסגעשפראָכן מיט אַ דגש, ד.ה. תּ.

**תגרן** [טאגרען], **תגרנים** [טאַגראָנים] — סוחר (פון תגר I), תגרנות.

**תדבק לשוני לחיכי** (תהלים קלז ו) — זאָל מיין צונג זיך צוקלעפּן צום גומען.

**תדיר** [טאָדיר] — שטענדיק. תדיר ושאינו תדיר תדיר קודם — פון שטענדיקס און ניט שטענדיקס איז שטענדיקס בילכער. כל התדיר מחבירו קודם את חבירו — ווער ס'איז באַשטענדיקער, דער איז פריער (תלמודיש).

**תהום** (בראשית א ב) — אָפּגרונד. אַ טיפער תהום טיילט אונז אָפּ.

**תהילה** (תהלים כב כו) — לויב. תהילה לאל — געלויבט איז גאָט. תהילות ותשבחות — לויבגעזאַנג (סידור). תהילים T.

**תהלוכות** (נחמיה יב לא) — גיינג, פירעכץ. זיינע תהלוכות זיינען איצט אַנדערע:

**תהלים** (אָדער תהילים) T.

**תואר** אין יפה תואר, יפת תואר (זע) — אַ שיינהייט.

**תובע** [טאָוועא] זיין — פאָדערן. תובע בפה — ער פאָדערט מיט דעם מויל (ד. ה. אָפּן). תובע לדין — ער פאָדערט צום בית דין. תובע ונתבע — דער, וואָס פאָדערט, און דער, פון וועלכן עס ווערט געפאָדערט. דער בעל תובע אין בית דין. אשתו תובעת מזונות — זיין וויב פאָדערט אויף נעהרונג. ממון שאין לו תובעין — געלט וואָס קיינער פאָדערט ניט (תלמודיש). זע נתבע, תביעה.

**תוגר, תוגרים** — טערק, פון תוגרמה (בראשית יג) — טערקיי. „אַ מלחמה מיט דעם תוגר" (מענדעלע).

**תודה, תודות** (תהילים נו יג) — דאַנק. קרבן תודה (לויט ויקרא יז יב) — אָ דאַנק־קרבן. הכרת תודה — דאַנקבאַרקייט. תודות לאל — דאַנקן גאָט.

**תוהו ובוהו** (בראשית א ב.) — כאַאָס.

**תוהה על קנקנו** (תלמודיש). — „באַשמעקט זיין קרוג" צו וויסן, איז עס ווייַן אָדער עסיג ד. ה. פּראָבירט אים.

**תוחלת ממושכה** (משלי יג יב) — פאַרצויגענע האָפענונג (דער פסוק איז: תוחלת ממושכה מחלה לב).

I. **תוך** [טאָוועך] — מיטע, אין עמוד התוך (שופטים טז כט) — דער מיטעלער זייל.

II. **תוך** — 1. דאָס אינעווייניגסטע. תוכו אכול וקליפתו זרוק — דאָס אינעווייניגסטע עס און די שאָלעכץ וואַרף אַוועק. כל תלמיד חכם שאין תוכו כברו אינו תלמיד חכם — אַ געלערנטער אַ צבוע'ק („וואָס איז אינערלעך ניט ווי אויסערלעך") איז ניט קיין תלמיד חכם (תלמודיש). 2. אנשטאָט „בתוך". תוך כך — אינדעסן. תוך רגע — אין רגע. תוך כדי דיבור — אין די רייד, תיכף (תלמודיש). זע **בתוך**. 3. גרונט. תוך = זאַכן. אין תוך אַריין, אין תוך גענומען. זע **מתוך**.

**תוכחה** (הושע ה ט, — ◡ ◡) — די שטראָף־רייד, ד. ה. דברים כו טו—סח אויפרופן צו דער תוכחה. אויסלייענען אויסשיטן די גאַנצע תוכחה אויף עמיצן, אַ קללה פון דער תוכחה.

**תוכן** — אינהאַלט. תוכן העניינים — אינהאַלט־פאַרצייכענים. דער תוכן פון בוך. „ביידע (תלמוד־תורה'ס, הקדשים) מיט אַ ווירדיגן, הייליגן

נאָמען און מיט אַ אומווירדיגן, מיאוס פאַרשוועכטן תּוכן" (מענדעלע).

**(תּולדה), תּולדות** (בראשית ה א) — געשיכטע, אנטשטייאונג. אלה תולדות השמים (בראשית ב ד) אלה תולדות נוח (בראשית ו ט), אלה תולדות יעקב (בראשית לז ב), פאַראַדירט: אלה תולדות אידענע. תּולדותיהם כיוצא בהם — זייערע פּאָלגען זיינען גלייך צו זיי (תּלמודיש). תּולדות T.

**תּולה** — הייגגט, תולה זיין, תולה ארץ על בלימה (איוב כו ז) — די ערד הייגגט אויף גאָרנישט פּאַר ימים נוראים). תולה בדעת אחרים — ער איז זיך סומך אויף אַנדערע. תולה באילן גדול — ער איז זיך סומך אויף אַן־אויטאָריטעט (אין תּלמוד: אם בקשת ליחנק היתלה באילן גדול — ווען דו ווילסט זיך דערווארגן, הייגג זיך אויף אַ גרויסן בוים). תולה (אראמייאיש: תּלי) בה בוקי סרוקי — ער שרייבט אים צו זאַכן נים געשטויגענע (תּלמודיש).

**תּוֹמוֹ** אין מסיח לפי תומו — ער דערציילט נאאיוו, ד. ה. נים אינטערעסירט (תּלמודיש).

**תּומך** (תּהילים יז ה) — אונטערשטיצער.

**תּוספות** T. תּוספות יום טוב T.

**תּוספת** [טאָסעפעס] — צוגאָב. תּוספת תּוספת כתובה — די צוגאָב צו דער כּתובה. תּוספת מרובה על העיקר — די צוגאָב איז גרעסער פאַר דעם קרן (תּלמודיש).

**תּוספתא** T.

**תּולעת** [טאָלעס] — נוצן.

**תּוף** — אַ פּויק אין: בתוף ומחול (תהלים קנ ד), בתופים ובמחולות (שמות טו כ) — מיט פּויקן און טענץ.

**תּופס זיין** — 1. כאַפּן, באַגרייפן, האַלטן (פון „תּופש", בראשית ד כא). די אויערן קענען נים תופס זיין די טיפע חריפות זיינע, זע תּופש. 2. = תּפס'ענען, זע תּפוס.

**תּופשי התּורה** (ירמיה ב ח) — די וואָס האַלטן די תּורה.

**תּוקע** [טאָקעאַ], בעל תוקע — שופר בלאָזער, זע תּקיעה.

**תּוקף** (אסתר ט כט) — שטאַרקייט. בכל תוקף — מיט דער גאַנצער שטאַרקייט. ליתר תוקף — צוליב מער שטאַרקייט. ונתנה תוקף T.

**תּור** — רייע, אָטשערעד. ובהגיע תור אסתר (אסתר ב טו) — ווען עס איז געקומען אסתּר'ס אָטשערעד. בתור — אין דער אייגנשאַפט. בתור באַלעבאָס — ווי אַ באַלעבאָס (לויט דברים הימים א' יז יז: „כתור האדם המעלה").

**תּורה, תּורות** — 1. לערע. תורה אחת יהיה לאורח ולגר (שמות יב מט) — איין לערע זאָל זיין פאַר אַן־איינגעזעסענעם און פאַר אַ גר. תורה היא וללמוד אני צריך — עס איז אַ לערע און איך מוז לערנען (תּלמידיש). א גרויסע תּורה, מ'קען די תּורה (איראָניש). 2. לערע פון משה רבינו, תּורה T. וזאת התורה (דברים ד יד) — דאָס איז די תּורה. ספר תורה (נחמיה ח יח: תורת אלהים), זאת התורה אדם כי ימות באוהל (במדבר יט יד) — דאָס איז די תּורה: ווען אַ מענטש שטאַרבט אין אַ געצעלט (א פשט'ל). תורה שבכתב, תורה שבעל פה — די געשריבענע, די מינדלעכע תּורה, תּלמוד תּורה (זע).

תורה כולה אויף איין פוס (תלמודיש, זע כולו). מן התורה — לויט דעם דין פון דער תורה. זיצן על התורה ועל העבודה. 3. געלערזאַמקייט. תורה וגדולה במקום אחד — געלערזאַמקייט און גרויסקייט אין איין מענטשן. תורה מונחת בקרן זווית — געלערזאַמקייט ליגט אין אַ ווינקל (ד. ה. ווערט ניט געאַכטעט). תורה מחזרת על אכסניא שלה — די תורה קומט צו קינדער פון געלערנטע. זו תורה וזו שכרה—דאָס איז דער שכר פון געלערזאַמקייט? זע תורת.

**תורת** — 1. די לערע פון... תורת משה (יהושע ח לא) — די תורה פון משה (פאראַדירט: תורת לאָקשן). תורת אמת. 2. בתורת הלוואה, בתורת צדקה, בתורת עצה — אין דער אייגנשאַפט פון אַ הלוואה, פון אַ נדבה, פון אַ עצה. תורתם אומנתם — די תורה איז זייער באַשעפטיגונג. תורתנו הקדושה — אונזער הייליגע תורה.

**תושב, תושבים** (מלכים א' יז א) — איינוואָהנער. גר תושב (ויקרא כה מז). די שטאָט האָט איבער 100.000 תושבים. זע אזרח.

**תזריע** T.

**תחבולה, תחבולות** (משלי יב ה) — אַ חכמה, כיטראָסט. עצות ותחבולות פון די שונאים. „מען דאַרף געפינען עפּעס אַזאַ תחבולה, אַז הייסן זאָל עס ניט ביי מיר" (מענדעלע).

**תחום, תחומין** — תרגום פון „גבול" — גרענעץ. תחום שבת — אַ מהלך פון 2000 איל. עד כאן תחום שבת — ביז אַהער איז דער תחום שבת (תלמודיש). „אין וואַלד, אַקעגן אַ דריי תחום שבת'ן פון דער שטאָט" (מענדעלע). תחום המושב — די „טשערטאַ אָסעדלאָסטי" (אין רוסלאַנד):

**תחילה** — דער אָנהייב. בתחילה (בראשית יג י) —אין אָנהויב. כבתחילה (ישעיה א כו) —ווי פריער. לכתחילה, מתחילה — פון אָנהייב. תחילת (שמואל ב' כא ט) — אין אָנהייב. תחילת האָט מען זיי געבעטן. תחילת נפילה ניסה — דער אָנהייב פון אַ מפלה איז דאָס לויפן (תלמודיש).

**תחינה, תחינות** (מלכים א' ח לח) — געבעט, פרויען-געבעט. אַ תחינה פאַרן ליכט-בענטשן.

**תחייה** [טכי - יע] — אופלעבונג. תחיית [טכי - יעס] המתים — דאָס אויפשטיין פון די טויטע. אַזוי באַגראָבן, אַז ער וועט שוין קיין תחיית המתים ניט אויפשטיין. תחיית הלשון — דאָס אויפלעבן פון העברייאיש.

**תחנון** T, **תחנונים** (דניאל ט ג) — געבעט. מיט גרויס תחנונים איז עס אים געלונגען. פאַלן תחנון.

I. **תחת** (בראשית יח ד). — 1. אונטער. תחת השמים (קהלת א יג) — אונטער דעם הימל. ווי איך שטיי תחת השמים (אַ שבועה). אין כל חדש תחת השמש (קהלת א ט) — ניטאָ קיין נייס אונטער דער זון. תחת השבט (ויקרא כז לב, יחזקאל כ לז), תחת שבט הביקורת — אונטער קריטיק. תחת כנפי השכינה — אונטער גאָט'ס פליגלען. תחת יד פרעה (בראשית מא לה) — אונטער פרעה'ס האַנד. מאַכן תחת חרב. 2. פאַר. עין תחת עין (שמות כא כד) — אַן אויג פאַר אַן אויג.

**II. תחת** [טאַכעס]. תחתיער [טעיכעסער] — דער הינטערטייל (אחור, באלף מהילות). פאַררוקן אין תחת הגדול (קאַטאָוועס).

**תחתון** (יהושע יח יג) — דער אונטערשטער (היפך: עליון). זקן התחתון — די אונטערשטע באָרד תלמודיש). תחתונים — אונטערוועש. תחתוניות (תלמודיש) — מערידן.

**תחתיה** אין שאול תחתיה (תהלים פו יג) — טיף אין דר'ערד.

**תי** — די ענדונג פון דער ערשטער פערזאָן עבר: צחקתי (בראשית יח טו). לא פידלתי — איך האָב ניט געפידלט אַלס פאַראָדיע אויף „לא חפצתי", דברים כה ה, אָדער לא צחקתי). אהבתי, בקשתי, חטאתי, יגעתי ומצאתי, שכחתי, שלחתי.

**I. תיבה** (בראשית ו יד) אין נוח'ס תיבה.

**II. תיבה, תיבות** — אַ וואָרט (תלמודיש). ראשי תיבות — די ערשטע אותיות פון וואָרט. סיפי תיבות — די לעצטע אותיות פון וואָרט.

**תיו** [טאָוו] — דער נאָמען פון אות ת, פון אלף ביז תיו — פון אָנהייב ביזן סוף.

**תיכף** [טעיקעף] — באַלד, אָן אַ הפסק (תרגום פון „פתאום" א"ז „בתכף"). שלוש תכיפות הן, תיכף לגאולה תפילה, תיכף לסמיכה שחיטה, תיכף לנטילת ידים ברכה — פאַראַן דריי תיכף'ן: באַלד נאָך גאולה איז שמונה עשרה, נאָך סמיכה איז די שחיטה (פון אַ קרבן), נאָך הענט־וואַשן די ברכה (תלמודיש). פאַרשטאַרקט: תיכף ומיד. גיי תיכף ומיד, גלייך און שוין.

**תילי** תילים זע תל.

**תימן** N. תימנים, תימנ'ישע אידן.

**תינוק, תינוקות** — אַ קינד (תלמודיש). תינוקות של בית רבן — שול־קינדער. נקיבה: תינוקת.

**תיפלה** (איוב א כב) — אַלס פאַראָדיע אויף „תפילה" אין: בית תיפלה (אויף אַ קלויסטער), שוואַרץ תיפלה (בעלאָצערקאָוו). זע תיפלות.

**תיפלות** — עקלהאַפטעס. כל המלמד את בתו תורה כאילו מלמדה תיפלות — ווער עס לערנט זיין טאָכטער תורה, איז ווי ער וואָלט איר לערנען תיפלות (תלמודיש). רוצה אשה בקב ותיפלות משני קבין ופרישות — אַ פרוי נעמט בעסער איין קב מיט תיפלות איידער צוויי קבין מיט צניעות (תלמודיש).

**תיקו** [טעיקע] — „זאָל עס שטיין", בלייבט אַ קשיא (תלמודיש). אַנדערע דערקלערן „תיקו" אַלס ראשי תיבות פון „תשבי יתרץ קושיות ובעיות" — אליהו הנביא וועט דערקלערן קשיות און פראַגן.

**תיקון, תיקונים** — 1. פאַרבעסערונג. מפני תיקון העולם — צוליב פאַרבעסערונג פון דער וועלט (תלמודיש). י"ח תיקוני סופרים — די 18 אויסבעסערונגען פון די סופרים (אין תנ"ך). (תלמודיש). תיקון טעות — אויסבעסערונג פון אַ גרייז. 2. (אין קבלה): תיקון הנפש — די אויסבעסערונג פון דער נשמה, געבן אַ תיקון דעם גילגול. גיט אַ תיקון אין טיי (ד. ה. אַ שנאַפּס)! 3. פאַרשידענע עבודות: תיקון חצות, תיקון (ליל) שבועות, תיקוני שבת. פראַווען תיקונים. ער האָט געוואַכט אַ גאַנצע נאַכט, תיקון געזאָגט (פון אַ קאָרטנשפּילער). „דער קלענסטער חלק רעשטן קיכל און בראָנפן פון תיקון" (מענדעלע).

**תירוץ** [טערעץ], **תירוצים** [טרוצים] — דערקלערונג, אויסרייד. תירוץ מספיק — גענינגדע רערקלערונג. אויף יעדע קשיא איז דאָ אַ תירוץ. אָפּ׳פּטר׳ן מיט אַ סקאַרבאָוון תירוץ. אָפּקומען מיט ליאכטיריצקעס (ד. ה. מיט לייכטע תירוצים), קאָרמענען מיט תירוצים. בלי שום תירוץ, אונטער (אָדער: מיט) דעם תירוץ, אַ תירוץ פאַר דער באָבען (פאַר די בענטשליכט). „נאָר ס׳איז עפּעס אַ תירוץ?“ (שלום עליכם).

**תיש, תישים** (בראשית לב טו) — ציגנבאָק; אין גדיים נעשו תישים — „די ציגעלעך זיינען געוואָרן בעק“ ד. ה. זיינען אויסגעוואַקסען.

**תיתורא** — בריק. אין תיתורא דתפילין — אַ געוויסער טייל אין תפילין (תלמודיש).

**תכונה** — אַסטראָנאָמיע. (אפשר פארקירצט „תכונת השמים“ — די צורה פון הימל).

**תכלית** [טאַכלעת], **תכליתים** — 1. אויסגאַנג, סוף. תכלית שנאה (תהלים קלט כב) — די לעצטע שנאה (ד. ה. די גרעסטע). צו פאַרשטאַרקן: פיינט האָבן בתכלית השנאה, ס׳איז פשוט בתכלית הפשטות, מבטל זיין בתכלית הביטול. 2. גוטער סוף. פאַרזאָרגן דעם תכלית, וואָס איז דער תכלית? קומען צו אַ תכלית. בעל תכלית. זוכן תכליתים. קיין תכליתים האָט ער פון זיין געלט נישט געמאַכט. פאַר׳תכל׳עווען. תכלית׳דיק.

**תכלת** (שמות כח לא) — בלוי צייג. טלית שכולו תכלת זע טלית.

**תכנת שבת** T.

**תכסיסי מלחמה** — די קונסט צו פירן אַ מלחמה, טאַקטיק (תלמודיש). די פּאָליציי באַנוצט זיך מיט אַלע תכסיסי מלחמה. זע טכסים.

**תכריכים** [טאכריכים,] תכריכי המת — מת־קליידער (תלמודיש). שטאַרבן אין פרעמדע תכריכים, זאָל ער עס האָבן אויף תכריכים.

**תכשיט** [טאַכשעט], **תכשיטים** — צירונג. איינגעבן אַ תכשיט (ד. ה. אַ ספר תורה). (איראָניש) דער תכשיט האָט ווידער געכאַפּט פעטש.

**תכתב ותחתם** זע לשנה.

**תל** [טעל], **תילים** — אַ הויפן. תל עולם (דברים יג יז) — אַן־אייביגער הויפן שטיינער (פון אַ חורבה). מאַכן אַ אַ תל, ווערן אַ תל (אָדער: אַ תל עולם). תל־אביב (יחזקאל ג טו) N. על קוץ וקוץ תילי תילים של הלכות—פון יעדן שטריכעלע דרינגען גאַנצע הויפנ׳ס פון הלכות (תלמודיש).

**תלוי** [טאָלוי], **תלוים** — 1. דער געהאַנגענער (דברים כא כג). דער תלוי האָט מזל. 2. ספק׳דיק. אשם תלוי — אַ קרבן פאַר אַ הייגעדיקן (ספק׳דיקן) חטא. 3. אָפּהייניגיק. אהבה התלויה בדבר — אַ ליבע וואָס הייגט אָפּ פון אַ זאַך (ד. ה. אַ איינגניציגע).

**תלייה** [טלי־יע], **תליות** — 1. דאָס אויפהייגען. סוף גנב לתליה—דער סוף פון אַ גנב — צום אויפהייגען (תלמודיש). 2. געשטעל צום אויפהייגען. אַז מען דאַרף דעם גנב, שניידט מען אים פון דער תלייה. פון וואָסער תלייה האָסטו זיך אָפּגעריסן? הייגען אויף אַ תלייה.

**תליון** [טאליען], **תליונים** — דער וואָס הייגט אויף, קאַט.

**תלישא גדולה, תלישא קטנה** — פון די טראָפּ־צייכנס.

**תלמוד** [טאַלמוד] — 1. דאָס לערנען. ותלמוד תורה כנגד כולם — לערנען תורה איז העכער פון אַלץ. תלמוד מביא לידי מעשה — לערנען פירט צו טאָן. 2. דאָס געלערנטע. אשרי מי שבא לכן ותלמודו בידו—וואויל דעם וואָס איז געקומען אַהער מיט דעם געלערנטן (תלמודיש) תלמוד T. תלמוד בבלי, תלמוד ירושלמי. תלמוד׳יסט.

**תלמוד תורה**— א מין שול. תלמוד־תורה־אינגלעך.

**תלמיד, תלמידים** (דברי הימים א׳ כה ח) שילער. תלמיד וותיק — פלייסיגער שילער (תלמודיש). תלמידים שלא שימשו כל צרכם — שילער וואָס האָבן גיט גענוג געלערנט. תלמידיך אנו ומימיך אנו שותים —מירזיינען דיינע שילער און טרינקען דיין וואַסער (תלמודיש). תלמיד חכם, תלמידי חכמים — געלערנטער (אַנשטאָט: חכם). נקיבה: תלמידה, תלמידות.

**תלתא דפורענותא** — די דריי הפטורות (פון שבעת עשר בתמוז ביז תשעה באב).

I. **תם** [טאַם] — האָט זיך אויסגעלאָזט (בראשית מז יח). תם ונשלם — אויסגעלאָזט און פאַרענדיגט.

II. **תם** — 1. גערעכטער. יעקב איש תם (בראשית כה כז), תם וישר (איוב א א). רבינו תם N. שור תם (היפך: שור המועד) 2. נאַאיוו. אחד חכם ואחד רשע ואחד תם (סידור). זיצט ווי אַ תם. אַ תם׳עץ [◡—], זיצט און תם׳ט, מאַכט זיך אַ תם, תם׳עוואַטע.

**תמוז** [טאַמוז]—דער צענטער חודש אין יאָר. שבעה עשר בתמוז—אַ תענית. זי לאַכט, זי שיינט ווי די זון אין תמוז.

**תמול** == אתמול (שמות ה יד) — נעכטן, תמול שלשום (שמות ה ח), —„נעכטן־אייערנעכטן״, ד.ה. פריער.

**תמונה, תמונות**—בילד (שמות כ ד). תמונת אות — דאָס בילד פון אַ אות.

**תמות נפשי עם פלשתים** (שופטים טז כט) לאָמיך שטאַרבן מיט די פלישתים.

**תמחה** (דברים כה יט) — זאָלסט אויסמעקן.

**תמחוי** [טאַמכוי] — אַ שיסל, צדקה־שיסל. מי שיש לו מזון שתי סעודות לא יטול מן התמחוי — ווער עס האָט שפּייז פאַר 2 מאָלצייטן, זאָל ניט נעמען פון צדקה־שיסל (תלמודיש).

**תמיד** (תהלים טג ח) — שטענדיק. נר תמיד (שמות טז כ) — אַ שטענדיק ליכט. לחם התמיד (במדבר ד ז) — דאָס שטענדיק ברויט. קרבן תמיד (אָדער נאָר: תמיד, דניאל יא לא) — דער טעגלעכער קרבן. תמיד T. א סך לומרים לערנען „תמיד״ און וויסן „מכות״ (וואָרטשפּיל).

**תמידות** — שטענדיקייט. בתמידות— שטענדיק.

**תמייה** [טמי - יע] — פאַרוואונדערונג. בתמייה — פאַרוואונדערט.

**תמיכה, תמיכות** — אונטערשטיצונג.

**תמים** — 1. גאַנץ (יהושע י יג). שנה תמימה (ויקרא כה ל) — אַ גאַנץ יאָר. 2. גערעכטיקייט. באמת ובתמים (שופטים ט יט) — מיט אמת און גערעכטיקייט.

**תמימות** — נאַאיוויטעט. בתמימות,

תמימות'דיק — נאַאיוו, „ענטפּער'ט אָפּ בתמימות לעקאשיוואַטע" (מענדעלע).

**תמצית** [טאמצעס] — „וואָס ווערט אויסגעדריקט", עקסטראַקט. דם התמצית — דער רעסט בלוט (תלמודיש) דער תמצית פון דעם אַר־טיקל — דער עיקר, די עסענץ. „אַזוי ווי מיר האָבּן דאָ דערשמעקט אַ תמצית פון דער טאַקסע, זיינען מיר אייך מתיר נדר" (מענדעלע). „זיי נעמען בּאַ מיר אַרויס דעם דם התמצית" (מענדעלע).

**תמר** N.

**תנא** [טאנע], **תנאים** [טאנאָאים] — משנה־לערער, תלמודיסט. תנא קמא — דער ערשטער לערער, תנא בּרא — דער לערער פון בּרייתא(תלמודיש). איראָניש: דער תנא אונזוערער, אַ שיינער תנא בּרא (פּאַראָדירט: תנא־בּארטעק). תנאים ואמוראים.

**תנאי, תנאים** [טנאָאים] — 1. בּאַדינג. תנאי קודם למעשה — דער בּאַ־דינג איז פאַר דעם טאָן (תלמודיש). תנאי בּית דין — אַ תנאי וואָס איז זעלבּסטפאַרשטענדלעך. בּלי תנאי, על תנאי, בּתנאי. תנאים אויסנעמען בּיי עמיצן. 2. תנאים — פאַרלאָ־בּונג. מאַכן, שרייבּן תנאָים. 3. תנאים זע תנא.

**תנו רבּנן** — אונזערע לערער האָבּן געלערנט (תלמודיש). א תנו־רבּנן־קעפּל = אַ גמרא־קעפּל.

**תנועה, תנועות** — 1. בּאַוועגונג, זשעסט. מאַך ניט קיין פּוילע תנועות און זאָג בּאָם. 2. אין דיקדוק: וואָקאַל־צייכן, נקודה. תנועה גדולה, תנועה קטנה.

**תנחום** N.

**תנחומים** — טרייסט. כּוס תנחומים (ירמיה טז ז) — דער כּוס, וואָס מען גיט צו טרינקען די אבילים (תלמודיש).

**תניא** T.

**תנ"ך** [טאַנאַך ◡ —] = תורה נביאים כּתובים.

**תנצב"ה** = תהי נפשו צרורה בּצרור החיים (שמואל א' כה כט).

**תעודה, תעודות** — פּאַספּאָרט.

**תעלא בּעידניה סגיד ליה** — ווען אַ פוקס איז אויבּן אָן, — בּוק זיך צו אים (תלמודיש).

**תענוג, תענוגים** (משלי יט י) — פאַר־געניגן. זיך אָנטאָן אַ תענוג. אַ אי־דישער תענוג — אַ קילער תשעה בּאב. תענוגי עולם הזה.

**תענית** [טאָנעס], **תעניתים** [טאַנעיסים] — אַ טאָג פון פאַסטן (עזרא ט ה). תענית בּכורים, תענית חלום, תענית יחיד, תענית ציבּור. תענית מוקדם — אַ טענית פאַר דער צייט, תענית נדחה — א תענית נאָך דער צייט. אסתר־תענית. אַ געבּאָטענער, אַ גרינ־גער, אַ שווערער תענית. האַלטן תענית, פראַווען תעניתים.

**תערובות** [טאַרוּוועס] — געמישטע שפּייזן.

**תעתועים** [טאַטוּאים] אין: מעשים תעתועים (ירמיה י טו: מעשה תעתועים) — שטיפע־רייען, כוליגאַנסטווע.

**תפארת** (שמות כח יב) — 1. שיינקייט. תפארת ישראל T. כּבוד שמו תפארתו (כש"ת) — זיין הערלעכער שיינער נאָמען (אין בּריוו). דער תפארת פון דער שטאָט. 2. (פון די 10 ספירות) תפארת שבּחסד.

**תפּוח, תפּוחים** (שיר השירים ב ח) — תפּוח זהב (משלי כח יא) — אַפּעלסין. תפּוח אדמה — קאַרטאָפל.

**תפּוס** [טאָפּעס], **תפּוסים** — אַרעסטירט. „זיי זיצן תפּוסי" (פּרץ) זע תפּס׳ען, תפּיסה.

**תפוצות** (ירמיה כהה לב) — צעשטרייאונג, גלות. „ער מעג זיין אַ רב בכל תפוצות ישראל" (שלום עליכם), בכל תפוצות הגולה.

**תפילה, תפילות**—געבעט (מלכים א׳ ח לח). בית תפילה — (ישעיה נו ז). תפילה בלחש, תפילה בקול רם. תפילה זכה לויט איוב טז יז; פּאַראָדירט: תפלה זשאבע). תפילה בלא כוונה כגוף בלא(אָדער: בלי) נשמה — אַ געבעט אָן כוונה איז ווי אַ גוף אָן אַ נשמה. לשמוע אל הרינה ואל התפילה (מלכים א׳ ח׳כח) — צו הערן געזאַנג און געבעט. תפילה טאָן, זע תפילת.

**תפילין** [טווילם] — די „טוטפות" (פון שמות יג טז). תפילין של יד, תפילין של ראש, תפילין דרבנו תם. לייגן תפילין, תפילין־זעקל.

**תפילת** — די תפילה פון... תפילת הדרך, תפילת מוסף, תפילת מנחה, תפילת מעריב, תפילת נעילה, תפילת שבע, תפילת תשע, זע תפילה.

**תפיסה** — 1. אַרעסט, טורמע. זיצן אין תפיסה. זע תפּוס. 2. באַגריף, פאַרשטאַנד. „די שיינע תפיסה מיטן שיינעם זכרון" (שלום עליכם). זע תופס.

**תפל** (איוב ו ו) — אומגעזאַלצענס.

**תפּס׳ען, תפּס׳ענען** [טאפּסען, טאפּסענען] — אַרעסטירן. זע תפיסה.

תפסת מרובה לא תפסת, תפסת מועט תפסת — האָסטו אָנגעכאַפּט צופיל — איז ניט אָנגעכאַפּט, האָסטו ווינ אָנגעכאַפּט, איז אָנגעכאַפּט (תלמודיש).

**ת״ק** = 500. „סטאַמבול, נאַרעלע, חאָט ת״ק מאָל ת״ק גאסן, איטלעכע גאַס האָט ת״ק מאָל ת״ק 20־, 15־, אָדער אפשר 30־גאָרנדיקע הייזער"... (מענדעלע).

**תקוה** (רות א יב) — האָפנונג. יש תקוה לאחריתך (ירמיה לא יז) — פאַראַן פאַר דיר אַ האָפנונג. זע התקוה.

**תקומה** (ויקרא כו לז) — אויפשטייאונג. ער וועט שוין קיין תקומה ניט האָבן.

**תקופה, תקופות** (שמות לד כב) — 1. עפּאָכע. תקופת הגאונים, תקופת המשנה. 2. אין לוח: תקופת ניסן, תקופת תשרי.

**תקיעה, תקיעות** — דאָס שופר־בלאָזן, אַ שופר־מעלאָדיע. תקיעה גדולה. בעל תקיעה זע תוקע. גיין צו תקיעות, אַ תחינה פאַר תקיעות. זע תקיעת.

**תקיעת** — 1. דאָס בלאָזן פון... תקיעת שופר. 2. תקיעת כף — האַנדשלאַג, גאַראַנטיע דורך האַנדשלאַג (זע משלי יז יח). געבן (אַרויסנעמען) אַ תקיעת כף (אָדער: אַ האַנד־תקיעת כף). „גאַ דיר מיין האַנד תקיעת כף!" (מענדעלע).

**תקיף** [טאַקעף], **תקיפים** — מעכטיג (קהלת ו י), אַ תקיף ביי נאַטשאַלסטווע אַ גאַנצער תקיף, תקיפות. „די שפּראַך פון די דינסט־מיידן איז שוין היינט אַ גרויסע תקיפות" (בעל מחשבות).

**תקלה** [טעקאָלע], **תקלות** — שטרויכלונג. כל תקלה וכל קטטה (סידור).

**תקנה** [טאָקאַנע], **תקנות** — 1. פאַרבעסערונג. אין לו תקנה, יש לו תקנה — ער קען פאַרבעסערט

ווערן, ער קען ניט פאַרבעסערט ווערן. מפני תקנת השבוים, מפני תקנת בנות ישראל — צו פאַרבעסערן די לאַגע פון געפאַנגענע, פון די אידישע מעכטער (תלמודיש) 2. פאַראָרדנונג. תקנות עזרא. מה הועילו חכמים בתקנתם — וואָס האָבן געהאָלפן די חכמים מיט זייער פאַראָרד-נונג? די תקנות פון חברה קדישא.

**תרבות** [טאַרבעס] — דערציאונג. (זע במדבר לב טה) בני תרבות — דערצויגענע מענטשן (תלמודיש). האָבן תרבות פאַר עמיצן, דאָס איז קיין תרבות ניט, איך וועל דיר שוין תרבות לערנען. תרבות! (ווי: דרך ארץ!) אַרויסגיין לתרבות רעה, זיין בתרבות רעות (פון פאַרדאָרבענע קינדער). „נישט געזאָגט קיין אום'תרבות וואָרט" (מענדעלע).

**תרגום** [טאַרגום], **תרגומים**. — 1. איבערזעצונג. זע מתורגמן. 2. די אַראַמייאישע איבערזעצונג פון תנ"ך. תרגום אונקלוס, תרגום יונתן בן עוזיאל, שנים מקרא ואחד תרגום. תרגום-לשון — אַראַמייאיש. ס'איז עפּעס תרגום-לשון! „זאָגן דיעות אין זאַכן, וואָס זיינען פאַר זיי תרגום" (מענדעלע).

**תרומה** — 1. אַ מתנה פאַר די כהנים (במדבר יח ח). 2. T.

**תרועה**—דאָס שופר-בלאָזן (ויקרא כה ט), אַ שופר-מעלאָדיע, עד איז אַ יודע תרועה.

**תרופה, תרופות** — היילמיטל (יחזקאל מז יב).

**תרוץ** זע תירוץ.

**תרח** (בראשית יא כד) N. אַן-אַלטער תרח.

**תרי עשר** T.

**תרי"ג** [טאַריאַג ◡ ] — 613. תרי"ג מצוות. „עם לבן גרתי" מאַכט רש"י: ותרי"ג מצוות שמרתי (אַ וואָרטשפּיל „גרתי" אין בראשית לב ח).

**תרים, תריסין** — פּאַנצער. כתרים בפני הפורעניות — ווי אַ פּאַנצער קעגן שטראָף. בעלי תריסין — די געפּאַנצערטע (פון חכמים, תלמודיש).

**תרנגול** [טאַרנעגאָל ◡ ◡ —], **תרנגולים** — האָן. זה התרנגול ילך למיתה — דער דאָזיגער האָן גייט צום טויט (סידור). תרנגולת — הון. אתרנגול ותרנגולת חריב טור מלכא — צוליב אַ האָן מיט אַ הון איז חרוב געוואָרן טור מלכא (תלמודיש).

**תרעומות** [טאַרומעס]—תרגום פון „תלונות" — פּרעטענזיעס. האָבן תרעומות אויף עמיצן.

**תרפים** (בראשית לא יט) — געצקעס.

**תרפ"ט** [טאַרפּאַט ◡ —] — 689. (געוויינלעך אנשטאָט תתר"פ 1080). ער האָט געבראַכט תרפ"ט פּרטים (ד. ה. אַ סך). „אויף מיין אויסלייגעכטס האָב איך תרפ"ץ טעמים" (מענדעלע). „גלייך ווי זיי פאַרלירן תרפ"ט אלפים טאָ-לער". (מענדעלע). „עס איז ווערט אוודאי שרפ"ט אלפים טאָלער". „די גאַנצע שרפ"ט מיליאָנען" (מענדעלע).

**תשבורת** — ברוכטיילן (אין חשבון). זע שברים.

**תשבחות** (טישבאָכעס) — לויבגעזאַנג. שירים ותשבחות (סידור). „די פויגלען האָבן געזונגען שירה, די בינען גע-זשומעט תשבחות (פּרץ).

**תשובה, תשובות** — 1. ענטפער. (איוב כא לד). פאַראַן דאַרויף אַ תשובה. קיין תשובה איז אויך אַ תשובה. 2. חרטה. חוזר בתשובה

זיין, תשובה טאָן, נעמען אויף זיך אַ תשובה. בעל תשובה, בעל תשובה'ניק. במקום שבעלי תשובה עומדים צדיקים גמורים אין יכולים לעמוד — דאָרט וואו בעלי תשובה שטייען, קענען פולע צדיקים ניט שטיין (תלמודיש).

**תשועה, תשועות** — רעטונג (שמואל א' יא יג).

**תשוקה**—דאָס גלוסטן (בראשית ג טז). אַ תשוקה צו שרייבן.

**תשחית** זע **בל תשחית.**

**תשיעי** — דער נייטער.

**תשליך** [טאשלעך] — אַ מנהג צו ראש השנה (פון „תשליך" — „דו וועסט וואַרפן" אין מיכה ז יט). גייין צו תשליך.

**תשמיש** [טאשמיש] — דאָס באַנוצן. חנוכה־ליכט ברענען לשם מצווה, ניט לתשמיש. תשמיש המיטה — ביישלאָף, ביאה. תשמישים, תשמישי קדושה — געברויך־זאַכן.

**תשעה** (במדבר בט כו) — 9, דער נייַנ־טער טאָג (ויקרא כג לב). תשעה באָב.

**תשעים** (בראשית ה ט) — 90.

**תשקצו** זע **בל תשקצו.**

**תשרי** [טישרע] — דער ערשטער חודש אין יאָר.

**תתחדש** (תהלים קג ה)—„זאָלסט באַנייען" (אַ ווינטשעוואַניע צו אַ נייעם מלבוש). אין אייניגע ערטער: התחדש. לויט שולחן ערוך „תבלה ותתחדש".

**תתר״פ** — 1080, אַ שעה האָט תתר״פ חלקים.

**תתקבל T.**

**סוף.**